STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03806

SHOLEM-ALEYKHEM'S VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום-עליכם'ס

ווערק

איבערגעארבייט און רעכט אויסגעבעסערט.

ערשטער באנד.

ערשטער טהייל.

אויסגאבע פון שלום-עליכם'ס יובילאום-קאמיטעט.

ווארשא, תרס"ט.

דרוק פון נ. סטאראוואלסקי, ווארשא, גענשע 18.

ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМЪ.

Его сочиненіея.

Томъ I часть I

Изданіе юбилейнаго комитета.

Типографія Н. Старовользкаго, Варшава, Гуся 18.—1909.

דער ערשטער ארויספאהר.

איין אמת'ע מעשה, ווי אזוי צוויי יונגע פייגעליך, וואס האבען נאך ניכט אנגעקוקט רעכט די ליכטיגע שיין, פליהען ארויס דאס ערשטע מאל אויף גאטס וועלט; זיי פליהען און פליהען און קערען זיך אום צוריק אין זייער נעסט אריין.

יוּנְגֶע יָאהְרֶען,
זִיסֶע יָאהְרֶען,
וואו זֶענְט אִיהְר
אַהִינְגֶעקוּמֶען ?....

(פון א יודיש לִידֶעל)

דאס ערשטע קאפּיטעל

[illegible] ווערט בעשריבען, ווי אזוי די פייגעליך פארלאזען זייער נעסט

* * *

מאנטאג אדער דינסטאג, זייגער זעקס אדער זיבען פארנאכט, דעם 17 אדער 18 יוני אדער יולי, וואסער א יאהר געדענק איך נישט, זענען צוויי בחורים׳ליך, חדר יונגליך, געזעסען, דאס הייסט נים געזעסען נאר געלעגען, און ניט געלעגען נאר געקאטשעט זיך ביי רב־לייזערען אין בויד, וואס איז געפלויגען פייל אויסען בויגען, מע קאן זאגען אז כמעט אין דער לופטען. רב לייזער האט געפייפט, די בייטש האט געארבייט, די פערדליך האבען געטראגען, די בויד איז אונטערגעשפרונגען, און די צוויי פארשוינדליך, וואס זענען געווען איגוויניג, זענען געלעגען איינס ביים אנדערען אין שוים. אלע מינוט זיך געביטען מיט די ערטער, זיך באגעגענט מיט די שטערענס און געהאפט אפט מאל איין אומגערעכטען, א מאוסען זעץ פון הינטען, אז פונקען זענען געפלויגען פון די אויגען.

רב לייזער איז געווען א יוד א בעל עגלה, וואס האט א שם אין מאזעפעווקע פאר א גרויסען שכור, האטש ס׳איז ניט אמת: פאראן אויף דער וועלט בעלי עגלות גרעסערע שכורים פון איהם; די פערדליך זענען געווען טאקי זיינע פערדליך, צוויי קארע און איינער א בולאנער, וואס איטליכם פערדיל האט ביי איהם א באזונדער געשיכטע, ווי להבדיל איטליכער מענש האט זיך זיין ביאגראפיע; די בויד איז געווען א בויד א גאנץ געוועהנליכע, א גרויסע, א לאנגע מיט שמאטעס באצויגען און מיט שטריקליך צונויפגעבונדען און מיט גלעקליך באהאנגען, אזוי אז עס האט

איך געקלונגען אין קאפּ און גערוישט און געזשומעט אין די אויערן נאך אזא מין פאהרען נישט ווינציגער פון צוויי וואכען כסדר; און די פּארשוינען זענען געווען: איינער אריה־לייב שמחה־יוסילעס, א טאטענס א קינד, אבער מצוה בחור׳ל, וואס לערענט שוין גמרא מיט תוספת מיט מהרש״א, וואס שנייצט די נאז מיט איין פינגער, ליגט אויפ׳ן בוידעם מיט א בלאט צייטונג „המליץ״, געהט אויס נאכ׳ן „השחר״, נאך סלאנימסקען די כפרה, האפּט א נאשעריי פון דער השכלה, קאן גאנצע שטיקער גארדאן אויסווייניג, שרייבט אליין, אז קיינער זעהט ניט, א מאמר אדער א שיר, זינגט לידער „אויף דער לבנה״ און „צו די שטערען״... און דער אנדערער פּארשוין בין געווען איך, דער מחבר פון דער דאזיגער ערשטער נאר אמת׳ער געשיכטע, אריה־לייבס א לייבליכער ליבהארציגער חבר, וואס מיין נאמען איז „שלום־עליכם״ — נאט איך אפּ שלום און לאמיר זיין בעקאנט, נאר פרעגט מיך ניט ווער איך בין און וואס איך בין; אם ירצה השם מיט דער צייט, אז גאט וועט שענקען דאס לעבען, וועלען מיר זיך בעקאנען פון דער נאהענט; דערווייל לאזט מיך דערצעהלען די מעשה: ס׳איז ביי מיר די ערשטע מעשה, וועל איך אייך זי איבער־געבען וואס גיכער.

זענען מיר הייסט דאס געלעגען; איך און מיין חבר אריה־לייב שמחה־יוסילעס, ביי רב לייזערען אין בויד איינס ביים אנדערען אין שויס, געהעצקעט זיך און געקאטשעט זיך, געבוצקעט זיך מיט די שטערענס און געהאפּט קלעפּ פון הינטען אזוי לאנג ביז ס׳האט אנגעהויבען ווערען נאכט, און אז ס׳האט אנגעהויבען ווערען נאכט האט רב לייזער בעל־עגלה זיך אנגערופען צו זיינע פערדליך און האט זיי מכבד געווען אימ־ליכם בעזינדער מיט א שמיצל: עס מעג זיך קעהרען די וועלט וועט ער ווייטער פון דער געמויערטער קרעטשמע ניט פאהרען, מע זאל איהם אנשיטען די בויד מיט געלד! דאס הייסט, ער וועט יא פאהרען ווייטער, נאר פריהער וועט ער נעמען אביסעל בראנפען, און בכן הוה, די פערדליך האבען דערזעהען די געמויערטע קרעטשמע (א פּנים די איז זיי געווען גוט בעקאנט) האבען זיי זיך אליין אפּגעשטעלט. און מיר

הָאבֶּען זִיךְ דָא אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ מִינוּטְקֶעלֶי, צֶעבְּרָאכֶענֶע, צֶעהַרְגֶעטֶע, אוֹיסְגֶעמִידֶטֶע אוּנ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְטֶע.

ווִי גֶעוֵויינְטְלִיךְ הָאט אוּנְז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע, אַ הָארִיגֶער יוּד מִיט אַ קַארְטָאפְּלִידִיגֶער נָאז, בַּאלְד אַ הַאפּ גֶעטְהוּן: „הֶער זֶענֶען מִיר, פוּן וַואנֶען אוּנ וָואהִין פָאהרֶען מִיר אַזֶעלְכֶע יוּנְגֶע צוּצֶעקְלִיךְ?"

דֶער הַאפּ, וָואס דֶער יוּד הָאט אוּנְז גֶעטְהוּן, אִיז גֶעוֶוען פַאר אוּנְז אַזוֹי פְּלוֹצִים אוּנ אוּמְגֶערֶעכְט, אַז מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אָהן לָשׁוֹן, נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְהוּן: אוֹיסְזָאגֶען? זֶענֶען מִיר דָאךְ פַארְפַאלֶען מִיט דִי בֵּיינֶער! אוֹיסְטְרַאכְטֶען עֶפִּיס אַ תֵּירוּץ פוּנ׳ם קָאפּ? בֶּעדַארְף מֶען הֵייסְט דָאס זָאגֶען אַ לִיגֶען!... נָאר דָא הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרַיינְגֶעמִישְׁט רֶב לֵייזֶער אַלֵיין, לַאנְג לֶעבֶּען זָאל עֶר מִיט דִי פֶּערְדְלִיךְ, אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּם קְרֶעטְשְׁמֶער בְּזֶה הַלָּשׁוֹן:

— אִיהר מֶעגְט מִיר גְלוֹיבֶּען אוֹיף מַיינֶע הֵיילִיגֶע נֶאֱמָנוּת, רֶב שִׁמְשׁוֹן, אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ נִיט דֶערְוֶוערְגֶען מִיט אַייעֶר גְלֶעזִיל בְּרָאנְפֶען אַז אִיהר וֶועט נִיט ווִיסֶען וֶוער מַיינֶע פַארְשׁוֹינְדְלִיךְ זֶענֶען, אוּנ אַייעֶר וֶועטְשֶׁערֶע וֶועט זִיךְ מִיר נִיט שְׁטֶעלֶען אִין גָארְגֶעל אַז אִיהר וֶועט חָלִילָה וְחַס נִיט ווִיסֶען וָואהִין מִיר פָאהרֶען. וָוארוּם אַז אִיהר וֶועט אַלְסְדִינְג ווִיסֶען וֶועט אִיהר גִיךְ אַלְט וֶוערֶען, אוּנ אַז אִיהר וֶועט אַלְט וֶוערֶען וֶועט אִיהר וֶוערְט זַיין דְרַיי גְרָאשֶׁען... אִיהר פָאלְגְט מִיךְ, זוּכְט בֶּעסֶער אוֹיס אַייעֶר בַּעַל־הַבָּיִת׳טֶע אוּנ רוֹימְט אִיהר אַיין אַ סוֹד אוֹיפְ׳ן אוֹיעֶר, אַז רֶב לֵייזֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָאהרֶען צוּרִיק פוּן מַאזֶעפֶּעווְקֶע אוּנ סֶע הַלֶּשְׁט אִיהם אִינְטֶערֶען טַלִּית־קָטָן, אוּנ זַיינֶע פֶּערְדְלִיךְ ווִילֶען הָאבֶּער, אוּנ דִי פַארְשׁוֹינְדְלִיךְ לְהַבְדִיל וָואלְטֶען עֶפִּיס אוֹיךְ הֵישֶׁק גֶעהַאט נֶעמֶען אִין מוֹיל אַרַיין... אַזוֹי צִי נַיין?

בַּיי דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער הָאט רֶב לֵייזֶער גֶעשֶׁענְקְט דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת אַ פַּאטְשׁ אִין פְּלֵייצֶע, אוּנ צוּ אוּנְז הָאט עֶר אַ ווִינְק גֶעטְהוּן מִיט אֵיין אוֹיג אַזוֹי קוּנְצִיג, אַז דֶער דַאשֶׁעק פוּן זַיין קַארְטוּזִיל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּנ אַרָאפְּגֶעלָאזְט, אוּנ אוֹיף מִיר מִיט מַיין חָבֵר אַרְיֵה־לֵייבּ אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אַזַא גֶעלֶעכְטֶער, אַז וֶוען נִישְׁט אוּנְזֶער בַּאשִׁיצֶער רֶב לֵייזֶער זָאל דָא זַיין,

וואָלטען מיר פונים האָריגען קרעטשמער מיט דער קאַרטאָפּלידיגער נאָז געהאַט ביַיד האָפּען מזומנע פּעטש, אַזוי ביז האָט ער געקוקט אויף אונז ביידען: וְהָרְאָיָה... גענוג, לעזער! שטעה א ווייל, איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען: ווען דער אויבערשטער זאָל מיך געווען בענשען מיט אַ טאַלאַנט ווי אַנדערע שרייבער, למשל, די וואָס מאַכען העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואָלט איך אַזוי אָנגעהויבען מיין ערשטע געשיכטע:

„אַ גרויסער, געוואַלדיגער שטורמווינד האָט מיט אַ שרעקליך יאָמער־ליך געזאַנג געבלאָזען אין דעם גרויסען פעלד און עס האָט געוואָרפען די בוימער אַהין און אַהער, די פייגעליך זענען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען! די זונן אפילו האָט זיך אויך באַהאַלטען אין איהר פוטערפאַס, און די שוואַרצע וואָלקענס האָבען געברומט ווי די בערען אין וואַלד! דאָס וואַסער (וואָסער וואַסער?) האָט געוואָרפען איהרע אינדען העכער פון די הייזער (וואָסערע הייזער?) און אונזער העלד איז געבליבען שטעהן פאַר־טראַכט און צו זיך אַליין שטילערהייט געקלערט און אַזוי ווייטער...” דאָ וואָלט איך באַשריבען אויף 10 בויגען פּאַפּיר, וואָס דער העלד האָט גע־קלערט און וואָלט געענדיגט זיינע געדאַנקען מיט אַ גרויס ליעד, וואו עס ווערט באַזונגען די נאַטור מיט איהרע וואונדערליכע קאַפּריזען און אַזוי ווייטער...— נאָר אַזוי ווי איך בין ניט קיין גרויסער עכט אינטערעסאַנטער ראָמאַניסט, נאָר אַ פּשוטער גוטער ברודער, אָהן חכמות, אַ שלום עליכם, על כן קעהר איך זיך אום צו מיין געשיכטע און וואַרף אַוועק ר׳ לייזערס שמועס מיטען בעל־הבית פון דער קרעטשמע; איך האָב געמאַכט אַ רעדע מכּה ר׳ לייזערן צו ליעב דעם, אַז די לעזער זאָלען וויסען, אַז נאָר אַ דאַנק ר׳ לייזערן האָבען מיר זיך געקענט אַרויסהאַפּען פון אונזער שטעדטעל מאַזעפּעווקע. און ווען ניט ח״ו ר׳ לייזער וואָלט איך מיט מיין חבר אַריה־לייב נישט אַוועקגעלאָזט זיך אויף דער וועלט, און ווען ניט ר׳ לייזער, וואָלט איך די דאָזיגע געשיכטע נישט געשריבען, און איהר וואָלט זי נישט געלעזען.— וואָס וואָלט געווען דעמאָלט?...

מיין חבר אריה לייב איז ניט געווען גלייך צו אלע אנדערע מיינע חברים; נאך ביי ר׳ „שמעון הערש דעם גרויסען" אין חדר איז מיין חבר אריה לייב געווען א גרויסער ליעבהאבער אויף שענע מעשיות פון רייזענדער, פון גרויסע שטעדט, פון ווייטע לענדער, פון פערשיעדענע פעלקער; פון א בן מלך מיט א בת מלכה וכדומה. ער פלעג אפט ארומגעהן שטארק פארטראכט אונ ניט איין מאל האפען א מיאוסען פסק פאר זיין פאר־טראכטען זיך ביי דער גמרא. אזוי ווי היינט געדענק איך נאך, ווי דער רבי, ר׳ שמעון הערש, האט געקוועטשט מיט אונז א שארף שטיקעל מהרש״א אונ האט פלוצלים א חאפ געטהון אריה לייב׳ן, אראבגעלאזט איהם קודם כל א פלאסק איבערן האלז אונ נאקען: „זאג, ממזר, וואס וויל דא דער תנא?"... אריה לייב האט לאנג נישט געטראכט אונ האט זיך גייציג, ווי א מזיק, געענטווערט: „אויפ׳ן דריטען טאג איז דער בן מלך מיט דער בת מלכה ארויס מיטען אקרענט פון דעם פארגליווערטען ים אונ איז גע־קומען אויף א קעמפע, וואו דער שטורמווינד ליגט באהאלטען אונטער א פאקרעשקע"!... איהר קענט זיך פארשטעלען ווי העכסט צופריעדען דער רבי איז געווארען אז ער האט דערהערט אזא פיינעם ענטווער פון אריה לייב׳ען ביי דער גמרא!... דער בן מלך מיט דער בת מלכה, דער אקרענט מיט דער קעמפע האבען געקאסט מיין טהייערן חבר זעהר טהייער, ער וועט דאס האבען צו געדענקען, מיין איך, לאנג לאנג, ווייל ער וועט לעבען!...

לכל זמן — יעדע זאך איז ביז א צייט, זאגט שלמה המלך; אונזער חדר מיט ר׳ שמעון הערש דעם גרויסען מיט דער גמרא מיט דעם מהרש״א אונ מיט אלע חכמות זענען אויך געווען נאר ביז א צייט — ביז די לעכטיגע שטראהלען פון דער ציוויליזאציע האבען געגרייכט אזש צו אונז אין אונזער שטעדטעל אריין, אונ עס איז געווארען פיל אלע ווינקעלעך מיט דער „השכלה"... „השכלה"! „השכלה!" אך ווי זיס דאס ווארט האט געקלונגען אין יענער צייט, ווען ליגענדיג ערגעץ אויף א בוידעם האט מען געשלונגען מאפו, לעווינזאהן אונ גארדאן! ווי גרויס איז ביי אונז געווען דער דאזיגער, וואס זיין נאמען איז געווען געדרוקט אין „המליץ"! אך,

ווער קאן אונז אומקערען די דאזיגע זיסע, טהייערע, גליקליכע צייט ? ! צו אונז אין מאזעפעוקע האט פערשלעפט די השכלה א לעהרער, וואס האט געהייסען ביי אונז מיט זיין ליבען נאמען „דער געשטודירטער ליטוואק״, ביי איהם האבען מיר אלע גענאשט, יעדער נאך זיינע פעהיגקייטען און נאך זיין פערשטאנד, און מיר אלע זענען צוגעבונדען געווארען צו איהם מיט דעם גאנצען כח פון אונזער לעבען ! דער דאזיגער לעהרער איז אליין פאר זיך א בעזונדערער טיפ און איהם וועלען מיר שענקען א בעזונדערע ערצעהלונג...

ביי דעם „געשטודירטען ליטוואק״ האב איך געטראפען מיין אלטען חבר אריה ליב, פונקט דעם אייגענעם אריה ליב וואס פריהער, שטענדיג פערטראכט, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט א בלייך פנים, אלסדינג איז ביי איהם געווען א חדוש נפלא און פון יעדער נארישקייט איז ער געווארען נתפעל. מיט מיר, ווי מיט איין אלטען חבר, איז ער גיך געווארען א גוטער ברודער און אין א יאהר ארום האט ער פאר מיר אנטפלעקט זיינע געדאנקען, אדער ווי ער האט דאס אנגערופען זיין „אידעע״, צו וועלכער מיר ביידע האבען זיך אבגעגעבען מיט גרויס התלהבות, מיט דעם פייער, וועלכער געפינט זיך אין דעם כח פון דעם יונגען לעבען ! די אידעע איז געווען זעהר א רייכע אידעע ! שטעלט אייך פאר אז מיר, צוויי מאזעפעווקער יונגליך, נעהמען און פאהרען אוועק אין דער גרויסער שטאדט אריין, דארט וואו עס געפינט זיך דאס גאנצע „ליכטיגקייט״ פון דער „ציוויליזאציע״, דארט וואו די „השכלה״ ברענט ווי א פייער, דארט וואו אין מיטען העלען טאג קען מען בעגעגענען, א שטייגער א מין רעדאקטאר פון דעם „המליץ״, אדער א „מחבר״, אדער אזוי א „משכיל״, דארט וואו מע קען זיך בעגעגענען מיט דעם רעדאקטאר אליין און מע זאל זעהען און הערען ווי ער רעדט, ווי ער געהט, ווי ער עסט און ווי ער פארט... אך, רבונו של עולם, גרויסער גאט !

ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך : גענוג יסורים, געווג קאפ־דרעהעניש האבען מיר איבערגעליטען איידער מיר האבען צונויפגעשלאגען עטליכע קערבליך אויף הוצאות ! אין א צייט ארום נאך אונזער נסיעה בין

איך געוואהר געווארען, אז מיין חבר האט צוויי יאהר כסדר געקליבען א גראשען צו א גראשען פון די מיטאגס און פון די אנבייסענס און האט אפט מאל געליטען הונגער און דארשט — ביז ער האט זיך ענדליך גע־מאכט א קאפיטאל פון צוויי און צוואנציג קערבלעך און צוועלף קערבלעך האב איך געהאט — איז אין איינעם געווארען אזוי גרויס ווי פיער און דרייסיג זילבערנע קערבלעך — זענען מיר מיט דעם דאזיגען „קאפיטאל“ געקומען צו ר׳ לייזער׳ן.

אייגענטליך גערעדט, זענען מיר צו ר׳ לייזער׳ן ניט געקומען און ר׳ לייזער איז צו אונז אויך ניט געקומען; נאר מעשה שהיה כך היה:

אין א שענעם פריהמארגען, ניט אין קיין חמארנעם טאג, זענען מיר, איך און מיין חבר אריה ליב, געגאנגען שפאצירען, העט, העט, ארויס פון דער שטאדט און זענען געווען שטארק פערטיעפט אין גע־דאנקען, ווי געוועהנליך. מיר האבען שוין לאנג בעשלאסען צו פאהרען „אהין“, מיר זענען שוין לאנג גרייט געווען אהעקצופאהרען „אהין“; נאר דער גאנצער עכוב איז געווען וואס מיר האבען נישט געהאט די געלעגענ־הייט ארויסצופאהרען פון מאזעפעווקע; געהן דינגען א „פאטשט“ אדער א פוהר האבען מיר מורא געהאט מע זאל אונז ניט חאפען אויפ׳ן ארט און מע זאל זיך אין אונז ניט נוקם זיין ווי מע האט זיך נוקם געווען מיט שעפטיל ר׳ מאטעלעס, וואס איז צו דער בר־מצוה אנטלאפען אין מיטען העלען טאג קיין טאלנע צום רבין, אזוי אז עד היום רופט מען איהם שעפטיל דער בורח אדער שעפטיל דער טאלנער, האטש ער האט שוין אצונד איניקליך... נאר פלוצים! פונקט אזוי ווי עס קומט פאר אין א שענעם ראמאן, ווען דער פערבלאנזעטער העלד בעגעגענט זיך אין דעם גרויסען פינסטערען וואלד מיט בייזע וועלף, מיט בערען און מיט לעמ־פערטען, וואס ווארפען זיך אויף איהם ארויף און ווילען איהם צוריסען, און סע שפרינגט ארויס פלוצלים א יעגער מיט א לאנגער שפיז און שטעכט צום טוידט אלע ווילדע חיות רעות און לייזט אויס דעם אומגליקליכען רייזענדען פון זיין גרויסער צרה און חאפט איהם און פיהרט איהם אריין אין א גרויסען פאלאץ פון 12 טהויערן מיט 12 שלעסער און שטעלט

איהם צו צו דעם בן־מלך און זאגט צו איהם: „אדוני קעניג! א. ז. וו.”...

פונקט אקוראט אזוי פלוצלים אומגעריכט האבען מיר דערזעהען ר׳ לייזער׳ס פערדעליך, ר׳ לייזער׳ס בויד און ר׳ לייזער׳ן אליין זיצענדיג אויף דער קעלנע אהן פארשוינען און איז געפלויגען אין שטאדט אריין!

— וואס טהוט איהר דא אזוי ווייט, קונדסים, ווייסע חברה׳ניקעס, שקצים? האט אונז ר׳ לייזער א פרעג געטהון, אפגעשטעלט זיך און ארויסגענומען דעם ראזשאק מיט טאבעקע פון דעם בוזעם. אין חדר אריין, ממזרים, עכברי׳שים, הולטאייעס! אייערע פאטער און מוטער הארעווען מיט בלוטיגען שווייס און ציהען פון זיך די קלע און צאהלען פאר אייך שכר למוד; זיי ווילען אייך מאכען פאר רבנים, לומדים, טשאטשקעס, און איהר געהט ארום שלינג און שלאנג! הא, ניט געדאכט זאלט איהר הערען, שקצים, עכברי׳שים, הולטאייעס, אסור־לרחם׳ניקעס! קריכט אין בויד אריין, זעצט זיך, וועל איך אייך ברענגען אהיים, לאז מען אייך קאטעווען, קונדסים, עכברי׳שים, הולטאייעס, זעצט זיך!!

מיר האבען פערשטאנען אז ער טרייבט מיט אונז קאטאוועס; ר׳ לייזער איז תמיד געווען א קאטאוועס טרייבער, א גאנץ וואוילער מענש, א גוט ברודער׳ל, א פאניבראטע מיט דער גאנצער חברה אין פאלעש, א פרעהליכער יונג אויף א שמחה, א שטארקער טרינקער, — מיט איינעם ווארט א „מאלאדיעץ”; דעריבער האבען מיר זיך ווינציג וואס איבערגעשראקען פאר זיינע קללות און האבען זיך מיט איהם בעדונגען צו צוויי קערבליך פון א פארשוין, ער זאל פערקערעווען די בויד און אפפיהרען אונז גלייך צום באהן. תחלת האט ר׳ לייזער אביסיל ווי געקווינקעלט זיך, געפרעגט וואס דארפען מיר צום באהן? האט איהם מיין חבר געזאגט, אז מיר פאהרען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין, וואס מיר דארפען זיך איילען ווי ווייט מעגליך, וואס גיכער איז בעסער. האט זיך ר׳ לייזער אביסיל פערטראכט, ארויסגענומען דעם ראזשעק, אנגעשטופט א פולע נאז מיט טאבעקע און געזאגט:

— אויב איהר דארפט וואס גיכער איז ניט ווינציגער ווי צוויי דריי־

ערליך, א דרייער׳ל פון א פארשוין, און דאס וויל ער מען זאל איהם „משלשל״ זיין טאקי דא אויפ׳ן ארט...

מיר האבען זיך לאנג מיט איהם נישט געוואלט דינגען און טאקי דא אויפ׳ן ארט איהם „משלשל״ געווען צוויי דרייערליך און מיר זענען אריין אין בויד אריין.

האב איך אייך שוין היינט דאס ארויפגעפיהרט אויף א שטיקיל שטייגער? (דאס זאג איך, דער מחבר, צו זיינע לעזער). וואו האבען מיר זיך אבגעשטעלט געדענקט איהר? ביי דער געמויערטער קרעטשמע. דארט זיצען מיר אלע דריי, איך און אריה ליב און ר׳ לייזער בעל־עגלה און האפען איבער דעם הונגער. ווי מיינט איהר? איז נויטהיג צו בעשרייבען די וועטשערע וואס מיר האבען געגעסען? איך מיין, אז ס׳איז ניט אזוי נויטהיג. ס׳זאל זיין, למשל, אין א גרויסארטיגען פאלאץ, עס זאלען זיצען ביים טיש א „פרינץ״ מיט א „פרינצעסין״, אדער א „גראף״ מיט א „מארקיזע״, אדער א „מערדער״ מיט א „שקאנטיסט״, ווי געוויינטליך אין א „העכסטאינטערעסאנטעס״ ראמאן, וואלט אפשר געווען כדאי. און אזוי וואס, מ׳שטייגסגעזאגט, צוויי בחורים׳ליך מיט א בעל־עגלה [illegible]ען אין א קרעטשמע, עסען א שטיקיל פלייש מיט חריין און מיט זויערע אוגער־קעס און טרינקען פראסטען בראנפען פון פראסטע גלעזליך, צו א וואר־בעדיגער ענין...

במעט דאס ערשטע מאל אויף אונזער לעבען האבען מיר גער־טרינקען בראנפען אזוי פיעל, מחמת ר׳ לייזער האט אלין געלאכט פון אונז וואס מיר קרימען זיך אזוי, און מיר האבען איהם געוואלט ווייזען, אז מיר זענען ניט קיין מאלאקאסאסען און קאנען אויך געהמען א טרונק בראנפען. דער לעזער פערשטעהט שוין ווי אזוי אונז האט זיך אנגעהויבען דרעהען די קעפליך און טאנצען די קרעטשמע מיט דער באנק, מיט׳ן פלעשיל און מיט ר׳ לייזער׳ן... עס האט זיך אונז אויסגעוויזען, אז מיר וואקסען אלין העכער און העכער... ביסליכווייז האבען מיר אנגעהויבען

צו שְׁמֵייכְלֶען, קְוָועלֶען אוּנ לַאכֶען אוֹיף אַ קוֹל, — אַזוֹי לַאנְג, אַזוֹי בְּרֵייט, בִּיז מִיר הָאבֶּען אַרוּמְגֶעהַאפְּט קוּשֶׁען ר׳ לֵייזֶער׳ן מִיט אַזַא פֶערְגֶענִיגֶען, מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ הָאט אוּנְז פַאר דִי הֶענְד אַרוֹיסְגֶעפִירְט אוּנ הָאט אוּנְז גֶעהֵייסֶען קְרִיכֶען אִין בּוֹיד אַרַיין.

— אַךְ, שְׁקָצִים, עַכְבָּרְ׳שִׁים, הוּלְטַאיֶיעס! אַהֵיים, גַזְלָנִים! אַהֵיים, מְשׁוּמָדִים!... מַיין אַרְיֵה לֵיבּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעלַאכְט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּוֵיינְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד.

— וָואס הָאסְט דוּ זִיךְ אַזוֹי צוּ פֶּעסְטֶעט, קְוָואשֶׁע, פֶּעמְפִּיק אֵיינֶער? הָאט אִיהם ר׳ לֵייזֶער גֶעפְרֶעגְט.

— אֶ, ר׳ לֵייזֶער, טַהַייעֶרֶער גֶעטְרַייעֶר ר׳ לֵייזֶער! הָאט אַרְיֵה לֵיבּ טְרוֹיעֶרִיג אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן מִיט טְרֶעהְרֶען אִין דִי אוֹיגֶען. — זִיסֶער, הַארְצִינֶער ר׳ לֵייזֶער! אִיהר וֵייסְט חָאטְשׁ וואוּהִין מִיר פָאהְרֶען? מִיר פָאהְרֶען דָאךְ אַהִין, אַהִין, וַוייט, וַוייט, דָארְט וואוּ דִי לִיכְטִיגֶע שְׁטְרַאהלֶען פוּן דֶער צִיוִוילִיזַאצִיֶע טְהוּעֶן שַׁיינֶען!... אַהִין, וואוּ אַ קְוַואל פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען בְּרוּנֶען וַואסֶער טְהוּט אָנְטְרֶענְקֶען דִי פֶעלְדֶער פוּן חָכְמוֹת אוּנ וִויסֶענְשַׁאפְטֶען! — אַהִין, וואוּ...

— וָואס עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶע׳חָלוֹם׳ט יֶענֶע נַאכְט אוּנ הַיינְטִיגֶע נַאכְט זָאל עֶס אוֹיסְגֶעהְן צוּ דַיין קָאפּ, צוּ דַיינֶע הֶענְד אוּנ פִּיס, דוּ מְשׁוּגַעַת, דוּ הוּלְטַאיי אֵיינֶער — טְפּוּ!... וָואס פְלַאפֶּעלְט עֶר דָאס אַזֶעלְכֶעס? הָאט זִיךְ ר׳ לֵייזֶער צוּ מִיר אָנְגֶערוּפֶען — אַ פָּנִים אַז דֶער חַבֶר דַיינֶער הָאט גוּט אַ לֶעק גֶעטְהוּן? טְפְּרְרְרְ!...

ר׳ לֵייזֶער הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט; דִי פֶערְדְלִיךְ הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶערִיהט, גֶעמַאכְט מִיט דִי זַייטֶען; דִי גְלֶעקְלִיךְ הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קְלִינְגֶען — סְ׳אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִיל. דִי נַאכְט הָאט זִיךְ רֶעכְט אוֹיסְגֶעשְׁטֶערֶענְט; דִי לְבָנָה הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט צוּ אוּנְז אִין בּוֹיד אַרַיין, אוּנְז אָבְּגֶעגֶעבֶּען אַ גְרוּס פוּן דֶערְהֵיים, אַז מֶע קָאן אוּנְז נָאךְ אָנְיָאגֶען... פוּן דֶעם דָאזִיגֶען גֶעדַאנְק וֶוערֶען אוּנְז פֶערְקִיהלְט דִי „גֶעבְּלִיטֶען” אוּנ מִיר רוּפֶען זִיךְ אָן צוּ אוּנְזֶער ר׳ לֵייזֶער׳ן:

— וָואס שְׁטֶעהֶען מִיר ? פַאר וָואס פָאהרֶען מִיר נִיט ?

לֵייזֶער טְרַאכְט א וַוײלֶע, שְׁטוּפְּט אָן א פוּלֶע נָאז מִיט טַאבְּעקְעָ אוּנ מַאכְט מִיט אוּנְז אַזָא מִין שְׁמוּעֶס :

— ווִי מְהַייעֶר הָאבֶּען מִיר זִיךְ בֶּעדוּנְגֶען ?

— וָואס הֵייסְט ווִי מְהַייעֶר ? צוּ דְרַייעֶרְלִיךְ פַאר א פַּארְשׁוֹין.

— צוּ דְרַייעֶרְלִיךְ פַאר א פַּארְשׁוֹין ?... הַמ... קַארְגְלִיךְ ! סַךְ־הַכֹּל זֶעכְס שְׁמַארְדָאווִינְצִים !

— ווִי מְהַייעֶר דֶען ווִילְט אִיהר ר׳ לֵייזֶער ?

— וֶועט אִיהר גֶעבֶּען נָאךְ צוּ צְווֵיי קַארְבֶּען אִיז גוּט ; אֶלָא נִיט — פָאהרֶען מִיר צוּרִיק...

— וֶועהסְט דוּ — זָאג אִיךְ צוּ מַיין חַבֵר — וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶע־מַאכְט מִיט דַיין קוּשֶׁען זִיךְ !...

סֶע פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אַז מִיר הָאבֶּען זִיךְ מִיט אִיהם אוֹיסְגֶעגְלַייכְט. עֶס הָאט אָבֶּער לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט ; ר׳ לֵייזֶער הָאט נָאךְ אַמָאל אָבְּגֶע־שְׁטֶעלְט דִי פֶערְדְלִיךְ אוּנ הָאט זִיךְ גֶעהֵייסֶען גֶעבֶּען נָאךְ א הוֹסָפָה צוּ קֶערְבְּלִיךְ פַאר א פַּארְשׁוֹין, אוּנ מִיר זֶענֶען ווִידֶער אַמָאל דוּרְכְגֶעקוּמֶען. א גְלִיק וָואס אוּנְזֶער נְסִיעָה הָאט זִיךְ מִיטַּן טָאגְלִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט ; אוּנְזֶער ר׳ לֵייזֶער וָואלְט בַּיי אוּנְז אוֹיסְגֶעצַאפְּט דָאס גַאנְצֶע בִּיסִיל מִינְץ. אַז מִיר הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס דֶעם וַואגְזַאל, הָאבֶּען מִיר זִיךְ מִיט מַיין חַבֵר אַזוֹש צוּווֵייְנְט פַאר פְרֵייד אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּנ צוּ־קוּשְׁט זִיךְ.

— פָאהרְט גֶעזוּנְד אוּנ זַייט מַצְלִיחַ ! — הָאט אוּנְז ר׳ לֵייזֶער גֶע־ווִינְשֶׁעוֶועט אוּנ דַאכְט זִיךְ פוּנ׳ם גַאנְצֶען הַארְצֶען... מִיר הָאבֶּען אִיהם נָאכְגֶעשְׁרִיגֶען :

— זַייט גֶעזוּנְד, ר׳ לֵייזֶער, הַאלְט׳ס מוֹיל ! קֵיין פוֹיגֶעל זָאל נִיט ווִיסֶען ! גֶעדֶענְקְט, אִיהר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען הַאנְד תְּקִיעַת־כַּף !

— אוּנ אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען מִיט א צִיצָה !... אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען מִיט א צִיצָה !...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל

(ווי עס ווערט בעשריבען, ווי די פייגעליך פליהען אריין דאס ערשטע מאָל אין דעם גרויסען וואַלד אַריין און די הדושים וואס זיי זעהען כמעט אויף יעדען טריט).

ליבער לעזער! (אַזוי איז איינגעפיהרט ביי אונז, אַז יעדער לעזער איז אונז ליעב!) ליבער לעזער! איז דען נויטהיג צו בעשרייבען אייך אונזער נסיעה אויפ'ן איינזענבאהן דאס ערשטע מאל אויף אונזער לעבען? ווער פון אייך איז ניט געוועזען קיין פריי'ן אין די יונגע יאהרען? ווער פון אייך האט נישט געהאפּט קיין קלעפּ מיט קיין סמיסאַקעס דערפאר וואס איהר זענט נאך ניט געוועזען געניט, פּראַקטיש אין דער וועלט? היינט, אַז מיר זענען שוין אויסגעוואַקסען, דאַנקען גאָט, און האָבען בעקומען פליגעל, פערשטעהט זיך, לאַכען מיר אויס דעם פריי'ן און פערגעסען אַז מיר זענען אַמאָל אויך ניט געוועזען קליגער! ווי אַזוי די מעשה איז דאָרטען, גאָר איך מיט מיין חבר זענען ניט אָראָבגעפאַלען ביי זיך פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט; וואָס אַרט דאָס אונז? לאָז מען לאַכען צוזעצטערהייט — אָבער מיר פאָהרען! היינט וואָס געהט אונז אָן?...

אויפ'ן דריטען טאָג זענען מיר געקומען אין דער „גרויסער שטאָדט", אַהין, וואוהין מיר האָבען גענאַרט.

קיין באַנאַש האָבען מיר דאָך נישט געהאַט, דערום האָבען מיר געקאָנט זעהר פיין געהן צו פּיס פונ'ם וואָגזאַל אין שטאָדט אַריין א ווערסט 3 אָדער 4. דעם גאַנצען וועג האָבען מיר געמוזט צו האַלטען מיט די הענד אונזערע היטליך, מחמת די קעפּ האָבען מיר געהאַלטען פערריסען אַרויף און האָבען געקוקט אויף די הויכע מויערען מיט די גרויסע פענסטער. לאַנג, גאַנץ לאַנג זענען מיר אַזוי געגאַנגען און פון אַ סטאַנציע, א גאַבטלענער האָבען מיר אפילו ניט געקלערט, מחמת עס איז נאָך געווען זעהר פריה און די שטאָדט האָט ערשט אָנגעהויבען צו קאָכען, און

מענטשען זענען געלאָפען דער אהין דער אהער; צום מיינסטען זענען געווען קריסטען און וועלטען וועלטען האָבען מיר בעגעגענט א יודען, איין אמת׳ן יודען, וואס מע קאָן איהם דערקענען אז ער איז א יוד. מיר האָבען זיך לכתחלה געפּרוּווט אפּאָר מאָל א פרעג טהון די דאָזיגע יודען, וואו וואהנט דא דער ראַבּינער (מיר האָבען גערעכענט צום אלעם ערשטען צו שלאָגען זיך צום קאַזיאָנע רב, וואס מיר האָבען זיך אָנגעהערט פון אונזער לעהרער דעם געשטודירטען ליטוואַק, וועלכער האָט אמאל אינאיינעם געלערנט מיט איהם אין דער ראַבּינער שול); נאָר מע האָט אונז ניט געענטפערט... „עס ווייזט אויס, אז עס איז דאָ היינט עפּיס א מין א סכּנה, וואס דער עולם לויפט אזוי", האָט מיר אריה לייב איינגערוימט א סוד אויפ׳ן אויער.

איינס מיט׳ן אַנדערען געהר זיך אָבער ניט אָן; די נאַטור פאָדערט איהרס, און עס איז ניט איהר געשעפט צו מיר זענען יא ריינענדער צו ניין — דערווייל עסען דאַרף מען, ווי מיין באָבע ע״ה פלעגט זאָגען: „דער מענש האָט א קישקע און איז געגליכען צו א יוד־טעפּיל וואס מע דאַרף דאס אלע מאָל דערגיעסען"... מיר זענען גוט הונגעריג געוואָרען!

— וואס עסט מען? האָב איך געפרעגט מיין חבר.

— וואס עסט מען? האָט מיר מיין חבר געענטפערט.

ווי אזוי דאס האָט זיך געטראָפען פערשטעה איך נאָך עד היום ניט; נאָר ביי אונז ביידע איז געבליבען דער הסכּם, אז דאַווענען דאַרף מען ניט... דאס איז געוועזען די ערשטע עבירה אויף אונזער לעבען!...

אויפ׳ן גאס ערגיץ ביי א טישיל, האָבען מיר זיך געקויפט א בולקע מיט א פונט קאַרשען און האָבען גענומען עסען אָנבייסען געהענדיג און אוּם געוואַשען — די צווייטע עבירה! מיר האָבען בעמערקט, אז מע קוקט אויף אונז פערוואונדערט; ערשט נאָכדעם זענען מיר געוואהר געוואָרען, אז פון די קאַרשען האָבען מיר זיך אויסגעשמירט די הענד מיט די פּיסקעס — דערצו אונזערע קליינשטעטעלדיגע קאָסטיומען מיט די קיילעכיגע בּאַראַשקענע היטעליך אום זומער צייט. מיר זענען זיך אזוי געגאַנגען געשלאָסען די הענד מיר זאָלען זיך איינס דאס אַנדערע ניט פער־

ליערען ח"ו — מען קאן זיך שוין פארשטעלען פאר וואס יעדער האט אויף אונז אזוי געטריי געקוקט... נאר ווי גרויס איז אונזער וואונדער געוועזען אז חוץ פריצים, דאמען און גלאט אזוי גוים, האבען מיר קיינעם גישט בעגעגענט עפּיס אזעלכען וואס זאל האבען א פּנים פון א משכּיל, א רעדאקטער, א מחבר אדער לכל הפּחות אזוי א קארעספּאנדענט פונ'ם "המליץ"... מיין חבר האט זיך ניט איינגעהאלטען און האט אבגעשטעלט א יודען, וואס איז געלאפען עפּיס מיט א פּאפּיר אין דער האנד, און האט איהם א פרעג געטהון: "וואו זיצען בּיי אייך די גרויסע מפורסם'דיגע לייט, די משכּילים, די רעדאקטערען מיט די מחבּרים?"... דער יוד האט זיך אבגעשטעלט אויף א מינוטקעלע און האט אונז איבערגעפרעגט נאך אמאל וועמען דארפען מיר, און אז מיין אריה ליב האט איהם איבערגעחאזערט וואס מיר ווילען, האט דער יוד זיך צולאכט, א שפּיי געטהון און איז אוועקגעגאנגען ווייטער.

— איך זאג דיר, אז עס איז עפּיס ניט גלאט! האט זיך צו מיר אריה ליב געווענדט.

א שעה זעכס זענען מיר אזוי אבגעגאנגען בּיז עס האט אונז אנגעהויבען שמארצען אין די פּיאטעס, האבען מיר זיך צוגעזעצט אביסעלע אויף א באנק געבען א גרויסער מויער און ניט האבען וואס צו טהון האט מיין חבר ארויסגענומען פון דער קעשענע א נומער "המגיד" און האט אנגעהויבען אויף א קול צו לייענען זעהר א גרויסארטיגען שיר פון א געוויסען פּאעט אין יענע צייטען... איך געדענק ניט זיין נאמען:

די שטראהלען פון דער זונן פון זייער געצעלט
ווען זיי קוקען אראב צו אונז אויף דער וועלט,—
אנטלויפען די שאטענס, טרעטען אב אויף א זייט,
אנטלויפען אויף תּמיד, אנטלויפען גאנץ ווייט!...
השכּלה! השכּלה! די טאכטער פון הימעל!
ווער גיט מיר פליגעל איך זאל קאנען פליהען...?

בּיי די דאזיגע ווערטער האבען מיר דערפיהלט עפּיס ווי א געזאלצענער רעגען מיט א בלאטע געהט אויף אונז... דאס איז געווען

דער דווארניק פון דעם הויף. ער האט אונז אבגעשפריצט מיט א נאסען בעזים, „פראטש פראטש, זשדעניאטא״!... מיר האבען זיך דווקא לאנג ניט געלאזט בעטען און זענען אוועקגעגאנגען ווייטער.— דו זעהסט? האט צו מיר מיין חבר געזאגט, עס ווייזט אויס, אז דא געפינען זיך נאך אויך ווילדע מענטשען, וואס האבען נאך ניט דערשמעקט דעם זיסען ריח פון דער השכלה און געהען אין דער פינסטערניס... זעה נאר זעה, אט געהט עפיס א יודיל מיט א פעקיל, א מוכר ספרים דאכט מיר... לאמיר איהם א פרעג טהון, אפשר ווייסט ער, וואו זיצט דא דער ראבינער?..

מיר האבען געטראפען: דער פאקענטרעגער איז געווען א לאטניק, ער ווייסט וואו דער ראבינער זיצט.

— נאר איהר האט אבער צו געהען אהין נישט פיעל, נאר א ווארסט צעהען, האט אונז דער לאטניק געזאגט. אויב איהר ווילט, געמט א „איזוואזשטשיק״ וועלען מיר אהין צופאהרען.

דער לאטניק האט שוין אליין באדונגען א איזוואזשטשיק און אזוי האבען מיר זיך אלע דריי געזעצט פאהרען. אויפ'ן וועג האט ער ביי אונז זיך אויסגעפרעגט פון וואנען און וואוהין מיר פאהרען... פלוצים האט דער לאטניק געהייסען זיך אבשטעלען און אראב גענומען דאס פעקעל [illegible] האט צו אונז אזוי געזאגט:

— איך דארף דא אויף א מינוטקעלע אראבקריכען און אבלייגען מיין קלימעקיל, איהר וועט ווארטען א קאפעטשקעלע, אט וועל איך באלד צוגעהען... שא, אפשר געפינט זיך ביי אייך א צעהנקערבילשטיק? איך וועל אייך באלד אבגעבען...

מיין אריה לייב האט לאנג ניט געטראכט און האט איהם געגעבען 10 קערבליך; דער לאטניק איז אריין אין טהויער און מיר זענען געבליבען זיצען אויפ'ן וואגען און האבען אזוי געווארט א היבשע ווייל, ביז דער איזוואזשטשיק האט אנגעהויבען דרימלען און דאס פערדעל אויך.— אריה לייב האט ווידער ארויסגענומען דעם נומער „המגיד״ און האט גע־לייענט ווייטער:

זינט עס זענען איבער די שאָטענס אויף דער פינסטערער ערד,
האָט אַ בלאָז געטהון אויף דער וועלט אַ ווינט אַ נייער;
ניט דאָ דער פאַרשניידער, אַ סוף פון דער שווערד
אַ נייע נשמה און אַ גוף אויך אַ נייער!...

ביי די לעצטע ווערטער וואָס מיין חבר האָט אויסגעזונגען אויף אַ קול, האָט זיך אונזער איזוואָזשטשיק אויפגעכאַפּט און האָט אונז געזאָגט:
וועלכער רוח וואַרטען מיר און פאַר וואָס בעצאָהלט מען שוין איהם ניט?
אַריה לייב האָט איהם פערוואונדערט געענטפערט, אַז מיר וואַרטען אויפ'ן ידען... דער איזוואָזשטשיק האָט איהם אָבגעשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָהר מיט אַלע ידען און האָט אונז געהייסען אַראָבקריכען.

— מע דאַרף אַראָבקריכען! האָב איך געזאָגט צו מיין חבר.

— מע דאַרף אַראָבקריכען! האָט מיר מיין חבר געענטפערט.

דער איזוואָזשטשיק איז אויך אַראָבגעקראָכען און האָט זיך צו אונז געווענדעט מיר זאָלען איהם בעצאָהלען.

— איך פאַרשטעה דאָס ניט! האָט צו מיר אַריה לייב געזאָגט: פאַר וואָס קומט איהם דאָ באַצאָהלען? ער האָט אונז דען געבראַכט אויפ'ן אָרט! איך פאַרשטעה דאָס ניט!

— גיב איהם פון דעסטוועגען עפּיס דערפאַר וואָס ער האָט אונז געפיהרט ביז אַהער, אַריה לייב!

— אַ מכּה! פאַר וואָס קומט איהם? למאי זאָל מען ווייזען אַיין עגל אַ וועג, אַז ער דאַרף נעמען אומזיסט געלד? פאַר וואָס פיהרט ער אונז ניט ווייטער?

— ערשטענס וואַרטען מיר דאָך אויפ'ן ידען, און צווייטענס ווייסען מיר דען וואוהין צו פאָהרען?

— האַ? ביסט אפשר גערעכט... מע דאַרף איהם געבען אַ גריווניק (10 קאָפּ') און אַריה לייב האָט איהם צו געטראָגען די 10 קאָפּיקעס... דער איזוואָזשטשיק האָט איהם אַ שמיץ געטהון די 10 קאָפּיקעס אין פּנים

אַריין, האָט פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט גענומען מיין חבר צום פּאַטשן, אַזוי אַז זיין באַראַשקענע היטעלע איז פֿאַרפֿלויגן גאַנץ ווייט.

— אַ קערבל! האָט געשריגן דער איזוואָזשטשיק פּאַטשנדיג אויף אַלע זייטן, אַ קערבל! אַ קערבל! אַ קערבל!

— גיב גיב אים אַ קערבל, אַריה ליב, גיב אים שוין אַ קערבל, האַפּט אים דער רוח! — מיין חבר האָט מיך געפּאָלגט און האָט אים באַצאָהלט אַ קערבל; דער איזוואָזשטשיק איז גיך אַוועק־געפֿאָהרען און מיין אַריה ליב האָט אָבגעזוכט ערגעץ דאָס היטעלע און האָט זיך אָבגערוהט אַביסעל פֿון די קלעפּ.

— נו? וואָס טהוט מען אַצונד?

— וואָס טהוט מען אַצונד? האָב איך אים געענטפֿערט; מע דאַרף אַריינגעהן אַהערצו אין הויף אַריין און אָבזוכען דעם יודען.

אין הויף האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט אַקעגען אַ האַלבע שעה ביז עס איז צו אונז אַרויסגעגאַנגען אַ גוי מיט אַ ווייסען פֿאַרטוך און מיט אַ דראַטווע אין די ציינער.

— וואָס דאַרפֿט איהר? האָט אונז דער שוסטער געפֿרעגט אויף גויעש.

— דעם יודען, האָבען מיר אים ביידע געענטפֿערט.

— דעם יודען? האָט ער אונז איבערגעפֿרעגט, קומט אַריין אַהער! מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ קליינעם חדר, וואו אַרום אַ וואַרסטאַט זענען געזעסען אַ זעקס אָדער זיבען אַרבייטער־שוסטער, געקליבענע יונגען איינס אום איינס.

— זיי זוכען יודען! האָט זיי דער שוסטער געזאָגט. די חברה האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער אַז מיר זענען טויט געבליבען.

— וואָס זיצט איהר? האָט זיך צו זיי דער בעל־הבית געווענדט.— וואָס שווייגט איהר? קלאַפּט, חברה!...

און מע האָט אונז גענומען צום קלאַפּען...

אז מיר זענען ארויסגעגאנגען פון דעם דאזיגען הויף, האבען מיר מורא געהאט זיך ארומצוקוקען... מיר האבען א שפיי געטהון אויפ'ן לאמניק, וואס האט ביי אונז אויסגענארט די 10 רובל און האט אונז אומזיסט אבגעהאיעט אזוי פיעל צייט. אויסגענארט דאס געלד און מכבד געוועזען מיט קלעפ.

— וואס טהוט מען אצונד? זאג איך צו מיין חבר.

— וואס טהוט מען אצונד? זאגט מיר מיין חבר.

די זון האט שוין אנגעהויבען אראבלאזען זיך נידעריגער און האט באגאסען די שפיצען פון די גלענצענדע דעכער מיט גינגאלד און דער עולם אויף די טראטוארען האט אנגעהויבען ווערען אלץ מעהרער און געדיכטער; די לופט האט אנגעהויבען ווערען אביסעלע קיהלער; דאס הארץ האט אונז אנגעהויבען אביסעלע קלעמען — און מיר זענען אלץ געגאנגען אהן א ציעל, גלאט אין דער וועלט אריין, עס האט אונז אנגעהויבען צו ווערען אביסעלע אומעטיג אויפ'ן הארצען: וואס טהוט מען?!... נאר דער גאט וואס שפייזט א ווערמיל, האט זיך אויף אונז אויך דערבארימט און האט אונז צוגעשיקט א הילף דורך א פשוטער יודינע וואס האט געטראגען א קאשעק מיט מאראנצען. צו איהר האבען מיר, די אומגליקליכע רייזענדע זיך דערשלאגען, און די דאזיגע יודינע זאל מאריך ימים זיין, האט אונז דורכגעפיהרט עטליכע גאסען, ביז מיר זענען געקומען אויף דער הילצערנער גאס, גלייך אין דער יודישער אכסניא, וואס האט געהייסען (און הייסט נאך עד היום) „די פוילעשע אכסניא“... ווי א צובראכענער אקרענט אין דעם פארגליווערטען ים, ווען ער שלאגט זיך צו צו א קעמפע אדער א ווינקעל, אזוי זענען מיר געקומען אהער צובראכענע, צוהרגעטע, הונגעריגע, דארשטיגע, איינגעמיהטע, שלעפעריגע און צעשלאגטענע!...

דאס דריטע קאפיטעל

(וואו עס ווערט באשריבען ווי אזוי די שוועלבעלעך פארברענגען די ערשטע נאכט אין דער פרעמד, ווייט פון זייער נעסט.)

אראבגעלאזט זיך ווי אין א קעהלער אריין, זענען מיר אריינגעקומען, אדער אראבגעקראכען אין א גרויסער פינסטערער קעך, וואו מע האט סאמע געקאכט וועטשערע, און פון דער קעך זענען מיר אריינגעפאלען אין א פינסטערען חדר באלייכט מיט א קליין רויכיג לעמפעל און פיל אנגעשטאפט מיט יודען און מיט ווייבער. דאס איז געווען די „פוילישע אכסניא“. א בלויער רויך איז געשטאנען אין זאל (אזוי האט דאס אנגערופען דער בעל־הבית ר׳ לייבוש מיט ווייסע תחתונים און מיט א יארמעלקע) און מיר האבען קוים קוים געזעהן איינער דעם אנדערען; ביי די זייטען, ביי אלע ווענד זענען געשטאנען בעטלעך א שטיקלעך 20; אין מיטען איז געשטאנען א גאנץ לאנגער טיש, אויפן טיש — א גאנץ גרויסער סאמאוואר, און ארום איהם זענען געזעסען א צוויי מנינים יודען מיט שמוישענע היטעלעך, מיט פארוסינע קארטוזליך, מיט יארמעלקעס און מיט סאמעטענע היטלען; גערעדט האבען אלע, און יעדער איז אויפגעשטאנען מיט דעם גלאז צום סאמאוואר און האט זיך געצאפט טהעע; די ווייבער, וואס זענען געזעסען ביי דער זייט אויף די בעטליך, זענען אויך אלע מאל צוגעגאנגען צום סאמאוואר מיט גרויס צניעות אראבגערוקט דאס טיכעל אויף די אויגען; ביי די ווייבער איז געגאנגען א בעזונדערער שמועס און האבען אויך גערעדט אלע, ווי די גענז... נאר דער בעל־הבית איז זיך ארומגעגאנגען מיט די ווייסע תחתונים אהין און צוריק געפיפקעט א לולקעלי און געהאלטען די הענד אין בוזעם אונטערן טלית קטן.

— פו־פו־פו... פון וואנען קומט מען אן? האט זיך צו אונז דער בעל־הבית געווענדעט ניט ארויסגעלאזט דאס לולקעלע פון די צייהן.

מיר האבען איהם געזאגט פון וואגען און וואהין מיר פאהרען.

— פור־פור... וואסיזשע טהוט איהר דא... פור־פור?...

מיר האבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערען און האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן; קיין ליגען האבען מיר נאך ניט געקענט אויסטראכטען; מיר זענען דארויף נאך צו יונג געוועזן און צו רויה; דער בעל הבית האט אליין פאר אונז געענטפערט.

— פור־פור... איך ווייס... פור־פור... איך שטוים מיך... פור־פור... מסתמא א רייכער קרוב... פור־פור... מהיכא תיתא... פור־פור... וואס מאכט דאס אויס... פור־פור... געהט נעמט אייך א גלאז... פור־פור און טרינקט טהע... פור־פור...

מיין חבר אריה לייב וואס האט זיך קיין מאל ניט געקענט איינ־האלטען פון צו לאכען ווען מע האט נאר באדארפט לאכען, האט אצונד אויך אויסגעשאסען א געלעכטער גלייך דעם בעל־הבית אין פנים אריין; דעם בעל־הבית האט דאס שטארק פארדראסען, האט ער איהם געשענקט שענע עטליכע פעטש:

— פור־פור... עזות פנים איינער... פור־פור... איך האב דאך שוין באלד אזעלכע אייניקלעך ווי דו... פור־פור... שייגאץ איינער... פור־פור!...

— שא! שטילער!! וואס איז דארט אזעלכעס?! האט זיך דער גאנצער עולם צו אונז א לאז געטהון; הא? וואס? צוויי יונגלעך!... דער בעל־הבית!... געלאכט!... געפאטשט!... ווער... וואו?... ווען?... וואס?...

די ווייבער האבען זיך אויך אריינגעמישט און עס איז געווארען א שטארקער ליארעם, ביז די בעל־הבית'טע, א קליינטשקע, א דארע יודינע איז אריינגעפלויגען פון קעך מיט א לעפעל און מיט א האנטשערקע אין די הענד און האט זיך ארויפגעווארפען אויפ'ן בעל־הבית מיט א קוויטשידיג קולביל מיט אזא מענה לשון:

— א מיתה משונה!... אלטער לעזשעק!... צוויי פיסקליאטעס... גאט די נשמה!... פרעגט פאר וואס?... חאליע אין דער קרענק!... טאמער

טהע, טאמער עסען... עסען ווערעם... קומט איין אורח... ליג אין דער ערד!... חאפט און פאטשט... ווערעם זינד?... געה שוין, געה...

אין א האלבער שעה ארום, א דאנק דער דאזיגער גוטינקער בעל־הביתטע, זענען מיר שוין געוועזען זאט און אנגעטרונקען מיט טהע, און עס איז אונז געווארען ליכטיג און ווארעם אין אלע אברים. מיר האבען זיך פערשלאגען אין א ווינקעלע און האבען זיך אנגעהויבען צו צוהערען, פון וואס דער עולם רעדט. צום אנהויב איז געווען אפילו ניט אזוי גרינג צו פערשטעהן זייער שמועס, נאר ביסליכווייז האבען מיר אנגעהויבען צו כאפען איינציגע ווערטער. מעהר פון אלע האט געטענה'ט א יונג חסיד'ל און האט מיט גרויס היץ דערצעהלט, ווי אזוי זיין שוועסטער, א מיידיל פון 18 יאהר, האט זיך פערליאפט (פערליעבט) אין א לעהרער (ביי די דאזיגע ווערטער האבען עטליכע יודליך אויסגעשפיגען...), ווי אזוי דער לעהרער פלעגט איהר איבערשיקען בריוועליך, ווי אזוי די שוועסטער האט ניט געוואלט דעם חתן, אזא חתן וואס מע קריגט איהם ניט, א זיידען קינד, וואס ווייסט ניט פון די היינטיגע ביכליך מיט די גאזעטען (איינציגע האבען דא אויך אויסגעשפיגען...) ווי אזוי ענדליך די שוועסטער האט געוואלט מאכען פליטה, ווי אזוי מע האט געכאפט דעם לעהרער ערגיץ אין א פינסטער געסיל, און ווי אזוי מען האט די שוועסטער אוועקגעפיהרט צום רבין, און ווי אזוי מע האט איהר פארט חתונה געמאכט פאר דעם דאזיגען חתן, און ווי אזוי לעבט די היינט גליקליך, אויף אלע יודישע טעכטער געזאגט געווארען, אזא לעבען רבונו של עולם און אויף מיינע קינדער ניט ערגער!... דא האט זיך שוין מיין ארענטליכער חבר ניט געקענט איינהאלטען; ער איז אויפגעשטאנען און האט זיך צו דער גאנצער קאמפאניע געווענדט מיט דער דאזיגער שעהנע רעדע:

— א! פינסטערע מענשען! מענשען וואס בלאנזען אין דער וויס־טעניש! ביז ווי לאנג נאך וועט איהר זיין געגליכען צו די אומגליקליכע בלינדע, וואס האבען קיינמאל נישט געזעהען די ליכטיגע שיין פון דער געבענשטער זון? ביז ווי לאנג נאך וועט איהר דיענען די עבודה זרה, אין דעם רבין, דעם צדיק, וועלכען איהר פערגעטערט און האלט איהם

פאר א מלאך אלהים! ביז ווי לאנג נאך וועלען אייערע אויגען זיין פערשטאפט און איהר וועט זיך בעהאלטען פאר די שארפע שטראהלען פון דער השכלה, וואס האט שוין צושיקט איהרע הערנער אויף אלע עקען פון דער וועלט, פון מזרח זייט קיין מערב זייט און פון צפון זייט קיין דרום זייט!!!...

דער גאנצער עולם איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט פון אזא אומגעריכטע רעדע, און קיינער האט נישט געענטפערט דאס צווייטע ווארט; זיי האבען זיך נאר געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען אריין... איך האב דערזעהען, אז דא איז זעהר שמאל, האב איך מיין חבר א ציה געטהון פאר דער פאלע; עס איז שוין אבער געווען שפעט: ער האט שוין געהאלטען אין דער האנד דאס בלאט „המגיד" און האט אויף א קול גענומען צו דעקלאמירען אלס דאס זעלבע געדיכט וואס פריהער:

איהר פינסטערע מענשען, איהר זעהט ניט די שיין!
אייערע „גוטע יודען" פיהרען פונ'ם וועג אייך אראב!
די דאזיגע פיאווקעס,
וואס זויגען אייער בלוט!...

ווען עמיצער זאל געווען נעהמען און אויסגיעסען אין גאנצען דעם סאמאוואר מיט זודיגע וואסער אויפ'ן קאפ פון דער דאזיגער אסיפה מיט חסידים, וואלט דאס אזא שרעקליכען איינדרוק ניט געמאכט אויף זייערע הערצער, ווי די לעצטע ווערטער פון מיין גייסטרייכען חבר, וואס האט געגליכען דעם רבין צו א פיאווקע, וואס זויגט אויס דאס בלוט... שרעקליך איז געווען דאס שטילשווייגעניש פון דער חברה; נאר נאך מעהר שרעקליך איז געווען דאס דאזיגע חסיד'ל, וואס האט דערצעהלט די מעשה פון זיין שוועסטער! זיינע אויגען זענען אנגעגאסען געווארען מיט בלוט; די ליפען זענען איהם געווארען ברוין און בלוי, די הענד האבען איהם געציטערט... ווי א לעמפערט... ניין, ווי א קאץ איז ער ארויסגעשפרונגען פונ'ם טיש און אין איין אויגענבליק האט ער שוין געהאלטען מיין חבר פאר די אויהרען און האט איהם געטרעסעלט ווי א לולב, און צוגעברומט מיט כעס:

— מַמְזֵר !... דֶער רֶבִּי ?... דִי פִּיאַווְקֶעס ?... דִי גַאוְעטָען ?... הַפְּלַיין ?... זַיי זוֹיגֶען דָאס בְּלוּט ?... דֶער הַמַּגִּיד ?... אַפִּיקוֹרְסִים !... דֶער רֶבִּי ?... יוּנְגַאטְשׁ אֵיינֶער !... אִיךְ וֶועל דִיךְ דֶערְוָוערְגֶען ! ! !...

גָאט וֵוייס צוּ מַיין טְהַייעֶרֶער חָבֵר וָואלְט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג פוּן דִי הֶענְד פוּן דֶער דָאזִיגֶער חֶבְרָה, וָואס הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹיפְגֶעוָואַרְפֶען אוֹיף אִיהם ווִי דִי בֵּייזֶע וֶועלְף, וָוען נִיט דִי טְמִינְקֶע בַּעַל־הַבַּיִת׳טֶע זָאל זִיךְ גֶעוֶוען אַרַיינְמִישֶׁען מִיט אִיהר קְווִיטְשׁ; זִי הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת מִיט דֶער לוּלְקֶע, עֶר זָאל גֶעהְן רַאטֶעוֶוען דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אוּנ הָאט אַלֵיין אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי הֶענְד אוֹיף אַלֶע זַייטֶען; מִיט אִיהרֶע דַארֶע פִינְגֶערְלִיךְ הָאט זִי זִיךְ אַיינְגֶעפְּלָאנְטֶעט דֶעם יוּנְגֶען חָסִיד׳ל אִין בֶּערְדִ׳ל אַרַיין אוּנ אִיז אַזוֹי גֶעבְּלִיבֶּען הֶענְגֶען אוֹיף אִיהם; חֶבְרָה הָאבֶּען זִי אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגֶען, נָאר פַאר אִיהר הָאבֶּען זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וַוייבֶּער; עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אִיז גֶעוָוארֶען אַיין אֶמֶתֶע מִלְחָמָה, אוּנ דִי בַּעַל־הַבַּיִת׳טֶע הָאט אַיינְגֶענוּמֶען; דֶער בַּעַל־הַבַּיִת מִיט דִי ווַייסֶע תַּחְתּוֹנִים אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אָהְן אַ הַאלְבֶּער בָּארְד, נָאר דָאס לוּלְקֶעלֶע פּוּר־פּוּר־פּוּ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ... מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאט גֶעלַייזְט מַיין אָרֶעמְלִיכֶער חָבֵר! עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעגְלִיכֶען אִין יֶענֶער צַייט צוּ אַ הֶעלְד, וָואס דֶער שׂוֹנֵא אִיז אוֹיף אִיהם אָנְגֶעפַאלֶען פוּן הִינְטֶען אוּנ הָאט אִיהם צֶעפַּאטְשְׁט אוֹיף פִּיצְפִּיצְלִיךְ. אַזוֹי אַז עֶס אִיז פוּן אִיהם קַיין שָׂרִיד וּפָלִיט נִישְׁט גֶעבְּלִיבֶּען!... אֵיינֶער פוּן דֶער חֶבְרָה, אַ יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק, הָאט אִיהם אוֹיף דֶער הַאלְבּ צוּרִיסֶען דָאס קַאפָּאטְקֶעלֶע פוּן הִינְטֶען גְלַייךְ בִּיז דֶעם קָאלְנֶער אַרוֹיף, אוּנ דִי פָּאלֶעס הָאבֶּען זִיךְ צֶע־טוּמֶען בַּיי אִיהם ווִי צְוַויי פְלִיגֶעל בַּיי אַיין אָבְּגֶעפְּלִיקְטֶען אָדְלֶער... טְרֶעהֶ־רֶען הָאבֶּען זִיךְ מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי אוֹיגֶען, אַז אִיךְ הָאבּ אַ קוּק גֶע־טְהוּן אוֹיף מַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶען חַבֵר׳ס פָּאלֶעס... אָ! — הָאבּ אִיךְ צוּ זִיךְ גֶעקְלֶערְט — אָ! ווִי אַזוֹי מֶע יָאגְט נֶעבִּיךְ דֶעם אָרֶעמְלִיכֶען מַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר דֶעם אֶמֶת!..." דֶעם נוּמֶער „הַמַּגִּיד" הָאט דֶערְטַאפְּט אַיין אַלְטֶער חָסִיד מִיט אַ צֶעשְׁפָּאלְטֶענֶער לִיפּ, הָאט עֶר אִיהם פְרִיהֶער צוּפְּלִיקְט אוֹיף פִּיצְלִיךְ, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִיהם פֶערְבְּרֶענְט אוֹיף אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע אוּנ דֶעם אַשׁ הָאט עֶר אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען אוֹיף דֶער עֶרד אוּנ הָאט לַאנְג גֶעטָא־

פעט און געשאנצט אויף איהם מיט די פיס מיט אזא פרעהליך פנים, גלייך ווי ער האט דא געקוילעט זיין ערגסטען שונא און באדט זיך אין זיין בלוט!...

ארום זייגער 12 ביינאכט האט זיך דער עולם אנגעהויבען לייגען שלאפען; די רייכע האבען זיך צולייגט אויף בעטליך און די ארימע אזוי אויף דער ערד אויף עטליכע קוליעס שטרוי, מיט די בארגעסליך ציקאפענס... די ווייבער האבען זיך באלייגט אין א בעזונדערען חדר'ל, צו צוויי ווייבער אויף א בעטיל, צוגעדעקט מיט די קליידליך און מיט די שאלעכליך, און אזוי ווי איך מיט מיין חבר זענען נאך געווען יונגע קינדער, „פיסקליאעס" ווי די בעל־הבית'טע האט אונז אנגערופען, האט מען אונז אויסגעבעט אויף א קול שטרוי ביי די ווייבער אין חדר'ל ביי דער טיהר אויף נאקעט ערד...

פונקט ווי אין טהעאטער א שטייגער, אז עס הויבט זיך אויף דער פארהאנג, דערזעהען מיר פלוצלים א נייע וועלט פאר אונזערע אויגען, אקוראט אזא נייע וועלט האט זיך פאר אונז געעפענט דא ביי די ווייבער אין חדר'ל... א סך זאכען זענען מיר דא געוואהר געווארען, וואס מיר וואלטען דאס קיינמאל ניט געוואוסט, די גרעסטע העלפט ווייבער האבען זיך דא געקורירט ביי די גרעסטע דאקטוירים „אויף קינדער"... יעדע יודענע האט דערצעהלט מיט אלע פישטשעשעוקעס אין וואס איהר שלאפקייט בעשטעהט, און מערקווירדיג! אלע האבען געהאט כמעט דאס זעלבע שלאפקייט און אלע האבען דערצעהלט נסים ונפלאות פונ'ם דאקטאר... דא איז געווען נאר א יונג ווייביל, וואס האט ערשט ניט לאנג חתונה געהאט, און ווי עס האט אויסגעוויזען, האט זי זיך עפיס ווי געשעמט ארויסצורעדען אין וואס איהר שלאפקייט בעשטעהט... אלע ווייבער זענען אויף איהר ארויפגעפאלען, אז זי מוז דערצעהלען אקוראט ווי אזוי און וואס און ווען!...

— געפעלט אייך אביסיל? האט זיך א מאקארעווער יודענע ארויסגעשטעלט פאר דער גאנצער ווייבעריי — געפעלט דיר אביסיל? וואס איז איהר זענט דען ניט קיין יודישע טאכטער? דערויף זענען מיר דאך „נשים"

בעשאפען געווארען אויף דער וועלט! געפעלט דיר אביסיל ווי די מאכט דא הויות? נישט קשה, נישט קשה! עס איז א יודישע זאך! כל זמן איהר זענט געווען א מיידיל איז עפּיס אנדערש; אבער ווען איהר האט שוין חתונה געהאט, זענט איהר א אשה גלייך מיט אלע נשים!... האסט דו געהערט אביסיל?!...

דאס יונגע ווייביל האט זיך געביך לאנג געמוטשעט, ביז די האט געמוזט ארויסדערצעהלען אלסדינג... און טאמיר האט זי געוואלט עפּיס איבערהיפּען, האט זי די מאקארעווער יודענע נישט דערלאזט בשום אופן!...

ווען איך זאל וויסען, אז צווישען מיינע לעזער געפינען זיך נישט קיין יונגע מיידליך, אזעלכע, הייסט דאס, וואס זענען נאך נישט קיין „נשים", וואלט איך דא איבערגעגעבען אין גאנצען די געשיכטע פון דעם יונגען ווייבעל; דאס איז זעהר א טרויריגע געשיכטע!... נאר מיין גוטער חבר, וואס האט זיך קיינמאל נישט געקאנט איינהאלטען פון צו לאכען, ווי מיר האבען אויבען בעמערקט, האט זיך שוין לאנג געשטיקט צוהאלטענדיג די נאז מיט ביידע קולאקעס, נאר וויפיעל קאן זיך א מענש איינהאלטען? ער האט זיך אזוי לאנג געשטארקט ביז ער האט אויסגעשאסען א געלעכטער, און עס איז געווארען א סומאטאכע צווישען די ווייבער, זיי האבען אנגעהויבען צו קווייטשען און צו שרייען, אז מע זאל ארויסטרייבען פון דאנען די „צוויי מאנסבילען"... מיר האבען זיך איבערגעטראגען מיט די קלומקעס מחילה אין קיך אריין, וואו די בעל־הביתטע איז נאך געזעסען ביי א סטאטשיק און האט ווי א מוטער צונויפגענעהט דעם שפּאלט פון מיין חברס קאפּאטקעלע... מיר האבען איהר געזאגט, אז מיר קענען עפּיס דארט נישט אנשלאפען ווערען, האט זי אונז בעלייגט צווישען אויווען אויף א לאנגען נאר א שמאלען טאפּטשאן און האט אונז צוגעדעקט מיט איהר וואטאווע קליידיל, און געזאגט: „שלאפט, שלאפט, קינדערליך!..." מיר האבען זיך עפּיס געפיהלט געבען דער דאזיגער יודינע ווי געבען א גוטער, ליבענדער, געטרייער מוטער — און זענען גיך אנשלאפען געווארען מיט דעם זיסען גליקליכען שלאף פון די אומזינדיגע יונגע קינדער!... זייט זיך

מודה, ליבע לעזער, צו שלאפט איהר אצונד אזוי זיס, אזוי געשמאק, אזוי ריין און אזוי בערוהיגט, ווי איהר פלעגט אמאל אנשלאפען ווערען אין די יונגע אומשולדיגע יאהרען ?!...

דאס פערטע קאפיטעל.

(וואו עס ווערט בעשריבען, ווי אזוי מיין גוטער חבר אריה ליב זייגט א קינד און רייבט חריין).

— וואו זענען מיר ?... האב איך געפרעגט מיין חבר, אז מיר זענען אויפגעשטאנען פונ'ם שלאף און האבען זיך אנגעהויבען ארומקוקען, וואו מיר זענען אין דער וועלט.

— וואו זענען מיר ?... האט מיר מיין חבר געענטפערט, רייבענדיג זיך די אויגען.

די „אכסניה" איז געווען פוסט און ליידיג; קיין נפש איז ניט איבערגעבליבען פון דער גאנצער נעכטיגער חברה; אפילו דער בעל הבית מיט די ווייסע תחתונים און מיט'ן לולקעלע פור־פור־פו איז אויך ניט געווען! וואס בעדייט דאס ?... מיר האבען געהאפט ארויפציהען אויף זיך די בגדים־ליך און אנגעהויבען צוצוהערען זיך צו א שאראך... עס האט זיך אונז אויסגעדאכט, אז מיר הערען עפיס א מאדנע געזאנג פונקט ווי א קליין קינד וויינט... מיר זענען קוים ארויסגעקראכען פונ'ם צווישען אויווען און האבען יאקאש דערקענט אונזער „פוילישע אכסניה" און האבען זיך קוים דערמאהנט אז מיר זענען דא, אין דער גרויסער שטאדט... נאר וואס הייסט דאס וואס מע זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען ? צי מע האט דא אויסגעהרגעט אלעמען און נאר אונז האט מען איבערגעלאזט ? צי זיי האבען זיך ערגעץ צולאפען ? וואס־זשע איז דאס פאר א קול פון א פיצעלע קינד ?

— איך פערשטעה דאס ניט! איך פערשטעה דאס ניט! האט מיין חבר געזאגט צו זיך אליין און האט מיר דערמאהנט אקוראט אזא געשיכטע, וועלכע ער האט אמאל געלייענט, ווי אזוי 2 רייזענדע זענען געקומען אין א פאלאץ אריין אין מיטען פעלד, דארטען, וואו די שווארצע

נעגרים געפינען זיך... מיין חבר וואלט נאך לאנג דערמאהנט אמאליגע מעשות, וואס ער האט זיך אנגעלייענט ווי א פויק, נאר דאס קינד האט אנגעהויבען צו שרייען אלץ העכער און שטארקער; מיר זענען געגאנגען נאך דעם קול און האבען דערזעהען אז פון יענער זייט אויוען הענגט א שטרויען וויגעלע אויף 4 שטריקליך, און אין דעם וויגעלע ליגט א שטיקל פלייש און ראוועט אויף א משונה שרעקליך קול!...

— וואס זאגסט דו עפים אויף אזא מין בעשעפעניש? האט צו מיר אריה ליב געזאגט, בעטראכטענדיג דאס ראזינע בילד. מיר דאכט, אז דאס דארף זיין דער בעל־הבית׳טעס קינד, מחמת זיי האבען ביידע איין קול מיט איין קוויטש, הער זיך נאר צו אקארשט!...

דאס קינד האט געהאלטען אין מויל א שטיקל שמאטקע און געצויגען מיט די ליפעלעך מיט אלע כחות; אונז דערזעהען האט עס דאס שמאטקעלי ארויסגעלאזט פונ׳ם מויל און האט אנגעהויבען צו דרעהען מיט׳ן קעפיל אהין און אהער און מאכען מיט די ליפעלעך גלייך ווי עס געהמט אן צו זויגען; נאר, אז עס האט דערזעהען אז מע גיט איהם ניט דאס וואס עס וויל, האט עס זיך ווייטער אנגעבלאזען, ארויסגעשטעלט דאס צינגעלי ארויף צום נעזיל און האט זיך אזוי געריסען די קישקעלעך, אז איך האב געמיינט, אז דאס איז שוין איין עק פונ׳ם קינד! — אוים קינד!

— ווייסט דו וואס איך וועל דיר זאגען? מאכט צו מיר מיין חבר, עס איז א רחמנות אויפ׳ן קינד, חלעבען; עס וויל געוויס עסען און מע גיט איהם ניט; עס רייסט מיר דאס הארץ. זעה נאר, זעה, ווי עס ווערט אזש בלוי און גרין שרייענדיג... וואס טהוט מען?... און מיין ווייכהארציגער חבר איז צוגעגאנגען צום קינד און האט איהם אריינגעלעגט א פינגער אין מיילעכען אריין; דאס קינד איז אויף א מינוט אנשוויגען געווארען און האט זיך צוגעחאפט צום פינגער ווי צו עפים רעכטס און האט איהם גענומען זויגען מיט אלע כחות; נאר אזוי ווי מיין חבר׳ס פינגער איז געווען א געוועהנליכער פינגער ווי ביי אלע מענשען, האט דאס קינד דעם פינגער ארויסגעלאזט און האט נאך מעהר גענומען שרייען... מיין אריה ליב איז

געווען אויסער זיך פאר הארצווייטאג! ער האט זיך אנגעבויגן צום קינד און האט אנגעהויבן צו סמאטשקען, צו פייפען און צו זינגען: „א־א! א־או! פיצעלע! א! או! ברעקעלע!” דאס פיצעלע, דאס ברעקעלע האט איהם אבער קארג וואס געהערט: אין דער דאזיגער מינוט האט עס מעהר ניט געקלערט, נאר פון איין זאך אויף דער וועלט — פון א ברוסט!... דאס קינד האט עטליכע מאל געזויגען מיין חבר׳ס פינגער, די נאז, די הינטערשטע ליפ, און די קולות זענען פון איהם געגאנגען ביז צום זיבענטען הימעל!... מיט טרעהרען אויף די אויגען האט מיין גוטער חבר ארויסגענומען דאס דאזיגע מענשעלע פונ׳ם וויגעלע און האט עס גענומען ארומטראגען איבער דער שטוב, געשפרונגען און געטאנצט און געשריגען מיט א וויינענדיג קול: „נו, שא, שא, פיצעלע! שא, שא, ברעקעלע! די שלעכטע מענשען, די מערדער האבען דיך אוועקגעווארפען! שא, שא! זיי האבען דיך איבערגעלאזט, ווי א ווילדע חיה פערלאזט איהרע קינדערליך! נו, שא, שא, ברעקעלע! שא, שא, שוועלבעלע! אפילו א שלאנג, א לעמפערט טהוען אויך מיט רחמנות שפייזען זייערע קליינע שלייגעליך מיט זייערע קליינע לעמפערטליך! שא, פייגעלע! שא, ברעקעלע! שא, שוועלבעלע!...”

אך, ווער עס האט אין דער דאזיגער מינוט ניט געזעהן מיין ארענטליכען, גוטען, טהייערן חבר, דער האט גאר קיין שענס אויף זיין וועלט נישט געזעהן! ער איז געווען געגליכען צו... צו וואס זאל איך איהם גלייכען? א מוטער, א גוטע ליעבווירדיגע מוטער קען געוויס ניט אזוי איינגעהמען א קליין קינד, ווי מיין חבר האט איינגענומען דאס דאזיגע הונגעריגע בעשעפענישיל, וועלכעס איז סוף כל סוף אנשלאפען געווארען ביי איהם אויף די הענד!...

— סע שלאפט שוין!... האט ער מיר שטילערהייט געזאגט און מיט אזא פרעהליך, גליקליך פנים, גלייך ווי גאט ווייסט וואס...

— אוי א מכה!... אוי א דונער!... דיין מאמע פאר דיר!... טאטע טהייערער!... פאר דיינע ביינער!... פאר דיין הארץ! נו הונגעריג?... נו געוויינט?...

מִיט אַזַא מִין צֶערִיסֶענֶעם מָאנָאלָאג אִיז דִי בַּעַל־הַבָּיִת'טֶע אַרַיינְגֶעלָאפֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין מִיט אַ פוּלֶען קָאשֶׁעק אַייֶער, פְלֵייש, צִיבֶּעלִיס, בְּרֵייטְלִיךְ, פֶּעטְרֶעשְׁקֶע, חְרֵיין אוּנ שְׁאַר יְרָקוֹת. אוּנ אִיז אִין אֵיין אוּיגֶענְבְּלִיק צוּגֶעלָאפֶען צוּ אַרְיֶה לֵיבּ'ן, הָאט אַ חַאפּ גֶעטְהוּן דָאס קִינְד אוּנ הָאט אִיהם פֶערְשְׁטוּפְּט דָאס מוּיל מִיט דֶער בְּרוּסְט אוּנ הָאט זִיךְ אִין אֵיינְוֶוענִס גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֵּייט: אוֹיסְזַאלְצֶען דָאס פְלֵייש, צוּבְּרָאקֶען דִי צִיבֶּעלִיס, שֵׁיילֶען קַארְטָאפְלִיעס, גִיךְ, גִיךְ, בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גֶערֶעדְט, גֶעשָׁאטֶען וִוי פוּן אַ זַאק:

— אוֹי אִיז מִיר!... אֵיין מֶענְשׁ אַלֵיין!... גֶעה צֶע רַיים זִיךְ!... דִי קוּה מֶעלְקֶען... אִין מַארְק אַרַיין גֶעה... אַ שְׁטוּבּ נִיט צוּ פֶערְזִינְדִיגֶען... קִינְדֶערְלִיךְ... קֵיין עַיִן־הָרָע... דִי עֶלְטֶערֶע דִיעֶנֶען... קְלֶענֶערֶע אִין חֶדֶר... עֶסֶען דַארְף מֶען... דִירָה גֶעלְד צָאהל... אַ פְּרִיסְטַאוו שְׁוַויינְט נִיט... אַ מַלְבּוּשׁ... מוּז מֶען... קֵיין דִיעְנְסְט נִישְׁט דָא... דֶער מַאן אִין קְלוֹיז... אוֹי אַ גָאר נִישְׁט... וֶוער פֶערְשְׁוַוארְצְט... שׁוֹין 18 יָאהר... דָאס דְרִיטֶע וַוייבּ... גֶעוֶוען אַ פַּארְשׁוֹין... גֶעוַואקְסֶען אוֹיף רָאסְקָאשׁ... אַ בַּת יְחִידָה... צוּ 15 יָאהר... גוּטֶע לַייט פֶערְשְׁלֵייעֶרְט... אוּנ עֶר בַּיים רֶבִּין... קֵיין הַאנְד אִין וַואסֶער... אַלֶע יָאהר אַ קִינְד... אַמָאל אַ פָּאר'ל... אוֹיסְגֶעדַארְט... קוּמְט צוּם גְרֵייטֶען... הַיינְט אַיין אוֹרֵחַ... דָאס שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט... קוּים קוּים מִיט דַחֲקוּת... גֶעהט אַ ווִינְטֶער... נַאקִיט, בָּארְוֶועס... דוּרְךְ אַלֵיין... אוֹי אִיז מִיר!...

קוּקֶענְדִיג אוֹיף דֶעם דָאזִיגֶען אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְטֶען וַוייבֶּעל אוּנ הֶערֶענְדִיג אִיהר צֶערִיסֶענֶע בִּיאָגְרַאפִיֶע, הָאט אוּנְז דָאס הַארְץ גֶעקְלֶעמְט פַאר רַחֲמָנוּת, אוּנ מַיין גוּטֶער חַבֵר, וָואס אִיז תָּמִיד גֶעוֶוען גְרֵייט מִיטְצוּהֶעלְפֶען דֶעם אָרֶעמֶען אוּנ דֶעם גֶעפַאלֶענֶעם, אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער בַּעַל־הַבָּיִת'טֶע, הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּ אִיהר אוּנ זִיךְ גֶענוּמֶען הֶעלְפֶען עֶפֶּיס טְהוּן, הָאט זִי גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אָנְרַייבֶּען חְרֵיין, הָאט עֶר זִי גֶעפָאלְגְט אוּנ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק רַייבֶּען חְרֵיין, אוּנ מִיר הָאט עֶר אַ ווִינְק גֶעטְהוּן אִיךְ זָאל הֶעלְפֶען אַרַיינְטְרָאגֶען הָאלְץ אוּנ וַואסֶער.

— וואהלע קינדער! האט אונז די בעל הבית'טע געזאגט, ווינענדיג מיט'ן פּיס פאר א שטריקעל און געשיילט קארטאפלים; גוטע קינדער!... מיין ראובעלע זאל לעבען אויך אזוי... באשטעלט ביי שוסטער... וואס איך בעט אייך?... געצאהלט שכר לימוד ביז 16 יאהר... גענוג!... מיין חיים'ל אין א קלייט... ניט אין בעסטען... בעשטענדיג אין דרויסען... שלעפּען קונים... מיין רייזעלע דיענט... זעהר גוט... רייכע מענשען... אפּט מתנות... מיינע קלענערע... אסך געשטארבען... אוי איז מיר!... אויסגעריסען... א הייליגע שטאדט... מע לאזט ניט זיצען... א יוד אין גלות... ניט געהאט קיין בלעטעל... ניט געלאזט דא שטעהן... איך צום גביר... דער מאן צום רבין... צום גביר ניט דערלאזט... דער רבי ניט געהאלפען... א יאהר אהן ברויט... דאס העמד פערקויפט... ביז גאט האט געהאלפען... א גוטער פּריסטאוו... נעמט א קערבעל... מע זעצט אויף קוילען... ניט היינט איז מארגען... אוי איז מיר!...

— וואו זשע זענען אייערע „גרויסע מענשען", די מפורסמ'דיגע לייט, די משכילים וואס לאזען זיך הערען אויף דער גאנצער וועלט? ! האט זי מיין אריה ליב א פרעג געטהון, האלטענדיג פערטראכט אין איין האנד דעם ריבאייזען, אין דער אנדערער האנד א ווערציל הריין. וואו זענען זיי די היגע רעדאקטערס, די מחברים, די קארעספאנדענטען, די פּאליטיקאנטען, די פילאזאפען, די שרייבער, וואס מע דרוקט וועגען זיי אין די גאזעטען אזעלכע וואונדערליכע זאכען, די גרויסע שרייבער, וואס...

— די שרייבערס? האט איהם די בעל הבית'טע איבערגעשלאגען זיינע רייד, ארויסגעהאפּט א זידיגען אקראפּ פונ'ם אויווען; די שרייבערס?... וואס קענען זיי מיר העלפען?... ביי אונז אין „טשאסט" זענען דא 2 שרייבערס... מע רופט זיי אמאל אריין א קערביל... אמאל א האלבס... מאכען זיי א שוויינ... דער עיקר איז דער פּריסטאוו... ער ציהט די קלעע... ער זאגט א בלעטעל...

— ניין! שרייט צו איהר מיין חבר, ניין! ניט די דאזיגע שרייבערס מיין איך! איך מיין די משכילים, די מחברים, די רעדאקטערעס פון די גאזעטען, א שטייגער: מאפו, לעווינזאהן, גאטלאבער....

— איך ווייס ניט... איך קען זיי ניט... מאכט צו איהם די בעל־הבית'טע, איך קען נאר וואסיל חוועדאראוויטש... אנטאן סטעפאנאוויטש... און ארטעם איוואנאוויטש... און ווייטער איז דא איינער מיט א גראבער ליפ... און נאך איינער איין אלטער... פראסטע לייט... אמאל א גלעזעל בראנפען... אי דאס אונטער א יום טוב...

— ניין, ניין! איהר ווייסט ניט וואס איך מיין! שרייט געבאך ארי'ה ליב מיט קולי קולות; איהר פערשטעהט ניט, וואס איך זאג! איך מיין די גרויסע לייט, די גדולי הדור, די מענשען וואס געהען אין דער ליכטיג, די היינטיגע מחברים, וואס ווייזען אונז דעם רעכטען וועג, וואס פיהרען אונז ארויס פון דער פינסטערניש, וואס זייערע נעמען זענען געדרוקט אויף די בלעטער פונ'ם „המליץ" און פונ'ם „המגיד", „המגיד"!!!

— ביי די דאזיגע ווערטער, וואס מיין עהרליכער חבר האט אויס־געשריען אויף א קול כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען פאר הארצ־ווייטאג, האט זיך אויפגעעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען ר' ליבוש אליין, דער בעל הבית מיט די ווייסע תחתונים, מיט'ן טלית־זעקעל אונטערן ארעם און מיט'ן לולקעלע פר־פר־פו אין די צעהן... שטיל, אן ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום ווינקעלשאפקעלע, האט זיך אנגענאסען א גלעזעל בראנפען און האט אקוק געטהון אויף דער בעל־הבית'טע, האט זי איהם צוגעטראגען איין אייערקיכעל אויף צו פארבייסען און האט גע־נומען גרייטען צום טיש... קוקענדיג אויף איהם האבען מיר זיך דערמאנט אן די נעכטיגע פעטש און האבען זיך אבגעטראטען אויף א זייט... און ר' ליבוש האט זיך גאנץ שטיל און זעהר בנעימות אבגעגעסען אנבייסען, האט זיך פעררייכערט דאס לולקעלע און האט זיך צוגעלייגט רוהען... מיר האבען אויך איבער געהאפט עטוואס, א פאר געבראטענע קארטאפלי'ס וואס די בעל־הבית'טע האט אונז מכבד געווען מיט א שטיקעל ברויט און זענען זיך ווידער ארויסגעגאנגען וואנדרעווען איבער דער „גרויסער שטאדט", און כמעט אויף יעדען טריט און שריט האבען מיר זיך אנ־געזעהען מיט ווילדע חידושים, וועלכע ווערען באשריבען אין פינפטען קאפיטעל.

דאס פינפטע קאפיטעל.

(וואו עס ווערט דערצעהלט ווי אזוי די פייגעלעך ווארפען פון זיך אראפ די אלטע פעדערען אונ ווערען אזוי פערענדערט אז עס איז שוין שווער זיי צו דערקענען...)

— שוין לאנג נאך אין חדר האבען מיר זיך אנגעהערט פון די וואונדערליכע אנטיקען וואס געפונען זיך אין דער גרויסער שטאדט; א שטיינער לעשל, ווי אין מיטען מארק זיצט שמשון הגבור רייטענדיג אויף א לייב; ער צערייסט איהם דאס מויל אויף צווייען אונ פונים מויל גיעסט זיך וואסער, אונ נאך אזעלכע אנטיקליך, וואס נאר א גרויסע שטאדט קען דאס פערמאגען... געוויס שוין דאכט זיך אז מע הערט זיך אן פון אזעלכע חידושים, ובפרט נאך אז מיר זענען זוכה געווען אליין צו זעהען מיט אונזערע אויגען, ווי שמשון הגבור זיצט רייטענדיג אויפ'ן לייב אונ עס גיעסט זיך ווי פון א קוואל וואסער !...

— קוק — רופט זיך אן צו מיר מיין חבר — קוק, ווי אפילו ביי „זיי" זענען מיר אויך אנגענומען מיט אונזער אמונה, מיט אונזערע גרויסע לייט! ביי „זיי" איז געווים ניט דא אונ עס וועט ניט זיין אזא שמשון הגבור, ווי ביי אונז יודען, אזא שמשון הגבור, וואס מיט איין באק פון איין מוילאייזיל האט ער אויסגעהרגעט צעהן מאל צעהן טויזענד מענשען פון די פלשתים! מיר, יודען, זענען פארט איין אויסדערוואהלט פאלק !... מיין פאטריאטישער חבר האט מיך אזוי צוהיצט, אז ער איז מיט א שמייכעלע צוגענאנגען צו א באררויסען גוי, וואס איז געשטאנען ביי דעם באסיין מיט וואסער פון „שמשון הגבור", אונ האט זיך געטרונקען פון א קווארט; דער באסיאק האט אונז בעטראכט פון קאפ ביז די פים אונ א בריק געטהון

— שטא נאדא ?

— או וואשיך נעמא טאקאהא שאמשאנע יאק או נאשיך ! האט זיך אנגערופען צו איהם מיין אריה ליב מיט גדלות, אנגעוויזען איהם

מיט'ן מינדסטען פינגעריל אויף דער כמאטוא „שמשון הגבור". דער באסיאק האט איהם דערויף גאר ניט געענטפערט; ער האט נאר אנגע־שעפט אפילען עמער מיט וואסער פונ'ם קוואל און האט איהם אויסגעגאסען מיין חבר אויפ'ן קאפ...

— וואס טהוט מען אצינד? האט מיך מיין אריה ליב א פרעג געטהון, אבטרעסענדיג זיך פון דעם וואסער, וואס האט געטהון רינען פון איהם; עס איז דאך פשוט א חרפה א בזיון אין אזא גרויסער שטאדט אט אזוי ארום צו געהן!...

— אהער, יונגער מאן, אהער, פעטערקע, אהער! וואס קויפט איהר גוטס? מיט אזא מין נגון האט זיך צו אונז א לאז געטהון כמעט א גאנץ טוץ יודישע משרתים'לעך, געריסען אונז פאר די פאלעס. אהער! צו אונז! וואס דארפט איהר? הויזען, פאטינקעס, קאפעלישלעך, העמדער, שטיוועלעך, שניפסלעך, קעמעלעך, בארגעסלעך, זאקען, זייף, מאנישקעס, פאמאדע, היטעלעך, שניפסלעך, קאלאשען, קאלאשען!

איידער איך האב מיך ארומגעקוקט, האבען מיך שוין צוויי קלייט־משרתים יונגאטשעס געטראגען אויף די הענד; דער אהין דער אהער, אזוי לאנג אזוי ברייט ביז מע האט מיך אריינגעטראגען אין א קלייט ארין און מען האט פערשלאסען די טהיר פון אינווייניג!... טוידט בין איך געוועזן פאר פחד, איידער איך האב דערהערט אז מע וויל מיר ווייזען סחורה... ניט אויף צו קויפען דווקא, חלילה! נאר אנקוקען און זעהען, אז דא איז בזול הזול, האלב אומזיסט, מחמת עס איז פאר א יריד אונטער א יום טוב... אזוי האט מיר געשווארען דער בעל הבית אליין ביי זיין נאמנות און ביי זיין ווייב און קינדער!... און ער האט גענומען מיר ווארפען סחורה פון די פאליצעס אהן אשיעור, אנרופענדיג מיר יעדער זאך ביי דעם נאמען און ווייזענדיג מיר דאס גוטסקייט, דאס שטארקייט, דאס פרישקייט און דאס שענקייט!

— נו? אצונד קלויבט אייך אויס וואס איהר באגערט!...

— יא! האב איך איהם געענטפערט און געקוקט אויף דער טיר מיט

יסורים... יא! איך ווארט אבער אויף מיין חבר... איך ווייס ניט וואהין האבען איהם די חברה אהינגעטהון?...

— דאס איז אייער א חבר?! האט מיך דער קרעמער א פרעג געטהון און האט זיך אנגערופען צו די משרתים מיט גרויס כעס:

— פרעסערס! וואס האט איהר ארויסגעלאזט פון די הענד דעם יונגען מאן? דאס איז דאך טאקע זייער א חבר! געהט און ברענגט איהם די רגע! ווען ניט זאל זיך אייער פוס ביי מיר ניט געפינען! איהר הערט? צי—ניין?!...

אין עטליכע מינוט ארום האט מען מיין אריה־ליב'ן אריינגעשלעפּט א צוהַהֶטשעט אהן איין ארבעל און אהן א היטעל... א רחמנות, א הארץ־ווייטיג געווען צו קוקען אויף דעם דאזיגען אומגליקליכען בחור'ל וואס איז גאט די גישמה שולדיג געווען, און וואס איז פאר יעדען באזונדער אבגע־קומען געביך אויף דער וועלט!... אונזער קרעמער האט געשוואָרען ביי ווייב און קינדער אז ער וועט זיך אברעכענען מיט זיין שכן דעם אנדערען קרעמער וואס האלט אזעלכע היצלים, רוצחים, וואס לאזען קיין מיטגע־נעם הונד ניט דורך געהן צווישען די קלייטען!

אייגענטליך האט אונזער קרעמער געמעגט צופרידען זיין פון דער דאזיגער מלחמה, אין וועלכער מיין גוטער חבר האט אנגעוואָרען איין ארבעל פונ'ם צעריסענעם קאפּאטקעלע צו זאמען מיט'ן באראשקענעם היטעלע... און דערסגלייכען אריה ליב האט זיך אויך ניט אזוי שטארק צו־געלאזט צום הארצען די דאזיגע מעשה, מחמת ער האט מיר שוין לאנג געגעבען אנצוהערען, אז דא געפינען זיך אזעלכע קלייטען וואס מע געהט אהין אריין א נאקעטער א בארוויסער ווי די מאמע האט דיך געהאט און מע געהט פון דארטען ארויס מלובש ווי א גראף! דער קרעמער האט דאס באלד פערשטאנען נאך די פראגען, וואס מיין קלוגער חבר האט איהם פארגעלעגט, און האט זיך לכתחלה מיט אונז באדונגען, אז ער נעמט צו ביי אונז די אלטע מלבושים און גיט אונז פאר זיי שפּאנעל־נייע נאך דער לעצטער מאדע און פאדערט פון אונז צוצאהל נישט מעהר און נישט

ווענינגער פון 30 רובל. מיין אפגעהערציגער חבר האט איהם אויסגעזאגט דעם רעכטען אמת, אז עס געפינט זיך ביי אונז אצונד נישט מעהר ווי 12 קערבליך, הגם ער (אריה ליב) גלויבט איהם אויף נאמנות, אז עס איז א מציאה 20, נאר וואס זאל מען טהון אז מיר האבען מעהר ניט ווי 12 ?... אונ מע האט אונז באקליידעט: מיר האט מען געגעבען אפאר לאנגע אונ שמאלע טשערעפינקענע תחתונים, וואס זענען קוים מיט צרות ארויפגעקראכען אויף די גרויסע פאר שטיוואלעס, וואס דער קרעמער האט זיך געוואונשען פאר זיך אזא יאהר (אונ איך פארגין איהם מיט'ן גאנצען הארצען !...). צו די דאזיגע שמאלע-רויט-קעסטעלדיגע הויזען האט מען מיר אנגעטהון א גרויסען א ברייטען ווייסען קאמזויל פון א גראבען פריז... "נישט קשה! האט מיר דער קרעמער געזאגט: איהר זענט נאך א יונג קינד — איהר דארפט נאך וואקסען !..." אונ פון אויבען האט מען מיר אנגעטהון א גרינעם פידזשאק, וואס די קעשענים זענען געווען נידריגער פון די קניעס אונ די ארבעל האב איך שוין אליין געמוזט פארקאטשען א האלב ארשין; דערצו האט מיר אבער דער קרעמער געהייסען גוט בעטראכטען, וואס פאר א מין קאלנער אין איהם ליגט !... אויפ'ן קאפ האט מען מיר אנגעטהון אקליין קינדערש קאפעלישעל, וואס איך האב אליין אויסגעקליבען, נאך מיין אייגענעם גוסט; אליין האב איך דאס בשום אופן ניט געקענט אנטהון, מחמת עס איז געווען זעהר ענג אויפ'ן קאפ, נאר דער קרעמער האט דאס אזוי גוט אנגערוקט בריה'ש אז עס איז שוין ניט מעגליך געווען אראפצונעמען. "נישט קשה עס וועט זיך גיך צוציהען, האט ער מיך געטרייסט; א קאפעליש איז ניט קיין באק-דייזשע !..."

פונקט דאס אייגענע פארקעהרט האט ער געזאגט מיין חבר אנמעסטענדיג איהם א צילינדערהוט, א גאנץ גרויסען א געקנייטשטען מיט עטליכע שפאלטען ביי די זייטען: "א שליאפע מוז זיין גרויס אויף דעם קאפ! דער קאפ האט ליעב אז עס איז איהם גראם! דער קאפעליש וועט זיך איינלויפען אונ דער קאפ וועט אונטערוואקסען, וועט זיין א מחיה נפשות!..." איך בין שטארק איבערראשט געווארען, אז איך האב דערזעהן מיין געטרייען חבר שטארק צונויפגעצויגען אונ איינגעשפיליעט מיט א שמאל

רעקעלי און מיט גילדענע קנעפּלעך, ווי בײַ אײן אָפּיצער, אָדער ווי בײַ אַ גימנאַזיסט !... „דאָס איז הײַנט די גאַנצע מאָדע !“ האָט מיר דער קרעמער געזאָגט אַנקוועלענדיג פון מײַן שענעם חבר, וואָס איז געווען אײַנגע־שרומפּען אין דעם רעקיל, ווי אין אַ קאָרסעט... קיין קאַמזויל האָט מען שוין ניט בעדאַרפט; נאָר הויזען האָט מען איהם אויסגעקליבען זעהר קורצע און זעהר גראָבע מיט אויסגעריבענע קניעס; „אַ הייז האָט ליעב גראָב ! האָט אונז דער קרעמער אויפגעקלעהרט ! אַ הייז האָט ליעב וואָרעם !...“

— מיר דאַכט, אַז אין די פּיס איז מיר אַביסעל ענגליך ? האָט זיך מײַן אַריה ליב נעביך געקלאָגט.

— חס ושלום ! האָט דער קרעמער געענטפערט. חס וחלילה ! וואָס רעדט איהר ? הײַנט טראָגט מען נאָר אַזאַ שטיוועלע ! אַ גוי טראָגט משאָבעטעס ! ווײַס איך וואָס איהר רעדט ! נאָט אײך נאָך אַ נײַעס !... טראָגט געזונדערהייט ! פערניצט געזונד ! האָט ער אונז געבענטשט באַגלייט פון קלייט און געצײַהלט מיט ציטערנדע פינגער „דעם פּדיון“... פערניצט געזונד ! צערײַסט געזונד ! אַ גוטען טאָג ! אַ גוט יאָהר !...

— הורררראַ !!! קאָמעדיאַנטשיקעס !!! האָבען אונז די חברה משרתים פון יענע קלײַטען נאָכגעשריען באַגלייט אונז העט־העט גאַנץ ווייט !... הורררררראַ ! קאַפּעליש !!! ער האָט אײך גוט אָבגע־קאַכט ??? הורררררראַ !!!...

— מיר דאַכט זיך, אַריה ליב, אַז דאָס זענען שוין געווען אונזערע לעצטע 12 קערבלעך... וואָס וועלען מיר דאָ טהון אָהן אַ גראָשען געלד ?...

— הא ? ביזט אפשר טאָקע כמעט געריכט... האָט מיר מײַן חבר געענטפערט, וואָס וועלען מיר טהון אצונד ? מיר זאָלען זיך האַטש גיכער דערשלאָגען צום ראַבינער !... דער לעהרער זאָגט, אַז ער וועט אונז צוּ־נעמען ווי די בעסטע געסט און וועט אונז באַשיצען אונטער זײַנע פליגעל... ער האָט איהם אָנגעשריבען אַזאַ הויכען אַזאַ שאַרפען מליצה־בריעף, אַז מע דאַרף צעגאַסען ווערען פאַר געוויין !..

— דער בריעף איז דא ביי דיר, אריה ליב!

— סטייטש ווי דען? וואס זענען מיר אהן דעם דאזיגען בריעף?...

— שא, אריה ליב, אט געהט א יוד, לאס מיר א פרעג טהון ביי דעם יודען, טאמער ווייסט ער, וואו וואהנט ערגעץ דער ראבינער?

דער יוד האט אונז אנגעוויזען אין דער אנדערער גאס אויף א גרויסען ווייסען מויער און מיר האבען זיך געלאזט געהן. ביי דעם דאזיגען מויער האבען מיר זיך נאך אביסיל ארומגעדרעהט, ביז מע האט אונז אנגעוויזען אויף דער טיר, אויף דער טיר איז געוועזען צוגעשלאגען א מעשענע טאבליצע *(Казенный Раввинъ)*; מיר האבען לאנג געקלאפט אין דער טיר, ביז א דורכגעהער האט אונז אנגעוויזען אז מע דארף א ציה טהון דאס גלעקעל... ערשט דעמאלט האט זיך אויפגעעפינט די טיר און א מיידיל האט אונז גענומען בעטראכטען געשטשערעט די צייהן און א פרעג געטהון: „וואס דארפט איהר?"

— צום ראבינער, האבען מיר איהר געענטפערט, צום ראבינער!
דאס מיידעל האט אביסעל געטראכט. צי זאל זי אונז יא אריינלאזען צי ניין... נאכדעם האט זי זיך אויף אונז דערבארמט און אונז געעפענט די טיר און האט אונז געהייסען אריינגעהן און צו ווארטען אביסעלע דא אין „פריחאזשע".

— זאגט מיר, איך בעט אייך — האט זי מיין חבר געהענדיג א פרעג געטהון, דאס איז טאקע זייער א מויער, טאקע איין אייגענער?
דאס מיידיל האט אויסגעשאסען א געלעכטער און איז אוועקגעלאפען אין שטוב אריין.

אין עטליכע מינוט ארום האט זי זיך אומגעקעהרט פארשטעלט מיט ביידע הענד דאס מויל און קוים קוים אויסגערעדט: „קומט אריין!... טהוט אויס די קאפעליאשען!... חי־הי־הי..." מיר האבען אויסגעטהון די קאפעליאשלעך און זענען אריינגעקומען אין א גרויסען אויסגעפוצטען קאבינעט מיט טייערע שאפעס און מיט גאנץ גרויסע שפיגלען און מיט אזא מעביל, וואס מיר האבען נאך אזעלכס קיינמאל נישט געזעהען!...

גלייך אקעגען אונז איז געזעסען איין עלעגאנטנער מאן מיט א גרויסער פאטלע האר אויפ'ן קאפ, מיט א שווארצער בארד מיט גילדענע ברילען אויף דער נאז און מיט וואטע אין די אויערן.

— נאם טרעבא דא ראבינטשעקא! האט זיך צו איהם מיין אחי' ליב געווענדט גאנץ עדעל און דווקא אויף רוסיש.

— איך בין דער ראבינער, וואס וועט איהר זאגען? זיצט! האט איהם דער ראבינער געענטפערט אויף פשוט יודיש און האט אונז אנגעוויזען אויף 2 הויכע, ווייכע קרעסלעס; מיין חבר האט זיך שוין געוואלט צו זעצען אויף דער שטוהל, האב איך על פי טעות פערהאפט זיין שטוהל, וואלט ער זיך געזעצט אויף מיין שטוהל, וואלט געווען נישקשה; האט מיך דער רוח געטראגען איך זאל זיך פון זיין שטוהל אויפהאפען און וועלען זיך זעצען אויף מיין שטוהל; וואלט נאך אויך געווען אהן איין אומגליק, האבען מיר זיך אבער ביידע בעגעגענט מיט די שטערענס און ער האט א פנים נאר אומגערן זיך פערטשעפעט אין איינעם פון מיינע גרויסע שטיוואלעס, — ער האט זיך אויסגעגליטשט און האט געגעבען א פאל אויף דער ערד צוזאמען מיט מיין שטוהל, און פאלענדיג האב איך מיט מיינע 2 שטיוועל אומגעווארפען א גרויסען טאפ מיט וואזאנעס און די ערד האט זיך צושאטען איבער דער גאנצער פאדלאגע!... דער ראבינער האט זיך צוגעהאלטען מיט ביידע הענד בײ דעם טיש: ער האט א פנים געמיינט, אז די גאנצע שטוב פאלט איין!... דער טראסק און דער געפילדער האט געגרייכט אין די איבעריגע חדרים און מע האט זיך צוזאמענגעלאפען פון דעם גאנצען הויז אויף אונזער בייז וואונדער!... דערשראקענע, פערשעמטע זענען מיר קוים מיט צרות אויפגעשטאנען פון דער ערד און האבען שוין ניט געוואוסט וואס צו טהון, ווי אזוי צו שטעהן און ווי צו זעצען זיך; דערצו האט נאך מיין אומגליקליכער חבר (א! איהם האט נעביך דאס שלים-מזל נאכגעיאגט אומעטום...) געמוזט צוהאלטען מיט ביידע הענד דאס שמאלע רעקיל, מחמת פונ'ם פאל זענען אלע קנעפליך אבגעשפרונגען.

— זעצט זיך שוין אט דא אויף דער קאנאפּע — האט אונז דער ראבינער געזאגט און האט זיך צוגערוקט אביסל צו אונז; מיר האבען פריהער מיט די הענד א פּרוו געטהון די קאנאפּע, צי וועט זי ניט פאלען, און האבען זיך יאקאש אריינגעזעצט אין א גוטער שעה; דאס לאבענדיגע מיידיל האט אויסגעווישט דעם פּאל, צונויפגעשטעלט דאס צופאלענע מעבעל און איז מיט א געלעכטער אנטלאפען און האט אפילו מורא געהאט א קוק צו טהון אויף אונז... מיין חבר האט דערווייל ארויסגענומען פונים בוזעם — ווייט, ווייט — א גאנץ גרויסען פּאקעט איינגעוויקעלט אין א פּאפּיר און מיט 2 גרויסע, גראבע פּאפּירען, און האט איהם איבערגעגעבען דעם ראבינער מיט די דאזיגע ווערטער:

— נאט אייך א בריעף פון אייער בעסטען גוטען פריינד, פון אונזער לעהרער, פונים „געשטודירטען ליטוואק"; דא וועט איהר געפינען א שיר, דאס איז טאקי איין אייגען ווערק... פריהער האט דאס ביי מיר געהייסען: „שיר על היין" (א געזאנג אויף דעם וויין).

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וואלט איך דא איבערגעגעבען די לעזער דעם אינהאלט פון דעם דאזיגען גרויסען בריעף, וואס אונזער לעהרער האט געשיקט צו זיין אמאליגען חבר, צום ראבינער, ובפרט אז דאס איז דאך איין אמת'ע געשיכטע, ניט קיין אויסגעטראכטער ראמאן, בין איך דאך אודאי מחויב איבערגעבען פאר דעם לעזער אלע דאקומענטען מיט די פּאפּירען, וואס האבען א שייכות צו דער דאזיגער געשיכטע; נאר וואס קאן איך טהון, אז דער בריעף איז א מליצה־בריעף פון א געבילדעטען ישיבה־בחור וואס האט גענומען און האט צונויפגעמישט גאנצע פּסוקים פון „ישעיה, פון ירמיה און פון משלי" און דערצו נאך אזעלכע שווערע פּסוקים, וואס אויף זשארגאן איבערצוזעצען איז נישט אזוי גרינג און עס ווערט אן אין גאנצען דאס זיסקייט...

— וואס וויל ער פון מיר, אייער לעהרער? וואס דארף ער און וואס מיינט ער? האט אונז דער ראבינער געפרעגט נאכדעם ווען ער האט אין א צייט ארום געענדיגט דעם בריעף צו לייענען, איבער וועלכען ער איז אבגעגאסען געווארען מיט שווייס.

— לייענט מיין שיר „א געזאנג איבער וויין“ וועט איהר שוין וויסען, וואס ער מיינט! האט איהם מיין אריה ליב געענטפערט מיט גרויס גדלות... דער ראבינער האט זיך אבגעווישט דעם שווייס פונ'ם פנים און האט איבערגעלייגט די וואטע פון איין אויער אין דעם אנדערען און האט זיך גענומען צום „שיר“ פון מיין חבר, וואס האט שוין קיין אויג פון איהם ניט אראבגעלאזט, און דאס הארץ האט זיך אין איהם אזוי שטארק געקלאפט אונטערן שמאלען רעקעל, אז איך האב געהערט: טיק־טאק! טיק־טאק... ליעבסטער לעזער! דו גלויבסט ניט? דערמאן זיך, ווען דו האסט אמאל אין די יונגע יאהרען געוויזען דיין חבר דאס ערשטע ווערק פון דיין פאנטאזיע, ווי אזוי האט דיר דעמאלט געקלאפט דאס הארץ? ווי אזוי האבען דיר געציטערט די הענד? ווי אזוי האסט דו געקוקט איהם אין מויל אריין — וואס וועט ער דיר זאגען?...

איבערגעלייענט דעם „שיר“ האט דער קאלטער ראבינער איבערגעלייגט נאך אמאל די וואטע אין די אויערען און האט צענויפגעלייגט די פאפירען און האט זיי אומגעקערט מיין אריה ליב'ן, א פרעג געטהון איהם נאך מיט א קנייטש מיט די פלייצים:

— וואס וויל ער פון מיר, אייער לעהרער?

— וואס הייסט? האט איהם מיין חבר פערוואונדערט געענטפערט, וואס הייסט? איהר האט דאך געלייענט מיין „שיר“... מיינע „שירים“...

— יא, איך האב געלייענט, נאר איך פערשטעה ניט כמעט איין ווארט... די ווערטער פערשטעה איך, נאר דעם פשט ווייס איך ניט... מיין עצה איז, איהר זאלט שוין מעהר אזעלכע שירים ניט שרייבען, און איבערהויפט קיין דיכטונגען ניט שרייבען, מחמת דאס איז ניט פאר אייך... איהר זענט נאך צו יונג און קענט נאך גאנץ ווינציג און פערשטעהט נאך זעהר ווינציג וואס בעדייט דאס ווארט דיכטונג אדער דיכטער... און וואס אייער לעהרער שרייבט מיר אויף אייך, אז איהר זענט א „משורר“, א טאלענטפאלער פאעט, וואונדערט דאס מיך קארג וואס, מחמת ער איז פון תמיד געווען א פאנטאסט, דאס הייסט א שטיק משוגענער, און ניט

אומזיסט האט מען איהם ארויסגעטריבען פון דער ראבינער־שולע... ער שרייבט מיר איך זאל איך געבען שטיצונג און זאל זעהען געבען איך א וועג צו דער אמת׳ער השכלה, צו דער ווירקליכען בילדונג... וואס קען איך טהון מיט אזעלכע 2 קליינשטעדטעלדיגע חדר־יונגלעך, וואס קענען נאך אפילו קיין ווארט רוסיש ניט ?... קיין ישיבה איז דא ניטא, און ליידיגגעהערס האט מען דא פיינד... וואס קען איך איך העלפען? איך קען איך ניט העלפען מיט גאר ניט !...

חי פייער, ווי שוועבעל זענען געוועזען ביי אונז די דאזיגע ווערטער, און מיר זענען געבליבען זיצען ווי די טאקען און טרעהרען האבען זיך אונז געשטעלט אין די אויגען !... מיין גייציגער חבר, וואס האט זיך תמיד ליעב געהאט ארויסצושטעלען פאר אונז ביידע, איז אויפגעשטאנען פונ׳ם דיוואן און מיט ברענענדיגע אויגען פאר הארצווייטיג און פאר כעס, האט ער זיך געווענדעט צום ראבינער מיט דער דאזיגער שיינער רעדע, פון וועלכע איך בין נתפעל געווארען:

— א, איהר געפעסטעטע, געבאלעוועטע לייט! האט ער אנגעהויבען מיט גרויס קוראזש, — א, איהר גרויסארטיגע מענשען, וואס איהר זיצט אין די הויכע פאלאצען אונטער די גילדענע סטעלים! א, איהר אויסגעלאזטע מענער, וואס איהר פערבייט דעם אמת אויף א גלאז וויין און פערקויפט אייער גאט פאר א טאפ לינדזען! א, איהר מפונקים, וואס איהר ביקט זיך צו דעם גאלדענעם קאלב און טהוט פערגעסען אין די גרעסטע, עדעלסטע, הייליגע געפיהלען פון דעם מענשענס הארצען, וואס איז בעשאפען געווארען אין דעם געשטאלט פון גאט אליין און דער אלמעכטיגער שעפער האט אין איהם אריינגעבלאזען א פונק פון...

דא האט זיך אויפגעעפענט די טיהר און עס איז אריינגעקומען א שענער ברונעטער יונגער־מאן, זעהר א לעבעדיגער און פרעהליכער פון א יאהר 20, בלוט און מילך. דער ראבינער האט עפעס צו איהם א ווינק געטהון מיט איין אויג און דער יונגער־מאן האט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש און מיין בעריידעוודיגער חבר האט אלץ ווייטער גערעדט און געזי־

דֶעלְט דִי דָאזִיגֶע צוּפְרִידֶענֶע, צֶעבַּאלֶעוֶועטֶע מֶענְשֶׁען אוּן הָאט גֶעמַאכְט
בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה מִיט דִי הֶענְד אוּן דָאס פָּנִים הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אַזוֹי צוּ־
פְלַאקֶערְט, אַז וֶוער עֶס הָאט אִיהם אַצוּנְד נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, דֶער קֶען נִישְׁט
הָאבֶּען קֵיין בֶּעגְרִיף פוּן אַיין אֱמֶת׳עֶן אָרַאטָאר (רֶעדְנֶער), וֶוען עֶר צֶער־
הִיצְט זִיךְ אוּן הוֹיבְּט אָן צוּ שִׁיטֶען מִיט פְלַאם־פַייֶער !... דֶער יוּנְגֶער־מַאן
(דָאס אִיז גֶעוֶוען טַאקִי דֶעם רַאבִּינֶערְס אַ זוּהְן) הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּם
פָאטֶער, עֶר זָאל אִיהם אוֹיפְקְלֶערֶען, וָואס אִיז דָא אַזֶעלְכֶס גֶעשֶׁעהְן. דֶער
רַאבִּינֶער הָאט אִיהם שְׁטִיל, אוֹיפְ׳ן אוֹיעֶר, אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִי גַאנְצֶע גֶע־
שִׁיכְטֶע פוּן דֶעם בְּרִיעף מִיט דֶער דִיכְטוּנְג, אוּן דֶער יוּנְגֶער־מַאן הָאט זִיךְ
צוּנָאסֶען פַאר גֶעלֶעכְטֶער אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען מַיין חָבֵר עֶר זָאל אִיהם וַוייזֶען דֶעם בְּרִיעף פוּן דֶעם לֶעהְרֶער מִיט דֶעם שִׁיר פוּן מַיין חָבֵר... מַיין
אַרְיֵה לֵיב הָאט זִיךְ לַאנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט בֶּעטֶען (אַ פָּאעֶט, וָואס הָאט אִין
זִיךְ דֶעם הֵיילִיגֶען פוּנְק, טָאר זִיךְ נִיט לָאזֶען לַאנְג בֶּעטֶען...) אוּן הָאט
נָאךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פוּנ׳ם בּוּזֶעם דֶעם גַאנְצֶען פַּאקֶעט אוּן הָאט
אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, דֶעם יוּנְגֶען־מַאן, וֶועלְכֶער הָאט זַיי גֶעלֵייעֶנְט, אוּן
גֶעלֵייעֶנְט, גֶעלַאכְט אוּן גֶעלַאכְט, זִיךְ פָּשׁוּט גֶעהַאלְטֶען בַּיים בּוֹיךְ פַאר גֶע־
לֶעכְטֶער !... אוּנְז הָאט דָאס אַבִּיסֶעל פֶערְדְרָאסֶען אֲפִילוּ, אוּן דָא הָאבּ אִיךְ
זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּן הָאבּ אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן דֶעם
יוּנְגֶען־מַאן, וָואס הָאט עֶר דָארְט אַזֶעלְכֶס דֶערְזֶעהֶען, וָואס עֶר „לֶעכֶערְט“
אִיהם אַזוֹי ? מַמָה־נַפְשָׁךְ, עֶס גֶעפֶעלְט אַייךְ נִיט, קָאנְט אִיהר דָאךְ זָאגֶען ;
וָואס דַארְף מֶען נָאךְ לַאכֶען אַזוֹי ?

— אַדְרַבָּא ! הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, — אַדְרַבָּא ! מִיר אִיז זֶעהְר
גֶעפֶעלֶען אַייעֶר לֶעהְרֶערְס בְּרִיעף, אוּן דֶער שִׁיר פוּן אַייעֶר חָבֵר אִיז דָאךְ
פָּשׁוּט אַיין אַנְטִיקֶעל, וָואס אֲפִילוּ אוּנְזֶערֶע בֶּעסְטֶע פָּאעֶטֶען, לֶעבֶּענְזָאהְן
אוּן גָארְדָאן, וֶועלֶען אַזוֹי מַייסְטֶערְהַאפְט נִיט אָנְשְׁרַייבֶּען ! אַזוֹי קוּנְצִיג ! אַזוֹי
שֶׁעהְן ! אַזוֹי אֱמֶת !...

דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען אוּנְז שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען אוּן מַיין אַרְיֵה
לֵייבּ אִיז כִּמְעַט צוּגַאנְגֶען פַאר שִׂמְחָה.

— דָאס אִיז נָאךְ בְּלַאטֶע! הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָוענְדֶט צוּם יוּנְגֶען מַאן ווי צו אֵיין אַלְטֶען בֶּעקַאנְטֶען, — דָאס אִיז בְּלַאטֶע! אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶען שִׁיר פוּן דֶעם! עֶר הֵייסְט: „וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה“ אוּנ עֶס וָועְרְד דָארְט בֶּעשְׁרִיבֶּען, ווי אַזוֹ דִי זוּנְן הָאט חֲתוּנָה פַאר דֶער לְבָנָה.

— טַאקֶע בֶּאֱמֶת? הָאט אִיהם דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעפְרֶעגְט, — אַךְ, עֶס דַארְף דָאךְ זַיין עֶפֶּעס גָאר אַ חִידוּשׁ נִפְלָא! קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אִין מַיין חֶדֶר אַרַיין, קוּמְט, שֶׁעמְט אַייךְ נִיט!...

— גְרִישַׁא! הָאט אִיהם דֶער רַאבִּינֶער גֶעזָאגְט ווי מִיט אַ בֵּייזֶער, גְרִישַׁא!...

— נוּ — נוּ! הָאט אִיהם גְרִישַׁא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר אוּנ הָאט אוּנְז אַרַיין גֶעלָאזְט אִין אַ גְרוֹיסֶער זַאל אַרַיין, דוּרְךְ וָועלְכֶער עֶר הָאט אוּנְז דוּרְכְגֶעפִיהְרְט (מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען טְרִיט בַּיי טְרִיט: מִיר הָאבֶּען שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אַ פַאל...) אוּנ אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין אַ בֶּעזוּנְדֶערֶען חֶדֶר, וואו עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען שַׁאפֶּעס מִיט סְפָרִים, אַ טִישׁ מִיט בִּיכֶער אוּנ מִיט פַּאפִּירֶען, דִי וָוענְד בֶּעשְׁלָאגֶען מִיט לַאנְדְשַׁאפְטֶען אוּנ מִיט פָּארְטְרֶעטֶען פוּן גְרוֹיסֶע לַייט, דָארְט זֶענֶען גֶעזֶעסֶען נָאךְ 2 יוּנְגֶע לַייט מִיט שְׁרֶעקְלִיךְ לַאנְגֶע הָאר; זֵיי הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶערֶעדְט אוֹיף אַזַא מִין שְׁפְּרַאכֶע וָואס נִיט אִיךְ נִיט מַיין חָבֵר הָאבֶּען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט; מִיר הָאבֶּען שׁוֹין בַּיי זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען, אַז דָאס מוּזֶען זַיין רוּסֶען אָדֶער דַייטְשֶׁען; נָאר פְּלוּצִים הָאט גְרִישַׁא צוּ זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען אוֹיף פְּרָאסְט יוּדִישׁ אוּנ הָאט אוּנְז פָארְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים מִיט דִי דָאזִיגֶע וָוערְטֶער:

— אָט דָאס זֶענֶען 2 יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען, מַשְׂכִּילִים פוּן אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל, פוּן מַאזֶעפֶּעווְקֶע, זֶעהר טַאלַאנְטְפָאלֶע הֶעבְּרֶאאִיסְטֶען אוּנ פָּאעֶטֶען! עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא בַּיי זֵיי 2 גְרוֹיסַארְטִיגֶע פָּאעֶמֶען: אַ גֶעזַאנְג אִיבֶּער וַויין אוּנ... אוּנ... אוּנ...

„וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה!“ הָאט מַיין אַרְיֵה לֵיבּ פַאר אִיהם גֶעעֶנְדִיגְט.

— יָא, „וַיְהִי בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה“, וואו עֶס קוּמְט פָאר זֶעהר אַ שֶׁענֶע סְצֶענֶע, ווי דִי לְבָנָה הָאט...

— ווי די זון האט התוה פאר דער לבנה... האט איהם מיין חבר פארעכט...

צווישען דער קאמפאניע יונגע לייט איז געווארען גאנץ פרעהליך און מיר זענען איך לעבעדיגער געווארען און זענען מיט דעם גרישען געווארען גיך פאני-בראטע; ער האט געשאפט מע זאל דערלאנגען טהע און האט אונז געגעבען צו פאפיראסען, אזוי אז מיר זענען דא באלד געווארען היימיש און האבען זיך אנגעהויבען צופרעגען ביי זיי אויף די גדולי הדור, די מפורסמ׳דיגע לייט, די מחברים, די רעדאקטארען. גרישא האט אונז צוגעזאגט אז ער וועט אונז גיך בעקאנטמאכען מיט אלע גרעסטע לייט און מיר זענען געווען איבערגליקליך!... נאר איין זאך האבען מיר ניט געקאנט פערשטעהען: פאר וואס לאכט אזוי דאס דאזיגע שטוב מיידיל, וואס זי שמייכעלט כסדר די צעהן ווען זי טהוט אויף אונז א קוק! עס איז דא זאכען אויף דער וועלט, וואס ניט אזוי גיך קען מען זיי פערשטעהען...

דאס זעקסטע קאפיטעל.

(מע טראגט זיך ארום מיט אונזערע פייגעלעך און מע קוועלט גאר אן פון זיי!).

וואס האט איין אונז אט דער דאזיגער גרישא אזעלכס דערזעהען — פארשטעה איך נישט! ער האט זיך מיט אונז ארומגעשלעפט ווי מיט עפעס רעכטס; ער האט אונז באקענט מיט א סך יונגע לייט — זיינע חברים און מיט עפעס א מיידיל, וואס זי האט געהייסען מיט דעם נאמען „יעליזאבעטא“, אפילו נישט קיין מיאוסע נקבה, נאר אביסעל צו איין אויסגעלאסענע, דהיינו זי האט גאנץ אפטליך געשמייעסט מיט גרישא׳ן און האט פמעט כסדר געלאכט... מיין אריה ליב וואס איז גיך געווארען מיט גרישא׳ן א גוטער ברודער, האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האט טאקע א פרעג געטהון ביי איהם:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס איך וועל אייך אקארשט פרעגן: וואס קער זיך מיט אייך אן אט די דאזיגע נקבה? זי איז אייערע א שוועסטער, צו א כלה, צו א... א... איך ווייס וואס?

גרישא האט אונז געענטפערט, אז זי איז ניט קיין שוועסטע־רייגע און ניט קיין כלה, נאר אזוי א „נוטע־בעקאנטע“, א געבילדעט פריילין.

— אגוטע בעקאנטע? — זאג איך צו מיין אריה־ליבן — וואס זאגסטו דערויף?

— שולמית! מאכט צו מיר אריה ליב און פארקאטשעט די אויגן ארויף.

די דאזיגע שולמית האט געהאט א פאר בלויע אויגן מיט לאנגע שווארצע ברעמען מיט לאנגע טונקעלע האר, און אליין איז זי געווען הויך און שען און אנגענעהם אז עס איז פשוט געווען א מחיה־נפשות צו קוקן אויף איהר, ובפרט אז זי האט גערעדט אדער געלאכט מיט א קלינגענדיג געלעכטער, האט זיך איהר קול צוגאנגען אין יעדען אבר!... גרישא האט אונז א פרעג געטהון צו האבען מיר ליעב פיאנע, מוזיקע, הערען ווי מע שפיעלט אויף איין אינסטרומענט...

— א א א? כלי־זמר? האבען מיר איהם געענטפערט — פאר וואס ניט? מיר האבען זעהר ליעב כלי־זמר! ביי אונז אין מאזעפעווקע איז דא „סראלי פידעלע“, האט ער א קליין מעשען פידעלע, וועלכעס מע זאגט אז עס קומט אמאל די צייט שפיעלט עס אליין פון זיך... נאך דער חופה, צו דער גילדערנער יויך, אז „סראלי פידעלע“ נעמט דאס מעשענע פידעלע און שפיעלט „א בעטלער“, קען מען טאקע צוגאנגען ווערען און פלאצען פון גרויס פערגניגען!...

— נו, אויב אזוי, זאגט גרישא — וועט איהר באלד הערען נאך שענערס פון „סראלי פידעלע“ און ער האט עפעס א זאג געטהון אויף דייטש צו דער יעליזאבעטא, און זי איז ארויסגעגאנגען אין דעם צווייטען צימער אריין און אין גיכען האבען מיר דערהערט עפעס אזעלכע משונה קולות, אזעלכע זיסע טהייערע קולות, וואס קריכען גלייך אין הארצען

אַריין! אַט הערען מיר ווי אַ גאַנצע „קאַפּעליע" כּלי־זמר טהוען אַ קלאַפּ, אַט הערען מיר ווי עס ווערט שטילער און שטילער און עס זינגט עמיצער, און וויינט און קרעכצט, און חליפּעט, און ווערט ווייטער פרעהליכער, לעבעדיגער און ווי אַ סך מענשען זינגען אַלע צוזאַמען, און אַט זינגט ווייטער עמיצער אַליין, אַזוי טרויריג, אַזוי זיס, אַז עס ווערד אונז קאַלט דאָס גאַנצע בלוט און אַ פראָסט געהט אונז איבער אויפ'ן לייב, און דאָס האַרץ קלאַפּט און קלאַפּט...

— דאָס שפּיעלט אַזוי יעליזאַבעטע אויפ'ן פּאַרטאַפּיאַנאָ — ענט־פערט ער אונז — קומט וועט איר זעהען! —

מיר געהען אַריין אין דער גרויסער זאַל אַריין און זעהען פאַר זיך ביי אַ גרויסען לאַנגען טיש מיט אַ שפּיין זיצט „די יעליזאַבעטאַ" און קלאַפּט מיט די פינגער אויף קליינע ווייסע ביינדעלעך און זינגט זיך אַליין צו, און פון איהרע הענד געהען דאָס אַרויס אַט די דאָזיגע זיסע קולות!... אונזער וואונדערען זיך, אונזער איבעראַשונג בין איך גאָר ניט אימשטאַנד איבערצוגעבען אצונד מיט דער פען! דאָס זענען געווען עטליכע הויכע געהויבענע, היילינגע מינוטען אין אונזער לעבען, אין וועלכע מיר האָבען פאַרגעסען אַלץ אויף דער וועלט, און אונזערע אויערען, אונזערע הערצער און אין גאַנצען אונזער לייב זענען דערוואַרעמט און דערפּולט געוואָרען מיט די דאָזיגע גרויסאַרטיגע, זיסע, געשמאַקע געזאַנגען, וואָס דאָס דאָזיגע מיידעל האָט אַזוי בריה'ש אויסגעצייכענט אַרויסגעצויגען פון דער פּיאַנע און פונים האַלז! אָ, דעם דאָזיגען ערשטען געזאַנג וועלען מיר ניט פאַר־געסען ווייל מיר וועלען לעבען! מיר זענען נאָכדעם אין אַ צייט אַרום גע־ווען אויף די גרעסטע קאָנצערטען פון די בעסטע אַרטיסטען אויף דער וועלט, נאָר דאָס וואָס מיר האָבען געהערט און דאָס וואָס מיר האָבען גע־פיהלט אצונד, האָבען מיר שוין מעהר קיינמאָל נישט געהערט און נישט געפיהלט אויף אונזער לעבען!... פערשטיינערטע, אָהן לשון, בלאַסע, זענען מיר געבליבען שטעהן אויף איין אָרט און האָבען גאָר נישט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערען גרישען אויף זיינע פראַגען, צו געפעלט אונז דאָס שפּילען... מיר האָבען זיך אויפגעכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען „די

„יֶעלִיזַאבֶּעטַא“ אָדֶער דִי שׁוּלַמִית אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּנ׳ם בֶּענְקִיל אוּנ הָאט מִיט אִיהרֶע לִיכְטִיגֶע אוֹיגֶען אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיף אוּנְז, אוּנ גֶעלַאכְט... וָואס הָאבֶּען מִיר גֶעהַאט צוּ עֶנְטְפֶערֶען? מִיר וָואלְטֶען גֶעוָואלְט אַז „זִי“ זָאל כְּסֵדֶר זִיצֶען אוּנ כְּסֵדֶר שְׁפִּיעלֶען אוּנ זִינְגֶען כְּסֵדֶר אָהן אַיין אוֹיפְהֶער אָהן אַיין עֶק!!!...

נִישְׁטָא אַ פָּנִים, קַיין שְׁטֶענְדִיגֶע זַאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד! אַ שֶׁעהנֶער גְלַאנְצֶענְדֶער שְׁטֶערְן פְלִיהט דוּרךְ פַארְבַּיי אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אוּנ אַנְטְלוֹיפְט; אֲפִילוּ דֶער רֶעגֶענְבּוֹיגֶען, אוֹיף וֶועלְכֶען מִיר, חֵדֶר־יוּנְגְלֶעךְ, פְלֶעגֶען קוּקֶען מִיט פֶערְגְנִיגֶען אוּנ מַאכֶען אַ בְּרָכָה „זוֹכֵר הַבְּרִית“, שְׁטֶעהט אוֹיךְ נָאר אַ פָּאר מִינוּט אוּנ וֶוערְד פֶערְשְׁוואוּנְדֶען... קַיין אוֹיג הָאבֶּען מִיר נִיט אָראבְּגֶע־לָאזְט פוּן דֶער דָאזִיגֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער יֶעלִיזַאבֶּעטַא! זִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַא־נֶען, צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אִיהרֶע שֶׁענֶע, לַאנְגֶע הָאר, אַ וָוארְף גֶעטְהוּן מִיט אִיהר שֶׁענֶעם קָאפּ, אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעטְהוּן צוּ אוּנְז מִיט אִיהרֶע לִיכְטִיגֶע הִימִילְדִיגֶע אוֹיגֶען — אוּנ אִיז פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען...

גְרִישַׁא אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי אַבִּיסִיל בֶּעגְלֵייטֶען אוּנ מִיר זֶענֶען אַרַיינְ־גֶעגַאנְגֶען צוּ גְרִישֶׁען אִין קַאבִּינֶעט אַרַיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פֶערְטִיעפְט אִין גֶעדַאנְקֶען אוּנ מַיין טַאלֶענְטְפָאלֶער חַבֵר הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעחַאפְּט צוּ דֶער פֶּען (דִי פֶּען אִיז גֶעוֶוען זַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אוֹיף דֶער וֶועלְט!) אוּנ הָאט אוֹיף דֶער גִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ לִיעד מִיט׳ן נָאמֶען „שׁוּלַמִית“. דָאס לִיעד הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַזוֹי:

וִוי שֶׁעהן אוּנ וִוי זִיס
בִּיסְטוּ, טְהַייעֶרֶע כַּלָה! —
בִּיסְט, חָלֶעבֶּען, נִישְׁט מִיאוּס
אוּנ קְלִיגֶער פוּן אַלֶע!...

אוּנ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאט זִיךְ דָאס מִיט דִי וֶוערְטֶער:

קוּם אַהֶער! קוּם אַהֶער!
גֶעה נִיט אַוֶועק!
וֶוען אִיךְ זֶעה דִיךְ נִיט מֶעהר,

[ש״ע, אלע ווערק. I. 4].

שְׁטאַרְבּ אִיךְ אַוֶעק !...

אוֹי, שׁוּלַמִית! שׁוּלַמִית !...

עֶס וָואלְט נָאךְ בַּיי אִיהם גֶעגַאנְגֶען אוּנ גֶעגַאנְגֶען וִוי אַ מִזְמוֹר, וָואר פְּלוּצִים הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעסְטַאיֶעט קַיין גְרַאם צוּם וָוארְט „שׁוּלַמִית“. הָאט עֶר גֶענוּמֶען בַּייסֶען דָאס הֶענְטִיל פוּן דֶער פֶּען אוּנ זוּכֶען מִיט דִי אוֹיגֶען אוֹיף דֶער סְטֶעלִי דָאס וָוארְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ גְרַאמֶען: „שׁוּלַמִית“ — דֶער מַאמֶעס... „שׁוּלַמִית“! דוּ הַארֶעמְסְט וִוי תַמוּז!... עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען לַאנְג אַזוֹי אָבְּגֶעזֶעסֶען, גֶעפְרֶעגְט בַּיי דֶער סְטֶעלִי אַיין עֵצָה, אוּנ חָאטְשׁ אֲפִילוּ זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען גֶעגְלִיכֶען צוּם יַם וָוען דִי אִינְדֶען צוּבּוּשְׁעוֶוען זִיךְ פוּן אַ שְׁטוּרְם-ווִינְד, אוּנ חָאטְשׁ זַיין קְלוּגֶער קָאפּ אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט טְהַייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ מַחְשָׁבוֹת'ן, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר פָּארְט נִיט גֶעקָאנְט פֶּע-לֶענְגֶערֶען דֶעם שִׁיר אַלְס אִיבֶּער דֶעם וָוארְט „שׁוּלַמִית“, וָואס הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָאלְט גְרַאמֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן!... יָא, אַז וואוֹהל אִיז אוּנְז, דִי לֶעזֶער, צוּ לֵייעֶנֶען דָאס גְרֵייטֶע; אָבֶער דֶער פָּאעֶט, אַז אָךְ אוּנ וֶועה אִיז אִיהם! אַז עֶר דַארְף שְׁלֶעפֶּען פוּן דֶער פֶּען אוּנ פוּן דֶער סְטֶעלִי דִי גְרַאמֶען — פֶּערְלוֹיפְט אִיהם גֶעבִּיךְ מִיט בְּלוּט, אוּנ צוּם סוֹף לָאזְט זִיךְ אוֹיס, נֶעהְמְט אִיהם דֶער קְרִיטִיקֶער אוּנ מַאכְט פוּן אִיהם אַ תֵּל-עוֹלָם!... אָ, קְרִיטִיקֶער, קְרִיטִיקֶער! וֶוען אִיהר זָאלְט פְרִיהֶער אַלֵיין זַיין פָּאעֶטֶען וָואלְט אִיהר שׁוֹין גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי נָאכְדֶעם יֶענֶעם צוּ קְרִיטִיקִירֶען!...

עֶס וַוייזְט אוֹיס, אַז אוּנְזֶער גְרִישַׁא אִיז אַמָאל אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ פָּאעֶט, מַחְמַת דָאס לִיעֶדִיל פוּן מַיין טַאלַאנְטְפָאלֶען חָבֵר אִיז אִיהם אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען, אַז עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבֶּען צוּ זִיךְ אִין אַ בִּיכֶעל אַרַיין אוּנ הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט לְמַע״ה וַוייזֶען דָאס דֶער מַאמְזֶעל יֶעלִיזַאבֶּעטֶע. בַּיי דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער אִיז מַיין אַרְיֵה לֵיבּ גֶעוָוארֶען רוֹיט וִוי אַ רוֹיז אוּנ זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ צוּבְּרֶענְט, וִוי אָנְגֶעצִינְדֶענֶע הַבְדָלוֹת... עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ הָאט אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן גְרִישֶׁען, וֶוען וֶועט „זִי“ ווִידֶער זַיין דָא אוּנ וֶוען וֶועט „זִי“ נָאכְאַמָאל שְׁפִּילֶען אוֹיף דֶעם דָאזִיגֶען לַאנְגֶען כְּלֵי-זֶמֶר (פָּארְטָאפִּיאָנָא)?

— מאָרגען — האָט איהם גרישא געענטפערט מיט א געלעכטער — מאָרגען! היינט וועט זי זיין אין טהעאַטער, איך וועל אויך זיין אין טהעאַטער; אפשר ווילט איהר אויך געהן אין טהעאַטער? איהר זענט געוועזען אַמאָל אין טהעאַטער?

— אין טריאַטער? האָבען מיר איהם אָבגעענטפערט; דאָרט וואו מע שפּיעלט „בלעגעניש“ מיט „ענגלישערייטער“?...

— ניין! ניט דאָס! טהעאַטער איז א פאָרשטעלונג, א שפּיגעל פון אונזער לעבען; מע פערשטעלט זיך, מע שפּיעלט, מע זינגט און מע טאַנצט — מיט איינעם וואָרט — טהעאַטער און גענוג!...

דעם אמת געזאָגט, האָבען מיר גאַנץ ווענינ פערשטאַנען פון דער דאָזיגער בעשרייבונג; דאָך האָט זיך אונז זעהר געלוסט צו זיין אין טהעאַטער.

— א מענש אין היינטיגע קלוגע צייטען אין דער געבילדעטער וועלט מוז זיין אומעטום! האָט צו מיר מיין חבר געזאָגט מיט אַזאַ נוסח, ווי א רבי רעדט מיט א תלמיד: — א מענש, וואָס האָט שוין פערזוכט דעם טעם פון די פּרות פון וויסענשאַפט, טאָר ניט דורכלאָזען דאָס מינדעסטע פונים מינדעסטען און דאַרף אַלעס זעהען, אַלעס וויסען, אַלעס פערשטעהן מיט זיין אייגענעם שכל און אַראָבלאָזען זיך ביז צום גרונד פון יעדער זאַך! אַזעלכער קאָן אָנגערופען ווערען מיט דעם נאָמען „משכיל“, „חכם“, „וועלט־מענש“ וכדומה...

נאָך בשעת מיר האָבען זיך געקליבען געהן אין טהעאַטער, האָט זיך מיר מיין חבר מודה געווען, אַז די נייע שטיוועלעך קוועטשען איהם שטאַרק אין די פינגער, אַזוי אַז עס זעצט איהם די אויגען פונים קאָפּ; נאָר אונזער נייגעריגקייט צו זעהן דאָס טהעאַטער איז געווען גרעסער און העכער פון אַלע געפיהלען אויף דער וועלט!

קומענדיג אין טהעאַטער האָבען מיר אפילו געהאַט אַ פּיסיל יסורים פונים שאַנדאַר, וואָס שטעהט ביי דער טיהר: ער האָט אונז בשום אופן ניט געוואָלט אַריינלאָזען, א פּנים איבער אונזערע נייע קאָסטיומען... אוי־

זיסט האָבען מיר איהם געזאָגט, אַז „גרישאַ דעם ראַבינערס" האָט אונז געשיקט! אומזיסט האָבען מיר איהם בּעוויזען, אַז מיר האָבען געלד אויף צו בּעצאָהלען! ער איז געוועזען שטאָל און אייזען!... בּיז גאָט האָט רחמנות געהאַט, מיר האָבען דערזעהן צופֿאָהרען גרישען מיט דער מאַמעלע יעליזאַוועטאַ!

— נו, חברה, וואָס שטעהט איהר דאָ? האָט ער זיך צו אונז אָנ־געריפֿען פֿרעהליך.

— דער „ווענעראַל" (גענעראַל) לאָזט ניט אַריין! האָבען מיר איהם בּתמימות געענטפֿערט.

— וואָסער גענעראַל?

— אָט דער וואָס שטעהט אָט בּיי דער טהיר! האָבען מיר איהם געזאָגט און אָנגעוויזען אויף דעם זשאַנדאַרם.

גרישאַ מיט יעליזאַוועטען זענען שיער ניט צוזעצט געוואָרען פֿאַר געלעכטער, דאָך זענען זיי געווען אונזערע אויסלייזערס; זיי האָבען אונז געקויפֿט די בּילעטען און האָבען אונז אָנגעוויזען וואוהין צו געהען — און אליין זענען זיי אַוועק געגאַנגען ווייטער ארומגענומען כּמעט ווי חתן־כּלה.

— „זי" איז געווים זיין כּלה! האָט צו מיר אריה ליב געזאָגט מיט גרויס פֿעדדראָס... זעה נאָר זעה, ווי ער קוועטשט זי בּיי דער האַנד און „זי" שפּאַרט זיך אין איהם אָן... עס איז אַ כּלה, ניט אַנדערש, ניט אַנדערש!...

אַ טיעפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויס געהאַפּט בּיי מיין טהייערען חבר פֿונ'ם טיפֿען האַרצען! — מיר זענען אַ צייט געגאַנגען אויף די טרעפּ אַליין העכער און העכער, בּיז אַ שווייצאַר מיט רויטהע הויזען האָט בּיי אונז צו־צוגענומען די בּילעטען (מיר האָבען זיך אַפֿילו מיט איהם אַבּיסעלע גע־ריינגעלט איידער מיר זענען מרוצה געוואָרען דערויף) און האָט אונז אָנ־געוויזען אויף אונזערע ערטער פּונקט אונטערען דאַך. — מיר האָבען ניט אויסגעפּיעט גוט אַרום קוקען זיך וואו מיר זענען און רעכט בּאַטראַכטען דעם גלענצענדען טהעאַטער מיט די טויזענדער ליכט און לאַמפּען, האָט זיך

שוין מַיין חַבֵר גֶעטְרָאפֶען אַ נֵס, פוּן וֶועלְכֶען עֶר אִיז אַרוֹיס גְלִיקְלִיךְ (אִיהם הָאבֶּען זִיךְ גֶעטְרָאפֶען נָאר נִסִים—אַ גְלִיקְלִיכֶער הָאז!...) דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ קוּרְצֶע מַעֲשֶׂה: אַרְיֵה לֵיבּ הָאט פַארְגֶעסֶען אוֹיס טְהוּן דֶעם צִילֶענְדֶערְהוּט, אִיז צוּ אִיהם צוּ גֶענַאנְגֶען אַ מֶענְשׁ אוּנ הָאט זִיךְ צוּ אִיהם גַאנְץ אֵיידֶעל אָנְגֶערוּפֶען:

— שַׁאפְּקָא דָאלָאי, זְשִׁיד פַּארְחַאטִי!...

נָאר מַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער אַרְיֵה לֵיבּ אִיז בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען פַאר־נוּמֶען מִיט דִי שְׁטִיוֶועל, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעךְ שְׁטַארְק דֶערְקוּטְשֶׁעט, הָאט עֶר אַזוֹי גִיךְ עֶפֶּעס נִיט אַיינְגֶעהֶערְט וָואס דֶער מֶענְשׁ הָאט אִיהם פָּארְגֶעלֶענְט; דֶער מֶענְשׁ אַפָּנִים הָאט זִיךְ פוּן זַיין זַייט גֶעפוּנֶען אַבִּיסֶעל בַּאלֵיידִיגְט, וָואס מֶע עֶנְטְפֶערְט אִיהם נִיט, הָאט עֶר לַאנְג נִיט גֶעקְלֶערְט אוּנ אִיז צוּגֶענַאנְגֶען צוּ מַיין אַרְיֵה־לֵיבּ'ן אוּנ הָאט אִיהם אַרָאבְּגֶעלָאזְט אַ פְּלַיאסְק אִיבֶּער'ן קַאפֶּעלְיָאשׁ, אַזוֹי אַז דֶער צִילֶענְדֶערְהוּט אִיז פַארְפְלוֹיגֶען גַאנְץ וַוייט צוּ אַ גְרוֹיסֶען פְּרֵיץ אִין אַ לָאזְשֶׁע אַרַיין אוּנ הָאט גֶעטְרָאפֶען עֶפֶּעס אַ מִין דַאמֶע גְלַייךְ אִין פָּנִים אַרַיין! דִי דַאמֶע הָאט גֶעחַלִישְׁט, דֶער פְּרֵיץ הָאט גֶעמַאכְט אַ רַעשׁ אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אַ שְׁטִיקֶעל עֵסֶק אִין טְהֶעאַטֶער אִיבֶּער מַיין חַבֵר'ס צִילֶענְדֶערְהוּט... דֶער גֶעפִילְדֶער אִיז אָבֶּער גִיךְ אַנְשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען, מַחֲמַת אַ גַאנְץ גְרוֹיסֶע קַאפֶּעלֶע מוּזִיק הָאט אַ שְׁפִּיעֶל גֶעטְהוּן אוּנ גָאר אִין גִיכֶען הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶער פָּאר־הַאנְג — אוּנ מִיר הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען...

עֶס אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען וָואס „מִיר" הָאבֶּען גֶעזֶעהֶן? אִיךְ בִּין דֶען אִים שְׁטַאנְד אִיבֶּערצוּגֶעבֶּען אוֹיף פַּאפִּיר דִי גֶעפִיהֶלֶען פוּן צְוֵויי קְלֵיינְשְׁטֶעדְטֶעלְדִיגֶע בְּחוּרִימְלֶעךְ, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אוֹיף זֵייעֶר לֶעבֶּען גֶעזֶעהֶן נָאר דְרַיי מַאזֶעפֶּעוֶוקֶער וַואסֶערְמִיהְלֶען אוּנ מֶעהר נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ חוּץ „סְרָאלִי פִּידֶעלֶע" שְׁפִּיעֶלֶען אוֹיפ'ן „מֶעשֶׁען פִּידֶעלֶע" אַ „בֶּעטְלֶער" אָדֶער אַ „פָּאנִי"... אוּנ בֶּערִיל בַּאם טַאנְצֶען אַ דַייטְשׁ, אוּנ מֶענְדִי לָאשַׁאק קַייֶען גְלָאז וּכְדוֹמֶה. אַזֶעלְכֶע אַנְטִיקְלִיךְ, וָואס מֶע קֶען זֶעהֶען נָאר בַּיי אוּנְז אִין מַאזֶעפֶּעוֶוקֶע... עֶס הָאט אוּנְז גֶעשְׁעמֶערְט אִין דִי אוֹיגֶען אוּנ

געזשומעט, געהודעט אין קאפ: „טידעראם־טראם־טראם! טידעראם טראם טראם“! וואס מע האט געשפילט און וועלכעס האט מען געשפילט ווייסען מיר ניט עד היום; מיר האבען נאר געזעהן קליינטשקע פיצעלעך מענטשעלעך דרעהען זיך ארום, זיי מאכען מיט די הענט; זיי בייזערען זיך און שרייען; זיי ווייגען און בעטען זיך איבער, און שרייען ווידער און לויפען אוועק; עס לויפען ארום אנדערע אויף זייער ארט און טהון אויך דאס געמליכע און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער...

— ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? מאכט צו מיר אריה ליב, סאמע אין דער מינוט, ווען צוויי קליינע מענטשעלעך שטעהען איינס אקעגען דאס אנדערע מיט שפיזען און ווילען זיך גאר דורס זיין, און נעבען זיי שטעהט איינע עפיס א נקבה, און זינגט און וויינט און שרייט און לאזט זיי ניט זיי זאלען זיך שטעכען.

— דהיינו וואס?

— איך רעכען אויסטהון דעם לינקען שטיוועל: ער מאכט מיר דעם טוידט! איך וועל דאס גאר ניט אויסהאלטען!...

ער האט אויסגעטהון איין שטיוועל און דעם אנדערען און איך האב ארויסגעזעהען, אז עס איז איהם געווארען א ליכט אין די אויגען... פאר פרייד האט ער אזש געביך אנגעהויבען וויינען!...

* *
*

ארום 12 ביינאכט האט זיך די שפיעל געענדיגט און מיר זענען געגאנגען אהיים, אין דער „פוילישע אכסניא“ געוויינטליך...

א רחמנות געווען צו קוקען אויף מיין אומגליקליכען חבר! ערשטענס איז ער דאך געבליבען אהן א היטעל, און צווייטענס האבען שוין די אויסגעטהונגע שטיוועל בשום אופן ניט געוואלט ארויף אויף די אנגעדראלענע פיס, אזוי אז ער האט זיי געביך געמוזט טראגען אין די הענד און געהן, מחילה, בארוועס.

— אאאאאא!!! חברה??? האט עמיצער אונטער אונזערע פלייצעס אויסגעצויגען אויף א קול און האט זיך אבגעשטעלט...

אך, ליבע לעזער, דאס איז געווען גרישא מיט „איהר“, מיט דער „כלה“, מיט „שולמית׳ן“, מיין איך מיט „עליזאבעטען“ !... ווי אזוי איז געווען מיין אומגליקליכען אריה ליב׳ן אויפ׳ן הארצען ? ! שטעלט איך פאר !...

— וואס איז דאס ?... אהן א היטעל ?... ווי אזוי ?... בארוועס ? ?...

מיט טרעהרען אין די אויגען האט איהם מיין אראבגעפאלענער חבר דערצעהלט, אלין וואס עס האט זיך מיט איהם פאסירט, און גרישא האט אזוי געטריי געלאכט, אז מיר האבען אויף איהם קוקענדיג אויך אנגעהויבען לאכען.

— איך ווייס ניט וואס איז דא פאראן אזעלכעס וואס מע דארף אזוי שטארק לאכען ! האט „זי“ איהם געזאגט און האט מיט גרויס רחמנות א קוק געטהון מיין חבר אין פנים אריין...

די לבנה האט זיך אויסגעפיינט אין דער דאזיגער נאכט, גלייך ווי זי האט געוואלט בעווייזען די גלענצענדע שטערן, אז צו איהר קענען זיי זיך ניט גלייכען... קיין ווינטעלע, קיין לופט האט ניט אנגעריהרט דאס שטילשווייגעניש פון דער דאזיגער שענער, לויטערער, ווארעמער נאכט... זעלטען, זעלטען האט מען געהערט ווי עס קאטשעט זיך ערגיץ ווייט איבער די שטיינער פון די גאסען א דראזשקעלע, עס קאטשעט זיך און קאטשעט זיך, עס ווערט ווידער שטיל, און מיר : — איך, מיין חבר, גרישא און „זי“ — געהן שטיל, ארויף א בארג, אלין העכער און העכער, — ביז מיר קומען אהיים, צום ווייסען מויער פונ׳ם ראבינער ; מיר בלייבען שטעהן... „זי“ געזעגענט זיך פריהער מיט גרישען, ער קוועטשט איהר שטארק, שטארק די האנד... נאכדעם געהמט „זי“ און גיט אונז אויך די האנד און קוקט אונז גלייך אין די אויגען אריין און עס ווייזט זיך אונז אויס, אז „זי“ קוקט אונז טיעף, טיעף אין הארצען אריין... אך, וואס איז דאס פאר א קוק ביי „איהר“ ?... וואס איז דאס פאר א פנים ?... וואס איז דאס פאר א זיס שמייכעלע ?... וואס איז דאס פאר ברעמען ?... וואס איז דאס פאר א טהייער, ווייך, ווייס, ווארעם הענטיל ביי „איהר“ ?... וואס איז

דאס פאר אויגען ?... וואס איז דאס פאר א קוק ?... א, געבענטשט איז דער מענש, וואס קוקען אויף איהם אט די דאזיגע אויגען! געבענטשט זענען די „דאזיגע" אויגען, וואס קוקען אויף יעדען מענשען גלייך, מיט רחמנות, מיט גוטסקייט, מיט ליעבע!...

— ט? וואוהין וועט איהר זיך שלעפען אזוי שפעט ביי נאכט? — מאכט צו אונז גרישא און פעררופט אונז צו זיך אויף נאכט־לעגער. עס פערשטעהט זיך, אז מיר לאזען זיך ניט לאנג בעטען און מיר געהען. אריינגעקומען, האט גרישא געשאפען מע זאל אונז באלד אויסבעטען אויף בענקליך. דאס לאכענדיגע מיידיל האט זיך נעביך געמוזט שטארק איינהאלטען און ניט לאכען און מיר האבען זיך בעלייגט איינס אקעגען דאס אנדערע אויף די צענויפגעשטעלטע בענקליך שלאפען.

א גאנצע נאכט האט אונז ביידען געחלומ'ט אפאר בלויע, שענע אויגען מיט א טהייער זיס שמייכעלע... מיר האבען זיך לאנג געקאטשעט פון איין זייט אויף דער אנדערער זייט, געפרעגט איינס ביים אנדערען:

— דו שלאפסט?

— ניין... נו, און דו?...

ניין, ניין! דאס איז שוין ניט געוועזען דער זיסער, געשמאקער שלאף פון די צוויי אומשולדיגע נפשות אויף דער „פוילישער אכסניא!..."

דאס זיבעטע קאפיטעל.

(וואו עס קומט פאר אזעלכס, וואס קיינער פון אונז קען זיך דאס גאר ניט פארשטעלען בשום אופן, נישט אויף דער וואהר און נישט אין חלום!...)

לעזער! אויב גאט האט דיך געבענטשט מיט א גליקליכען טאלענט און מיט א רייכער פאנטאזיע — נעם א ריעז פאפיר און שרייב אן איין „עכט אינטערעסאנטען" ראמאן אין פיער טהייל מיט איין עפילאג. איך גיב דיר דא א גרייטע קאנווא, איך גיב דיר פאדעם, זייד, בלוטשקע, אלערליי

מאטעריאלען... נעם נעה אויס וואס דו ווילסט, א מין קוויט אדער א בלום נאך דיין גוסט נאך — און לאז גאט געבען מיט הצלחה!... וואס געהט דיר אב? דו האסט דא צווי, דריי העלדען; דו האסט דא א שען מיידיל; דו האסט דא אלץ וואס דו דארפסט!... נעם דאס מיידיל און הייס איהר לאז זי זיך איינליעבען אין מיין חבר אריה ליב... לאז אריה ליב ווערען א סטודענט... לאז גרישא דערפון אנהויבען קריינקען און מאכען א שטארב (האפט איהם דער וואטען־מאכער! א דאנה א גרויסע?...) לאז יעליזאבעטע ליעב קריגען אריה ליב'ן... לאזען איהרע עלטערן (נאטירליך, מערדער, פערדארבענע מענשען!...) זי פערקנס'ן פאר איין אנדערען, פאר א חסיד... לאז אריה ליב'ס חבר אויך ליעב קריגען יעליזאבעטען... לאז ער איינגעבען אריה ליב'ן סם און לאז ער אויך אוועקשטארבען (א שענע ריינע כפרה!...) לאז יעליזאבעטע פאר צרות זיך אויפהענגען און אויך אבטראגען זיך פון דער וועלט (וואס קאן עס דיך ארען?...) לאזען איהרע עלטערען אויסגעהן ביי איהר אויפ'ן קבר פאר גרויס הארצווייטיג און גריזאטא (א מצוה אויף זיי!...) הכלל — לאזען מענשען פאלען אין די גאסען ווי די פליגען, ווי שטרוי, — אבי דו זאלסט בעשאפען א „טראגעדיע"!... אדער, פערקעהרט: לאז זיך יעליזאבעטע חתונה האבען פאר איהר געליעבסטען גרישא'ן (א רחמנות, הלעבען, אויף אזעלכע יונגע מענשען!...) לאז אריה ליב זיך אומקעהרען צוריק אהיים מיט זיין געטריייען חבר און לאזען זיי ווערען לייטען גלייך — דער א רב און דער א מלמד, ווי זיי שטעהט אן און לאזען זיך זייערע טאטע און מאמע פרייען קוקענדיג אויף זיי (וואס ארט עס דיך?...) לאזען יעליזאבעטס עלטערען לאנג לעבען און קלייבען נחת פון זייערע קינדער (עס קאסט דיך דען געלד?...) לאז זיך דער חתן דער חסיד געפינען זיין זווג און לאזען זיי זיך פרוכפערען און מעהרען און דערפילען דאס לאנד. מיט איינעם ווארט לאזען מענשען לעבען אויף דער וועלט און פרעהליך זיין, — אבי דו זאלסט בעשאפען א „קאמעדיע!"...

ואני, און איך, דער מחבר פון דער דאזיגער אמת'ער געשיכטע, איך בין נישט קיין ראמאניסט, נאר א היסטאריקער, וואס מוז אבהיטען

דעם אֱמֶת און הס־וְשָׁלוֹם ניט דורְכְלאָזען קיין שְׁפְּרֶענְקעלֶע, עס זאָל דער־פון חָלִילָה קיין רָעָה נישט אַרויסקומען דער וועלט; על כֵּן גֵעה איך מיר אַזוי טְריט ביי טְריט און דערצעהל זיך מיר ווייטער...

אויף מאָרגען האָבען מיר זיך געפֶעדערט צום טאָג, אַרָאָב פון די בֵּיינְקְלִיךְ, און האָבען זיך געזעצט איבערדערצעהלען איינער דעם אַנדערען פון אַלֶעס, וואס מיר האָבען זיך אָנגעזעהען און איבערגעפּידעלט אין דעם נעכטיגען טאָג. ווי אַ פּאַנאָראַמע זענען אונז פֶערביי־געגאַנגען אַלע בילדער מיט אַלע קְלֵיינִיגְקייטען: דער „שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר“, די קלייט־מְשָׁרְתִים, די „בְּגָדִים“ וואס מע האט אונז אַריינגעשטופּט, דאס טהעאַטער מיט'ן צילענ־דער און מיט די ענגע שטיוועל — און עס האט איהז אַזוי שטאַרק אָנגענומען אויף צו לאַכען, גְלַייךְ ווי עס געהר זיך גאָר מיט אונז ניט אָן!

— ער פליהט, האַ־האַ־האַ!... איבערן גאַנצען טהעאַטער, האַ־האַ־האַ!... אַריין גְלַייךְ דעם פְּרֵיץ אין לאָזשע אַריין — הי־הי־הי!...

אַזוי האט זיך מיין פרעהליכער חבר געריסען די קישקעס פאַר גע־לעכטער, איבערדערצעהלענדיג אַלע עפּיזאָדען וואס מיט אונז האט זיך פּאַסירט אין דעם פאָריגען טאָג.

— וואס וועסט דו אָבער טהון אַצונד, אַרְיֵה לֵיבּ, אָהן אַ היטעל און אָהן שטיוועל?

— האַ? לאָם איך אַזוי וויסען פון בייז, האַ־האַ־האַ!... איך זעה ער פליהט! הי־הי־הי!... גְלַייךְ צום פְּרֵיץ, האַ־האַ־האַ־האַ!!!...

— וואס פאַר אַ בייזער געלעכטער עס איז אָנגעפאַלען אויף די דאָזיגע צוויי שלעפּערס! האט זיך אָנגערופען די קעכין צום לאַבענדיגען מיידיל, וואס האט נאָך גאַנץ געשמאַק געחראָפּעט... מיר זענען באַלד שטיל אַנשְׁוויינגען געוואָרען ווי די טייבעלעך און האָבען זיך גענומען אָנ־טהון אונזערע גרויסאַרטיגע מַלְבּוּשִׁים'לעך; מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט, אַז מיר האָבען געגעכטיגט מְחִילָה אין איין חֶדֶר צוזאַמען מיט דער קעכין און מיט דעם לאַבענדיגען דיענסט־מיידיל, וואס מיר האָבען פאַר איהר שְׁטְשֶׁערען די ציינער פיינד געקריגען מיט דעם גאַנצען האַרצען!

— וואו זענען דאָ ערגעץ די צוויי מאַזעפּעווקער בּחורים'לעך? האָט אַ רְעג געטהון עמיצער געעפענט די טיר.

— וואָס איז? האָט זיך מיין חבר אַרויסגעשטעלט. וואָס דאַרפט איהר זיי? אָט דאָס זענען זיי; אָט דאָס זענען מיר; איך מיט מיין חבר, אָטאָ...

— נעמט צו! האָט יענער געזאָגט צו אונז אַריינגעוואָרפען אין שטוב אַריין אַ גאַנץ קלומעקעל. נעמט! דאָס האָט מען אייך געשיקט פון „פרידענשטאַט“.

אונזער וואונדערען זיך האָט נישט געהאַט קיין בּרעג: וואָס איז דאָס פאַר אַ פרידענשטאַט? פון וואַנען ווייסט ער אונז? און וואָס איז דאָס פאַר אַ קלומעק, וואָס ער האָט אונז געהייסען איבּערגעבּען?...
אונזער איבּעראַשונג איז אָבּער נאָך גרעסער געוואָרען, ווען מיר האָבּען אויפגעבּונדען דאָס פּעקעל און אַרויסגענומען פון דאָרטען צוויי זעהער פיינע קאָסטיומען, געטראָגענע, נאָר גאַנצע, צוויי היטעלעך כּמעט שפּאָגעל נייע, צוויי פּאָר שטיוועל, צוויי ווייסע געפּרעסטע העמדער אויף אונזער מאָס גלייך ווי אָנגעמאָסטען!... ווי די הילצער זענען מיר געבּליבּען שטעהן מיט די דאָזיגע אומגעריכטע מתּנות אין די הענד און האָבּען לאַנג געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען מיט שטאַרק אָפענע אויגען!

— וואָס הייסט דאָס איך בּעט דיך? וואָס בּעדייט עס? און וואָס פאַר אַ פּשט האָט דאָס? און ווי אַזוי רופט מען דאָס? האָט זיך צו מיר אַריה ליב פערוואונדערט אָנגערופען.

— זעה נאָר אַבּיסעל ווי זיי שטעהן ווי די קלעצער! רופט זיך אָן די קעכין צו זיך אַליין; מחמת דאָס לאַבּענדיגע מיידיל האָט נאָך אַלין געהאָרכט.... — טהו נאָר אַ קוק, איך בּעט דיך ווי זיי פאַרשטעהן ניט, וואָס דאָס הייסט! דאָס האָט מען אייך פון דעם שכן, פון פרידענשטאַט אַריינגעשיקט די אַלטע הויזען... דאָס קען זיין די מאַדאַם פרידענשטאַט אָדער די עלטערע טאָכטער, מסתּמא יעליזאַבּעטע...

„יעליזאַבּעטע“?! ווידער „איהר“ נאָמען?! ווי מיט פייער האָט דאָס אונז אַ בּריה געטהון!...

— די העיכט, אריה ליב! דאס האט „זי" אונז געשיקט! דאס האט
זי אונז געגעבן!... וואס זאגסטו דו דערויף?...

אריה ליב האט מיר דערויף נישט געהאט וואס צו זאגן: זיינע
אויגן האבן זיך אנגעפולט מיט טרערן!...

„א יעליזאבעטע, יעליזאבעטע! וואס האסטו דו מיט אונז גע־
טאן?!"...

אין א פאר שעה ארום האט מען אונז אריינגערופן אין דעם עס־
צימער אריין („סטאלאווע") טרינקען קאווע. ביי א גרויסן קיילעכדיגן טיש
איז געזעסן: דער ראבינער מיט צוויי גרויע שטיקלעך וואטע אין די אויערן,
מיט א יארמאלקעלע אויפן קאפ און מיט א בלאט צייטונג אין די הענט;
אויף אונזער „גוט מארגן" האט ער קוים אויפגעהויבן איין ברעם און
עפעס ארויסגעלאזט א בלאז פון די ליפן („גוט יאהר") און האט זיך
אזוי שטארק פערטיפט אין דער בלאטצייטונג, אז מע האט שוין קיין פנים
ניט ארויסגעזעהן... נעבן איהם איז געזעסן זיין פרוי, א גרויסארטיגע
גראבע דאמע מיט א גוזמא קרושעוקעס אויפן קאפ, אויפן האלז, אויף
די ארבל — אומעטום; זי האט אונז אנגעוויזן מיט די אויגן וואו זיך
אנידערצוזעצן און מיט דער רגע האט אונז דאס לאבענדיגע מיידיל צוגע־
טראגן צוויי גלעזער קאווע, און עס האט געזעצט זעהר א שמעקענדיגער
ריח גלייך אין נאז אריין. — זיצן ביי א קיילעכדיגן טיש און טרינקען
קאווע איז נאך ניט גאט ווייס וואס פאר איין אומגליק, ובפרט אז מיר
זענען שוין געווען אביסל אויסגעשוויטשעט אין דער וועלט און דערצו
נאך אנגעטהון ווי מענטשען, ווי לייטישע מענטשען, נאר דער אומגליק
איז געווען וואס פלוצים... האט זיך אויפגעעפענט די טיר און עס איז
אריינגעקומען אונזער גרישא מיט יעליזאבעטען מיט עפעס נאך א מיידעל,
א שווארץ מיידעל מיט גרויסע שווארצע אויגן, שווארצע האר און מיט
רויטע באקען. זיי זענען אריין געקומען אלע גאנץ פרעהליך, זיי האבן
זיך געווינטשט מיטן ראבינער און מיט דער מאדאם ראבינערשע. דא האט
דער ראבינער מיט גרויס טרחה אבגעריסען די אויגן פון דעם בלאט
צייטונג און האט אויסגעצויגן די פרעהליכע געסט צוויי פינגער פון זיין ווייס

הענטיל, נאכדעם האט ער איבערגעלייגט די שטיקלעך וואטע אין די אויערן און האט זיך ווידער איבערגעדעקט מיט דער בלאטצייטונג ווי מע דעקט זיך איבער מיט א ליילעך בשעת מע וויל שלאפן.

איך האב קיין מאל ניט געקאנט ארויסבלאזן פון מיין אומגליקלעכע אונז ליבן, וועלכער איז רויט געווארן ווי א צוויק. און די הענט האבן איהם אנגעהויבן ציטערן... דאך האט ער זיך געמאכט א הארץ און אנגענומען מיט אלע כחות ביי דער גלאז קאווע, צו ווייזן אז עס ארט איהם ווי דער פאראיאהריגער שנייא, עס מאגען אריינקומען אפילו זיבעציג יעליזאבעטעס ארט איהם אויך ניט !... "זי" האט אבער גאנץ גוט ארויס־געזעהן אז איהר אריינקומען האט אונז אביסעל איבערראשט, און נאך מעהר מיין חבר, וואס האט זיך פשוט געווארגען מיט דער קאווע... עס ווייזט אויס, אז "זי" האט רחמנות געקריגען אויף מיין חבר, וואס ער קומט געביך אזוי אב איבער איהר, מחמת גאר אין גיכען האט זי זיך צו איהם אנגערופען מיט איהר טהייער זיס שמייכעלע :

— נו, ווי געפעלט אייך דאס נעכטיגע שפיעלען אין טהעאטער ?...

מיין אריה ליב, וואס האט ביז אהער געהאלטען דעם קאפ איבער דער גלאז קאווע, האט אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף "איהר" און עס ווייזט אויס, אז ער האט איהר עפעס געוואלט ענטפערען, נאר ביים ערש־טען ווארט "איך"... האט ער זיך פארהוסט און פארחלינעט אויף א היב־שער ווייל און האט זיך אויפגעהאפט געוואלט אויסהוסטען זיך אן א זייט, נאר פאר גרויס אימפעט האט ער זיך א שלעכטען דרעה געטהון און האט אויסגעגאסען די גלאז קאווע אויפ'ן ווייסען טישטוך.

א גלאז קאווע אז עס גיסט זיך אויס איז פון די קליינע אומגליקען, מע גיסט אן איין אנדערע ; נאר א גלאז קאווע אז מע גיסט זי אויס אין דער פרעמד, אויף א ריינעם ווייסען טישטוך, און סע ווערד דערפון א שטיקעל סומאטאכע איז עפיס ניט אזוי איינגענעהמען, ובפרט אז עס זיצט אקעגען שולמית, מיין איך יעליזאבעטע... איך האב ארויסגעזעהן גאך אריה ליב'ס פנים, אז ווען סע עפענט זיך איהם דא א גרוב, לייגט ער זיך

אַרײַן אַ לֶעבֶּעדיגֶער. דאָס גְליק איז אָבֶּער גֶעוֶוען, וָואס שולַמִית, מַײן איך יֶעליזַאבֶּעטֶע, הָאט פַארשְטאַנֶען זַײן בִּיטֶער האַרְץ נֶעבּיך, הָאט זי זיך אוּיפְגֶעהַאפּט און הָאט אִיהם אָנְגֶענָאסֶען אַ פְּרִישֶע גְלָאז קאַוֶוע און הָאט אִיהם פַארְעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶערִיל, וִוי אִיהר שְטֵייגֶער איז:

— נִישְט קָשָה, נִישְט קָשָה! דָאס טְרֶעפְט זיך אָפְּט מִיט יָעדֶען יוּנְגֶען מֶענְטְשֶען אִין דֶער פְרֶעמְד.

אָ, יֶעלִיזַאבֶּעטֶע, יֶעלִיזַאבֶּעטֶע! אַ מַלְאָךְ פוּן גָאט קֶען דֶען בֶּעסֶער זַײן?...

נָאךְ דֶער קאַוֶוע איז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אויפְגֶעשְטַאנֶען און אַרַײנְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע אִין זַאל אַרַײן; נָאר דֶער ראַבִּינֶער הָאט זיך אַײנְגֶעוִויקֶעלְט אִין דֶער בְּלַאט צַײטוּנְג און איז גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען אויף זַײן אָרְט. גֶעהֶענְדִיג אִין זַאל אַרַײן הָאבּ איך בּאַטְרַאכְט מַײן לִיעֶבְּסְטֶען חָבֵר און בִּין נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען פוּן זַײן שֶענְקַײט אִין דֶעם נַײֶעם גַארְנִיטֶער, וֶועלְכֶע „זִי“ הָאט אִיהם גֶעשֶענְקְט; זַײנֶע בֶּעקֶעלֶעךְ הָאבֶּען זיך צוּפְלַאמְט און די שְוַוארְצֶע אוּיגֶען זַײנֶע הָאבֶּען גֶעגְלַאנְצְט וִוי בְּרֶענֶענְדִיגֶע קוֹילֶען! עֶר הָאט גֶעהַאט אַ בְּרֵייטֶען וַוײסֶען שְטֶערֶען, אַײן אויסְגֶעטָאקְטֶע נָאז מִיט אַ שֶענֶען, קְלֵיין מַײלְכֶען, וָואס יֶעדֶעס שֶען מֵיידֶעל וָואלְט זיך גֶעמֶעגְט וִוינְשֶען נִיט עֶרְגֶער; זַײנֶע זַײדֶענֶע דוּנְקֶעלֶע הָאר זֶענֶען גֶעלֶעגֶען צוּוָוארְפֶען אויפְ'ן קָאפּ און זַײנֶע בְּרֵייטֶע אַקְסְלֶען הָאבֶּען אִיהם צוּגֶעגֶעבֶּען פִיעל חֵן צוּ זַײן גְלַײךְ גִיךְ גַײנְגֶעל — מִיט אֵיין וָוארְט אַרְיֵה לֵיבּ איז גֶעוֶוען אַ חֲרִיפוּת, אַ שֵיינֶער, אַ שֵיינֶער בָּחוּר! יֶעלִיזַאבֶּעטֶע הָאט נִיט אוּמְזִיסְט גֶעקוּקְט אויף אִים מִיט אַזֶעלְכֶע אוּיגֶען. גֶעהֶענְדִיג הָאט „זִי“ אִיהם אַ זָאג גֶעטְהוּן שְטִילֶערְהֵייט:

— אַײעֶר לִיעדֶעל הָאבּ איך גֶעזֶעהֶן...

— מַײן לִיעדֶעל? הָאט זי מַײן חָבֵר אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט פֶערְוואוּנְדֶערְט... אִיהר קֶענְט דֶען הֶעבְּרֶאאִיש?

— אָ? נָאךְ וִוי אַזוֹי! איך הָאבּ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעלֵייעֶנְט מַאפּוּ, שוּלְמַאן, גָאטְלָאבֶּער, לֶעבֶּענְזָאהן...

— אִיהר הָאט גֶעלֵייעֶנְט מַאפּוּ? שוּלְמַאן? גָאטְלָאבֶּער? לֶעבֶּענְזָאהן?

— עס וואונדערט אייך? איך האב אמאל אליין אויך געשריבען העברעאישע ליעדער... איך האב אנגעהויבען שרייבען א "ראמאן"...

— איהר האט אליין געשריבען א "ראמאן"...

— סטייטש ווי דען? א גרויסען ראמאן אין דריי טהייל; ער האט געהייסען "בת־ציון"...

— ער איז געווען ערגעץ אבגעדרוקט? וואו איז ער געווען גע־דרוקט?

— ניין, ער איז נישט געווען געדרוקט אין ערגעץ; נאר איך קען צייך איהם ווייזען, ער ליגט ביי מיר אין קאסטען; איהר וועט זיין ביי אונז, וועט איהר איהם זעהן... איהר ווייסט וואו מיר וואהנען?... אט באלד, דאס צווייטע הויז... פרידענשטאט... אונזער פאמיליע איז פרידענ־שטאט... אונזער פאטער איז א פאדריאטשיק... ער זיצט בעשטענדיג אין פעטערסבורג... מיר זענען זיבען טעכטער... איך בין די עלטערע פון אלע... אט דאס איז אויך מיינע א שוועסטער... זי הייסט א נ ע ט ט א... ביי אונז איז דא א בעסערער פארטאפיאן אונ צו אונז געהען אריין די בעסטע יונגע לייט פון דער שטאדט... ביי אונז איז תמיד פרעהליך... ניט ווי אט דא... איהר זעהט ווי דער אלטער תרח זיצט כסדר איבערגעדעקט מיט א בלאט צייטונג (די דאזיגע ווערטער האט זי געזאגט מיין חבר שטיל כמעט אויפ'ן אויער, אזוי אז איהרע רויטע ליפעלעך האבען זיך שיער ניט אנגעריהרט אין מיין חבר'ס האר) ...

אויסער זיך זענען מיר געווען פון דערדאזיגער יעליזאבעטע, וועלכע האט זיך צופלאפעלט אונ האט אזוי פיעל גערעדט, אז דער קאפ האט זיך אונז אנגעהויבען דרעהען!... נאכדעם איז זי צוגעלאפען צום פארטא־פיאנע אונ האט אויף דערגיך אבגעהאפט עטליכע שטיקלעך אונ איז אנ־טלאפען, געזאגט אונז אויפ'ן וועג:

— למעה"ש היינט אויף דער נאכט אריין קומען צו אונז מיט גרישען.

ווי א גוטער חלום, וואס ווערד פארשווינדען תיכף ווי באלד מיר חאפען זיך אויף פונ'ם שלאף, אזוי איז געווען ביי אונז די דאזיגע יעלי־

זַאבֶּעטֶע, וָואס הָאט זִיךְ אַלֶע מִינוּט בַּאוִויזֶען פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען וִוי אַ מֶעטֶעאָר (אַ גֶעלֶענְצֶענְדֶער שְׁטֶערְן), אוּן אִיז וַוייטֶער אַנְטְלָאפֶען, בִּכְדֵי אוּנְזֶערֶע גֶעפִיהלֶען זָאלֶען מֶעהר צֶעהִיצְט וֶוערֶען, בִּכְדֵי אוּנְזֶער בְּלוּט זָאל מֶעהר דֶערְוַוארֶעמְט וֶוערֶען, בִּכְדֵי אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע קֶעפְּלֶעךְ זָאלֶען מֶעהר פַארְדְרֶעהט וֶוערֶען... אָ לֶעזֶער! דוּ הָאסְט כְּלַל קֵיין טָעוּת נִיט אוֹיב דוּ רֶעכֶענְסְט, אַז מִיר בֵּיידֶע, אִיךְ מִיט מַיין גֶערִיהמְטֶען חָבֵר אַרְיֵה לֵיבּ, וֶוענֶען שׁוֹין אַייְנְגֶעלִיעֶבְּט גֶעוָוארֶען אִין דֶער דָאזִיגֶער יֶעלִיזַאבֶּעטֶע!... דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ אוּן לַאכְסְט פוּן אוּנְז אוּן קֶענְסְט דָאס גָאר נִיט פַארְשְׁטֶעהְן, וִוי קוּמְט דָאס, אַז צְווֵיי מַאזְעפֶּעוְוקֶער יוּנְגֶלֶעךְ, צְווֵיי קוּנְדֵסִים, וָואס עֶס וָואלְט זֵיי גֶעמֶעגְט אָנְשְׁטֶעהְן, צְווִישֶׁען אוּנְז רֶעדֶענְדִיג, נָאךְ גֶעהְן בַּאנַאכְט אִין חֵדֶר אַרַיין מִיט אַ לַאנְטֶערְן אוּן זִינְגֶען אִין אֵיינֶעם מִיט'ן בֶּעהֶעלְפֶער:

„רַאז, דְוַוא, טְרִי, טְשֶׁעטֶערֶע";

אַכְטֶער, בַּאכְטֶער, נַא קְוַואטֶערֶע!...

אָט אַזֶעלְכֶע צְווֵיי יוּנְגֶלֶעךְ זָאלֶען גָאר הָאבֶּען אַיין הַשָּׁנָה אֲפִילוּ צוּטְרַאכְטֶען פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וִוי אַ שְׁטֵייגֶער „לִיעבְּהָאבֶּען", אַייְנְלִיעבֶּען זִיךְ אִין אַ מַאמְזֶעל, אִין אַ שׁוּלַמִית, עֶס מֶעג זַיין שֵׁעֹן וִוי דִי וֶועלְט!... דָאס אַכְטֶע קַאפִּיטֶעל וֶועט דִיר זַיין אַ תֵּירוּץ, לִיבֶּער פְרַיינְד, אוֹיף אַלֶע דַיינֶע קֻשְׁיוֹת!...

דָאס אַכְטֶע קַאפִּיטֶעל.

(אוּנְזֶערֶע הֶעלְדֶען טְרִינְקֶען מִיט'ן פוּלֶען מוֹיל דֶעם זִיסֶען כּוֹס פוּן דֶעם טְהַייעֶרְסְטֶען וַויין, — פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער לִיעבֶּע; זֵיי טְרִינְקֶען אַזוֹי לַאנְג בִּיז זֵיי וֶוערֶען שִׁכּוֹר אוּן פַאלֶען פוּן דִי פִיס...)

דִי שְׁטוּבּ פוּן מַארְקוּס פְרִידֶענְשְׁטַאט אִיז אֵיינֶע פוּן דִי פְרֶעהלִיכְסְטֶע הַייזֶער אִין דֶערְדָאזִיגֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט. פְרִידֶענְשְׁטַאט אַלֵיין לֶיגְט בֶּעשְׁטֶענְדִיג, יָאהרֶען־וַוייז, אִין פֶּעטֶערְסְבּוּרְג. — מִיט וָואס פֶערְנֶעמְט עֶר זִיךְ דָארְט? וָואס אִיז זַיין גֶעשֶׁעפְט? עֶר אִיז אַ פָּאדְרַיאדְטְשִׁיק, עֶר הָאט,

מֶע זָאגְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס דָארְט אַ גְרוֹיסֶען פָּאדְרָיַאד ; אֵיינִיגֶע זָאגֶען אַז עֶר הָאט קַיין פָּאדְרָיַאד קַיין מָאל נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, נָאר עֶר לָאדְט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶען פָּאדְרַיַאטְשִׁיק. אַנְדֶערֶע זָאגֶען, אַז פָּאלְיַאקָאוו, דֶער גְרוֹיסֶער פָּאלְיַאקָאוו אִיז זַיינֶער עֶפֶּעס אַ װײטֶער קָרוֹב, דְרֶעהט עֶר זִיךְ דָארְט אַרוּם אִיהם ; נָאר אַנְדֶערֶע (בֵּייזֶע מַיילֶער) זָאגֶען אוֹיף אִיהם אַז עֶר אִיז... נָאר לְמַאי זָאלֶען מִיר רֶעדֶען לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען, וָואס מִיר קֶענֶען אִיהם נִיט ? מִיר וֵוייסֶען נָאר װאהל, אַז זַיין פַאמִילְיֶע אִיז אַ גִילְדֶענֶע פַאמִילְיֶע פוּן זֶעהר גוּטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדֶען גֶעפַאלֶענֶעם אוּנ גֶעפְּלָאגְטֶען ; מִיר וֵוייסֶען נָאר װאהל, אַז דֶער הֶער פְּרִידֶענְשְׁטַאט שִׁיקְט צוּ אַהֵיים מַאסֶען מִיט גֶעלְד אוּנ מֶע לֶעבְּט „אַ גוּטֶען טָאג״ ; מִיר וֵויסֶען נָאר װאהל, אַז דִי מַאדַאם פְּרִידֶענְשְׁטַאט הָאט אַ טְהַייעֶר הַארְץ אוּנ הָאט לִיעבּ הֶעלְפֶען יֶעדֶען אָרֶעמְמַאן אוּנ הָאט, וִוי מֶע זָאגְט, אַיין „אָפֶענֶע הַאנְד״ ; מִיר וֵוייסֶען נָאר װאהל אַז זִי הָאט זִיבֶּען טֶעכְטֶער, אֵיינֶע שֶׁענֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער ; זֵיי הֵייסֶען :

1) יֶעלִיזַאבֶּעטַע (לֵאָה) ; 2) אַנְגֶעטַא (חַנָּה) ; 3) פַאנְיֶעטַא (פֵיגֶה) ; 4) בְּרַאנְיֶעטַא (בְּרַיינֶע) ; 5) סַאנְיֶעטַא (שָׂרָה) ; 6) מַאנְיֶעטַא (מַלְכָּה) ; 7) מַאשֶׁעטַא (מִרְיָם).

וָואס נָאךְ קֶענֶען מִיר זָאגֶען פוּן דֶעם דָאזִיגֶען לֶעבֶּעדִיגֶען הויז, וואו מֶענְשֶׁען לֶעבֶּען אוּנ זֶענֶען תָּמִיד פְרֶעהלִיךְ, צוּפְרִידֶען אוּנ גְלִיקְלִיךְ ? מִיר זֶענֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אַ הויז וואו יֶעדֶער פְרֶעמְדֶער פִיהלְט זִיךְ אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ צְווִישֶׁען אֵייגֶענֶע אוּנ הָאט זִיךְ נִיט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פַאר דֶער דָאזִיגֶער קָאמְפַּאנְיֶע יוּנְגֶע לַייט אוּנ יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ, וָואס טַאנְצֶען אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען, פְלִיעסְקֶען אוּנ זִינְגֶען, לֵייעֶנֶען, רֶעדֶען אוּנ לַאכֶען, עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען, אַ סַךְ פְרֶעהלִיכֶער אֲפִילוּ וִוי בַּיי יוּדֶען אוֹיף אַ חוּפָּה־וֶועטְשֶׁערֶע !... מִיר הָאבֶּען פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנ הָאבֶּען דָאס גָאר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, וואוּהִין הָאט מֶען דָאס אוּנְז אַרַיינְגֶעפִיהרְט ?... וואו הָאבֶּען מִיר נָאר גֶעקֶענְט זֶעהן אַזֶעלְכֶעס בַּיי אוּנְז אִין מַאזֶעפֶּעוְקֶע, וואו מִיר הָאבֶּען זִיךְ נָאר אָנְגֶעהֶערְט פוּן צָרוֹת מִיט אוּמְגְלִיקֶען, יוּדִישֶׁע צָרוֹת, יוּדִישֶׁע אוּמְגְלִיקֶען, אוּנ וִוי יֶעדֶער עֶהרְלִי־

כער יוד איז מחויב צו פאסטען כמעט אלע מאנטאג און דאנערשטאג ? צי אפשר ביי אונזערע עלטערען, וואס זענען שטענדיג פארטראגען אין דאגות פרנסה, דער טאטע אויף די "ירידים", די מאמע אין קלייט ?... צי אין חדר ביי אונזער רבין, וואס איז תמיד פארצארענט, תמיד אין כעס, לאזט אויס זיין גאנצע ביטערהארץ צו די אומשולדיגע תלמידים נעביך ?... ביטער און פינסטער, פוסט און וויסט איז אונזער יודיש לעבען דארט אין דערהיים, אין מאזעפעווקע ! ביטער און פינסטער, פוסט און וויסט איז דאס לעבען פון אלע יודישע קינדער אין די קליינע שטעדטלעך ! און האפען זיך ארויס אזעלכע יודישע קינדער אויף דער גרויסער, פרייהער, ליכטיגער וועלט, פארדרעהט זיך זיי דאס קעפיל און זיי ווערען שכור... זיי ווייסען ניט אויף וואסער וועלט זיי געהען ארום, און הויבען אן רעדען מאדנע ווערטער, ווי פון היטץ, און הויבען אן טהון מאדנע זאכען, ווי משוגעים, און פארקריכען אינם אלף הששי אריין, צו אלדע גוטע יאהר...

— הערסט דו, וואס איך וועל דיר זאגען ? — מאכט צו מיר אריה ליב — איך האב אבער תמיד געטראכט ווען קענען מיר זיך צושלאגען צום גן-עדן התחתון, דארט וואו די פרינצעסין...

אין עבירה וואס מע האט איהם איבער געשלאגען סאמע אין מיטען : יעליזאבעטא אליין האט אונז אנגענומען ביי די הענד און האט אונז אריינגעפיהרט צו זיך אין זעהר א ליכטיג ריין חדר אריין און האט אונז אנידערגעזעצט אויף א קליין סאפעקעלע, און אליין האט זי זיך אנ-געבויגען איבער אקעסטעל און האט ארויסגעשלעפט פון דארטען א צו-נויפגענעהט פעקעל פאפיער און האט אונז אנגעוויזען מיט איהרע שענע ראזעווע פינגערליך און געזאגט :

— זעהט איהר, מיינע ליעבע געסט ? אט דאס איז מיין העברא-אישער ראמאן, וואס איך האב נאך געשריבען, ווען איך בין אלט געווען פערצען יאהר... איצט בין איך שוין אלט אכטצעהן... א יא איך זעה אויס א סך עלטער ?... וואס, ניין ?... א, איהר ווילט נישט זאגען !... דער ראמאן הייסט מיט דעם נאמען "בת ציון", די טאכטער פון ציון... א שענער נאמען, א יא ?... עס קומען אין איהם פאר שרעקליכע סצענעס, אז די האר

שטעלען זיך קאפויר... מיט טרערען האב איך איהם געשריבען... איך קען איהם נאך עד היום ניט לייענען אהן טרערען... איך האב איהם נאך קיינעם ניט געלייענט... א הויז גרישא׳ן... ווי געפעלט אייך עפעס גרישא ?... א יא א גוטער מענש ?... דער פאטער איז א קאלטער מלאך און די מוטער איז איינגעטונקען אין קרוזשעוועס. הא־הא־הא ! וואהלע מענשען אלע... דער ראמאן בעשטעהט פון פיער טהייל מיט איין עפילאג... גרישאן איז דער עפילאג געפעלען מעהר פונ׳ם גאנצען ראמאן... ער זאגט אז איך שרייב לשון קודש נישט ערגער פונ׳ם גרויסען מאפו... ווי געפעלט דאס אייך ? א יא, עס איז נישט אמת ?... איך האב גרישא׳ן בעסער ליעב פון אט די אלע יונגע לייט דערפאר, וואס ער האט ליעב יעדען וואס שרייבט און לייענט העברעאיש... איך האב אייך ליעב אויך דערפאר וואס איהר שרייבט העבראאיש מיט אזא ליעבשאפט !...

וואס זענען דאס געווען פאר ווערטער ? — איך קאן דאס אייך נישט ארויסגעבען ! זיי האבען זיך געגאסען פונ׳ם מויל און זענען געקרא־בען גלייך אין הארצען אריין !

— יעליזאבעטע ! יעליזאבעטע ! קום אהער !... האט עמיצער גע־שריגען פונ׳ם צווייטען חדר.

— באלד, אנגעטא, באלד !... האט זי געענטפערט און האט אונז ווייטער גענומען דערצעהלען פון איהר ראמאן „בת־ציון“, פון איהרע שוועסטער, פון איהרע אלע בעקאנטע יונגע־לייט, פון איהר „טרייען, ליעבען פאטער“ „דעם פאדריאטשיק“, פון גרישא׳ן און פון אנדערע אונ־בעקאנטע לייט און אזעלכע זאכען, פון וועלכע מיר האבען נאך קיין שום בעגריף ניט געהאט... גערעדט אלעס אזוי גיך אין איין אטהעם האט זי זיך שטארק פערבלאמט און איז נאך שענער געווארען ביי אונז אין די אויגען... מיר האבען שוין גאר ניט געהערט, וואס „זי“ רעדט; מיר האבען נאר געזעהן פאר זיך אונזער טהייערע יעליזאבעטע און האבען געפיהלט מיט אלע אברים, אז מיר זיצען דא מיט „איהר“ און מיר הערען ווי „זי“ רעדט !...

איך בין שטארק מסופק אויב א סך פון מיינע לעזער האבען מעהר געגאסען פון זייער ערשטע ליעבע און אויב זיי האבען אפילו געהאט די השגה אויסצוזיצען א גאנצע נאכט אין איין שטוב מיט זייער „געליעבטער“, הערען ווי זי רעדט, ווי זי שפיעלט, ווי זי זינגט, ווי זי טאנצט, עסען מיט איהר ביי איין טיש און זיצען נישט מעהר ווי צוויי ווערשקעס נעבען איהר און שלינגען דעם אראמאט (ריח) פון איהרע האר און ווארעמען זיך אין דעם פייער פון איהרע אויגען... א, לעזער, לעזער! וויפיעל געריהמטע יונגע־לייט פון אונז האבען זיך געשעצט פאר איבער גליקליך, ווען זיי האבען געהאט די גליקליכע געלעגענהייט האטש א צוויי דריי שעה אויס־שטעהן ביי זייערע „געליעבטע“ הינטערן פענסטער ווינטער אויפ׳ן פראסט און קומען אהיים מיט ליידיגע הענד און מיט אפאר אבגעפרוירענע אויער־רען!... איז שוין א חדוש, וואס מיר זענען געווען אזוי גליקליך? אז מיר האבען ביידע אנגעווארען דעם אפעטיט און האבען זיך ניט געוואלט צו־דיהרען צו קיין מאכל און צו קיין געטראנק?... דער בעסטער מאכל איז געווען „זי“! דער בעסטער געטראנק איז געווען „זי“!... עמיצער איז צו אונז צוגענאנגען און האט צו אונז עפיס גערעדט; נאר מיר האבען נישט געהערט וואס, מחמת אקעגען אונז איז געזעסען „זי“; נעבען אונז איז גע־ווען „זי“; אומעטום איז געווען נאר „זי“, נאר „זי“ — און ווייטער קיינער נישט!...

— אריה ליב! א פנים אז דא איז א גרויסער טשאד? רופט איך מיך אן צו מיין חבר.

— וואס איז? מאכט ער צו מיר און שמייכעלט עפיס אזוי מאדנע, גלייך ווי א מענש וואס וויל וויינען...

— דער קאפ טהוט מיר שטארק וועה... עס דרעהט זיך מיר אין גאנצען די שטוב מיט די מענשען... א שרעק!...

— מיר אויך... א שטארקער קאפוועהטיג... א גרויסער שטורמווינד אויפ׳ן פערגליווערטען ים, מיין איך א מאדנער קאפוועהטיג דא אין גן־עדן התחתון...

— זעה נאר, זעה, אריה ליב, ווי די שטויב בייגט זיך איין און די שפיגלען טאנצען...

— א, טאקי, ביזט גערעבט!... עס פליהען ביינקלעך און די מענשען דרעהען זיך ווי א ווירבער... וואס הייסט דאס? א פנים א וויספע? איין אינזעל מיין איך, איך וויל זאגען א טשאד?... א—ווא! א—ווא!...

— דו זעהסט אקארשט, אריה ליב, ווי „זי" קוקט עפים אזוי מאדנע און מאכט מיט'ן קאפ — דו זעהסט?...

— הא? יא, ביזט גערעכט... איך זעה „זי", די פרינצעסין שולמית...

„זי" געהט, דאכט זיך, אהער און מאכט עפים מיט די הענד... אך, מיין אקרענט אויפ'ן ים, מיין איך מיין קאפ!...

— מיין קאפ! מיין קאפ!...

דאס ניינטע קאפיטעל.

(אונזער אמה'ס געשיכטע הויבט אן אויסצוזעהן ווי א ראמאן...)

א זיסער, א לאנגער חלום... א סך בעטלעך... אין די בעטלעך קראנקע... מע געהט צו מיר צו גאנץ אפט... מע טאפט מיר דעם קאפ, דעם דפק... מע קוקט מיר אין די אויגען אריין... מע רעדט שטיל... אט איז „זי"... „זי" קוקט מיר גלייך אין הארצען אריין מיט אירע טהייערע, ליבטיגע, זיסע, בלויע אויגען!... דאכט זיך, „זי" וויינט... ניין, „זי" לאכט... „זי" לאכט און וויינט... איך וויל „זי" ארומחאפען מיט מיינע הענד... אנטלאפען!... מע הויבט מיך אויף... מע לעגט מיך ווידער אנידער... מע גיעסט מיר עפים א ביטערע זאך אין מויל אריין... איך לאז זיך ניט און שריי: „איך וויל ניט קיין בראנפען! יעליזאבעטע! שולמית!"... אויף דער כמעלי שטעהט אויפגעשריבען מיט פייערדיגע אותיות „בת־ציון"... וואו בין איך?... וואו איז ערגיץ מיין אריה ליב?... אט שפיעלט „זי" און זינגט... אט איז „זי" ווידער און קוקט מיר אין די אויגען אריין... איך וויל „זי" חאפען — „זי" אנטלויפט... און נאך אמאל און ווידער אמאל!...

נָאר אָט אִיז מִיר עֶפִּים גְרִינְגֶער... אִיךְ פִּיהל אוֹיף זִיךְ עֶפִּים וִוי אַ נַייֶע הוֹיט... אַקְעגֶען מִיר אוֹיף אַ בֵּיינְקֶעל זִיצְט אַ בֶּעקַאנְטֶער יוּד מִיט אַ שְׁוַוארְצֶער בָּארְד, מִיט אַזֶעלְכֶע בֵּייזֶע אוֹיגֶען! וֶוער קָאן דָאס זַיין אַשְׁטֵיי־גֶער? וואוּ הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעזֶעהֶען? עֶר שְׁטֶעהט אוֹיף פוּנ'ם בֵּיינְקֶעל אוּנ גֶעהט צוּ מִיר צוּ שְׁטַארְק נָאהֶענְט... עֶר הַאלְט דִי שְׁפִּיץ בָּארְד אִין מוֹיל אוּנ קוּקְט אוֹיף מִיר אוּנ בֶּעטְרַאכְט מִיךְ עֶפִּים אַזוֹי עֶרֶענְסְט אוּנ זִיפְצְט... וֶוער קֶען דָאס זַיין? מַיין טַאטֶע? עֶס קֶען נִיט זַיין! וִוי קוּמְט עֶר אַהֶער? עֶס אִיז אָבֶּער פָּארְט עֶר!...

— טַא—טֶע... טַאטֶע! טַאטֶע!

— וָואס אִיז?

— דוּ בִּיזְט דָאס, טַאטֶע?

— אִיךְ, אִיךְ!

— וִוי קוּמְסְט דוּ אַהֶער? וואוּ בִּין אִיךְ דָאס, טַאטֶע?...

— וִוי קוּם אִיךְ אַהֶער? אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין נָאכְדֶעם דֶערְצֶעהלֶען, וִוי אִיךְ קוּם אַהֶער! וֶוער פְּרִיהֶער גֶעזוּנְד אוּנ גֶעה אַרוֹיס פוּנ'ם שְׁפִּיטָאל, וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אָבְּרֶעכֶענֶען מִיט דִיר!... אִיךְ הָאבּ אָוֶועקְגֶעוָוארְפֶען הַכֹּל בְּכֹל... דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט דָא...

— דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט דָא? וואוּ אִיז דִי מַאמֶע?

— נִיטָא דִי מַאמֶע! פַאר גְרוֹיס נַחַת פוּנ'ם טְהַייעֶרֶען בֶּן־יָחִיד אִיז זִי אַוֶועק! אַ וואהלֶער בֶּן־יָחִיד, נִישְׁט דָא וָואס צוּ רֶעדֶען! אַנְטְלוֹיפְט פְּלוּצְ־לִים אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג צוּ וַואנְדֶערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט... מִיט נָאךְ אַזַא שַׁארְלַאטַאן וִוי דוּ... מֶע טְהוּט זִיךְ אָן וִוי דִי דַייטְשֶׁען, וִוי דִי אָרֶעמֶע וֶוענְ־גֶערְס... מֶע בֶּעקֶענְט זִיךְ עֶפִּים מִיט שִׁכּוֹרִים, מִיט מֵיידְלֶעךְ, עֶפִּים אַ יֶע־לִיזַאבֶּעטֶע — טְפוּ!... אַז וואהְל אִיז דֶער מַאמֶע דַיינֶער, וָואס זִי זֶעהט דָאס הָאטְשׁ נִיט מִיט אִיהרֶע אוֹיגֶען!... זִי אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער אֱמֶת'ער וֶועלְט! אִיהר נְשָׁמָה קוּמְט נֶעבִּיךְ אָב פַאר דִיר, פַאר דֶעם טְהַייעֶרְן בֶּן־יָחִיד! דוּ וָואלְסְט גֶעמֶענְט בַּייטֶען זִיךְ מִיט אִיהר... אַךְ־אַךְ־אַךְ!...

אִיךְ פַאל מִיט'ן פָּנִים אִין קִישֶׁען אַרַיין אוּנ בֶּעוַואשׁ זִיךְ מִיט הֵייסֶע, בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען!... עֶס קוּמְט אַרַיין אַ יוּנְגֶער מֶענְ'שׁ אוּנ שְׁרַייט אוּנ בֵּיי־

זערט זיך אויף מיין טאטען, פאר וואס ער טשעפעט מיך... „איהר ווילט איהם הרגענען"?— שרייט ער אויפ'ן טאטען... ווער שרייט דאס אזוי אויפ'ן טאטען? דאס איז דער דאקטאר... נאך עטליכע טאג, שווערע, וויסטע, פינסטערע טעג!... איך קען שוין זיצען... שטעהן אויף די פיס... געהן... איך פיהל, אז איך ווער ווי קרעפטיגער, שטארקער... וואו איז ערגיץ מיין חבר? וואו איז ערגיץ אריה ליב?... וועמען פרעגט מען? דא אין דעם שפיטאל, ווייסט מען ניט, און מיין טאטען וויל איך ניט פרעגען: ער קוקט אפילו ניט אויף מיר ווי עס דארף צו זיין... ער קומט צוויי מאל אין טאג געוואהר ווערען, ווי איך האלט און צו וועל איך קענען פאהרען אהיים... אהיים? צו וואס? צו וועמען? איך בין שוין דא געוואהנט... עס טהוט מיר באנג דעם סטאראזש פון דעם שפיטאל אוועקצווארפען: א פשוט'ער, א הארבאטער, א געשטופעלטער, נאר א וואהלער און א פרעה־ליבער יוד; ער הייסט „מנישקה"... ער האט אויף מיר רחמנות... ער ווייסט אז ביי מיין פאטער וועל איך שוין קיין האניג ניט לעקען אצונד... אט איז „ער"... דער טאטע מיט די שטעכענדיגע וואנטשעס און מיט די בייזע שווארצע אויגען...

— קום פאהרען!... זאגט ער צו מיר, און „מנישקה" טהוט מיך אן אין וועג אריין... ער געזעגענט זיך מיט מיר, ווי א ברודער; ער זאגט צו מיר „נא" און שטופט מיר אריין א פעקעל דובעק־טוטין אין קעשענע אריין: ער ווייסט, אז איך האב ליעב צו רויכערן א פאפיראס, ווען דער טאטע זעהט ניט!... א, טהייערער, געטרייער „מנישקה"! „זייט געזונד!..." איך וויין...

— פאהר געזונד, מיין קינד, פאהר געזונד...

דאס צעהנטע און דאס לעצטע קאפיטעל.

(וועלכעס עס קען דיענען פאר איין עפילאג און פאר וואס איהר ווילט...)

„... טאכטאדעראכטעדעראך־טאך!..." אזוי קלאפט און טראסקעט דער אייזענבאהן א גאנץ וועג... אין וואגאן דריטע קלאס איז שטארק ענג

און הײם און פול מיט רויך... דער קאפ װערט מיר אקערשט ניט צופאלען אויף פיצלעך !... בעקאנטע און אומבעקאנטע יודען זיצען און שמועסען מכה מסחר... װײבער, װי געװעהנליך, רעדען פון די געריהמטע דאקטו־רים, װאס הײלען „אויף קינדער"... די קאנדוקטערס דינגען זיך מיט די װאס פאהרען אן בילעטען... װאו איז דאס ערגעץ מײן אריה ליב ? ער מוז שוין לאנג זײן אין מאזעפעװקע ? װער װײסט ?... דער באהן הויבט אן צו געהן שטילער און שטילער... עס פײפט און עס שװישטשעט... די פארשוינען נעמען צונויף זײערע משונה גרויסע קלומיקעס און מע הויבט זיך שוין אן צו שטופען...

— סטאנציע מאזעפעװקע פיבצעהן מינוט !... שרײט אויס דער קאנ־דוקטאר און עס טהוען זיך א לאז פאסאזשירען, דער אראב, דער ארויף, צו מײנסטען אחינו בני ישראל זאלען געזונד זײן... אײנער איבער'ן אנ־דערן... מע שטופט זיך און מע שרײט אויף פערשיעדענע קולות: „װעלװיל, װאו ביזט דו ?... שרה, גיכער שוין ! שמחה הערש ! שמחה הערש !... הא װאס, װאו ?... אט דא בין איך, אט דא !... אוי מײן פוס !... מלכה, דער זאק, מלכה ! בײנוש ! װאו ביזט דו ? װאו איז אריה ליב, בײנוש ? גיכער, בײנוש ! ברענען זאלסט דו, בײנוש ! ריהר זיך, בײנוש ! א מיתה משונה, בײנוש ! װעסט דען קריגען א רעכט פוהרעל, בײנוש ? װי לאנג קרענקסט דו, בײנוש ! זעה נאר בײנוש, גיב אכטונג אויפ'ן קינד, בײנוש ! בײנוש ! בײנוש !"... װאס באדײט עס ? בײנוש איז דאך מײן אריה ליב'ס פאטער ? יא, אט איז ער בײנוש... און אט איז זײן װײב, זײן צרה, זײן שלאק פורעניות מלכה !... װאו זשע איז אריה ליב ?... אן שלעפט זיך זײ עפעס נאך א פארקויטעגער, א פארװיקעלטער אין אכצעהן שאלען מיט א בלײך פנים און מיט שװארצע אײגעלעך... אוי, איך װאלט געמײנט שװעהרען אז דאס איז מײן אריה ליב ?

— אריה ליב ! אריה ליב ! שרײ איך צו איהם אויף א קול... ער קוקט זיך ארום... ער האט מיך דערקענט... ער װיל צו לויפען צו מיר... מלכה לאזט איהם ניט... זי שעלט דעם מאן מיט טוידטע קללות... און בײנוש שטעהט דארטען צװישען די פוהרלעך, צװישען די בעלי עגלות

בײ־

און דינגט זיך... מע זעצט אריין מיין חבר אין ביידעל אריין מיט געוואלד... ער קוקט זיך ארום צו מיר און זאגט צו מיר עפּעס, נאר איך הער נישט וואס... איך זיץ שוין אויך מיט מיין טאטען אין א ביידעל און מיר פאהרען פון הינטען... ביינישעס ביידעל האט אבגעקערעוועט אין אזייט... וואס הייסט דאס? ער פאהרט גאר נישט קיין מאזעפּעווקע? וואס הייסט דאס?... מע דארף זיך פּרובירען א פרעג טהון ביים טאטען...

— טאטע... טאטע!

— וואס איז? וואס דארפסט דו?...

— וואוהין איז דאס אוועקגעפאהרען אן א ביינוש צעלניקער מיט'ן ביידעל? ער וואהנט דען נישט מעהר ביי אונז אין מאזעפּעווקע?

— ניין, ניין! פרייה זיך ניט! ענטפערט מיר דער טאטע מיט כעס. ער האט שוין לאנג אנגעזעצט... אויך איבער'ן זוהן, דעם חבר דיינעם! גרוי און אלט קען מען ווערען פון אזעלכע קינדער ווי איהר זענט, א פּאדיבעל זאל אויף אייך קומען"!... און מעהר קען איך פון מיין ביינען טאטען ניט ארויסרייסען קיין איינציג ווארט... מיר זענען שוין אריינגעפאהרען אין שטעדטעל אריין... א שרעקליכע בלאטע, קוים וואס די פערד שלעפּען די פיס... אט זענען מיר שוין אין דערהיים... קוים וואס איך קריך ארויס פונ'ם ביידעל... אט שטעהט אונזער שכן, ר' הערשקע דער שוחט... אז ער רעדט שטעלט ער ארויס א האלבע צונג צווישען די געלע צאהן.

— שלום עליכם, ר' מרדכי! זאגט ער צום טאטען און שטופּט איהם א נאסע האנד.

— עליכם שלום! ענטפערט איהם דער טאטע בייז.

— וואס פיהרט איהר דאס? הא? ווער איז דער בחור? הא?... א א א? דאס איז ער, אייער מאכער, וואס האט זיך אוועקגעלאזט אין די ווייטע מדינות? ויבא הפּליט? געפּאקט? מזל טוב... וואס מאכט מע׳ עפּעס, הא? וואו איז דיין שלום-עליכם, הא?

אָ, ווען איך זאל ניט מורא האבען פאר גאט און פאר מיין בייזען טאטען, וואלט איך דעם דאזיגען ר׳ הערשקע געקוילעט אהן אמעסער פאר זיין „הא״ ?...

אין שטוב ביי אונז איז פוסט און פינסטער... נישט דא מיין מאמע! געשטארבען!... דער טאטע געהט אריין און זעצט זיך זארגען און קרעכצען און ווארפען אויף מיר מיט זיינע שווארצע, מורא׳דיגע אויגען!... וואס שטעהט מיר פאר אצונד אין מיין לעבען ?...

דָאס מֶעסֶער׳ל

לֹא תִגְנֹב — זָאלְסְט
נִיט גַנְבֶה'נֶען !
(פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת).

א.

הֶערְט, יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֶעהלֶען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֶעסֶערְ׳ל; נִישְׁט קֵיין אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשֶׂה, נָאר אַיין אֱמֶתְ׳ע, וָואס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען מִיט מִיר טַאקִי אַלֵיין. צוּ קֵיין זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבּ אִיךְ אַזוֹי קֵיין חֵשֶׁק גֶעהַאט וִוי צוּ אַ מֶעסֶערְ׳ל; קֵיין זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבּ אִיךְ אַזוֹי נִיט גֶעגַאהְרְט צוּ הָאבֶּען, וִוי צוּ הָאבֶּען אַ מֶעסֶערְ׳ל, אַיין אֵייגֶען מֶעסֶערְ׳ל. דָאס מֶעסֶערְ׳ל זָאל זִיךְ לִיגֶען אִין קֶעשֶׁענֶע אוּנ וֶוען אִיךְ וִויל, זָאל אִיךְ דָאס מִיר אַרוֹיסְנֶעהמֶען, אוּנ וָואס אִיךְ וִויל, זָאל דָאס מִיר שְׁנַיידֶען — אוּנ לָאזֶען מַיינֶע חֲבֵרִים וִויסֶען! אִיךְ הָאבּ נָאר וָואס אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהן אִין חֶדֶר, צוּ יוֹסִיל דַרְדְקִי, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אַ מֶעסֶערְ׳ל, דָאס הֵייסְט, כִּמְעַט, כְּמוֹ, וִוי אַ מֶעסֶערְ׳ל. אִיךְ הָאבּ דָאס מִיר טַאקִי אַלֵיין גֶעמַאכְט. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערִיסֶען אַ גֶענְזֶענֶע פֶעדֶער פוּן אַפְלֶעדֶערְוִישׁ, פוּן אֵיין זַייט אָבְּגֶעהַאקְט, פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיסְגֶעגְלֶעט אוּנ הָאבּ מִיר פֶארְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶלֶעהַיי סְ׳אִיז אַ מֶעסֶערְ׳ל אוּנ סֶע שְׁנַיידְט...

— וָואס אִיז דָאס פַאר אַ פֶעדֶער, וֶועלְכֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר? וָואס אִיז דָאס פַאר אַרוּמְטְרָאגֶען זִיךְ מִיט פֶעדֶערֶען? פְרֶעגְט מִיךְ דֶער טַאטֶע, אַ קְרַאנְקֶער יוּד מִיט אַ גֶעל אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט פָּנִים אוּנ פֶערְהוּסְט זִיךְ. — נַא דִיר גָאר פֶעדֶערֶען, שְׁפִּילֶעכְלִיךְ — קְהֶע־הֶע־הֶע־הֶע!

— וָואס אַרְט דִיךְ, אַז דָאס קִינְד שְׁפִּיעלְט זִיךְ? — עֶנְטְפֶערְט אִיהם דִי מַאמֶע, אַנִידֶערִיטְשְׁקֶע יוּדִינֶע מִיט אַ זַיידֶען טִיכִיל אוֹיפְ׳ן קָאפּ, אַבִּי אוֹיסְעֶסֶען זִיךְ דָאס הַארְץ מַיינֶע שׂוֹנְאִים!

שְׁפֶּעטֶער, אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּיי „חוּמָשׁ מִיט הַבּוּר״, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט כִּמְעַט אַיין אֱמֶתְ׳דִיג מֶעסֶערְ׳ל, אוֹיךְ מַיין אֵייגֶענֶע

מלאכה: איך האב דערטאפט אשטיקעל שטאהל פון דער מאמעס „קריי־געלינע“ און האב דאס איינגעזעצט זעהר קונציג אין אשטיקעל האלץ. דאס שטיקעל שטאהל האב איך רעכט אנגעשארפט אין א טאפ און האב זיך דערביי, געוויינטליך, צעשניטען אלע פינגער.

— זעה נאר, זעה, ווי ער האט זיך דאס ביסעל צעבלוטיגט, דער קדיש דיינער! — שרייט דער טאטע און נעהמט מיך אן ביי די פינגער אזוי, אז די ביינדלעך קנאקען — א שענער בחורקעגע — הע־הע־הע!

— אוי, א דונער איז מיר! זאגט די מאמע און נעהמט צו ביי מיר דאס מעסערל און ווארפט דאס אריין אין אויווען אריין, קוקט נישט אויף מיין געוויין — אצונד וועט דאס האבען איין עק, וועה איז מיר ניט!

איך האב אבער גיך בעקומען איין אנדער מעסערל, טאקי אויף דער רעכטער אמת א מעסערל; א הילצערן קלעצעל, א קיילעכיגס, א בייכיגס, פאהאזשע אויף א פעסעל, מיט א הארבאטע קליגגעל, וועלכס האט זיך אי געעפענט אי פערמאכט. איהר ווילט וויסען, וואו ארום האב איך דאס בעקומען? איך האב מיר צענויפגעשלאגען א קאפיטאל פון די אנבייסענס, און האב אבגעקויפט ביי שלמה׳לע פאר זיבען גראשען מזומן און דריי בין איך איהם געבליבען שולדיג.

אוי, האב איך דאס ליעב געהאט! אוי, האב איך דאס ליעב געהאט! געקומען אהיים פונ׳ם חדר א דערהרגעטער, א הונגעריגער, א שלעפעריגער, איין אויסגעפאטשטשטער (איך האב, פערשטעהט איהר, נאר וואס אנגעהויבען צו לערנען גמרא ביי „מאטי מלאך־המות“ דעם גמרא מלמד „שור שנגח את הפרה“ — איין אקס וואס האט געשטויסען א בהמה, און ווי באלד איין אקס שטויסט א בהמה קומט מיר פעטש...) איז דאס ערשטע געוועזען ארויסנעהמען דאס מעסערל פון אונטער דער שווארצע שאפע (דארט איז דאס געלעגען אגאנצען טאג, מחמת אין חדר האב איך דאס ניט געטארט האלטען און אין דערהיים האט אוודאי קיינער נישט געטארט וויסען, אז איך האב א מעסערל), נאכדעם האב איך דאס גענומען אויסגלעטען, איבערשניידען אשטיקעל פאפיר, איבערהאקען א שטרוי אויף דער האלב און ערשט נאכדעם צעשניידען מיין חלק ברויט

אויף קלײנטשקע, קלײנטשקע שטיקעלעך, אָנשטעקן אויפן שפּין פונים קלינגעל און ערשט נאָכדעם לײגן אין מויל אַרײן.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערײניקט, אויסגעשײערט, אויסגעפוצט, גענומען דאָס שאַרפשטײנדיל, וואָס איך האָב געפונען בײַ אונז אויפן בוידעם, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהײט צו דער אַרבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בײַ דער חלה. איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצים כאַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי פונים שלאָף:

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טהוסטו דו, דו שרע־הע־גײַן אײנער?

ער גײט צו צו מיר און בויגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפשטײנדיל און כאַפּט מיך פאַרן אויער און פערהוסט זיך.

— אַ אַ אַ? מעסערלעך!? הע־הע־הע! זאָגט דער טאַטע און נעהמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפשטײנדיל. — אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעהמען אַ ספר אין האַנד, קהע־הע־הע.

איך הויב אָן צו װײנען אויף אַ קול; דער טאַטע פערבעסערט מיר מיט עטליכע פּעטש און די מאַמע לויפט אַרײַן פון קיך מיט פערקאַטשעטע אַרבעל מיט אַ געוואַלד:

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכס? פאַר וואָס שלאָגסטו דו איהם? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד! וועה איז מיר ניט!...

— מעסערלעך?... שרײַט דער טאַטע און פערהוסט זיך — אַ ברעקעלע קינד!... אַזאַ יונגאַטש!... קהע־הע־הע!... קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנד? אַ בחור'ל פון אַכט יאָהר!... איך וועל דיר געבען מעסערלעך, דו פוסטער בחור, אײנער!... אין מיטען דרינען גאָר מעסערלעך, קהע־הע־הע!...

גְוַואלְד, וָואס הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ מַיין מֶעסֶערְ׳ל ? וָואס הָאט דָאס בַּיי אִיהם אַזוֹינְס פֶערְדִינְדִיגְט ?... פַאר וָואס אִיז עֶר אַזוֹי אִין כַּעַס ?...

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין טַאטֶען כִּמְעַט שְׁטֶעגְדִיג קְרַאנְק, שְׁטֶעגְדִיג בְּלַאס, גֶעל, אוּן תָּמִיד אִין כַּעַס, תָּמִיד בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. פַאר אַ מִינְדְסְט נַארִישְׁקַייט וֶוערְט עֶר אָנְגֶעצוּנְדֶען אוּן ווִיל מִיךְ נָאר דוֹרֵס זַיין. אַ גְלִיק וָואס דִי מַאמֶע פֶערְהִיט מִיךְ, זִי לֵייזְט מִיךְ אוֹיס פוּן זַיינֶע הֶענְד.

אוּן דָאס מֶעסֶערְ׳ל מַיינְס הָאט מֶען פֶערְוָוארְפֶען, פֶערְוָוארְפֶען אַזוֹי וַוייט, אַז אִיךְ הָאבּ דָאס אַכְט טָאג כְּסֵדֶר גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט אוּן הָאבּ דָאס נִיט גֶעקָאנְט גֶעפִינֶען אִין עֶרְגֶיץ ! אִיךְ הָאבּ עֶרְנְסְט בֶּעוֵויינְט דָאס הָארְבַּאטֶע מֶעסֶערְ׳ל, דָאס גוּטֶע מֶעסֶערְ׳ל ; אוּן ווִי בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער מִיר אִיז גֶעוֶועז אִין חֵדֶר, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמָאנְט, אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען אַהֵיים מִיט גֶעשְׁוָואלֶענֶע בַּאקֶען, מִיט רוֹיטֶע אוּנְטֶערְגֶערִיסֶענֶע אוֹיעֶרֶען פוּן „מָאטִי מַלְאַךְ־הַמָּוֶת" הֶענְד, דֶערְפַאר וָואס אַיין אָקְס הָאט גֶעשְׁטוֹיסֶען אַ בְּהֵמָה, צוּ וֶועמֶען וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶעהְרֶען אוּן וֶוענְדֶען ? עֶלֶענְד בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבֶּען אָן דֶעם הָארְבַּאטֶען מֶעסֶערְ׳ל, עֶלֶענְד, ווִי אַ יָתוֹם, אוּן קֵיינֶער, קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעזֶעהֶען מַיינֶע טְרֶעהְרֶען, וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט פַארְגָאסֶען בַּיי זִיךְ, אוֹיף מַיין בֶּעטֶעל, בַּיי נַאכְט, קוּמֶענְדִיג פוּנִ׳ם חֵדֶר. שְׁטִיל הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוֹיסְגֶעוִוישְׁט דִי אוֹיגֶען, אַנְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען, אוּן אוֹיף מָארְגֶען פְּרִיה ווִידֶער אִין חֵדֶר אַרַיין, ווִידֶער שׁוֹר שֶׁנָּגַח אֶת הַפָּרָה — אַיין אָכְּס וָואס הָאט גֶעשְׁטוֹיסֶען אַ בְּהֵמָה, ווִידֶער מָאטִי מַלְאַךְ הַמָּוֶת קְלֶעפּ, ווִידֶער דֶעם טַאטֶענְס כַּעַס, דֶעם טַאטֶענְס הוּסְט, דֶעם טַאטֶענְס קְלָלוֹת, — נִיטָא קֵיין פְרַייעֶ מִינוּט, קֵיין פְרֶעהְלִיכֶע מִינֶע, קֵיין שְׁמֵייכֶעלֶע, קֵיין אֵיינְצִיג שְׁמֵייכֶעלֶע פוּן קֵיינֶעם, פוּן קֵיינֶעם — אֵיינֶער אַלֵיין, עֶלֶענְד, עֶלֶענְד אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט ! . . .

ב.

פוּן יֶענֶער צַייט אָן אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ יָאהר, אוּן אֶפְשַׁר אָנְדֶערְהַאלְבֶּען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כִּמְעַט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פַארְגֶעסֶען דָאס

דארבאטע מעסער'ל. עס ווייזט אויס, אז מיר איז אבער אנגעצייכענט גע־
ווארען מן השמים, אז מיינע אלע קינדערשע יאהרען זאל איך אבקומען
פאר מעסערלעך, איז געבוירען געווארען א ניי מעסער'ל אויף מיין אומ־
גליק, גאר א שפאגעל נייע מעסער'ל, איין אנטיקעל א חריפות, כ'לעבען,
א וואוּשנע מעסער'ל, מיט צוויי קלינגלעך. טייערע שטאלענע קלינגלעך,
שארפע ווי חלפים, מיט א ווייס ביינערען קלעצעל, מיט א מעשענעם
„קאסטען“, מיט רויטע מעשענע שטיפטיקלעך — איך זאג אייך איין אנ־
טיקעל, איין אמת'דיגס, א „זאווטאלאווס“...[1]

ווי קומט צו מיר דאס דאזיגע טייערע מעסער'ל, וואס איז גאר ניט
אויף מיין מיסט געוואקסען געווארען? דאס איז א גאנצע מעשה, א
טרויעריגע גאר א שענע מעשה; הערט איך בעט אייך מיט קאפ.

וואס פאר א פנים האט ביי מיר געהאט דער „גלח“, דער יודישער
דייטש, וואס איז געשטאנען ביי אונז סטאנציע, דער פאדראטשיק הער
הערין הערצענהער'ק, אז גערעדט האט ער אויף יודיש, געגאנגען איז
ער אהן א היטעל, אהן א בארד, אהן פאות און, איך בעט איבער אייער
כבוד, ביז העכער האלב אונטערגעשניטען די קאפאטע? איך פרעג אייך,
ווי אזוי האב איך זיך געקאנט איינהאלטען און ניט פלאצען פאר גע־
לעכטער, ווען דער דאזיגער יודישער גוי, אדער דער גויעשער יוד האט צו
מיר גערעדט דווקא אויף יודיש, נאר עפיס א מאדנע יודיש, מיט א סך
פתח'ן.

— נו, ליבסטער קנאבע, וואס פאר סדרה געהט דיזע וואכע? —

— הי־הי־הי! האב איך מיך צעלאכט און בעהאלטען דאס פנים
אין האנד.

— זאגע־זאגע, מיין ליעבעס קינדכען, וואס פיר סדרה געהט דיזע
וואכע? —

— הי־הי־הי! ב־ל־ק!.. האב איך אויסגעשאסען מיט א געלעכ־
טער און בין אנטלאפען געווארען...

---

[1]) „זאווטאלאוו“ — די געוויסע מעסער פאבריק.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהויב בשעת איך האָב איהם נאָך נאָר ניט געקענט; אָבער נאָכדעם, אַז איך האָב מיך שוין גוט בעקענט מיט דעם דאָזיגען דייטש הער הערר הערצענהערץ (ער איז אָבגעזעסען ביי אונז אין שטוב אַ יאָהר כּסדר) האָב איך איהם אַזוי ליעב געקריגען, אַז עס האָט מיך שוין מעהר גישט גערט, וואָס ער דאַווענט נישט און עסט אומגעוואַשען; תּחילת האָב איך נישט פערשטאַנען, ווי אַזוי לעבט ער? ווי אַזוי האַלט איהם גאָט אויף דער וועלט? ווי אַזוי ווערט ער ניט דערוואָרגען ביים עסען? ווי אַזוי קריכען איהם ניט אויס די האָר פונ'ם נאַקעטען קאָפּ? פונ'ם רבין „מאָטי גזלן" האָב איך געהערט, פון זיין מויל אַליין, אַז דער דאָזיגער יודישער דייטש איז נאָר אַ גלגול, דאָס הייסט: אַ יוד איז מגולגל געוואָרען אין אַ דייטש, וואָס שפּעטער קאָן ער נאָך מגולגל ווערען אין אַ וואָלף, אין אַ בהמה, אין אַ פערד אָדער נאָר אין אַ קאַטשקע... אין אַ קאַטשקע?

האַ־האַ־האַ! אַ שיינע מעשה! אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב באמת רחמנות געהאַט אויפ'ן דייטש. איין זאַך האָב איך ניט געקאָנט פערשטעהן: פאַר וואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען איין עהרליכער יוד אַ ירא שמים, האָט איהם תּמיד אָבגעטרעטען דעם אויבען אָן און אויך אַלע אַנדערע יודען, וואָס פלעגען אַריינקומען צו אונז אין שטוב אַריין, פלעגען איהם שטאַרק אָבגעבען כּבוד:

— שלום־עליכם רב הערץ הערצענהערץ, ברוך־הבא רב הערץ הערצענהערץ, זיצט, רב הערץ הערצענהערץ!

איך האָב אפילו אַמאָל אַ פרעג געטהון דעם טאַטען, האָט ער מיך אָבגעשטופּט און האָט מיר געענטפערט:

— אַוועק, סע ניט דיין עסק! וואָס פלאָנטעסטו זיך דאָ אַרום, וועלכע שוואַרצע יאָהר? קראַנק ביסט דו געמען אַ ספר אין האַנד, העע־העע־העע!

— ווידער אַ ספר? רבונו של עולם!... איך וויל אויך זעהען, איך וויל אויך הערען, וואָס ער רעדט

איך געה אריין אין זאל אריין און פערגנבה זיך אין א ווינקעלע און הער זיך צו, ווי מע רעדט ביי אונז, ווי דער הער הערין הערצענהערין לאכט אויף א קול, און רויכערט גראבע שווארצע „ציגארען", וואס שמעקען מחיה נפשות... פלוצלים געהט צו צו מיר דער טאטע און לאזט מיר אראב א פאטש...

— ביזט שוין ווידער דא? דו פוסטעפאסניק! וואס וועט זיין פון דיר דער תכלית, דו גוי'ען איינער? געוואלד וואס וועט זיין פון דיר, הע־הע־הע־הע!...

דער הער הערין הערצענהערין שטעלט זיך איין פאר מיר: „אבער לאסען זי איהם! לאסען זי איהם!".

נאר עס העלפט ניט; דער טאטע טרייבט מיך ארויס, איך נעם „א ספר" אין האנט, נאר עס ווילט זיך פארט ניט קוקען אין ספר אריין! וואס טהוט מען?... איך געה פון איין חדר אין דעם אנדערען ביז איך קום צו דעם שענסטען פון אלע חדרים, דארט וואו עס שלאפט תמיד דער הער הערין הערצענהערין: אך, ווי שען, ווי ליכטיג דארט איז! די לאמפען ברענען און די שפיגלען גלאנצען; אויפ'ן טיש א גרויסער, א זילבערנער טינטער מיט שענע פענעם; מענטשעלעך מיט פערדעלעך, מיט צאצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינדלעך און... א מעסער'ל. אך וואס פאר א שען מעסער'ל!... ווען איך א שטייגער זאל האבען אזא מעסער'ל! ווי גליקליך וואלט איך געוועזן! וואס פאר מינים זאכען וואלט איך מיט דעם אויסגעשניצט! אנו, מע דארף דאס פרובען — עס איז עפּיס שארף?... אך! עס האפט א האר! עס האקט איבער א האר! אי־אי־אי מעסער'ל!...

איין מינוט — דאס מעסער'ל איז ביי מיר אין האנד; איך קוק זיך ארום אויף אלע זייטען און פרוו זיך דאס אריינלייגען אויף א מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האנד... עס קלאפט מיר דאס הארץ אזוי שטארק, אז איך הער, ווי עס מאכט: „טיק־טיק־טיק!"... איך הער, ווי עמיצער געהט, עמיצער סקריפעט מיט די שטיוועל; דאס איז ער, דער הער הערין הערצענהערין! אי־אי, וואס טהוט מען? דאס מע־

מעסער'ל לאז זיין ביי מיר, איך וועל עס נאכדעם צוריק אנידערלייגען. דערוויל דארף מען ארויסגעהן, אוועקגעהן פון דאנען, אנטלויפען! אנטלויפען! . . . .

. . . .

איך קען שוין קיין וועטשערע ניט עסען; די מאמע טאפט מיך ביים קאפ; דער טאטע ווארפט אויף מיר בייזע אויגען און שיקט מיך אב שלאפען... שלאפען? איך קאן דען צו מאכען די אויגען? איך בין א טוידטער!... וואס טהוט מען מיט'ן מעסער'ל? ווי אזוי לייגט מען דאס אנידער צוריק?...

ג.

— קום נאר אהער, תכשיט מיינער! — מאכט צו מיר אויף מארגען דער טאטע — האסט דו ניט געזעהען ערגיץ דאס מעסער'ל?...

תחלת בין איך געוועזען זעהר דערשראקען: עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער ווייסט, אז זיי ווייסען אלע... שיער, שיער האב איך זיך ניט ארויסגעהאפט הא? דאס מעסער'ל? אט איז דאס... עס האט מיך עפיס ווי א ווארג געטהון אין האלז און איך האב מיט ציטערניש געענטפערט:

— וואו — וואסער מעסער'ל?...

— וואו — וואסער מעסער'ל! קרימט מיך איבער דער טאטע, וואו — וואסער מעסער'ל! דאס גילדענע מעסער'ל! אונזער אורח'ס מעסער'ל, דו בחור'עץ, דו שייגעץ איינער, קהע־הע־הע!

— וואס האסט דו זיך צו געטשעפעט צום קינד! מישט זיך אריין די מאמע — דאס קינד ווייסט ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום און ער דולט איהם א ספאדיק מעסער'ל, מעסער'ל!

— מעסער'ל, מעסער'ל! וואס הייסט ער ווייסט ניט? זאגט דער טאטע מיט כעס; א גאנץ פריהמארגען, הערט ער ווי מע שרייט „מעסער'ל, מעסער'ל! מעסער'ל, מעסער'ל!" מע קעהרט איבער די שטוב נאך

דֶעם מֶעסֶערְ'ל, פְּרֶעגְט עֶר וואו — וָואסֶער מֶעסֶערְ'ל? גֵעה שוֹין, גֵעה וַואשׁ זִיךְ, דוּ פּוּסְטֶער בָּחוּר אֵיינֶער, דוּ גוֹי—גוֹי'עֶץ, קְחֶע־הֶע־הֶע!

אִיךְ דַאנְק דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זֵיי הָאבֶּען מִיךְ הָאטְשׁ נִיט בֶּעזוּכְט! נָאר וָואס טְהוּט מֶען וַוייטֶער? מֶע בֶּעדַארְף דָאס מֶעסֶערְ'ל בֶּע־שְׁטַאטֶען עֶרְגִיץ אוֹיף אַ גוּט אָרְט... וואו בֶּעהַאלְט מֶען דָאס? אַהַא אוֹיפְ'ן בּוֹידֶעם! אִיךְ הַאבּ דָאס אַרוֹיס פוּן קֶעשֶׁענֶע אוּנ טוּה דָאס אַ שְׁטוּפּ אִין שְׁטִיוֶועל אַרַיין... אִיךְ עֶס, אוּנ וֵויים נִיט וָואס אִיךְ עֶס; אִיךְ וַוארְג זִיךְ...

— וָואס הַאפְּסְט דוּ זִיךְ אַזוֹי, וֶועלְכֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר? — פְּרֶעגְט מִיךְ דֶער טַאטֶע.

— אִיךְ אַייל מִיךְ אִין חֶדֶר אַרַיין — עֶנְטְפֶער אִיךְ אִיהם אוּנ פִּיהל אַז אִיךְ וֶוער רוֹיט וִוי פַייעֶר...

— אַ מַתְמִיד גֶעוָוארֶען, וָואס זָאגְסְט דוּ אוֹיף דֶעם צַדִיק? — וָוארְטְשֶׁעט עֶר אוּנ קוּקְט אוֹיף מִיר בֵּייז... קוֹים, קוֹים דֶערְלֶעבְּט אָבּ עֶסֶען, אָבּ בֶּענְטְשֶׁען...

— נוּ, פַאר וָואס גֵעהסְט דוּ שוֹין נִיט אִין חֶ—חֶדֶר, צַדִיק מַיינֶער? — פְּרֶעגְט מִיךְ דֶער טַאטֶע.

— וָואס טְרַייבְּסְט דוּ אִיהם אַזוֹי? — פְּרֶעגְט אִיהם דִי מַאמֶע, לָאז דָאס קִינְד זִיצֶען אַ מִינוּט!

אִיךְ בִּין שוֹין אוֹיפְ'ן בּוֹידֶעם... וַוייט, וַוייט אִין קְרָאקְוֶוע לִיגְט דָאס וַוייסֶע מֶעסֶערְ'ל; עֶס לִיגְט אוּנ שְׁוַוייגְט...

— וָואס קְלֶעטֶערְסְט דוּ אוֹיף בּוֹי—בּוֹידֶעם'ס? שְׁרַייט דֶער טַאטֶע דוּ יוּנְגַאטְשׁ אֵיינֶער, דוּ בַּר־מִצְוָה'יוּנְג? דוּ בָּאד־גוֹי? קְחֶע־הֶע־הֶע!

— אִיךְ זוּךְ דָא עֶפִּים... — עֶנְטְפֶער אִיךְ אִיהם אוּנ פַאל שִׁיעֶר נִישְׁט אוּם פַאר שְׁרֶעק.

— עֶפִּים? וָואס הֵייסְט „עֶפִּים?“ וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מִין „עֶפִּים?“

— אַ... אַ סֶ—סֵפֶר... אַ... אַ... אַיין אַלְטֶע גְ—גְמָרָא...

— האָ? אַ גְ—גְמָרָא? אוֹיף'ן בּוֹידֶעם? אַ דוּ הִיצִיגֶעל אֵיינֶער? קְרִיךְ שׁוֹין אַרָאבּ, קְרִיךְ, וָועסְט שׁוֹין לֵייזֶען! דוּ בָּאד־גוֹי, דוּ הִינְדְשֶׁלְעגֶער, דוּ פֶּ־פָּל־בּוֹנִיק אֵיינֶער, קְהֶע־הֶע־הֶע!

נָאר עֶס אַרְט מִיךְ שׁוֹין נִיט אַזוֹי דֶעם טַאטֶענְס כַּעַס, וִוי עֶס אַרְט מִיךְ דָאס, וָואס אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, טָאמֶער גֶעפִינְט מֶען דָאס מֶעסֶערְ׳ל; אַ קַשְׁיָא? טָאמֶער גְרָאד הַיינְט קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף אוֹיפ'ן בּוֹידֶעם גְרֶעט אוֹיסְ־הֶענְגֶען, אָדֶער דִי לֶעשְׁזְנִים פֶערְשְׁמִירֶען?... מֶע דַארְף דָאס פוּן דָארְטֶען אַרָאבְּנֶעהמֶען אוּנ בֶּעשְׁטַאטְען אוֹיף אַ בֶּעסֶער אָרְט!... אִיךְ גֶעה אַרוּם אִין אֵיין צִיטֶערְנִישׁ! יֶעדֶער קוּק פוּנ'ם טַאטֶענְס אוֹיגֶען וַוייזְט מִיר אוֹיס, אַז עֶר ווייסְט שׁוֹין, אַז אַט־אַט טְהוּט עֶר מִיךְ אַ חַאפּ מִכֹּחַ דֶעם אוֹרַחְ׳ס מֶעסֶע־רְ׳ל... אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ אָרְט אוֹיף דֶעם, אַ טְהַייעֶר אָרְט — וואו? אִין דֶער עֶרְד, אִין אַ גְרִיבֶּעל בַּיי דֶער וַואנְד אַריינְגֶעשְׁטֶעקְט, אוּנ פוּן אוֹיבֶּען רֶעכְט פֶערְשַׁארְט מִיט שְׁטְרוֹי פַאר אַ סִמָן... גֶעקוּמֶען פוּנ׳ם חֶדֶר חַאפּ אִיךְ זִיךְ בַּאלְד אַרוֹיס אִין הוֹיף אַריין, אִיךְ נֶעם מִיר פַּאוָואלִינְקֶע אַרוֹיס דָאס מֶע־סֶערְ׳ל אוּנ אִיךְ הָאבּ קֵיין צַייט אֲפִילוּ רֶעכְט אָנְשְׁפִּיגְלֶען זִיךְ אִין דֶעם, הֶער אִיךְ שׁוֹין דֶעם טַאטֶענְס גֶעפִילְדֶער:

— וואו בִּיסְט דוּ עֶרְגֶיץ דָארְט? פַאר וָואס גֶעהסְט דוּ שׁוֹין נִיט דַאוֶונֶען, דוּ בַּעַל־עֲגָלֶה׳יוּנְג, דוּ וַואַ־וַואסֶער־פִיהרֶער! קְהֶע־הֶע־הֶע!

נָאר וִוִיפִיעל דֶער טַאטֶע רוֹדֵפ׳ט מִיךְ אוּנ יָאגְט מִיךְ, וִוִיפִיעל דֶער רֶבִּי הַרְגֶ׳ט מִיךְ אוּנ שְׁלָאגְט מִיךְ, אִיז דָאס בְּלָאטֶע קֶעגֶען יֶענֶע פֶערְגֶענִי־גֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ, בְּשָׁעַת אִיךְ קוּם פוּנ׳ם חֶדֶר אוּנ זֶעה מִיךְ מִיט מַיין טְהַייעֶרֶען, מַיין אֵיינְצִיגֶען לִיעבֶּען חָבֵר — מִיט מַיין מֶעסֶערְ׳ל! דִי פֶערְ־גֶענִיגֶען זֶענֶען אָבֶּער אוֹי וֶועה! אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט יִסוּרִים, פֶערְבִּיטֶערְט מִיט מָרָה־שְׁחוֹרָה, מִיט שְׁרֶעק, מִיט גְרוֹיסֶע, גְרוֹיסֶע פְּחָדִים!

ד.

זוּמֶער לֶעבֶּען. דִי זוּן וֶועצְט זִיךְ. דִי לוּפְט וֶוערְד עֶטְוָואס קִיהלֶער. דָאס גְרָאז שְׁמֶעקְט. דִי זְשַׁאבֶּעס קְוָואקֶען אוּנ שְׁטִיקֶער חְמַארֶעס פְלִיהֶען

דורך, אהן רעגען, פערביי דער לבנה, ווילען זי איינשלינגען; די ווייסע זילבערנע לבנה בעהאלט זיך אלע מינוט און בעוויזט זיך ווידער, דאכט זיך זי שוועבט און שטעהט אויף איין ארט. דער טאטע זעצט זיך צו אויפ'ן גראז אין א חלאט, האלב נאקעט, מיט א ווייסען טלית קטן, האלט איין האנד אין בוזעם און מיט דער אנדערער האנד שארט ער ביי דער ערד און קוקט אויפ'ן אויסגעשטערנטען הימעל און היסט; דאס פנים אקעגען דער לבנה איז טוידט, פארזילבערט. ער זיצט פינקט אויף דעם ארט, וואו דאס מעסער'ל ליגט בעגראבען, און ער ווייסט גאר ניט, וואס אונטער איהם טהוט זיך. אך, ווען ער זאל אשטייגער וויסען! וואס וואלט ער געזאגט? וואס וואלט איך געהאט?

— אהא, טראכט איך מיר אין הארצען, האסט מיר פערווארפען מיין הארבאטע מעסער'ל, האב איך איצט א ביסעל א בעסערס, א שענערס! דו זיצט אויף דעם און דו ווייסט גאר ניט, אוי טאטע! טאטע!...

— וואס גלאנצסט דו אויף מיר די אויגען, ווי א קא־קאטער? חאפט מיך אן דער טאטע — וואס זיצסט דו צונויפגעלייגט די הענד, ווי א שטאדט בעל הבית? קאנסט זיך שוין גאר קיין ארבייט ניט אפ זוכען? און „קריאת שמע“ לייענען ביזט דו פטור? פערשרפה'ט זאלסט דו ניט ווערען, יונגאטש אייגער! א מי־מיתה משונה זאל אויף דיר ניט קומען, קחע־הע־הע.

אז ער זאגט: פערשרפה'ט זאלסט דו „ניט“ ווערען, א מיתה משונה זאל אויף דיר „ניט“ קומען — דאס איז א בעווייז, אז ער איז ניט אזוי שטארק אין כעס; אדרבה, דאס איז א סימן אז ער איז אויפגעלייגט. און באמת טאקי: קאן מען דען זיין ניט אויפגעלייגט אין אזא שיינער, וואונדערליכער זומערנאכט, ווען עס ציהט יעדען בעזונדער און עס טרייבט איהם ארויס אויף דער גאס, אויף דער לופט, אויף דער ווייכער, פרישער, אויסגעצייכענטער לופט? אלע, אלע זענען אצונד אין דרויסען. דער טאטע, די מאמע, די קלענערע קינדער, וואס זוכען קליינע שטיינדעלעך און שפיעלען אין זאמדעלעך. דער הער הערץ הערצענהערץ דרעהט זיך אויך ארום איבערען הויף אהן א היטעל, רויכערט א „ציגאר“ און זינגט א

דייטשעס לידעל, קוקט אויף מיר און לאכט... דאס לאכט ער פון מיר א פנים, וואס דער טאטע טרייבט מיך. איך לאך אבער פון זיי אלע. אט באלד וועלען זיי אלע געהן שלאפען, וועל איך מיך דערמאלט ארויסכאפען אין הויף ארוים (איך שלאף אין הויז, פון פארינט אויף דער ערד, וואריס אין שטוב איז די היטץ שרעקליך גרויס) איך וועל מיך שוין אנטישען, אנשפיגלען אן מיין מעסער׳ל !...

דער עולם שלאפט. שא, שטיל ארום און ארום. פאוואלינקע הויב איך מיך אויף אויף אלע פיער און שטיל ווי א קאץ, גנבה איך מיך ארויס אין הויף ארויס. די נאכט איז שטיל, די לופט איז פריש, מחיה נפשות. פאמעלעך קריך איך צו צו יענעם ארט, וואו דאס מעסער׳ל ליגט בעגראבען. פאוואלי, גראב איך דאס אויס פון דארטען און בעטראכט דאס ביי דער לבנה; עס גלאנצט, עס בלישטשעט, ווי גינגאלד, ווי א בריליאנט; איך הויב אויף די אויגען ארויף און דערזעה די לבנה קוקט גלייך אראב צו מיר אויף מיין מעסער׳ל... וואס קוקט זי זיך אזוי איין? איך דרעה מיך אום צוריק — זי קוקט מיר נאך; איך פארשטעל דאס מעסער׳ל מיט׳ן העמדיל—זי קוקט מיר נאך; זי ווייסט געוויס, וואס דאס איז פאר א מעסער׳ל און וואו איך האב דאס גענומען — גענומען ?.. איך האב דאס גענבה׳ט!

דאס ערשטע מאל, פון זינט דאס מעסער׳ל איז מיינס, קומט מיר דאס דאזיגע שרעקליכע ווארט אויף די געדאנקען. גענבה׳ט? בין איך דאך, הייסט דאס, א גנב! פשוט א גנב? אין דער תורה שטעהט געשריבען, אין די עשרת הדברות, מיט גרויסע אותיות:

לא תגנוב!

זאלסט ניט גנבה׳נען! און איך האב גענבה׳ט! וואס וועט מען מיר דערפאר טהון אין גיהנם? אוי, וועה! מע וועט מיר אפהאקען די האנד, די האנד, וואס זי האט גענבה׳ט... מע וועט מיך שמייסען מיט אייזערנע ריטער... מע וועט מיך בראטען און ברענען אויף הייסע סקאווראדעס... אייביג, אייביג וועל איך גליהען... מע בעדארף אפגעבען דאס מעסער׳ל,

מע בעדארף אנידערלייגען צוריק דאס מעסער׳ל, מען בעדארף נישט קיין גנבה׳ש מעסער׳ל, מארגען ליג איך אנדער צוריק דאס מעסער׳ל.

אזוי טראכט איך מיר און נעם דאס מעסער׳ל צו זיך אין בוזעם אריין פיהל איך אז סע בריהט מיך, סע בראט מיך. ניין, מע בעדארף עס צוריק בעהאלטען, בעגראבען אין דער ערד אריין ביז מארגען. און די לבנה פון אויבען קוקט אויף מיר. וואס קוקט זי? די לבנה זעהט, זי איז איין עדות... און איך קריך צו פאוואליגקע צוריק אין הויז אריין אויף מיין געלעגער און לייג זיך שלאפען און קען ניט אנשלאפען ווערען. איך קאטשע זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער און קאן ניט שלאפען... מיט׳ן טאגליך שוין בין איך אנשלאפען געווארען און עס האט זיך מיר געחלומ׳ט א לבנה, און עס האבען זיך מיר געחלומ׳ט אייזערנע ריטער, און עס האבען זיך מיר געחלומ׳ט מעסערלעך... גאנץ פריה האב איך זיך אויפגעהאפט, אבגעדאווענט געשמאק מיט כונה און אבגעהאפט דעם אנ־בייסען אויף איין פוס און מארש אין חדר אריין.

— וואס האפסט דאס דיך אזוי אין חדר אריין? — שרייט אויף מיר דער טאטע — וואס יאגט דאס דיך אזוי? וועסט ניט אנוועהרען די תורה דיינע שפעטער אויך; בענטש בעסער ווי עס קעהר צו זיין און היפער ניט קיין ווערטער! וועסט נאך צייט האבען זיין אויסגעלאזט, דו הולטיי איינער, דו אפיקורוס, טר־טרפניאק איינער, קהע־הע־הע־הע!

ה.

— וואס עפיס אזוי שפעט? מהו נאר א קוק אהער? האלט מיך דער רבי פיר און ווייזט מיר אן מיט׳ן פינגער אויף מיין חבר „בעריל דעם רויטענס", וואס שטעהט אין א ווינקעלע מיט איין אראבגעלאזטען קאפ; — זעהסט דו, ווייסער חברה׳ניק? זאלסט דו וויסען זיין, אז פון היינטיגען טאג אן און ווייטער איז שוין זיין נאמען ניט „בעריל דעם רויטענס" ווי ער האט געהייסען ביז אהער; ניין! ער הייסט אצונד א שענערען נאמען; אצונד הייסט ער: בערילע דער גנב! — שרייט זשע קינדער: בערילע דער גאנב! בערילע דער גאנב!

די דאזיגע ווערטער ציהט אויס דער רבי מיט א ניגון און אלע תלמידים האפען איהם אונטער ווי די משוררים:

בערילע דער גא־א־נב! בערילע דער גא־א־נב!

איך בלייב א פערשטיינערטער און א פראסט גיהט מיר איבער אויפ'ן לייב. איך פארשטעה ניט וואס דאס בעדייט...

— וואס שווייגסט דו, דו שייגעץ איינער?.. רופט זיך אן דער רבי צו מיר מיט איין אומגעריכטען פאטש — וואס שווייגסט דו, דו גויעץ? דו הערסט דאך אז אלע זינגען. העלף זינגען מיט אלע גלייך: „בערילע דער גא־א־נב, בערילע דער גא־א־נב!"

עס ציטערען מיר הענד און פיס; עס קלאפט מיר א צאהן אין א צאהן; נאר איך העלף זינגען: „בערילע דער גא־א־נב!"

— העכער שייגעץ איינער, טרייבט מיך אונטער דער רבי, שטארקער! שטארקער!...

און איך מיט'ן גאנצען כאהר זינגען אויף אלערליי קולות: „בערילע דער גא־א־נב! בערילע דער גא־א־נב!..."

— ש ש ש ש ש ש ש ש א א א א א! שרייט אויס פלוצים דער רבי און טהוט א פאטש מיט דער האנד איבער'ן טיש: — שא! אצונד וועלען מיר זיך נעמען צום „משפט" (מיט א ניגון).

— אנו, בערילע גנב, קום נאר אהער, מיין קינד, גיבער זשע, גיבער אביסעלע! זאג נאר, יונגעלע, ווי אזוי רופט מען דיך? (מיט א ניגון)

— בעריל.

— ווי אזוי נאך? (מיט א ניגון).

— בעריל... בעריל... דער... גנב!

— אט אזוי, מיין ליעב קינד, אט אזוי ביסט דו א וואהל יונגעלע. (מיט א ניגון) אצונד, בערילע, געזונד זאלסט דו מיר זיין און שטארק אויף אלע איברים (מיט א נגון); נעם זיי מוחל, בערילע, און ציה אראב פון זיך די מלבושים'לעך; אט אזוי; נו שוין און גיכער שוין? איך בעט ביי דיר, נו שוין, און גיכער שוין — אט אזוי, בערעשיו, מיין טייערער!

בעריל בלייבט שטעהן נאקעט, ווי די מאמע האט איהם געהאט; קיין טראפען בלוט איז אין איהם ניטא; ער ריהרט ניט מיט קיין אבר, די אויגען אראב; א געשטארבענער, א טוידטער!...

דער רבי רופט ארויס איינעם פון די גרעסערע תלמידים, אלץ מיט א ניגון.

— אנו, הערשעלע דער גרויסער, געה נאר ארויס פונ'ם טיש, אהער, צו מיר, געשווינדער, אט אזוי; און דערצעהל אונז אקארשט די מעשה פון אנהויב ביז'ן סוף, ווי אזוי אונזער בערילע איז געווארען א גנב; הערט, חברה, מיט קאפ!

און „הערשעל דער גרויסער" הויבט אן צו דערצעהלען א מעשה, ווי אזוי בעריל האט זיך דערשלאגען צו ר' מאיר־בעל־נס־פושקע, וואס זיין מאמע ווארפט אהין אלע פרייטאג פארליכט בענטשען א קאפיקע און אמאל צוויי; ווי אזוי בעריל האט זיך דאבוועט צו דער דאזיגער צדקה־פושקע, אויף וועלכער עס הענגט א שלעסעלע; ווי אזוי בעריל האט מיט א שטרויעלע מיט סמאלע ארויס־געשלעפט פון דארטען אלע קאפיקעס איינציגווייס ביז לעצט; ווי אזוי די מאמע זיינע „זלאטע די הייזעריגע" האט זיך געהאפט, געעפענט די דאזיגע צדקה־פושקע, דארט איז געלעגען א שטרוי איינגעטונקען אין סמאלע; ווי אזוי זלאטע די הייזעריגע האט איהם צוגעשטעלט א ביינקעלע"; ווי אזוי בעריל האט זיך באלד נאך דעם רבינ'ס שמיץ מודה געווען, אז א גאנץ יאהר, א קיילעכיג יאהר, האט ער געשלעפט פון דער צדקה־פושקע די קאפיקעס, ווי אזוי ער האט זיך יעדען הינטאג געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט א באקסער! ווי אזוי... און אזוי ווייטער און ווייטער...

— אצונד, קינדער, משפט איהם! איהר ווייסט שוין, ווי אזוי; דאס איז שוין ביי איך ניט דאס ערשטע מאל; לאז יעדער זאגען זיין משפט, וואס קומט א גנב, וואס שלעפט קאפיקעס פון א צדקה פושקע; הערשיל דער קליינער, זאג דו צום ערשטען, וואס קומט אזא גנב, וואס שלעפט קאפיקעס מיט א שטרוי פון א צדקה פושקע?

דער רבי ביינט אין דעם קאפ אויף א זייט, ער מאכט צו די אויגען און שטעלט אונטער דעם רעכטען אויער צו הערשיל דעם קליינעם; הערשיל דער קליינער ענטפערט הויך, אויף א קול:

— א גנב וואס שלעפט קאפיקעס פון א פושקע, קומט... מעזאל איהם קאטעווען ביז בלוט זאל געהן.

— משה'ל, וואס קומט א גנב, וואס שלעפט קאפיקעס פון א צדקה־פושקע?

— א גנב, זאגט משה'ל מיט א וויינענדיג קול, א גנב, וואס שלעפט קאפיקעס פון א צדקה־פושקע, קומט מע זאל איהם אנידערלייגען צווי אויפ'ן קאפ, צווי אויף די פיס און צווי זאלען איהם שמייסען מיט איינגעזאלצענע ריטער... —

טאפילי טוטאריטו, וואס קומט א גנב, וואס שלעפט קאפיקעס פון א צדקה־פושקע? —

קאפיל קוקאריקו, א יונגיל, וואס קאן ניט אויסרעדען קיין קוף און קיין נימל, ווישט אויס דאס נעזיל און זינגט זיין משפט מיט א קוויטש:

— א דנב, וואס שלעפט טאפיטעס פון א א פושטע, טומט איהם, אז אלע יונגליך זאלען צורעהן צו איהם נאהענט און זאדען איהם דלייך אין פנים דריי מאל אויף א טול: דנב! דנב! דנב!

אין חדר ווערד א געלעכטער. דער רבי נעמט זיך מיט'ן גראבען פינגער אונטערען נארגעל, ווי א חזן, און רופט מיך אויף מיט'ן נגון, וואס מע רופט אויף א חתן:

— יעמוד ה־ח־ת־ן ש־לום ב"ר נחום מפ־טיר! זאג נאר, דו, שלומ'ני, מיין טייערינקער, דיין פסק, וואס קומט א גנב, וואס שלעפט קאפיקעס פון א צדקה־פושקע?

איך וויל ענטפערען — פאלגט מיך ניט די צונג; איך ציטער ווי אין א קדחת, עס ווארגט מיך אין האלז; א קאלטער שוויים בעשלאגט מיך פון אויבען ביז אראב; עס פייפט מיר אין די אויערען; איך זעה שוין פאר זיך ניט דעם רבי'ן, ניט דעם נאקעטען „בעריל דעם גנב", ניט קיין חברים; איך זעה פאר זיך נאר מעסערלעך, אהן א שיער מעסערלעך,

ווייסע, אפענע מעסערלעך, מיט א סך קלינגלעך און דארט ביי דער טיר, הענגט די לבנה, זי שמייכעלט און קוקט אויף מיר ווי א מענטש... עס דרעהט זיך מיר די קאפ, דער גאנצער חדר, מיטן טיש, מיט די ספרים, מיט אלע חברים, מיט דער לבנה, וואס הענגט אויף דער טיר און מיט אלע מעסערלעך... איך פיהל, ווי די פיס ווערען מיר אונטערגעהאקט, נאך א מינוט — פאל איך אום. נאר איך שטארק זיך מיט אלע כחות און האלט זיך איין איך זאל ניט פאלען...

פארנאכט קום איך אהיים און פיהל אז דאס פנים ברענט מיר, די בעקלעך פלאמען און אין די אויערן שומעט מיר. איך הער מע רעדט צו מיר, נאר וואס — ווייס איך ניט. עפיס זאגט דער טאטע, עפיס בייזערט ער זיך, וויל מיר געבין פעטש, די מאמע שטעלט זיך איין פאר מיר, צעלאזט דעם פארטוך, ווי א קוואקע די פליגעל בשעת זי בעשיצט איהרע היהנדלעך מע זאל זיי ניט אנגריהרען צו שלעכטען... איך הער גאר ניט, איך וויל גאר ניט הערען, איך וויל גאר ס'זאל שוין ווערען גיכער נאכט! איך זאל קאנען מאכען איין עק מיטן מעסער'ל... וואס טהוט מען מיט דעם? מודה זיין זיך און אבגעבען דאס? וועל איך האבען בערילעס פסק. אונטערוואַרפען דאס? טאמער האפט מען מיך... פארווארפען און איין עק, אבי פטור ווערען! וואהין פערווארפט מען דאס אז מע זאל דאס ניט געפינען? אויפ'ן דאך? וועט מען הערען א קלאפ. אין גארטען? וועט מען דאס געפינען. אהא! איך ווייס, שוין, איך האב איין עצה: אריינוואַרפען אין וואסער אריין! א טהייערע עצה כ'לעבען — אין וואסער אריין, אין ברונען, טאקי אט דא ביי אונז אויפ'ן הויף!... דער דאזיגער געדאנק געפעלט מיר אזוי שטארק, אז איך וויל גאר לאנג ניט קלערען; איך חאפ דאס מעסער'ל און לויף גלייך צום ברונען און עס דאכט זיך מיר, אז איך האלט אין די הענד ניט קיין מעסער'ל נאר עפיס א מיאוס־קייט, א מין שרץ, פון וועלכען עס ווילט זיך מיר וואס גיכער צו בעפרייען זיך, פטור ווערען. נאר סע טהוט מיר באנג — אזא טהייער מעסער'ל. א מינוט שטעה איך פערטראכט, און עס דאכט זיך מיר אז איך האלט אין האנד א לעבעדיגע זאך... דאס הארץ טוהט מיר וועה אויף דעם,

ס׳טײַטש, ס׳טײַטש, עס קאָסט מיך אַזױ פֿיל מיה, עס איז אַ צער בעלי־חיים... איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיט אַ מאָל אַרױס פֿון די פֿינגער „פֿלאַך״!... עס טוט אַ פּלעשטשע דאָס װאַסער און מער האָט מען נישט... ניטאָ קײן מעסערל! איך שטײ נאָך אַ מינוט בײַם פֿרוען און הער זיך צו — מע הערט גאָר נישט. דאַנקען גאָט, פּטור געװאָרן! האָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר װײ: „ס׳טײַטש, אַזאַ מעסערל, אַזאַ מעסערל!...״

איך גײ צוריק צו מײַן געלעגער און זע, װי די לבֿנה קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזעהען אַלעס, װאָס איך האָב דאָ אָפּ געטהון, און איך הער װי אַ קול פֿון הײַטענס: „אָבער דו ביסט דאָרט אַ גנבֿ!... האַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנבֿ! אַ גאַ־אַ־אַנבֿ!!״ איך גנבֿה זיך אַרײַן צוריק אין הױז אַרײַן און לײג זיך שלאָפֿען און עס חלומט זיך מיר אַז איך לױף, איך שװעב, איך פֿליה אין דער לופֿטען מיט׳ן מעסערל און די לבֿנה קוקט אױף מיר און זאָגט: „האַפּט אים! קלאַפּט אים! ער איז אַ גנבֿ! אַ גאַ־אַ־אַנבֿ!!!...״

ו.

אַ לאַנגער, אַ לאַנגער שלאָף! אַ שװערער, זעהר אַ שװערער חלום! עס ברענט אין מיר אַ פֿײַער; עס זשימעט מיר אין קאָפּ; אַלץ װאָס איך זעה, איז רױט װי בלוט. ברענענדיגע רײטער פֿון פֿײַער קאַטשעװען מײַן לײַב און איך קאַטשע זיך אין בלוט; אַרום מיר דרעהען זיך שלאַנגען און עקדעשען; די האַלטען אָפֿען זײערע מײַלער און װילען מיך אײַנשלינגען... גלײַך אין אױער אַרײַן הער איך אַ בלאָז: תּקיעה — טהו! שבֿרים — טהו־טהו! תּרועה — טהו־טו־טו־טו און אײנער שטעהט איבער מיר און שרײַט אױף אַ קול מיט אַ ניגון, צום טאַקט: שמײַסט אים! שמײַסט אים! שמײַסט אים! ער איז אַ גאַ־אַ־אַ־נבֿ!!! און אַלײן שרײַ איך: „גװאַלד, נעמט צו פֿון מיר די לבֿנה! ניט איהר אָב דאָס מעסערל! װאָס האָט

אִיהר צוּ בֶּערְלֶען גֶעבִּיךְ? עֶר אִיז נִיט שׁוּלְדִיג — דָאס בִּין אִיךְ אַ גַ־אַ־אַ־
נָב! אַ גַ־אַ־אַ־נָב...״

· · · אוּן וַוייטֶער גֶעדֶענְק אִיךְ נִיט · · · · · · · · · · · · · · ·

· ·

אִיךְ עֶפֶען אוֹיף אֵיין אוֹיג, אוּן דָאס אַנְדֶערֶע אוֹיג... ווּאוּ בִּין אִיךְ?
דַאכְט זִיךְ אוֹיף אַ בֶּעט? וָואס טוּה אִיךְ דָא? וֶוער זִיצְט דָאס אָט דָארְט
אוֹיף אַ בֵּיינְקֶעל, בַּיים בֶּעט? אַ! דָאס בִּיסְט דוּ, מַאמֶע? מַאמֶע!... זִי
הֶערְט מִיךְ נִיט!... מַאמֶע! מַאמֶע! מַאאַמְמֶע!!!... וָואס הֵייסְט דָאס?
מִיר דַאכְט, אַז אִיךְ שְׁרַיי אוֹיף אַ קוֹל?... שַׁא! אִיךְ הֶער זִיךְ צוּ, — זִי
וֵויינְט? זִי וֵויינְט שְׁטִילֶערְהֵייט, אוֹיךְ זֶעה אִיךְ דֶעם טַאטֶען מִיט זַיין גֶעל
קְרֵיינְקְלִיךְ פָּנִים. עֶר זִיצְט אִיבֶּער אַ סֵפֶר אוּן זָאגְט עֶפִּיס שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן
הוּסְט אוּן זִיפְצְט אוּן קְרֶעכְצְט... עֶס וַוייזְט אוֹיס, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶע־
שְׁטָארְבֶּען... גֶעשְׁטָארְבֶּען?... מִיט אַמָאל פִיהְל אִיךְ, ווִי עֶס וֶוערְט מִיר
לִיכְטִיג אִין דִי אוֹיגֶען, גְרִינְג אִין קָאפּ, גְרִינְג אִין אַלֶע אֵבָרִים. עֶס קְלִינְגְט
מִיר אִין אֵיין אוֹיעֶר, אִינ׳ם אַנְדֶערֶען אוֹיעֶר: דְזִזְזְזְן!!! אִיךְ גִיב אַ נִיעֶס
אַפְּצְשִׁי!...

— צוּ גֶעזוּנְד! צוּ אֲרִיכַת־יָמִים! צוּ לַאנְגֶע יָאהְרֶען! אַ סִימָן־טוֹב!
מַזָל־טוֹב! גֶעלוֹיבְּט בִּיסְט דוּ גָאט!

— בֶּאֱמֶת גֶענָאסֶען! גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!

— מִיר הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶען גָאט, עֶר וֶועט, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, זַיין גֶע־
זוּנְד, גָאט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ!

— לָאז מֶען רוּפֶען גִיכֶער אַהֶער מִינְצִי דִי שׁוֹחֶט׳קֶע: זִי שְׁפְּרֶעכְט
גוּט אָב אַיין עַיִן־הָרָע.

— דֶעם דָאקְטָאר וָואלְט מֶען בֶּעדַארְפְט רוּפֶען, דֶעם דָאקְטָאר!

— דֶעם דָאקְטָאר? צוּ וָואס! נַארִישְׁקֵייט! „עֶר״ אִיז אַ דָאקְטָאר!
דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בֶּעסְטֶער דָאקְטָאר! גָאט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ!

— צֶעגֶעהְט זִיךְ, עוֹלָם, צֶעגֶעהְט זִיךְ אַבִּיסֶעל! עֶס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ
הֵייס! אוּם גָאטֶעס ווִילֶען צֶעגֶעהְט זִיךְ!

— אַ, יָא? אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט, אַז מֶע דַארְף אִיהם אוֹיסְגִיסֶען מִיט וַואקְס, הַא? וֶוער אִיז גֶערֶעכְט?

— גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! גֶעלוֹיבְּט אִיז הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ!... אוֹי, גָאט, גָאט, גָאט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ...

מֶע דְרֶעהט זִיךְ אַרוּם מִיר; מֶע קוּקְט אוֹיף מִיר; יֶעדֶער גֵעהט צוּ אוּנ טְהוּט מִיךְ אַ טַאפּ בַּיים קָאפּ; מֶע שְׁפְּרֶעכְט מִיךְ, מֶע שֶׁעפְּטְשֶׁעט מִיךְ, מֶע לֶעקְט מִיר דֶעם שְׁטֶערֶען אוּנ מֶע שְׁפַּייט אוֹיס אוּנ מֶע פִּילְנֶעוֶועט מִיךְ: מֶע גִיסְט מִיר אִין מוֹיל אַרַיין הוּדִיגֶע יוֹךְ אוּנ מֶע שְׁטוּפְּט מִיר מִיט לֶעפֶּעלֶעךְ אַיינְגֶעמַאכְטְס — אַלֶע דְרֶעהֶען זִיךְ אַרוּם מִיר, מֶע הִיט מִיךְ אָב, וִוי דָאס שְׁוַוארְצֶעפֶּעל פוּנ׳ם אוֹיג, מֶע הָארֶעוֶועט מִיךְ מִיט יוֹכְלִיךְ אוּנ מִיט קַאטְשֶׁקֶעלֶעךְ וִוי אַ פִּיצֶעלֶע קִינְד אוּנ מֶע לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אַלֵיין; עֶס זִיצְט תָּמִיד נֶעבֶּען מִיר דִי מַאמֶע, אוּנ דֶערְצֶעהלְט מִיר אִיבֶּער אַלֶע מָאל אִיבֶּער אַ נַייעֶס דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, וִוי אַזוֹי מֶע הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען פוּן דֶער עֶרְד כִּמְעַט אַ טוֹידְטֶען; וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין גֶעלֶעגֶען צְוַויי וָואכֶען בְּסֵדֶר אִין אַיין הֶעלֶעשׁ־פַייעֶר; אוּנ הָאבּ נָאר גֶעקְוָואקְעט וִוי אַ זְשַׁאבֶּע אוּנ עֶפִּיס כְּסֵדֶר גֶערֶעדְט פוּן שְׁמִייץ אוּנ פוּן מֶעסֶערְלֶעךְ... מֶע הָאט שׁוֹין גֶערֶעכֶענְט, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין חָלִילָה גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ נָאכְדֶעם, פְּלוּצְלוּם, הָאבּ אִיךְ אַ גִיעֶס גֶעגֶעבֶּען זִיבֶּען מָאל, מַמָשׁ פוּן טוֹידְט לֶעבֶּעדִיג גֶעוָוארֶען...

— הַיינְט וֶועהֶען מִיר וָואס פַאר אַ גָאט מִיר הָאבֶּען, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, לָאזְט אוֹיס דִי מַאמֶע מִיט טְרֶעהרֶען אוֹיף דִי אוֹיגֶען; הַיינְט וֶועהֶען מִיר אַרוֹיס, אַז מֶע רוּפְט צוּ אִיהם הֶערְט עֶר אוֹיס אוּנְזֶערֶע זִינְדִיגֶע בַּקָשׁוֹת אוּנ אוּנְזֶערֶע שׁוּלְדִיגֶע טְרֶעהרֶען... אַ סַךְ, אַ סַךְ טְרֶעהרֶען הָאבֶּען מִיר פֶערְגָאסֶען, אִיךְ אוּנ דֶער טַאטֶע, בִּיז גָאט הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט... שִׁיעֶר, שִׁיעֶר נִישְׁט אָנְגֶעווארֶען, פֶערְזִינְדִיגְט אַ קִינְד חָלִילָה, מִיר זָאלֶען זַיין פַאר דַיינֶע בֵּיינֶער, אִיבֶּער וֶועמֶען? אִיבֶּער וָואס? אִיבֶּער אַ יוּנְגֶעל, אַ גַנָב, עֶפִּיס אַ בֶּערֶעלֶע, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פֶערְשְׁמִיהֶען אִין חֵדֶר בִּיז׳ן בְּלוּט אַרַיין; אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ גֵעהְן פוּן חֵדֶר בִּיסְט דוּ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ טוֹידְטֶער, דֶער מַאמֶע זָאל זַיין פַאר דִיר! דָאס אִיז אַ רוֹצֵחַ, דָאס אִיז אַ

גזלן, גאט זאל איהם בעצאהלען, רבונו של עולם!... גיין, מיין קינד, א גאט וועט אונז שענקען דאס לעבען און דו וועסט, אם ירצה השם, אויפשטעהן געזונדערהייט, וועלען מיר דיך שוין אבגעבען צו איין אנדערען מלמד, ניט אזא קאט, אזא רוצח, ווי אט דער „מלאך־המות“, ימח שמו וזכרו זאל ער ווערען!

די דאזיגע בשורה איז ביי מיר שרעקליך אנגעלייגט! איך האב ארום די מאמע קושען:

— טהייערע, טהייערע מאמע!...

און דער טאטע געהט צו צו מיר פאוואלי, לייגט ארויף זיין בלייכע קאלטע האנד מיר אויפ'ן שטערען און זאגט צו מיר שוין ווייך, אהן א שום כעס:

— אי האסט דו אונז איבערגעשראקען, דו שקוצ'ן איינער, קהע־הי־הע־הע.

אויף דער יודישער דייטש אדער דער דייטשער יוד הער הער'ן הערצענהער'ן מיט א „ציגאר“ אין די צעהן ביינט זיך אן מיט זיין געגאלטער מארדע איבער מיין בעטעל און טהוט מיך א גלעט איבער'ן בעקיל און זאגט אויף דייטש:

— גוט, גוט! געזונד, געזונד!...

*

*   *

אין אפאר וואכען ארום נאך מיין אויפשטעהן פון בעט רופט זיך אן צו מיר דער טאטע:

— נו, מיין זוהן, אצונד געה אין חדר אריין, און האב שוין מעהר ניט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נארישקייטען... שוין צייט זאלסט שוין אנהייבען ווערען א שטיקיל מענש: אם ירצה השם איבער דריי יאהר וועסט דו שוין בר־מצוה צו הונדערט און צוואנציג יאהר, קהע־הע־הע!

מיט אזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאטע ארויס אין חדר אריין צום נייעם מלמד, צו ר׳ חיים קאטער. דאס ערשטע מאל הער איך

פון מיין בייזען טאַטען אַזעלכע גוטע ווייכע ווערטער און איך פערגעס אין איין מינוט אַלע זיינע רדיפות, מיט אַלע זיינע קללות, מיט אַלע זיינע פעטש, גלייך ווי ס'איז גאָר נישט געווען אויף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען וואָלט איך איהם אַרומגעהאַפּט קושען. נאָר הי־הי־הי — ווי אזוי קושט מען אַ טאַטען?...

די מאַמע גיט מיר מיט אין חדר אַריין אַ גאַנצען עפּיל מיט צוויי גראָשען, און אויך דער דייטש שענקט מיר אַפּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקיל, רעדט אויף זיין שפּראַך:

— היבשער קנאַבע! גוט, גוט!...

איך נעם די גמרא ביצה אונטער דער האַנד, איך טהו קושען די מזוזה און געה אין חדר אַריין ווי אַ ניי געבאָהרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערען, קלאָהרען קאָפּ, מיט נייע מחשבות, מיט פרישע, עהרליכע, פרומע געדאַנקען. די זון קוקט אַראָב און גריסט צו מיר מיט איהרע וואַרעמע שטראַהלען, דאָס ווינטעלע פערגנביהט זיך צו מיר אונטער אַ פּאה, די פייגעלעך פּישטשען: „טיף־טיף־טיף־טיף!...“ עס הויבט מיך, עס טראָגט מיך אין דער לופטען, עס ווילט זיך מיר לויפען, שפּרינגען, טאַנצען — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז אַז מע לעבט און מע איז אַיין עהרליכער, מע איז ניט קיין גנב, נישט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמרא צום האַרצען שטאַרק, שטאַרק און לויף אין חדר אַריין געשמאַק, געשמאַק, און איך שווער ביי דער גמרא, אַז איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט זאַטשעפּען קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל נישט גנבהנען, קיינמאָל, קיינמאָל נישט לייקענען, תמיד זיין אַיין עהרליכער, אַיין עהרליכער, אַיין עהרליכער...

טבֶיה דֶער מילְכִיגֶער.

א) דָאס גְרויסֶע גֶעווינְס.

ב) אַ בּוידֶעם.

ג) הַיינְטִיגֶע קינְדֶער.

דאס גרויסע געווינס.

(א וואונדערליכע מעשה, ווי אזוי טביה דער מילכיגער, א יוד איין ארעמאן, א מטופל מיט קינדער, איז פלוצים מיט אמאל בעגליקט געוואר'ען דורך א משונהווילדען פאל, וואס איז כדאי מע זאל דאס בעשרייבען אין א ביכעל).

דערצעהלט פון טביה'ן אליין און איבערגעגעבען ווארט ביי ווארט.

מקימי מעפר דל,
מאשפות ירים אביון.
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם ארעמאן
פונ'ם מיסט הויבט ער אויף דעם אביון.
(תהלים קי"ג. ז).

— אז ס'איז בעשערט דאס גרויסע געווינס, הערט איהר, פאני שלום־עליכם, קומט דאס גלייך אין שטוב אריין, ווי זאגט איהר: למנצח על הגתית — אז סע געהט לויפט עס; ס'איז גאר נישטא דערביי קיין שכל מיט קיין בריה'שאפטען, און טאמער חלילה פערקעהרט, מעגט איהר צעזעצט ווערען ריידענדיג, וועט אייך העלפען ווי דער פאר א יאהריגער שניי, ווי זאגט איהר: אין חכמה ואין עצה נגד א שלעכט פערד; א מענש הארעוועט, ווערט אויסגעריסען, האטש נעם לייג זיך, שונאי ציון, און שטארב! פלוצים מע ווייסט ניט פון וואס און פון וואנען — עס פערדעלט פון אלע זייטען, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: רוח והצלה יעמוד ליהודים, פערטייטש'ען בעדארף איך אייך ניט, נאר דער פשט דערפון איז אזוי, אז א יוד, כל זמן שהנשמה בקרבי — עס שלאגט זיך נאך איין אדער,

פָאר עֶר נִישְׁט פֶערְלִירֶען דֶעם בִּטָחוֹן. אִיךְ הָאבּ דָאס אַרוֹיסְגֶעזֶעהֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין טַאקִי, וִוי אַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט מִיר גֶעפִיהְרְט, מִיט מַיין אִיצְטִיגֶער פַּרְנָסָה: וָוארוּם וִוי קוּם אִיךְ גָאר פֶערְקוֹיפֶען קֶעז אוּנ פּוּטֶער אִין מִיטֶען דְרִינֶען, אַז מַיין בַּאבֶּעס בַּאבֶּע הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט קֵיין מִילְכִיגְס? סְ'אִיז בֶּאֱמֶת כְּדַאי אִיהר זָאלְט אוֹיסְהָארְכֶען דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף. אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּזֶעצֶען אוֹיף אַ וַוילֶע אָט דָא נֶעבֶּען אַייךְ אוֹיפְ'ן גְרָאז, לָאז זִיךְ דָאס פֶערְדִיל דֶערְוַויל עֶפִּיס קַייעֶן, וִוי זָאגְט אִיהר: נִשְׁמַת כָּל חַי — אוֹיךְ אַ בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ בַּיי גָאט.

בְּקִצוּר, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַרוּם שָׁבוּעוֹת־צַייט, דָאס הֵייסְט, אִיךְ זָאל אַייךְ נִיט זָאגֶען קֵיין לִיגֶען, אַ וָואךְ אָדֶער צְוֵוי פַאר שָׁבוּעוֹת, אוּנ אֶפְשֶׁר הַא? אַפָּאר וָואכֶען נָאךְ שָׁבוּעוֹת. פֶערְגֶעסְט נִישְׁט, סְ'אִיז שוֹין, פַאוָואלִינְקֶע, אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגֶען אַקוּרַאט, אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אַ יָאהר מִיט אַ מִיטְוָואךְ, דָאס הֵייסְט, פּוּנְקְט נַייעֶן יָאהר אָדֶער צֶעהֶען אוּנ אֶפְשֶׁר נָאךְ מִיט אַ סְמִיטְשִׁיק. אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען, וִוי אִיהר זֶעהט מִיךְ אָטָא, גָאר נִישְׁט דֶער, וָואס אִיצְטֶער, דָאס הֵייסְט, טַאקִי דֶער אֵייגֶענֶער טֶבְיֶה, נָאר פָארְט נִישְׁט דֶער, וִוי זָאגְט אִיהר: דִי אֵיינֶענֶע יֶענְטֶע, נָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעשְׁלֵייעֶרְט, דְהַיְינוּ וָואס? אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, נִיט פַאר אַייךְ גֶעדַאכְט, אַ קַבְּצָן אִין זִיבֶּען פָּאלֶעס, הָאטְשׁ אֲפִילוּ, אַז מֶע וִויל שְׁמִיסֶען דָאס אֵייגֶענֶע וִוידֶער צוּרִיק, בִּין אִיךְ נָאךְ אִיצְט אוֹיךְ גַאנְץ וַוייט פוּן אַ נָגִיד, וָואס מִיר פֶעהלְט צוּ בְּרָאצְקִין, מֶעגֶען מִיר זִיךְ דָאס בֵּיידֶע וִוינְשֶׁען פֶערְדִינֶען דֶעם הַיינְטִיגֶען זוּמֶער בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת, נָאר וֶועדְלִיג אַמָאל בִּין אִיךְ הַיינְט, הֵייסְט דָאס, אַ יוּד, אַ נָגִיד, מִיט אַ פֶערְד אוּנ וֶועגֶעלֶע אִין אֵייגֶענֶם, מִיט, קֵיין עַיִן־הָרָע, בְּהֵמָה'לֶעךְ אַפָּאר, וָואס מֶעלְקֶען זִיךְ, מִיט נָאךְ אֵיינֶע, וָואס הַאלְט אֶט־אָט בַּיי אָבְּקֶעלְבֶּען זִיךְ; סְ'אִיז דָא, נִיט צוּ פֶערְזִינְדִיגֶען, קֶעז אוּנ פּוּטֶער אוּנ סְמֶעטֶענֶע פְרִישֶׁע אַלֶע טָאג, אֵייגֶענֶע הָארֶעוַואנְיֶע, וָוארוּם מִיר אַלֶע אַרְבַּייטֶען, קֵיינֶער זִיצְט נִיט לֵיידִיג, מַיין וַוייבּ זָאל לֶעבֶּען מֶעלְקְט דִי בְּהֵמוֹת, דִי קִינְדֶער טְרָאגֶען קְרִיגְלִיךְ, שְׁלָאגֶען פּוּטֶער, אוּנ אִיךְ אַלֵיין, וִוי אִיהר זֶעהט אָטָא, פָאהר מִיר אַרוֹיס אַלֶע פְרִיהמָארְגֶען אוֹיפְ'ן מַארְק, גֶעה דוּרְךְ אַלֶע

דאטשעס אין בויבעריק, מע זעהט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אלע גרעס־טע בעלי־בתים פון יעהופעץ, מע רעדט זיך דורך אביסעל מיט א מענשען, פיהלט מען, אז מען איז אויך עפּיס אשטיקעל מענש אויף דער וועלט. ווי זאגט איהר, נישט קיין הינקעדיגער שניידער, און ווער שמיסט שבת בין איך דאך גאר א מלך, קוק אריין אין א יודישען ספר, א פרשה חומש, אביסעל תרגום, תהלים, פרק, דאס, יעניץ, לאקש, בוידעם — איהר קוקט מיך אן, פאני שלום־עליכם, און טראכט זיך אודאי בשעת־מעשה אין הארצען: „עי, אט דער טביה איז דאך עפּיס טאקי גאר א יוד וואס קא־טארי!"...

בקצור, וואס־זשע האב איך אייך אנגעהויבען צו דערצעהלען? יא, בין איך, הייסט דאס, דעמאלט געווען, מיט גאטס הילף, א ביטערער ארע־מאן, געשטארבען, ניט פאר קיין יודען געדאכט, מיט ווייב און קינדער דריי מאל א טאג פון הונגער א חוץ וועטשערע, געהארעוועט האב איך ווי אין אייזעל, געשלעפּט קלעצער פונ'ם וואלד צום וואגזאל א פולען וואגען, עס זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, פאר צוויי גילדען א טאג, און דאס ניט אלע טאג און דערמיט גע האלט אויס, קיין עין־הרע, אזא שטוב מיט פיקערס, זאלען געזונד זיין, מיט, להבדיל, א פערד אויף קעסט, וואס וויל נישט וויסען וואס רש"י מאכט, בעדארף קייען אלע טאג, גאר אהן א שום תירוץ. וואס טהוט גאט? ער איז דאך, ווי זאגט איהר, א זן ומפרנס לכל — פיהרט דאס וועלטיל קלוג, מיט שכל, זעהט ער, ווי איך מוטשע מיך דא אזוי פארן שטיקעל ברויט, מאכט ער צו מיר: „דו מיינסט דאך, טביה, אז ס'איז שוין אחרי ככלות הכל — עק וועלט, דער הימעל איז אויף דיר געפאלען? פע, ביזט א גרויסער נאר! אט וועסט דו זעהען, ווי אזוי, אז גאט וויל נאר, טהוט זיך דאס מזל אויף א מינוט א דרעה נא ליעווא קרוגאם און עס ווערט ליכטיג אין אלע ווינקעלעך; עס קומט אויס, ווי מיר זאגען אינ'ם „ונתנה־תוקף": מי ירום ומי ישפל — ווער סע פאהרט און ווער סע געהט צו פוס, דער עיקר איז, בטחון, א יוד בעדארף האפען, נאר האפען; אי וואס? טאמער ווערט מען דערווייל פערשווארצט? דערויף זענען מיר דאך עפּיס שטיקלעך יודען, אויף דער

וועלט, ווי זאָגט איהר, אתה בחרתנו — ניט אומזיסט איז אונז די וועלט מקנא... אַקעגען וואָס שמיס איך דאָס? איך שטיל עס אַקעגען דעם, ווי אַזוי גאָט האָט מיט מיר געפיהרט, טאַקי נאָר נסים ונפלאות, איהר מעגט דאָס הערכען.

ויהי היום, איין מאָל פאַר נאַכט פאָהר איך מיר אַזוי זומער־לעבען אין וואלד, שוין צוריק אַהיים, אָהן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפ'ן הארצען וויסט און פינסטער; דאָס פערדיל, נעביך, קאָם וואָס עס פלאָנטעט מיט די פיס, חאָטש האַק, חאָטש בראָק. „קריך, זאָג איך, שלים־מזל, אין דער ערד אַריין גלייך מיט מיר. וויים אויך וואָס בעדייט אַ תענית אין אַ לאַנגען זומער טאָג, אַז דו שטעהסט איין ביי טביה'ן פאַר אַ פערד!" שטיל אַרום און אַרום, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָב אין וואלד: די זון זעצט זיך, דער טאָג ער גוס'ט; די שאָטענס פון די בוימער ציהען זיך אויס לאַנג, ווי דער יודישער גלות; עס הויבט אָן ווערען פינסטערליך און שטאַרק טומנע אויפ'ן הארצען, פערשידענע געדאַנקען, מחשבות'ען קריכען אין קאָפּ אַריין, אַלערליי געשטאַלטען פון מענשען, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַקעגען און דאַ דערמאָהן איך מיך די היים, אַז אָך און וועה איז מיר! אין שטוב איז פינסטער, חשך; די קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקען אַרויס נעביך אויפ'ן טאַטען, דעם שלים־מזל, טאָמער וועט ער ברענגען אַ ברייטיל אַ פרישׁ, און אפשר אַ בולקע אַהיים, און זי, די אַלטע מיינע, געוויינטליך אַ יודינע, וואָרטשעט: „קינדער בעדאַרף איך איהם האָבען און נאָך זיבען דערצו, חאָטש נעם, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רייד, וואַרף זיי אַריין לעבעדיגערהייד אין טייך אַריין!" גוט צו הערכען אַזעלכע דבורים? מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, ווי זאָגט איהר, אַ „בשר ודגים", דעם מאָגען קאָן מען מיט קיין ווערטער ניט פערשטופען, מען האַפּט אַ שטיקעל הערינג, גלוסט זיך טיי, און צו טיי בעדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איהר, איז ביי בראָצקען. „פאַר'ן שטיקעל ברויט, זאָגט מיין ווייב זאָל לעבען, וועט די קישקע נישקשה מוחל זיין, נאָר אָהן דעם גלעזיל טיי, זאָגט זי, בין איך אין דערפריה גאָר אַ טויטע, דאָס קינד,

זאָגט זי, אַ גאַנצע נאַכט ציִהט פון מיר די קליי!" און דערווײַל איז מען דאָך עפּיס אַ יוד אויף דער וועלט, מנחה איז טאַקי, ווי זאָגט איהר, ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפען, נאָר דאַוונען דאַרף מען. מאַהלט אייך דאָס שיינע דאַווענען וואָס קאָן שוין זײַן, אַז פּונקט בשעת שטעלען זיך שמונה עשרה, צעלאָזט זיך, מעשה־שטן, דאָס פערדיל משוגענערווײַז, בעדאַרף מען לויפען נאָכ'ן וואָגען, אײַנהאַלטען די לייצעס און זינגען „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב"—שיין געשטאַנען שמונה־עשרה! און דאָ, ווי אויף צולהכעיס, גלוסט זיך דוקא דאַווענען געשמאַק, מיט הארץ, טאָמער וועט ווערן גרינגער אויף דער נשמה...

בקצור, איך לויף מיר אַזוי נאָכ'ן וואָגען און זאָג די שמונה־עשרה הויך, מיט אַ נגון, ווי, להבדיל, ביים עמוד: מכלכל חיים בחסד—דער דאָ טהוט טהון שפּײַזען אַלע זײַנע בעשעפעניש, ומקיים אמונתו לישיני עפר — אפילו די וואָס ליגען אין דער ערד אונ באַקען בײגיל. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי ווערט מען אויסגעריסען! ניט אַזוי ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצען אַ גאַנץ זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסען און טרינקען אונ באָדען זיך אין אַלדעס־גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? בין דאַכט זיך אַ יוד גלייך מיט אַלע יודען, געוואַלד גאָטעניו, ראה נא בעניינו — זעה, זאָג איך, בעטראַכט ווי מיר האָרעווען אונ נעם זיך אָן די קריוודע פון די אָרימע לייט נעביך, וואָרום, ווער דען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקען ווען ניט דו? רפאנו ונרפא—שיק אונז צו די רפואה, די מכה האָבען מיר שוין אַליין... ברך עלינו—בענטש אונז מיט אַ גוט יאָהר עס זאָל זײַן אַ גערעט אויף אַלע מינים תבואות, פון קאָרן אונ פון ווייץ אונ פון גערשטען, האָטש, אפילו צוריק שמיסענדיג, וואָס וועט מיר שלים־מזל, אַרויסקומען דערפון? אַ שטייגער, למשל, וואָס קומט אַרויס מיין פערדיל, להבדיל, צי האָבער איז טייער צי וואָלוועל?... נאָר, פע, גאָט פרעגט מען קיין קשיות ניט, ובפרט אַ יוד בעדאַרף דאָך אוודאי אָננעמען אַלסדינג פאַר גוטען און זאָגען „גם זו לטובה", מסתמא הייסט גאָט אַזוי. ולמלשינים — זינג איך מיר ווייטער—ולמלשינים, און די סטיקראַ־

טען", וואָס זאָגען, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, וועלען האָבען אַ שיין פּנים, אַז זיי וועלען קומען אַ ה' נ, זיי וועלען דאָס אויסקרענקען מיט פּראָצענט, וואָרום ער איז אַ שובר אויבים — אַ גוטער צאָהלער, מיט איהם שפּיעלט מען זיך ניט, מיט איהם בעדאַרף מען געהן מיט גוטען, בעטען איהם, שרייען צו איהם: אב הרחמן — דער בארעמדיגער הארציגער פאָטער! שמע קולנו — הער צו אונזערע קולות, חוס ורחם עלינו — האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, זיי זע נעהן געביך הונגעריג! רצה — זאָלסט בעווילינגען, זאָג איך, דיין ליב פאָלק ישראל, ווי אַמאָל, אין בית המקדש, נאָך בשעת די כהנים מיט די לוים... פלוצים — סטוי! דאָס פערדיל האָט זיך אַנידערגעשטעלט. איך חאַפּ אָב אויף דער גיך דאָס שטיקעל שמונה־עשרה, איך הויב אויף די אויגען און טהו אַ קוק — עס קומען מיר אַקעגען גלייך פון וואַלד אַרויס צוויי משונה־מאָדנע נפשות, פערשטעלט און אָנגעטהון ניִשט ווי געוויינטליך. „גזלנים!" איז מיר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק אין קאָפּ און האָב מיך אָבער באַלד פערכאַפּט צוריק: „פע, טביה, ביזט אַ שוטה! ס'טייטש דו פאָהרסט אין וואַלד שוין אַזוי פיעל יאָהרען, ביי טאָג און ביי נאַכט, וואָס איז דיר עפּיס פלוצים היינט איינגעפאַלען גזלנים"? — וויאָ! מאַך איך צום פערדיל און נעם זיך אָן מיט הארץ און גיב דעם אַפּאָר שמיצלעך פון הינטען, גלייך ווי ניט מיך מיינט מען.

— רב יוד! הערט נאָר, רב קרוב! מאַכט צו מיר איינע פון די צוויי נפשות מיט אַ קול פון אַ נקבה און ווינקט צו מיר מיט אַ פאַטשיילע, אַ נו, שטעלט זיך נאָר אָב אויף אַ רגע'לע, וואַרט צו אַ ווייַלעטשקע, אַנטלויפט ניִשט, מען וועט אייך, חלילה, גאָר ניִשט טהון!

„אהאַ, אַ ניטגוטער!" קלעהר איך מיר און טאַקי באַלד זאָג איך צו זיך אַליין: „בהמה בצורת פערד! וואָס עפּיס פלוצים אין מיטען דרינען רוחות מיט שדים?" און שטעל אָב דאָס פערדיל. איך הויב אָן גוט איינצוקוקען זיך אין די צוויי נפשות: נקבות; איינע אין עלטערע מיט אַ זיידען טיכעל אויפ'ן קאָפּ, די אַנדערע אַ יונגערע מיט אַ פּאַרוק, ביידע רויט ווי פייער און שטאַרק פערשוויצט.

— אַ גוטען אָבענד, סקאָצעל קומט! מאַך איך צו זיך שטאַרק אויף אַ קול, כלומר'שט אין גוטען מוטה; וואָס איז אייער בעגעהר? אויב איהר מיינט עפּיס קויפען וועט איהר ביי מיר נישט געפינען גאָר ניט, סיידען בויכווייטיג, אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, אָדער האַרצקלעמעניש אַ פולער וואָך, אָדער אַביסעל קאָפּדרעהעניש, טרוקענע שמערצען, נאַסע יסורים, סיפקע צרות?...

— שאַ, שאַ, מאַכען זיי, זעה נאַר, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסעל צעלאָזט; אַ יודען, אַז מע זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, איז מען ניט זיכער מיט'ן לעבען! מיר דאַרפען, זאָגען זיי, נישט קויפען גאָר ניט, מיר האָבען נאָר געוואָלט אַ פרעג טהון ביי אייך, אפשר ווייסט איהר, וואו איז דאָ ערגיץ דער וועג קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק? מאַך איך און צעלאַך מיך כלומר'שט; עס האָט ביי מיר, זאָג איך, אַזאַ פּנים פּונקט ווי איהר זאָלט מיך אַ שטייגער פרעגען, צי ווייס איך, אַז מען רופט מיך טביה.

— אַזוי? מען רופט אייך טביה? אַ גוטען אָבענד אייך, רב טביה! מיר פערשטעהען ניט, וואָס איז דאָ, מאַכען זיי, דער געלעכטער? מיר זענען פרעמדע, פון יעהופּעץ זענען מיר, און וואָהנען דאָ אין בויבעריק אויף אַ דאַטשע, זענען מיר, זאָגען זיי, אַרויסגעגאַנגען אויף אַ מינוטקעלע שפּאַצירען און דרעהען זיך אַזוי אין דעם דאָזיגען וואַלד פּאַוואָלינקע פון גאַנץ פריה אָן, בלאָנזען און בלאָנזען און קאָנען ניט בשום־אופן זיך אַרויפשלאָגען אויפ'ן רעכטען וועג; דערווייל, זאָגען זיי, האָבען מיר דערהערט עמיצער זינגט אין וואַלד, האָבען מיר לכתחלה געמיינט, אַ קשיא, אפשר איז דאָס, חלילה, אַ גזלן? נאָר נאָכדעם, זאָגען זיי, אַז מיר האָבען דערזעהן פון דער נאָהענט, אַז איהר זענט, דאַנקען גאָט, אַ יוד, איז אונז געוואָרען אַביסעל גרינגער אויף דער נשמה. היינט פערשטעהט איהר שוין?
— חאַ־חאַ־חאַ, אַ שיינער גזלן! זאָג איך, איהר האָט געהערט אַמאָל, זאָג איך, אַ מעשה מיט אַ יודישען גזלן, וואָס איז אָנגעפאַלען

אויף א דורכגעהער און געבעטן ביי איהם א שמעק טאבאקע? אויב איהר ווילט, זאג איך, קאן איך דערצעהלען די מעשה.

— די מעשה, זאגען זיי, לאזט איבער אויף איין אנדערש מאל, איהר ווייזט אונז בעסער אן דעם וועג קיין בויבעריק!

— קיין בויבעריק? זאג איך, ס'טייטש, אט דאס איז דאך דער אמת'ער וועג קיין בויבעריק! איהר זאלט אפילו, זאג איך, נישט וועלען, מוזט איהר מיט דעם שליאך אנקומען גלייך קיין בויבעריק.

— וואס־זשע שווייגט איהר? מאכען זיי צו מיר.

— וואס־זשע זאל איך, זאג איך, שרייען?

— ווי באלד אזוי, מאכען זיי צו מיר, קעדרים איהר שוין וויסען, איז עס נאך עפיס ווייט קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק, זאג איך, נישט ווייט, עטליכע ווערסט, דאס הייסט, זאג איך, א ווערסט פינף־זעקס אדער זיבען און אפשר טאקי אלע אכט.

— אכט ווערסט?! האבען אויסגעשריגען ביידע ווייבער מיט אמאל, געבראכען די הענד און שיער נישט צעוויינט זיך אזש; ס'טייטש, וואס רעדט איהר? איהר ווייסט וואס איהר רעדט? א ווערטעלע אויסצורעדען אכט ווערסט?!

— נו, וואס־זשע, זאג איך, זאל איך טהון? עס זאל זיין אין מיר געווענדט, וואלט איך דאס געמאכט אביסעל קירצער; א מענש בעדארף, זאג איך, אלסדינג אויספרובען אויף דער וועלט; אינטערוועגנס טרעפט זיך, אז מע בעדארף, זאג איך, שלעפען זיך אין א בלאטע ארויף א בארג און נאך ערב־שבת דערצו, דער רעגען שמייסט אין פנים, די הענד קליאנקען, דאס הארץ חלש'ט, און דא טראך — ל'פענעט איין אקס...

— איהר רעדט עפיס גאר ווי א דולער, זאגען זיי צו מיר, איהר זענט גאר נישט ביי די געדאנקען. בילעבען, וואס דערצעהלט איהר פזמונות, בבא־מעשיות פון טויזענד־איין־נאכט? מיר האבען שוין קיין כח נישט צו פלאנטען מיט די פיס, א גאנצען טאג האבען מיר א חוץ א גלעזל

קאַווע מיט אַ פּוטערבולקע נאָך אין מויל נישט געהאַט, קומט איהר צו־געהן מיט אייערע מעשׂיות!

— אויב אַזוי, זאָג איך, איז עפּיס אַנדערש, ווי זאָגט מען, קיין פאַנגן געהט ניט פאַר׳ן עסן, דעם טעם פון הונגער פערשטעה איך גאַנץ גוט, איהר בעדאַרפט מיר נישט דערצעהלען; עס קאָן זעהר שוין זיין, זאָג איך, אַז איך האָב קיין קאַווע מיט קיין פּוטערבולקע נישט אַנגעקוקט שוין פון אַ יאָהר, און אַזוי ווי איך רעד, שטעלט זיך מיר פאָר אַ גלעזיל הייסע קאַווע מיט מילך און מיט אַ פּוטערבולקע אַ פרישע, מיט נאָך גוטע זאַ־כען... „שלים־מזל איינער, טראַכט איך מיר, ביזט טאַקי אַנדערש נישט געצויגען געוואָרען, נאָר אויף קאַווע מיט פּוטערבולקעלעך? און אַשטיקעל ברויט מיט הערינג ביזט דו קראַנק?“ און ער, דער יצר־הרע, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען, אויף צו להכעיס, קאַווע, אויף צו להכעיס, פּוטערבולקע! איך הער דעם ריח פון קאַווע, איך פיהל דעם טעם פון פּוטערבולקע פרי־שע, געשמאַקע, מחיה־נפשות!

— ווייסט איהר גאָר וואָס, רב טביה? מאַכען צו מיר ביידע ווײַ־בער; טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אַזוי ווי מיר שטעהען אָט אַ דאָ, זאָלען מיר זיך אַרויפהאַפּען צו אייך אויפ׳ן וואָגען און איהר טאַקי אַליין זאָלט זיך מטריח זיין אונז אָפּפיהרען, מחילה, אַהיים, קיין בויבעריק? — וואָס וועט איהר זאָגען דערויף?

— סאַ משל, זאָג איך, כחרס־הנשבר, איך פאָהר פון בויבעריק און איהר דאַרפט קיין בויבעריק! ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער?

— נו, איז וואָס? מאַכען זיי; ווייסט איהר ניט וואָס מע טהוט? אַ ייד אַ למדן גיט זיך אַן עצה: ער פערקערעוועט דאָס וועגעלע און פאָהרט צוריק. האָט קיין מורא נישט, רב טביה, זאָגען זיי, זייט זיכער, אם ירצה השם, אַז גאָט וועט אונז ברייגגען אַהיים בשלום, ווינשען מיר זיך דאָס אויסקריינקען, וואָס איהר וועט צו אונז דערלייגען.

„עפּיס רעדען זיי מיט מיר תרגום־לשון, טראַכט איך מיר, פערשטעלט, גאָר נישט ווי געוויינטליך“! און עס קומען מיר אַרויף אויפ׳ן זינען: מתים, מכשפות, לצים, פערשלעפּטע־קריינק. „שוטה בן פיקהאַלץ!

טראַכט איך מיר, וואָס שטעהסט דו ווי אַ פּלאָקען? האָב זיך אַרויף אויפ'ן וואָגען, גייז דעם פערדיל אַ בייטש און מאַך אַ "ויברח", נאַר, מעשה־שטן, האָט זיך אַרויס ביי מיר נישט ווילענדיג פונ'ם מויל:

— קריכט אין וואָגען!

מיינע האָבען דערהערט, זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטען און מאַרש אין וואָגען אַריין; איך נאָך זיי אויף דער קעלני, פערקערעוועט דעם דישעל, שמיים דאָס פערדיל: איינס, צוויי, דריי, פּאַשאָל! — ווער, וואָס, וועמען! אַ געכטיגער טאָג! פונ'ם אָרט וויל דאָס ניט ריהרען, האַקט נעם צעשנייד דאָס אויף צווייען. "נו, טראַכט איך מיר, הייִנט פערשטעה איך שוין, וואָס דאָס איז פאַר ווייבער... דער גוטער יאָהר האָט מיך גע־טראָגען זיך אָבשטעלען אין מיטען דריגען, מאַכען אַ שמים מיט ווייבער!..." איהר פערשטעהט — פון איין זייט דער וואַלד, דאָס שטילקייט מיט'ן סומנעקייט, אַקעגען נאַכט, און דאָ, די צוויי נפשות, כלומר'שט נקבות — דער כהדהם אַרבייט גאַנץ געשמאַק אויף אַלע סטרונעס, איך דערמאָהן מיך אַ מעשה פון אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַמאָל געפאָהרען אין וואַלד איינער אַליין און דערזעהען אויפ'ן שליאַך ליגט אַ זעקיל האָבער. מיין בעל־עגלה האָט דערזעהען אַ זעקיל האָבער, האָט ער זיך ניט געפוילט אַראָב פונ'ם וואָגען, געהאַפּט דאָס זעקיל האָבער אויף די פּלייצעס, זיך איינגעריסען דאָס געזונד, קוים אַרויפגעלייגט דאָס זעקיל האָבער אויפ'ן וואָגען און, הלך־לעולמו, פּאַשאָל ווייטער. ער פאָהרט אָב אַקעגען אַ ווערסט, ער מהוט זיך אַ כאַפּ צום זעקיל האָבער — נישט קיין זעקיל, נישט קיין האָבער, ס'איז גאָר אַ ציג ליגט ביי איהם אין וואָגען, אַ ציג מיט אַ בערדיל; ער וויל זי אָנריהרען מיט דער האַנד, שטעלט זי איהם אַרויס אַ צונג אויף איין אַרשין, לאָזט אַרויס אַ משונה־ווילדען געלעכטער און ווערט פערשווינדען...

— פאַר וואָס פאָהרט איהר שוין ניט? מאַכען צו מיר די ווייבער.

— פאַר וואָס איך פאָהר שוין ניט? איהר זעהט דאָך, זאָג איך, פאַר וואָס: דאָס פערדיל וויל ניט דאַוונען, ס'איז ניט אויפגעלייגט.

— גיט דעם מיט דער בייטש, מאכען זיי, איהר האט דאך א בייטש.

— א דאנק אייך, זאג איך, פאר דער עצה, גוט וואס איהר האט מיך דערמאהנט; דער חסרון, זאג איך, וואס מיין בחור שרעקט זיך ניט איבער פאר אזעלכע זאכען; ער איז שוין אזוי געוואהנט מיט דער בייטש ווי איך מיט'ן דלות, זאג איך צו זיי בלומר'שט מיט א ווערטיל און עס וואַרפט מיט מיר דאס נייניאהריגע קדחת.

בקצור, וואס זאל איך אייך מאריך זיין, איך האב אויסגעלאזט מיין גאנצן ביטער הארץ צום פערדיל נעביך, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז גאט האט געהאלפען, עס האט גערידהרט פונ'ם ארט, ויסעו מרפידים — און מיר זענען אוועק מיט'ן וואלד גלייך אונזער וועג. פאהרענדיג אזוי, פליהט מיר דורך אין קאפ גאר א נייע מחשבה: „אוי, טביה, ביזט דו א פערדאטש! החלות לנפול — ביזט געווען א קבצן און וועסט בלייבען א קבצן. ס'טייטש, גאט האט דיר צוגעשיקט אזא בעגעגעניש, וואס טרעפט איין מאל אין הונדערט יאהר, ווי אזוי בעדינגסט דו זיך ניט, לכתחלה, דו זאלסט וויסען מה־יקר — וואס וועסט דו האבען דערפאר? ווען מיר זאלען שמיסען הן על־פי־יושר, והן על־פי סאוועסט, הן על־פי מענשליכקייט, והן על־פי־דין און על־פי זאקאן און אפילו על־פי וויס איך וואס, איז קיין עולה ניט מע זאל דערבײ עפיס פערדינען און פאר וואס טאקי ניט אפלעקען א ביינדיל, אז עס האט זיך שוין יא אזוי געמאכט? שטעל אב דאס פערדיל, דו בהמה! זאג זיי אזוי און אזוי, ברחל בתך הנאקעטע: האב איך ביי אייך אזוי פיעל און אזוי פיעל איז גוט, אלא ניט, בעטען מיר אייך, מחילה, אראב פונ'ם וואגען!" נאר צוריק קלעהר איך מיר: „ביזט טאקי א בהמה, טביה! דו ווייסט ניט, אז די פעל פונ'ם בער טאר מען אין וואלד ניט פערקויפען, ווי זאגט דער גוי: שטשע נע פאימאוו א וזשע סקובע..."

— למאי פאהרט איהר נישט אביסעל גיכער? זאגען די ווייבער און טארען מיך פון אונטען.

– וָואס הָאט אִיהר, זָאג אִיךְ, אַזוֹי קַיין צַייט נִיט? פוּן אַיילֶענִיש, זָאג אִיךְ, קוּמְט קַיין גוּטְס נִיט אַרוֹיס, זָאג אִיךְ, אוּן חַאפּ אַ קוּק מִן־הַצַד אוֹיף מַיינֶע פַּארְשוֹינְדְלֶעךְ; דַאכְט זִיךְ חַייבֶער וִוי גֶעוֶויינְטְלִיךְ, וַוייבֶּער: אֵיינֶע מִיט אַ זַיידֶען טִיכֶל, דִי אַנְדֶערֶע מִיט אַ פַּארוּק; זֵיי זִיצֶען אוּן קוּקֶען אֵיינְס אוֹיפְ'ס אַנְדֶערֶע אוּן שׁוּשְׁקֶען זִיךְ.

— נָאךְ עֶפִּיס וַוייט? פְרֶעגֶען זֵיי מִיךְ.

— נָאהִינְטֶער, זָאג אִיךְ, וִוי פוּן דַאנֶען אַוַדַאי נִיט; אָט בַּאלְד, זָאג אִיךְ, הָאבֶּען מִיר אַ בַּארְג אַרָאבּ מִיט אַ בַּארְג אַרוֹיף; נָאכְדֶעם, זָאג אִיךְ, גֶעהט ווִידֶער אַ בַּארְג אַרָאבּ מִיט אַ בַּארְג אַרוֹיף, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם, זָאג אִיךְ, הָאבֶּען מִיר דֶעם גְרוֹיסֶען בַּארְג אַרוֹיף אוּן פוּן דָארְטֶען גֶעהט שׁוֹין דֶער וֶועג גְלַייךְ, גְלַייךְ בִּיז בּוֹיבֶּעריק...

— עֶפִּיס אַ שְׁלִים־מַזָל! רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶע צוּ דֶער אַנְדֶערֶע

— אַ פֶּערְשְׁלֶעפְּטֶע־קְרֶיינְק! זָאגְט דִי אַנְדֶערֶע.

— אַ רֶעשְׁטִיל צוּ דִי צָרוֹת! זָאגְט ווִידֶער יֶענֶע.

— מִיר שַׁיינְט אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער! זָאגְט דִי אַנְדֶערֶע.

„אַוַדַאי — טְרַאכְט אִיךְ מִיר — בִּין אִיךְ אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער, אַז אִיךְ לָאז מִיךְ פִירֶען בַּיי דֶער נָאז!..."

— וואוּ וֶועט אִיהר זִיךְ, אַ שְׁטַייגֶער, כְּדוֹמֶה, לְמָשָׁל, מַיינֶע לִיעבֶּע וַוייבֶּער, הַייסֶען אָבְּוַוארְפֶען? רוּף אִיךְ מִיךְ אָן צוּ זֵיי.

— וָואס הֵייסְט, זָאגֶען זֵיי, אָבְּוַוארְפֶען? וָואס אִיז פַאר אַיין אָבּ־וַוארְפֶע׳כְטְס?

— עֶס רֶעדְט זִיךְ אַזוֹי, זָאג אִיךְ, בַּעל־עֲגָלָה־שְׁפְּרַאךְ; אוֹיף אוּנְזֶער לָשׁוֹן הֵייסְט דָאס: וָואהִין וֶועט אִיהר זִיךְ הֵייסֶען פֶערְפִירֶען, וְאַז מִיר וֶועלֶען קוּמֶען, זָאג אִיךְ, קַיין בּוֹיבֶּעריק, אִם יִרְצֶה הַשֵׁם, מִיט׳ן אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף, גֶעזוּנְד אוּן שְׁטַארְק, אַז גָאט וֶועט שֶׁענְקֶען דָאס לֶעבֶּען? וִוי זָאגְט מֶען: בֶּעסֶער צְוֵויי מָאל פְרֶעגֶען אֵיידֶער אֵיין מָאל בְּלָאנְזֶען.

— אַ? אָט דָאס מֵיינְט אִיהר? אִיהר וֶועט אוּנְז, זָאגֶען זֵיי, מוֹחֵל זַיין צוּפִירֶען צוּ־דֶער גְרִינֶער דַאטְשֶׁע, וָואס בַּיים טַייךְ, פוּן יֶענֶער זַייט וַואלְד. וַוייסְט אִיהר וואוּ דָאס אִיז?

— פאר וואס זאל איך ניט וויסען, זאג איך, איך בין אין בויבעריק די ביי זיך אין דערהיים; לאם איך פערמאגען די אלפים, זאג איך, וויפיל קלעצער איך האב אהינצו אריינגעפיהרט; אט ערשט פאראיאהרען זומער, זאג איך, האב איך געשטעלט אויף דער גרינגער דאטשע צוויי קלאפטער האלץ מיט אמאל; דארט איז געזעסען איינער א גביר אגרויסער, פון יעהופעץ, א מיליאנשטשיק פון אודאי א מאה אלף קארבען און אפשר פון ריי"ש אלפים!

— ער זיצט היינט אויף דארטען, רופען זיך אן צו מיר ביידע ווייבער און קוקען איינס אויפ'ס אנדערע און שושקען זיך און לאכען.

— שא, זאג איך, אז דער צער פון טראגען איז יא אזוי גרויס, קאן דאך געמאלט זיין, אז איהר האט מיט איהם עפיס א שטיקעל שייכות, וואלט אפשר געווען, זאג איך, א סברא, איהר זאלט זיך דארט מטריח זיין, עפיס א רעד טהון פון מיינעטוועגען, א שטיקעל טובה מיר, א פרנסה א שטעלע, צו וויס איך וואס? איך קען, זאג איך, איינעם א יונגען מאן, ישראל הייסט ער, ניט ווייט פון אונזער שטעדטיל, געווען א גאר נישט מיט א נישט; האט ער זיך דערשלאגען אהינצו, מע ווייסט ניט פון וואנען און ווי אזוי — בקצור, ער איז היינט א גאנצער יא טעבי דאס, פערדינט אפשר צוואנציג קארבען א וואך, צו אפשר גאר פערציג, איך וויס? — לייט האבען גליק! צי אשטייגער וואס געדט אב, זאג איך, אונזער שוחט'ס איידעם? וואס וואלט פון איהם געווען ווען ער לאזט זיך ניט אוועק קיין יעהופעץ? אמת: די ערשטע עטליכע יאהר איז ער גוט פערשווארצט געווארען, שיער ניט געשטארבען פון הונגער; דערפאר אבער אצונד, הויך זיין שאדען, הלוואי אויף מיר געזאגט געווארען; ער שיקט שוין געלד אהיים, ער האט שוין הישק ארויסגענומען אהין זיין ווייב און קינדער, לאזט מען איהם דארט ניט זיצען; אי איז דאך די קשיא: ווי אזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיך טאקי... שאט, זאג איך, אז מע לעבט דערלעבט מען זיך; אט האט איהר, זאג איך, דעם טייך, און אט איז די גרינע דאטשע, זאג איך און פאהר מיר אריין ברייטליך מיט א יריד גלייך מיטן דישעל אין גאניק אריין. מע האט אונז נאר דערזעהען, איז געווארען ששון ושמחה,

א געשריי, א געפילדער: „אוי, די באבע! די מאמע! די מומע!... זיך גע־פינען דער שאדען! מזל־טוב!... נעוואלד וואו וועט איהר געווען?... א גאנצען טאג אהן קעפ... צעשיקט פאטשט אויף אלע וועגען... געמיינט, א קשיא אויף א מעשה, אפשר וועלף, גזלנים חס־ושלום! וואס איז די מעשה?"...

— די מעשה איז א שענע מעשה, געבלאנזשעט אין וואלד, פער־בלאנזשעט העט, ווייט, אפשר צעהען ווערסט, פלוצים א יוד... וואס פאר א יוד?... א יוד א שלים־מזל מיט א פערד און וועגעלע, קוים מיט צרות איינגעבעטען זיך, אלע בייזע, וויסטע חלומות... אליין גאר אהן א שומר! מעשה א מעשה, בעדארפט בענטשען גומל..."

בקצור, מע האט ארויסגעטראגען לאמפען אויפ'ן גאניק,* געגרייט צום טיש און אנגעהויבען טראגען סאמאווארען הייסע, מיט בעקענס טיי, מיט צוקער, מיט איינגעמאכטס, מיט פיינקוכענס גוטע, מיט פוטערגעבעקס פרישע, שמעקענדיגע און נאכדעם עסענס אלערליי, די טייערסטע מאכלים, ייכלעך פעטע, מיט געבראטענס, מיט געגעס א סך, מיט די בעסטע וויינען און נאסטאיקעס. איך בין נאר געשטאנען פון דערווייטענס און בעטראכט, ווי אזוי, קיין עין הרע, מע עסט דאס און מע טרינקט ביי די יעהופעצער נגידים, קיין בייז אויג זאל זיי ניט שאטען. א משכן פערזעצען, טראכט איך מיר, און א גביר זאל מען זיין; מיר דאכט, איך ווייס, וואס דא פאלט אראב אויף דער ערד, וואלט פאר מיינע קינדער גענוג געווען אויף א גאנצע וואך, ביז שבת. געוואלד, גאטעניו, הארציגער געטרייער, דו ביזט דאך עפים איין אל ארך אפים, אגרויסער גאט און א גוטער גאט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאס, דו זאלסט אוועקגעבען איינעם גאר, דעם אנדערען גאר ניט? איינעם פוטערבילקעס, דעם אנדערען מכות־בכורות? און צוריק אבער בעטראכט איך מיך: עט, ביזט א גרויסער נאר, טביה, כ'לעבען, וואס איז שייך, דו ווילסט איהם זאגען א דעה, ווי אזוי צו פיהרען די וועלט? מסתמא, אז ער הייסט אזוי, בעדארף זיין אזוי; א סימן האט איהר, אז ווען עס זאל בעדארפען זיין אנדערש, וואלט דאך געווען אנדערש; אי וואס? פאר וואס זאל טאקי ניט זיין אנדערש? איז דער

תירוץ — עבדים־היינו, דערויף זענען מיר דאך עפּיס שטיקלעך יודען אויף דער וועלט. א יוד בעדאַרף לעבען מיט אמונה און מיט בטחון, ער בעדאַרף גלויבען ערשטענס, אַז ס'איז דאַ אַ גאָט אויף דער וועלט, און האָפען אויף דעם וואָס לעבט אייביג, אַז עס וועט זיך מסתמא, אם ירצה השם, פערבעסערען...

— שאַ, וואו־זשע איז ערגיץ דער יוד? הער איך עמיצער זאָגט; שוין אָװעקגעפאָהרען דער שלים־מזל?

— חס־ושלום! רוף איך מיך אָן פון דער זייטען; וואָס הייסט, איך וועל אַוועקפאָהרען גלאַט אַזוי אָהן אַ זייט געזונד? שלום־עליכם, זאָג איך, אַגוטען אָבענד אייך, ברוכים־היושבים, עסט געזונדערהייט און לאָז אייך וואויל בעקומען.

— קומט־זשע אַהער, מאַכען זיי צו מיר, וואָס שטעהט איהר דאָרטען אין דער פינסטער? לאָמיר אייך אָנקוקען האָטש, זעהען וואָס פאַר אַ פּנים איהר האָט. אפשר וועט איהר נעמען אַ ביסעל בראָנפען?

— אַ ביסעל בראָנפען? אָה, זאָג איך, ווער זאָגט זיך דאָס אָב פון אַ ביסעל בראָנפען? ווי שטעהט דאָרטען אין פּסוק: איזה „לחיים" ואיזה למות, — מאַכט רש"י: גאָט איז גאָט און בראָנפען איז בראָנפען. לחיים! — זאָג איך און האַק אַריין אַ כוסה, לאָז גאָט געבען, זאָג איך, איהר זאָלט תמיד זיין רייך און האָבען גרויס נחת, יודען, זאָג איך, זאָלען תמיד זיין יודען, גאָט זאָל זיי געבען, זאָג איך, געזונד און כח, זיי זאָלען קאָנען אַריבערטראָגען די צרות.

— מה שמכם? רופט זיך אָן צו מיר דער גביר אַליין, אַ שיינער יוד, מיט אַ יאַרמעלקע, פון וואַנעט איז אַ יוד, וואו זיצט איהר, וואָס איז אייער פּרנסה, זענט איהר אַ בעווייבטער, האָט איהר עפּיס קינדער און וויפיעל קינדער?

— קינדער? זאָג איך, ניט צו פערזינדיגען; אויב איטליכס קינד, זאָג איך, איז ווערט, ווי מיין גאָלדע וויל מיר איינרעדען, אַ מיליאָן, בין איך רייכער פון גרעסטען גביר אין יעהופּעץ; דער חסרון, זאָג איך, וואָס אָרעם איז ניט רייך, קרום איז ניט גלייך, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט:

הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל, — ווער עס האָט די קלינגערס דעם איז וואויל; געלד האָבּען מאַכט די בּראַצקיס און איך האָבּ טעכטער. און אַז מע האָט, זאָגט איהר, טעכטער, פֿערגעהט דער געלעכטער; נאָר גאָר נישט, גאָט איז אַ פֿאָטער. ער פֿיהרט אויס, דאָס הייסט, ער זיצט אויבּען און מיר מוטשען זיך אונטען, מע האָרעוועט, מע שלעפּט קלעצער, אַ בּרירה האָט מען? ווי די גמרא זאָגט: בִּמְקוֹם שֶׁאֵין אִישׁ — איז אַ הערינג פֿיש, דער נאַנצער אומגליק איז, דאָס עסען. ווי מיין באָבּע עליה־השלום פֿלעגט זאָגען: ווען דער פּסק זאָל ליגען אין דער ערד וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד... האָט קיין פֿעראיבּעל ניט, זאָג איך, עס איז ניטאָ קיין גלייכערס פֿון אַ קרומע לייטער און קיין קרומערס פֿון אַ גלייך וואָרט, וּבִפְרַט, זאָג איך, אַז מע מאַכט שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ אויף'ן ניכטערען האַרצען.

— לאָז מען געבּען דעם ייִדען עפּיס עסען! רופֿט זיך אָן דער גביר און עס ווערט בּעשאַפֿען אויף'ן טיש פֿון כּל־מַאֲמִינִים־שֶׁהוּא: פֿיש און פֿלייש און געבּראָטענס און פֿערטלען עוף און פּופּקעס מיט לעבּערלעך אָהן אַ שיעור.

— איהר ווערט עפּיס עסען? מאַכען זיי צו מיר, געהט וואַשט זיך.

— אַ קראַנקען פֿרעגט מען, אַ געזונדען גיט מען; נאָר וואָס דען, זאָג איך אַ דאַנק אייך; אַבּיסעל בּראָנפֿען, זאָג איך, מַהֲכְתֵּיתִי, נאָר געהן, זעצען זיך, אָט דאָ, מאַכען אַ גאַנצע סעודה, בִּשְׁעַת דאַרטען, אין דער־היים, מיין ווייבּ און קינדער, זאָלען געזונד זיין... אויבּ אייער גוטער ווילען וועט זיין...

בִּקְצוּר, מע האָט זיך אָפּגעשטויסען וואָס איך מיין, און מע האָט מיר געגומען פּאַקען אין וואָגען אַריין איטליכער בּעזונדער: דער אַ בּילקע, דער פֿיש, דער געבּראָטענס, דער אַ פֿערטעל עוף, דער טיי און צוקער, דער אַ טעפּעל שמאַלץ, דער אַ סלאָי איינגעמאַכטס.

— דאָס וועט איהר, מאַכען זיי, בּרענגען אַהיים אַ מתנה פֿאַר אייערע ווייבּ און קינדער און אַצונד זאָגט וויפֿיל וועט איהר זיך הייסען בּעצאָהלען פֿאַר אייער טרחה, וואָס איהר האָט זיך מטריח געווען פֿון אונזערטוועגען.

— סא משל, זאג איך, וואס איז שייך, איך וועל מיר הייסען אנ־מעסטען? וויפיעל אייער גוטער ווילען וועט זיין, זאג איך, אזוי וועט איהר מיר בעצאהלען; מיר וועלען דורכקומען, ווי זאגט ער, א רענדעל אראב, א רענדעל ארויף, „שקראב וועט שוין שקראבעדיגער ניט ווערען"...

— ניין, זאגען זיי, מיר ווילען האָרכען פון אייך אליין, רב טביה, האט קיין מורא ניט, מע וועט אייך, חלילה, נישט קעפען.

„וואס טהוט מען דא? טראכט איך מיר, ס'איז שלעכט: זאל איך זאגען א קערבעל, איז איין עבירה, טאמער קאן איך נעמען צוויי. זאל איך זאגען צוויי, האב איך מורא, טאמער קוקען זיי מיך אן ווי א משוגעגעם. פאר וואס קומט דא צוויי קארבען?"

— א דרייערעל!!... האט זיך ארויסגעכאפט ביי מיר פונים מויל אונ צווישען עולם איז געווארען אזא געלעכטער, אז איך האב מיך שיער אין דער ערד בעגראבען.

— האט קיין פעראיבעל ניט, זאג איך, טאמער האב איך מיך ארויסגעכאפט מיט אווארט; א פערד, זאג איך, אויף פיער פיס, סטאפטשעט זיך, ובפרט א מענש מיט איין צונג... עס איז געווארען נאך א גרעסערער געלעכטער; מע האט זיך פשוט געהאלטען ביי די זייטען לאבענדיג.

— לאז שוין זיין גענוג צו לאכען! רופט זיך אן דער גביר אונ נעמט ארויס פון בוזעמקעשעני א גרויסען טייסטער אונ געהט אונ שלעפט ארויס פונים טייסטער — וויפיעל מיינט איהר א שטייגער? אנו, טרעפט! — א צעהנערעל, א רויטס אזוי ווי פייער, איך זאל אזוי זיין געזונד מיט אייך אינאיינעם, אונ מאכט אזוי: אט דאס האט איהר פון מיר, אונ איהר קינדער, גיט אייך פון אייער קעשעני וויפיעל איהר פערשטעהט.

בקצור, וואס טויג אייך, עס האט אנגעהויבען צו פליהען אויפן טיש פינפערלעך אונ דרייערלעך אונ איינערלעך — הענד אונ פיס האבען מיר געציטערט; איך האב געמיינט, אט פאל איך חלשות.

— נו, וואס שטעהט איהר? מאכט צו מיר דער גביר; נעמט צונויף די עטליכע קערבלעך פונים טיש אונ פאהרט געזונדערהייט צו אייער ווייב אונ קינדער.

— גאט זאל אייך געבען, זאג איך, כפל־כפלים, איהר זאלט פער־מאגען צעהען מאל, הונדערט מאל אזוי פיל, איהר זאלט האבען אלדעס גוטס, מיט גרויס נחת! און זשערבע צענויף מיט ביידע הענד דאס געלד,— ווער געצעהלט? וואס געצעהלט? און שטופ אין אלע קעשענים.

— א גוטע נאכט, זאג איך, א גוטען תמיד און זייט געזונד און זאלט האבען, זאג איך, גרויס נחת, איהר און אייערע קינדער און קינדר'ס קינדער און אייער גאנצע משפחה, זאג איך, און לאז מיך געהן צום וואגען, רופט זיך אן צו מיר די גבירט'טע, יענע וואס מיט'ן ביידען טיכעל:

— שטעהט נאר א ווייל, רב טביה, פון מיר בעקומט איהר גאר א בעזונדער מתנה; אם ירצה השם, מארגען קומט צופאהרען; איך האב, זאגט זי, א מאורע בהמה, געווען אמאל א טייערע בהמה; פלעגט געבען פיער און צוואנציג גלעזער מילך, היינט האט זי פון א גוט אויג אויפגע־הערט צו מעלקען זיך, דאס הייסט, מעלקען מעלקט זי זיך, נאר קיין מילך גיט זי ניט...

— לאנג לעבען זאלט איהר, זאג איך, איהר זאלט גאר קיין יסורים ניט האבען, ביי מיר וועט זיך אייער בהמה אי מעלקען אי מילך געבען; מיין אלטע איז קיין עין־הרע אזא בעל־הבית'טע, אז פון גאר ניט בראקט זי לאקשען, פון פינגער קאכט זי זאטירקעס, מיט נסים מאכט זי שבת און מיט בוכענצים לייגט זי קינדער שלאפען... האט קיין פעראיבעל ניט, זאג איך, טאמער האב איך מיך ארויסגעהאפט מיט איין איבעריגווארט, א גוטע נאכט און א גוטען תמיד און זייט געזונד, זאג איך. און לאז מיך געהן. איך קום ארויס אין הויף צום וואגען, איך טהו מיך א האפ צום פערדעל, אוי, וועה, איין אומגליק, א צרה, א שלאק! איך קוק אויף אלע זייטען — והילד איננו — ניטא קיין פערדעל!

„נו, טביה, טראכט איך מיר, דו ביזט אין דער ארבייט!..." און עס קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען א שענע מעשה, וואס איך האב אמאל גע־לייענט ערגיץ אין א ביכעל, ווי אזוי „חברה" האבען דערטאפט אין דער פרעמד איין עהרליכען יודען, א חסיד, פערנארט צו זיך אונטערען שטאדט אין פאלאץ אריין, געגעבען איהם עסען און טרינקען און נאכדעם פלוצים

מיט אמאל פערשווינדען געווארען, איהם איבערגעלאזט איינעם אליין מיט א נקבה; פון דער נקבה איז באלד געווארען א חיה־רעה, פון דער חיה־רעה האט זיך אויסגעלאזט א קאץ און פון דער קאץ א פיפערנאטער... „זעה נאר, טביה, זאג איך צו מיר אליין, צו מע פיהרט דיך ניט אין באר אריין?״

— וואס באברעט איהר זיך דארטען און וואס ווארטשעט איהר? פרעגט מען מיך.

— וואס איך באברע מיך? ענטפער איך; אז אך און וועה איז מיר, זאג איך, וואס איך לעב אויף דער וועלט; איך האב א שאדען: דאס פערדעל מיינס...

— אייער פערדעל, מאכען זיי צו מיר, איז אין שטאל. גייט זיך מטריח אהינצו אין שטאל אריין.

איך קום אריין אין שטאל און מהוו א קוק: יא, ווי איך בין א יוד, מיין בחור שטעהט זיך גאנץ פיין צווישען די גנדי'שע פערד, שטארק פערטיפט אינים קייען, רייבט דעם האבער געשמאק, אויף וואס די וועלט שטעהט.

— הער נאר, זאג איך צו איהם, חכם מיינער, שוין צייט אהיים; מיט אמאל צוחאפען זיך, זאג איך, טאר מען נישט, איין איבעריגער ביסען, זאגט מען, קאן פערשאטען...

בקצור, איך האב איהם קאם איינגעבעטען, מחילה איינגעשפאנט איהם אין וואגען און האב מיך געלאזט אהיים לעבעדיג פריילך, געזונגען א „מלך־עליון״ גאר בגלופין. אויך מיין פערדעל איז געווארען גאר נישט דאס וואס פריהער; א נייע פעל אויף דעם אויסגעוואקסען; שוין נישט געטוארט אויף קיין ביטש, געלאפען ווי א מזמור; געקומען אהיים שוין שפעטליך אין דער נאכט, אויפגעוועקט מיין ווייב מיט א שמחה, א פרייד.

— א גוט יום־טוב, מאך איך צו איהר, מזל־טוב דיר, גאלדע!

— א וויסטער מזל־טוב דיר א פינסטערער, מאכט זי; וואס ביזט דו אזוי יום־טוב'דיג, מיין טייערער ברויט־געבער? דו פאהרסט דאס פון א חתונה צו פון א ברית, גאלדשפינער מיינער?

— עס איז א חתונה, זאג איך, מיט א ברית! ווארט אויס, מיין ווייב, אט וועסט דו באלד זעהען איין אוצר, זאג איך; נאר קודם־כל וועק אויף די קינדער, לאזען זיי זיך אויך געניסען, זאג איך, פון די יעהופּעצער מאכלים...

— צו דו ביזט דול, צו דו ביזט חסר־דעה, צו דו ביזט געריהרט, צו דו ביזט פונ'ם זינען? עפּיס רעדסט דו ווי א משוגע'נער שונאי־ציון! זאגט צו מיר מיין ווייב און שעלט, לייענט די תוכחה, ווי געוויינטליך, א יודינע.

— א יודינע, זאג איך, בלייבט א יודינע; ניט אומזיסט זאגט שלמה המלך, אז צווישען טויזענד ווייבער האט ער ניט געפונען איינע א רעכטע; א גליק, כ'לעבען, וואס ס'איז היינט געווארען אויס מאדע, האבען א סך ווייבער, זאג איך, און גיה מיר ארויס צו מיין וואגען און טראג אריין פון דארטען אלע גוטע זאכען, וואס מע האט מיר איינגעפּאקט און שטעל דאס אלסדינג אויס אויפ'ן טיש. מיינע חברה־לייט האבען דערזעהען בולקעס, דערשמעקט פלייש, זענען זיי בעפאלען דעם טיש, ווי די הונגעריגע וועלף געביך; עס איז געווארען צווישען זיי א האפּעריי, די הענד האבען געציטערט, די ציינער האבען געארבייט, עס איז געוועזען ווי אין פּסוק שטעהט: ויאכלו, — מאכט רש"י: מע האט געקנאקט ווי די היישעריקען. טרעהרען האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען...

— נו, זאג שוין, מאכט צו מיר מיין פלונית'טע, ביי וועמען איז דאס געוועזען איין אזעם מאהל־צייט, צו אזוי א סעודה, און וואס ביזט דו אזוי האפּערדיג?

— האב צייט, זאג איך, גאלדע, דו וועסט אלץ וויסען; דו צעצבלאז נאר, זאג איך, דעם סאמאוואר און נאכדעם וועלען מיר זיך ארומזעצען אלע ארום טיש, זאג איך, טרינקען צו גלעזלעך טהיי, ווי עס געהער צו זיין; א מענש, זאג איך, לעבט איין מאל אויף דער וועלט, נישט קיין צוויי מאל, ובפרט, זאג איך, אז מיר האבען שוין איצט אונזער אייגענס א בהמה פון פיער און צוואנציג גלעזער א טאג, מארגען, אם ירצה השם, ברינג איך זי צופיהרען. א נו, גאלדע, מאך איך צו איהר נאכדעם, און

חאפ ארויס דעם גאנצען פאק סיגנאציעס; א נו, זיי א בריה און טרעף וויפיעל געלד האבען מיר דא?

איך טהו א קוק אויף מיין ווייב — זי איז אויס מענש, טוידט ווי די וואנט, קאן קיין ווארט נישט אויסרעדען.

— גאט איז מיט דיר, גאלדע סערדצע, זאג איך, וואס האסט דו זיך אזוי דערשראקען? אפשר האסט דו מורא, זאג איך, טאמער האב איך דאס גע'גנבה'ט אדער גע'גזל'ט? פע, זאג איך, מעגסט זיך שעמען; ביזט טביה'ס ווייב שוין אזא צייט און קאנסט אויף מיר איבערטראכטען אזא מעשה? נארעלע, זאג איך, דאס איז כשר געלד, פערדינט ערהליך מיט מיין אייגענעם שכל און מיט מיין הארעוואניע; איך האב, זאג איך, מציל געוועזען צוויי נפשות פון א גרויסער סכנה, זאג איך, ווען ניט איך, גאט ווייסט, וואס עס וואלט מיט זיי געוועזען!...

בקצור, איך האב איהר דערצעהלט די גאנצע מעשה, פון א' ביז ת', ווי אזוי גאט האט דא מיט מיר געפיהרט ארום און ארום און מיר האבען זיך גענומען ביידע איבערצעהלען דאס געלד נאך אמאל און נאך אמאל — דארט איז געוועזען פונקט צוויי מאל ח"י און איינס איין איבעריגס, האט איהר א קימילך, הייסט דאס, פון זיבען און דרייסיג קארבען!... מיינע האט זיך אויש צעוויינט.

— וואס וויינסט דו, זאג איך, נארישע יודענע?

— ווי אזוי זאל איך ניט וויינען, זאגט זי, אז עס וויינט זיך? אז דאס הארץ איז פול, זאגט זי, געהען די אויגען איבער; גאט זאל מיר שטראפען, זאגט זי, אזוי העלפען, ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז דו וועסט קומען מיט א גוטע בשורה; איך געדיינק שוין ניט, זאגט זי, די צייט, ווען די באבע צייטעל, זאל זיין ווייט אבגעשיידט, זאל מיר קומען צו חלום; איך ליג און שלאף, פלוצים חלומ'ט זיך מיר א מעלקשעפעל א פולס ווי איין אויג; די באבע צייטעל, עליה־השלום, טראגט דאס מעלקשעפעל אונטערען פארטוך, מע זאל חלילה ניט געבען קיין גוט אויג און די קינדער שרייען: מאמע, מאני!...

— חאפ נאר ניט די לאקשען פאר שבת, זאג איך, נשמה מײנע; לאז די באבע צײטעל האבען א ליכטיגען גן־עדן, זאג איך, װײס איך נאך יט צו מיר װעלען פון איהר האבען; נאר, אז גאט, זאג איך, האט גע־קאנט טהון אזא נס, אז מיר זאלען האבען א בהמה, װעט ער מסתמא עהען, אז די בהמה זאל זײן א בהמה... גיב מיר בעסער אײן עצה, גאל־דע סערדצע, װאס טהוט מען מיט׳ן געלד?

— אדרבה, מאכט זי צו מיר, װאס רעכענסט דו צו טהון, טביה, מיט אזױ פיעל געלד, קײן עין־הרע?

— אדרבה ואדרבה, זאג איך, װאס רעכענסט דו קאנען מיר מא־בען, קײן עין־הרע, מיט אזא קאפיטאל? אונ מיר האבען בײדע גענומען טראכטען אהין, אהער, דאס, יענץ, געבראכען זיך דעם קאפ, אױסגערע־כענט, װאו ערגיץ א געשעפט אױף דער װעלט. יענע נאכט האבען מיר איבערגעהאנדעלט מיט װאס איהר װילט: געקױפט פערדלעך אפאר אונ באלד טאקי זײ פערקױפט מיט רװחים; געעפענט א באקאלײנע קלײט אין בױבעריק, אױסגעפערקױפט די סחורה אונ באלד געעפענט א שניטקראם; געהאנדעלט אשטיקעל װאלד, געחאפט אפטריטגעלד עטליכע קערבלעך אונ אנטלאפען; געפרובט אױסדינגען די אנאטעװקער טאקסע, גענומען דעם „פראיעקט״, געמאכט אביסעל הלװאה, אפגעגעבען דאס געלד אױף פראצענט...

— משוגע מײנע שונאים! רופט זיך אן מײן װײב; דו װילסט צער־פלעכטען די עטליכע גראשענס, בלײבען מיט׳ן בײטעל?

— װאס דען, זאג איך, האנדלען מיט ברױט אונ נאכדעם בלײבען אײן אנזעצער איז שענער? קארג, זאג איך, װערט הײנט די װעלט בדיל־הדל פון װײן? געה, זאג איך, האר, װאס אין אדעס טהוט זיך.

— װאס טױג מיר, זאגט זי, אדעס? מײנע אבות־אבותינו זענען דארט נישט געװען אונ מײנע קינדער װעלען דארט נישט זײן, כל־זמן איך לעב אונ די פיס טראגען מיך.

— װאס־זשע װילסט דו? זאג איך

— וואס איך וויל, זאגט זי, איך וויל זאלסט ניט זיין קיין לעקיש און נישט רעדען קיין נארישקייטען.

— אנדאי, זאג איך, ביזט דו איצטערט א חכמה, ווי זאגט מען: אז עס קומען די מאות קומען די דעות און אז מע איז א פ ש ו ר רייך איז מען ג ע ו ו י ס קלוג... ס'איז תמיד אזוי!

בקצור, מיר האבען זיך עטליכע מאל צעקריגט און מאקי באלד איבערגעבעטען און עס איז ביי אונז געבליבען דער פלאן, מיר זאלען צו דער מאורע בהמה צוקויפען נאך א בהמה א מעלקעדיגע, וואס גיט מילך...

וועט איהר דאך מסתמא פרעגען א קשיא: וואס עפיס א בהמה, פאר וואס ניט קיין פערד? וועל איך אייך ענטפערען: וואס עפיס א פערד, פאר וואס ניט קיין בהמה? בויבעריק איז דאך איין ערטעל, וואס עס קומען זיך צונויף אהינצו אויף זומער אלע יעהופעצער נגידים אויף די דאטשעס, און אזוי ווי די יעהופעצער לייט זענען אלע זעהר איידעלע מענשען, וואס זענען געצויגען, מע זאל זיי אלסדינג ברענגען גרייטס, גלייך אין מויל אריין: פון האלץ און פון פלייש און פון אייער, היהנער, ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע, — פאר וואס־זשע זאל זיך ניט געפינען איינער, אזעלכער, וואס זאל זיך אונטערנעהמען ברענגען זיי אלע מאל אין שטוב אריין קעז און פוטער און סמעטענע וכדומה? ווערליג די יעהופעצער האלטען פון דער אכילה און דאס קערבעל איז ביי זיי, ווי זאגט איהר, א ממזר, קאן מען דאך לייזען שיין געלד און פערדינען דערביי מאקי גראב. דער עיקר, אבי די סחורה זאל זיין סחורה, און אזא סחורה ווי ביי מיר, קריגט איהר דאך ניט אין יעהופעץ אפילו; איך זאל האבען די ברכות מיט אייך אין איינעם וויפיעל מאל גרויסע־לייט, גבירים, בעטען זיך ביי מיר, איך זאל זיי ברענגען פרישע סחורה: „מיר האבען געהערט, זאגען זיי, טעוויעל, אז דו ביזט איין ארענטליכער מאן, חאטש דו ביזט א יוד, א פארך"... מיינט איהר, פון יודען וועט איהר הארען אזא קאמפלימענט? ווי לאנג קריינקען מיינע שונאים! — קיין גוט ווארט הערט מען נישט פון אונזערע יודעליך. זיי וויסען נאר אריינקוקען יענעם אין טעפיל אריין. מע האט דערזעהען ביי טביה'ן א בהמה'לע איין איבעריגס,

א בריטשקע א נייע,—האט מען אנגעהויבען ברעכען זיך די קעפ: פון וואַנען און פון וואס? צו האנדעלט נישט דער דאזיגער טובה מיט פאלשע סיגנאציעס? אדער צו קאכט ער נישט קיין ספירט שטילערהייט, בשתיקה?... האַ־האַ־האַ! ברעכט אייך, ברידערליך, טראַכט איך מיר, די קעפ געזונטערהייט!..." איך ווייס ניט, צו איהר וועט מיר גלויבען — איהר זענט במעט דער ערשטער, וואס איך האב אייך דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי און וואס און ווען... נאר, מיר דאכט, איך האב מיך אביסעל פערדעט, האט קיין פעראיבעל ניט, מע בעדארף אין זינען האבען, ווי זאגט איהר, עסק, אדער ווי אין פסוק שטעהט: כל עורב למינהו—איטליכער צו זיינעם, איהר צו אייערע ביכליך, איך צו מיינע טעפליך און צו מיינע קרינגליך... איין זאך וועל איך אייך בעטען, פאני, איהר זאלט מיך חאטש ניט אריינשרייבען אין א ביכיל, און אז איהר וועט מיך אריינשרייבען, זאלט איהר חאטש ניט ארויסשטעלען דעם נאמען מיינעם... זייט מיר געזונד און האט אייך א גוטען תמיד.

א בוידעם.

א נייע מעשה פון טביה דעם מילכיגען,

איבערדערצעהלט ווארט ביי ווארט.

— רבות מחשבות בלב איש — אזוי דאכט זיך, שטעהט ביי אונז געשריבען אין דער היילינגער תורה? פארטייטשען דעם פסוק בעדארף איך אייך ניט, רב שלום-עליכם; נאר בלשון אשכנז גערעדט, דאס הייסט אויף פראסט יודיש איז דא א ווערטעל: „דאס בעסטע פערד בעדארף האבען א בייטש, דער קלינגסטער מענש — איין עצה". א קענען וואס זאג איך עס הייסט דאס? א קענען זיך אליין טאקי, ווארום אז איך האב שכל און קום אריין צו א גוטען פריינד און דערצעהל איהם דאס און דאס, אזוי און אזוי, וואלט איך געוויס ניט געהאט אזא מיאוס'ן פסק; נאר וואס רעדן — החיים והמות ביד הלשון — אז גאט וויל שטראפען א מענשען, נעמט ער דאס אב ביי איהם דעם שכל. איך טראכט מיר צו זיך אליין וויפיל מאל: „בארעכען נור, טביה, דו פערד איינער, ביזט דאך עפּיס, זאגט מען, יא נישט קיין נאר, ווי קומסט דו זיך לאזען פיהרען אין באד אריין — און נאך אזוי נאריש? וואס וואלט דיר אפגעגאנגען אצונדערט א למיטל, ביי דיין שטיקעלע פרנסה, קיין עין הרע, מיט דיין ביסעל מילכיגס, וואס האט אזא שם אויף דער וועלט, כילעבען, אומעדום, אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און וואו ניט? — ווי פיין און ווי זיס וואלט דאס געוועזן איצטערטא, ווען די קלינגערס אשטייגער ליגען זיך שטילערהייט אין קאסטען ווייט בעגראבען, קיין בן-אדם ווייסט דערפון, ווארום וועמען גערט דאס אן, איך בעט אייך, צו טביה האט געלד צו ניין? איך מיין טאקי

באמת. א סך האט זיך די וועלט אינטערעסירט מיט איהם, אז ער איז געלעגען, ניט היינט געדאכט, נישט פאר קיין ידען געדאכט, ניין איילען אין דער ערד, געשטארבען דריי מאל א טאג פון הונגער מיט ווייב און קינדער? ערשט נאכדעם אז גאט האט זיך ארומגעקוקט אויף טביה'ן, איהם בעגליקט מיט אמאל און ער האט זיך קאם קאם דערשלאגען צו א שטיקעל תכלית, אנגעהויבען אבליגען א קערביל, איז מיט איהם געווארען פיל די וועלט און טביה איז שוין געווארען רב טביה גאר א קאטאוועס א ביסעל! עס האבען זיך שוין ארויסבעוויזען גוטע פריינד א סך, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: כלם אהובים כלם ברורים — אז גאט גיט מיט'ן לעפעל געבען לייטען מיט'ן שעפעל. איטליכער בעזונדער קומט צו געהן מיט זיינעם: דער זאגט א שניט־קראם, דער — א באקאליי, דער זאגט א שטוב, א חלה, איין אייביג געוועהר, דער קומט צוגעהן — ווייץ, דער — וואלד, דער — טארגעס... „ברידערלעך! זאג איך, טשעפעט זיך אב, איהר האט. זאג איך, א ווילדען טעות, איהר מיינט, א פנים, איך בין בראצקי? לאמיר דאס אלע, זאג איך, פערמאגען, וואס איך האב ווינציגער פון ש"ין קארבען און אפילו פון ריי"ש און אפילו פון ק"ן; יענעמס גוטס, זאג איך, איז גרינג צו שאצען: יעדען דאכט זיך, אז יענעמס לאכט זיך, קומסט צו נאהענט, איז דאס א מעשען קנעפעל.

בקצור ניט געדאכט זאלען זיי ווערען, טאקי אונזערע ידעליך מיין איך, מע האט מיר א גיט־אויג געגעבען! א קרוב האט מיר גאט צוגעשיקט, עפיס א שמעלקי וויים איך. מיין פערדס ביטש שטעקעלע, ווי מע זאגט. מנחם מענדעל הייסט ער, א פליהער, א ברעכער, א לויפער, א דרעהער, א נעבטיגער טאג, אויף קיין גוט ארט זאל ער ניט שטעהען! ער האט מיך דערטאפט און פערדרעהט מיר מיין קאפ מיט חלומות, ניט געשטויגען ניט געפלויגען. וועט איהר דאך פרעגען: מה־נשתנה — ווי קום איך טביה, צו מנחם מענדל'ן? וועל איך אייך דערויף ענטפערען א תירוץ: עבדים היינו — ס'איז אזוי באשערט. הערט א מעשה:

איך קום צופאהרען קיין יעהופעץ, תחלת ווינטער, מיט מיין ביסעל מילכיגס — א פונט עטליכע און צוואנציג פוטער פרישע פון פוטערלאנד,

מיט אַ פּאָר שיינע וואַרעטשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע ווינטשען אַזאַ יאָהר! דאָס פאַרשטעהט איהר דאָך שוין אַליין, אַז איך האָב מיין סחורה פאַרצוקערט, נישט געלאָזט זיך אַ לעק, איהר זאָלט זאָגען אויף אַ רפואה, קיין צייט געהאַט אפילו צו זיין ביי אַלע מיינע זומערדיגע קונים, די בויבעריקער דאַטשניקעס, וואָס קוקען אַרויס אויף מיר ווי אויף משיח'ן, וואַרום אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, אייערע יעהופּעצער סוחרים מיין איך, ווי זיי קאָנען גאָר געבען — אַזאַ שטיקעל סחורה, ווי טביה ניט, אייך בעדאַרף איך נישט דערצעהלען, ווי זאָגט דער נביא: יהללך זר, גוטע סחורה לויבט זיך אַליין...

בקצור, אויסגעפּאַרקויפט אינגאַנצען עד לפּ"ק און איבערגעוואָרפען מיין פערדעל אַ ביסעל היי, גיה איך מיר אַרויס אַזוי אין שטאָדט. אדם יסודו מעפר, מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש. גליסט זיך אָנקוקען אַ וועלט, האַפּען לופט, זעהען די אַנטיקלעך וואָס יעהופּעץ שטעלט אַרויס אין די פענסטער, ווי איינער רעדט: מיט די אויגען נאַ, זעה, קוק, ווי פּיעל דו ווילסט, נאָר מיט די הענד — אַ זאָס!... שטעהענדיג אַזוי ביי אַ גרויסען פענסטער מיט האַלבע פּריאַלען און קערבליך זילבערנע אַ סך מיט באַנקאָווע בילעטען און מיט גלאַט אַסיגנאַציעס אָהן אַ שיעור, טראַכט איך מיר בשעת־מעשה: רבונו של עולם! ווען איך פאַרמאָג האָטש אַ צעהנטעל חלק וואָס אַט דאָס אַ בעטרעפט, וואָס וואָלט איך דעמאָלט געהאַט צו גאָט און וועמען וואָלט געוועזען צו מיר גלייך? ראשית־חכמה וואָלט איך אַ שידוך געטאָן מיט מיין עלטערע טאָכטער, געגעבען איהר ת"ק קאָרביצען נדן אַ חוץ כלה־מתנות, אַ חוץ הלבשה מיט חתונה־הוצאות; דאָס פערד און וועגעלע מיט מיינע בהמה'לעך וואָלט איך פערקויפט, באַלד אַרויסגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין, געקויפט איין אָרט אין מזרח וואַנד, מיין ווייב זאָל לעבען אַ ביסעל פריל און צדקה צוטהיילט ווי דער שענסטער בעל הבית; געזעהן דאָס בית המדרש זאָל זיין געדעקט מיט אייזען, ניט עס זאָל שטעהן ווי איצט אָהן אַ דאַך, גרייט אַלע שעה אויף איינצופאַלען; איינגעפיהרט אַ שטיקעל תלמוד־תורה אין שטאָדט מיט אַ בקור־חולים ווי אין אַלע לייטישע שטעדט, ניט אָרעמע לייט זאָלען וואַלגערען זיך אויף דער

הוילער ערד אין בית־המדרש; יענקיל שײגעץ װאָלט בײ מיר באַלד געװאָרען אויס גבאי אין חברה־קדישא, גענוג שוין טרינקען בראָנפען און עסען פופקעס מיט לעבערליך אויף קהלס חשבון!...

— שלום עליכם, רב טביה! הער איך עמיצער זאָגט מיר פון הינטען, װאָס מאַכט א יוד! איך דרעה מיך אויס און טהו א קוק, איך װאָלט געמעגט שװערען א בעקאַנטער! „עליכם־שלום, זאָג איך, פון װאַנעט איז א יוד?“—פון װאַנען? פון מאַזעפעװקע, מאַכט ער צו מיר, טאַקי אײערס א פרײנדיל, דאָס הייסט איך קעהר מיך אָן, זאָגט ער, מיט אײך א שני בשלישי, אײער װײב גאָלדע, זאָגט ער, איז מיר אַ אײגען גליד־גליד־געשװעסטערקינד. „שאַט־זשע נור, זאָג איך, װעט איהר אפשר ניט ברוך־הערש־לאה־דװאָסים אין אײדעם?“ — כמעט װי געטראָפען, מאַכט ער צו מיר: איך בין ברוך־הערש לאה־דװאָסים אײדעם און מײן װײב הייסט שײנע־שײנדעל ברוך־הערש לאה־דװאָסים, הײנט װײסט איהר שוין? „שאַט־זשע נור, זאָג איך, אײער שװיגערס באָבע, שרה יענטע, מיט מײן װײבס מומע, פרומע זלאַטע, זענען, דאַכט זיך, געװען אויב נישט קײן אײגענע געשװעסטערקינדער, און אויב איך האָב קײן טעות ניט, זענט איהר דער מיטעלסטער אײדעם בײ ברוך־הערש לאה־דװאָסים, נאָר װאָס דען, איך האָב פאַרגעסען װי מען רופט אײך, אײער נאָמען, זאָג איך, איז בײ מיר אַרויס געפלויגען פונ'ם קאָפּ, מה שמכם? װי אַזוי איז אײער אמת'ער נאָמען?“ מיך, זאָגט ער, רופט מען מנחם מענדיל ברוך־הערש לאה־דװאָסים, אַזוי רופט מען מיר אין דערהיים אין מאַזעפעװקע. „אויב אַזוי, מײן ליבער מנחם מענדיל, מאַך איך צו איהם, קומט דאָך דיר טאַקי שלום־עליכם גאָר אויף אײן אַנדער אופן! זאָג־זשע מיר, מײן טײערער מנחם מענדיל, װאָס טהוסט דו דאָ, װאָס מאַכט די שװיגער דײנע און דער שװער זאָל לעבען? — װי געהט דאָס דיר, זאָג איך, אין געזונד, און װאָס מאַכען עפּיס דײנע געשעפטען?“ — עט, מאַכט ער, אין געזונד גאָט צו דאַנקען, מע לעבט; נאָר די געשעפטען, זאָגט ער, זענען עפּיס הײנט ניט אַזוי פײגעלדיג... „גאָט װעט העלפען, מאַך איך, און כאַפּ א קוק אויף זײנע מלבושים נעביך: אויסגעטריפּעט אין א סך ערטער און די שטיװעל

מחילה צעטרענט סכנות־נפשות... גישקשה, גאט, זאג איך, וועט העלפען. עס וועט זיך מסתמא פערבעסערען, ווי אין פסוק שטעהט: חבל הבל — געלד, זאג איך, איז קיילעכיג: היינט אזוי, מארגען אזוי, אבי מען לעבט; דער עיקר, זאג איך, איז בטחון, א יוד בעדארף האפען; אי מען ווערט, זאג איך, פערשווארצט? דערויף זענען מיר דאך עפיס יודען אויף דער וועלט, ווי זאגט מען: ביזט דו א זעלנער שמעק פולווער; משל כחרס הנשבר — די גאנצע וועלט, זאג איך, איז א חלום... דו זאג מיר בעסער, מנחם־מענדיל סערדצע, ווי קומסט דו אהער, פלוצים אין מיטען דערינען אין יעהופעץ גאר?" — וואס הייסט, מאכט ער, ווי איך קום אהער? איך בין שוין היע, זאגט ער, פאוואלינקע אזוי גרויס ווי א יאהר אנדערהאלבען. "אזוי גאר? ביזט דו הייסט דאס א היגער, זאג איך, טאקי א יעהופעצער תושב?" — ששש! מאכט ער צו מיר און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, שרייט נישט אזוי הויך, רב טביה; א היגער, זאגט ער, בין איך טאקי, נאר צווישען אונז, זאגט ער, בעדארף עס בלייבען... איך שטעה און קוק איהם אן טאקי נור ווי א משוגענעם. "ביזט א בורח, זאג איך, בעהאלטסט זיך אין יעהופעץ אין מיטען מארק?" — פרעגט ניט, זאגט ער, רב טביה, ס'איז רעכט; איהר זענט, א פנים, גאר נישט בעקאנט מיט די יעהופעצער דינים און מנהגים... קומט, זאגט ער, וועל איך אייך דער־צעהלען, וועט איהר פארשטעהען, וואס הייסט מען איז יא א היגער און גישט קיין היגער... און ער האט מיר אנגעהויבען לייענען א צעטיל, א גאנצע מגילה! ווי אזוי מע ווערט דא אביסעל אויסגעריסען... "אט פאלג מיך, מנחם מענדיל, פאהר זיך דורך צו מיר אין דארף אויף א טאג, וועסט זיך א ביסעל אויסרוהען די ביינער חאטש; וועסט זיין, זאג איך, א גאסט און איין אנגעלייגטער דערצו, מיין אלטע וועט זיך מיט דיר מחיה זיין".

בקצור, איך האב ביי איהם געפועלט. מיר פאהרען אינאיינעם, גע־קומען א היים — א גדולה! א גאסט! איין אייגען גליד־גליד־געשוועסטער־קינד, א קלייניגקייט, ווי זאגט איהר: אייגענס איז ניט פרעמדס. עס האט זיך אנגעהויבען א חתונה: וואס הערט זיך אין מאזעפעווקע? וואס מאכט דער פעטער ברוך־הערש? וואס טהוט די מומע לאה־דוואסיס? דער פעטער

יוסיל מנשה? די מומע דאבריש? און די קינדער זייערע וואס מאכען? ווער איז געשטארבען? ווער האט חתונה געהאט? ווער האט זיך געגט? ווער איז געלעגען געווארען און ווער איז אויף דער צייט? „וואס טויג דיר, מיין ווייב, פרעמדע חתונות, זאג איך, מיט פרעמדע ברית'ן? דו זעה בעסער, זאג איך, סע זאל זיין וואס צו נעמען אין מויל אריין; כל דכפין יתי ויצרך — פארען עסען, זאג איך, געהט קיין טאנץ נישט. אויב, זאג איך, א בארשט, איז מה טוב, אלא ניט מאכט נישט אויס, זאג איך, קנישעס, אדער קרעפליך, מאנשקעס, צרות־קניידליך, צו אפשר גאר, זאג איך, בלינצעס, ווערטליקעס, ווערטאטען; עס מעג זיין, זאג איך, מעהר מיט א געריכט א בי גיך".

בקצור, מע האט זיך געוואשען און גאנץ פיין פארביסען, ווי זאגט איהר: ויאכלו — מאכט רש"י: ווי גאט האט געבאטען. „פערביים, מנחם מענדיל, מאך איך צו איהם, ס'איז במילא, ווי זאגט דוד המלך, הבל הבלים, א נאריישע וועלט און א פאלשע, און געזונד, אזוי פלעג זאגען מיין באבע נחמה זכר לברכה, — געוועזען א קלוגע יודענע א חכמה נפלאה — געזונד און פערגניגען זאל מען זוכען אין שיסעל..." מיין גאסט געביך, די הענד האבען איהם אזש געציטערט, האט זיך גאר נישט געקאנט אבלויבען פון מיין ווייבס מלאכה, געשווארען ביי אלדעס גוטס, אז ער געדענקט שוין גאר ניט די צייט, ווען ער זאל עסען אזא מילכיגס, א זעלבע געראטענע קנישעס מיט אזינע בעטעמטע ווערטעטען. „נארישקייטען, זאג איך, דו זאלסט פערזוכען, מנחם מענדיל, איהר טייגעכץ, זאג איך, אדער א מאהינע, וואס זי מאכט, וואלסט דו דעמאלט ערשט געוואוסט וואס הייסט טעם גן־עדן אויף דער וועלט".

בקצור, אבגעגעסען און אבגעבענשט, האט מען זיך א ביסעל צערעדט איטליכער פון זיינעם, ווי געוויינטליך: איך — פון מיינע געשעפטען, ער — פון זיינע; איך — פון דעם פון יענעם, לאקש בוידעם ציבעלע, ער — פון זיינע געשעפטען, דערצעהלט מעשיות פון אדעס און פון יעהופעץ, ווי אזוי ער איז שוין געוועזען א מאל צעהן, ווי זאגט מען, „נא קאני און פיד קאנעם", היינט א נגיד, מארגען א קבצן און ווייטער א מאל

אַ נָגִיד און ווידער אַ מָאל אַיין אֶבְיוֹן; גֶעהַאנְדֶעלְט מִסְחָרִים עֶפִּיס אַלְץ אַזֶעלְכֶע וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין לֶעבֶּען נִישְׁט גֶעהֶערְט, מְשׁוּנֶה אוּנְגֶעלוּמְפֶּערְטֶע: „הָאס“ און „בֶּעס“ און אַקְצִיֶעס־שְׁמַאקְצִיֶעס, „פָּאטְיוּוילֶעוו“, „מַאלְצֶעוו־שְׁמַאלְצֶעוו“, דֶער גוּטֶער יָאהר ווֵייסְט זֵיי דָארְטְען, און חֶשְׁבּוֹנוֹת מְשׁוּגֶעְנֶערְוַויז, צֶעהְן טוֹיזֶענְד, צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד, — גֶעלְד ווִי הָאלְץ! „אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, מְנַחֵם מֶענְדִיל, זָאג אִיךְ צוּ אִיהם, מֵילָא דָאס וָואס דוּ דֶערְצֶעהְלְסְט פוּן דַיינֶע מַשָּׂא־וּמַתָּנ׳ס אִיז דָאס אַוַדַאי אַ בְּרִיָה׳שַׁאפְט, מֶע בֶּעדַארְף עֶס קָאנֶען; נָאר אֵיין זַאךְ פֶערְשְׁטֶעה אִיךְ נִיט: ווֶעדְלִיג אִיךְ קֶען, זָאג אִיךְ דַיין בָּחוּר׳טֶע, אִיז מִיר, זָאג אִיךְ, אַ גְרוֹיס חִדוּשׁ, וָואס זִי לָאזְט דִיר אַזוֹי פְלִיהֶען און קוּמְט נִישְׁט צוּ דִיר, זָאג אִיךְ, רֵייטֶענְדִיג אוֹיף אַ בֶּעזֶעם“. — עֶ! מַאכְט עֶר צוּ מִיר מִיט אַ זִיפְץ, דָאס זָאלְט אִיהר מִיר, רֶב טֶבְיֶה, גָאר נִישְׁט דֶערְמַאנֶען, אִיךְ הָאבּ פוּן אִיהר אַזוֹי אוֹיךְ, זָאגְט עֶר, קַאלְט און וַוארְם; אִיהר זָאלְט הָארְכֶען, זָאגְט עֶר, וָואס זִי שְׁרַייבְּט מִיר, ווָאלְט אִיהר אַלֵיין גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ בִּין אַ צַדִיק; נָאר דָאס, זָאגְט עֶר, אִיז פוּן דִי קְלֵיינֶע זַאכֶען, דֶערוֹיף אִיז זִי אַ וַוייבּ זִי זָאל מִיךְ בַּאגְרָאבֶּען; ס׳אִיז פַארַאן, מַאכְט עֶר אַ סַךְ אַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ: אִיךְ הָאבּ, פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהר מִיךְ, מַיין אֵייגֶענְס אַ שְׁווִיגֶער! אִיךְ בַּאדַארְף אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֶעהלֶען, זָאגְט עֶר, אִיהר קֶענְט זִי!... „עֶס קוּמְט אוֹיס בַּיי דִיר, זָאג אִיךְ, ווִי עֶס שְׁטֶעהְט: עֲקוּדִים, נְקוּדִים וּבְרוּדִים, דָאס הֵייסְט אַ מַכָּה אוֹיף אַ מַכָּה און אוֹיף דֶער מַכָּה אַ בְּלָאטֶער?“ — יָא, מַאכְט עֶר, רֶב טֶבְיֶה, אִיהר זָאגְט דָאס גַאנְץ גְלַייךְ; דִי מַכָּה אִיז טַאקִי אַ מַכָּה, נָאר דֶער בְּלָאטֶער, זָאגְט עֶר, אוֹי, דֶער בְּלָאטֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן דֶער מַכָּה!...

בְּקִצוּר, מִיר הָאבֶּען אַזוֹי פַּאוָואלִינְקֶע גֶעפְּלַאפֶּעלְט בִּיז הֶעט שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט אַרַיין; דֶער קָאפּ הָאט זִיךְ מִיר אוֹיש גֶעדְרֶעהְט פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִי ווִילְדֶע גֶעשֶׁעפְטֶען מִיט דִי טוֹיזֶענְדֶער, וָואס פְלִיהֶען אַרוֹיף און אַרָאבּ און מִיט׳ן פֶערְמֶעגֶען וָואס בְּרָאצְקִי פֶערְמָאגְט... עֶס הָאבֶּען זִיךְ מִיר נָאכְדֶעם אַ גַאנְצֶע נַאכְט גֶעפְּלָאנְטֶעט: יֶעהוּפֶּעץ... הַאלְבֶּע פְּרִיאַלֶען... בְּרָאצְקִי... מְנַחֵם מֶענְדִיל מִיט דֶער שְׁווִיגֶער... עֶרְשְׁט אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט זִיךְ: וָואס אִיז? בַּאֲשֶׁר אַזוֹי ווִי עֶס

געהט, זאגט ער, ביי אונז אין יעהופעץ א שטיקעל צייט, וואס געלד איז בחשיבות גדול, און סחורה ליגט אין דער ערד, בכן, זאגט ער צו מיר, אצינדערט, האט איהר ביד, רב טביה, האפען היבשע עטליכע גראשענס, און מיך, זאגט ער, וועט איהר ממש דערהאלטען ביים לעבען, פשוט מחיה־מתים זיין, פון טוידט לעבעדיג. „רעדסט ווי א יונגעל, מאך איך צו איהם, מיינסט א פנים ביי מיר איז יעהופעצער געלטען, האלבעפריאלען? נארעלע, זאג איך, וואס מיר פעהלט צו בראצקין, מעגען מיר זיך ווינשען מיר זאלען דאס בידע פארדינען ביז „פסח“. — יא, מאכט ער, דאס וויים איך אליין; נאר איהר מיינט, זאגט ער, מע בעדארף דערצו האבען גרויסע געלטען? איין הונדערטער, זאגט ער, ווען איהר גיט מיר אצונד, מאך איך אייך פון איהם אין דריי פיער טאג צוויי הונדערטער, דריי הונדערט, זעכס הונדערט, זיבען הונדערט און פאר וואס ניט טאקי אלע טויזענד? „עס קען זעהר שיין געמאהלט זיין, זאג איך, עס זאל זיין ווי אין פסוק שטעהט: קרוב לשכר ורחוק מקעשעני; נאר ווען, זאג איך, איז דאס גערעדט געווארען? אז ס'איז דא וואס איינצושטעלען אבער אז ס'איז ניטא דער הונדערטער, קומט דאך אויס, זאג איך, בגפו יבא בגפו יצא — מאכט רש"י: אז מע לייגט אריין קרענק נעמט מען ארויס קדחת“. — עט נו, מאכט ער צו מיר, א הונדערטער וועט זיך נאך ביי אייך, רב טביה, געפינען; ביי אייער פרנסה, זאגט ער, מיט אייער נאמען קיין עין־הרע... „וואס קומט, זאג איך, ארויס פונ'ם נאמען? א נאמען איז בוודאי זעהר א גוטע זאך; נאר וואס דען, איך בלייב ביי'ם נאמען און געלד האט טאקי אלין בראצקי... אויב דו ווילסט, זאג איך, וויסען אקוראט, פערמאג איך מיין איינענס ארום און ארום קאם א הונדערטער, האב איך אויף איהם אכטצעהן לעבער: ערשטענס חתונה מאכען א טאכטער...“ — הערסט דו, מאכט ער, אט דאס מיינט דאך טאקי דער פסוק, ווארום ווען, זאגט ער, קאנט איהר, רב טביה האבען אזא געלעגענהייט אריינלייגען איין הונדערטער און ארויסנעמען אם ירצה השם אזוי פיעל, אז עס זאל אייך, זאגט ער, האפען, אי אויף חתונה מאכען קינדער אי אויף עפים נאך? און ס'איז אוועקגעגאנגען א נייער מזמור אויף דריי זייגער שעה, מיר געבען

צו פערשטעהן, ווי אזוי ער מאכט פון א קערביל דריי און פון דריי צעהן. מע נעמט, זאגט ער, ראשית־חכמה און מע טראגט אריין א הונדערטער און מע הייסט זיך, זאגט ער, קויפען א צעהן שטיקליך. איך האב שוין פערגעסען, ווי אזוי מע רופט דאס, און מע ווארט צו עטליכע טעג ביז עס הויבט זיך אויף. שלאגט מען א דיפעש ערגיץ אהין, מע זאל דאס פער־קויפען און פאר'ן געלד קויפען צוויי מאל אזוי פיעל; נאכדעם הויבט זיך עס ווידער אמאל, קלאפט מען ווידער א דיפעש, אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז עס ווערט, זאגט ער, פונ'ם הונדערט — צוויי. פון די צוויי — פיער, פון די פיער אכט, פון די אכט — זעכצעהן, טאקי ממש נסים ונפלאות! פאראן, זאגט ער, אין יעהופעץ אזעלכע, וואס זענען ערשט אט דא ניט לאנג ארומגעגאנגען אהן שטיוועל, געווען מעקלער, בעהעלפערס, משרתים, היינט האבען זיי אייגענע הייזער, מויערן, זייערע ווייבער האבען צו טהון מיט די מאגענס — פאהרען קיין אויסלאנד זיך היילען... און אליין פליהען זיי ארום איבער יעהופעץ אויף גומעלאסטיקענע רעדלעך — פו־פו — דער־קענען שוין נישט קיין מענשען!...

בקיצור, וואס זאל איך אייך דא לאנג מאריך זיין? עס האט מיך אנגענומען א חשק ניט אויף קאטאוועס. א קשיא אויף א מעשה, טראכט איך מיר, אפשר איז ער דער גוטער שליח מיינער? אט הארך איך דאך פארט מענשען ווערען גליקליך אין יעהופעץ מיט פינעף פינגער, וואס בין איך ערגער פון זיי? קיין ליגנער איז ער דאכט זיך נישט, ער זאל אויס־טראכטען פונ'ם קאפ אזעלכע פזמונות. טאמער טאקי, קלער איך מיר, טהוט זיך עס טאקי א דרעה, ווי זאגט איהר אויף דער רעכטער זייט און טביה ווערט האטש אויף דער עלטער א שטיקעל מעניש? ביז וואנעט איז טאקי דער שיעור צו הארעווען, אויסגעריסען ווערען, כ'לעבען? טאג ווי נאכט ווידער אמאל דאס פערד און וועגעלע און אבער אמאל קעז און פוטער. צייט, זאג איך, טביה, זאלסט שוין אברוהען זיך, ווערען א בעל הבית צווישען בעלי־בתים, קומען אין א בית המדרש, אריינקוקען אין א יודישען ספר. אי וואס? טאמער חלילה לא יעלה ולא יבא עס מאכט מיר לעמעל, דאס הייסט מיט דער פוטער אראב? למאי זאל איך בעסער ניט

קלערהען דאס אייגענע צוריק ?— „הא ? ווי אזוי זאגסט דו ? רוף איך מיך אן צו מיין אלטער. ווי געפעלט דיר א שטייגער, גאלדע, דער פלאן דיינער ?“ — וואס זאל איך, מאכט זי, דערויף זאגען ? איך ווייס, זאגט זי, מנחם מענדיל איז חלילה נישט קיין אבי ווער, וואס זאל ביי דיר ווערען אויסנארען ; ער איז, חס ושלום, ניט פון קיין שניידערס און פון קיין שוסטערס ! ער האט, זאגט זי, זעהר א לייטישען טאטען, און א זיידען, זאגט זי, האט ער געהאט גאר א צאצקע, געזעסען יומם ולילה און בלינדערהייט געלערנט תורה, און די באבע ציטיל זאל זיין ווייט אבגע־שיידט איז עפיס אויך געווען, זאגט זי, ניט קיין פראסטע יודענע... „ס'איז א משל לעמעשקע, זאג איך, מע רעדט עסק, קומט זי צוגעהן מיט דער באבע ציטיל ! א יודינע בלייבט א יודינע ; נישט אומזיסט, זאג איך, איז שלמה המלך אויסגעפאהרען די גאנצע וועלט און נישט געפונען איין יודענע מיט א קלעפקע“...

בקצור, עס איז געבליבען, אז מיר שליסען שותפות ; איך לייג אריין געלד און מנחם מענדיל שכל, און וואס גאט וועט געבען איז דאס אויף דערהאלב.— גלויבט מיר, זאגט ער, איך וועל מיט אייך, רב טביה, אם ירצה השם אויסהאנדלען פיין וואס פיין הייסט און וועל אייך מיט גאטס הילף געבען געלד און געלד און געלד ! „אמן, גם אתם, זאג איך, פון דיין מויל און גאטס אויהרען. נאר וואס דען, זאג איך, איין זאך פארשטעה איך דא ניט : ווי אזוי קומט די קאץ איבער'ן וואסער ? איך בין דא, דו ביסט דארט ; געלד, זאג איך, איז איין איידעלע מאטעריע, פער־שטעהסט דו מיך ; האב קיין פעראיבעל ניט, זאג איך, איך מיין דא חלילה קיין אויבערקעפליך ; גלאט. ווי שטעהט דארט ביי אברהם אבינו : הזורעים בדמעה ברנה יקצרו, בעסער פריהער בעווארענט איידער נאכדעם בעוויינט...“— אך ! מאכט ער צו מיר, אפשר מיינט איהר צעשרייבען זיך אויף פאפיר ? מיט'ן גרעסטען כבוד !— „שא, זאג איך, אז מע וויל שמועסען צוריק איז אויך די אייגענע מעשה : ממה נפשך, ועסט דו מיך וועלען קוילען, וואס וועט מיר העלפען דאס פאפיר ? לאו עכברא גנבא, נישט דאס וועקסיל צאהלט, דער מענש צאהלט, און אז איך העננ שוין אויף

איין פוס, זאג איך, לאם איך הענגען אויף בײדע״.— איהר מעגט מיר גלויבען, זאגט ער, רב טביה, איך שווער אייך ביי מיין הייליגע גאמנות, נאט זאל מיר אזוי העלפען, ווי איך מיין דא נישט-קיין חכמות, חלילה אויסנארען ביי אייך, נאר פיין אונ ארענטליך אם ירצה השם זיך טהיילען אויף דערהאלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט אייך פיער הונדערט, מיר טויזענד אייך טויזענד...

בקיצור, איך האב ארויסגענומען די עטליכע קערבליך, דריי מאל איבערגעצעהלט, די הענד האבען מיר בשעת־מעשה גוט געטרייסעלט זיך, צו געריפען די אלטע מיינע פאר איין עדות, איהם נאך אמאל קלאהר געמאכט, וואס פאר א בלוטיג געלד דאס איז, אונ אוועקגעגעבען מנחם־מענדלין, איינגענייט איהם אין בוזעם אריין מע זאל דאס ביי איהם חלילה אונטערוועגענס נישט אוועק־לקח׳נען, אונ אבגערעדט מיט איהם, אז אם ירצה השם לא־יאוחר פון נאך שבת׳דיגער וואך בעדארף ער מיר למען־השם אריינשרייבען א בריוועל פון אלסדינג באריכות, זיך אבגעזעגענט מיט איהם פיין, שיין, צעקישט זיך גאר פריינדליך, ווי געוועהנטליך מיט איין איינענעם. געבליבען אליין נאך זיין אוועקפאהרען האבען זיך מיר אנגע־הויבען פארשטעלען אלערליי מחשבות אונ חלומות אויף דער וואהר, אונ אזעלכע זיסע חלומות, אז עס האט זיך מיר געוואלט, אז זיי זאלען זיך ציהען אייביג, קיין מאל נישט אויסלאזען זיך. עס האט זיך מיר פארגע־שטעלט אין מיט׳ן שטאדט א שטוב א גרויסע מיט בלעך געדעקט, מיט שטאלען, מיט קאמערען, קעמערליך אונ שפעזשארנעס מיט אלדעס גוטע, אונ א בעל־הבית׳טע מיט שליסעל דרעהט זיך ארום — דאס איז מיין ווייב גאלדע — גאר נישט צו דערקענען די חלעבען, זי האט בעקומען גאר איין אנדער פנים, א פנים פון א נגידית, מיט א גודער אונ מיט א האלז פעריל; זי בלאזט פון זיך אונ שעלט די דינסטען מיט טויטע קללות; די קינדער מיינע דרעהען זיך ארום אלע מיט שבת׳דיגע קליידער, טהוען נישט קיין האנד אין קאלט וואסער; דער הויף איז פערפלייצט מיט עופות, גענז אונ

קאַטשקעס; אינווייניג אין שטוּב לייכט זיך, אין אויווען פּלאַקערט אַ פייער (עס קאָכט זיך ווַעטשערע), און דער סאַמאָוואַר זידט ווי אַ גזלן! בּיים טיש אויבּען־אָן זיצט דער בּעל־הבּית אַליין, טביה הייסט דאָס, אין אַ חאַלאַט מיט אַ יאַרמולקע, אַרום איהם זיצען די פּערנעהמסטע בּעלי־בּתּים פון שטאָדט און חנפ'נען איהם: זייט־זשע מוחל, רב טביה... האָט קיין פּאַראיבּעל ניט, רב טביה... „אַי, קלעהר איך מיר בּשעת־מעשה, אַ רוח אין גאָלדעס טאַטענס טאַטע אַריין!...“ — וועמען שעלטסט דו דאָס אין טאַטען אַריין? — פרעגט מיך מיין גאָלדע. „קיינעם ניט, זאָג איך, איך האָבּ מיך אַבּיסעל פערטראַכט, מחשבות, חלומות, אַ נעכטיגער טאָג... זאָג מיר, גאָלדע סערדצע, מאַך איך צו איהר, דו ווייסט נישט מיט וואָס האַנדעלט ער, דער קרוב דיינער, מנחם־מענדיל מיין איך?“ — וואָס עס האָט זיך מיר, זאָגט זי, געחלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ! ס'טייטש, זאָגט זי, מע זיצט אָבּ מיט אַ מענשען אַ גאַנץ מעת־לעת און מע רעדט און מע רעדט, לסוף קומסט דו צוגעהן און פרעגסט בּיי מיר מיט וואָס ער האַנדעלט?! עפּיס האָט איהר דאָך, זאָגט זי, געמאַכט אינאיינעם אַ געשעפט צו וועלכע גוטע יאָהר? „יאָ, זאָג איך, געמאַכט, זאָג איך, האָבּען מיר, נאָר וואָס געמאַכט — דאָס ווייס איך ניט, חאָטש נעם מיר אַראָבּ דעם קאָפּ! ס'איז, פערשטעהסט דו מיך, נישטאָ בּיי וואָס אָנצונעהמען; נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן, זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגען, מיין ווייבּ, דאָס האַרץ זאָגט מיר צו גוטען, מיר וועלען אם ירצה השם, אַזוי דאַכט זיך מיר, פערדינען געלד און אַ סך — זאָג־זשע אָמן און קאָך וועטשערע“!

בּקצור, עס געהט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי — ניטאָ קיין בּריעף פון מיין שותּף! איך בּין אויס מענש, געה אַרום אָהן אַ קאָפּ און ווייס ניט צו טראַכטען. עס קאָן ניט זיין, קלעהר איך מיר, ער זאָל גלאַט אַזוי פערגעסען שרייבּען אַ בּריוועל; ער ווייסט גאַנץ גוט, ווי אַזוי מיר קוקען דאָ אַרויס. נאָר ווייטער פּליהט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ: וואָס וועל איך איהם טהון, למשל, אַז ער נעהמט זיך דאָרט אַראָבּ פון

אויבֶּען דִי נַאנְצֶע סְמֶעטֶענֶע אוּן מִיר זָאגְט עֶר, אַז מֶע הָאט נָאךְ גָאר נִיט פֶּערְדִינְט ? גֶעה רוּף אִיהם ,קְנַאק־נִיסֶעל ! עֶס קָאן נִיט זַיין, מַאךְ אִיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיין, סִ׳טַייטְשׁ, הֲיִתָּכֵן ?... אִיךְ בֶּעגֶעה מִיךְ מִיט אַ מֶענְשֶׁען טַאקִי נָאר וִוי מִיט אַיין אֵייגֶענֶעם, לָאז דָאס מִיר אַקֶעגֶען קוּמֶען וָואס אִיךְ ווִינְשׁ אִיהם, זָאל עֶר מִיר אָבְּטָהוּן אַזַא שְׁפִּיצֶעל ?! אוּן ווִידֶער פְּלִיהט מִיר דוּרךְ נָאר אַיין אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבָה : מִילָא רֶוַח יַאק רֶוַח, אִיךְ בִּין אִיהם שׁוֹין מוֹחֵל דָאס פֶּערְדִינְסְט, רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים — גָאט זָאל הֶעלְפֶען דָאס קֶרֶן זָאל הָאטְשׁ זַיין גַאנְץ ! אוּן עֶס וֶוערְט מִיר ,קַאלְט אִין אַלֶע אֵבָרִים. „אַלְ־טֶער נַאר ! זָאג אִיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיין ; זִיךְ גֶעגֶעהט אַ בַּייטֶעל דוּ טִפֵּשׁ אֵיינֶער, בְּהֵמָה בְּצוּרַת פֶערְד ! פַאר דֶעם הוּנְדֶערְטֶער בֶּעסֶער גֶעוֶוען קוֹיפֶען זִיךְ פֶּערְדְלִיךְ אַפָּאר, אֲשֶׁר לֹא פֶערְדְלוּ אֲבוֹתֵינוּ אוּן דָאס וֶועגֶעלֶע אִיבֶּערְגֶע־בִּיטֶען אוֹיף אַ נַאטַאטְשַׁאנְקֶע מִיט רֶעסָארֶען״... — טֶבְיֶה, לְמַאי טְרַאכְסְט דוּ עֶפִּים גָאר נִיט ? מַאכְט צוּ מִיר מַיינֶע. — „וָואס הֵייסְט, זָאג אִיךְ, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט, דֶער קָאפּ וֶוערְט מִיר אָקֶערְשְׁט צֶעפַּאלֶען אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ טְרַאכְטֶענְדִיג, זָאגְט זִי צוּ מִיר לְמַאי אִיךְ טְרַאכְט נִיט״ ; — נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, מַאכְט זִי, עֶס הָאט זִיךְ אִין וֶועג מִיט אִיהם עֶפִּים גֶעטְרָאפֶען : אָדֶער גַזְלָנִים, זָאגְט זִי, זֶענֶען אִיהם בֶּעפַאלֶען אוּן בֶּענוּמֶען פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, אָדֶער עֶר אִיז חָלִילָה פֶּערְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארֶען, אָדֶער גָאר, אַל תִּפְתַּח פֶּה, גֶעשְׁטָארְבֶּען. — „וָואס נָאךְ, זָאג אִיךְ, וֶועסְט דוּ אוֹיסְטְרַאכְטֶען, נְשָׁמָה מַיינֶע ? נַא דִיר גָאר גַזְלָנִים, זָאג אִיךְ, פְּלוּצִים אִין מִיטֶען דְרִינֶען !״ אוּן אַלֵיין טְרַאכְט אִיךְ מִיר : אַ ,קַשְׁיָא וָואס מִיט אַ מֶענְשֶׁען קָאן זִיךְ טְרֶעפֶען אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס ? „דוּ בֶּעדַארְפְסְט, זָאג אִיךְ צוּ אִיהר, מַיין ווַייבּ תָּמִיד אוֹיסְ־לֶעגֶען צוּם עֶרְגְסְטֶען !״ — עֶר אִיז, מַאכְט זִי, פוּן אַזַא מִשְׁפָּחָה ; דִי מַאמֶע זַיינֶע, זָאגְט זִי, זָאל זַיין אַ מֵלִיץ־יוֹשֶׁר׳טֶע, אִיז נִיט לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען נָאךְ גָאר אַ יוּגֶענְד, אוּן דְרַייא שְׁוֶועסְטֶער, זָאגְט זִי, הָאט עֶר גֶעהַאט, זָאלֶען זַיין ווַייט אָבְּגֶעשֵׁיידְט פוּן מִיר, אִיז אֵיינֶע נָאךְ מֵיידֶעלְוַויים גֶעשְׁטָארְבֶּען ; דִי אַנְדֶערֶע הָאט דַוְקָא, זָאגְט זִי, חֲתוּנָה גֶעהַאט, גֶעהַאפְּט אַ פֶּערְקִיהלוּנְג אִין בָּאד אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן דִי דְרִיטֶע, זָאגְט זִי, אִיז תֵּכֶף נָאכ׳ן עֶרְשְׁ־טֶען ,קִימְפֶּעט אַרָאבּ פוּנ׳ם זִינֶען, זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט — גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן גֶעשְׁטָאר־

בֶּען... „גֶעשְׁטָארְבֶּען זָאל לֶעבֶּען, זָאג אִיךְ; גָאלְדֶע, מִיר וֶועלֶען אַלֶע, זָאג אִיךְ, שְׁטַארְבֶּען, אַ מֶענְשׁ, זָאג אִיךְ, אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ אַ סְטָאלִיר: אַ סְטָאלִיר לֶעבְּט אוּנ לֶעבְּט אוּנ שְׁטַארְבְּט אוּנ אַ מֶענְשׁ לֶעבְּט אוּנ שְׁטַארְבְּט".

בִּקְצוּר, עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען, אַז אִיךְ פָאהר זִיךְ דוּרְךְ קַיין יֶעהוּפֶּעץ. סְחוֹרָה אַבִּיסֶעל הָאט זִיךְ דֶערְוַויילֶע אִין דֶער צַייט צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען, ס'אִיז גֶעוָוארֶען אַ הִיבְּשׁ קְרֶעמֶעל פוּן קֶעז אוּנ פוּן פוּטֶער אוּנ פוּן סְמֶעטֶענֶע פְּרִימַא סְחוֹרָה; מַיינֶער הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דָאס פֶערְד אוּנ וֶועגֶעלֶע אוּנ — וַיִסְעוּ מֵרְפִידִים — מַאכְט קַיין יֶעהוּפֶּעץ. פָאהרֶענְדִיג אַזוֹי, מָרָה־שְׁחוֹרָה'דִיג גֶעוַויינְטְלִיךְ, מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ וִוי אִיהר קָאנְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען, אֵיינֶער אַלֵיין אִין וַואלְד, גֶעהט מִיר דוּרְךְ דֶער כְּהַ־הַדָּם אוּנ עֶס שְׁטֶעלֶען זִיךְ מִיר פָאר אַלֶערְלֵיי מַחְשָׁבוֹת אוּנ גֶעדַאנְקֶען. „עֶס וֶועט זַיין שַׁיין, טְרַאכְט אִיךְ מִיר, אַז אִיךְ קוּם צוּפָאהרֶען אוּנ הוֹיבּ אָן נָאכְפְרֶעגֶען אוֹיף מַיין פַארְשׁוֹין, זָאגְט מֶען מִיר: מְנַחֵם־מֶענְדִיל? טֶע־טֶע־טֶע! שְׁטַארְק אִין דִי פֶעדֶערֶען, סְמַאלֶעט אַ וֶועלְט, אַיין אֵיינֶענֶעם מָאוֶוער, פָאהרְט אִין קַארֶעטֶעס, גָאר נִיט צוּ דֶערְקֶענֶען! אִיךְ נֶעם מִיךְ אָן, טְרַאכְט אִיךְ מִיר, מִיט הַארְץ אוּנ לָאז מִיךְ צוּ אִיהם גְלַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין — טְפְּרְרוּ! מַאכְט מֶען צוּ מִיר בַּיי דֶער טִיהר נָאךְ אוּנ מֶע גִיט מִיר מִיט'ן עֶלֶענְבּוֹיגֶען אִין הַארְצֶען אַרַיין: שְׁטוּפְּט זִיךְ נִיט אַזוֹי, פֶעטֶער, דָא שְׁטוּפְּט מֶען זִיךְ נִיט. — „אִיךְ בִּין, זָאג אִיךְ, אַיין אֵיינֶענֶער, טַאקִי מַיין וַוייבּ אַ גְלִיד־גְלִיד־גֶעשְׁוֶועסְטֶער־קִינְד". — מַזָל־טוֹב אַייךְ, זָאגְט מֶען מִיר; שְׁטַארְק אָנְגֶעלֵייגְט; פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען, זָאגֶען זֵיי, מֶעגְט אִיהר, נִישְׁט־קָשֶׁה, צוּ וַוארְטֶען אַבִּיסֶעל אֶט אָ דָא בַּיי דֶער טִיהר, עֶס וֶועט אַייךְ חָלִילָה גָאר נִיט שַׁאטֶען... אִיךְ שְׁטוּים מִיךְ אָן, אַז מֶע בֶּעדַארְף עֶפִּיס גֶעבֶּען, וִוי זָאגְט אִיהר: עוֹלִים וְיוֹרְדִים, אַז מֶע שְׁמִירְט פָאהרְט מֶען, אוּנ לָאז מִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיף צוּ אִיהם אַלֵיין. — „גוּט מָארְגֶען אַייךְ, זָאג אִיךְ צוּ אִיהם, רֶב מְנַחֵם־מֶענְדִיל!" וֶוער? וָואס? אֵין אוֹמֶר וְאֵין דְבָרִים — עֶר דֶערְקֶענְט מִיךְ גָאר נִיט! — וָואס דַארְפְט אִיהר? מַאכְט עֶר צוּ מִיר, אִיךְ פַאל שִׁיעֶר חַלָשׁוֹת. — „וָואס הֵייסְט, זָאג אִיךְ, פַאנִי, אִיהר דֶערְקֶענְט שׁוֹין נִיט, זָאג אִיךְ, קַיין קָרוֹב? טֶבְיֶה הֵייס אִיךְ" — אַ? מַאכְט עֶר, טֶבְיֶה? עֶפִּיס קֶענְטְלִיךְ דֶער נָאמֶען...

„קענטליך? מאַך איך צו איהם; אפשר איז אייך קענטליך, זאָג איך, מײן ווייב'ס בלינצים, דערמאָהנט זיך נאָר אָקאָרשט, מיט איהרע קנישעס, צרות־קניידליך, ווערטאַטעשן?"... און צוריק פליהט מיר דורך א געדאַנק פונקט קאַפּויר: איך קום אַרײן צו מנחם־מענדלין, טראָגט ער מיר אַקעגען דעם ברייטען שלום־עליכם. — א גאַסט! א גאַסט! זיצט, רב טביה, וואָס מאַכט איהר עפּיס, וואָס מאַכט אייער ווייב? איך קוק שוין אַרויס אויף אייך, איך וויל מיך מיט אייך צערעבענען. און ער נעהמט און שיט מיר אָן א פולע היטעל מיט האַלבע פּריאַלען, — דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פּערדינסט און דאָס קרן, זאָגט ער, בלייבט שטעהן; ווענט איהר צופרידען, רב טביה, מיט אייער פּריינדיל, וואָס שווייגט איהר?!... אין געדאַנקען האָב איך דערוויילע א דרימעל און זעה גישט, ווי מײן בחור שלאָגט זיך אַרויס פונ'ם שליאַך אָן א זייט, פּערטשעפּעט דאָס וועגעלע אָן א בוים און עס דערלאַנגט מיר א זעץ פון הינטען, עס פליהען אַזש פונקען פון די אויגען. „גם זו לטובה, זאָג איך צו מיר אַליין, דאַנקען גאָט, וואָס האָטש ניט צעבראָכען קיין אקס"...

בקצור, געקומען קיין יעהופּעץ און קודם־כל אָבגעזעצט דאָס ביסעל מילכיגס גיך און געשווינד, ווי געוויינטליך, לאָז איך מיך זוכען דעם גפּיש מײנעם. איך דרעה מיך אַרום א שעה און צוויי און דריי, והילד איננו — איך זעה איהם נישט! איך האָב אָן אָבשטעלען מענשען, נאָכפרעגען: „צי האָט איהר ניט געהערט, צי האָט איהר ניט געזעהען אײנעם א יודען, וואָס הייסט מיט זײן ליבען נאָמען מנחם־מענדיל?" — אויב, זאָגען זיי, ער הייסט מנחם־מענדיל, מעג מען עסען פון זײן פענדיל, נאָר דאָס אַליין איז קאַרג, זאָגען זיי, מנחם־מענדיל'ס איז דאָ א סך אויף דער וועלט. — „איהר מיינט מסתמא, זאָג איך, זײן פאַרמעלי? לאָז מיך אַזוי וויסען בייז, זאָג איך, מיט אייך איינאיינעם, אז בסך־הכל, זאָג איך, אויב איהר ווילט וויסען, רופט מען איהם אין דערהיים, אין מאַזעפּעווקע הייסט דאָס, גאָר אויף זײן שוויגערס נאָמען, מנחם־מענדיל לאה־דוואָסים; נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, זאָג איך, זײן שוועהר איז שוין גאָר א באַטאַגטער יוד, הייסט ער אויף איהר נאָמען, גדליה־הערש לאה־דוואָסים, און אפילו זי

אליין, לאה־דוואסי מיין איך, הייסט אויך לאה־דוואסי גדליה־הערש לאה־דוואסים, היינט פערשטעהט איהר שוין?" — פערשטעהען פערשטעהען מיר, זאגען זיי, נאר דאס איז נאך אלץ גישט גענוג; וואס איז דיין געשעפט, זאגען זיי, מיט וואס פערנעהמט ער זיך, אייער מנחם־מענדיל? מיט וואס ער פערנעהמט זיך? זאג איך, ער האנדעלט דא מיט האלבע פריאלען, זאג איך, עפיס בעס־מת, פאטיווילאוו. קלאפט, זאג איך, דעפעשען ערגיץ אהין, קיין פעטערבורג, קיין ווארשא..." — א?! מאכען זיי צו מיר און קאטשען זיך פאר געלעכטער; מיינט איהר ניט אט יענעם מנחם־מענדיל, וואס האנדעלט מיט יקנה"ז? געהט זייט מוחל אריבער, זאגען זיי, אהינצו, אויף יענער זייט; דארט לויפען ארום האזען א סך און אייערע אויך בתוכם... „מעהר מע לעבט, מעהר עסט מען, טראכט איך מיר; נא דיר גאר האזען? יקנה"ז?" איך געה אריבער אהין, אויף יענעם טארעטאר, יודען קיין עין־הרע, ווי אויף א יריד, ס'איז איין איינגעשאפט, קאם וואס איך שטופ מיך דורך, מע לויפט, ווי די משוגעים, דער אהין, דער אהער, איינער איבערן אנדערען, ס'איז איין עולם־התוהו, מע רעדט, מע שרייט, מע מאכט מיט די הענד: פאטיווילאוו... פעסט, פעסט!... געהאפט ביים ווארט... אריינגעריקט איין אדערויף... וועט זיך קראצען... מיר קומט קארטאזש... ביזט א גרויסער פארך... אט צעשפאלט מען דיר דעם קאפ... שפיי איהם אן אין פנים... זעה נאר, געקוילעט די קאפאטע... א שיינער שפעקולאנט... אנזעצער!... משרת!... אין טאטענס טאטען... עס האלט כמעט ביי פעטש — ויברח יעקב, מאך איך צו מיר אליין, אנטלויף, טביה, אט האפסט דו א פאטש! נו, נו, קלער איך מיר, גאט איז א פאטער, שמואל־שמעלקע איז דיין דינער, יעהופעץ איז א שטאדט און מנחם־מענדיל איז א סוחר! אט אדא־א, טראכט איך, האפט מען גליקען, האלבע פריאלען? אט א דאס־א הייסט ביי זיי מע מאכט געשעפטען: אז אך און וועה איז דיר, טביה, מיט דיינע מסחרים!"

בקצור, איך שטעל מיך אב לעבען א גרויס פענסטער מיט ארויסגעשטעלטע הויזען א סך און דערזעה דורך דעם אפשיין פונ'ם גלאז מיין שמעיה בעל־פרנסה. עס האט זיך מיר אפגעריסען אין הארצען, אז איך

הָאב אִיהם דֶערזֶעהֶען, ס'אִיז מִיר פְּרָחָה־נִשְׁמָתִי גֶעוָוארֶען! וואו אִיךְ הָאבּ עֶרגִיץ אַ שׂוֹנֵא און וואו אִיהר הָאט אַ שׂוֹנֵא זָאלֶען מִיר אִיהם דֶערלֶעבֶּען זֶעהֶען אִין אַזַא הוֹלֶךְ, וִוי מְנַחֵם־מֶענְדִיל: וָואס מִיר קַאפָּאטֶע? וֶוער מִיר שְׁטִיוֶועל? און אַ פָּנִים, טַאטֶענִיוּ, אַ שֶׁענֶערֶען לֵייגְט מֶען אִין דֶער עֶרְד אַרַיין. — „נוּ, טֶבְיֶה, כַּאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי — בִּיזְט אִין דֶער עֶרְד, טְרַאכְט אִיךְ מִיר, מֶעגְסְט זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעגֶענֶען מִיט דִי עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁענְס, עֶס אִיז שׁוֹין, וִוי זָאגְט אִיהר: לֹא דוּבִּים וְלֹא יַעַר, נִיט קֵיין סְחוֹרָה, נִיט קֵיין גֶעלְד, נָאר גְלַאט אַזוֹי צָרוֹת...״

עֶר פוּן זַיין זַייט אִיז אַ פָּנִים אוֹיךְ שְׁטַארְק מְבוּלְבָּל גֶעוָוארֶען, מַחְמַת מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵעהֶען וִוי צוּגֶעקָאוֶועט, נִישְׁט אוֹיסְצוּרֶעדֶען קֵיין וָוארְט אֲפִילוּ און נָאר גֶעקוּקְט און גֶעקוּקְט וִוי דִי הָאהְנֶען, זִיךְ גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין, וִוי אֵיינֶער רֶעדְט: פְּרוּבִיִרט און פֶערְפִינְסְטֶערְט זֶענֶען מִיר בֵּיידֶע גֶעוָוארֶען, מִיר מֶעגֶען בֵּיידֶע נֶעהמֶען טַארְבֶּעס און גֶעהֶען אִי־בֶּער דִי הַייזֶער!... — רֶב טֶבְיֶה, מַאכְט עֶר צוּ מִיר שְׁטִיל, קָאם וָואס עֶר רֶעדְט און דִי טְרֶעהרֶען וַוארְגֶען אִיהם, רֶב טֶבְיֶה! אָהן מַזָל, הֶערְט אִיהר, זָאל מֶען גָאר, זָאגְט עֶר, נִיט גֶעבָּארֶען וֶוערֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט! אֵיידֶער, זָאגְט עֶר, אַזַא לֶעבֶּען... הֵיינְגֶען! זָאגְט עֶר, גְנָאטֶעוֶוען!... און מֶעהר קָאן עֶר קֵיין וָוארְט נִישְׁט רֶעדֶען. — „אַוַדַאי, מַאךְ אִיךְ צוּ אִיהם, בִּיזְט דוּ וֶוערְט, מְנַחֵם־מֶענְדִיל, פַאר אַזַא מַעֲשֶׂה מֶע זָאל דִיךְ אַנִידֶערְלֵייגֶען אֶט אַ דָא, זָאג אִיךְ, אִין מִיטֶען יֶעהוּפֶּעץ און בְּרְכוּשׁ גָדוֹל דִיר אַרַיינְצִימְבְּלֶען אַזוֹי פִיעֶל, אַז דוּ זָאלְסְט דִיךְ דֶערְזֶעהֶען מִיט דֶער בַּאבֶע צֵייטֶעל פוּן יֶע־נֶער וֶועלְט. בֶּערֶעכֶען, זָאג אִיךְ, דוּ אַלֵיין, וָואס הָאסְט דוּ גֶעטְהוּן? הָאסְט גֶענוּמֶען, זָאג אִיךְ, אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב מִיט לֶעבֶּעדִיגֶע נְפָשׁוֹת, צַעַר־בַּעֲלֵי־חַיִים גֶעבִּיךְ, גָאט דִי נְשָׁמָה שׁוּלְדִיג, און הָאסְט זֵיי אִיבֶּערְגֶעקוּילֶעט דֶעם הַאלְז אָהן אַ מֶעסֶער! גְוַואלְד, זָאג אִיךְ, מִיט וָואס וֶועל אִיךְ קוּמֶען אַצִינְדֶערְט אַהֵיים צוּ מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער? אַדְרַבָּה, זָאג שׁוֹין דוּ אַלֵיין, קוּילֶער אֵיי־נֶער, גַזְלָן, רוֹצֵחַ!״ — אֱמֶת, מַאכְט עֶר צוּ מִיר, אָנְגֶעשְׁפַּארְט זִיךְ צוּ דֶער וַואנְד; אֱמֶת, רֶב טֶבְיֶה, גָאט זָאל מִיר אַזוֹי הֶעלְפֶען... „דֶער גֵיהִנָם, זָאג אִיךְ, נַאר אֵיינֶער, דֶער גֵיהִנָם אִיז דָאךְ קַארְג פוּן דַיינֶעט וֶועגֶען!״ — אֱמֶת,

זאגט ער, רב טביה, אמת, גאט זאל מיר אזוי העלפען; איידער אזא לעבען, זאגט ער, איידער אזא לעבען, רב טביה... און לאזט אראפ דעם קאפ. איך שטעה און בעטראכט איהם, דעם שלים-מזל, ווי ער שטעהט אזוי דעם קאפ אראב, צוגעשפארט צום וואנד, דאס היטעל אויף א זייט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ, עס רייסט אוים א שטיק הארץ. „טא, זאג איך, אז מע וויל שמועסען דאס אייגענע ווידער צוריק, פערשטעהט מען גאנץ גוט, דו ביזט אפשר אין דעם אויך גאט די נשמה שולדיג, ווארום לאמיר בערעכענען די זאך ארום און ארום מיט א מה-נפשך: איך זאל קלערען, זאג איך, אז דיין שלעכטיגקייט האט דאס געטהון, איז דאך עס נאריש, ביזט דאך געווען, זאג איך, א שותף גלייך מיט מיר, א מחצה שכר'ניק. איך האב אריינגעלייגט געלד, דו האסט געגעבען שכל, אז אך און וועה איז מיר; דיין מיין איז אודאי געווען, ווי זאגט ער, לחיים ולא למות. אי עס האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם? מסתמא איז ניט בעשערט, ווי זאגט איהר: אל תתהלל ביום מחר, א מענש טראכט און גאט לאכט.

למאי, זאג איך, אט האסט דו מיין מסחר, איז דאכט זיך גאר א קאראנטע געשעפט, פון דעסטוועגען, אז ס'איז בעשערט געווען, זאג איך, ניט היינט געדאכט, פאר איאהרען אסיען, עס זאל זיך ביי מיר, ניט פאר דיר געדאכט, אנידערלייגען א בהמה, א מציאה געווען אויף טרפה'ס א פיפציגער און טאקי באלד נאך איהר א טעלעצע א רויטע, קיין צוואנציג קערבליך וואלט איך פאר איהר ניט גענומען, נו, האט דען עפיס געהאלפען דערביי חכמות? אז עס געהט ניט, זאג איך, מאכט קמץ-בית — מע! איך וויל דיך גאר ניט פרעגען, זאג איך, וואו איז מיין געלד, איך פערשטעה שוין אליין, וואו מיין געלד שטעקט, מיין בלוטיג געלד, וועה און ווינד איז מיר! ס'איז אריין אין א מקום-קדושה, זאג איך, ערגיץ אין א יקנה"ז'ל, אין א נעכטיגען טאג; און ווער איז שולדיג, ווען ניט איך אליין, וואס האב מיך געלאזט איינרעדען גרינגע פייגעליך, שמינדריקעס, שמאכטעליאקעס? געלד, ברודער, בעדארף מען, זאג איך, פערהאראוועען, פערשווארצט און אויסגעריסען ווערען! פעטש, זאג איך, ביזט דו, טביה, ווערט,

פֶּעטְשׁ ווי הָאלְץ!! נָאר וָואס הֶעלְפְט אִיצְטֶער מַיין גֶעשְׁרֵיי? ווי אִין פָּסוּק שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען: צְעָקָה הַנַּעֲרָה — שְׁרַיי צֶעוָעצְטֶערְהֵייט, שְׂכֵל אוּן חֲרָטָה, דִי בֵּיידֶע זַאכֶען קוּמֶען תָּמִיד צוּ שְׁפֶּעט. נִיט בֶּעשֶׁערְט, זָאג אִיךְ, טֶבְיֶה זָאל זַיין אַ נָגִיד, ווי זָאגְט אִיוַואן: נֶע בּוּלַא אִי מֶעקִיטֶע הָרָאשֶׁע אִי נֶע בּוּדֶע*); מִסְתָּמָא, זָאג אִיךְ, הֵייסְט גָאט אַזוֹי; ה׳ נָתַן וַה׳ לָקַח, מַאכְט רַשִׁ״י — קוּם, בְּרוּדֶער, ווֶעלֶען מִיר גֶעהֶמֶען, זָאג אִיךְ, צוּ בִּיסְלֶעךְ בְּרַאנְ־פֶען!״...

* *
*

אֶט אַזוֹי, פַּאנִי שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן אַלֶע מַיי־נֶע חֲלוֹמוֹת אַ בּוֹידֶעם! אוּן אִיהר מֵיינְט אֶפְשֶׁר, אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶענוּמֶען צוּם הַארְצֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ פֶערְלָארֶען מַיין גֶעלְד? לָאם אִיךְ אַזוֹי רֵיין זַיין פוּן שְׁלֶעכְטְס! מִיר ווֵייסֶען דָאךְ יָא וָואס אִין פָּסוּק שְׁטֵעהט: לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב — גֶעלְד אִיז בְּלָאטֶע; דֶער עִיקָר אִיז דֶער מֶענְשׁ, דָאס הֵייסְט, אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז אַ מֶענְשׁ. נָאר וָואס־זְשֶׁע דֶען הָאט מִיךְ גֶעקְרֵיינְקְט? דֶער חָלוֹם וָואס עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעוָואלְט, אוֹי הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַ נָגִיד, הָאטְשׁ אוֹיף אַווַיילֶע! נָאר עֶס הֶעלְפְט דֶען דֶערְבֵּיי חָכְמוֹת? ווי זָאגְט דֶער פֶּרֶק: בַּעַל־כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי — מִיט גְוַואלְד לֶעבְּסְט דוּ אוּן מִיט גְוַואלְד צֶערַייסְט דוּ אַפָּאר שְׁטִיוֶועל. דוּ, טֶבְיֶה, זָאגְט גָאט, בֶּעדַארְפְסְט אִין זִינֶען הָאבֶּען קֶעז אוּן פּוּטֶער, נִישְׁט קַיין חֲלוֹמוֹת. אַי וָואס? בִּטָּחוֹן? הָאפְנוּנְג? אַדְרַבָּא, וָואס מֶעהר צָרוֹת מֶעהר בִּטָּחוֹן, וָואס מֶעהר קַבְּצָן מֶעהר הָאפְנוּנְג, וְהָרְאָיָה?... נָאר מִיר דַאכְט, אִיךְ הָאבּ מִיךְ הַיינְט אַבִּיסֶעל פֶערְרֶעדְט; צַייט פָּאהרֶען, קְלֶעהרֶען מִכֹּחַ גֶע־שֶׁעפְט, ווי זָאגְט אִיהר, כָּל הָאָדָם כּוֹזֵב — אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע מַכּוֹת. זַייט מִיר גֶעזוּנְד אוּן הָאט אַ גוּטֶען תָּמִיד!

---

*) נִישְׁט נֶעווֶעשֶׁו בַּיי מֶעקִיטֶען קַיין נֶעלְד אוּן עֶם רֶיעט נִיט זַיין

היינטיגע קינדער.

(נאך א מעשה פון טביה דעם מילכיגען).

— א קענען דעם וואס איהר זאגט היינטיגע קינדער, בנים גדלתי ורוממתי — גוה האב זיי, ווער פערשווארצט, זיי מספיק פון זייערטוועגען, האראווע טאג ווי נאכט, וואס איז? מע מיינט טאמער אזוי און אפשר אזוי, איטליכער נאך זיין השגה און נאך זיין פערמעגען; צו בראצקין געוויינטליך חעל איך ניט אנשלאגען, נאר איך זאל מיר שוין איינגאנצען אראבלאזען בין איך אויך נישט מחויב, ווארום אליין בין איך אויך נישט קיין אבי־חער, כ'לעבען, און ארויסקומען קומען מיר ארוים, ווי מיין ווייב זאל לעבען זאגט, אויך נישט פון קיין שניידערס און ניט פון קיין שוסטערס, האב איך גערעכענט, אז איך וועל מיט מיינע טעכטער געווים אויסשפילען. פאר וואס? ערשטענס האט מיך גאט געבענשט מיט שיינע טעכטער, און א שיין פנים, זאגט איהר דאך אליין, איז א האלבער נדן, והשנית, בין איך דאך עפים היינט, מיט גאטס הילף, נישט דער טביה וואס א מאל, קאן איך דאך שוין גרייכען צום שענסטען שדוך אפילו אין יעהופעץ, הא, ווי זאגט איהר? איז דאך אבער פאראן א גאט אויף דער וועלט, איין אל רחום וחנון, וואס בעווייזט זיינע גרויסע וואונדער און מאכט מיט מיר זומער און ווינטער, ארויף און אראפ, מאכט ער צו מיר: „טביה רעד זיך נישט איין קיין נארישקייטען און לאז זיך די וועלט פיהרען ווי זי פיהרט זיך!“... הערט וואס עס קען זיך פארלויפען אויף דער גרויסער וועלט, און ביי ווי מען טרעפען זיך אלע גליקען? ביי טביה שלים־מזל.

בקיצור, צו וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, איהר געדענקט דאָך מהסתם, וואָס מיך האָט געטראָפען, ניט היינט געדאַכט, די מעשה מיט'ן קרוב מיינעם, מנחם מענדיל ימח שמו וזכרו, ווי שיין מיר האָבען זיך אויסגעהאַנדעלט אין יעהופּעץ, מיט די „האַלבע פּריאַלען" און מיט די „פּאָטאָווילאָווער אַקציעס", אַזאַ יאָהר אויף מיינע שונאים! איך האָב דאָס דענסטמאָל איינגעליינט די וועלט, וועה איז מיר! געמיינט ס'איז איין עק, אוים טביה און אוים מילכיגס! „נאַר איינער! — זאָגט צו מיר איינמאָל די אַלטע מיינע, גענוג צו זיין פערזאָרגט, דו וועסט דערמיט נאָר ניט מאַכען; דו וועסט זיך נאָר אָפּעסען דאָס האַרץ און גענוג; עלעהיי גזלנים וועגען אויף אונז אָנגעפאַלען און צוגענומען... דו געה זיך בעסער דורך, זאָגט זי, קיין אַנאַטעווקע, צו לייזער וואָלף דעם קצב, ער באַדאַרף דיך, זאָגט ער, נייטיג האָבען." — וואָס איז דאָרטען? וואָס באַדאַרף ער מיך אַזוי נייטיג? אויב ער מיינט, זאָג איך, די מאוּרע בהמה אונזערע, מעג ער נעמען אַ שטעקען און אַרויסשלאָגען זיך פונ'ם קאָפּ. — „וואָס איז אַזוינס? מאַכט זי צו מיר, די מילך, וואָס מע האָט זיך אָן פון איהר, מיט'ן קעז און פּוטער?" — נישט צו ליעב דעם, זאָג איך, נאָר גלאַט אַזוי; ערשטענס איז פּשוט איין עבירה אַוועקגעגעבען אַזעלכעס אויף דער שחיטה, אַ צער-בעלי-חיים. ביי אונז שטעהט געשריבען אין דער הייליגער תורה...— „אָבער גענוג דיר שוין, טביה! די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, ווייסט אַז דו ביזט אַ יוד פון תורה, פאָלג מיך אַ ווייב, געה זיך דורך צו לייזער-וואָלפען; אַלע דאָנערשטאָג, זאָגט זי, ווען אונזער צייטעל קומט אין יאַטקע אַריין נאָך פליישׁ, לאָזט ער זי נישט לעבען; זאָלסט זאָגען, זאָגט ער, דעם טאַטען ער זאָל קומען צוגעהן, איך באַדאַרף איהם נייטיג האָבען"...

בקיצור, מע בעדאַרף פאָלגען אַ מאָל, ווי זאָגט איהר, אַ ווייב אויך. בין איך מיך מישב און לאָז מיך איינרעדען און קום צוגעהן צו לייזער-וואָלפען קיין אַנאַטעווקע, אַ ווערסט דריי פון אונז, און טרעף איהם נישט מסתמא אין דער היים. — וואו איז ער ערגיץ? טהו איך אַ פרעג אַ קאַר-נאַסע יודענע, וואָס דרעהט זיך אַרום אין שטוב. — „אין פּראָיעקט, מאַכט די קאַרנאַסע, מע קוילעט איין אָקס פון גאַנץ פריה אָן, ער בע-

דאַרף באַלד אָנקומען״... איך דרעה מיך אַרום אײנער אַלײן אין שטוב און הויב אָן צו בעטראַכטען לײזער־וואָלפֿס בעל־הבית׳שקייט, קיין עין־הרע אַ גוטס אויף אַלע מײנע ליעבע: אַ שאַפע מיט קופּער, מע וועט זי נישט אויסקויפען מיט קיין ק״ן קערבליך, אַ סאַמאָוואַר און נאָך אַ סאַמאָוואַר, און אַ טאַץ אַ מעשענע און נאָך אײנע אַ וואַרשאַווער, און לײכטער אַ פּאָר זילבערנע, און כוסות מיט פּוסה׳ליך געגילטע, און אַ חנוכּה־לעמפּיל אַ געגאָסענס און נאָך זאַכען שמאַכטעל־יאַקעס אָהן אײן עק. רבונו של עולם! טראַכט איך מיר, ווי דערלעב איך אַזאַ גוטס בײַ מײנע קינדער זאָלען געזונד זײַן!... אַזאַ בר־מזל ווי דער קצב איז! גענוג וואָס ער איז אַזוי רײַך, בעדאַרף ער האָבען זײַן אײגענס אינגאַנצען צוויי קינדער שוין אויסגעגעבענע און נאָך בלײַבען אײן אַלמן אויך דערצו!... און עס פֿליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ, ווי אַ בלײַן: „אפשר אַ שדוך? האַ? פּאָר בײדען נישט קרום, כ׳לעבען... און טאַקי באַלד טהוט מיר אַ זעץ צוריק אַ געדאַנק: ביזט שוין ווידער דאָ מיט דײַנע חלומות? פּע, טביה, ס׳איז דיר דער אַנדערער מנחם מענדיל מיט די האַלבע פּריאַלען?״...

בקצור, גאָט האָט געהאָלפען, עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן לײזער־וואָלף אין כעס, מלא רציחה אויפ׳ן שוחט, ער האָט איהם נאָר אומגליקליך געמאַכט, פֿאַרשניטען אײן אָקס, אַ דעמב די גרויס, פֿערחאַפּט זאָל ער ווערען, איבער אַ קלײניגקייט איהם טרפה געמאַכט, געפֿונען אַ סרכה׳לע אויף דער לונג, ווי אַ שפּילקע־קעפּיל די גרויס, אײנגעזונקען זאָל ער ווערען! — „גאָט העלף, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, וואָס איז די מעשה וואָס מע קאָן אײך גאָר נישט דעררופען זיך? וואָס מאַכט אַ יוד? — וואָס זאָלען מיר מאַכען, זאָג איך; מע מאַכט און מע מאַכט און מע האַלט, זאָג איך, נאָך אַלץ פֿון פּאַרינט, ווי אין פּסוק שטעהט: לא מעוקצך ולא מדובשך, נישט קיין געלד, נישט קיין געזונד, נישט קיין לײַב און לעבען. — „איהר זינדיגט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, ווערליג אײך איז געווען אַ מאָל, ניט הײַנט געדאַכט, זענט איהר דאָך איצט קיין עין־הרע אַ גביר״. — וואָס מיר פֿעהלט, זאָג איך, צו דעם וואָס

איהר מֵיינְט, מֶעגֶען מִיר דָאס בֵּיידֶע פֶּערְמָאגֶען... נָאר גָאר נִישְׁט, דַאנְקֶען גָאט דֶערְפַאר, סְ'אִיז פַּארַאן, זָאג אִיךְ, אַ גְמָרָא: „אַסְפַּקוּדְּרָא דְמַסְקַנְתָּא דְּקַרְנוּסָא דִפַּרְסַמַּכְתָּ" אוּן אִין הַארְצֶען טְרַאכְט אִיךְ מִיר: זָאלְסְט אַזוֹי זַיין מִיט דֶער נָאז קַצְּבְנַיאק, וִוי סְ'אִיז גָאר פַּארַאן אַזַא גְמָרָא אוֹיף דֶער וֶועלְט... „אִיהר זֶענְט, מַאכְט עֶר צוּ מִיר, תָּמִיד דָא מִיט דֶער גְמָרָא; גוּט אִיז אַייךְ, רֶב טֶבְיֶה, אַז אִיהר קָאנְט אִין דִי קְלֵיינֶע אוֹתִיּוֹת; נָאר צוּ וָואס נוּצְט עֶס, זָאגְט עֶר, חָכְמוֹת, לוּמְדֶעַרייֶען, לָאמִיר בֶּעסֶער שְׁמִיסֶען מִכֹּחַ אוּנְזֶער גֶעשֶׁעפְט; זִיצְט, רֶב טֶבְיֶה", מַאכְט עֶר צוּ מִיר אוּן טְהוּט אַ גֶעשְׁרַיי: „לָאז זַיין טֵיי!" אוּן עֶס וַואקְסְט אוֹיס וִוי פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד דִי קַארְגָאסֶע יוּדִינֶע, חַאפְּט דֶעם סַאמָאוַוואר וִוי דֶער רוּחַ דֶעם מְלַמֵּד אוּן אַוֶועק אִין קִיךְ אַרַיין.— „אַצִינְד, מַאכְט עֶר צוּ מִיר, אַז מִיר זֶענֶען דָא אַלֵיין, אוּנְטֶער פִיעֶר אוֹיגֶען, קָאנֶען מִיר שְׁמִיסֶען עֵסֶק. דִי מַעֲשֶׂה, זָאגְט עֶר, דֶערְפוּן. אִיז אַזוֹי: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מִיט אַייךְ, רֶב טֶבְיֶה, לַאנְג גֶעוָואלְט רֶעדֶען, אִיךְ הָאבּ צוּ אַייךְ בֶּעפוֹילֶען דוּרךְ אַייעֶר טָאכְטֶער, וִויפִיעֶל מָאל גֶעבֶּעטֶען אִיהר זָאלְט זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין; פַארְשְׁטֵעהְט אִיהר מִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג"...— אִיךְ וֵוייס, זָאג אִיךְ, אַז אִיהר הָאט גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג, נָאר סְ'אִיז אוּמְזִיסְט, זָאג אִיךְ, אַייעֶר טִרְחָה, עֶס וֶועט נִישְׁט גֵעהְן, רֶב לֵייזֶער־וָואלְף, עֶס וֶועט נִישְׁט גֵעהְן.— „פַאר וָואס עֶפִּים?" מַאכְט עֶר צוּ מִיר אוּן קוּקְט אוֹיף מִיר וִוי דֶערְשְׁרָאקֶען.— פַאר שַׁבָּת, זָאג אִיךְ; אִיךְ קָאן בֶּעשְׁטֵעהְן עֶס זָאל נָאךְ גֶעדוֹיעֶרְן אַ בִּיסֶעל, דֶער טַייךְ בְּרֶענְט נִיט.— „לְמַאי, זָאגְט עֶר, זָאלְט אִיהר וַוארְטֶען, אַז אִיהר קָאנְט אוֹיסְפִיהְרֶען בַּאלְד?" — דָאס, זָאג אִיךְ, אִיז אֵיינְמָאל אַוֶועק, אוּן וְהַשֵּׁנִית, זָאג אִיךְ, אִיז גְלַאט אַ רַחֲמָנוּת, אַ צַעַר־בַּעֲלֵי־חַיִּים.— „קוּק אִיהם אָן, וִוי עֶר מַאכְט אָנְשְׁטֶעלֶען, זָאגְט לֵייזֶער־וָואלְף מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶערִיל, עֶמִיצֶער זָאל זַיין דֶערְבַּיי, וָואלְט עֶר גֶעמֶעגְט שְׁוֶועהְרֶען, אַז זִי אִיז בַּיי אַייךְ אֵיין אוּן אֵיינְצִיגֶע, מִיר דַאכְט, אִיהר הָאט זַיי אָהְן עַיִן־הָרָע גֶענוּג, רֶב טֶבְיֶה!..."— לָאזְען זַיי זִיךְ שׁוֹין הַאלְטֶען, זָאג אִיךְ, וֶוער סְ'אִיז מִיר מְקַנֵּא, דֶער לָאז אַלֵיין נִישְׁט הָאבֶּען...— „מְקַנֵּא? וֶוער, זָאגְט עֶר, רֶעדְט פוּן מְקַנֵּא? אַדְּרַבָּה, זָאגְט עֶר, וַוייל זַיי זֶענֶען בַּיי אַייךְ אָהְן עַיִן־הָרָע גֶערָאטֶענֶע, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ טַאקִי, אִיהר

פערשטעהט צו גיין? פערגעסט נאר נישט, רב טביה, די טובה, וואס איך קאן דורך דעם ארויסקומען!״ — ״אדאי, אדאי,״ זאג איך, ״פון אייערע טובות, רב לייזער וואלף, קען טאקי הארט ווערען דער קאפ. ווינטער א שטיקעל אייז, דאס ווייסען מיר שוין לאנג, זאג איך, נאך פון אמאל...״ — ״עט! מאכט ער צו מיר זיס צוקערדיג, וואס גלייבט איהר, רב טביה, פון אמאל ביז היינט? אמאל איז געווען עפיס אנדערש און היינט איז ווידער אנדערש; עפיס ווערען מיר דאך שטיקליך מחותנים, הא?״ — ״וואס פאר א מחותני׳שאפט? זאג איך. — ״געוויינטליך, זאגט ער, מחותנים!״ — ״וואס מיינט איהר, זאג איך צו איהם, רב לייזער־וואלף, פון וואס רעדען מיר?״ — ״אדרבה, זאגט ער, זאגט שוין איהר, רב טביה, פון וואס רעדען מיר?״ — ״וואס הייסט, זאג איך, מיר רעדען דאך פון דער מאורע בהמה מיינע, וואס איהר ווילט ביי מיר קויפען!״ — ״חא־חא־חא; מאכט ער און ווערד צעגאסען פאר געלעכטער; ס׳איז נישקשה פון א בהמה און נאך א מאורע דערצו, חא־חא־חא!״ — ״וואס זשע דען האט איהר געמיינט, רב לייזער־וואלף? אדרבה, זאגט, וועל איך אויך לאכען.״ — ״פון אייער טאכ־טער, מאכט ער צו מיר, פון אייער צייטלען רעדען מיר דאך די גאנצע צייט! איהר ווייסט דאך, רב טביה, אז איך בין, ניט פאר אייך געדאכט, געבליבען איין אלמן, האב איך מיך מישב געווען, וואס בעדארף איך זוכען אין דער פרעמד דאס גליק, נאך האבען צו טהון מיט שדכנים, רוחות און שדים, א מעהר אט זענען מיר דא ביידע אויפ׳ן ארט, איך קען אייך, איהר קענט מיך, דאס קרן אליין איז מיר אויך געפעלען, איך זעה זי אלע דאנערשטאג ביי מיר אין יאטקע, א פאר מאל א רעד געטהון מיט איהר, הייזט אויס, נישקשה, א שטילע, און איך אליין בין קיין עין־הרע, ווי איהר זעהט, א שטיקעל בעל־הבית, ס׳איז דא א שטוב אייג־ענע, און קלייטליך א פאר, און בעלי־הבית׳שקייט ווי איהר זעהט, נישט צו פערזינדיגען און א ביסעל פעל אויפ׳ן בוידעם אויך, און א ביסעל געלד אין קאסטען אויך; וואס בעדארפען מיר, רב טביה, די ציגיינערשע שטיק, ברי׳הן זיך, חכמה׳ן זיך? א מעהר נעמט מען און מע שלאגט צו א האנד, איינס צוויי דריי, איהר פארשטייט צו גיין?״...

בְּקִצוּר, אַז עֶר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעֶרֶעדְט אָט אָ דָאס אָ, בִּין אִיךְ גֶע־בְּלִיבֶּען זִיצֶען אָהְן לָשׁוֹן, וִוי אֵיינֶער בְּשַׁעַת מֶע קוּמְט אוּן מֶע זָאגְט אִיהם אָן פְּלוּצִים אַ בְּשׂוֹרָה. לְכַתְּחִילָה אִיז מִיר אַפִילוּ דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען אַ מַחֲשָׁבָה: לֵייזֶער־וָואלְף... צֵייטֶעל... עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיגֶע קִינְדֶער וִוי זִי... נָאר בַּאלְד הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלֵיין אָבְּגֶעשְׁלָאגֶען: ס'טַייטְשׁ, אַזַא גְלִיק! אַזַא גְלִיק! עֶר וֶועט דָאךְ אִיהר זַיין גוּט וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! אַי טָאמֶער אִיז עֶר נִישְׁט אַזַא צֶעוָוארְפֶענֶער פַּארְשׁוֹין? אִיז דָאס הַיינְטִיגֶע יָאהְרֶען פַארְקֶעהְרְט דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה, וִוי זָאגְט מֶען: אָדָם קָרוֹב לְעַצְמוֹ — אַז מֶען אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם אִיז מֶען שְׁלֶעכְט פַאר זִיךְ. אֵיין חֶסְרוֹן נוּר, וָואס עֶר אִיז אַ בִּיסְעל צוּ פְּרָאסְטְלִיךְ... נוּ, מֵילָא, קֶען דֶען אִיטְלִיכֶער זַיין אַ יוֹדֵעַ־סֵפֶר? קַארְג פַּארַאן נְגִידִים, פַיינֶע מֶענְשֶׁען אִין אַנַאטֶעוְוקֶע, אִין מַאזֶעפֶּעוְוקֶע אוּן אַפִילוּ אִין יֶעהוּפֶּעץ, וָואס וֵוייסֶען נִישְׁט קֵיין צֶלֶם פַאר קֵיין אָלֶף; פוּן דֶעסְטְ־וֶועגֶען אַז ס'אִיז בַּאשֶׁערְט, לָאס אִיךְ הָאבֶּען אַזַא יָאהר, וָואס פַאר אַ כָּבוֹד זֵיי הָאבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אִין פֶּרֶק שְׁטֶעהְט: אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט, דִי תּוֹרָה לִיגְט אִין קַאסְטֶען אוּן חָכְמָה — אִין קֶעשֶׁענֶע...— „נוּ, רֶבּ טֶבְיֶה, מַאכְט עֶר צוּ מִיר, וָואס שְׁוַויינְט אִיהר?" — וָואס זָאל אִיךְ שְׁרַייעֶן, זָאג אִיךְ צוּ אִיהם כְּלוֹמֶר'שְׁט וִוי אִיךְ קְוֶוענְקְעל מִיךְ; דָאס אִיז, רֶבּ לֵייזֶער־וָואלְף, פֶערְשְׁטֵעהְט אִיהר מִיךְ, אַזַא עִנְיָן, וָואס מֶע בֶּעדַארְף אִיהם גוּט בַּאקְלֶעהֶרֶען אַרוּם אוּן אַרוּם; ס'אִיז עֶפֶּס נִישְׁט קֵיין קַא־טָאוֶועסִיל, זָאג אִיךְ, דָאס עֶרְשְׁטֶע קִינְד בַּיי מִיר! — „אַדְרַבָּה, מַאכְט עֶר, וַוייל ס'אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע קִינְד בַּיי אַייךְ, אִיהר וֶועט שׁוֹין, זָאגְט עֶר, נָאךְ דֶעם אִם־יִרְצֶה־הַשֵׁם קָאנֶען חֲתוּנָה מַאכֶען דִי אַנְדֶערֶע טָאכְטֶער אוֹיךְ, אוּן שְׁפֶּעטֶער, מִיט דֶער צַייט, דִי דְרִיטֶע, אִיהר פֶערְשְׁטֵעהְט צוּ נַיין?" — אָמֵן, גַם אַתֶּם! זָאג אִיךְ, חֲתוּנָה מַאכֶען אִיז קֵיין קוּנְץ נִישְׁט, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל נָאר צוּ שִׁיקֶען, זָאג אִיךְ, אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער זַיין זִיווּג... — „נֵיין, מַאכְט עֶר, נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, רֶבּ טֶבְיֶה, אִיךְ מֵיין עֶפֶּס אַנְדֶערְשׁ גָאר, וָוארוּם קֵיין נָדָן בָּרוּךְ־הַשֵׁם פַאר אַייעֶר צֵייטֶעלֶען בֶּעדַארְפְט אִיהר שׁוֹין נִיט אוּן אוֹיסְקְלֵיידֶען זִי צוּ דֶער חֲתוּנָה, אַלְץ וָואס אַ מֵיידֶעל בֶּעדַארְף — דָאס נֶעהם אִיךְ אוֹיף זִיךְ, אוּן אַייךְ, זָאגְט עֶר, וֶועט מִסְתָּמָא דֶערְפוּן אוֹיךְ עֶפֶּס

אַרײַנפּאַלען אין בײַטעל אַרײַן...״— פּע, מאַך איך צו איהם, איהר רעדט דאָך עפּיס נאַר, איהר זאָלט מיר מוחל זײַן, טאַקי ווי אין יאַטקע! וואָס הייסט אין בײַטעל אַרײַן? פּע! מײַן צייטעל איז חלילה נישט אַ זעלבע איך זאָל זי פערקויפען פאַר געלד, פּע־פּע! — „אַז פּע איז פּע, מאַכט ער צו מיר, איך האָב געמיינט אדרבה ואדרבה; נאָר אַז איהר זאָגט פּע, לאָז זײַן פּע! אַז אײַך איז ליעב איז מיר ניחא; דער עיקר זאָגט ער, עס זאָל זײַן וואָס גיכער, איך מיין טאַקי באַלד, ווי זאָגט ער, אַ בעל־הבית׳טע אין שטוב אַרײַן, איהר פערשטעהט צו גיין?...״ — מהיכי תיתי, זאָג איך, אין מיר איז קיין מניעה, מע בעדאַרף דאָך איבערעדען מיט מײַן פּלונית׳טע, זאָג איך, אין אַזעלבע זאַכען, האָט זי די דעה, נישט קיין קליינינקייט, ווי רש״י מאַכט: רחל מבכה על בניה — אַ מאַמע איז אַ פּאַקרישקע; היינט די אַליין, זאָג איך, צייטעל מיין איך, בעדאַרף מען אויך אַ פרעג טהון, ווי זאָגט מען דאָס: אַלע מחותנים האָט מען מיט גענומען אויף דער חתונה און דעם חתן האָט מען געלאָזט אין דער היים... — „בלאָטע, זאָגט ער, פרעגען בעדאַרף מען נאָר? דערצעהלען. רב טביה, קומען אַהיים און דערצעהלען אַזוי און אַזוי, און שטעלען אַ חופּה, אַ וואָרט און צוויי און אַ מאַהריטש!״— זאָגט דאָס נישט, זאָג איך, זאָגט דאָס נישט, רב לייזער־וואָלף. אַ מיידיל איז נישט קיין אלמנה חלילה.— „געוויינטליך זאָגט ער, אַ מיידיל איז אַ מיידיל, ניט קיין אלמנה, אַט דערפאַר טאַקי בעדאַרף מען, זאָגט ער, בעצייטענס דערפון רעדען, מחמת הלבשה, פערשטעהט איהר, דאָס־יעניץ־לאַקש־בוידעם־ציבעלע, און דערוויילע, זאָגט ער, לאָמיר, רב טביה, נעהמען צו קאַפּליך לחיים, האַ, צו גיין?...״— מהיכי תיתי, זאָג איך, פאַר וואָס ניט? וואָס געהער זיך אָן שלום צו מחלוקת? ווי זאָגט ער: אדם איז אַ מענש און בראָנפען איז בראָנפען, ס׳איז פאַראַן, זאָג איך, בײַ אונז אַ גמרא... און האַק איהם אַרײַן אַ גמרא, איינע און די אַנדערע, אַ געבטיגען טאָג פון שיר־השירים און פון חד־גדיא...

בקצור, מיר האָבען אײַנגענומען דעם ביטערען טראָפּען כּכּתוב — ווי גאָט האָט געבאָטען! די קאַרנאַסע האָט דערוויילע געבראַכט צוטראָגען דעם סאַמאָוואַר און מיר האָבען געמאַכט צו גלעזליך פּונש, פערבראַכט

נאר פריינדליך, געווינשעוועט, געשמיסט, געפלאפעלט אלץ פונ׳ם שידוך, פון דעם און פון יענעם און ווידער אמאל פונ׳ם שידוך. — איהר ווייסט דען, רב לייזער־וואלף, זאג איך, וואס פאר א בארליאנט דאס איז? — „איך וויים, זאגט ער, גלויבט מיר, אז איך וויים; איך זאל ניט וויסען, זאגט ער, וואלט איך גאר ניט גערעדט!“ און מיר רעדען אזוי ביידע אינאיינעם, איך שריי: א בארליאנט, א דימענט! איהר זאלט גאר וויסען ווי אזוי זי צו שאנעווען, נישט ארויסבאווייזען דעם קצב... און ער: „האט קיין מורא ניט, רב טביה; וואס זי וועט עסען ביי מיר אין דער וואכען האט זי ביי איך נישט געגעסען אים יום־טוב“... — עט, זאג איך, עסען איז אויך איין עסק? דער נגיד, זאג איך, עסט נישט קיין רענדליך, דער ארימאן עסט נישט קיין שטיינער; איהר דענקט, זאג איך, מיט איהר בריה׳שאפט, איהר חלה־באקען, איהרע פיש, רב לייזער־וואלף, איהרע פיש! מע בעדארף, זאג איך, האבען א זכיה... און ער ווידער: — „רב טביה, איהר זענט, איהר זאלט מיר מוחל זיין, שוין אויסגעוועבט, רב טביה, איהר קענט נישט קיין מענשען, רב טביה, איהר קענט מיך נישט!“... און איך ווידער: אויף איין וואג גאלד און אויף דער אנדערער צייטלען; הערט איהר, רב לייזער־וואלף, איהר זאלט אפילו פערמאגען אייערע, זאג איך, רי״ש אלפים, זענט איהר אויך נישט ווערט איהר פיאטע!... און ער ווידער: — „גלויבט־זשע מיר, רב טביה, איהר זענט א גרויסער נאר, כאטש איהר זענט עלטער פון מיר...“

בקצור, מיר האבען א פנים אוועקגעשריגען אט־אזוי־אט א היבשע ווייל'ע און זענען געווארען רעכט מבוסמדיג, ווארום אז איך בין געקומען אהיים איז שוין געווען שפעטליך אין דער נאכט און די פיס זענען מיר געווען ווי געפענטעט... מיין ווייב זאל געזונד זיין האט אבער באלד דערקאנט אין מיר, אז איך בין פערקנאקט, און האט מיר געגעבען א וויסטען פעטשאטיק, ווי איך בין ווערט. — שא, בייזער זיך ניט, גאלדע, זאג איך צו איהר גאנץ פרעהליך און עס גליסט זיך מיר אזש געהן טאנצען; שריי ניט, נשמה מיינע, עס קומט אונז מזל־טוב! — „מזל־טוב? א וויסטער מזל־טוב, זאגט זי, האסט שוין פערזינדיגט די מאורע בהמה, לייזער־

וואַלטן זי פֿערקויפֿט?" — נאָך ערגער, זאָג איך. — „אויסגעביטן, זאָגט זי, אויף איין אַנדערער? אָבגענאַרט לייזער וואָלפֿען, אַ רחמנות נעבעך?" נאָך ערגער! זאָג איך. — „נו, רעד שוין, זאָגט זי, ווערטער, קוק אָן ווי מען בעדאַרף ביי איהם קויפֿען אַ וואָרט?" — מזל טוב דיר, גאָלדע, זאָג איך נאָך אַ מאָל. מזל טוב אונז ביידען, אונזער צייטיל איז אַ כּלה געוואָרען! — „אויב אַזוי, זאָגט זי, ביזט דו דאָך טאַקי גוט פֿערקלאַפּט, גאָר נישט אויף קאַטאָוועס, רעדסט פֿונ׳ם וועג; האָסט אַ פּנים געמאַכט, זאָגט זי אַ רעכטע כּוסה?" — אַ כּוסה, זאָג איך, האָבען מיר מיט לייזער-וואָלפֿען געמאַכט, אונ צו גליקליך פֿונש האָבען מיר מיט לייזער-וואָלפֿען גענומען, נאָר ביי די געדאַנקען, זאָג איך, בּין איך נאָך. הנה דיי וויסען, גאָלדע ברודער, אַז אונזער צייטיל איז אין אַ גוטער אַ מזל׳דיגער שעה אַ כּלה געוואָרען פֿאַר איהם אַליין, פֿאַר לייזער-וואָלפֿען! אונ איך האָב איהר איבערגעגעבען די גאַנצע מעשׂה פֿון אָנהויב בּיז׳ן סוף, ווי אַזוי אונ וואָס אונ ווען אונ פֿון אַלץ וואָס מיר האָבען גערעדט, נישט דורכגעלאָזט קיין האָר אפֿילו. — „הערסטו טבֿיה, זאָגט צו מיר מיין ווייב, גאָט זאָל מיר טאַקי אַזוי העלפֿען, וואו איך וועל מיך קעהרען אונ ווענדען, זאָגט זי, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וואָס לייזער-וואָלף האָט דיך גערופֿען איז נישט אומזיסט, נאָר וואָס-זשע-דען? איך האָב מורא געהאַט דערפֿון צו טראַכטען, טאָמער חלילה לאָזט זיך אויס אַ בּוידעם. איך דאַנק דיר, גאָטעניו, זאָגט זי איך דאַנק דיר, האַרצעדיגער פֿאָטער געטרייער, סע זאָל טאַקי נור זיין אין אַ גוטער שעה, אַ מזל׳דיגער, זי זאָל זיך עלטערען מיט איהם אין עושר אונ אין כּבֿוד, וואָרום פֿרומע-שׂרה, זאָל זיין אָבגעשיידט פֿון מיר, האָט געהאַט ביי איהם עפּיס נישט אַזאַ גוטע וועלט; זי איז זאָל מיר מוחל זיין, נישט אַקעגען נאַכט דערמאָהנענדיג, געווען אַ יודענע איין איינגעגעסענע, נישט געקאָנט אויסקומען מיט קיינעם, גאָר נישט דאָס, וואָס אונזער צייטיל, איהר צו לענגערע יאָהר. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! נו טבֿיה, זאָגט זי, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו לעקיש איינער? בעדאַרף זיך אַ מענש זאָרגען? אַז ס׳איז באַשערט, זאָגט זי, קומט דאָס אַליין אין שטוב אַריין"... — דאָס אַוודאי, זאָג איך, ס׳איז דאָך אַ בּפֿירושער פּסוק...

— „וואס טויג מיר דיין פסוק, זאגט זי, מע בעדארף זעהן גרייטען זיך צו דער חתונה; קודם־כל אויסרעכענען, זאגט זי, ליזער־וואלפען א צעטיל, וואס צייטיל בעדארף האבען צו דער חתונה; מילא פון פאווילע, זאגט זי, איז ניטא וואס צו רעדען, זי האט נאך ניט קיין פאדעם גרעט, זאלסט זאגען, א פאר זאקען אפילו. היינט, זאגט זי, מלבושים איינס א זיידענס צו דער חופה אונ איינס א וועלענס אויף זומער, דאס אנדערע אויף ווינטער, אונ פלאטיע׳ס א פאר אונ קליידליך אונטערשטע, אונ מאנטלען, זאגט זי, וויל איך זי זאל האבען צוויי: איינעם א באר׳נ׳ס מיט קעץ אויף אין דערוואכען אונ איינעם א ניטען מיט שליאמעס א׳יף שבת; היינט עפיס שטיוועליך, מיט קולקעס, שטאליקעלע, א גארסעט, הענטשקיליך, נאזטיכליך, א זאנטיקעל אונ די איבעריגע זאכען דארטען, וואס א מיידיל בעדארף האבען היינטיגע צייטען...“ — ווי קומט דאס צו דיר, זאג איך, גאלדע סערדצע, דו זאלסט גאר וויסען פון אזעלכע שמאכטעליאקעס?— „וואס איז? זאגט זי, איך בין נישט געווען צווישען מענ׳שען? צו איך האב אפשר ניט געזעהען ביי אונז אין מאזעפעווקע, ווי אזוי מע געהט אנגעטהון ביי לייטען? ה׳, זאגט זי, לאז מיך, איך וועל שוין אליין מיט איהם אלסדינג רעדען; ליזער וואלף, זאגט זי, איז, נישט־קשיה, א ייד א נגיד, ער וועט מסתמא אליין אויך ניט וועלען אז די גאנצע וועלט זאל האבען מיט איהם צו טהון; אז מע עסט חזיר לאז האטש רינען איבער דער בארד“...

בקצור, מיר האבען אזוי אוועקגערעדט ביז׳ן ווייסען טאג אריין.— גענם צענויף, זאג איך, מיין ווייב, דאס ביסעל קעז אונ פוטער אונ לאם איך פאהרען דערווייל קיין בויבעריק; עס איז טאקי אלסדינג שוין אונ פיין ארום אונ ארום, נאר דאס געשעפט, זאג איך, קען מען נישט פאר־בויגען אויף א זייט, ווי שטעהט דארטען: הנשמה לך — די וועלט איז אויך א וועלט, אונ גאנץ פריה, כלחוך השור, עס איז נאך געווען טונקעל, האב איך איינגעשפאנט דאס פערד אונ וועגעלע אונ בין אוועק קיין בויבעריק. געקומען קיין בויבעריק אויפ׳ן מארק, אהא! (ק׳איז דען פאראן א סוד ביי יודען?) מע ווייסט שוין אלסדינג אונ מע שטעקט אב מזל־טוב

פון אַלע זייטען: — „מַזָל טוֹב אייך, רֶב טֶבְיֶה, ווען האָבען מיר אָם יִרְצֶה הַשֵׁם אַ חֲתוּנָה?“ — מיט מַזָל זאָלט איהר, זאָג איך, לעבען, עס קומט אויס ווי מען זאָגט, דער טאַטע איז נאָך גאָר נישט געבאָהרען געוואָרען, איז שוין דער זוהן אויסגעוואַקסען אויפ'ן דאַך... — „בְּלאָטע, זאָגען זיי, עס וועט אייך גאָר נישט העלפען, רֶב טֶבְיֶה, מַשְׁקֶה מוּז איהר שטעלען; קיין עַיִן־הָרָע אַזאַ גליק, אַ שׁמאַלץ־גרוב!“ — די שׁמאַלץ רינט אויס, זאָג איך, די גרוב בלייבט איבער, נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, קאָן מען קיין חַזִיר נישט זיין און פון חֶבְרָה נישט אָבְּשטעהן, אַט פאַרטיג איך מיך אָב מיט אַלע מיינע יעהופּעצער בַּעֲלֵי־בָּתִּים, זאָג איך, וועט זיין אַ גלעזיל מַשְׁקֶה און פאַרבייסען, הַי — געלעבט און אַיין עק, דאָס הייסט: צָהֳלָה וְשִׂמְחָה — הוּלְיֶע קַבְּצָן!... בְּקִצוּר, אָבְּגעפּאַרטיגט זיך מיט מיין מִסְחָר, גיך און געשווינד ווי געהעריג, האָב איך גענומען מיט גוטע בְּרִידער צוּ בִּיסליך לְחַיִּים, צוגעווינשען זיך איינס דעם אַנדערען ווי עס געהער צוּ זיין, און איך האָב מיך אויפגעזעצט און בין אַוועק אַהיים לעבעדיג פרעהליך, גאָר בגלופין. פאָהרענדיג אַזוי אין וואַלד, זומער לעבען, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זייטען וואַלד דער שאָטען פון בוימער, דער רֵיחַ פון די סאָסנעס, מְחַיֶה־נְפָשׁוֹת, ציה איך מיך אויס ווי אַ גראָף אין וועגעלע, לאָז נאָך מיין חֶבְרָה־מאַן די לייצעס: געה שוין, זאָג איך צוּ איהם, זיי מוֹחֵל אַליין, דער וועג דאַרף דיר שוין זיין באַקענט — און אַליין צעלאָז איך מיך אויף אַ קוֹל און זינג מיר אַ נִגוּנ'דיל אויפ'ן האַרצען, איז עפּיס יוֹם־טוֹב'דיג; עס זינגט זיך שטיקליך פון יָמִים נוֹרָאִים: „וְיֶאֱתָיוּ“, „וְכֹל מַאֲמִינִים שֶׁהוּא“ און פון „הַלֵל“. איך קוק מיר אַהין אַרויף אין הימעל אַריין, און די געדאַנקען — מַחֲשָׁבוֹת פּלאָנטען זיך דאָ אויף דער ערד, הַשָׁמַיִם שָׁמַיִם — די הימלען זענען פאַר גאָט, וְהָאָרֶץ — און די ערד, אַזוי טראַכט איך מיר, האָט ער אוועקגעגעבען לִבְנֵי אָדָם — צוּ די קינדער פון מענשען, זיי זאָלען זיך שלאָגען קאָפּ אין וואַנד, זיך רייסען ווי די קעץ פאַר גרויס „ראָסקאָש“, שלאָגען זיך פאַר גַבָּאוֹת, פאַר „שִׁשִׁי“ און פאַר „מַפְטִיר“... לֹא הַמֵתִים יְהַלְלוּ יָהּ, מַכּוֹת פאַרשטעהן זיי ווי מע בעדאַרף גאָט לויבען פאַר די טוֹבוֹת וואָס ער טהוּט מיט זיי, וַאֲנַחְנוּ, אָבער מיר אָרעמע לייט, איין

טָאג אַ גוּטְען, אַז מִיר הָאבֶּען, דַאנְקֶען מִיר אוּנ לוֹיבֶּען גָאט אוּנ זָאגֶען: אָהַבְתִּי אִיךְ הָאבּ אִיהם לִיבּ גָאט, ווָארוּם עֶר הֶערְט צוּ מַיְין קוֹל אוּנ מַיין גֶעבֶּעט, עֶר נֵייגְט צוּ מִיר זַיין אוֹיהֶער, בְּשַׁעַת אֲפָפוּנִי, עֶס רִינְגֶעלְט מִיךְ אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטֶען דַלוּת, צָרוֹת, שְׁלֶעק־פְּרֶעגִיוֹת׳ן: דָאס פַאלְט אַ בְּהֵמָה אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג, דָאס טְרָאגְט אָן דֶער גוּטֶער יָאהר אַ קָרוֹב אַ שְׁלִים־מַזָל, אַ מִין מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן יֶעהוּפֶּעץ, נֶעמְט צוּ דָאס לֶעצְטֶע חַיוֹת, אוּנ אִיךְ מֵיין שׁוֹין בְּחָפְזִי אַיין עֶק, דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין גֶעפַאלֶען, כָּל הָאָדָם כּוֹזֵב — נִיטָא קֵיין אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס טְהוּט גָאט? שִׁיקְט עֶר אַרַיין לַייזֶער־וָואלְפֶען אַ מַחֲשָׁבָה עֶר זָאל נֶעמֶען מַיין צֵייטְלֶען ווִי זִי שְׁטֵעהט אוּנ גֵעהט, דֶערוּם זָאג אִיךְ צְווֵיי מָאל אוֹדְךָ, אִיךְ וֶועל דִיר לוֹיבֶּען גָאטֶעניוּ, וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף טֶבְיֶה׳ן אוּנ גֶעקוּמֶען מִיר צוּ הִילְף, וֶועל הָאבֶּען חָאטְשׁ אַ שְׁטִיקֶעל נַחַת פוּן מַיין קִינְד, אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ אִיהר צוּנַאכְט, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, דִי טְרֶעפֶען אַ בַּעַל־הַבַּיִת׳טֶע אוֹיף אַלֶעם גְרֵייטֶען, פוּלֶע שַׁאפֶעס מִיט גְרֶעט, פוּלֶע שְׁפַּיְזְשַׁארְנִיס מִיט פֶּסַח׳דִיגֶער שְׁמַאלְץ אוּנ מִיט אַיינְגֶעמַאכְטְס, פוּלֶע שְׁטַייגֶען מִיט עוֹפוֹת, גֶענְז אוּנ קַאטְשְׁקֶעס... פְּלוּצְלִים צֶעלָאזְט זִיךְ דָאס פֶערְדִיל מַיינְס אַרָאפּ אַ בַּארְג אוּנ אֵיידֶער אִיךְ הוֹיבּ אוֹיף דֶעם קָאפּ אַ קוּק טְהוּן וואו אִיךְ בִּין אִין דֶער וֶועלְט, לִיג אִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַלֶע לֵיידִיגֶע טֶעפְּלִיךְ אוּנ קְרִיגְלִיךְ אוּנ דָאס וֶועגֶעלֶע אוֹיף מִיר! קוּים מִיט צָרוֹת מִיט לֵיידֶען אַרוֹיסְגֶעקַארַאטְשְׁקֶעט זִיךְ אוּנ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער, אַ צֶעדַהַרְגֶטֶער, לָאז אִיךְ אוֹיס מַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם פֶערְדִיל. אַיינְגֶעזוּנְקֶען זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, וֶוער הָאט דִיךְ גֶעבֶּעטֶען, שְׁלִים מַזָל, בֶּעוַוייזֶען אַ בְּרִיָה׳שַׁאפְט, אַז דוּ קָאנְסְט לוֹיפֶען בַּארְג אַרָאפּ? הָאסְט דוּ מִיךְ שִׁיעֶר זָאג אִיךְ, אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, דוּ אַשְׁמְדַאי. אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם אַיינְגֶעטְהֵיילְט ווִיפִיעֶל ס׳אִיז אִין אִיהם אַרַיין. מַיין בָּחוּר הָאט אַ פָּנִים אַלֵיין פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר הָאט דָא פֶערְשְׁטִיפְט אַ מִאוּסֶע מַעֲשֶׂה, גֶעשְׁטַאנֶען אַרָאבְּגֶעלָאזְט דִי מָארְדֶע, חָאטְשׁ מֶעלְק אִיהם אוֹיס. — חַאפְּט דִיךְ דֶער וַואטֶענְמַאכֶער! זָאג אִיךְ צוּ אִיהם אוּנ מַאךְ צוּרֶעכְט דָאס וֶועגֶעלֶע, נֶעם צֶענוֹיף דִי כֵּלִים אוּנ הֶלֶךְ לְעוֹלָמוֹ — פָאהר וַוייטֶער.

נישט קיין גוטער סימן, זאָג איך צו זיך אַליין; איך האָב מורא, צי עס האָט זיך נישט געטראָפען אין דערהיים עפּיס אַ נייער אומגליק?... כּך־הוה, איך פאָהר אָב נאָך אַ ווערסט צוויי, שוין נישט ווייט פון דערהיים, דערזעה איך אין מיטען שליאך געהט גלייך אַקעגען מיר אַ מענטש אין׳ם געשטאַלט פון אַ נקבה. איך פאָהר צו נעהענטער, קוק מיך איין: ציטעל!... איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר עס האָט זיך מיר אָבגעריסען אין האַרצען, אַז איך האָב זי דערזעהען. איך שפּרינג אַראָפּ פון׳ם וואָגען: ציטעל, ס׳איז דו? וואָס טהוסטו דאָ? פאַלט זי מיר ניט אויפ׳ן האַלז מיט אַ געוויין? גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, טאָכטער מיינע, וואָס וויינסטו דו? — „אוי, זאָגט זי, טאַטע, טאַטע!"... און בעוואַשט זיך מיט טרעהרען. עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און פערקלעמט ביים האַרצען. — וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשעהען? זאָג איך צו איהר און נעם זי אַרום, גלעט זי, האַלז זי, קוש זי, און זי אין איין קול: — „טאַטע, טאַטע, האַרציגער, געטרייער, זאָגט זי, דעם דריטען טאָג אַשטיקעל ברויט, האָב רחמנות, זאָגט זי, אויף מיינע יונגע יאָהר!"... און פערגעהט זיך פאַר געוויין, קאָן מעהר קיין וואָרט נישט אויסרעדען. אַז אַך און וועה איז מיר, טראַכט איך, איך שטויס מיך שוין, וואָס דאָ איז; דער רוח האָט מיך אַוועקגעטראָגען קיין בויבעריק! וואָס בעדאַרף מען וויינען, זאָג איך צו איהר, און גלעט זי ביים קאָפּ, נאַרישע וואָס בעדאַרף מען וויינען? ממה־נפשך, זאָג איך, גיין איז גיין, מע וועט דיר מיט געוואַלד חלילה קיינער נישט אָנהיינגען אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז; מיר האָבען, זאָג איך, געמיינט דיין טובה טאַקי; געוואָלט ווי צום בעסטען; אלא ס׳איז דיר ניט צום האַרצען, וואָס זאָל מען טהון? מסתמא, זאָג איך, איז ניט בעשערט... — „אַ דאַנק דיר, זאָגט זי, טאַטע, לאַנג לעבען זאָלסט דו", און פאַלט מיר ווידער אויפ׳ן האַלז און הויבט ווידער אָן צו קושען מיך און וויינען, גיסען מיט טרעהרען. — אָבער לאָז שוין זיין גענוג געוויינט, זאָג איך, הכל הבל — קרעפּליך עסען קען אויך נמאס ווערען; קריך, זאָג איך, אין וואָגען אַריין און לאָמיר פאָהרען אַהיים, די מאַמע, זאָג איך, וועט דאָרטען איבערטראַכטען מי יודע וואָס!

בקיצור, מיר האָבן זיך ביידע אַריינגעזעצט אין וואָגן אַריין און איך האָב אָנגעהויבן איינצושטילן זי מיט רייד, אַהין, אַהער. די קשיה דערפון, זאָג איך, איז דאָך אַזוי; מיר האָבן, זאָג איך, דערביי חלילה קיין שום שלעכטע מחשבה נישט געהאַט; גאָט איז יודע דעם אמת, מיר האָבן געוואָלט, ווי זאָגט ער, לעת־צרה בעוואָרענען אַ קינד; אַז עס לאָזט זיך נישט, מסתמא, זאָג איך, הייסט גאָט אַזוי; ניט באַשערט, זאָג איך, דיר, טאָכטער מיינע, קומען אויפן גרייטן, ווערן אַ בעל־הבית'טע אויף אַלדעם גוטס, און אונז אַשטיקעל נחת דערלעבן, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָרן, פאַר אונזער האָרעוואַניע, זאָג איך, טאָג ווי נאַכט אין דער טאַטשקע איינגעשפּאַנט. קיין גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, נאָר שלים־שלימזל אַרום און אַרום!... „אַי, טאַטע, זאָגט זי צו מיר ווידער מיט אַ געוויין, איך וועל מיך שטעלן, זאָגט זי, פאַר אַ דינסט, ליים וועל איך טראָגן, ערד וועל איך גראָבן!“... — וואָס וויינסטו, נאַרישע מיידעל, זאָג איך צו איהר, איך זאָג דיר דען עפּיס, נאַרעלע? צי איך האָב טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינסטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס מיך אויס מיט איהם, מיטן רבונו של עולם, ווי אַזוי ער פיהרט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, איין אב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פיינט זיך אויס קעגן מיר, זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד, זאָג איך, רעכענט זיך ווי מיט אַ טאַטן און גיה שריי חי־וקים! נאָר מסתמא, זאָג איך, בעדאַרף אַזוי צו זיין; ער איז אויבן, אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זענען דאָ, אין דער ערד, טיעף, טיעף אין דער ערד, מוזען מיר זאָגן, אַז ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, וואָרום אַז מיר זאָלן וועלן שמיסן טאַקי דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שריי איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערמיל, וואָס פּויזשע אַרום דאָ אויף דער ערד, וואָס אַ מינדעסט ווינטעלע אַז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל־עולם אין איין כהרף־עין, שטעל איך מיך אַרום מיט מיין נאַרישען שכל און וויל איהם זאָגען דעות ווי אַזוי צו פיהרען דאָס וועלטיל זיינם? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, בעדאַרף זיין אַזוי, וואָס העלפט דאָ טענות? פערציג

טֶעג, זָאג אִיךְ, אַזוֹי שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען בַּיי אוּנְז אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, פֶערְצִיג טֶעג פַאר דֶעם אֵיידֶער דָאס קִינְד וֶוערְט בֶּעשַׁאפֶען בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, קוּמְט אַ מַלְאָךְ אוּנ שְׁרַייט אוֹיס: בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי, לָאז טֶבְיֶה'ס טָאכְטֶער נֶעהמֶען גֶעצִיל בֶּן זֶרַח'ן, אוּנ לֵייזֶער־וָואלְף דֶער קַצָב לָאז מוֹחֵל זַיין פָּאהרֶען עֶרְגֶיץ אַנְדֶערְשׁ זוּכֶען זִיךְ זַיין גְלַייכֶען; זַיינְס וֶועט אִיהם נִישְׁט אַנְטלוֹיפֶען, אוּנ דִיר, זָאג אִיךְ, לָאז גָאט צוּשִׁיקֶען דַיין זִווּג, נָאר עֶפִּיס אַ רֶעכְטְס, אוּנ וָואס צוּם גִיכְסְטֶען. אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן! זָאג אִיךְ, דִי מַאמֶע זָאל חָאטְשׁ אַזוֹי נִיט שְׁרַייעֶן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין פוּן אִיהר חַאפֶּען אַ גֻטְעָן פְּסַק!...

בְּקִצוּר, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַהֵיים, אוֹיסְגֶעשְׁפַּאנְט דָאס פֶערְדִיל אוּנ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט זִיךְ בַּיי דֶער שְׁטוּב אוֹיפְ'ן גְרָאז עֶפִּיס צוּ טְרַאכְטֶען אַיין עֵצָה, אוֹיסְקְלֶערֶען פַאר מַיין וַוייבּ אַ מַעֲשֶׂה פוּן טוֹיזֶענְד אֵיין נַאכְט, אַבִּי אַרוֹיס פוּן אַ צָרָה. פַאר נַאכְטְלִיךְ, דִי זוּן זֶעצְט זִיךְ, זוּמֶערְלֶעבֶּען, דִי וְוישַׁאבֶּעס פוּן דֶערְוַוייטֶען קְוַואקֶען; דָאס פֶערְדִיל, גֶעפֶּענְטֶעט אוֹיף צְוֵויי פִּיס, שְׁטְשִׁיפֶּעט גְרָאז; דִי בְּהֵמָה'לִיךְ, נָאר וָואס גֶעקוּמֶען פוּן דֶער טְשֶׁערֶעדֶע, שְׁטֵעהֶען אִיבֶּער דִי צִיבֶּערְס אוּנ וַוארְטֶען מֶען זָאל זֵיי אוֹיסְמֶעלְקֶען; אַרוּם אוּנ אַרוּם דָאס גְרָאז שְׁמֶעקְט — נָאר אַ גַן־עֵדֶן! אִיךְ זִיץ מִיר אַזוֹי אוּנ בֶּעטְרַאכְט דָאס אַלְסְדִינְג אוּנ קְלֶעהר מִיר בְּשַׁעַת־מַעֲשֶׂה וִוי קְלוּג דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט דָאס בֶּעשַׁאפֶען דָאס וֶועלְטִיל זַיינְס, אַזוֹי אַז אִיטְלִיכֶעס בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ, פוּנְ'ם מֶענְשֶׁען בִּיז לְהַבְדִיל אַ בְּהֵמָה, זָאל זִיךְ פֶערְדִינֶען זַיין בְּרוֹיט — אוּמְזִיסְט אִיז נִישְׁטָא! דוּ, בְּהֵמָה, ווִילְסְט זִיךְ פְרֶעסֶען — גֵעה מֶעלְק זִיךְ, גִיבּ מִילְךְ, זַיי מְפַרְנֵס אַ יוּד מִיט וַוייבּ אוּנ קִינְדֶערְלִיךְ! דוּ, פֶערְדִיל, ווִילְסְט קַייעֶן — לוֹיף אַלֶע מָאל הִין אוּנ צוּרִיק מִיט דִי טֶעפְּלִיךְ קַיין בּוֹיבֶּערִיק! אוּנ דֶעסְטְגְלַייכֶען דוּ, מֶענְשׁ, לְהַבְדִיל, ווִילְסְט אַשְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט — גֵעה הָארֶעוֶוע, מֶעלְק דִי בְּהֵמוֹת, טְרָאג זִיךְ מִיט דִי קְרִיגְלִיךְ, שְׁלָאג פּוּטֶער, מַאךְ קֶעז, שְׁפַּאן דָאס פֶערְדִיל אוּנ שְׁלֶעפּ זִיךְ אַלֶע פְּרִיהמָארְגֶען קַיין בּוֹיבֶּערִיק אוֹיף דִי דַאטְשֶׁעס, בֵּייג זִיךְ אוּנ בּוּק זִיךְ צוּ דִי יֶעהוּפֶּעצֶער גְבִירִים, שְׁמֵייכֶעל צוּ זֵיי, חַנְפֶה זֵיי, קְרִיךְ זֵיי אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער אִין דֶער נְשָׁמָה אַרַיין, גִיבּ אַכְטוּנְג זֵיי זָאלֶען זַיין צוּפְרִידֶען, חָלִילָה נִישְׁט

אנגעריהרט זיי אין כבוד !... אי בלייבט דאך א קשיה: מה־נשתנה? —
וואו שטעהט דאס געשריבען, אז טביה בעדארף הארעווען פון זייערט־
וועגען, אויפשטעהן גאנץ פריה ווען גאט אליין שלאפט נאך, וואס איז?
בכדי זיי זאלען האבען פונקט צו דער קאווע א פריש שטיקעל קעז און
פוטער? וואו שטעהט דאס געשריבען, אז איך בין מחויב אויסגעריסען
ווערען צוליעב א שטערען קרופניק, א קאליש מיט גרויפען, און זיי, די
יעהופעצער נגידים, בעדארפען אויסרוהען די ביינער אויף די דאטשעס,
נישט טהון קיין האנד אין קאלט וואסער און עסען דווקא געבראטענע
קאטשקעליך און דווקא גוטע קנישעס, מלינצים מיט ווערטאטען? בין איך
דען נישט אזא יוד ווי זיי? וואלט דען נישט געווען קיין יושר כ'לעבען,
אז טביה זאל זיך אוועקזעצען האטש איין זומער אויף א דאטשע? א וואו
וועט מען געהמען קעז און פוטער? ווער וועט מעלקען די בהמות? טאקי
זיי, די יעהופעצער סטעקראטען מיין איך... און איך צעלאך מיך אליין
פון אזא משוגענעם געדאנק, ווי זאגט די ווערטיל: אז גאט זאל
הארכען די נארונים, וואלט די וועלט געהאט איין אנדער פנים... — א
גוטען אבענד, רב טביה!" הער איך עמיצער רופט מיך אן ביים נאמען.
איך דרעה מיך אהום, איך טהו א קוק — א בעקאנטער מ א ט ע ל
ק א מ ז ו י ל, א שניידעריונג פון אנאטעווקע. — ברוך־הבא, זאג איך,
סקאצעל קומט, מע זאל דערמאהנען משיח'ן, זיין מאטעל אויף גאטס
ערד, זאג איך, ווי קומסט דו פלוצים אהער? — "ווי איך קום? מיט די
פיס" — מאכט ער צו מיר און זעצט זיך אוועק נעבען מיר אויפ'ן גראז
און קוקט אהין, וואו מיינע מיידעליך דרעהען זיך ארום מיט די טעפליך
און מיט די קריגליך. — "איך קלויב מיך שוין לאנג צו אייך, רב טביה,
מאכט ער צו מיר, נאר איך האב אלץ קיין צייט ניט; איין שטיקעל אר־
בייט ארויסגעלאזט, דאס אנדערע גענומען: איך בין מיר הייגט אליין פאר
זיך א שניידער, ארבייט איז פאראן ברוך־השם גענוג, אלע שניידערס זע־
נען פערווארפען מיט ארבייט, ס'איז ביי אונז משך א זומער פון חתונות:
ב ע ר י ל פ א נ פ א ט ש מאכט חתונה; י ו ס י ל ש י י נ ע ץ מאכט חתונה;
מ ע נ ד י ל ז א א י ק ע מאכט חתונה; י ע נ ק ע ל פ י ס ק א ט ש מאכט

חַתוּנָה; משֶׁה גָארְגֶעל מַאכְט חֲתוּנָה; מֵאִיר קְרָאפֶּעוֶוע מַאכְט חֲתוּנָה; חַיִים לָאשֶׁעק מַאכְט חֲתוּנָה אוּן אֲפִילוּ טְרִיהוּבֶּעכֶע די אַלְמָנָה מַאכְט אוֹיךְ חֲתוּנָה!" — די גַאנְצֶע וֶועלְט, זָאג אִיךְ, מַאכְט חֲתוּנָה, נָאר אִיךְ אֵיינֶער הַאלְט נָאךְ נִישְׁט דֶערְבַּיי; מִסְתָּמָא בִּין אִיךְ נִישְׁט וֶוערְט בַּיי גָאט... — „נֵיין, מַאכְט עֶר צוּ מִיר אוּן קוּקְט אַהִין וואוּ די מֵיידְלִיךְ זֶענֶען, אִיהר הָאט אַ טָעוּת, רֶב טֶבְיֶה; אִיהר זָאלְט הֶעלְפֶען, וָואלְט אִיהר אוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען אִיצְט בַּיי חֲתוּנָה מַאכֶען, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אַיךְ..." — דְהַיְינוּ, זָאג אִיךְ, וואוּ אַרוּם? אֶפְשֶׁר מֵיינְסְט דוּ אַ שִׁדוּךְ פַאר מַיין צֵייטְלֶען? — „ווי גֶעמָאסְטֶען!" מַאכְט עֶר צוּ מִיר. — הָאטְשׁ עֶפִּיס אַ רֶעכְטֶען שִׁדוּךְ? זָאג אִיךְ, אוּן טְרַאכְט מִיר בְּשַׁעַת־מַעֲשֶׂה עֶס וֶועט זַיין שֵׁעֶן, טָאמֶער מֵיינְט עֶר לֵייזֶער־וָואלְף דֶעם קַצָב!... „טְשַׁאקֶענְדִיג אוּן קְנַאקֶענְדִיג!" עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר אוֹיף שְׁנַיידֶער־לָשׁוֹן אוּן קוּקְט אַלְץ אַהִין, וואוּ די מֵיידְלִיךְ זֶענֶען. — פוּן וַואנֶען, לְמָשָׁל, אִיז דֶער שִׁדוּךְ דַיינֶער, פְּרֶעג אִיךְ אִיהם, פוּן וָואסֶערֶע קַאנְטֶען? אוֹיב פוּן דֶער לִיטֶא, זָאג אִיךְ, ווִיל אִיךְ גָאר נִיט הֶערֶען, נִיט זֶעהֶען! — „חַס וְחָלִילָה, זָאגְט עֶר, טַאקֵי פוּן אוּנְזֶער ווִינְקֶעל; אִיהר קֶענְט אִיהם, רֶב טֶבְיֶה, זֵעהר גוּט!"... אִיז דָאס הָאטְשׁ, זָאג אִיךְ, עֶפִּיס אַ גְלַייכֶע זַאךְ? — „נָאךְ אַ מִין גְלַייךְ, זָאגְט עֶר, גְלַייךְ צוּ גְלַייךְ אִיז נִישְׁט גְלַייךְ; ס'אִיז ווִי מֶע זָאגְט, אָגִיל וְאֶשְׂמַח — צוּ־גֶעשְׁנִיטֶען אוּן אוֹיפְגֶענֵייט!"... וֶוער־זְשֶׁע אִיז דֶער שִׁדוּךְ, זָאג אִיךְ, לָאמִיר הָארְכֶען? — „וֶוער דֶער שִׁדוּךְ אִיז? מַאכְט עֶר אוּן קוּקְט אַלְץ אַהִין; דֶער שִׁדוּךְ אִיז, פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר מִיךְ, רֶב טֶבְיֶה, טַאקֵי אִיךְ אַלֵיין"... ווִי עֶר הָאט דָאס מִיר נוּר אוֹיסְגֶערֶעדְט, אַזוֹי בִּין אִיךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, ווִי אַ אָפְּגֶעבְּרִיהטֶער, פוּן דֶער עֶרְד, אוּן עֶר נָאךְ מִיר, אוּן אַזוֹי זֶענֶען מִיר גֶע־בְּלִיבֶּען שְׁטֵעהֶען אֵיינֶער אַקֶעגֶען אַנְדֶערֶען, אָנְגֶעדְרָאדֶעלְט ווִי די הָאהְנֶען. צוּ דוּ בִּיזְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען, זָאג אִיךְ אִיהם, צוּ דוּ בִּיזְט גְלַאט אַזוֹי אַרָאפּ פוּן זִינֶען? בִּיזְט אַלֵיין דֶער שַׁדְכָן, אַלֵיין דֶער מְחוּתָּן אוּן אַלֵיין דֶער חָתָן, דָאס הֵייסְט אַ אֵייגֶענֶע חֲתוּנָה מִיט אֵייגֶענֶע כְּלֵי־זֶמֶר; אִיךְ הָאבּ נָאךְ, זָאג אִיךְ, אַזֶעלְכֶעס נִישְׁט גֶעהֶערְט אִין עֶרְגֶיץ, אַז אַ בָּחוּר זָאל זִיךְ אַלֵיין רֵעדֶען אַ שִׁדוּךְ! — „דָאס וָואס אִיהר זָאגְט, רֶב טֶבְיֶה, מַאכְט עֶר צוּ מִיר,

אַז איך בין מְשוּגע, לאָזען אוּנזערע שׂוֹנאִים מְשוּגע ווערען, איך בין נאָך, מעגט איהר מיר גלויבען, בּײַ אַלע געדאַנקען; מע בעדאַרף נאָר ניט זײַן, זאָגט ער, מְשוּגע, אַז מע זאָל װעלען אײַער צײַטעלען; אַ סִימָן האָט איהר, אַז לייזער־וואָלף, וואָס איז דער גרעסטער נָגִיד בּײַ אוּנז אין שטאָדט, האָט זי געוואָלט נעהמען ווי די שטעהט און געהט... איהר מײנט ס'איז אַ סוֹד? דאָס גאַנצע שטעדטיל ווייסט שוין!... און דאָס וואָס איהר זאָגט, אַליין אָהן אַ שַׁדְּכָן, איז מיר אַ חִדוּשׁ, זאָגט ער, אויף אײַך; איהר זענט דאָך, רֶב טֵבְיֶה, עפּיס יאָ אַ ייד וואָס קאָטאָרי קיין פינגער אין מויל בעדאַרף מען אײַך נישט אַרײַנלײגען, איהר וועט אָפּבײַסען... נאָר וואָס טויג לאַנגע שמועסען? די מַעֲשֶׂה פון דער געשיכטע, זאָגט ער, איז אַזוי: איך און אײַער טאָכטער צײַטעל האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער אַ יאָהר, אַז מיר זאָלען זיך נעהמען”... אַ מעסער אין האַרצען וועט מיר זײַן ווען עמיצער זאָל מיר אַרײַן... וואָלט מיר געווען אַ סך מעהר נִיחָא ווי די דאָזיגע ווערטער: ערשטענס, ווי קומט ער, מאָטעל שנײַדער, צו טֵבְיֶה'ן פאַר אַ אײדעם; וְהַשֵּׁנִית, וואָס איז דאָס פאַר דִבּוּרִים: *זיי האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז זיי זאָלען זיך נעהמען?* — נוּ, און וואו בין איך? רוף איך מיך אָן צו איהם; עפּיס האָב איך אויך אַ שטיקעל דֵעָה צו זאָגען אויף מײַן קינד, צו מיך פרעגט מען שוין גאָר נישט? — „חַס וְחָלִילָה, מאַכט ער, דערויף בין איך דאָך מאַקי געקומען צו אײַך איבערצורעדען, אַזוי ווי איך האָב דערהערט, אַז לייזער־וואָלף שַׁדְכְנ'ט זיך צו אײַער טאָכטער, וואָס קאָטאָרי שוין העכער אַ יאָהר אַז איך האָב זי ליעב”... — סאַ־מָשָׁל, זאָג איך, אַז טֵבְיֶה האָט אַ טאָכטער צײַטעל, און דו הייסט מאָטעל קאַמזויל און ביזט אַ שנײַדער, הײַנט וואָס האָסט דו צו איהר, דו זאָלסט זי פײַנד האָבען?... — „נײן, מאַכט ער, נישט דאָס מײן איך, איך מײן גאָר עפּיס אַנדערש, איך האָב אײַך געוואָלט דערצעהלען, אַז איך האָב ליעב אײַער טאָכטער, און אײַער טאָכטער האָט מיך ליעב, שוין העכער אַ יאָהר, זיך געגעבען דאָס וואָרט מיר זאָלען זיך נעהמען, האָב איך, זאָגט ער, עטליכע מאָל געוואָלט זײַן בּײַ אײַך איבערעדען, נאָר אַלץ אָפּגעלײגט אויף שפּעטער, ביז איך וועל

מיר צוטיפּשלאָגען עטליכע קערבליך אויף אַ מאַשין און נאָכדעם ערשט אויסקלײַדען זיך ווי עס געהער צו זײַן, וואָרום אַ לײַדע בחור'ל הײַנטיגע צײַטען האָט צוויי קאָסטיומען מיט עטליכע קאַמזוילען"... — טפו זאָלט איהר ווערען, מאַך איך צו איהם, מיט אײַער קינדערשען שכל! און וואָס וועט איהר טהון נאָך דער חתונה, — פערוואַרפען די צײַהן אויף די בענד־טאַנעס, צו דו וועסט האָדעווען דײַן ווײַב מיט קאַמזוילען?... — "ע, מאַכט ער צו מיר, אויף אײַך איז מיר, רב טביה, אַ חידוש איהר זאָלט אַזעלכעס זאָגען! איך מיין, אַז איהר האָט חתונה געהאַט האָט איהר, דאַכט מיר, קיין אײגענעם מויער נאָך ניט געהאַט, פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך... ממה־נפשך, וואָס עס וועט זײַן מיט כל־ישראל וועט זײַן מיט רב ישראל... הײַנט בין איך דאָך אַשטיקעל בעל־מלאכה אויך"...

בקצור, וואָס זאָל איך אײַך דאָ לאַנג מאַריך זײַן, ער האָט מיך איבערגערעדט, וואָרום — למאי זאָלען מיר זיך נאַרען ווי אַזוי האָבען אַלע יודישע קינדער חתונה? אַז מע זאָל וועלען קוקען אויף די זאַכען, וואָלט אונזער גראַד קײנמאָל ניט בעדאַרפט חתונה האָבען... אײן זאַך האָט מיר נאָר פערדראָסען און האָב דאָס ניט געקענט פערשטעהען בשום־אופן: וואָס הייסט זיי אַליין האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט געוואָרען? אַ בחור בעגעגענט זיך מיט אַ מײדעל און זאָגט צו איהר: לאָמיר זיך געבען דאָס וואָרט אַז מיר זאָלען זיך נעהמען... עפּיס גלאַט הפקר־ציבעלעס!... נאָר אַז איך האָב אַ קוק געטהון אויף מײַן מאָטעלען, ווי ער שטעהט זיך אַזוי דער קאָפּ אַראָבגעלאָזט, ווי אַ זינדיגער מענש, מײנט דאָס גאַנץ ערנסט, אָהן אַ שום חכמות דערבײַ צו האָבען, האָב איך מיך מישב געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט בעטראַכטען טאַקי דאָס אייגענע ווידער צוריק, וואָס ברעקעל איך מיך אַזוי און וואָס מאַך איך דאָ אָנשטעלען? דער גרויסער מיוחס וואָס איך בין, רב צאַצעלעס אײן אײניקעל, צו די נדוניות נדן וואָס איך גיב מײַן טאָכטער, צו די הלבשה איהרע, מישטײנס געזאָגט?... מאָטעל קאַמזויל איז טאַקי אַ שנײַדער, ער איז אָבער אַ גאַנץ פײַן בחור'ל, אַ אַרבייטס יונג, קאָן געבען אַ ווײַב ברויט, און דערצו נאָך

אַ עֶהרְלִיךְ יוּנְגֶעל אוֹיךְ, הַיינְט וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ אִיהם ? — טֶבְיֶה, זָאג אִיךְ צוּ מִיר אַלֵיין, מַאךְ נִישְׁט קֵיין פוֹילֶע תְּנוּעוֹת אוּנ זָאג בָּאם, וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵעהט: סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶיךָ — לָאז זַיין מִיט גְלִיק !... יָא, וָואס טְהוּט מֶען אָבֶּער מִיט מַיין אַלְטֶער ? אִיךְ וֶועל דָאךְ פוּן אִיהר הָאבֶּען, וִוי זָאגְט עֶר, בְּסוּסִים וּבִגְמַלִים — אוֹיף שִׁיסֶעל אוּנ אוֹיף טֶעלֶער ! וִוי אַזוֹי פִּיהרְט מֶען זִי אַרוֹיף, אַז עֶס זָאל בַּיי אִיהר וֶוערֶען רֶעכְט ?... וֵוייסְט דוּ גָאר וָואס, מָאטֶעל ? רוּף אִיךְ מִיךְ אָן צוּ מַיין חָתָן — דוּ גֵעה דִיר אַהֵיים, אִיךְ וֶועל מִיר דָא דֶערְוַוייל צוּרֶעכְט מַאכֶען אַלְץ וָואס מֶע בֶּעדַארְף, אִיבֶּערְשְׁמוּעסֶען מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם, וִוי אִין דֶער מְגִלָּה שְׁטֵעהט: וְהַשְּׁתִיָּה כַּדָּת — אַלְסְדִינְג דַארְף זַיין בֶּעטְרַאכְט, אוּנ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגֶען, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בִּיז דֶעמָאלְט קֵיין חֲרָטָה נִישְׁט הָאבֶּען, וֶועלֶען מִיר זִיךְ מִסְתָּמָא זֶעהֶען... — „חֲרָטָה ? מַאכְט עֶר צוּ מִיר, אִיךְ וֶועל הָאבֶּען חֲרָטָה ? אִיךְ זָאל נִיט דֶערְלֶעבֶּען אַוֶועקְגֶעהן פוּן דֶעם אָרְט, עֶס זָאל פוּן מִיר וֶוערֶען, זָאגְט עֶר, אַ שְׁטֵיין, אַ בֵּיין״!... — צוּ וָואס טוֹיג דִיר נָאךְ דָאס שְׁוֶועהרֶען זִיךְ, וָואס דוּ שְׁוֶועהרְסְט זִיךְ, זָאג אִיךְ אִיהם, אַז אִיךְ גְלוֹיבּ דִיר אָהן אַ שְׁבוּעָה ? גֵעה גֶעזוּנְד, זָאג אִיךְ, אוּנ אַ גוּטֶע נַאכְט אוּנ לָאזֶען זִיךְ דִיר חָלוֹמֶ'עֶן גוּטֶע חֲלוֹמוֹת... אוּנ אַלֵיין לֵייג אִיךְ מִיךְ אוֹיךְ שְׁלָאפֶען, נָאר עֶס נֶעהמְט מִיךְ נִיט קֵיין שְׁלָאף; דֶער קָאפּ וֶוערְט מִיר שִׁיעֶר נִיט צֶעפַּאלֶעז אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ, טְרַאכְטֶענְדִיג אַזַא פְּלַאן אוּנ אַזַא פְּלַאן, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם רֶעכְטֶען פְּלַאן: וָואס־זְשֶׁע אִיז דֶער פְּלַאן ? אַט וֶועט אִיהר הֶערֶען, וִוי אַזוֹי טֶבְיֶה פַאלְט אוֹיף אַ גְלַייכְס !

בִּקְצוּר, אַרוּם הַאלְבֶּע נַאכְט, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ שְׁלָאפְט גֶעשְׁמַאק, דֶער הָראפֶּעט, דֶער פַּייפְט, בִּין אִיךְ מִיךְ מְיַשֵּׁב אוּנ הוֹיבּ אָן צוּ שְׁרַייעֶן נִישְׁט מִיט מַיין קוֹל: גֶעוַואלְד! גֶעוַואלְד! גֶעוַואלְד !... סֶע פֶערְשְׁטֵעהט זִיךְ אַז אוֹיף מַיין גֶעוַואלְד הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אוֹיפְגֶעחַאפְּט אוּנ פְרִיהֶער פוּן אַלֶעמֶען גָאלְדֶע. „נָאט אִיז מִיט דִיר, טֶבְיֶה, מַאכְט זִי צוּ מִיר אוּנ טְרֶעסֶעלְט מִיךְ, שְׁטֵעה אוֹיף, וָואס אִיז דִיר אַזֶעלְכֶעס, וָואס גֶעוַואלְדֶעוֶועסְט צוּ ?״... אִיךְ עֶפֶען אוֹיף דִי אוֹיגֶען, קוּק מִיךְ אַרוּם כְּלוֹמֶר'שְׁט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ רוּף זִיךְ אָן מִיט אַ צִיטֶערְנִישׁ: — וואו אִיז זִי

עֶרְגִין? — „וֶוער אִיז? וֶועמֶען זוּכְסְט דוּ?“ — פְּרוּמֶע־שָׂרָה׳ן, זָאג אִיךְ, פְּרִימֶע שָׂרָה לֵייזֶער־וָואלְפְס אִיז דָא נוּר וָואס גֶעשְׁטַאנֶען... — „דוּ רֶעדְסְט פוּן הִיטְ׳ן, מַאכְט צוּ מִיר מַיין וַוייבּ, גָאט אִיז מִיט דִיר, טֶבְיֶה! פְּרוּמֶע־שָׂרָה לֵייזֶער־וָואלְפְס, זָאל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אִיז שׁוֹין לַאנְג אוֹיף דֶער אֶמֶת׳ער וֶועלְט“. — אִיךְ ווייס, זָאג אִיךְ, אַז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, נָאר זִי אִיז אָבֶּער פָּארְט גֶעוֶוען נוּר־וָואס אָט דָא בַּיי מַיין בֶּעט גֶערֶעדְט מִיט מִיר, זִי הָאט מִיךְ אָנְגֶענוּמֶען, זָאג אִיךְ, בַּיי׳ם גָארְגֶעל, מִיךְ גֶעוָואלְט וַוארְגֶען!... — „גָאט אִיז מִיט דִיר, טֶבְיֶה, וָואס פְּלַאפֶּעלְסְט דוּ, מַאכְט צוּ מִיר מַיין וַוייבּ: עֶס הָאט זִיךְ דִיר גֶעקֶעהָרְט חָלוֹמֶ׳ען אַ חָלוֹם; שְׁפַּיי אוֹיס דְרַיי מָאל אוּן דֶערְצֶעהְל מִיר, וָואס הָאט זִיךְ דִיר גֶעחָלוֹמְט, וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְלֵייגֶען צוּ גוּטֶען“. — לַאנְג לֶעבֶּען זָאלְסְט דוּ גָאלְדֶע, מַאךְ אִיךְ צוּ אִיהר, וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיפְגֶעמוּנְטֶערְט, וֶוען נִיט וָואלְט אִיךְ פַארְשְׁרֶעק גֶעקְלַאפִּירְט אוֹיפְ׳ן אָרְט. גֶעבּ מִיר, זָאג אִיךְ, אַ טְרוּנְק וַואסֶער, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֶעהְלֶען דֶעם חָלוֹם וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט. נָאר בֶּעטֶען וֶועל אִיךְ דִיךְ, גָאלְדֶע, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקֶען אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְקְלֶעהֶרֶען חָלִילָה. גָאט ווייסְט וָואס, וָוארוּם אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים בַּיי אוּנְז שְׁטֵעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז נָאר דְרַיי חֲלָקִים פוּן אַ חָלוֹם קָאן אַמָאל מְקוּיָם וֶוערֶען, אוּן דָאס אִיבְּרִיגֶע אִיז בְּלָאטֶע, שְׁקָרִים וּכְזָבִים, נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגֶען נִישְׁט גֶעפְלוֹיגֶען...

קוֹדֶם־כֹּל, זָאג אִיךְ, הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט, אַז ס׳אִיז בַּיי אוּנְז אַ שִׂמְחָה; אִיךְ ווייס נִיט צוּ אַ קְנַס־מָאל, צוּ אַ חֲתוּנָה, מֶענְשֶׁען אַ סַךְ, יִידֶען אוּן וַוייבֶּער, דֶער רָב אוּן דֶער שׁוֹחֵט, הִינְט כְּלֵי־זֶמֶר... דֶערְוַוייל עֶפֶענְט זִיךְ דִי טְהִיר אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין דַיין בָּאבֶּע צֵייטֶעל עָלֶיהָ־הַשָּׁלוֹם... מַיין וַוייבּ הָאט דֶערְהֶערְט דִי בָּאבֶּע צֵייטֶעל אִיז זִי שׁוֹין גֶעוָוארֶען טוֹידְט וִוי דִי וַואנְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ מִיר: „וִוי אַזוֹי אִיז זִי אוֹיסְ׳ן פָּנִים אוּן אִין וָואס אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטְהוֹן?“ — אַ פָּנִים הָאט זִי, זָאג אִיךְ, אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים, גֶעל אַזוֹי וִוי וַואקְס, אוּן אָנְגֶעטְהוֹן גֶעוֵוייגְטְלִיךְ אִין וַוייסֶען, אִין תַּכְרִיכִים... „מַזָל טוֹב! מַאכְט צוּ מִיר דִי בָּאבֶּע צֵייטֶעל; אִיךְ הָאבּ נַחַת, וָואס אִיהר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פַאר אֵייעֶר צֵייטְלֶען, וָואס זִי טְרָאגְט מַיין נָאמֶען, אַזַא פַיינֶעם חָתָן, אַ לֵייטִישֶׁען; עֶר הֵייסְט מָאטֶעל, נָאךְ מַיין

פֶּעטֶער מָרְדְכַי, אוּנ הָאטְשׁ עֶר אִיז אַ שְׁנַיידֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר זֵעהר אַ עֶהרְלִיךְ קִינְד״...— פוּן וַואנֶען, הוֹפְּט זִיךְ אָן גָאלְדֶע, הָאט זִיךְ צוּ אוּנְז גֶענוּמֶען אַ שְׁנַיידֶער? אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה, זָאגְט זִי, זֶענֶען פַארַאן מְלַמְדִים, חֲזָנִים, שַׁמָשִׁים, קְבָרוֹת־יִידֶען, אוּנ גְלַאט אַזוֹי אָרִימֶע לַייט, נָאר נִישְׁט, חָלִילָה, קֵיין שְׁנַיידֶערְס אוּנ נִישְׁט קֵיין שוּסְטֶערְס... — שְׁלָאג זְשֶׁע מִיר נִישְׁט אִיבֶּער, גָאלְדֶע, זָאג אִיךְ צוּ אִיהר, מִסְתָּמָא וֵוייסְט דַיין בָּאבֶּע צֵייטֶעל בֶּעסֶער פוּן דִיר... אַז אִיךְ הָאבּ דֶערְהֶערְט פוּן דֶער בָּאבֶּע צֵייטֶעל אַזַא מִין מַזָל־טוֹב, הוֹיבּ אִיךְ מִיךְ אָן צוּ אִיהר: וָואס זָאגְט אִיהר עֶפִּיס, בָּאבֶּעניוּ, אַז צֵייטֶעלְס חָתָן הֵייסְט מָאטֶעל אוּנ עֶר אִיז אַ שְׁנַיידֶער, אַז בְּסַךְ־הַכֹּל הֵייסְט עֶר לֵייזֶער־וָואלְף אוּנ עֶר אִיז גָאר אַ קַצָב?...— „נֵיין״, הוֹיבּט זִיךְ אָן דִי בָּאבֶּע צֵייטֶעל נָאךְ אַ מָאל, „נֵיין, טֶבְיֶה, דַיין צֵייטֶעלְס חָתָן הֵייסְט טַאקִי נָאר מָאטֶעל, עֶר אִיז אַ שְׁנַיידֶער, אוּנ מִיט אִיהם וֶועט זִי זִיךְ עֶלְטֶערְן אִם־יִרְצֶה־הַשֵׁם אִין עוֹשֶׁר אוּנ אִין כָּבוֹד״... רֶעכְט, בָּאבֶּעניוּ, זָאג אִיךְ צוּ אִיהר נָאךְ אַמָאל, וָואס־זְשֶׁע טְהוּט מֶען מִיט לֵייזֶער־וָואלְפֶען? ס׳טַייטְשׁ אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִיהם עֶרְשְׁט נֶעכְטֶען גֶעגֶעבֶּען דָאס וָוארְט!... — אִיךְ הָאבּ נָאר אוֹיסְגֶערֶעדְט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ טְהוּ אַ קוּק — נִישְׁטָא דִי בָּאבֶּע צֵייטֶעל! אוֹיף אִיהר אָרְט אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען פְרוּמֶע־שָׂרָה לֵייזֶער־וָואלְפְס אוּנ מַאכְט צוּ מִיר כְּהַאי לִישְׁנָא: „רֶב טֶבְיֶה! אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהַאלְטֶען תָּמִיד פַאר אַ עֶהרְלִיכֶען, פַאר אַ יוּדֶען מִיט תּוֹרָה, ס׳טַייטְשׁ ווִי קוּמְט דָאס אִיהר זָאלְט טְהוּן אַזַא זַאךְ, אִיהר זָאלְט וֶועלֶען אַז אַייֶער טָאכְטֶער זָאל מִיךְ יַרְשְׁ׳נֶען, זִיצֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ, הַאלְטֶען מַיינֶע שְׁלִיסֶעל, אָנְטְהוּן מַיין מַאנְטֶעל, טְרָאגֶען מַיינֶע צִיהרוּנְג, מַיינֶע פֶּערֶעל?״... וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג, מַאךְ אִיךְ צוּ אִיהר, אַייֶער לֵייזֶער וָואלְף הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט... „לֵייזֶער וָואלְף? מַאכְט זִי צוּ מִיר, לֵייזֶער וָואלְף וֶועט הָאבֶּען אַ ווִיסְטֶען סוֹף, אוּן אַייֶער צֵייטֶעל... אַ רַחֲמָנוּת גֶעבִּיךְ, רֶב טֶבְיֶה, אוֹיף אַייֶער טָאכְטֶער; מֶעהר ווִי דְרַיי וָואכֶען וֶועט זִי מִיט אִיהם נִישְׁט לֶעבֶּען; אוּנ אַז עֶס וֶועט אוֹיסְגֶעהן דִי דְרַיי וָואכֶען, וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אִיהר בַּיי נַאכְט אוּנ וֶועל זִי אָנְנֶעמֶען בַּיים הַאלְז אָט אַזוֹי אָ...״ אוּנ מִיט דִי וֶוערְטֶער, זָאג אִיךְ, הָאט מִיךְ פְרוּמֶע שָׂרָה אָנְגֶענוּמֶען בַּיים גָארְגֶעל אוּנ

האט מיך אנגעהויבען צו ווארגען, אזוי אז ווען ניט דו זאלסט מיך געוועזען אויפוועקען, וואלט איך שוין איצטער אנגעשפארט ווייט־ווייט!...— „טפו־טפו־טפו! מאכט צו מיר מיין ווייב און שפייט אויס דריי מאל דריי; אין טייך זאל דאס פאלען, אין דער ערד זאל דאס זינקען, אויף בוידעמס זאל דאס קלעטערן, אין וואלד זאל דאס רוהען, נאר אונז און אונזערע קינדער זאל דאס ניט שאדען! א ביזער, א וויסטער, א פינסטערער חלום אויף דעם קצב'ס קאפ און אויף זיינע הענט און פיס, לאז ער זיין די כפרה פאר מאטעל קאמזולס מינדסטען נאגעל, האטש ער איז א שניידער, ווארום אז ער הייסט נאך מיין פעטער מרדכי, איז ער געווים נישט קיין געבאדערענער שניידער, און מסתמא אז די באבע עליה־השלום איז זיך מטריח פון יענער וועלט קומען אהער צו אבגעבען מזל־טוב, באדארפען מיר זאגען סע זאל זיין אין א גוטער שעה א מזל'דיגער, אמן סלה!"...—

— — — — — — — — — — — — — — —

בקצור, וואס זאל איך אייך לאנג מאריך זיין. איך בין געוועזען שטארקער פון אייזען, אז איך האב יענע נאכט אויסגעהאלטען און בין נישט צוזעצט און צעשפרונגען געווארען, ליגענדיג אונטער דער קאלדרע פאר געלעכטער... סע פארשטעהט זיך, אז אויף מארגען איז געוועזען ביי אונז דאס קנס־מאל און טאקי באלד נאכדעם די חתונה, אויף גמרא־לשון: הא נברא והא טראסקא, און דאס פאר־פאלק, ברוך השם, לעבט זיך גאנץ צופרידען: ער איז זיך א שניידער, געהט ארום אין בויבעריק פון איין דאטשע אין דער אנדערער אנגעמען ארבייט, און זי טאג ווי נאכט אין דער יאך, קאכט און באקט און וואשט און שמירט און טראגט וואסער, קוים קוים דאס שטיקעל ברויט אין שטוב; איך זאל איהר ניט ברענגען אמאל א ביסעל מילכיגס, אמאל עטליכע גראשענס, וואלט געוועזען גאר נישט גוט — און רעד מיט איהר, זאגט זי אז ס'איז איהר קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, אבי, זאגט זי, איהר מאטעל זאל איהר זיין געזונד. — נו, געהט טענה'ט מיט היינטיגע קינדער! עס קומט אויס, ווי איך האב אייך געזאגט פונ'ם אנהויב: בנים גדלתי ורוממתי — הארעווע פון קינדערס

וועגען, שלאג זיך קאפּ אין וואנד, והם פּשעו בּי — זאגען זיי, אז זיי
פארשטעהן בעסער. ניין, היינטיגע קינדער זענען צו קלוג! נאר מיר דאכט,
אז איך האב אייך היינט אנגעדולט א קאפּ מעהר ווי אלע מאל, האט מיר
קיין פאראיבּל ניט, זייט מיר געזונד און האט אייך א גוטען תמיד!

אויפ'ן פידעל.

ערצעהלונג פון די קינדער יאהרען.

א.

— הײַנט װעל איך אײַך, קינדער, שפּיעלען אַבּיסעל אױפֿן פֿי־דעל. ניִשטאָ, אַזױ דאַכט זיך מיר, קײן שװעגערס און קײן בעסערס װי אַז מע קען שפּיעלען אױפֿן פֿידעל. װאָס, אפֿשר נישט אַזױ? איך װײס נישט װי אַזױ איהר — איך, פֿון זינט איך בין צו מײַן שׂכל געקומען, בין איך אױסגעגאַנגען נאָך אַ פֿידעל און האָב ליעב געהאַט גלאַט כּלי־זמר װי דאָס לעבען! איז געװען ערגיץ אַ חתונה אין שטעטל, בין איך געװען דער ערשטער װאָס איז געלאָפען מקבּל פּנים זײַן די כּלי־זמר, זיך פֿער־גנבה'נען פֿון אונטען צום קאָנטרבּאַס, אַ ציה טהון בײַ דער גראָבער סטרונע — בּום! און אַנטלױפֿען. בּום! און אַנטלױפֿען. פֿאַר דעם דאָזיגען „בּום" האָב איך אַמאָל געהאַפּט פֿון בעריל באַס אַ מאוסען פּסק. בעריל באַס, אַ בײזער ייד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט אַ שאַרפֿען קוק, האָט זיך געמאַכט װי ער זעהט ניט אַז איך גנבה זיך צום קאָנטרבּאַס, און בשעת איך האָב אױסגעצױגען די האַנד צו דער גראָבער סטרונע האָט ער מיך אָנגעהאַפּט פֿאַר'ן אױער און אָבגעפֿיהרט מיך מיט כּבוד גלײַך צו דער טיר:

— נאַ, ממזר, קוש די מזוזה!

דאָס האָט מיך אָבער װינציג װאָס אָנגעלערענט. איך האָב נישט אָבגעטראָטען פֿון די כּלי־זמר אױף קײן האָר. איך האָב זײ ליעב געהאַט אַלע, פֿון שײקע פֿידעלי מיט דער שענער שװאַרצער באָרד און מיט די דינע װײסע פֿינגערליך, בּיז געצי פּײקלער מיט'ן שענעם האָרב און מיט'ן היבּשען — איך בעט איבער אײער כּבוד — פּליך איבער די אױערען. נישט אײנמאָל בּין איך געלעגען אונטער אַ באַנק און געהערט װי די כּלי־זמר שפּיעלען, װאָרום מע האָט מיך געטריבען אַהײם, און פֿון דאָרטען, פֿון

אונטער'ן באנק געקוקט אויף שייקעס דינע פינגערליך ווי זיי טאנצען איבער די סטרונעס, און זיך צוגעהערט צו די זיסע קולות, וואס ער האט אזוי קונציג ארויסבעקומען פון זיין פידעלע.

א צעקאכטער פלעג איך נאכדעם ארומגעהן עטליכע טאג כסדר, און שייקע מיט'ן פידעלע איז מיר געשטאנען פאר די אויגען. ביינאכט האב איך איהם געזעהען אין חלום און ביטאג אויף דער וואהר — ער איז מיר נישט ארויס פונ'ם קאפ. אז קיינער האט נישט געזעהען פלעג איך מיר פארשטעלען אז איך בין שייקע פידעלע, אויסבייגען די לינקע האנד און מאכען מיט די פינגער און געבען א פיהר מיט דער רעכטער האנד ווי מיט'ן סמיק, בשעת מעשה פערוואַרפען דאס קעפּיל אויף א זייט, די אויגען אביסעלע צוגעמאכט,— פונקט ווי שייקע, ס'זאל דאס פעהלען א האר!

האט דערזעהען דער רבי נטע לייב — ס'איז געוועזען סאמע ביים לערנען — אז איך מאך עפּיס מיט די הענד און פערוואַרף דאס קעפּיל און גלאנץ מיט די אייגליך, האט ער מיר אבגעשטעקט א רעכטען פּאטש:

— א הולטיי קאן! מע לערענט מיט איהם קמץ־אלף, מאכט ער הויות, האפּט פליגען!

ב.

איך האב מיר געגעבען דאס וואָרט, עס מעג זיך קעהרען די וועלט, איך מוז האבען א פידעלע, עס מעג מיך קאסטען מי יודע וואס! נאר פון וואס מאכט מען א פידעלע? געוויינטליך פון „טענענהאליץ". ס'איז אבער גרינג אויסצורעדען טענענהאליץ! וואו קריגט מען דאס דאזיגע האליץ, אז בסך הכל וואקסט דאס זאגט מען נור אין ארץ־ישראל? וואס טהוט גאט? גיט ער מיר אריין אזא מחשבה. ביי אונז איז געוועזען איין אלטע קאנאפּע, א ירושה קאנאפּע נאך פונ'ם זיידען רב אנשיל, וואס איבער איהר האבען זיך געשלאגען מיינע צוויי פעטערס מיט'ן טאטען עליו השלום, דער פעטער בעני האט געטענה'ט, אז ער איז דער עלטערער זוהן, קומט איהם די קאנאפּע; און דער פעטער סענדער האט געטענה'ט, אז ער איז

דֶער יוּנְגְסְטֶער, קוּמְט אִיהם דִי ־קאַנאַפֶּע, אוּנ דֶער טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעטַעֲנֶה׳ט, אַז עֶר אִיז טַאקִי נִישְׁט מֶעהר וִוי אַיין אֵיידֶעם, הָאט עֶר אוֹיף דֶער ־קאַנאַפֶּע ־קֵיין שְׁלִיטָה נִיט, נָאר אַזוֹי וִוי זַיין וַוייבּ, דָאס הֵייסְט דִי מַאמֶע מַיינֶע, אִיז אַ בַּת ־יְחִידָה, קוּמְט אִיהר דִי ־קאַנאַפֶּע. דָאס אִיז אַיין מָאל אַוֶועק, וְהַשֵׁנִית שְׁטֶעהט דִי ־קאַנאַפֶּע בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אִיז דִי ־קאַנאַפֶּע אוּנְזֶער ־קאַנאַפֶּע. הָאבֶּען זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט בֵּיידֶע מוּמֶעס, דִי מוּמֶע אִיטְקֶע אוּנ דִי מוּמֶע זְלַאטֶקֶע אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעפִיהְרְט אַ רְכִילוּת פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערֶען, ־קאַנאַפֶּע־קאַנאַפֶּע, דִי שְׁטָאדְט הָאט זִיךְ גֶעוִויגְט מִיט דֶער ־קאַנאַפֶּע! — בִּקְצוּר דִי ־קאַנאַפֶּע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אוּנְזֶער ־קאַנאַפֶּע.

דִי דָאזִיגֶע ־קאַנאַפֶּע אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶע אַ הִילְצֶערְנֶע ־קאַנאַפֶּע, נָאר בֶּעצוֹיגֶען פוּן אוֹיבֶּען מִיט אַ דִין הָאלִץ, וָואס אִיז אִין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער אָבְּגֶעשְׁטַאנֶען, גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶען וִוי אַ בֵּיצָה, אָט דָאס אוֹיבֶּערְשְׁטֶע הָאלִץ, וָואס אִיז אָבְּגֶעשְׁטַאנֶען, אִיז גֶעוֶוען דָאס אֶמֶת׳ע „מַיינֶענְהָאלְץ“, וָואס גֵעהט אוֹיף פִידְלֶען, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט זָאגֶען אִין חֵדֶר. אַיין חִסָרוֹן הָאט דִי ־קאַנאַפֶּע גֶעהַאט, אוּנ דֶער דָאזִיגֶער חִסָרוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲלָה, דְהַיְינוּ: אַז מֶע הָאט זִיךְ אוֹיף אִיהר אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקָאנְט אוֹיפְשְׁטֶעהְן, מַחֲמַת זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל בַּארְג אַרָאבּ, פוּן אַיין זַייט מְשׁוּפֶּע׳דִיג אוּנ אִין מִיטֶען מִיט אַ גְרוּבּ. אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה, וָואס ־קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ זֶעצֶען אוֹיף אִיהר, הָאט מֶען זִי אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ וִוינְקֶעל, גֶעגֶעבֶּען אַ „טְשִׁיסְטַא אָטְסְטַאוְקֶע“.

אָט אוֹיף דֶער ־קאַנאַפֶּע הָאבּ אִיךְ גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג. אַ סְמִיטְשִׁיק הָאבּ אִיךְ מִיר צוּגֶעגְרֵייט נָאךְ פוּן לַאנְג. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חַבֵר שִׁימֶעלִ׳, יוֹדֶעל דֶעם בַּעַל־הָעֲגָלֶה׳ס, הָאט עֶר מִיר צוּגֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע הָאר פוּנ׳ם טַאטֶענְס פֶערְדְס וֵוידִיל, אוּנ זְשִׁיזֶועצִי אוֹיף צוּשְׁמִירֶען דֶעם סְמִיטְשִׁיק הָאבּ אִיךְ אַלֵיין גֶעהַאט; אִיךְ הָאבּ פַיינְט גֶעהַאט זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוֹיף נִסִים: אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעבֶּעטֶען בַּיי מַיינֶם אַ חַבֵר מֵאִיר־לִיפָּא־שָׂרָה׳ס אוֹיף אַ שְׁטִיקִיל שְׁטָאל פוּן דֶער מַאמֶעס ־קְרַאנָאלִינֶע וָואס הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוֹיפְ׳ן בּוֹידֶעם. פוּנ׳ם שְׁטִיקִיל שְׁטָאל הָאט נָאכְדֶעם מֵאִיר־לִיפָּא־שָׂרָה׳ס

געמאכט זיך א מעסעריל, פון ביידע זייטען גוט אנגעשארפט. האב איך אפילו חשק געהאט זיך אבבייטען מיט איהם צוריק, האט ער ניט גע־וואלט; ער האט זיך צושריגען:

— א חכם א יוד! וואס זאגט איהר אויף זיין טאטען? איך האָ־רעווע אב דריי נעכט, איך שארף אונ שארף אונ צושניידט זיך אלע פינגער שארפענדיג, קומט ער איצטער צוגעהן אונ וויל זיך אבבייטען צוריק!

— קוק איהם אן אביסיל! — זאג איך — נו דארף מען ניט! א טהייערע מציאה א שטיקיל שטאל! קארג שטאל וואלגערט זיך ביי אונז אויפ'ן בוידעם? עס וועט האפען אויף קינדער אונ קינדס קינדער!

הכלל איך האב געהאט אלסדינג וואס מע בעדארף. עס איז גע־בליבען נור איין ארבייט: קאלופען דאס „טענענדאליך" פון דער קאנאפע. איך האב אויסגעקלויבען דערויף זעהר א וואוילע צייט; בשעת די מאמע איז געוועזען אין קלייט אונ דער טאטע האט זיך נאכ'ן עסען צוגעלייגט דרימלען, האב איך זיך פערקליבען אין ווינקעל אריין מיט א צוויאק אונ האב זיך גענומען צו דער ארבייט גאנץ געשמאק. האט דער טאטע דער־הערט דורכ'ן שלאף ווי עמיצער באברעט זיך, האט ער פריהער געמיינט א פנים, אז ס'איז מייז אין שטוב, האט ער אנגעהויבען צו שרייען פון דארטען: קוש! קוש! איך בין געבליבען א געשטארבענער... דער טאטע האט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט, אונ אז איך האב דערהערט אז ער הראפעט האב איך זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. פלוצים — איך טהו א קוק — דער טאטע שטעהט אונ קוקט אויף מיר מיט מאדנע אויגען. עס ווייזט אויס אז תחילת האט ער בשום אופן ניט פערשטאנען וואס דאס איז. נאכדעם אז ער האט דערזעהען די צעקארדא־שעטע קאנאפע, האט ער מיך ארויסגעצויגען פון דארטען פאר'ן אויער אונ האט מיך אזוי געשלאגען, אז מע האט מיך בעדארפט מינטערען, פשוט אבגיסען מיט קאלט וואסער.

— גאט איז מיט דיר! וואס האסט דו געטהון מיט'ן קינד, האט די מאמע געוויינט מיט טרעהרען אויף די אויגען.

— דער קדיש דיינער! ער וועט מיך אריינטרייבען א לעבעדיגען אין דער ערד אריין! — זאגט דער טאטע בלאס ווי די וואנט, כאפט זיך פארן הארצען און פערהוסט זיך אויף עטליכע מינוט.

— וואס זשע דארף מען זיך אזוי אבעסען דאס הארץ? — זאגט צו איהם די מאמע — ביזט אזוי אויך א קראנקער! טהו א קוק וואס פאר א פנים דו האסט, אזא יאהר אויף מיינע שונאים!

ג.

דער חשק צו שפיעלען אויפ'ן פידעל איז געוואקסען מיט מיר אינאיינעם. וואס עלטער איך בין געווארען איז דער חשק געווארען נאך גרעסער, און ווי אויף־צו־להכעיס האב איך בעדארפט אלע טאג הארכען כלי־זמר. פונקט אויפ'ן מיטען וועג, צווישען דערהיים און צווישען חדר, איז געשטאנען א קליין שטיבעל מיט ערד געדעקט, פלעג זיך פון דארטען תמיד הערען פערשידענע קולות און געזאנגען פון אלערליי כלים, און מעהרסטענטהייל קולות פון א פידעל. דארטען איז געזעסען א כלי־זמר נפתלי בעזבאראדקע, א יוד מיט איין אונטערגעהאקטע קאפאטע, מיט אונטערגעבויגענע פאות און מיט א געפרעסטען קאלנער; א נאז האט ער געהאט א היבשע, אויסגעזעהען ווי א צוגעקלעבטע, ליפען גראבע, צייהן שווארצע, דאס פנים געשטופעלט און אהן א סימן פון א בארד, און דערפאר טאקי האט מען איהם גערופען „בעזבאראדקע". א ווייב האט ער געהאט א מאשינע, האט מען זי גערופען „די מוטער חוה", און קינדער איז ביי זיי געווען א טוץ אנדערהאלבען, אויב נישט מעהר, אבגעריסענע, האלבנאקעטע און בארוויסע, און אלע, פונ'ם גרעסטען ביזן קלענסטען, האבען זיי געשפיעלט, דער אויפ'ן פידעל, דער אויף דער „אלט", דער אויפ'ן באס, דער אויפ'ן טרומייט, דער אויפ'ן פלייט, דער אויפ'ן פאגאט, דער אויף דער ארפע, דער אויפ'ן צימבעל, דער אויף דער באלאלאייקע, דער אויפ'ן פויק, דער אויף די טאצען. צווישען זיי זענען געווען אויך אזעלכע, וואס האבען געקאנט אויספייפען דעם גרעסטען נגון מיט די ליי־

פען, אויף די צייהן, אויף גלעזליך אדער אויף טעפליך, אויף שטיקליך האלץ, אדער גאר אויף די באקען — שדים, רוחות אונ נאר!

מיט'ן דאזיגען געזינדיל האב איך מיך בעקאנט גאר אומגערעכט. איך בין געשטאנען איינמאל ביי זיי אונטער'ן פענסטער, זיך אונטערגע־הערט ווי זיי שפיעלען, האט איינער פון די עלטערע קינדער, פיני דער פלייטיסט, א בחור פון א יאהר פופצעהן, נאר א בארוויסער, מיך דערזעה־ען שטעהן, איז ער ארויסגעגאנגען צו מיר אונ פרעגט מיך, צו עס גע־פעלט מיר זייער שפיעלען?

— הלואי — זאג איך — וואלט איך אין צעהען יאהר ארום אזוי געשפיעלט!

— קאנסט דאס אויספיהרען — מאכט ער צו מיר אונ גיט מיר אנצוהערעניש, אז פאר צוויי קארבען א חודש וועט מיך דער טאטע זיינער אויסלערנען שפיעלען, אונ אויב איך וויל וועט ער מיך לערנען, דער זוהן הייסט דאס.

— אויף וואס פאר אינסטרומענט — מאכט ער — וואלסט דו גע־וואלט שפיעלען, אויפ'ן פידעל?

— אויפ'ן פידעל.

— אויפ'ן פידעל? — מאכט ער — קאנסט צאהלען דריטהאלבען קערבליך א חודש? צו דו ביזט אזא פתריליק ווי איך?

— קאנען קאן איך — זאג איך — נאר וואס דען? עס טאר נישט וויסען דערפון נישט דער טאטע, נישט די מאמע, נישט דער רבי.

— חס וחלילה! — מאכט ער — ווער דארף דאס געהן אויספוי־קען? אפשר געפינט זיך ביי דיר א ציגאר טוטין, אדער א פאפיראס? ניין? דו רויכערסט ניט? אנטליה־זשע מיר א פיטאקיל, וועל איך מיר אליין קויפען פאפיראסען. נאר זאלסט ניט זאגען קיינעם, מחמת דער טאטע טאר נישט וויסען אז איך רויכער, אונ די מאמע וועט געוואהר ווערען אז איך האב געלד, וועט זי דאס גלאט צונעהמען אונ קויפען ביינ'ל אויף אנבייסען. קום אין שטוב אריין, וואס וועלען מיר דא אויסשטעהן?

ד.

מיט גרויסע פּחדים, מיט א קלאפּענדיגע הארץ און מיט ציטערנדיגע פיס האב איך אריבערגעשפּאנט די שוועל פון דאזיגען קליינעם גן־עדן.

מיין נייער חבר פּיני האט מיך פארגעשטעלט פאר'ן פאטער:

— שלום־נחום־העוויקס, א נגיד'ס א יונגיל, האט חשק לערנען אויפ'ן פידעל.

נפתלי־בעזבאראדקע האט אונטערגעבויגען די פּאות, צורעכט גע־מאכט דעם קאלנער, פערשפּילעט די קאפּאטע און פערבונדען מיט מיר א ברייטען שמועס מכּח שפּיעלען בכלל און אויפ'ן פידעל בפרט, געגע־בען מיר צו פערשטעהן, אז פידעל איז די בעסטע און די שענסטע פון אלע כּלים, עלטערס און חשוב'ערס פון פידעל איז שוין גאר נישט דא אויף דער גאנצער וועלט. א סימן האב איך, פאר וואס עפּיס דערעזשירט תמיד די פידעל, ניט דער טרומייט, אדער די פלייט? מחמת פידעל—דאס איז די מאמע פון אלע כּלים.

אזוי האט מיר נפתלי בעזבאראדקע געלייענט א גאנצע לעקציע פון מוזיק, געמאכט בשעת־מעשה מיט די הענד און מיט דער נאז,—און איך בין געשטאנען און געקוקט אידם אין מויל אריין, בעטראכט די שווארצע ציינער זיינע און געשלונגען, ממש געשלונגען די ווערטער.

— פידעל, פערשטעהסט דו מיך, — זאגט צו מיר ווייטער נפתלי בעזבאראדקע, און איז צופרידען א פּנים מיט דער לעקציע, — פידעל, פערשטעהסט דו מיך, איז אזא כּלי, וואס איז עלטער פון אלע כּלים. דער ערשטער פידלער אויף דער וועלט איז געוועזן תּובל־קין, צו מתושלח, איך געדענק שוין נישט אקוראט, דו קעהרסט בעסער וויסען, דו לערנסט דאך מסתּמא אין חדר? דער אנדערער פידלער איז געוועזן דוד־המלך. נאך איינער, א דריטער, איז געוועזן, פּאגאניני האט ער געהייסען, אויך א יוד; אלע בעסטע פידלער אויף דער וועלט זענען געוועזן יודען. למשל, סטעמפּעני, פּדהצור. פון זיך רעד איך נישט. מע זאגט, אז איך שפּיעל נישט שלעכט אויפ'ן פידעל; נאר ווי קום איך צו פּאגאניני׳ן? פּאגאניני, זאגט מען, האט פערקויפט דעם אשמדאי די נשמה פאר'ן פידעל. פּאגאניני

האָט פֿײַנד געהאַט שפּילען פֿאַר גרויסע מענשען, מלכותים און פּ״בּס־טען, כאָטש מע פֿלעגט איהם אָבגילדען. ער האָט בעסער ליעב געהאַט שפּילען פֿאַר אָרימע־לײַט אין אַלע שטיינקליך, אין אַלע דערפֿער, אָדער גאָר אין די וועלדער פֿאַר חיות און עופֿות. אָט וואָס פֿאַר אַ פֿידלער פֿאַר־נאַניני איז געווען... עי, חברה־פֿלעציל, צו די „כּלים״!

אַז האָט נפֿתּלצי בעזבאַראַדקע אויסגערופֿען צו זײַן קאַמאַנדע קינדער, וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען אַלע אין איין מינוט, גענומען זיך איטליכער צו זײַן אינסטרומענט. נפֿתּלצי אַליין איז אויפֿגעשטאַנען, אַ וועין געטהון מיט׳ן סמיק אין טיש אַריין, געוואָרפֿען אַ שאַרפֿען קוק אויף איט־ליכען בעזונדער און אויף אַלע מיט אַמאָל — און מע האָט אַ שפּיעל געטהון אַ קאָנצערט אויף אַלערליי אינסטרומענטען מיט אַזאַ כּח, אַז איך בין שיער ניט אומגעפֿאַלען פֿון די פֿיס. איטליכער האָט זיך געפֿליסט איבערשרייען איינער דעם אַנדערען, און מעהר פֿון אַלע האָט מיך פֿער־שריגען איינער אַ קליינער, וואָס האָט געהייסען חעמעלע, אַ טרוקען יונגעלי מיט אַ נאַס נעזעלע און מיט בּאָרוויסע אָנגעדראָלענע פֿיסליך. חעמעלי האָט געשפּיעלט אויף אַ משונה־מאָדנע כּלי, עפּיס אַ מין זאַק אַזעלכער, וואָס אַז מע בּלאָזט איהם אָן, לאָזט ער נאָכדעם אַרויס אַ משונה קול, אַ מאָדנעם קוויטש, ווי אַ קאַץ בּשעת מע טריט איהר אָן אויפֿ׳ן ווידיל. חעמעלי האָט מיט׳ן בּאָרוויסען פֿיסיל אויסגעשלאָגען טאַקט, געקוקט די גאַנצע צייט אויף מיר מיט קליינע גנבה׳שע אייגעליך און אונטערגעווינקען, ווי איינער רעדט: „אָבער אַ יאָ איך בּלאָז גוט?״ נאָר מעהר פֿון אַלע האָט געאַרבּייט נפֿתּלצי אַליין; ער האָט אי געשפּיעלט, אי געדערעזשירט, גע־אַרבּייט מיט די הענד, מיט די פֿיס, מיט די נאָז און מיט די אויגען און מיט׳ן גאַנצען גוף, און טאָמער חלילה האָט עמיצער געמאַכט אַ פֿעהלער, האָט ער אַ קריץ געטהון מיט די ציינער און אַ זאָג געטהון מיט כּעס:

— פֿאָרטאַ, פֿאַרחויז, פֿאָרטאַ — פֿאָרטיסימאָ!... טאַקט, ממזר, טאַקט!... איינס צוויי דריי! איינס צוויי דריי!...

ה.

אבגעמאכט מיט נפתלצי בעזבאראדקע פאר דריי מאל אין דער וואך אנדערהאלבען שעה אין טאג צוויי קערבליך א חודש, בעט איך איהם נאך אמאל און נאך אמאל עס זאל זיין בסוד סודות, א ניט בין איך א פערפאלענער. ער גיט מיר זיין ערהרענוואָרט, אז עס וועט גישט וויסען דערפון קיין פויגעל.

— מיר זענען אזעלכע מענשען — זאגט ער צו מיר מיט גדלות און מאכט צורעכט דעם קאלנער — וואס קאטארע קיין געלד האבען מיר גיט, נאר יושר און ערהרליכקייט איז ביי אונז פאראן מעהר ווי ביים גרעס־טען גביר! אפשר געפינט זיך ביי דיר עטליכע גראשענס?

איך האפּ ארויס און געב איהם א קערביל. נפתלצי נעמט דאס צו ביי מיר, ווי א פראפעסאר, מיט צוויי פינגער, רופט צו די מוטער חוה, קוקט אן א זייט און מאכט צו איהר:

— נא, קויף עפּיס אנבייסען!

די מוטער חוה נעמט צו ביי איהם דאס קערביל שוין דוקא מיט ביידע הענד און מיט אלע פינגער, בעטראכט דאס דוקא פון אלע זייטען און טהוט א פרעג דעם מאן, וואס זאל זי קויפען?

— וואס דו ווילסט — ענטפערט ער איהר כלומר'שט קאלט־בלוטיג — קויף בולקעס עטליכע, הערינג א צוויי דריי, און דארע־קישקע, און א ציבעלי פערגעס ניט, עסיג און בוימעל, נו, און א גלעזיל בראנפען דארטען...

אז די דאזיגע אלע זאכען זענען בעשאפען געווארען אויפ'ן טיש איז דער עולם אנגעפאלען דערויף מיט אזא איין אפעטיט, גלייך ווי נאך א תענית. עס האט אזש מיך אנגענומען א יצר־הרע, און אז מע האט מיך געבעטען איך זאל געהן צום טיש, האב איך מיך נישט געקאנט אפּ־זאגען, און איך געדענק נישט די צייט ווען איך זאל אזוי הנאה האבען פונ'ם עסען, ווי איך האב הנאה געהאט פון דער דאזיגער סעודה.

נאך דער סעודה האט בעזבאראדקי א ווינק געטהון צו דער קאַ־מאנדע מע זאל זיך נעמען צו די כלים, און מע האט מיך מכבד געווען

ווידער אַמאָל מיט אַ זאַך זיין אייגענע „קאָמפּאָזיציע". די דאָזיגע „קאָמ־פּאָזיציע" האָבן זיי געשפּילט מיט אַזאַ רעש, אַז עס האָט מיר פאַר־טויקעט די אויערן און פאַרטומלט דעם קאָפּ — און איך בין אוועק פון דאָרט אַ שכור'ער פון נפתלי בערזבאַראַדקי'ס „קאָמפּאָזיציע". אַ גאַנץ טאָג אין חדר האָט זיך מיר געדרייט דער רבי מיט די תלמידים מיט די ספרים, און אין די אויערן האָט מיר ניט אויפגעהערט צו קלינגען די „קאָמפּאָזיציע". ביינאַכט איז מיר געקומען צו חלום פּאַגאַניני רייטנדיק אויפ'ן אַשמדאַי און האָט מיר דערלאַנגט מיט'ן פידל איבער'ן קאָפּ, — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי און מיט אַ קאָפּוועהטיק און האָב אָנגעהויבן שיטן מיט ווערטער ווי פון אַ זאַק. וואָס איך האָב גע־רעדט ווייס איך ניט. נאָר מיין עלטערע שוועסטער פּעסיל האָט מיר נאָכדעם דערציילט, אַז איך האָב גערעדט פון היטץ, עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, עפּיס ווילדע נעמען „קאָמפּאָזיציע" פּאַגאַניני"... און נאָך אַ זאַך האָט מיר די שוועסטער דערציילט, אַז אין דער צייט וואָס איך בין געלעגן שלאָף איז מען אַ פּאָר מאָל געווען ביי אונז פון נפתלי דעם כלי זמר, עפּיס אַ באַרוויס יונגיל, געוואָהר ווערן וואָס איך מאַך, האָט מען איהם דורכגעטריבן און פערזאָגט ער זאָל זיך מעהר נישט דערוועגן קומען אַהער...

— וואָס האָט געטהון ביי דיר דעם כלי־זמר'ס יונגיל? — פרעגט מיך מיין שוועסטער און מוטשעט מיך, איך זאָל איהר זאָגען; נאָר איך האַלט זיך איינס: איך ווייס נישט, כ'לעבען, איך ווייס נישט; פון וואַנען זאָל איך וויסען?

— וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס? — זאָגט צו מיר די מאַמע — ביזט שוין קיין עין הרע אַ בחור'ל צו לייטען, מע רעדט דיר שוין שדוכים, און דו האָסט צו טהון מיט שענע חברים. באַרוויסע כלי־זמר'ליך! וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו מיט כלי־זמר? וואָס האָט דאָ געטהון ביי דיר נפתלי דעם כלי־זמר'ס יונגיל?

— וואָסער נפתלי! — זאָג איך און מאַך זיך תמ'עוואַטע — וואָסער כלי־זמר?

— קוק איהם אן דעם תנא! — מישט זיך אריין דער טאטע — ער ווייסט נישט פון וואס צו זאגען! געבאך נאט די נשמה שולדיג! איך אין דיינע יאהרען בין שוין לאנג געווען א חתן, און ער שפּיעלט זיך נאך מיט חברים! טהו זיך אן און גיה אין חדר אריין! טאמער וועט דיך בעגעגענען הערשיל בעל־טאקסע און וועט דיך א פרעג טהון, וואס איז דיר געווען, זאלסט דו זאגען — קדחת. דו הערסט וואס איך רעד צו דיר? קדחת!

איך הויב נישט אן צו פערשטעהן: וואס פאר א מחותן איז דא הערשיל בעל־טאקסע? און צו ליעב וואס בעדארף איך איהם זאגען קדחת?... אין עטליכע וואכען ארום איז מיר פערענטפערט געווארען די קשיא.

ו.

הערשיל בעל טאקסע (אזוי האט מען איהם גערופען דערפאר וואס ער און דער זיידע זיינער האבען פון תמיד אן געהאלטען די טאקסע, ס'איז שוין געווען ביי זיי א חזקה) איז געווען א יונגערמאן מיט א קיילע־דיג בייכיל מיט ארויט בערדיל מיט נאסע אייגעליך און מיט א ברייטען ווייסען שטערען — א סימן פון א קאפּמענש. ער האט טאקי געשמיט אין שטעדטיל פאר א וואוילען יונגען מאן א משכיל, א מושלם, א שיינעם בעל תנ"ך און א שיינעם שרייבער, דאס הייסט ער האט געהאט א שיין הענטיל. מע האט זיך א מאל מיט זיינע כתבים, זאגט מען, ארומגעטראגען און ארומגעפיהרט איבער דער וועלט, און דערצו האט ער געהאט געלד און איין טעכטעריל, א בת־יחידה, א מיידיל מיט רויטע הערליך און מיט נאסע אייגעליך, צוויי טראפּען וואסער הערשיל בעל טאקסע. געהייסען האט זי אסתר און גערופען האט מען זי פערצויגען — „פלעסטעריל"; געווען איז זי ציטעריג און איידעל, מורא געהאט פאר אונז, הדר יונגליך, ווי פאר'ן מלאך המות, ווארום מיר האבען איהר דערקוטשעט, פלעגען זיך רייצען מיט איהר און זינגען לידליך:

אֶסְתֶּרִיל!

פְּלֶעסְטֶעריל!

פַאר וָואס הָאסְט דוּ נִיט ־קֵיין — שְׁוֶועסְטֶערִיל?

דאכְט זִיך וָואס לִיגְט אַזֶעלְכֶס אִין דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער? אַ יָא נָאר נִישְׁט?

פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען פְלֶעג פְּלֶעסְטֶערִיל, אַז זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער פֶערְשְׁטֶעלֶען זִיך דִי אוֹיעֶרֶען אוּן אַנְטְלוֹיפֶען מִיט אַ גֶעוֵויין, בֶּעהַאלְטֶען זִיך בְּחַדְרֵי חֲדָרִים, מוֹרָא הָאבֶען אַרוֹיסְגֵעהְן עֶטְלִיכֶע טֶעג אוֹיף דֶער גַאס.

נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל, בְּשַׁעַת זִי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, אַצוּנְד אִיז זִי שׁוֹין גֶעוָוארֶען אַ מֵיידִיל צוּ לַייטֶען, פֶערְפְלָאכְטֶען זִיךְ אַ רוֹיט צֶעפִּיל אוּן גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטְהוּן, וִוי אַ כַּלָה, נָאךְ דֶער לֶעצְטֶער מָאדֶע. מַיין מַאמֶע האט פוּן איהר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטֶען, פְלֶעגְט זִיך נִישְׁט קֶענֶען אָבְּלוֹיבֶּען פוּן אִיהר: „אַ שְׁטִילֶע טוֹיב“. אֶסְתֶּרִיל פְלֶעגְט אַמָאל, שַׁבָּת, אַרַיינְקוּמֶען צוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶער פֶּעסִיל, אוּן אַז זִי הָאט מִיךְ דֶערְזֶעהֶען פְלֶעגְט זִי וֶוערֶען נָאךְ רוֹיטֶער וִוי זִי אִיז גֶעוֶוען אוּן אַרָאבְּלָאזֶען דִי אוֹיגֶען. אוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער פֶּעסִיל פְלֶעגְט מִיךְ בְּשַׁעַת־מַעֲשֶׂה דַוְקָא צוּרוּפֶען, עֶפִּיס פְרֶעגֶען, אוּן קוּקֶען אוּנְז בֵּיידֶען אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין.

וַיְהִי הַיּוֹם, טְרֶעפְט זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה, עֶס קוּמְט אַרַיין צוּ אוּנְז אִין חֶדֶר אַרַיין דֶער טַאטֶע מַיינֶער מִיט הֶערְשִׁיל בַּעַל־טַאקְסֶע, אוּן נָאךְ זֵיי שְׁלֶעפְּט זִיךְ נָאךְ רֶב שָׁלוֹם־שַׁכְנָא דֶער שַׁדְכָן, אַ יוּד מִיט זֶעקְס פִינְגֶער, מִיט אַ גֶעבְּרַייעֶלְטֶע שְׁוַארְצֶע בָּארְד אוּן אַ גְרוֹיסֶער אֶבְיוֹן. דֶערְזֶעהֶען אַזֶעלְכֶע גֶעסְט הַאפְּט אוֹיף זִיךְ דֶער רֶבִּי רֶב זֶרַח דִי קַאפָּאטֶע מִיטְ'ן הִיטִיל, אוּן מַחְמַת גְרוֹיס אִימְפֶּעט פֶערְקַאטְשֶׁעט זִיךְ אִיהם אֵיין פֵּאָה אַרוּנְטֶער אוֹיף יֶענֶער זַייט אוֹיעֶר, דָאס הִיטִיל פֶערְקְנֵייטְשְׁט זִיךְ אוּן עֶס שְׁטֶעקְט אַרוֹיס אוּנְטֶען דִי יַארְמֶעלְקֶע הֶעכֶער הַאלְבּ אוּן עֶס הוֹיבְּט אִיהם אָהְן פְלַאמֶען אַ בַּאק. מֶע הָאט גֶעקָאנְט אַרוֹיסְזֶעהֶען, אַז דָא אִיז עֶפִּיס נִישְׁט גְלַאט, וּבִפְרַט, אַז רֶב שָׁלוֹם־שַׁכְנָא דֶער שַׁדְכָן שׁוֹין פוּן אַ צַייט, אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרַיינְקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין חֶדֶר אַרַיין עֶפִּיס צוּ אָפְטְלִיךְ, פְלֶעגְט אַלֶע מָאל אַרוֹיסְרוּפֶען דֶעם רֶבִּ'ן אִין הוֹיז אַרוֹיס אוּן דָארְט אַוֶועקְשְׁטֶעהְן מִיט אִיהם

עטליכע מינוט, סודע'ן זיך און שושקען זיך, מאכען בשעת־מעשה מיט די הענד און מיט די פלייצעס און אויסלאזען מיט א זיפץ:

— טא, ממה־נפשך, אויך די אייגענע מעשה, איז דאס בעשערט, וועט דאס מסתמא זיין, וואס קאן מען וויסען וואס?

ביים אריינקומען פון די געסט האט דער רבי רב זרח נישט גע־וואוסט וואס ער זאל טהון, וואו ער זאל זיי בעזעצען, האט ער געחאפט א קיכבענקיל, וואס די רביצין זאלצט דערויף פלייש, און האט זיך פריהער אביסיל ארומגעדרעהט מיט דעם עטליכע מאל הין און צוריק איבער'ן גאנצען חדר, און נאכדעם האט ער דאס קוים אוועקגעשטעלט און האט זיך אליין טאקי אנידערגעזעצט אויף דעם; ער איז אבער באלד אויפגע־שפרונגען ווי איין אבגעבריהטער שטארק צעמישט און האט זיך געחאפט ביי דער אונטערשטער קעשעני פון דער קאפאטע, גלייך ווי ער וואלט עפיס פערלארען א מטמון מיט געלד.

— אט איז א בענקיל, זעצט זיך! — מאכט ער צו די געסט.

— נישקשה, זיצט, זיצט — זאגט צו איהם דער טאטע — מיר זע־נען אריינגעגאנגען צו אייך, רב זרח, נור אויף איין מינוט, זיי וועלען פער־הערען מיין יונגיל תנ"ך.

און דער טאטע ווייזט אן אויף הערשיל בעל־טאקסע.

— אך, מהבתיתי, פאר וואס ניט? — מאכט דער רבי רב זרח און חאפט א תנ"כיל און טראגט דאס אונטער הערשיל דעם בעל־טאקסע, מיט אזא פנים, ווי איינער רעדט: „נא דיר און טהו וואס דו ווילסט!"

הערשיל בעל־טאקסע נעהמט דאס תנ"כיל אין האנד אריין, ווי א מענש וואס איז געניט אין דער סחורה, בייגט איין דאס קעפיל אויף א זייט, מאכט צו איין אייגיל, מישט און מישט און טראגט מיר אונטער דעם ערשטען פסוק פון „שיר השירים".

— שיר השירים נאר? — רופט זיך אן דער רבי מיט א שמייכע־לע, ווי איינער רעדט: קיין הארבערעס נישט געקאנט געפינען?

— שִׁיח הַשִּׁיחִים — עֶנְטְפֶערְט אִיהם הֶערְשִׁיל בַּעַל־טַאקְסֶע (עֶר קָאן נִיט אוֹיסְרֶעדֶען קֵיין „רֵי״ש") — שִׁיח הַשִּׁיחִים אִיז נִיט אַזַא נְחִינְגֶע נָאךְ וִוי אִיה מֵיינְט; שִׁיח הַשִּׁיחִים דַאחְף מֶען פֶעהְשְׁטֶעהְן.

אַוַדַאי! — רוּפְט זִיךְ אָן רֶב שָׁלוֹם־שַׁכְנָא מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶעריל.

דֶער רֶבִּי טְהוּט צוּ מִיר אַ ווִינְק, אִיךְ גֶעה צוּ צוּם טִישׁ, צֶעשָׁאקֶעל זִיךְ אוּנ הוֹיבּ אָן אוֹיף אַ קוֹל מִיט זֵעהר אַ שֵׁיינֶעם נִגוּן:

— שִׁיר הַשִּׁירִים — אַ גֶעזַאנְג אִיבֶּער אַלֶע גֶעזַאנְגֶען. אַלֶע גֶעזַאנְגֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ נָבִיא אוּנ דָאס הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ נָבִיא בֶּן נָבִיא! אַלֶע גֶעזַאנְגֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ חָכָם, אוּנ דָאס הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ חָכָם בֶּן חָכָם, אַלֶע גֶעזַאנְגֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ מֶלֶךְ, אוּנ דָאס הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ מֶלֶךְ בֶּן מֶלֶךְ!

בְּשַׁעַת זִינְגֶען הָאבּ אִיךְ דֶערְוַויל גֶעקוּקְט אוֹיף מַיינֶע פֶערְהֶערֶערְס אוּנ הָאבּ בֶּעמֶערְקְט אוֹיף אִיטְלִיכֶענְס פָּנִים אֵיין אַנְדֶער מִינֶע. בַּיים טַאטֶען אוֹיפְ'ן פָּנִים אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעצֵייכֶענְט גַדְלוּת אוּנ פֶערְגְנִיגֶען. אוֹיפְ'ן רֶבִּינְס פָּנִים אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מוֹרָא אוּנ פַּחַד, טָאמֶער חָלִילָה הָאבּ אִיךְ אַ טָעוּת אוּנ מַאךְ אַ פֶעהלֶער, זַיינֶע לִיפֶּען הָאבֶּען שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֶערֶעדְט מִיט מִיר אִיטְלִיכֶעס וָוארְט. הֶערְשִׁיל בַּעַל־טַאקְסֶע אִיז גֶעזֶעסֶען דֶעם קָאפּ אַ בִּיסִיל אוֹיף אַ זַייט, דָאס גֶעלֶע בֶּערְדִיל אִין מוֹיל, אֵיין אֵייגִיל צוּגֶעמַאכְט, דָאס אַנְדֶערֶע הָאט גֶעקוּקְט אַרוֹיף אוֹיף דֶער סְטֶעלִי אוּנ צוּגֶעהֶערְט ווִי אַ גְרוֹיסֶער, גְרוֹיסֶער מֵבִין. רֶב שָׁלוֹם־שַׁכְנָא דֶער שַׁדְכָן הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט נִישְׁט אַרָאבְּגֶעלָאזְט פוּן אִיהם קֵיין אוֹיג. עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט אַ הַאלְבֶּען נוֹף אַרִיבֶּערְגֶעבּוֹיגֶען אוֹיף צוּפְרִיהֶער, הָאט מִיר מִיטְגֶעהָאלְפֶּען שָׁאקְלֶען זִיךְ אוּנ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען אִין מִיטֶען מִיט אַיין אוֹיסְגֶעשְׁרֵיי, מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער אוּנ מִיט אַ הוּסְט אִינְאֵיינֶעם אוּנ אַ מַאךְ מִיט דֶעם צְוֵוייֶענְדִיגֶען פִינְגֶער:

— אַז מֶע שְׁמוּעֶסְט אַז עֶר יָכוֹלְ'ט — יָכוֹלְ'ט עֶר!

אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם הָאט מ.ן גֶעבְּרָאכֶען טֶעלֶער אוּנ אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען צוּ מַזָל אַ חָתָן פַאר הֶערְשִׁיל בַּעַל־טַאקְסֶע'ס בַּת־יְחִידָ'קֶעלִי — בְּלֶעסְטֶעריל.

ז.

אמאל מאכט זיך א מענש וואכסט אוים אין איין טאג מעהר װי אין אנדערער אין צעהן יאהר. אז איך בין געווארען א חתן, האב איך מיט אמאל דערפיהלט, אז איך בין א „גרויסער“. דאכט זיך דער איינענער וואס פריהער, נאר פארט נישט דער. פונים קלענסטען זכר ביזן רבין רב זרח האט מען אנגעהויבען קוקען אויף מיר שוין מיט גאר אנדער־אויגן — פארט א חתן מיט א זייגער. אויך דער טאטע האט שוין אויפגעהערט צו שרייען אויף מיר; פון פעטש שמועסט מען גיט: ווי אזוי נעהמט מען דאס א חתן מיט א גילדערנעם זייגער און מע פאטשט איהם אוים? א חרפה פאר לייטען און א בזיון פאר זיך אליין! אמת, מע האט אמאל אבגעשמיסען ביי אונז אין חדר א חתן אלי, דערפאר וואס מע האט איהם געחאפט גליטשען זיך מיט אלע שקצים'ליך אויפן אייז, האט טאקי נאכ־דעם געהאט צוטהון דערמיט די גאנצע שטאדט. די כלה זיינע, אז זי איז געוואהר געווארען פון אזא סקאנדאל, האט זי אזוי לאנג געוויינט ביז מע האט אבגעשיקט דעם חתן די תנאים, און דער חתן, אלי הייסט דאס, האט זיך פאר הארצוועהטיג און פאר בזיון געוואלט אריינווארפען אין טייך אריין, איז געווען פערפרוירען דאס וואסער...

כמעט אזא איין אומגליק האט זיך געטראפען מיט מיר, נאר נישט איבער שמיין, און נישט איבערן גליטשען זיך אויפן אייז, נאר איבער א פידעל.

אט איז געווען די מעשה:

ביי אונז אין ווינשענק האבען מיר געהאט איין אפטען גאסט, משעטשעק דעם קאפעלמייסטער, וואס מיר פלעגען איהם רופען: „פאן פולקאווניק“. דאס איז געווען א געזונדער יונג א הויכער, מיט א גרויסער קיילעכיגער באָרד און מוראדיגע ברעמען. גערעדט האט ער אויף א מאדנע געמישט לשון, וואס איז בעשטאנען פון עטליכע שפראך. בשעת רעדען האט ער געמאכט מיט די ברעמען ארויף און אראב; אז ער האט אראבגעלאזט די ברעמען איז דאס פנים געווען שווארץ ווי די נאכט, און אז ער האט זיי אויפגעהויבען — איז דאס געווען קלאהר ווי דער

טאג; ווארום עס האבען זיך געפונען אונטער די דאזיגע געדיכטע ברעמען א פאר העלבלויע, גוטע, שמייכלענדיגע אויגען. געטראגען האט ער א מונדיר מיט גאלדענע קנעפ, און דערפאר טאקי האט ער ביי אונז געהייסען „פאן פולקאווניק”. ביי אונז אין ווינשענק איז ער געווען זעהר איין אפטער גאסט, נישט דערפאר ווייל ער איז געווען א שכור חלילה! נאר מהאי טעמא ווייל דער טאטע מיינער איז געווען א בריה אויף מאכען פון ראזינקעס דעם „בעסטען טהייערסטען אונגערשען ווין”, וואס טשעטשעק פלעג אנקוועלען, זיך גאר ניט קענען אבלויבען פון איהם, ער פלעג ארויפלייגען אויף איהם זיין גרויסע מוראדיגע האנד און זאגען צום טאטען אויף זיין געמישטער שפראך:

— הערר קעלערמייסטער! או טעבי נאילעפשי אונגארווין; נימא טאקי וויגע אין בודאפעשט! פרעדבאהעם! *)

צו מיר איז טשעטשעק תמיד געווען צוגעלאזט, מיך געליבט ואס איך לערען אין חדר, פלעג מיך אפט פערהערען, פרעגען, ווער איז געווען אדאם? און ווער איז געווען איזאק? און ווער איז געווען דזשאזעף?

— יוסף? — פרעג איך איהם — יוסף הצדיק?

— דזשאזעף — זאגט ער.

— יוסף — פערריכט איך איהם נאך אמאל.

— או נאם דזשאזעף, או ואס יאדזשעף — מאכט ער צו מיר און טהוט מיר א קניפ אין בעקיל — דזשאזעף — יאדזשעף. יאדזשעף — דזשאדזעף — וושיסטקא יעדנע, גאנץ ענאל.

— קחי — חי — חי!...

איך בעהאלט דאס פנים אין קולאק און לאך מיך גוט אוים.

נאר פון זינט איך בין א חתן געווארען האט טשעטשעק אויך איינגעהערט זיך בענעהן מיט מיר ווי מיט א קונדעס און האט אנגעהויבען רעדען מיט מיר שוין ווי מיט א גלייכען, דערציילען מעשיות פון פאלק

*) ביי דיר איז דער בעסטער אונגערשער וויין! ניטא אזא ווין אין בודאפעשט! ביי גאט!

און פֿון מוזיקאַנטען (דער „פֿאָן פֿאָלקאָווניק" האָט געהאַט נײַן מאָס רעדט, קײנער האָט אָבער קײן צײַט ניט געהאַט איהם אויסהערען אַהײן מיר).
אײן מאָל האָט ער זיך מיט מיר צערעדט וועגען שפּיעלען. האָב איך איהם אַ פֿרעג געטהון:

— דער פֿאָן פֿאָלקאָווניק שפּיעלט אויף וואָסער אינסטרומענט?

— נאַ וושיסטקיך אינסטרומענטו — *) מאַכט ער צו מיר און הויבּט אויף אויף מיר די ברעמען.

— אויפֿ'ן פֿידעל אויך? — פֿרעג איך איהם. און ער בעקומט מיט אַמאָל אין מײַנע אויגען אַ פּנים פֿון אַ מלאך.

— קום צוגעהן אַמאָל צו מיר — מאַכט ער — וועל איך דיר שפּיעלען.

— ווען קאָן איך — זאָג איך — צו דיר קומען, פֿאַן פֿאָלקאָווניק. אַז ניט שבּת? נאָר בתּנאַי קײנער זאָל ניט וויסען; זאָגסט דו מיר צו?

— פֿרעד באָהעם! — מאַכט ער צו מיר און הויבּט אויף אויף מיר די ברעמען.

ח.

טשעטשעק האָט געוואוינט ווייט ווייט אונטער'ן שטאָדט, אין אַ קלײן ווײַס שטיבּיל, מיט קלײנע פֿענסטערליך, מיט געפֿאַרבּטע לאָדען, מיט אַ גרינעם גאָרטען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פֿון דאָרטען מיט גרויס גדלות אַ סך הויכע געלע סאָנישניקעס, ווי עפּיס רעקטס, און האָבען אָנגעבויגען עטוואָס די קעפּליך אויף אַ זײַט, אַביסיל געשאָקעלט זיך און האָבען ווי גערופען מיך צו זיך: „אַהער, צו אונז, בּחורל! דאָ איז גראָז, דאָ איז פֿרײַ, דאָ איז ליכטיג, דאָ איז פֿריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט!..." און נאָך יענעם עפּוש מיט דער היטץ מיט'ן שטויב וואָס אין ־־ט, און נאָך יענעם אײַנגעשאַפּט מיט'ן געשרײַ מיט'ן טומעל וואָס

---

*) אויף אַלע כּלים.

אין חדר, גליסט זיך טאקי אהער, ווארום דא איז גראס, דא איז פריי, דא איז ליכטיג, דא איז פריש, דא איז ווארעם, דא איז גוט! עס גליסט זיך לויפען, שפרינגען, שרייען, זינגען; אדער גאר א ווארף טהון זיך אויף דער הויכער ערד מיט'ן פנים אינ'ם גרינעם שמעקענדיגען גראז אריין. גאר, אוי וועה, נישט פאר אייך יודישע קינדער! געלע סאנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, א לויטערער הימעל — האט קיין פאר־איבעל נישט, ס'איז נישט אויף אייער מיסט געוואקסען געווארען!...

בעגעגענט האט מיך א שווארצער קודלאטער הונט מיט רויטע פייערדיגע אויגען. ער איז אויף מיר אנגעפאלען מיט אזא רשעות, אז ס'איז מיר שיער די נשמה ארויסגעפאלען. א גליק וואס ער איז געווען צוגע־בונדען אויף א שטריק. דערהערט מיין געשריי איז טשעטשעק ארויס־געלאפען אהן א מונדיר און האט אנגעהויבען שטראפען דעם הונט ער זאל אנשטומט ווערען — און ער איז אנשטומט געווארען. נאכדעם האט ער מיך אנגענומען פאר א האנד, צוגעפיהרט מיך גלייך צום שווארצען כלב, געזאגט איך זאל נאר קיין מורא ניט האבען, ער וועט מיך ניט זאטשעפען; אסימן, זאגט ער, איך זאל איהם א גלעט טהון איבער די האר, און נישט לאנג געטראכט נעמט ער מיין האנד און פיהרט מיט איהר איבער'ן הונטס פעל, רופט איהם אן בשעת מעשה מיט עטליכע מאדנע נעמען און זאגט איהם גוטע ווערטער. דער שווארצער חברה מאן לאזט אראב דעם וויידיל, בייגט איין דעם קאפ, בעלעקט זיך מיט'ן צונג און ווארפט אויף מיר א קוקיל מן הצד, ווי איינער רעדט: „דיין גליק וואס דער פריץ שטעהט דא, וואלסט שוין אוועקגעגאנגען פון דאנען אהן א האנד"... איבערגעלעבט די פחדים פונ'ם הונט און אריינגעגאנגען מיט'ן „פאן פולקאווניק" אין שטוב אריין, בין איך נבהל ונשתומם געווארען; אלע ווענט זענען פערהאנגען פון אויבען ביז אראב מיט ביקסען, און אויף דער ערד ליגט א פעל מיט א קאפ פון א לייב אדער א לעמפערט מיט מורא'דיגע שארפע ציינער. מילא דער לייב איז נאך א האלבע צרה — פארט א געפגר'טער; אבער די ביקסען, די ביקסען?... ס'איז מיר נישט איינגעגאנגען די פרישע בלאטען מיט די שענע עפעל, וואס דער בעל־

חבית האט מיך מיט זיי מכבד געווען פון זיין אייגענעם גארטען; מיינע אויגען האבען נישט אויפגעהערט צו שפרינגען פון איין וואנט אויף דער אנדערע... נאר שפעטער, אז טשעטשעק האט ארויסגענומען פון א רויט שאכטעל א פידעלע, א קליינס, א קיילעכיגס, מיט א מאדנע בייכעלע, האט ארויפגעלייגט אויף דעם די גרויסע צעשפרייטע בארד און די גרויסע געזונדע האנד און האט געגעבען דעם ערשטען פיהר עטליכע מאל הין און צוריק מיט'ן סמיטשיק און עס האבען זיך געגעבען א גאס די ערשטע עטליכע מעלאדיען, האב איך אין איין אויגענבליק פערגעסען דעם שווארצען בלב, מיט'ן שרעקליכען לייב, מיט די אנגעלאדענע ביקסען, — איך האב נור געזעהען פאר זיך טשעטשעקס גרויסע צעלאזטע בארד מיט זיינע געדיכטע ארויבגעלאזטע ברעמען, איך האב נור געזעהען א קיילעכיג פידעלע מיט א מאדנע בייכיל, און פינגער וואס טאנצען איבער די סטרונעס מיט אזא מהירות, וואס א מענשענס שכל איז גאר ניט אומשטאנד מישיג צו זיין, וואו נעמט מען דאס אזוי פיעל פינגער?

נאכדעם איז פערשוואונדען געווארען טשעטשעק מיט זיין צעשפרייטער בארד מיט זיינע געדיכטע ברעמען מיט זיינע וואונדערליכע פינגער און איך האב שוין ניט געזעהען פאר זיך גארנישט. איך האב נאר געהערט א זינגען, א קרעכצען, א וויינען, א חליפען, א רעדען, א ברומען, — משונה מאדנע קולות א זעלכע, וואס איך האב אויף מיין לעבען נישט געהערט קיין מאל! זיסע קולות ווי האניג, גלאטע ווי בוימעל האבען זיך געגאסען — געגאסען גלייך אין הארצען אריין אהן איין אויפהער און מיין נשמה איז אוועק ווייט־ווייט פון דאנען, אין איין אנדער וועלט אריין, אין א גן־עדן פון סאמע קולות, פון גאלע געזאנגען...

— הארבאטע חעש? *) — רופט זיך אן צו מיר טשעטשעק, לייגט אוועק דאס פידעלע און טהוט מיר א פאטש אין פלייצע.

איך האב דערפיהלט, אז איך בין ארואבגעפאלען פונ'ם זיבעטען הימעל אראב אויף דער ערד.

*) טיי ווילסט דו?

פון דעמאלט אן האב איך אנגעהויבען צו געהן אהער אלע שבת ביימאג הערען טשעטשעשקין שפיעלען אויפ'ן פידעל. איך פלעג שוין געהן גלייך, נישט מורא געהאט פאר קיינעם און אפילו מיט'ן שווארצען כלב וועגען מיר געווארען אזוי בעקאנט, אז ער האט מיך דערזעהען פלעג ער דרעהען מיט'ן וויידיל און זיך וועלען ווארפען אויף מיר, א לעק טהון די האנד, פלעג איך איהם נישט לאזען: „לאמיר בעסער זיין גוטע פריינד פון דער ווייטען!"

אין דער היים האט נישט געוואוסט קיין פויגעל, וואו איך פער־ברענג דעם שבת — פארט א חתן — און מע וואלט נישט געוואוסט דערפון עד היום, עס זאל זיך ניט געוועהן טרעפען מיט מיר א נייער אומ־גליק, א גרויסער אומגליק, וואס ווערט דא בעשריבען אינם קאפיטעל ט.

ט.

דאכט זיך וועמען בעדארף עס אנגעהען למשל אז א יודיש בחור'ל געהט זיך שבת ביימאג שפאצירען אביסיל ווייטער אונטער דער שטאדט? צי ס'איז טאקי מעהר נישטא וואס צו טהון, נאר נאכקוקען, אינזינען האבען יענעם? וואס העלפען אבער די אלע טענות, אז עס ליגט שוין אזוי ביי אונז אין דער נאטור, ביי יודען הייסט דאס, גוט צוקוקען זיך צו יענעם, אכטונג געבען, געפינען חסרונות און געבען עצות. למשל. צו־געהן צו א ווילד פרעמדען בשעת ער דאווענט און צערעכט מאכען איהם דעם „של־ראש" פון די תפילין; אדער אבשטעלען איהם בשעת ער לויפט און איז פערטראגען אז עס האט זיך ביי איהם ד א כ ט ז י ך פערקאטשעט א הויז; אדער אנווייזען יענעם מיט'ן פינגער, ער זאל ניט וויסען וואס איהר מיינט: צי די נאז, צי די בארד, צי וועלכע גוטע יאהר? אדער צו־נעמען ביי יענעם פון די הענד בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפיס עפענען און זאגען איהם: איהר קאנט נישט, לאזט מיך! אדער אבשטעלען זיך בשעת יענער בויעט א שטוב און אויסזעצען איהם א חסרון, אז די סטעלע איז דאכט זיך צו הויך, די חדרים צו גראם און די פענסטער אומ־

געלימפּערט בּרייט, האָטש נעם צעוואַרף די שטוב און שטעל זיך בּויען נאָר איבּער אַ נייס!... אָט אַזוי, הערט איהר איז שוין בּיי אונז איינגעפיהרט פון ־קדמונים, פון ששת ימי בּראשית. מיר וועלען מיט אייך די וועלט נישט איבּערמאַכען, מיר זענען דאָס גאָר נישט מחויב...

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט אייך שוין זיין רעכט, אַז אפרים קלאַץ, אַ יוד אַ ווילד פרעמדער, וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט אונז אַ קנעפּיל, האָט נאָכגעקוקט נאָך מיר, נאָכגעשפּירט און אָנגעשמעקט וואָהין איך געה, און האָט מיר צוגעשטעלט אַ בּייגעלע, געשוואָרען אַז ער האָט אַליין געזעהען מיך עסען טרפות בּיים „פּולקאָווניק" און רויכערען אַ פּאַפּיראָס אום שבּת, ער זאָל אַזוי זעהען, זאָגט ער, בּיי זיך אַלדעם גוטס, אַ ניט זאָל ער ניט דערלעבּען, זאָגט ער, קומען אַהין וואָהין ער געהט, און אויבּ ער זאָגט אַ דבר שקר אויף אָט אַזוי פיעל, זאָל זיך איהם שטעלען, זאָגט ער, דאָס מויל אויף אַ זייט און עס זאָלען איהם אַרויס בּיידע אויגען!

— אָמן הלואי! — האָבּ איך געזאָגט און האָבּ געהאַפּט פונ'ם מאַטען אַ פרישען פּאַטש, איך זאָל ניט זיין ־קיין ־עזות־פּנים... נאָר איך פערהאַפּ, אַזוי דאַכט זיך מיר, די לאָקשען פאַר די פיש, איך האָבּ נאָר פערגעסען אייך דערצעהלען, ווער איז געווען אפרים קלאַץ, און וואָס איז ער געוועזען, און ווי אַזוי איז געווען די מעשה.

אין עק שטאָדט, אויף יענער זייט בּריק, איז געזעסען אַ יוד אפרים קלאַץ. פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען קלאַץ? ער האָט אַמאָל געהאַנדעלט מיט געהילץ, היינט האַנדעלט ער שוין ניט, איבּער אַ מעשה, אַ בּלבּול, מע האָט אויסגעטרייסעלט בּיי איהם אַ פרעמדען קלאַץ מיט אַ פרעמדער קליימע, האָט ער געהאַט אויף זיך אַ פּעקיל, אַ לאָדעניש, אַ שלעפּעניש, קוים קוים אויסגעדרעהט פון טורמע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָוועקגעוואָרפען אַלע מסחרים און האָט זיך גענומען צו שטאָדט־זאַכען, אַריינקוקען אין קהל'שע ענינים, צעך, טאַקסע, בּית־המדרש... תּחילת איז געווען נישט אַזוי גוט, ער האָט געהאַט בּזיונות; נאָר וואָס ווייטער ווייטער האָט ער זיך אַריינגעדרעהט, איינגעגעסען אין די בּיינער

אַרײַן, גענעבּן אָנצוהערענישׁ, אַז ער װײסט „װאו אַ טיר עפענט זיך"...
און אפרים איז געװאָרן מיט דער צײַט אַ פּאַרשוין אַ ניצליכער, אַ נײטיגער, װאָס מע קאָן זיך אָהן איהם ניט בּעגעהן. אָט אַזוי חאַפּט זיך אַרײַן אַ װאָרעם אין עפּיל אַרײַן, בּעט זיך אוים גאַנץ בּרײטליך, מאַכט זיך אַ װײכען געלעגער און װערט דאָרט אַ הײמישער אַ גאַנצער בּעל־הבּית.

געװען איז אפרים אַ נידעריטשקער, געהאַט קורצע פיסעליך, קלײנע הענטעליך, רויטע בּעקעליך, און אַ געננגיל אַ גיבּס, מיט אַ טענציל און מיט אַ דרעה מיט'ן קעפּעלע, גערעדט האָט ער גיך מיט אַ קװיטשיל, און געלאַכט האָט ער מיט אַ דריבּנע געלעכטעריל, װי מע שיט אַרבּעס־ליך. אַנקוקען האָבּ איך איהם נישט געקאָנט — איך װײס ניט פאַר װאָס. אַלע שבּת בּײטאָג װען איך בּין געגאַנגען צו טשעטשעקין אָדער פון טשעטשעקין, פּלעג איך איהם בּעגעגענען אויפ'ן בּריק געהן שפּאַצירען אין אַ לאַנגען געלאַטעטען שבּת'דיגען לעטניק אָהן די אַרבּעל. ער איז געגאַנ־גען די הענד פערלײגט אַרינטער און אונטערגעזוגגען אויף װעהר אַ דין קוֹשיל און דער לאַנגער לעטניק האָט איהם אונטערגעפּאַטשט פון אונטען אין די פּיאַטע.

— גוט שבּת! — זאָג איך איהם.

— גוט שבּת — מאַכט ער — װואוהין געהט דאָס אַ יונגיל?

— גלאַט אַזוי — זאָג איך — אויפ'ן שפּאַציר.

— אויפ'ן שפּאַציר? אײנער אַלײן? — מאַכט ער, און קוקט מיר אין די אויגען אַרײַן מיט אַזאַ מין שמײכעלע, װאָס ס'איז שװער צו טרעפען, װאָס מײנט ער דערמיט: צי ס'איז אַ גרויס בּריה'שאַפט װאָס איך שטעל זיך אײן געהן אײנער אַלײן, צי ס'איז אַ חכמה, צי אַ נאַרישקײט?...

י.

אײן מאָל, געגאַנגען צו טשעטשעקין, האָבּ איך בּעמערקט, אַז אפרים קלאָץ קוקט מיר עפּיס װעהר שטאַרק נאָך; האָבּ איך זיך אָבּגע־שטעלט אויפ'ן בּריק און געקוקט אין װאַסער אַרײַן, האָט זיך אפרים אויך

געשטעלט און אויך געקוקט אין וואסער אריין. האב איך זיך געלאזט געהן צוריק, ער געהט אויך. האב איך מיך געלאזט געהן ווידער אהין — ער אויך. נאכדעם איז ער פערפאלען געווארען. שפעטער, געזעסען מיט משעשקען ביים טיש און געטרונקען טיי, האבען מיר דערהערט דעם שווארצען כלב בילען אויף עמיצען זעהר שטארק און רייסען זיך פון דער שטריק. א קוק געטהון אין פענסטער, האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך זעה עפּיס א נידעריגס, א שווארצינגס מיט קליינע פיסעליך, לויפט—לויפט און ווערט פערשווינדען. נאכ'ן נעגגיל וואלט איך געמעגט שווערען, אז ס'איז אפרים קלאץ.

כך הוה. איך בין געקומען שבת צו נאכט'ס אהיים, שוין נאך הבדלה, מיט א פערפלאמט פנים, און האב געטראפען אפרים'ן זיצען ביים טיש, ער האט עפּיס זעהר שטארק גערעדט און געלאכט מיט זיין מאדנעם געלעכטעריל. דערזעהען מיך, איז ער אנגעשוויגען געווארען און געקלאפּט מיט די קורצע פינגערליך איבער'ן טיש. אקעגען איהם איז געזעסען דער טאטע טויט ווי די וואנד און האט זיך געדרעהט די בארד, געריסען די האר איינציגווייז — א סימן אז ער איז אין כעס.

— פון וואנען געהסט דו דאס? פרעגט מיך דער טאטע און קוקט אויף אפרים'ן.

— פון וואנען — זאג איך — זאל איך געהן?

— איך ווייס — זאגט ער — פון וואנען? זאג דו פון וואנען, דו ווייסט בעסער.

— פון בית המדרש — זאג איך.

— און וואו — זאגט ער — ביזט דו געוועזען א גאנצען טאג?

— וואו — זאג איך — זאל איך זיין?

— איך ווייס — זאגט ער — וואו? זאג דו וואו, דו ווייסט בעסער.

— אין בית המדרש — זאג איך.

— וואס האסט דו געטהון — זאגט ער — אין בית המדרש?

— וואס זאל איך טהון — זאג איך — אין בית המדרש?

— איך ווייס — זאגט ער — וואס דו זאלסט טהון?

— איך האָב געלערנט — זאָג איך.

— וואָס האָסט דו — זאָגט ער — געלערענט?

— וואָס זאָל איך לערנען? זאָג איך.

— איך ווייס — זאָגט ער — וואָס דו זאָלסט לערנען?

— גמרא — זאָג איך — האָב איך געלערענט.

— וואָסער גמרא — זאָגט ער — האָסט דו געלערענט?

— וואָסער גמרא — זאָג איך — זאָל איך לערנען?

— איך ווייס — זאָגט ער — וואָסער גמרא זאָלסט דו לערנען?

— די גמרא „שבת" זאָג איך — האָב איך געלערענט.

דאָ האָט זיך אפרים קלאָץ צולאַכט מיט זיין דריבנע געלעכטעריל, און מעהר האָט שוין אַ פּנים דער טאַטע נישט געקאָנט איבערטראָגען, ער האָט זיך אויפגעהאַפּט פונ'ם אָרט און האָט מיר אויפגעוואָרפען צוויי הילכעדיגע פלאַם־פייערדיגע פּעטש, עס זענען געפלויגען ביי מיר פינקען פון די אויגען. האָט דערהערט די מאַמע פונ'ם אַנדערען חדר, איז זי אַריינגעלאָפען מיט אַ געשריי:

— נחום! גאָט איז מיט דיר! וואָס טהוסט דו? אַ בחור אַ חתן, פאַר דער חתונה? בערעכען זיך, טאָמער חלילה וועט געוואָהר דער מחותן?!

. . . .

די מאַמע איז געווען גערעכט. דער מחותן איז געוואָהר געוואָרען פון דער גאַנצער מעשה — אפרים האָט דאָס איהם אַליין איבערגעגעבען, און האָט דערלעבט אָן איהם אַ נקמה, וואָרום זיי זענען תמיד געווען צווישען זיך אויף מעסער שטעך.—

* *
*

אויף מאָרגען האָט מען מיר אָבגעשיקט די תנאים מיט די כלה מתנות און איך בין געוואָרען אויס חתן. דאָס האָט דעם טאַטען אַזוי גע־קרענקט, אַז ער איז פערשלאָפט געוואָרען, געלעגען צו בעט אַ היבשע צייט, מיך נישט געלאָזט פאַר די אויגען, נישט געוואָלט מיין פּנים אָנ־קוקען, וויפיעל די מאַמע האָט נישט געטענה'ט פאַר מיר, מיך געוואָלט פערענטפערען.

— דער בזיון! — האט ער געזאגט — דער בזיון איז מיר ערגער פון אלץ!

— א שענע ריינע כפרה! — האט איהם די מאמע אויסגערעדט דאס הארץ — גאט וועט מוזען צושיקען איין אנדערען שדוך, וואס זאל מען טהון? זיך געמען דאס לעבען? מסתמא איז דאס ניט זיין זווג...

צווישען די, וואס זענען געקומען מבקר חולה זיין דעם טאטען, איז געוועזן אויך טשעטשעק דער קאפעלמייסטער.

דער טאטע, אז ער האט איהם דערזעהען, האט ער אויסגעטהון די יארמעלקע, זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעטיל, האט איהם אויסגעצויגען די דארע טרוקענע האנד, א קוק געטהון איהם אין די אויגען אריין, און א זאג געטהון:

— אוי, פאן פולקאווניק! פאן פולקאווניק!..

מעהר האט ער נישט געקאנט אויסרעדען קיין ווארט, ווארום עס האבען איהם געשטיקט די טרעהרען און דער הוסט...

דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבען האב איך דערזעהען דעם טאטען וויינען. עס האט מיך אנגענומען ביים הארצען און עס האט מיך פארקלעמט ביי דער נשמה. איך בין געשטאנען געקוקט אין פענסטער און געשלונגען די טרעהרען. אין דער מינוט האב איך באמת חרטה געהאט אויף דער חתונה וואס איך האב אנגעארבייט. איך האב מיך געשלאגען על חטא מיט'ן גאנצען הארצען און האב מיר געגעבען דאס ווארט איך זאל קיין מאל, קיין מאל נישט דערצערגענען דעם טאטען, קיין מאל, קיין מאל נישט אנטהון איהם קיין סורים, — אוים פידעל.

קאטאלאג פון פערלאג „פראגרעס" ווארשא. 1

שריפטען
ד. קאפלאנאוויטש

ערשטער באנד — פרייז 60 קאפ׳.

צווייטער באנד (דרוקט זיך) — פרייז 60 קאפ׳.

שריפטען
פון
אלגין

פרייז 80 קאפ׳.

דער פערלאג „פראגרעס" ווארשא

האט יעצט אב געדרוקט

א נייעם באנד

שריפטען י. ל. פרץ

אונטערן נאמען

„פאלקסטימליכע געשיכטען"

מיט דאס נייעסטע בילד פון אוטאר.

פרייז 1 רובל 25 קאפ׳.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книгоиздательство „Прогрессъ".

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36.

אריגינעלע ווערק

פֿון יודישע שריפֿטשטעלער.

	ק׳	ר׳
א. מ. ווײַסענבערג: א שטעדטיל.	[illegible]	
" קנאה און תאוה.	30	
" ערצעהלונגען.	30	
" נאוועלען.	30	
יונה ראזענפֿעלד: שריפֿטען.	75	
" קאנקורענטען.	5	
ד. בערגעלסאהן: ארום וואקזאל.	35	
דוד פּינסקי: ר׳ שלמה ערצעהלונג.	15	
" די יונגע ליעבע.	5	
" אלטינקע.	5	
אינ. בערענשטײַן: שפּריכווערטער	30	
ה. ד. נאמבערג: ערצעהלונגען.	50	
מענדעלע מוכר ספרים: אלטע מעשה	25	
" אין יענער צײַט.	10	
[illegible]	19	

Книжн. маг. Я. Лидскій, Варшава, Налевки 36

פֿערלאג „מענדעלע“

וואס האט זיך געגרינדעט מיט׳ן צוועק
ארויסגעבען אלע ווערק פֿון דעם זיידען

מענדעלע מוכר ספרים

צו זײַן 75 יאהריגען יובילעאום, האט ארויסגעגעבען
פֿאלגענדע ווערק פֿערגרעסערטע און פֿערמעהרטע און
אויסגעבעסערטע פֿון דעם אויטאר.

שוין ערשיענען:

1 באנד פֿאררעדע פֿון יובילעאום-קאמיטעט. פֿאררעדע פֿון אויטאר. ביאגראפֿיע פֿון מענדעלען דורך ד. פֿרישמאן. אלטע מעשה.

2 באנד אין יענער צײַט. שלמה ר׳ חיים׳ס.

3 באנד די קליאטשע.

4 באנד דאס יודעל.

5 באנד די טאקסע. ענטדעקונג פֿון וואלין. א שטאדט און מזרח.

6 באנד דאס קלײַן מענשעלע.

7 באנד ווינשפֿינגעריל.

8 באנד בעמק הבכא. (II טייל פֿון ווינשפֿינגעריל).

9 באנד דער פֿריזיוו. די גראהע האר.

10 באנד מסעות בנימין השלישי. (דער יודישער דאן קיכאט). לופֿט באלאן.

שלום-עליכם'ס

ווערק

איבערגעארבייט און רעכט אויסגעבעסערט.

צווייטער באנד.

אויסגאבע פון שלום-עליכם'ס יובילעאום-קאמיטעט.

ווארשא, תרס"ט.

דרוק פון נ. כטאראוואלסקי, ווארשא, גענשע 18.

חַנוּכָּה־גֶעלְד.

א.

טְרעפְט, קינְדֶער, וָואסֶער יום־טוב איז דער בֶּעסְטֶער פון אַלֶע יָמִים־טוֹבִים ?

חֲנוּכָּה.

אַכְט טָאג כֵּמֶדֶר נִישְׁט גֵעהֶען אין חֵדֶר, עֶסֶען לַאטְקֶעס מִיט שְׁמַאלְץ, שְׁפִּילֶען אין דְרֵיידִיל און בֶּעקוּמֶען פון אַלֶע זַייטֶען חֲנוּכָּה־גֶעלְד — נוּ, בֶּעדַארְף מֶען נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶען יום־טוב ?

ווִינְטֶער. דְרויסֶען איז קַאלְט, דֶער פְרָאסְט בְּרֶענְט מִיט סַכָּנוֹת, דִי פֶענְסְטֶער זֶענֶען פֶערְקָאוֶועט, בֶּעדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי, צֶעמָאלְט אויפְ׳ן שֶׁעןְסְטֶען אַרְט און אין שְׁטוּבּ איז וַוארֶעם — מְחַיֶה נְפָשׁוֹת. דָאס זִילְבֶּערְנֶע חֲנוּכָּה־לֶעמְפִּיל שְׁטֵעהְט צוּגֶעגְרֵייט נָאךְ פון בַּייטָאג. דֶער טַאטֶע גֵעהְט אוּם אִיבֶּער שְׁטוּבּ דִי הֶענְד אַרוּנְטֶער און דַאוֶוענְט מַעֲרִיב, אויסְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה גֶעמְט עֶר אַרוּס פון טִישְׁקֶעסְטִיל אַ וֶועקְסֶען לֶעכְטִיל (דֶעם שַׁמָשׁ), זָאגְט „עָלֵינוּ״ און מַאכְט צוּ אוּנְז (צוּ מִיר מִיט מַיין יוּנְגֶערֶען בְּרוּדֶער מָאטִיל) אויף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ :

— אִי — אָ ! שֶׁהוּא נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיוֹסֵד הָאָרֶץ, אִי — נוּ — אָ !

אִיךְ און מַיין בְּרוּדֶער מָאטִיל פֶערְשְׁטֵעהֶען נִיט וָואס עֶר מֵיינְט און מִיר פְרֶעגֶען אִיהם :

— וָואס ? אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע ?

דֶער טַאטֶע בֶּעוַוייזְט מִיט דֶער הַאנְד אַהִין אין קִיךְ אַרַיין.

— אִי — אָ — אָ ! וְעַל כֵּן נְקַוֶּה לְךָ, אִי — אָ נוּ !

— וָואס ? אַ קָאלָאדַאטְשְׁטֶעסֶער ? אַ שֶׁעְרִיל ? דָאס אויבֶּערְ׳שְׁטֶע פוּנ׳ם שְׁטֵייסֶעל ?

— מְט—אַי—אִי—אָ—נוּ—פֶּע ! אִמִי ! אִמִי ! בַּיּוֹם הַהוּא אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד, דִי מַאמֶע ! רוּפְט אַרַיין דִי מַאמֶע, לָאז זִי גֶעהְן הֶערֶען בֶּענְשֶׁען חֲנוּכָּה-לִיכְטְלִיךְ.

אִיךְ אוּן מַיין בְּרוּדֶער מָאטִיל לָאזֶען זִיךְ לוֹיפֶען בֵּיידֶע אֵיינְס אִיבֶּער'ן אַנְדֶערֶען.

— מַאמֶע! גִיכֶער, חֲנוּכָּה לִיכְטְלִיךְ!

— אוֹי, אַ מַכָּה אִיז מִיר, חֲנוּכָּה־לִיכְטְלִיךְ! — זָאגְט דִי מַאמֶע און וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע אַרְבֵּייט אִין קִיךְ (מֶע הָאט גֶעקוֹילֶעט גֶענְז, מֶע פְּרֶעגֶעלְט שְׁמַאלְץ, מֶע הָאט גֶערֶעשְׁטְשִׁינֶעט לַאטְקֶעס) אוּן לָאזְט זִיךְ לוֹיפֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן נָאךְ אִיהר — בְּרַיינֶע דִי קֶעכִין, אַ שְׁוַוארְצֶע יוּדִינֶע מִיט וָואנְצִים, מִיט אַ פֶעט פָּנִים אוּן מִיט תָּמִיד פֶעטֶע אוֹיסְגֶע־שְׁמִירְטֶע הֶענְד. דִי מַאמֶע שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אִין אַ זַייט אוּן מַאכְט אַ פְרוּם פָּנִים אוּן בְּרַיינֶע דִי קֶעכִין בְּלַייבְּט שְׁטֶעהְן בַּיי דֶער טִיר, ווִישְׁט דִי הֶענְד אִינְ'ם קוֹיטִינֶען פַארְטוּךְ, טְהוּט אַ שְׁמִיר מִיט דֶער פֶעטֶער הַאנְד אִיבֶּער דֶער נָאז פוּן אוּנְטֶען אַרוֹיף אוּן לָאזְט אִיבֶּער אַ שְׁוַוארְצֶען צֵייכֶען אִיבֶּער'ן גַאנְצֶען פָּנִים. מִיר זֶענֶען שְׁטַארְקֶער פוּן אַייזֶען, אִיךְ אוּן מַיין בְּרוּדֶער מָאטִיל, אַז מִיר הַאלְטֶען זִיךְ אַיין אוּן שִׁיסֶען נִיט אוֹיס קֵיין גֶעלֶעכְטֶער.

דֶער טַאטֶע גֵעהט צוּ מִיט'ן אָנְגֶעצוּנְדֶענֶעם שַׁמָּשׁ צוּם חֲנוּכָּה־לֶעמְפִּיל, בּוֹיגְט זִיךְ אָן אוּן מַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט'ן בֶּעקַאנְטֶען נִגוּן „בָּרוּךְ אַתָּה!“ אוּן לָאזְט אוֹיס: „לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל חֲנוּכָּה!“

דִי מַאמֶע עֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם „בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, אָמֵן“, אוּן בְּרַיינֶע שָׁאקֶעלְט צוּ מִיט'ן קָאפּ אוּן מַאכְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אַזֶעלְכֶע פִּיסְקֶעס, אַז אִיךְ אוּן מַיין בְּרוּדֶער מָאטִיל הָאבֶּען מוֹרָא אַ קוּק טְהוּן אֵיינְס אוֹיף דָאס אַנְדֶערֶע.

„הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאָנוּ מַדְלִיקִין“ — זִינְגְט דֶער טַאטֶע אוּנְטֶער דֶער נָאז אוּן שְׁפַּאצִירְט אַרוּם הִין אוּן צוּרִיק אִיבֶּער'ן זַאל, קוּקְט אוֹיפ'ן חֲנוּכָּה־לֶעמְפִּיל, זָאגְט אוּן זָאגְט אוּן הֶערְט גָאר נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגֶען. מִיר וָואלְטֶען וֶועלֶען עֶס זָאל שׁוֹין הָאבֶּען אַיין עֶק, עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען צוּ דֶער קֶעשֶׁענֶע, צוּם בַּייטֶעלֶע. מִיר ווִינְקֶען זִיךְ אִיבֶּער, שְׁטוּפֶּע אוּנְטֶער אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע:

— מָאטִיל, גֵעה צוּ, זָאג אִיהם חֲנוּכָּה־גֶעלְד.

— וָואס עֶפּיס איך זאָל זאָגען חֲנוּכָּה-גֶעלְד ?

— אַזוֹי, וָוארוּם דוּ בּיזְט קְלֶענֶער, בֶּעדַארְפְסְט דוּ בֶּעטֶען חֲנוּכָּה גֶעלְד.

— מַאמֶער פֶּערְקֶעהְרְט, דוּ בּיזְט עֶלְטֶער, בֶּעדַארְפְסְט דוּ בֶּעטֶען חֲנוּכָּה-גֶעלְד ?

דֶער טַאטֶע הֶערְט גַאנְץ גוּט, אַז מִיר רֶעדֶען פוּן חֲנוּכָּה-גֶעלְד, נָאר עֶר מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר הֶערְט נִיט. שְׁטִיל, גִישְׁט גֶעחַאפְּט, גֶעהט עֶר צוּ צוּם טִישְׁקֶעסְטִיל אוּנ צֶעהלְט גֶעלְד. עֶס גֶעהט אוּנְז אִיבֶּער אַ קְלַיין פְרֶעסְטִיל אִיבֶּער'ן לַייבּ, עֶס צִיטֶערֶען דִי הֶענְד, עֶס קְלַאפְּט דָאס הַארְץ. מִיר קוּקֶען אוֹיף דֶער סְטֶעלִי, קְרַאצֶען זִיךְ אוּנְטֶער דֶער פֵּאָה, מַאכֶען זִיךְ כְּלוֹמֶר'שְׁט קַאלְטְבְּלוּטִיג, גְלַייךְ וִוי נִיט אוּנְז מֵיינְט מֶען.

דֶער טַאטֶע טְהוּט אַ הוּסְט.

— הַם... קִינְדֶער, קוּמְט נָאר אַהֶער.

— הַא ? וָואס אִיז ?

— נַאט אַייךְ חֲנוּכָּה-גֶעלְד.

בֶּעקוּמֶען אוּנְזֶער חֲנוּכָּה-גֶעלְד, לָאזֶען מִיר זִיךְ גֶעהְן, אִיךְ אוּנ מַיין בְּרוּדֶער מָאטִיל, פְרִיהֶער פַּאוָואלִי וִוי דִי סְטַאטִיקֶעס, אוּנ נָאכְדֶעם גִיכֶער אוּנ גִיכֶער מִיט אַ שְׁפְּרוּנְג אוּנְטֶער אוּנ מִיט אַ טֶענְצִיל, אוּנ בִּיז מִיר קוּמֶען אִין אוּנְזֶער חֵדֶר'ל אַרַיין קָאנֶען מִיר זִיךְ נִיט אַיינְהַאלְטֶען, קוּלֶיען זִיךְ אִיבֶּער דְרַיי מָאל מִיטְ'ן קָאפּ אַרָאבּ מִיט דִי פִּיס אַרוֹיף, שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אַיין פוּס אוּנ זִינְגֶען אוּנְטֶער :

אַיינְגֶע בַּיינְגֶע
קְמוּפָא צַיינְגֶע
אַרְצֶע בַּארְצֶע
גָאלֶע שְׁווַארְצֶע
עַיימֶעלִי רַיימֶעלִי
בַּייגֶעלִי פַּייגֶעלִי —
הָאפּ !

און פּאָר גרױס שׂמחה און התפּעלות גענבן מיר זיך אַלײן צו צװײ פּעטש אין די באַקן.

עס עפּענט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פּעטער בעני.

— חבֿרה פּלעצעל, איך קום חנוכּה־געלד!

דער פּעטער בעני לײגט אַרײַן די הענט אין זשילעט קעשענע, נעמט אַרױס צװײ זילבערנע גילדן און גיט אונדז חנוכּה־געלד.

ב.

קײנער אין דער װעלט װעט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פּעטער בעני זענען ברידער. דער טאַטע — אַ הױכער אַ דאַרער, דער פּעטער בעני — אַ קורצער אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שװאַרצער, דער פּעטער בעני — אַ געלער; דער טאַטע — אַ מרה־שחורה־דיגער, אַ שװײַגער, דער פּעטער בעני — אַ פֿרײליכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און װינטער — און דאָך אײגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרױסן בױגן פּאַפּיר, צעװירט אױף קעסטעליך, שװאַרצע און װײַסע, הײסט אַרײַנטראָגן פֿון קיך פּאַסאָלים, שװאַרצע און װײַסע — דאָס װעט זײַן אַ דאַמקע.

די מאַמע איז אין קיך, פּרעגלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס, איך מיט מײַן ברודער מאָטיל שפּילן אין דרײדיל נס גדול היה שם, און דער טאַטע מיטן פּעטער בעני׳ן זעצן זיך אַװעק שפּילן אין דאַמקע.

— אײן זאַך װעל איך דיך בעטן, בעני, בלא חרטה ובֿלא דעה, דאָס הײסט: אַ גאַנג זאָל זײַן אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און גײט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פּעטער בעני׳ס אַ ציגעל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און שלאָגט אָפּ דעם טאַטענס צװײ ציגליך.

וָואס וַויטֶער ווייטֶער לָאזֶען זֵיי זִיךְ אַרַיין אִין דֶער שְׁפִּיעל אַלְץ טִיעפֶער. קִייעֶן בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה דִי בֶּערְד, טְרֵייסְלֶען מִיט דִי פִּים אוּנְטֶער'ן טִישׁ אוּנ זִינְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייד בֵּיידֶע אֵיין לִיעדִיל.

— אוֹי וָואס טְהוּט מֶען, וָואס טְהוּט מֶען, וָואס טְהוּט מֶען? — זִינְגְט דֶער טַאטֶע מִיט אַ נִגּוּן פוּן דֶער גְּמָרָא אוּנ קַייט אֵיין עֶק בָּארְד — זָאל אִיךְ גֵעהן אַהֶער? וֶועט עֶר גֵעהן אַהִין. וֶועל אִיךְ גֵעהן אַהִין? וֶועט עֶר גֵעהן אַהֶער. בֶּעדַארְף מֶען בֶּעסֶער גֵעהן אַזַא מִין גַאנְג.

— אַזַא מִין גַאנְג, אַזַא מִין גַאנְג. — הֶעלְפְט אִיהם אוּנְטֶער דֶער פֶעטֶער בֶּענִי מִיט'ן זֶעלְבֶּען נוּסַח.

וָואס זְשֶׁע בֶּעדַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבֶּען? — זִינְגְט דֶער טַאטֶע וַויטֶער — טָאמֶער שְׁלָאגְט עֶר מִיר אָב יֶענְץ צִיגֶעל? וֶועל אִיךְ בַּיי אִיהם צוּנֶעמֶען צְוַויי צִיגְלִיךְ. אַי וָואס? טָאמֶער מֵיינְט עֶר מִיר שְׁלָאגֶען דְרַיי צִיגְלִיךְ?

דְרַיי צִיגְלִיךְ, דְרַיי צִיגְלִיךְ, דְרַיי צִיגְלִיךְ? — הֶעלְפְט אִיהם אוּנְטֶער דֶערְפַאר בֶּענִי.

— אוֹי בִּיזְט דוּ אַ טִפֵּשׁ, בֶּענִי, אַ טִפֵּשׁ אוּנ אַ גְרוֹיסֶער! — זִינְגְט דֶער טַאטֶע אוּנ גֵעהט אַ גַאנְג.

— בִּיזְט אַלֵיין אַ טִפֵּשׁ, מַיין בְּרוּדֶער, אוּנ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער! — זִינְגְט דֶער פֶעטֶער בֶּענִי אוּנ גֵעהט אַ גַאנְג אוּנ פֶערְחַאפְּט זִיךְ בַּאלְד צוּרִיק.

— הֶע, בֶּענִי, מִיר הָאבֶּען דָאךְ גֶערֶעדְט, אַ גַאנְג אִיז אַ גַאנְג! — זָאגְט דֶער טַאטֶע שׁוֹין אָהן אַ נִגּוּן אוּנ חַאפְּט דֶעם פֶעטֶער בֶּענִי פַאר דֶער הַאנְד.

— אַ גוּטֶער מָשָׁל! — זָאגְט דֶער פֶעטֶער בֶּענִי — כָּל זְמַן אִיךְ הַאלְט אִין מִיטֶען אַ גַאנְג מֶעג אִיךְ מִיר גֵעהן וואוּהִין אִיךְ וִויל.

— נֵיין! — זָאגְט דֶער טַאטֶע — אַ גַאנְג אִיז פֶערְפַאלֶען! מִיר הָאבֶּען דָאךְ עֶפִּים גֶעשְׁמוּעֶסְט, בֶּענִי, בְּלֹא חֲרָטָה, בֶּענִי, בְּלֹא דֵעָה!

— חֲרָטָה — זָאגְט דֶער פֶעטֶער בֶּענִי — וִויפִיעל מָאל מַאכְט זִיךְ אַז דוּ הָאסְט חֲרָטָה?

— איך? — זאָגט דער טאַטע — עֶ, בּעֶני, דערפאַר האָב איך דאך פײַנד מיט דיר צו שפּיעלען אין דאָמינע!

— װער זשע גייט דיך זאָלסט מיט מיר שפּיעלען?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבּער אַ פּאַסקאָלקילע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פערפלאַמט פּנים און נאָך איהר בריינגע מיט אַ גרויסען פאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ, פון די לאַטקעס זעצט אַ פּארע. אַלע לאָזען זיך צום טיש. איך און מיין ברודער מאָטיל, וואס האָבען זיך פריהער אַ ביסעל גע־קריגט, געריסען, וױ די קעץ, בּעטען זיך גיך איבּער, ווערען שלום, און זעצען זיך צו די לאַטקעס מיט גרויס כּוונה.

ג.

בּיינאַכט אויפן געלעגער ליג איך און טראַכט; וויפיעל קאָן זיך אַ שטייגער בּיי מיר צוזאַמענקלויבּען אַז אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלען מיר געבּען חנוכּה־געלד? ראשית חכמה דער פעטער משה אַהרן, דער מאַמעס ברודער, אפילו זעהר אַ קאַרגער, נאָר אַ נגיד. נאָכדעם דער פעטער איצי און די מומע דבורה וואס דער טאַטע און די מאַמע זענען מיט זיי ברוגז שוין פון כּמה וכמה יאָהרען. היינט דער פעטער בּייניש און די מומע יענטע? היינט וואו איז אונ־זער שוועסטער איידיל? און איהר מאַן שלום זיידיל? און אַלע איבּע־ריגע קרובים?

— מאָטיל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואס איז דען?

— וויפיעל מיינסט דו וועט אונז געבּען דער פעטער משה אַהרן חנוכּה־געלד?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען, איך בּין אַ נביא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטיל, דו שלאָפסט?

— יָא, וָואס אִיז דֶען?

— עֶמִיצֶער הָאט אַזוֹי פִיעל פֶּעטֶערְס מִיט אַזוֹי פִּיעל מוּטֶעס וִוי מִיר?

— אָדֶער יָא אָדֶער נֵיין.

אִין צְווֵיי מִינוּט אַרוּם:

— מָאטִיל, דוּ שְׁלָאפְסְט?

— יָא, וָואס אִיז דֶען?

— וִוי בַּאלְד דוּ שְׁלָאפְסְט, הַיינְט וִוי אַזוֹי רֶעדְסְט דוּ מִיט מִיר?

— דוּ פְרֶעגְסְט דָאךְ מִיךְ, מוּז אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶעְרֶען.

אִין דְרַיי מִינוּט אַרוּם:

— מָאטִיל, דוּ שְׁלָאפְסְט?

— טְסְסְסְ — טְרְרְךְ — חִילְחוּלְחִיל — טְסְסְסְ...

מָאטִיל חְרָאפֶּעט, חָארְחֶעלְט, פַּייפְט מִיט דֶער נָאז, אוּנ אִיךְ זֶעץ מִיךְ אוֹיף, אוֹיף מַיין בֶּעטִיל, נֶעם אַרוּיס מַיין קֶערְבִּיל, גְלֶעט דָאס, בֶּעטְרַאכְט דָאס.

— דַאכְט זִיךְ וָואס? — טְרַאכְט אִיךְ מִיר — אַ שְׁטִיקֶעל פַּאפִּיעֶר, אוּנ וָואס קָאן מֶען דֶערְפַאר נִיט קוֹיפֶען? צַאצְקֶעס, מֶעסֶערְלֶעךְ שְׁטֶעקֶעלֶעךְ, בַּייטֶעלֶעךְ, נִיס אוּנ קָאנְפֶעקְטֶען אוּנ רָאזִינְקֶעס אוּנ בָּאקְסֶערֶען, אוּנ וָואס נִיט?

אִיךְ בֶּעהַאלְט דָאס קֶערְבִּיל צוּקָאפֶּעְנְס אוּנְטֶערֶען קִישֶׁען אוּנ לֵייעֶן אָפּ קְרִיאַת שְׁמַע, קוּמְט אַרַיין בְּרֵיינֶע פוּן קִיךְ מִיט אַ פוּלֶען פַּאלוּמֶעסִיק מִיט קֶערְבְּלִיךְ... בְּרֵיינֶע גֶעהט נִיט, נָאר זִי שְׁוֶועבְּט אִין דֶער לוּפְטֶען, זִינְגְט הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאָנוּ מַדְלִיקִין, אוּנ מָאטִיל שְׁלִינְגְט קֶערְבְּלִיךְ וִוי דִי הָאלִישְׁקֶעס. „מָאטִיל! — שְׁרַיי אִיךְ מִיט אַלֶע כּחוֹת — נָאט אִיז מִיט דִיר, מָאטִיל וָואס טְהוּסְט דוּ? קֶערְבְּלִיךְ???"

אִיךְ חַאפּ זִיךְ אוֹיף אוּנ שְׁפַּיי אוּיס דְרַיי מָאל: „טְפוּ — טְפוּ — טְפוּ — אַ חָלוֹם!" —

אוּנ וֶוער אַנְשְׁלָאפֶען.

ד.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה, אָבגעוואַשען און איבערגעביסען, טהוט אונז אָן די מאַמע אין קעצענע טילעפּליך, וויקעלט אונז אַיין אין גרויסע וואַרעמע שאַלען, און מיר לאָזען זיך געהן נאָך חנוכּה־געלד, פֿריהער פֿון אַלעמען געוועהנליך צום פֿעטער משה־אַהרן.

דער פֿעטער משה־אַהרן איז אַ יוד נישט קיין געזונדער, האָט געטהון שטענדיג מיט׳ן מאָגען; ווען מע קומט טרעפֿט מען איהם געבויגען האַנטמפּאַס וואַשען זיך די הענט און זאָגען „אשר יצר“.

— אַ גוט מאָרגען, פֿעטער משה־אַהרן! — שיסען מיר אויס ביידע מיט אַמאָל, איך און מיין ברודער מאָטיל, און עס קומט אַקעגען די מומע פֿעסיל, אַ יודינע אַ קליינטשקע, איין אויג אַ שוואַרץ, דאָס אַנדערע אַ ווייס, דאָס הייסט איין ברעם אַ שוואַרצע, די אַנדערע אַ ווייסע. די מומע פֿעסיל טהוט אונז אויס די טילעפּליך, וויקעלט אונז אויס פֿון די שאַלען און שנייצט אונז אויס די נעזער אין איהר פֿאַרטוך.

— שנייצט אויס! — זאָגט די מומע פֿעסיל — גוט גוט שנייצט אויס! זשאַלעוועט ניט! נאָך! נאָך! אָט אַזוי!...

און דער פֿעטער משה־אַהרן, אין איין אַלט קעצין חאַלאַטיל, מיט אַ וואַטאָווע יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט וואַטע אין די אויערען און מיט אויסגעקראָכענע וואָנצעס, שטעהט ביים האַנטמפּאַס, ווישט זיך די הענט קניידשט מיט׳ן פּנים, פֿינטעלט מיט די אויגען און קוועטשט: „נקבים נק—בים! חלולים חלו—לים!“

איך און מיין ברודער מאָטיל זיצען אין געהאַקטע וואונדען. עס פֿאַלט אויף אונז אָן אַ פּחד, אַ קעלט, אַלע מאָל ווען מיר קומען אַהער. די מומע פֿעסיל זעצט זיך אַוועק אַקעגען אונז, לייגט צונויף די הענט אויפ׳ן האַרצען און נעמט אונז צום עקזאַמען:

— ס׳מאַכט דער טאַטע?

— גאָר ניט.

— ס׳מאַכט די מאַמע?

— גאר ניט.
— געקוילעט גענז?
— געקוילעט.
— געפּרעגעלט שמאלץ?
— געפּרעגעלט.
— געבאַקען לאַטקעס?
— געבאַקען.
— דער פעטער בעני געווען?
— געווען.
— געשפּיעלט אין דאָמינעס?
— געשפּיעלט.

און אַזוי ווייטער...

די מומע פעסיל שנייצט אונז אויס די נעזער נאָך אַמאָל און דרייט זיך אָן צום פעטער משה־אהרן:

— משה אַהרן, מע בעדאַרף זיי עפּיס געבען חנוכּה־געלד.

דער פעטער משה אַהרן הערט ניט, ער ווישט זיך די הענט און לאָזט אויס מיט אַ קוועטש: „ומפליא לַ—עֲ—שוֹת!“

די מומע פעסיל פוילט זיך ניט דערמאַנען איהם נאָך אַמאָל:

— משה אַהרן, די קינדער חנוכּה־געלד!

— הא? וואס? — מאַכט דער פעטער משה־אַהרן און לייגט איבער די וואַטען פון איין אויער אין'ם אַנדערען.

— די קינדער חנוכּה־געלד!! — שרייט אויס די מומע פעסיל איהם גלייך אין אויער אַריין.

— אוי, דער באַוך! דער באַוך! מאַכט דער פעטער משה אַהרן (ער רעדט אַביסעל בראַדיש) און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביים בויך — חנוכּה־געלד ווילט איהר? וואס דאַרפען קינדער געלד? וואס וועט איהר טהון מיט'ן געלד? הא? אויסגעבען צעטרענצלען, הא? וויפיעל האָט אייך געגעבען דער טאַטע אייערער חנוכּה־געלד? הא?

— מיר אַ קערביל — זאָג איך — און איהם אַ האַלבען.

— קערביל?!! המ... מע באלעוועט קינדער, מע מאכט פון זיי א תל! וואס וועסט דו טהון מיט'ן קערביל? — הא? צעבייטען? הא? זאלסט דאס ניט צעבייטען! דו הערסט וואס איך זאג דיר, זאלסט דאס ניט צעבייטען! צו אפשר ווילסט דאס צעבייטען הא?

— ניט צעבייטען, יא צעבייטען, וואס געהט דאס דיך אן? — מישט זיך אריין די מומע פעסיל — געב זיי אב זייערס און לאזען זיי געהן געזונדערהייד.

דער פעטער משה־אהרן געהט אוועק צו זיך אין חדר, שארעוועט מיט די שקראבעס, זוכט אין אלע טישקעסטליך מיט אלע שיפלעדליך, קראצט אויס פון דארטען עטליכע מטבעות און רעדט צו זיך אליין:

— המ... מע פיהרט איבער קינדער, מע מאכט פון זיי א תל, א תל עולם!

און ער רוקט אונז אריין אין האנט אריין עטליכע הארטע מטבעות. די מומע פעסיל שנייצט אונז אויס די נעזער נאך אמאל (דאס לעצטע מאל), טהוט אונז אן די טילעפליך, וויקעלט אונז איין אין די גרויסעווארעמע שאלען און מיר געהען ווייטער.

מיר לויפען איבער'ן ווייסען, געפרוירענעם סקריפענדיגען שניי און צעהלען די הארטע מטבעות וואס דער פעטער משה־אהרן האט אונז אריינגערוקט און מיר קאנען זיי ניט איבערצעהלען. די הענט זענען אונז געפרוירען, רויט, אנגעדראלען; די מטבעות זענען קופערנע, גרויסע שווערע מטבעות, עפיס זעכסערס פארצייטיגע, דרייערס מאדנע אבגעריבענע, גראשענס אלטפרייניקישע, געשוואלענע, פערגרינטע — ס'איז שווער אונמעגליך אויסצורעכענען אין דרויסען אויפ'ן פראסט וויפיעל דער פעטער משה אהרן האט אונז געגעבען חנוכה־געלד!...

ה.

אונזער צווייטע סטאנציע אויף געמען חנוכה־געלד איז דער פעטער איצי מיט דער מומע דבורה, די וואס דער טאטע מיט דער מאמע זענען מיט זיי ברוגז שוין פון כמה וכמה יאהרען. פאר וואס זיי

זענען ברוגז — דאס ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען נור, אז דער טאטע און דער פעטער איצי (לייבליבע ברידער) רעדען ניט צווישען זיך קיין מאל נישט, האטש זיי דאווענען ביידע אין איין שול און זיצען ביידע אויף איין באנק א שטאט נעבען א שטאט, א סטענדער מיט א סטענדער. און אז עס קומט יום טוב צו אויסגעמענס (הוצאות התורה) און עס האלט ביי פערקויפען עליות, דינגען זיי זיך, ווילען דווקא ביידע איין עליה, שמייסען איינס דאס אנדערע און שמייסען אריין אין מאג אריין. אין שול איז דעמאלט א יריד; אלע רעדען, ריהרען זיך, שושקען זיך, לאכען און העלפען אונטער דינגען זיך; איטליכער איז נייגעריג צו וויסען פאר וועמען וועט בלייבען דער „ששי", אדער דער „מפטיר". אז עס געהט אריין אין נצחון, דעמאלט ווילען אלע מע זאל זיך דינגען ביז'ן ביין אריין. דער שול־שמש, מעכטשי פאנפאטש מיט די רויטע קאלטענים, שטעהט אויף דער בימה העכער האלב אריבערגעבויגען, דער טלית איז איהם אראבגעפאלען, די יארמעלקע פון יענער זייט, ער קוקט אין מזרח זייט, אויפ'ן טאטען און אויפ'ן פעטער איצין, און זינגט אויף זיין פאנפעוואטע שטימע:

— אכטצעהן גילדוין אום ששי! צוואנציג גילדוין אום ששי! צוויי און צוואנציג גילדוין אום ששי!

דער טאטע און דער פעטער איצי זיצען, דער אהער דער אהין, ביידע פערטיפט כלומר'שט איטליכער אין זיין חומש, גאר וויפיעל איינער ניט, ניט דער אנדערער מעהר. דער עולם קוועלט, העלפט אונטער: דרייסיג, דרייסיג! פינף און דרייסיג! זיבען און דרייסיג! פערציג, פערציג!

מעכטשע פאנפאטש קוקט פון איינעם אויפ'ן אנדערען:

— פערציג גילדוין אום ששי! צוויי און פערציג גילדוי אום ששי! פינף און פערציג גילדוין אום ששי!

דער טאטע און דער פעטער איצי הערען נישט אויף צו שמייסען זיך; מע האט שוין אריינגעשמיסען ביז פינפציג גילדוין. מעכטשי הויבט אויף די האנט און וויל שוין צו פאטשען פאר'ן טאטען:

— פִינְפְצִיג גִילְדוין!..

איז זיך מְיַשֵׁב דער פֶּעטֶער איצי און הויבּט אויף אַ פִינְגֶער און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הֶעלְפְט אוּנְטֶער: אֵיין און פִינְפְצִיג! אֵיין און פִינְפְצִיג! — און מֶע שְׁמַייסְט ווייטֶער, אַזוֹי לַאנְג אַזוֹי בְּרֵייט, בִּיז מֶע שְׁמַייסְט אַריין אין עֶטְלִיכֶע און זֶעכְצִיג גִילְדוין (אַזאַ מַעֲשֶׂה איז נָאך נִיט גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען!), און „שִׁשִּׁי“ בְּלַייבְּט פַאר'ן פֶּעטֶער איצי'ן. קוּמְט צו „מַפְטִיר“, טְהוּט דֶער טַאטֶע אַ קוּק אויפ'ן שַׁמָש און אַ מַאך מִיט דֶער הַאנְט, ווי אֵיינֶער רֶעדְט: „מַפְטִיר, — דָאס גֶעהֶער צו מִיר!...“ בַּיי מֶעכְטִ־שֶׁען הָאט דָאס גֶעפּוֹעֶלְט, איז אָבֶער אַ סְבָרָה, אַז דֶער עוֹלָם איז נִיט מַסְכִּים, דִינְגֶען זיך — דָאס מוז מֶען, דֶערוּיף איז דָאס יוֹם טוֹב, נִישְׁטָא קיין מָאנָאפָּאל. קיין חֲזָקָה אויף מַפְטִיר!

— צֶעהן גִילְדוין אוּם מַפְטִיר! פִינְפְצֶעהן גִילְדוין אוּם מַפְטִיר! צְוָואנְצִיג גִילְדוין אוּם מַפְטִיר! פִיפְצִיג גִילְדוין אוּם מַפְטִיר!

אַ גוּטֶער שְׁפְּרוּנְג! דֶער טַאטֶע דְרֵעהט אוּם דֶעם קָאפּ: וֶוער קְרִיגְט דָאס אויף זַיין מַפְטִיר? און שְׁטֶעלְט אַייך פָאר, אַז דָאס שְׁמַייסְט ווִידֶער דֶער פֶּעטֶער איצי; עֶר הָאט חֵשֶׁק צוּ קוֹיפֶען דֶעם מַפְטִיר פַאר זַיין יוּנְגֶערֶען אֵיידֶעם. נָאר אִי „שִׁשִּׁי“ אִי „מַפְטִיר“ — אַזאַס! מִיט צְווֵיי בַּייטְשְׁען שְׁמַייסְט מֶען נִיט!... דֶער טַאטֶע הויבּט זיך אויף, טְהוּט אַ ווִינְק צוּם שַׁמָש.

— הוּנְדֶערְט.

דָאס וָוארְט „הוּנְדֶערְט“ לויפט דוּרך אִיבֶּער'ן שׁוּל ווי אַ בְּלִיץ מִיט אַ דוּנֶער. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם איז אִיבֶּערְרַאשְׁט, אוֹיסֶער זיך. אַזוֹי ווייט אַרַיינְצוּשְׁמַייסֶען מַפְטִיר — דָאס הָאט מֶען נָאך נִישְׁט גֶעהֶערְט זינְט דִי שׁוּל איז אַ שׁוּל.

און מֶערְטְשִׁי פָּאנְפַּאטְשׁ טְהוּט זיך זיינְס, גְלַייך ווי גֶעווֵיינְטְלִיך:

— הוּנְדֶערְט גִילְדוין אוּם מַפְטִיר! הוּנְדֶערְט גִילְדוין אוּם מַפְטִיר! הוּנְדֶערְט גִילְדוין... (מֶע וויל צוּפַּאטְשְׁען).

דֶער פֶּעטֶער איצי הויבּט זיך אויף, דֶער טַאטֶע טְהוּט אויף

איהם א מאדנעם קוק, ווי איינער רעדט: „משוגע, צו חסר דעה? ווילסט קוילען? קוילע...!"

דער פעטער איצי זעצט זיך אנידער און דער סטשיר בלייבט פאר אונז...

פון דעסטוועגן, איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אן. אז עס קומט א שמחה, ביי אונז אדער ביים פעטער איצין, א מזל טוב, א בן־זכר, א ברית, א פדיון הבן, א בר מצוה, א קנס מאל, א פאר־שפיעל, איין אויפרופענס, א חתונה אדער א גט, קומט מען איינס צום אנדערען, מע בעזעצט זיך אויבען אן, מע שענקט „דרשה געשאנק", „מי שברך געלד" און מע טאנצט מיט אלע מחותנים אין קאהן.

— א גוט מארגען אייך פעטער איצי! א גוט מארגען אייך מומע דבורה! — שיסען מיר אוים ביידע מיט אמאל, איך און מיין ברודער מאטיל, און מע נעמט אונז אויף פאר זעהר אנגעלייגטע געסט.

— איהר מיינט דאך ניט די הגדה, איהר מיינט די פאלירטשי־קעס... — מאכט צו אונז דער פעטער איצי, קנייפט אונז אין די בעקליך, עפענט אויף דאס ביטעלי און גיט אונז חנוכה־געלד, מיר א ווייסען זילבערנעם צוואנציגער און מיין ברודער מאטלין א ווייסען זילבערנעם צוואנציגער, און מיר געהען אוועק פון דארטען צום פעטער ביניש.

ו.

אויב איהר קאנט זיך פארשטעלען דעם גיהנם — אט דאס איז דעם פעטער בינישעס שטוב. ווען איהר זאלט ניט קומען אהין, טרעפט איהר א ליארעם, א געשריי, א געפילדער. ס'איז דארט א פולע שטוב מיט קינדער — האלבנאקעטע, פערשמירטע, פערמורזשעטע, נישט קיין געצוואוגענע, תמיד צעשלאגענע, שטענדיג אינדראפעטע, אפטמאל צעבלוטיגטע, מיט סימנים אונטער די אויגען. דער וויינט און דער לאכט, דער זינגט און דער קוויטשעט, דער הוקעט און דער פייפט, דער האט אנגעטהון דעם טאטענס קאפאטע מיט פערקאט־שעטע ארבעל, און דער פאהרט רייטענדיג אויף א בעזעם, דער

טרינקט מילך פֿון אַ קריגל, דער קנאַקט ניסלעך, דער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קעפּל פֿון אַ הערינג און דער סמאָצקעט אַ קאָנפֿעקטל און פֿוג׳ם געזיל רינגען צוויי קליינע ריטשקעלעך גלייך אין מויל אַריין. די מומע יענטע איז שטאַרקער פֿון אײַזן אַז זי האַלט אויס פֿון דער דאָזיקער „קאָמאַנדע״. זי שעלט זיי, זי קנײַפּט זיי, רײַסט זיי אויס שטיקער פֿלייש. זי קלויבט נישט איבער: ווער עס האַפּט זיך אונטער אונטער דער האַנט, דער באַקומט אַ זעץ, אַ טראַסק, אַ בוכעניצע אין זײַט אַרײַן. אַ פּאַטש איז דאָרט אַ וואָכעדיקער גאַנג. „וואָרגן זאָלסט דו זיך! די כּפּרה זאָלסט דו זײַן! פֿאַרהאַפּט זאָלסט דו ווערן!“ — דאָס איז פֿון די קליינע קללות; דאָרט קאָנט איר הערן „קדחת“ און „חליירע“ און אַ „מיתה משונה“ און דווקא אין גוטן מוטה, פּונקט ווי איר זאָגט אַ גוט שבת. שטיל ווערט נאָר בשעת דער פֿעטער בײַניש קומט צו געהן. נאָר מחמת דער פֿעטער בײַניש איז אַ פֿער־נומענער מענטש, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט און קומט אַהיים נאָר אויף אַ מינוט „אָפּעסן“, דערפֿאַר איז בײַ זיי אין שטוב דער אמת׳ער גיהנום.

אַרײַנגעקומען האָבן מיר געטראָפֿן עזריאל׳קען (דעם מיטעלסטן) פֿאָרן רײַטנדיק אויף געצין (אויפֿ׳ן עלטערן) און פּרויקע מיט מענדלין (צוויי נאָך קלענערע) האָבן אונטערגעשטיסן געצין, איינער מיט איין אַרבל פֿון אַ וואַטאָווע לײַביל און דער אַנדערער מיט אַ טאָוועל פֿון אַ סידור, אַ חומש, אָדער אַ ספֿר. חיימ׳ל (אַ מיטעלסטער צווישן פּרויקען און מענדלין) האָט דערטאַפּט אַ גערגעלע פֿון אַ געקוילעטער גאַנז, האָט דאָס אָנגעבלאָזן מיט אַלע זײַנע לעצטע כּחות, ער איז אַזש געוואָרן ברוין און בלוי, און ס׳איז איהם געראָטן אַרויסברענגען פֿון דעם אַ מין משונה קול ווי פֿון להבֿדיל אַ חזיר בשעת מע שטעכט איהם און ער קוויטשעט... זײַנוויל (איך ווייס ניט צו איין עלטערער צו אַ קלענערער) האָט אָפּגעגעבן קאָנצערט אויף אַ קעסל, און דוד׳ל (אַ קליינער פֿון אַ יאָהר פֿיער) האָט אָנגעטהון די שטיוועלעך אויף די הענד און האָט צוגעקלאַפּט

מיט זיי צום טאַקט. סענדערל האָט געטראָגן אַ קעצל אין האַנד, פֿאַר'ן געוועלי; דאָס קעצל האָט אַרויסגעשטעלט דאָס צינגעלי פֿערמאַכט די אייגעלעך, אויסגעצויגן די פֿיסלעך, ווי איינער רעדט: „אַט אַזוי ווי איר זעהט ווערד מען דאָ פֿערשוואַרצט! מע מוטשעט! מע מוטשעט!..." אסתּר'ל (דאָס עלטערע מיידל) האָט געוואָלט אויסקעמען חאַסקין (דאָס קלענערע מיידל), איהר פֿערפֿלעכטן אַ צעפּל; נאָר מחמת חאַסקי'ס האָר זענען זעהר געגרייזלט און שוין לאַנג ניט געקעמט, לאָזט זי זיך ניט, וויינט זי און האַפּט פּעטש. שטילער פֿון אַלע איז פֿייגעלע, אַ קליין יונגעלע מיט קרומע אויסגעבויגענע פֿיסעלעך און מיט איין אונטערגעשטעקט העמדעלע. איין חסרון נור, וואָס וואו ער שטעלט זיך אַנידער, דאָרט לאָזט ער אַ סימן... דאָס אַלצדינג שטערט אָבער ניט דער מומע יענטען זי זאָל זיך זיצען גאַנץ רוהיג ביים טיש מיט צוויי נפֿשות, איינס ביי דער ברוסט און דאָס אַנדערע אויפֿ'ן שויס, און טרינקען ציקאָרי.

— מיר זאָל זיין פֿאַר דיינע ביינדעלעך! — זאָגט זי און טוליעט צו מיט גרויס ליבשאַפֿט דאָס זויגענדיגע נפֿש'ל צום האַרצען און דערלאַנגט בשעת מעשה טאַקע אַ שטורך דעם עלטערען וואָס אויפֿ'ן שויס — זעה נור ווי דו עסט, עסען זאָלען דיך די ווערים! אסתּר'ל, רחצי, חאַסקי, וואו זענט איהר, ערגעץ אין אַלדע שוואַרצע יאָהר? געם וויש איהם אָב דאָס נעזיל גיכער, וואַש מיר אויס אַ שאָל, איך דאַרף טרינקען אָהן אַ שאָל! דערלאַנג איהם אַ סטוסאַק ער זאָל זיך דריי מאָל איבערקערען! האַרץ מיינס, נשמה מיינע, טרייסט מיינער! דאָס מויל מאַכט זיך זיי גאָר ניט צו, אַ גאַנץ פֿריה מאָרגען נור מע עסט, פֿערהאַקט זאָלט איהר ווערען!

דערזעהען מיך מיט מיין ברודער מאָטלען האָבען זיך חברה אַ לאָז געטהון אַקעגען און מע איז אונז בעפאַלען ווי די היישעריקען. דער אויף די הענד, דער — אויף די פֿיס, דער — אויפֿ'ן קאָפּ. חיים'ל האָט אָנגעבלאָזען דאָס געוועלי פֿון דער געקוילעטער גאַנז גלייך מיר אין אויער אַריין און דוד'ל האָט אַרומגעחאַפּט מיט ביידע

שמייוועליך. פינילע מיט׳ן אונטערגעשטעקטן העמדיל האט זיך אנג־
געטשעפעט מיר אין א פוס, ארומגערינגעלט זי ווי א שליינגיל, און א
מישמאש פון פערשידענע קולות האט אונז גערינגעלט, פערטויבעט
די אויערן.

— אויף די ציינדעליך זאלט איהר שרייען! — שרייט די מומע
יענטע פון׳ם אנדערן חדר — טויב קען מען ווערען, פערליירען זאל
מאס אייך, שדים ניט קיין קינדער, ברעגען זאל די נשמה אייערע.

די מומע יענטע שרייט און די קינדער שרייען — אלע שרייען.
פלוצים קומט אן דער פעטער ביניש מיט׳ן טלית ותפילין (א פנים
פון בית המדרש). אין איין אויגענבליק ווערט שא שטיל און די גאנצע
חאליאסטרע ווערט פערשוואונדען.

— א גוט מארגען אייך פעטער ביניש! — שיסען מיר אויס,
איך און מיין ברודער מאטיל.

— וואס טהוט איהר דא, שקצים? אוודאי נאך חנוכה־געלד? —
מאכט דער פעטער ביניש און נעמט ארויס און שיינקט אונז צו זיל־
בערנע גריוונים.

די חאליאסטרע קינדער קוקען ארויס פון די ווינקעליך, ווי די
טאראקאנעס, גלאנצען אויף אונז מיט די אייגעליך, ווי די מייזליך,
ווינקען עפיס צו אונז, בעווייזען עפיס מיט די פינגערליך, מאכען בשעת
מעשה משוגע׳נע תנועות, ווילען אונז, א פנים צעלאכען, — קוים קוים
וואס מיר האלטען זיך איין, און מיר אנטלויפען פון׳ם דאזיגען גיהנם.

ז.

מיר געהען ווייטער נאך חנוכה־געלד, צו אונזער שוועסטער
איידיל.

אונזער שוועסטער איידיל און איהר מאן שלום זיידיל עליהם
השלום — זיי זענען שוין לאנג אויף דער אמת׳ער וועלט.

איידיל איז פון קינדהייט אויף געווען א פערוויינטע נשמה

אִיבֶּער אַ מִיגְרַ'סְט נַארִישְׁקַייט פְּלֶעג זִי זִיךְ צֶעוֵויינֶען, פֶערְגִיסֶען טְרֶעה-
רֶען אוֹיף אֵייגֶענֶע אוּנ אוֹיף פְרֶעמְדֶע צָרוֹת. נָאר פוּן זִינְט זִי אִיז גֶע-
וָוארֶען אַ כַּלָה פַאר שָׁלוֹם זֵיידְלֶען, הָאט זִי נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען.
אֶפְשַׁר מֵיינְט אִיהר דֶערְפַאר וַוייל סְ'אִיז אִיהר נִיט גֶעפֶעלֶען דֶער חָתָן?
חָלִילָה! זִי הָאט אִיהם דֶען גֶעקֶענְט וָואס עֶר זָאל אִיהר נִיט גֶעפֶעלֶען?
גְלַאט אַזוֹי אַ כַּלָה פַאר דֶער חֲתוּנָה בֶּעדַארְף וֵויינֶען. אַז דִי שְׁנַיידֶערְס
הָאבֶּען אִיהר גֶעבְּרַאכְט אָנְמֶעסְטֶען דִי חֲתוּנָה מַלְבּוּשִׁים הָאט זִי זִיךְ
צֶעוֵויינְט אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט. שְׁפֶּעטֶער, צוּם פָארְשְׁפִּיעל, אַז אִיהרֶע
חַבֶרְתֶ'עס זֶענֶען זִיךְ צֶענוֹיפְגֶעקוּמֶען טַאנְצֶען, אִיז זִי אַלֶע מָאל אַוֶועקְ-
גֶעלָאפֶען צוּ זִיךְ אִין אַלְקִיר אַבִּיסִיל אוֹיסְוֵויינֶען זִיךְ אִין דִי קִישֶׁענְס.
דֶעם טָאג פוּן דֶער חוּפָּה שְׁטוּעֶסְט מֶען נִיט. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אִיהר
טָאג. זִי הָאט גָאר נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען. נָאר דִי רֶעכְטֶע חֲתוּנָה
אִיז גֶעוֶוען צוּם „בַּאדֶעקֶענְס", בְּשַׁעַת מְנַשֶׁה פִידֶעלִי דֶער כְּלֵי־זֶמֶר הָאט
זִי גֶענוּמֶען „בַּאזֶעצֶען" אוּנ רֶב בָּרוּךְ בַּדְחָן אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טִישׁ, צֶע-
בּוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הֶענְד אוֹיפְ'ן בּוֹיךְ, אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם קָאפּ, ווִי בְּשַׁעַת
מֶע בֶּעוֵויינְט אַ טוֹידְטֶען, אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט'ן שֶׁעגֶעם טְרוֹיעֶרִיגֶען
נִגוּן, וָואס קֶען נֶעמֶען אַ שְׁטֵיין בְּזֶה הַלָשׁוֹן:

כַּלָה לֶעבֶּען! כַּלָה לֶעבֶּען!
וֵויין זְשֶׁע וֵויין.
דַיינֶע טְרֶערֶען הָאבֶּען אַצִינְד
דֶעם זִיבֶּעטֶען חֵן.
וָוארוּם דוּ טְהוּסְט דָאךְ אִיצְט פַאר'ן בֵּית דִין
שֶׁל מַעֲלָה שְׁטֵעהן.
אֶט בַּאלְד וֶועסְט דוּ, מֵיידִיל,
צוּ דֶער חוּפָּה גֵעהן,
בֶּעדַארְף מֶען דִיר גֶעבֶּען
צוּ פֶערְשְׁטֵעהן,
אַז דָאס לֶעבֶּען אִיז בִּיטֶער
אַזוֹי ווִי חֲרֵיין,

אז א מענש איז ניט פון אייזען
  און ניט קיין שטיין,
א בשר ודם
  פון הויט און ביין.
אז מע טהוט די רשעים אין גיהנם שטייסען...
  זעהר ניט שען
און זיי טהוען וויינען און יאמערען און [illegible]רייען
  אויף די צעהן,
לכן בעדארפסט דו תשובה טהון
  זיך האלטען זעהר קליין,
אויסגעהן פון טרעהרען
  און פון געוויין...
און אזוי ווייטער אהן איין עק.

אלע ווייבער, איינענע און פרעמדע, וואס זענען געשטאנען דערביי, געהאלפען צעפלעכטען דער כלה איהרע שענע גרויסע צעפ, האבען געמאכט משונה מאדנע פיסקעס, געשנייצט די נעזער, געווישט די אויגען, און איידיל נעביך האט אזוי געיאטערט, אזוי געהליפעט, אז זי האט גע׳חלש׳ט דריי מאל: מע האט זי קוים מיט צרות אבגע־מינטערט.

נאר אויף וויפיעל אונזער שוועסטער איידיל איז געווען איין אומעטיגע זאך, איז אונזער שוואגער שלום זיידיל געווען א פריילינער יונג, א לעבעדיגער, א קאטאוועסטרייבער, א פערשלעפטע קרענק, און לאז ער מיר מוחל זיין, איין איינגעגעסענע בריאה, דהיינו ער פלעגט ליעב האבען דעקוטשען, שנאלען זיך. דערלאנגען יענעם א שנאל גלייך אין שפיץ נאז אדער אין עק אויער — דאס איז געווען ביי איהם דאס חיות. נישט איין מאל פלעגען מיר ארומגעהן, איך און מיין ברו־דער מאטיל, מיט אנגעשוואלענע אויערען. מיר האבען זיך ממש מחיה געוועען, אז מיר האבען דערהערט, אז דאס פארפאלק געהט אראב פון קעסט. דעם טאג וואס זיי האבען זיך בעדארפט איבערקלייבען פון

אוּנְז אוֹיף „אֵייגֶענֶע קֶעסְט“, אִיז בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ גֶעוֶוען חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. אֵיידִיל הָאט גֶעוֵויינְט, אַיינְגֶעלֵייגְט דִי וֶועלְט אוּן דִי מַאמֶע אוֹיף אִיהר קוּקֶענְדִיג, אוּן שָׁלוֹם זֵיידִיל, וָואס הָאט גֶעהָאלְפֶען כְּלוֹמֶר׳שְׁט „פַּאקֶעוֶוען דִי זַאכֶען“, הָאט נוּר אַרוּמְגֶעטַאנְצְט הִין אוּן צוּרִיק זִיךְ אוּנְ־טֶערְגֶע׳גַנְבֶ׳עט אַלֶע מָאל זֵיהר קוּנְצִיג אוּן דֶערְלַאנְגְט אוּנְז אַ שְׁנָאל אָדֶער פוּן פָּארִינְט אִין שְׁפִּיץ נָאז אָדֶער פוּן אוּנְטֶען אִין עֶק אוֹיעֶר. עֶר הָאט זִיךְ מִיט אוּנְז אָבְּגֶעזֶעגֶענְט אֵיין מָאל פַאר אַלֶע מָאל אוּן הָאט נָאךְ גֶעהַאט אַ הָעזָה אָנְצוּזָאגֶען אוּנְז, מִיר זָאלֶען זִיךְ נִיט לָאזֶען לַאנְג בֶּעטֶען אוּן זַיין בַּיי אִיהם אָפְטֶע גֶעסְט! מִיר הָאבֶּען זִיךְ גֶעגֶעבֶּען דָאס וָוארְט מִיר זָאלֶען זַיין פָּנִים נִיט אָנְקוּקֶען!

נָאר אַ מֶענְשׁ פֶערְגֶעסְט אַלְסְדִינְג, וּבִפְרַט אַ שְׁנָאל. וִוי אַזוֹי גֵעהט מֶען נִיט נָאךְ חֲנוּכָּה־גֶעלְד צוּ אַיין אֵ י גֶ ע נֶ ע ם שְׁ וָ א גֶ ע ר ?...

גֶעקוּמֶען צוּ אֵיידְלֶען, גֵעהט אוּנְז שָׁלוֹם זֵיידִיל אַקֶעגֶען מִיט אַ גַאנְץ בְּרֵייטֶען בָּרוּךְ הַבָּא.

— סְקָאצִיל קוּמְט! וָואס מַאכְט אִיהר גוּטְס? זֵיהר קְלוּג הָאט אִיהר גֶעטְהוּן וָואס אִיהר זֶענְט גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט פוּן אַייעֶרְטְוֶועגֶען חֲנוּכָּה־גֶעלְד!

אוּן שָׁלוֹם זֵיידִיל נֶעמְט אַרוֹיס דָאס בַּייטֶעלִי אוּן צֶעהלְט אוּנְז אוֹיס צוּ עֶטְלִיכֶע נַייעֶנְקֶע, גְלַאנְצֶענְדִיגֶע, זִילְבֶּערְנֶע מַטְבְּעוֹת גְלַייךְ אִין הַאנְד אַרַיין, אוּן אֵיידֶער מִיר הָאבֶּען צַייט אַרוּמְקוּקֶען זִיךְ אוּן אִיבֶּער־צֶעהלֶען דִי נַייעֶ מַטְבְּעוֹת, חַאפֶּען מִיר שׁוֹין צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁנָאל, פְרִיהֶער אִיךְ אִין שְׁפִּיץ נָאז אוּן מָאטִיל אִין עֶק אוֹיעֶר, אוּן נָאכְדֶעם מָאטִיל אִין שְׁפִּיץ נָאז אוּן אִיךְ אִין עֶק אוֹיעֶר.

— אָבֶּער לָאז שׁוֹין זַיין גֶענוּג צוּ מוּטְשֶׁען קִינְדֶער! — בֶּעט זִיךְ גֶעבִּיךְ בַּיי אִיהם אוּנְזֶער שְׁוֶועסְטֶער אֵיידִיל מִיט טְרֶעהרֶען אִין דִי אוֹי־גֶען, אוּן זִי רוּפְט אוּנְז אָבּ אָן אַ זַייט, שְׁטוּפְּט אוּנְז אָן פוּלֶע קֶעשֶׁענֶעס מִיט לֶעקִיךְ, מִיט נִיסְלִיךְ אוּן מִיט בָּאקְסֶערֶען, אוּן שֶׁענְקְט אוּנְז אַ חוּץ חֲנוּכָּה־גֶעלְד.

מִיר חַאפֶּען דִי פִיס אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס אוּן לוֹיפֶען אַ הֵיים.

ה.

— אנו, מאטיל, לאמיר זיך קאָרשט נעמען צו דער אַרבייט אויסן עבענען, וויפֿיעל האָבען מיר אונזער אייגענס חנוכּה־געלד? נאָר ווייסט דו וואָס? דו שווייג, פֿריהער וועל איך איבערצעהלען מיינס, נאָכדעם וועסט דו צעהלען דיינס און איך צעהל: א קערביל מיט דריי צוואַנציגער, מיט פֿיער גילדען, מיט פֿינף גריווענעס, מיט זעקס פּיטאַקליך, וויפֿיעל מאַכט דאָס אינאיינעם? אַ פּנים אַזוי גרוים ווי אַ קערביל מיט דריי צוואַנציגער, מיט פֿיער גילדען מיט פֿינף גריווענעס, מיט זעקס פּיטאַקליך...

מיין ברודער מאָטיל וויל גישט וואַרטען ביז איך וועל ענדיגען מיין חשבון און ער נעמט זיך צו זיינע קאַפּיטאַלען; ער לייגט פֿון איין האַנד אין דער אַנדערער און צעהלט:

— אַ צוואַנציגער און אַ צוואַנציגער איז צוויי צוואַנציגער, און נאָך אַ צוואַנציגער איז דריי צוואַנציגער, און צוויי גילדען איז דריי צוואַנציגער מיט צוויי גילדען, און אַ גריווענע און נאָך אַ גריווענע און נאָך אַ גריווענע איז אינאיינעם צוויי צוואַנציגער מיט דריי גילדען, מיין איך דריי גילדען מיט צוויי צוואַנציגער, טפֿו, וואָס רעד איך? מע בעדאַרף אָנהויבען נאָך אַמאָל פֿון'ם אָנהויב!

און ער הויבט אָן נאָך אַמאָל פֿון'ם אָנהויב. מיר צעהלען און צעהלען און קאָנען ניט איבערצעהלען; מיר רעכענען און רעכענען און קאָנען ניט אויסרעכענען, און אַז עס קומט צום פעטער משה־אהרנ'ס אַלטע פּיטאַקעס, שווערע זעקסערס, אָבגעריבענע דרייערס און אָנגעשוואָלענע גראָשענס, פֿערפּלאָנטען מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון, אַז מיר ווייסען שוין גאָר ניט וואו מיר זענען אין דער וועלט. מיר פּרובען זיך אויסבייטען די דאָזיגע מטבעות ביי דער מאַמען, ביים טאַטען, ביי בריינע די קעכין — עס געהט ניט: קיינער וויל זיי ניט נעמען אין די הענד אַריין!

— וואָס איז דאָס פֿאַר פּיטאַקעס? ווער האָט דאָס אייך אַריין געטריקט אַזאַ געלד?

מיר שעמען זיך אויסזאגען און מאכען א שוייג.

— ווייסט דו גאר וואס? — זאגט צו מיר מיין ברודער מאטיל — לאמיר זיי נעמען און אריינוואַרפען אין אויבען אריין, אדער גאר אין דרויסען אויפ'ן שניי, קיינער זאל ניט זעהען.

— א חכם א יוד! זאג איך צו איהם — שוין גלייבער דאכט זיך אוועקשייקען זיי איין ארימאן.

נאר ווי אויף צו להכעיס קומט ניט קיין ארימאן! וואו זענען אהינגעקומען אלע ארימע לייט, וואס רייסען ביי די פאלעס, דינגען זיך, זידלען זיך און שעלטען? ניין, דאס וואס מע בעדארף וועט קיינמאל ניט קומען! קיין מאל ניט! קיין מאל ניט!..

בּײם קעניג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ.

א.

אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין יוּנְגִיל — ווייסְט אִיהר וֶועמֶען אִיךְ דָאבּ מְקַנֵא גֶעוֶוען?

אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ'ן.

נִיט יֶענֶעם אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ'ן, וָואס הָאט גֶעקְענִיגְט פוּן הוֹדוּ בִּיז כּוּשׁ, אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבֶּען אוּנ צְוַואנְצִיג מְדִינוֹת. אִיךְ מֵיין קָאפִּיל דֶעם שְׁנַיידֶער מִיט דֶער גִילְדֶענֶע קְרוֹין... דָאס הֵייסְט מִיטְ'ן פַּאפִּירֶענֶעם הִטְפּאדֶעק, אוּנ מִיט דֶער לַאנְגֶער גִילְדֶענֶער רוּט פוּנ'ם בֶּעזֶעם.

אוֹיךְ מָרְדְכַי'ן דֶעם שֵׁנִי לַמֶלֶךְ (לֵוִי דֶעם שׁוּסְטֶער) מִיט דֶער אִיבֶּערְגֶעקֶעהרְטֶע קַאפָּאטֶע אוֹיף דֶער לִינְקֶער זַייט אוּנ מִיט דֶער קְלָאטְשְׁקֶעוַואטֶע פְלַאקְסֶענֶע בָּארְד הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק מְקַנֵא גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ מְקַנֵא גֶעוֶוען וַשְׁתִּי הַמַלְכָּה'ן (מָאטִיל דֶעם סְטָאלִיר) מִיטְ'ן קְלֵיידִיל אוֹיף דֶער קַאפָּאטֶע אוּנ מִיט דֶער פֶּעטְשֵׁיילֶע וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְבִּינְדֶען דָאס בֶּערְדִיל, מֶע זָאל מֵיינֶען אוֹיף אִיהם, אַז עֶר אִיז אַ נְקֵבָה... אוּנ וָואס אִיז אָבְּגֶענַאנְגֶען אַ שְׁטֵייגֶער אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה'ן (עוֹזֵר דֶעם אוּנְטֶער־שַׁמָשׁ) מִיטְ'ן גְרִינֶעם פַאַרְטוּךְ? אוּנ וָואס אִיז אָבְּגֶענַאנְגֶען הָמָנֶ'ען (יָאסֶקֶע דֶעם בֶּעהֶעלְפֶער) מִיטְ'ן שַׁארְבֶּען אוֹיפְ'ן קָאפּ?...

נָאר מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאבּ אִיךְ מְקַנֵא גֶעוֶוען פַייוִויל דֶעם יָתוֹם וָואס פְלֶעגְט זִיךְ אָנְטְהוּן אִין אַ רוֹיט הֶעמְ״ל, זִיךְ פֶערְשְׁטֶעלֶען פַאר „יוֹסֵף הַצַדִיק“ בִּשְׁעַת חֶבְרָה הָאבֶּען גֶעשְׁפִּילְט יֶענֶע שֵׁיינֶע שְׁפִּיעל, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען „מְכִירַת־יוֹסֵף“. זַיינֶע בְּרִידֶער פְלֶעגֶען אִיהם אַרָאבְּרַייסֶען דָאס רוֹיטֶע הֶעמְדִיל, אַרַיינְוַוארְפֶען אִיהם אִין „לֵייבֶּעדְרוּבּ“, אוּנ יוֹסֵף הַצַדִיק (פַייוִויל הֵייסְט דָאס) פְלֶעגְט זִיךְ אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען אוֹיף דִי קְנִיהֶעס, צוּנוֹיפְלֵייגֶען דִי הֶענְט אוּנ בֶּעשְׁוֶועהרֶען דִי חַיוֹת־רָעוֹת זֵיי זָאלֶען צוּ אִיהם קֵיין שְׁלִיטָה נִישְׁט הָאבֶּען אוּנ זִינְגֶען בִּשְׁעַת

מַעֲשֶׂה זֶעהר אַ טְרוֹיעֶרִיג לִיעד, וָואס דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶען אִין יֶעדֶען אֵבֶר:

שְׁלַאנְגֶען אוּנ עֶקְדִישֶׁען,
פֶערְשְׁלִיסְט אַייֶער מוֹיל,
פֶערְשְׁלִיסְט אַייֶער מוֹיל!
צִי וֵוייסְט אִיהר דֶען,
צִי וֵוייסְט אִיהר דֶען,
צִי וֵוייסְט אִיהר וֶוער אִיךְ בִּין?
אִיךְ בִּין יוֹסֵף הַצַדִיק,
יִצְחָק'ס אַיין אֵיינִיקִיל,
יַעֲקֹב'ס אַ זוּהן,
יַעֲקֹב'ס אַ זוּהן!...

אוּנ חָאטְשׁ יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם, אַיין אָרִים בָּחוּר'ל וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען אִין אִינְטֶערְשְׁטֶען קְלַייזִיל אוּנ גֶעלֶעבְּט פוּן אַ „פָאלְג מִיךְ אַ גַאנְג“ אוּנ חָאטְשׁ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גָבִיר'ס אַ יוּנְגִיל, דֶעם זֵיידֶען רֶב מֵאִיר'ס אַיין אֵיינִיקִיל, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וָואלְט אִיךְ מִיט אִיהם גֶעבִּיטֶען נָאר צוּלִיעב דֶעם אֵייגֶעם טָאג פּוּרִים אַלֵיין.

אַז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דֶער גוּטֶער, דֶער לִיעבֶּער טָאג פּוּרִים הָאב אִיךְ פוּן גַאנְץ פְרִיה אָן שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דֶער „חֶבְרָה“, וָואס גֶעהֶען פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ אוּנ אַ גַאנְצֶע חַאלִיאַסְטְרֶע יוּנְגְלִיךְ לוֹיפֶען זֵיי נָאךְ פוּן אוּנְטֶען מִיט בָּארְוֶועסֶע פִיס אוֹיפְ'ן שְׁנֵיי. פַאר וָואס קֶען אִיךְ נִיט זַיין אִין דֶער חַאלִיאַסְטְרֶע? נֵיין! אִיךְ טָאר נִישְׁט, וָוארִים אִיךְ בִּין אַ גָבִיר'ס אַ יוּנְגִיל אוּנ דֶעם זֵיידֶען רֶב מֵאִיר'ס אַיין אֵיינִיקִיל, בֶּעדַארְף אִיךְ לִיגֶען וִוי אַ הוּנְד אַ גַאנְצֶען טַאג אִין שְׁטוּבּ אוּנ גֶעהְן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צוּם זֵיידֶען רֶב מֵאִיר צוּ דֶער סְעוּדָה.

— וָואס דְרֶעהְסְט דוּ זִיךְ וִוי אַ דַייטְשׁ אוֹיפְ'ן קָארֶעק? — מַאכְט צוּ מִיר דֶער טַאטֶע בְּשַׁעַת מִיר גֶעהֶען אַלֶע אִין אֵיינֶעם צוּם זֵיידֶען רֶב מֵאִיר צוּ דֶער סְעוּדָה, אוּנ אִיךְ דֶערְזֶעה פוּן דֶער וַוייטֶען דִי „חַאלִיאַסְטְרֶע“.

— בִּיזְט שׁוֹין קֵיין עַיִן־הָרָע אַ הִיבְּשׁ יוּנְגֶעלִי, קָאנְסְט גֶעהְן אַ

ביסעל גיכער — זאָגט די מאַמע — אם ירצה־השם שבת־הגדול וועסט דו אַכט יאָהר ביז הונדערט און צוואַנציג.

— טשעפּעט איהם ניט, ער האָט דערזעהן די „קאָמעדיאַנטשי־קעס"! רופט זיך אָן מיין עלטערער ברודער משה'לע, וואָס איז אַליין אויך אַ בעל'ן זיך אָבשטעלען אָנקוקען די „קאָמעדיאַנטשיקעס".

— גיה, גיה! — מאַכט צו מיר דער רבי רב איצי, מיין מלאך־המות, און דערלאַנגט מיר אַ שטורך פון אונטען.

איך לאָז אַראָב די אויגען אין דער בלאָטע און גיה גלייך מיט אַלע, פערטיעפט אין אומעטיגע מחשבות, טרויעריגע געדאַנקען: „תמיד מיט אַלע גרויסע! שטענדיג מיט'ן רבי'ן!... אין דערפריה, און ביי נאַכט, און שבת און יום־טוב!... רב איצי'ס רויטע נאָז מיט טאַבאַקע, איינגעזונקען זאָל זי ווערען!..."

ב.

דער זיידע רב מאיר איז דער גרעסטער גביר פון שטאָדט. ער זיצט ווי אַ מאָנאַרך. אַ גרויסע זאַל מיט אַ גרויסען זילבערנעם הענג־לייכטער, וואָס הענגט אַראָב פון דער מיט סטעלי. טאַמפּיקענע העטעס אויף די ווענט. אַ גרויסע שווערע זילבערנע מנורה אויפ'ן טיש מיט אַ סך זילבערנע לייכטער וואָס די באָבע נחמה נעמט זיי אַרויס נאָר צוויי מאָל אין יאָהר: פּסח צום סדר און פּורים צו דער סעודה, און עס ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך.

גאַנץ אויבען אָן, אויף אַ גרויסער שטוהל מיט גרינס בעצויגען זיצט דער זיידע רב מאיר אַליין, — אַ קליין יודיל, מיט אַ שיטער בערדיל, מיט אַ ביסעל אַיין אויסגעבויגענער נאָז מיט זילבערנע האָר און מיט שוואַרצע יונגע אייגען. אָנגעטהון גיהט ער אין אַ לאַנגע זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ געפלאָכטענעם גאַרטעל און מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ. אַקעגען איהם אויפ'ן טיש זיצט אַ גרויסער, אַ מוראַ'דיגער אַ געפלאָכטענער פּורים קוילעטש, אַיין אָנגעהויבענער שוין, מיט זאַפ־ראַן פאַרגעלט און מיט ראָזינקעס אַרומגעשטעקט.

פונקט אין מיטן טיש זיצט די באבע נחמה, א הויכע יונגע, נאך גאר א שיינע, אויסגעפוצט אין א גאלדפארביג זיידען קלייד מיט ווייסע עפי׳, מיט א שטערענטיכיל פון דימאנטען מיט בריליאנטען, מיט רייכע פעריל אויפ׳ן האלז. מיט אויהרינגליך און מיט פינגערליך. נעבען איהר שטעהט א גאנץ גרויסער פאלומעסיק, מיט הייסע, שמעקענדיגע, געציקערטע און געפעפערטע פיש, פערפראוועט מיט ציבעלעס, מיט ראזינקעס און מיט אלערליי געווירצען. די באבע טהיילט ארויס די פיש, די שיינע זיידענע פעטשיילע פערקאטשעט אונטער די אויערען מיט צוויי שפיצען, די דיאמענטען מיט די בריליאנטען בשעת מעשה פינקלען און שטערען, און דאס פנים שיינט און שמייכעלט.

ארום און ארום טיש פון ביידע זייטען זיטצען די פעטערס מיט די מומעס, אלע מיט זייערע קינדער, יונגליך און מיידלעך, וואס הייסען אלע נאך אלץ איינע זיידעס און באבעס, פעטערס און מומעס. פריהער דער פעטער צדוק און די מומע צביה מיט דריי יונגליך: משה׳לי, הערשעלי, וועלוועלי און צוויי מיידלעך: שרה׳לי, פייגעלי. נאכדעם דער פעטער נפתלי און די מומע דבורה׳ל מיט פיער יונגליך: משה׳לי, הערשעלי, וועלוועלי, נאטעלי און דריי מיידליך: שרה׳לי, פייגעלי, רחל׳י, נאכדעם דער פעטער אברהם און די מומע סאסי מיט פינף יונגליך: משה׳לי, הערשעלי, וועלוועלי, נאטעלי, יענקעלי און פיער מיידליך: שרה׳לי, פייגעלי, רחל׳י, טייבעלי נאכדעם דער פעטער בעריש און די מומע אסתר׳ל מיט זעכס יונגליך: משה׳לי, הערשעלי, וועלוועלי, נאטעלי, יענקעלי, פישעלי און פינף מיידליך: שרה׳לי, פייגעלי, רחל׳י, טייבעלי און חנצי. נאכדעם דער פעטער בנימין און די מומע לאה מיט זיבען יונגליך: משה׳לי, הערשעלי, וועלוועלי, נאטעלי, יענקעלי, פישעלי, שמואליקיל און זעכס מיידליך. שרה׳לי, פייגעלי, רחל׳י טייבעלי, חנצי און גנענדיל. נאכדעם דער פעטער קלמן און די מומע איטעל. מיט אכט יונגליך...

נאר אפשר וואלט געווען גענוג אויסרעכענען די משפחה? עס

קען, זאָגט מען, שאַטן... דער זיידע האָט איין מאָל געוואָלט אויף אַ ציקאָוועסט איבערצעהלען וויפיעל פּאַרשוין זיצען בּיים טיש, האָט ער גענומען אַ זילבּערנעם בּעכער אין האַנד און האָט אָנגעהויבּען צו צעהלען: „ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ניט פיער, ניט פינף, ניט זעקס, ניט זיבּען”... האָט די באָבּע אויסגעריסען בּיי איהם דעם בּעכער פון האַנד און האָט איהם ניט געלאָזט צעהלען ווייטער: „אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! וואָס צעהלסט דו וואָס? פאַראַן קיין עין הרע געגוג מעלער!”...

צוזאַמענגעקליבּען זיך אַלע צו דער סעודה, זעצט דער זיידע אַליין אויבן דעם גאַנצען טיש. דער זיידע רב מאיר האָט ליעב ס'זאָל זיין שיין און ריין און ציכטיג און מיט אַ סדר — עס קומט אויס גוט: אַ פעטער זיצט נעבּען אַ פעטער, אַ מומע נעבּען אַ מומע, און אונז, קליינוואַרג, צוזעצט מען אויס אַזוי, אַז ס'זאָל אויסקומען נישט אַ בּרודער מיט אַ בּרודער און אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער, מחמת אייגענע קאָנען נישט הויזען צווישען זיך; לכן בּעראַרף זיצען אַ פרעמדער משה'לי מיט אַ פרעמדען הערשעלי; און אַ פרעמדער הערשעלי מיט אַ פרעמדען וועלוועלי, און אַ וועלוועלי מיט אַ נאָטעלי, אַ נאָטעלי מיט אַ יענקעלי, אַ יענקעלי מיט אַ פישעלי, אַ פישעלי מיט אַ שמואליקיל און די מיידליך אויך אַזוי: אַ שרה'לי מיט אַ פייגעלי אַ פייגעלי מיט אַ רחלי, אַ רחלי מיט אַ טייבּעלי, אַ טייבּעלי מיט אַ חנצי און אַ חנצי מיט אַ גנענדיל, אַ גנענדיל מיט אַ שרה'לי, אַ שרה'לי מיט אַ פייגעלי, און אַזוי ווייטער. נאָר מיר האָט ניט געסטאַיעט קיין פּאַריל, האָט מען מיך אַנידער געזעצט מיט מיין מלאך המות, דעם רבּין רב איצי. דער רבּי רב איצי, איז בּיי מיר נישט נאָר אַ מלמד, אַ לעהרער אַליין, נאָר אויך אַ מדריך, אַ וועגווייזער, אַ מין גובערנאַנטקע אויף צו לערנען מיך דרך־ארץ, ווי אַזוי צו זיצען בּיים טיש און ווי אַזוי צו עסען.

— אַז דו זיצט בּיים טיש — אַזוי האָט מיך געלערנט מיין גובערנאַנטקע רב איצי — זאָלסט דו זיצען ווי אַ מענש. דו זאָלסט

קוקען גלייך, און די הענד זאלסט דו האלטען אונטערען טיש און נישט רעדען ביים עסען. און אז דו עסט לאקשען מיט יוך, זאלסט דו אננעמען מיט דער לעפעל פונקט אזוי פיעל לאקשען וויפיעל יוך; א זופ יוך און אוועקגעלייגט די לעפעל און אבגעווישט די ליפען; און ווידער א זופ יוך און ווידער אוועקגעלייגט די לעפעל און אבגעווישט די ליפען, נישט חאפען איין לעפעל נאכ'ן אנדערען ווי א גוי...

אנידערגעזעצט זיך געבען מיר און געמאכט א מוציא געמט דער רבי רב איצי ארוים די רויטע פעטשיילע פון בוזעם קעשעני, טרייסעלט אוים די טאבעקע גלייך צו מיר אין טעלער אריין, נאכדעם הויבט ער אן שנייצען די נאז מיט א מאדנעם קוויטיש און מיט א קול פון א שופר און לאזט אוים מיט א תקיעה גדולה, און בשעת מעשה קוקט ער אויף מיר מיט איין אויג, צי איך זיץ ווי א מענש...

שושנת יע־ע־ע־קב!

אזוי הויבט אן דער זיידע צו זינגען מיט זעהר איין אנגענעה־מענע שטימע תיכף נאכ'ן ערשטען גלעזיל וויין, און קנאקט צו בשעת מעשה מיט'ן פינגער, און דער גאנצער עולם חאפט אונטער:

צהלה ושמחה!

אויף אלערליי קולות, אלע מאל העכער און העכער. און מיין רבי רב איצי, וואס איז א קליינער מנגן, ער האט א קול פון א־שליינען, העלפט אויך זינגען, דאס הייסט ער האלט אפען דאס מויל, פערמאכט די אויגען, גיט אכטונג פון דעסטוועגען בשעת מעשה מיט א האלב אויגיל אויף מיר צי איך זיץ ווי א מענש, דעם קאפ האלט ער אביסיל אויף א זייט, קלאפט מיט'ן מיטעלסטען פינגער אין טיש — הקצור ער בעווייזט דעם זיידען אז ער זינגט אויך און קאן... און אז עס קומט צו „ברוך מרדכי” און „ארור המן”, בענשט מען מרדכי'ן און מע שעלט אן המן'ן — עס זאל זיי אנגעהן א צעהנט חלק, רבונו של עולם!...

ג.

— געקומען די פורים־שפילער! — רופט זיך אן תנחום דער משרת, א ייד מיט א רויטער קאפאטע, וואס זאגט אלעמען „דו", א חוץ דעם זיידען מיט דער באבען.

דערהערט „פורים שפילער", שפרינגען מיר, קליינוואַרג, אלע אין איין רגע ארויס פונ'ם טיש און מיר שטעהען שוין אלע ארום דעם קעניג אחשורוש מיט דער גילדענע קרוין.

— גוט יום טוב! — שיסען אויס די חברה אלע מיט א מאל גאנץ פרעהליך, און מע שטעלט זיך אויס אין צוויי ציילען. אויף א גילדענער שטוהל זיצט דער קעניג אחשורוש און עס טריט ארויס אויף איין פוס ממוכן (חיים שמייסער), זינגט א דייטשעס לידעל:

בין איך מיר ממוכן פאן די אחשתרנים,
נאך גאר א יונגער הער — דאס זעהט איהר אין מיין פנים.
אויף איין פוס טהו איך טהון שפרינגון
און אויף מיין זיסער שטימע — זינגון.
פרעגט איהם דער קעניג אחשורש:
זאג מיין ליבער קנעכט ממוכן,
וואס ביזט דו געקומען אהער צו קרוכון?
ענטפערט איהם ממוכן:
לאז דער קעניג אחשורש קיקון,
ווי מע וויל פאר המנ'ן ניט ביקון...
ווערט דער קעניג אחשורש אנגעצונדען:
ווער טהוט דאס ווידערשפעניגען מיינע ווערטער.
וואס איך האב באפעהלען אין אלע ערטער?
ענטפערט איהם ממוכן:
א פערפלוכטער יודע, ער טהוט שבת האלטען,
די קאפאטע איז ביי איהם הונטען ניט צושפאלטען,
אויפ'ן אכטען טאג טהוט ער די קינדער צו באשניידען,
ווי קאנסט דו אזעלכס אין דיין קעניגרייך גאר ליידען?

זאָגט דער קעניג אַחשורוש:

אויב אַזוי לאָז מען דעם יודען אַהער ברייגנגען,
מיר וועלען איהם אויף אַ הויכען בוים אויפהייגנגען!

זינגט אוים מטוכן:

אַריין, אַריין, אַריין,
ברודער מאָנדעריש דו מיין!

עס קומט אַריין מאָנדריש מיט דער קלאָטשקעוואַטע באָרד און הויבט זיך אָן פערענטפערען פאַר'ן קעניג אַחשורוש, דערצעהלט איהם דעם יחוס, פון וואַנען ער קומט אַרוים: אַברהם יצחק ויעקב זענען זיינע זיידעס, די תרי"ג מצות זענען זיינע עדות", און ער לאָזט אוים מיט אַ געזאַנג:

אַז אַך און אַז וועה איז צו אונזערע הערצער,
אַז המן איז ביי דיר אַ מונדערפעהצער!

— דו ביזט יוסף הצדיק? — רוף איך מיך אָן צו פייוועל דעם יתום, וואָס שטעהט ביי דער זייט מיט איין אויסגעטידט פערשאָמערט פנים.

— יוסף הצדיק — מאַכט צו מיר פייוועל.

— דו וועסט אויך שפּיעלען? — פרעג איך איהם.

— אַז מע וועט מיר הייסען שפּיעלען וועל איך שפּיעלען — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און בייגט זיך אָן צו מיר אויפ'ן אויער — גיב מיר אַ שטיקיל קוילעטש פון אייער פורים קוילעטש.

— מע וועט דערזעהען וועט מען זיך בייזערן — מאַך איך צו איהם שטילערהייד.

— שלעפ אַוועק אַזוי אַז קיינער זאָל ניט זעהען — זאָגט ער צו מיר און די אייגעליך בלישטשען.

— גנבה'נען? — זאָג איך.

— דאָס הייסט דען געגנבה'ט? — מאַכט ער.

— וואָס דען — זאָג איך — הייסט דאָס? געלקחנ'ט?

— איך בין טוידט הונגעריג — זאגט ער צו מיר שטילערהייד און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגען — פון גאנץ פריה אן נאך אין מיין מויל נישט געהאט...

דער גאנצער עולם איז פערטיעפט אין דער „שפיעל”, געה איך צו פאוואליגקע צום טיש, פערלייג די האנד ארונטער, שלעפ אוועק א שטיק קוילעטש און רוק דאס איהם אריין אין האנד אריין. יוסף הצדיק לאזט אראב קונציג דאס שטיקיל קוילעטש אין קעשענע אריין און טהוט מיך א קוועטש ביי דער האנד.

— ביזט א וואהל יונגיל, געבען זאל דיר גאט אלדעס גוטס!—

ד.

אפשר ווילט איהר מיר זאלען אייך שפיעלען „מכירת יוסף” אויך? — רופט זיך אן דער קעניג אחשורש און טהוט אוים די געל־דענע קרוין און טהוט אן א פראסטע היטעל.

— גענוג, גענוג! מאכט דער זיידע, און ער גיט דעם קעניג אחשורש אין האנט אריין א זילבערנע מטבע, און הייסט תנחום דעם משרת ער זאל נעמען א בעזעם און אויסראמען די בלאטע וואס די „קאמעדיאנטשיקעס” האבען אנגעמאכט... אין שטוב ווערט א שטיקעל בהלה, א רוקעריי מיט די בענקליך, און בשעת די משפחה האלט אין אויסזעצען זיך צוריק אויף די ערטער, חאפ איך מיך דערוויייל ארוים אויף א מינוט בעגלייטען די „חברה”.

— קום! — מאכט צו מיר יוסף הצדיק, און נעמט מיר אן ביי דער האנד — פאלג מיך קום מיט מיר, איך האב דיך ליעב, ביזט א וואהל יונגעל, זעהר א וואהלער.

— וואהין? — זאג איך און דאס הארץ טיאכקעט מיר.

— צום קעניג אחשורש — מאכט ער צו מיר — מיר שפיעלען שוין מעהר היינט נישט, דאס געהען מיר צום קעניג אחשורש צו דער סעודה.

יוסף הצדיק נעמט מיך אן ביי דער האנט און מיר שפּאַנען איבער דער בלאָטע.

די נאַכט רוקט אן נעהנטער און נעהנטער, די בלאָטע װערט וואָס ווייטער אַלץ טיפער, עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פֿליגעל, עס טראָגט מיך אין דער לופֿטען, אט באַלד הויב איך אן פֿליהען... שװעבען...

— איך האָב מורא — זאָג איך צו יוסף הצדיק און האַלט איהם צו ביי דער האַנד.

— וואָס האָסט דו מורא נאַרעלי? — מאַכט ער צו מיר און קייעט בשעת מעשה דאָס שטיקעל קוילעטש, וואָס איך האָב איהם געגעבען. — דאָרט וועט זיין אַ סעודה, נאַרעלי, דאָרט וועסט דו הערען ווי מיר זינגען ליעדער... אוי וואָס פאַר אַ קוילעטש ביי אייך איז! טעם גן־עדן! צוגעהט זיך אין מויל ווי אַ פּוטער! איך פֿערשטעה ניט ווי אַזוי זעהט מען פאַר זיך אַזאַ־נ־אַנטיק און מע עסט דאָס ניט?

— אַ טהייערע מציאה! — זאָג איך מיט גדלות — ביי אונז עסט מען אין דער וואָכען אויך קוילעטש.

— אַלע מאָל קוילעטש? — זאָגט יוסף הצדיק, און בעלעקט זיך — און פֿלייש?

— אַלע טאָג — זאָג איך.

— אַלע טאָג — מאַכט ער און טהוט אַ שלונג — און איך עס פֿלייש נור איין מאָל אין וואָך, שבת; אי דאָס ניט אַלע שבת, וואָרום ניט אַלע שבת נעמט מיך אַ נגיד, און אַז גאָט העלפֿט מע פאַלט אַריין צו אַ קבצן, עסט מען קדחת.

— וואָס הייסט מע עסט קדחת? — זאָג איך.

— קדחת עסען ווייסט דו ניט? מע עסט מכות הייסט דאָס — גיט ער מיר צו פֿערשטעהן — ניטאָ וואָס צו עסען עסט מען מכות. איך לעב פֿון דעם וואָס מע גיט מיר. עוזר דער שמש לעבען זאָל ער, האַלט מיך אונטער, אַ מאָל מיט אַ שטיקעל ברויט, אַ מאָל מיט אַ קאָך־

טאפּלי; עווער איז אַ טהייערער יוד, אַ דימאַנדיגע נשמה! דו קאַנסט איהם? דאס איז דאָך אסתּר המלכּה...

— וואו איז דיין טאטע? — פרעג איך איהם.

— איך האָב נישט קיין טאטען.

— וואו איז דיין מאַמע?

— איך האָב נישט קיין מאַמע.

— דער זיידע? די באָבע?

— איך האָב נישט קיין זיידען, איך האָב נישט קיין באָבע.

— אַ פעטער? אַ מומע?

— איך האָב נישט קיין פעטער, איך האָב נישט קיין מומע.

— אַ ברודער? אַ שוועסטער?

— איך האָב נישט קיין ברודער, איך האָב נישט קיין שוועסטער, איך האָב קיינעם נישט, קיינעם נישט, איך בין אַ יתום בין איך!

איך האָב אַ קוק אויף זיין פּנים און אויף דער לבנה, און עס דאַכט זיך מיר אַז ער און די לבנה האָבען איין קאָליר... איך רוק מיך צו צו איהם נאָך נעהנטער און מיר לויפען נאָך דער „חברה" מיט אונזערע קליינע פיסעלעך גאַנץ געשמיידיג.

ה.

— אָט דאָ זיצט דער קעניג אחשורוש — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און מיר לאָזען זיך אַראָב אַלע אין אַ קליין פינסטער שטיבעל מיט ערד געדעקט.

— פריידי עטיל אַרויס פון בעטיל! — רופט זיך אָן דער קעניג אחשורוש צו זיין ווייב, אַ קראַנקע יודינע, אַ יאַרושליווע, וואָס בשעת זי הוסט האַפּט זי זיך מיט איין האַנט ביים קאָפּ און מיט דער אַנדערער ביים האַרצען. „חברה" האָבען זיך אָנגעזונגען אַ גאַנצען טאָג מיט ליעדער און זענען שוין אַזוי געוואָהנט געוואָרען מיט'ן גראַם, אַז אָהן אַ גראַם איז זיי שוין שווער צו רעדען...

— די שײנע פּיש זאָלט איהר געבען צום טיש — זאָגט מְמוּכָן — קוילעטש האָבען מיר אַלײן, אויף צו קנאַקען מיט די צײהן, און דרײ־עקעכיגע המן־טאַשען, וואָס מע פערשפּאָרט זיך צו זײ וואַשען, און פלאָדען מיט פלעדלעך, מיט פורים'דיגע קנײדלעך, און בראָנפען אַ פּלעשיל, האָט אונז געשענקט רב יהושע העשיל... מאַנדריש, ביגרעש אויף דעם זאַק, אַט גיב איך דיר אַ קנאַק!

— אײדער בעקומען אַ קנאַק אין באַק איז גלײכער אויפבינדען דעם זאַק, זאָגט מאַנדריש מיט אײן דרײגאָרענדיגען גראַם און װיל אויפבינדען דאָס זעקיל.

— איהר האָט זיך גענומען צום עסען און דאָס געלד האָט איהר פערגעסען! — זאָגט ושתי.

— ושתי איז ניט קײן שכור, ער װײסט אַז דער גראָשען איז דער עיקר! — רופט זיך אָן המן און איהם האַלט אונטער אסתר המלכה, געװײנטליך אויך מיט אַ גראַם.

נאָר אַז עס קומט צו דער „חלוקה" פון'ם געלד, הערט מען אויף רעדען צום גראַם. מע רעדט פּראָסט, װי אַלע מענשען רעדען, בשעת עס האַלט בײ געלד... דעם גרעסטען חלק נעמט אַראָב געװײנטליך דער קעניג אחשורוש. דאָס איז שוין בײ זײ אַ תקנה פון יאָהר צו יאָהר. נאָר אַז עס קומט צו די איבעריגע חברה־לײט, װערט אַ שטיקעל מחלוקת; ממוכן פרעגט אַ קשיא פאַר װאָס קומט ושתי'ן מעהר פון איהם? ער, ממוכן, דאַרף האָרעװען מעהר פון אַלעמען, שפּרינגען אויף אײן פוס, לופטערען די שפּראַך שיטען מיט גראַמען, שפּאָרען די שײנע װערטער; און אַז עס קומט צום טהײלען זיך, װערט ושתי אַ מיוחס; באַשר װאָס איז? ער געהער זיך אָן אַ קנעפּיל מיט'ן קעניג אחשורוש; אַ שנײדער מיט אַ סטאָליר שלאָגען תמיד בלאַט...

— לאָז זײן שטיל — צושרײט זיך אויף איהם דער קעניג אחשורוש — דו שמײסער, דו פערדיל־טרײבער, דו װאָגען־שמירער, דו לײמענער דישעל, דו פּאַפּירענע שלײע, דו גלעזערען פלעקיל, דו רימענע אַקס! דו האָסט אַ העזה צו רעדען אַקעגען דעם קעניג אחשורוש?

נאט ווארף איך דיר אריין א מיסטעל פעטש אין די יאסלים, וועסט דו זעהן ביי מיר אויפ'ן דראנזשיקו!..

מטוכן ווערט אנגשווינגען. פאר'ן קעניג אחשורוש האבען אלע ארטיסטען דרך ארץ, ווארום ער איז דער בעל הבית, דער אנטרעפּע־נער הייסט דאס... מאנדריש בורטשעט אפילו אונטער שטילערהייד, איהם האלטען אונטער די אלע איבעריגע; נאר איין אסתר־המלכה לאזט אראב די עטליכע מטבעות אין קעשענע אריין, זאגט דערביי א ווערטיל, און „חברה" ווערט ווידער לעבעדיג, פרעהליך און מען הויבט אן רעדען ווידער צום גראם.

— נישט מעהר זאלען די נגידים פערמאגען אויף זייערע לייבער, וויפיעל מיר וועלען ברענגען אהיים פאר אונזערע ווייבער! — זאגט מטוכן...

איך בעטראכט דאס זיצונג פון קעניג אחשורוש. אין מיטען שטוב א גרויסער טיש, צוגעדעקט מיט א גראבען טונקעלען טישטוך. ביי איין זייט א ווארשטאה מיט געצייג, ביי דער אנדערער זייט א הילצערנע בעטיל מיט א סך קישענס כמעט ביז דער סטעליע. א קעגען אויבען א טופּטשאן. אויפ'ן טופּטשאן זיצט א שווארצער קאטער, האלט די לאפּקעס אונטער זיך און דרימעלט. פון אויפ'ן אויבען קוקען אראב עטליכע פאר שווארצע, קארע און גרויהע אייגעלעך.

— אראב, ממזרים! — מאכט צו זיי יוסף הצדיק און ווינקט צו זיי מיט'ן פינגער. די שווארצע, קארע, גרויהע אייגעליך לאזען זיך לאנג נישט בעטען און גליטשען זיך אראב איינציגווייז פונ'ם אויפ'ן אויבען מיט צוריסענע העמדליך וואס פערשטעלען דאס לייב נאר ביז עטוואס נידעריגער פונ'ם פופּיק... יוסף הצדיק ווייזט אויס איז דארט א היימישער מענש, ווארום די נאקעטע קינדערליך געהן צו צו איהם ווי די קליינע שעפעליך, בייגען אן צו איהם די געקרייזעלטע קעפּעליך ער זאל זיי גלעטען.

— איהר זענט הונגעריג? — זאגט צו זיי יוסף הצדיק — אט וועלען מיר באלד עסען. מיר האבען אייך געבראכט אלע גוטע זאכען.

אוּן עֶר רֶעכֶענְט זַיי אוֹיס אַלֶע „גוּטֶע זַאכֶען", וָואס מֶע הָאט הַיינְט גֶעבְּרַאכְט, אוּן דִי קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלִיךְ קוּקֶען זִיךְ אִיבֶּער, שְׁלִינְגֶען דִי שְׁלַיים אוּן בֶּעלֶעקֶען זִיךְ. אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק גְלֶעט זַיי דִי גֶעקְרַיי־זֶעלְטֶע קֶעפֶּעלִיךְ, שְׁלִינְגְט דִי שְׁלַיים גְלַייךְ מִיט זַיי אוּן בֶּעלֶעקְט זִיךְ אַזְשׁ... זַיי קוּקֶען שׁוֹין אַרוֹיס מֶע זָאל גֵעהְן צוּם טִישׁ, זִיךְ נֶעמֶען צוּ דֶער אֲכִילָה... גָאט הָאט זַיי גֶעהָאלְפֶען, דֶער קֶענִיג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ נֶעמְט זִיךְ צוּם פְלֶעשִׁיל, גִיסְט אָן אַ גְלֶעזִיל בְּרָאנְפֶען אוּן טְרִינְקְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען כּוֹס לִכְבוֹד דֶעם „הֵיילִיגֶען" יוֹם טוֹב פּוּרִים; אוּן נָאךְ אִיהם נֶעמֶען אַלֶע צוּ גְלֶעזְלִיךְ בְּרָאנְפֶען; אוּן מֶע זֶעצְט זִיךְ צוּם טִישׁ, אַלֶע פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַחוּץ פְרֵיידִי־עֶטִיל, וָואס פָּארֶעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶען; אוּן אֲפִילוּ דֶער שְׁוַוארְצֶער קָאטֶער חַאפְּט זִיךְ אוֹיף, גְלַייכְט זִיךְ אוֹיס דֶעם רוּקֶען מִיט אַ גֶענִיץ אוּן גֵעהְט צוּם טִישׁ אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַקֶעגֶען אוּן וַוארְט, טָאמֶער וֶועט עֶר עֶפֶּיס נַאשֶׁען פוּן דֶער סְעוּדָה... אִיךְ אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק אוּן דִי נַאקֶעטֶע שֶׁעפֶּעלִיךְ מִיט דִי גֶעקְרַייזֶעלְטֶע קֶעפֶּעלִיךְ זֶעצֶען זִיךְ אוֹיס אַלֶע אוֹיף אַ לַאנְג בֶּענְקִיל, וָואס הִינְקְט אוֹיף אַ פוּס אוּן עֶס שָׁאקֶעלְט זִיךְ; אוּן מִיר, קְלֵיינְוַוארְג, צוּלַאכֶען זִיךְ פוּנ'ם הִינְקֶעדִיקֶען בֶּענְקִיל אַזוֹי וִוי פוּן דֶער שֶׁענְסְטֶער קָאמֶעדִיֶע, אוּן עֶרְשְׁט דָא דֶערְזֶעהְט מִיךְ „חֶבְרָה" אוּן וואוּנְדֶערְט זִיךְ: עֶפֶּיס אַ נַייעֶר, נִיט קֵיין קֶענְטְלִיכֶער פַּארְשׁוֹין!

— וֶוער אִיז דֶער אַגְרֶעס? — פְרֶעגְט דֶער קֶענִיג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ.

יוֹסֵף הַצַדִיק דֶערְצֵיילְט זַיי וֶוער אִיךְ בִּין אוּן וִוי אִיךְ קוּם אַהֶער. דֶעם עוֹלָם אִיז דָאס אַ פָּנִים שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען, מַחֲמַת אִיטְלִיכֶער גֵעהְט צוּ, טְהוּט מִיךְ אַ זֶעץ אִיבֶּער דֶער פְּלֵייצֶע, אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקִיל אוּן אִיטְלִיכֶער זָאגְט אַיין אַנְדֶער וֶוערְטֶעלִי גֶעוֵויינְטְלִיךְ צוּם גְרַאם, אוּן דִי סְעוּדָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן. פְרֵיידִי־עֶטִיל טְרָאגְט צוּ פוּנ'ם אוֹיבֶען שְׁטַארְק גֶעפֶּעפֶּערְטֶע פִישׁ מִיט קַארְטָאפְלִים, אוּן הָאטְשׁ זַיי זֶענֶען נִישְׁט פֶערְ־פְרַאוֶועט מִיט אַלֶערְלֵיי גֶעווירְצֶען וִוי בַּיים זֵיידֶען רֶב מֵאִיר, נָאר זַיי וַוייזֶען מִיר אוֹיס דַוְקָא זֵעהר בֶּעטַעמְ'ט. אַיין חִסָרוֹן נָאר וָואס זַיי זֶענֶען פוּל מִיט בֵּיינְדְלִיךְ! דֶערְפַאר עֶסֶען אָבֶער אַלֶע פוּן אַיין טֶעלֶער, אוּן

דאָס איז מיר דווקא שטאַרק געפעלען; איטליכער שטופּט דעם גאָפּעל — ס'איז פרעהליך! נאָך די פּיש נעמט „חברה" ווידער צו ביסליך בראָנפען, און מע טרינקט לחיים, און מע ווערט לעבעדיג נאָר אויף אַ"ן אַנדער אופן; מע שטעהט אויף פונ'ם טיש, מע נעמט זיך פאר די הענד און מע געהט גאָר אַ טענציל, און מע זינגט אַ לידעל:

וואָס מיר זענען
זענען מיר,
אָבער יודען!
זענען מיר!
וואָס מיר האָבען
האָבען מיר,
אָבער צרות
האָבען ניט!

— דוסקאָוואָ פּעסניאַ! — צושרייט זיך מאַנדריש אויף אַ קול — רוסקאָוואָ פּעסניאַ פּאָדאַוואַי!...

און „חברה" זינגט אַ רוסיש לידעל. טאַנצט און פּליעסקעט צו מיט די הענד:

נאַדאָ זנאַט
קאַק גוליאַט!
פּערעד באָגאָם
אַטוועטשאַט!
מי פּיאָם מי גוליאָעם,
ואתה מלך חי וקים!
האָמיר יודען טרינקען לחיים!
לשנה הבאה בירושלים!

— אַיאָ ס'איז בײַ אונז גוט? — זאָגט צו מיר יוסף הצדיק, וואָס האָט איבערגעהאַפּט דעם הונגער און איז געוואָרען גאָר אַ"ן אַנדער מענש, און ער נעמט אַביסיל בראָנפען, און ער גיט מיר אויך אַביסיל בראָנפען, און שלעפּט מיך טאַנצען. איך ווייס ניט וואָס מיט

מיר איז די שׂמחה אַזוי גרויס, נאָר איך פּיהל מיך עפּיס זעהר אויפ־געלייגט; איך פּיהל אַז ס'איז מיר גוט, גוט אָהן אַיין עק! פּלוצים...

ו.

פּלוצים עפּענט זיך די טהיר און איך דערזעה דעם טאַטען מיט'ן רבי'ן רב איצי און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, וואס דער טאַטע האָט געקלערט, בשעת ער האָט מיך דערזעהען טאַנצען מיט „חברה" אין קאָהן ווייס איך ניט. איך האָב נור געזעהן, אַז ער איז געבּליבּען שטעהן צוגעקאָוועט צום אָרט, געקוקט אויף מיר, אויף דער חברה און אויפ'ן רבּי'ן; דער רבּי האָט געקוקט אויף מיר, אויף דער „חברה" און אויפ'ן טאַטען; איך האָב געקוקט אויפ'ן טאַטען, אויף דער „חברה" און אויפ'ן רבּי'ן... און „חברה" האָבען געקוקט אויפ'ן טאַטען, אויפ'ן רבּי'ן און אויף מיר... קיינער פון אונז האָט ניט גע־קאָנט אויסרעדען אַ וואָרט. איז אַרויס געטרעטען ממוכן און האָט זיך אָנגערופען מיט אַ גראַם ווי זיין שטייגער איז.

— וואס שטעהט איהר אין אייגע יסורים? ס'איז דאָך היינט עפּיס פּורים? לאָמיר מאַכען אַ כוסה, און דוקא אַ גרויסע! פּערבּייסען מיט פּלאַדען, סע האָט זיך געפונען אייער שאַדען!...

און ממוכן טראָגט אונטער דעם טאַטען אַ גלעזיל בראָנפען מיט פּערבּייסען, דער טאַטע שטופּט איהם אָב פון זיך אָהן ווערטער. ממוכן פאַלט ביי זיך ניט אַראָב און רעדט ווייטער:

הנגיד רב אשר ב"ר מאיר! איך געפעל אייך ניט אין שלייער? וועל איך טרינקען אַליין, ונאמר אמן!...

און ממוכן קעהרט איבער דאָס גלעזיל בראָנפען און זינגט אַ ליעדעל:

וואס מעהר קבצן
מעהר הוליאַקע,
וואס מעהר נגיד

מֶעהר סַאבַּאקֶע!
וָואס מֶעהר אֶבְיוֹן,
מעהר סְפִּיוַואקֶע!
וָואס מֶעהר עוֹשֶׁר.
מֶעהר סְווִינִיאַקֶע....

— מָאנְדְרִישׁ וָואס שְׁוַויינְסְט דו? מַאך זֵיי אַ מִי שֶׁבֵּרַך דִי גְבִידִים פוּן שְׁטָאדְט אוּנ טְרִינְק אַ כּוֹס פוּן זֵייעֶר כָּבוֹד וֶועגֶען!

אוּנ מָאנְדְרִישׁ גִיסְט זִיך אָן אַ גְלֶעזִיל בְּרָאנְפֶּען אוּנ מַאכְט אַ מִי שֶׁבֵּרַך דִי גְבִידִים פוּן שְׁטָאדְט:

„מִי שֶׁבֵּרַך! גֶעטֶען זָאל זֵיי קוֹרַח! קוֹרח זָאל זֵיי גֶעטֶען! עֶסֶען זָאלֶען זֵיי וָוערֶעם! וֶוערֶעם זָאלֶען זֵיי עֶסֶען! אָן גָאט זָאלֶען זֵיי פֶערְגֶעסֶען! פֶערְגֶעסֶען זָאלֶען זֵיי אִין גָאט! שִׁיכּוֹר זָאלֶען זֵיי זַיין ווִי לוֹט! ווִי לוֹט זָאלֶען זֵיי זַיין שִׁיכּוֹר, אִין טוֹיל זָאל זֵיי זַיין בִּיטֶער! בִּיטֶער זָאל זֵיי זַיין אִין טוֹיל! שִׁיסֶען זָאל זֵיי אַ קוֹיל! אַ קוֹיל זָאל זֵיי שִׁיסֶען!...“

— וָואס שְׁוַויינְגְט אִיהר זֵיי, רֶב אָשֶׁר׳ל!? — רוּפְט זִיך אָן דֶער דֶבִּי רֶב אִיצִי אוּנ טְהוּט אַ רֶעכְטֶען שְׁמֶעק טַאבֶּעק אוּנ אַ קְנַאק מִיט צְווֵיי פִינְגֶער אִין דֶער לוּפְטֶען.

— אִיהר זֶעהט דֶען נִיט אַז ס׳אִיז שִׁכּוּרִים? זָאגְט דֶער טַאטֶע אוֹיסֶער זִיך פוּן כַּעַס אוּנ נֶעמְט מִיך אָן בַּיי דֶער הַאנְד אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז עֶס טְהוּט מִיר וֵוועה, אוּנ מִיר גֶעהֶען אַרוֹיס אַלֶע דְרַיי פוּנ׳ם קֶענִיג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אָהְן אַ זַייט גֶעזוּנְד. אִין דְרוֹיסֶען שְׁטֶעלְט זִיך דֶער טַאטֶע אָב, טְהוּט אַ קוּק אוֹיף מִיר אוּנ שֶׁענְקְט מִיר צְווֵיי רֶעכְטֶע פֶּעטְשׁ.

— דָאס — זָאגְט עֶר — אִיז עֶרְשְׁט אַיין אוֹפְּגָאב. דַיין פְּסַק וֶועסְט דו עֶרְשְׁט הָאבֶּען אִין דֶער הֵיים פוּנ׳ם רֶבִּ׳ין... הֶערְט זְשֶׁע צוּ, רֶב אִיצִי! אִיך גֶעב אַייך אִיהם אִיבֶּער אוֹיף אַייעֶרֶע הֶענְד! אִיהר זָאלְט אִיהם קַאטֶעוֶוען ווִיפִיעל עֶס וֶועט אִין אִיהם אַרַיין! בְּלוֹיז זָאל גֶעהְן אַזַא בָּחוּר׳ל פוּן כִּמְעַט דָאס נַיינְטֶע יָאהר! עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי

נָאכְצוּלוֹיפֶען פּוּרִים־שְׁפִּילֶער, קָאמֶעדְיַאנְטְשִׁיקֶעס, שְׁלֶעפֶּערְס!...
פֶּערְשְׁטֶעהֶרֶען אַלֶעמֶען דֶעם יוֹם־טוֹב!...

אִיךְ לָאז נִישְׁט קֵיין טְרֶעהר, נָאר אִיךְ פִיהל אַז עֶס פְּלַאמְט מִיר אַ בַּאק אוּנ דָאס הַארְץ אִיז מִיר שְׁוֶוער וִוי אַ שְׁטֵיין. אִיךְ קְלֶעהר נִישְׁט פוּן דֶעם פְּסַק וָואס אִיךְ וֶועל הָאבֶּען אִין דֶער הֵיים פוּנ׳ם רֶבִּי׳ן. מַיין קָאפּ אִיז מִיר גָאר עֶרְגִיץ אַנְדֶערְשׁ. מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען גָאר דָארְטֶען, בַּיים קֶענִיג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק, בַּיי דִי קְלֵיינֶע נַאקֶעטֶע שֶׁעפֶּעלִיךְ מִיט דִי גְעקְרֵייזֶעלְטֶע קֶעפֶּעלִיךְ, אוּנ אִין דִי אוֹיעֶרֶען הֶערְט מִיר נִיט אוֹיף צוּ קְלִינְגֶען דָאס זִיסֶע רוּסִישֶׁע לִיעדֶעל:

נַאדָא זְנַאט
בַּאק גוּלְיַאט!
פֶּערֶעד בָּאנָאם
אַטְוֶעטְשַׁאט!
מִי פָּיִם! מִי גוּלְיַאיֶעם!
וְאַתָּה מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם
לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם!...

אַ צֶעְ שְׁטֶעהְרְטֶער פֶּסַח.

א.

— רבֿ ישׂראל! רבֿ ישׂראל? זייט זשע מוחל! איהר קאָנט זיך אונטערנעמען ס'זאָל זיין פֿאַרטיג דעם קינד'ס מלבושימליך אויף יום־טוב?

אַזוי שרייט די מאַמע צו ישׂראל דעם שניידער מיט אַלע כּחות, בשעת ישׂראל דער שניידער איז טויב ווי די וואַנד.

ישׂראל, אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנג פּנים און מיט וואַטע אין די אויערן, טהוט אַ האַלבען שמייכעל און אַ מאַך מיט דער האַנד ווי איינער רעדט: „פֿאַר וואָס זאָל ניט זיין פֿאַרטיג?..."

— נעמט זשע איהם, זייט מוחל, אַראָב אַ מאָס, נאָר מיט אַ תּנאַי אַז עס קאָן זיין פֿאַרטיג אויף פּסח.

ישׂראל דער טויבער טהוט אַ קוק אויף דער מאַמע, ווי איינער רעדט: „אַ מאָדנע יודינע! דאַכט זיך גענוג אַז מע זאָגט איין מאָל?..."

און ער שלעפּט אַרויס פֿון בוזעם־קעשענע אַ לאַנגע פּאַפּירענע מאָס מיט אַ גרויסע ענגלישע שער און שטעלט מיך אַוועק און הויבט מיך אָן אויסצומעסטען אין דער לענג און אין דער ברייט, און די מאַמע שטעהט בּיי דער זייט און קאָמאַנדעוועט:

— לענגער, נאָך לענגער!.. ברייטער, נאָך ברייטער!... למען השם די הויזליך נישט פֿערשמאָלען!... און דאָס באַפּאָקעלי זאָל זיין מיט אַ „פֿאַלבאַם"!... אויף עטליכע פֿינגער!.. נאָך נאָך אַ ביסעלי!... אָט אַזוי!... אין סטאַן זאָל חס־ושלום ניט זיין קורץ!... בעל הבית'יש... נאָך — נאָך... זשאַלעוועט ניט קיין מאַטעריע, וואָרום אַ קינד וואַקסט!...

ישׂראל דער שניידער ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז „אַ קינד וואַקסט", ענטפֿערט ער נישט דאָס אַנדערע וואָרט און טהוט זיך זיינס. אויסגעמאָסטען מיר אַלע איברים טהוט ער מיך אַ שטופּ [illegible] פֿון זיך,

ווִי אַיינֶער רֶעדְט: „קָאנְסְט גֵעהְן, בִּיזְט פְּרַייה!"... מִיר ווִילְט זִיךְ זֵעהר אַז דָאס ־קאפָּאטְקֶעלִי זָאל זַיין פוּן אוּנְטֶען מִיט אַ שְׁפַּאלְט אוּנ מִיט אַ קֶעשֶׁענִי, נָאךְ דֶער „הֵיינְטִיגֶער מָאדֶע", נָאר אִיךְ ווֵייס נִיט צוּ ווֶעמֶען זָאל אִיךְ מִיךְ ווֶענְדֶען. יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיבֶּער דְרֵעהט צוּנוֹיף דִי מָאס אוֹיף צְווֵיי פִינְגֶער אוּנ רֶעדְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה צוּ דֶער מַאמֶע הַאלְבּ־ זֶוערְטֶער:

— אַ שְׁוֶועהֶרֶער פַאר פֶּסַח!... גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶעס!... פִישׁ יַקְרוּת!... קַארְטָאפְלֶעס — מִיט גָאלְד!... אֵייעֶר — נִיט אַ לֶעק!... אַרְבַּייט גֶע־ שְׁלָאגֶען!... נַייעֶ מַלְבּוּשִׁים — לֹא!... לַאטֶעס אוּנ לַאטֶעס!... אַז רֶב יְהוֹשֻׁעַ־הֶערְשׁ קָאן שׁוֹין הֵייסֶען אִיבֶּערְנִיצֶעוֶוען אַיין אַלְטֶען פַּאלִיטָא!... רֶב יְהוֹשֻׁעַ־הֶערְשׁ אַלֵיין!... יָאהְרֶען!... הַא?... עֶק ווֶעלְט!...

דִי מַאמֶע ווֶערְט דֶערְפוּן ווִינְצִיג ווָאס נִתְפָּעֵל. זִי שְׁלָאגְט אִיהם אִיבֶּער אִין מִיטֶען:

— ווִיפִיעל ווֶעט אִיהר זִיךְ הֵייסֶען אַ שְׁטֵייגֶער אָנְמֶעסְטֶען אַרוּם אוּנ אַרוּם פַאר דֶער אַרְבֵּייט, רֶב יִשְׂרָאֵל?

יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיבֶּער נֶעמְט אַרוֹיס פוּן זְשִׁילֶעט־קֶעשֶׁענִי אַ בֵּיינֶערֶען רָאזְשִׁיקִיל, בֵּייגְט אוֹיס דֶעם גְרָאבֶּען פִינְגֶער פוּן דֶער לִינְקֶער הַאנְד, אַזוֹי אַז עֶס ווֶערְט אַ גְרִיבִּיל. שִׁיט עֶר אָן אִין גְרִיבִּיל אַרַיין אַ בֶּערְגֶעלֶע טַאבַּאקֶע, טְרָאגְט דָאס צוּ פָּאוָואלִינְקֶע צוּ דֶער נָאז אוּנ שְׁלֶעפְּט אַרַיין דָאס בֶּערְגֶעלֶע טַאבֶּעקֶע אַזוֹי קוּנְצִיג, אַז עֶס פַאלְט נִישְׁט קֵיין סִימָן אַפִילוּ אוֹיף דִי ווָאנְצִים. נָאכְדֶעם טְהוּט עֶר אַ מַאךְ מִיט דֶער הַאנְד אוּנ אַ זָאג:

— עֶט, ווָאס אִיז שַׁיִיךְ, מִיר ווֶעלֶען זִיךְ נִיט קְרִיגֶען... אִיהר פֶער־ שְׁטֵעהט אַ מַעֲשֶׂה? רֶב יְהוֹשֻׁעַ־הֶערְשׁ!... אִיבֶּערְנִיצֶעוֶוען אַיין אַלְטֶען פַּאלִיטָא!... גְוַואלְד גֶעשְׁרִיגֶען!...

— גֶעדֶענְקְט זְשֶׁע, רֶב יִשְׂרָאֵל, ווָאס אִיךְ בֶּעט אַייךְ: נִיט שְׁמָאל, אוּנ נִיט קוּרְץ, אוּנ אַ „פַּאלְבָּאם", אוּנ דֶער סְטָאן, גְרָאם אוּנ „פְּרַאסְטָארְנֶע"...

— אוּנ אַ שְׁפַּאל...? — ווִיל אִיךְ מִיךְ אַרַיינְמִישֶׁען אִין מִיטֶען.

— שְׁטִיל, לָאז אוֹיסְרֵעדֶען אַ וָוארְט! — זָאגְט דִי מַאמֶע — אוּן דֶערְלַאנְגְט מִיר מִיטְ'ן עֶלֶענְבּוֹיגֶען אִין זַייט אַרַיין — גֶעדֶענְקְט זְשֶׁע נָאךְ אַ מָאל: נִיט קוּרְץ, אוּן נִיט שְׁמָאל, אוּן דָאס סְקַאנְדִיל, אוּן אַ פַּאלִי־בָּאם... לְמַעַן־הַשֵּׁם אַ פַּאלִיבָּאם!...

— אוּן אַ קֶעשֶׁענִי?... פְּרוּבּ אִיךְ מִיךְ נָאךְ אַ מָאל.

— וֶועסְט נִיט אַנְשְׁטִימְט וֶוערֶען? — זָאגְט צוּ מִיר דִי מַאמֶע — הָאסְט דוּ גֶעזֶעהֶען אַ קִינְד זָאל הָאבֶּען אַ טֶבַע זִיךְ אַרַיינְמִישֶׁען בְּשַׁעַת עֶלְטֶערֶע רֶעדֶען!...

יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיבֶּער נֶעמְט דָאס פֶּעקִיל סְחוֹרָה אוּנְטֶער דֶער הַאנְד, טְהוּט אַ שְׁמִיר דִי מְזוּזָה מִיט צְוֵויי פִינְגֶער אוּן אַ זָאג פוּן דֶער טְהִיר:

— ווִילְט אִיהר הַייסְט דָאס דַוְקָא סְ'זָאל זַיין אוֹיף פֶּסַח?... אַ גוּטֶען יוֹם־טוֹב.

ב.

— אֶ, אֶט אִיז רֶבּ גְדַלְיָה! מֶע זָאל דֶערְמַאנֶען מָשִׁיחַ'ן!... אִיךְ הָאבּ גָאר וָואס אִין זִינֶען גֶעהַאט צוּ שִׁיקֶען צוּ אַייךְ נָאךְ אַ מָאל!

גְדַלְיָה אִיז אַ יוּד אַ שׁוּסְטֶער, אַיין אוֹיסְגֶעדִיענְטֶער סָאלְדַאט, פוּן פָּארֶענְט אָהן צֵייהְן, מִיט אַ גְרוֹיסֶע קַיילֶעכְדִיגֶע בֶּערְדִיל, וָואס מֶע דֶער־קֶענְט, אַז אַ מָאל, שׁוֹין לַאנְג, אִיז דָאס גֶעוֶוען אִין מִיטֶען אוֹיסְגֶעגָאלְט.

— רֶבּ גְדַלְיָה! מַאכְט צוּ אִיהם דִי מַאמֶע — זָאגְט נָאר, אִיהר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אוּנְטֶערְנֶעמֶען אוֹיפְנֵייעֶן דֶעם קִינְד אַפָּאר שְׁטִיוֶועלִיךְ אוֹיף פֶּסַח?

גְדַלְיָה דֶער שׁוּסְטֶער אִיז אַ פְרֵייליךְ יוּדִיל, וָואס בְּשַׁעַת עֶר רֶעדְט הַאפְּט עֶר אַ טֶענְצִיל.

— אִיהר ווִילְט „נֶעפְרֶעמֶענְנָא" אוֹיף פֶּסַח? — מַאכְט עֶר צוּ דֶער מַאמֶע — סְ'אִיז דִיר אַיין אַנְטִיק! אִיטְלִיכֶער ווִיל אוֹיף פֶּסַח! חַיֶה'לֶע רֶבּ מָאטִילְס הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזָאגְט אוֹיף פֶּסַח צְוֵויי פָּאר בָּאטִיקְ־לִיךְ, פַאר אִיהר אוּן פַאר דֶער טָאכְטֶער, טוּז מֶען אִיהר מַאכֶען... יוֹסִילֶע

רב שימעלעס האט בעשטעלט ביי מיר פיער פאר שטיוועליך אויף פסח — מוז מען מאכען... היינט פייגעלע רב אברהם'ס האב איך שוין לאנג צוגעזאגט א פאר באטיקעס; עס זאלען פאלען שטיינער פונ'ם הימעל וועט זיך ניט העלפען! און משה דער שניידער האט מיך גע־בעטען א פאר קעפליך, קאן מען איהם אויך ניט אבזאגען! און זיאמע דעם סטאלאר א פאר "סאיוזקים" בעדארף מען אונטערווארפען עס העלפט נישט! היינט אסנה דער אלמנה'ס מיידיל האט זיך צו מיר צוגעטשעפעט איך זאל איהר למען השם...

— הכלל — שלאגט איהם איבער די מאמע לא'מיך הערען ווערטער: קאנט איהר הייסט דאס ג י ש ט אונטערנעמען זיך ס'זאל זיין פארטיג אויף פסח? שיק איך נאך איין אנדער שוסטער...

— פאר וואס זאל איך ניט קאנען? — זאגט גדליה מיט אטענ־ציל — צוליעב אייך לייג איך אוועק אלע אנדערע ארבייט און אייערע שטיוועליך מוזען אם ירצה השם זיין אויף פסח; ס'איז עפעס א תירוץ?

און גדליה דער שוסטער קראצט אוים א שטיקיל בלוי פאפיר, שטעלט זיך אוועק אויף איין קניה, און נעמט מיר א מאס.

— לאזט צו נאך א קאפעטשקע — זאגט די מאמע — נאך, נאך... וואס זשאלעוועט איהר א שטיקיל לעדער?... אט אזוי... ס'זאל איהם חלילה ניט קוועטשען אין די פינגער!...

— קוועטשען אין די פינגער — זאגט איהר נאך גדליה.

— לעדער זאלט איהר געבען, רב גדליה פונ'ם בעסטען, איהר הערט, נישט קיין פוילען!

— פוילען — זאגט איהר נאך גדליה.

— פאדעשוועס זאלט איהר לייגען גוטע, זיי זאלען ניט אבריי־בען זיך.

— אברייבען זיך — זאגט נאך גדליה.

— און די אבצאסען זאלען חלילה ניט אבשפרינגען.

— אבשפרינגען — זאגט נאך גדליה.

— איצט קאנסט דו געהן אין חדר אריין — זאגט מיר די מאמע

דו זעהסט האַטש ווי מע ברענגט זיך אויס פון דײַנעט וועגען? זאָלסט האַטש וועלען לערנען, וועסט דו זײַן אַ מענש, אַ ניט וואָס וועט פון דיר זײַן? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ הינטשלעגער!...

איך ווייס נאָך אַליין ניט, וואָס עס וועט פון מיר זײַן; אַ מענש אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אָדער אַ הינטשלעגער? איך ווייס נור, אַז בזה הרגע ווילט זיך מיר זעהר — זעהר אַז די שטיוועליך זאָלען מיר סקריפּען. אוי ווילט זיך מיר סקריפּקעס!...

— וואָס ביזט דו געבליבען שטעהן ווי אַ ליימענער גולם? — דופּט זיך אָן צו מיר די מאַמע — פאַר וואָס געהסט דו נישט אין חדר אַרײַן? געה, מע וועט שוין מעהר נישט געבען גאָר נישט!

גדליה דער שוסטער לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך אום צוריק.

— ווילט איהר הייסט דאָס „געפּרעמענאַ״ אויף פּסח? — זאָגט גדליה — אַ גוטען יום טוב!...

ג.

געהענדיג פונים חדר אַהיים האָב איך מיך אַרײַן קודם כל צום שנײַדער מכח דעם שפּאַלט און מכח דער קעשעני.

בײַ אַ גרויסען טיש שטעהט ישראל דער טויבער אָהן אַ קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטען טלית־קטן, פערטיפט אין דער אַרבייט; אויפ'ן האַלז עטליכע לאַנגע פאָדעמס. אין זשילעט עטליכע נאָדלען, ער צייכענט מיט אַ קריידיל, שערט מיט אַ שער, קראַצט זיך מיט'ן מיטעלסטען אויסגעבויגענעם פינגער פון אונטען און רעדט צו זיך אַליין האַלבע ווערטער, ווי זײַן שטייגער איז:

— „פּאַליבאַמעס״ מאַך זיי... גראָם זאָל זיי זײַן... „פּראָסטאַרנע״... פון וואָס? פון אתה ירצת?... מ'שנייד זיך די פינגער... קוים, קוים... ווי מיט קרעפּיל־פלייש...

אַרום טיש זיצען עטליכע שנײַדער־יונגען און נייען, וואַרפען מיט די נאָדלען גיך — גיך, און זינגען אַלע אין איינעם אַ ליעדיל. איינער אַ געלער בחור, מיט קלייען אויפ'ן פּנים, מיט אַ ביסל אַײַן

אַײַנגעפּאַלטענער נאָז, זינגט אויף אַ גלעקילשטימע און ציהט מיט'ן פּאָדעם צום טאַקט:

אוי דו פּאַרשט אַװעק,

און אוי דו פּאַהרשט אַװעקעט,—

און מיך לאָזט דו אי־װי־װי־װיבער!...

און די איבעריגע חבֿרה כאַפּען אונטער מיט אַ קװיטש:

אָט שטעך איך זיך!

אָט הייג איך זיך!

נאָט טרינק איך זיך!

איך טהו מיר אַ מעשה אַ־װאָ־װאָ־װאָגעט!...

— װאָס װעסט דו זאָגען, יונגעלע? — מאַכט צו מיר ישׂראל.

— אַ שפּאַלט — זאָג איך.

— האַ? — מאַכט ישׂראל און בייגט זיך צו צו מיר מיט'ן אויער.

— אַ שפּאַלט! — שרײַ איך צו איהם הויך, ער זאָל דערהערען.

— אַ שפּאַלט?

— אַ שפּאַלט!

— װאו אַ שפּאַלט?

— פון אונטען.

— װאָס פון אונטען?

— אַ שפּאַלט! מיט אַ קעשענע!

— װאָס פאַר שפּאַלטען? װאָס פאַר קעשענעס? מישט זיך אַרײַן בתיה די שניידערין, אַ קליין װײַבעלי, װאָס זיצט און טהוט דרײַ אַרבייט מיט אַ מאָל: מיט אַ פוס װיגט זי אַ קינד, מיט די הענט אַרבייט זי אַ זאַק און מיט'ן מויל רעדט זי און בייזערט זיך: — נאַ דיר גאָר שפּאַלטען! נאַ דיר גאָר קעשענעס! װאו האָסט דו אויף קעשענעס? ער װיל קעשענעס? לאָז איהם די מאַמע געבען אויף קעשענעס, װעט ער האָבען קעשענעס! נאַ דיר גאָר קעשענעס!...

איך האָב שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשׂה. עס זאָל כאָטש ניט אָנקומען צו דער מאַמע.

— ווילסט דו הייסט דאס ס'זאל זיין דווקא מיט א שפּאַלט ? — מאַכט צו מיר ישׂראל דער שניידער און נעמט אַרויס דאָס ראָזשיקיל מיט טאַבאַקע — גײה יונגעלע, — און מיט די קעשענע ? זאָג איך צו איהם און מאַך פאַר איהם אַ רחמנות פּנים.

— גײה, יונגעלע, אַ היים — מאַכט צו מיר ישׂראל — איך וועל שוין זעהן ס'זאָל זיין אַלעדינג...

איך נעם די פיס אויף די פּלייצעס און לויף אַוועק פון דאָרטען מיט אַ שׂמחה צו גדליה דעם שוסטער מכּח סקריפּקעס אין די שטיוועליך.

גדליה דעם שוסטער טרעף איך ניט אין דערהיים, ביים וואַרשטאַק זיצט זיין אַרבייטער „קאַרפּע" איבער איין אויסגעגלעטער פּאָדעשווע.

קאַרפּע איז אַ געזונטער, אַ ברייטביינערנער שייגעץ, מיט אַ גע־שטופּעלט פּנים, מיט אַ לעדערן רייפיל אויף די שוואַרצע האַרטע האָר.

— וואָס דו יונגעלע, ווילסט ? — מאַכט ער צו מיר אויף יודיש

— מודה אני, פּריידי מאַני, מאַטעלע מאַמעלע, אַ געב איהם אַ גענזעלע... זאָג וואָס דו ווילסט ?

— חאַזשאַיען! — ענטפער איך איהם אויף רוסיש — יאַ אַטיעם חאַטיל איטעט דאַ וואַש חאַזשאַיען גדליה! *)

— בעל הבית געגאַנגען אַ ברית, מאַך אַ קידוש, טרונק אַ בראַנ־פען — מאַכט צו מיר קאַרפּע ווידער אויף יודיש, און כּבֿדי איך זאָל פערשטעהן אַקוראַט וואָס ער מיינט טהוט ער זיך אַ שנאַל מיט'ן פינגער איבער'ן האַלז.

איך זעץ מיך אַוועק אַ קעגען אויף אַ לעדערן בענקיל און לאָז מיך אַריין מיט קאַרפּען אין אַ ברייטען שמועס מכּח לעדער, „טאָוואַר", מכּח שטיוועל, פּאָדעשוועס, פּלעקליך, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז איך קום אַרויף אויף סקריפּקעס. ער רעדט אויף יודיש און איך אויף רוסיש. פערשטעהט ער ניט וואָס איך רעדט, מאַך איך צו איהם מיט די הענט:

*) איך האָב זעהר נעדאַרפט האָבען צו אייער בעל־הבית גדליה

— יַאזְשֶׁע טָאבִּי, גוֹיעֶשְׁע קָאפּ, דַבְּרֶ'ען פָּאוַואשֶׁעמוּ: קַאזְשִׁי מִינִי שֵׂכֶל שָׁא טְשָׁאבֶּעטֶקְעלִי מַאכֶען טְרְרְךְ! .. *)

— דוּ בֶּעסֶער רֶעד יוּדִישׁ! — מַאכְט צוּ מִיר קַארְפֶּע, טְהוּט אַ לֶעק דִי פָּאדֶעשְׁוֶוע מִיטְ'ן צוּנְג אוּנ מַאכְט אַ צֵייכֶען מִיט זַיין גְרָאבֶּען שְׁוַוארְצֶען נָאגֶעל בַּיי דֶער זַייט פָּאדֶעשְׁוֶוע.

— וָואס אִיז דֶער שֵׂכֶל — זָאג אִיךְ צוּ אִיהם שׁוֹין אוֹיף יוּדִישׁ — וָואס אִיז דֶער טַעַם פוּן סְקְרִיפֶּקֶעס? וָואס לֵייגְט אִיהר אַזֶעלְכֶעס אִין שְׁטִיוֶועלִיךְ זֵיי זָאלֶען סְקְרִיפֶּען?

— אַ? סְקְרִיפְּקִי? — מַאכְט קַארְפֶּע — אַ שְׁטִיוֶועלֶע סְקְרִיפֶּען דַארְף מֶען אַ צוּקֶער.

— פָּשׁוּט — זָאג אִיךְ — צוּקֶער? וָואס אִיז דֶער שֵׂכֶל?

— אַ צוּקֶער? — זָאגְט קַארְפֶּע אוּנ גִיט מִיר צוּ פֶערְשְׁטֵעהְ' דֶעם שֵׂכֶל — אַ צוּקֶער קְלָאפּ קְלָאפּ, סְקְרִיפּ סְקְרִיפּ...

— אַהַא? — מַאךְ אִיךְ צוּ אִיהם — דֶעם צוּקֶער מִסְתָּמָא צֶ' קְלַאפְּט מֶען, טְרִישְׁטְשֶׁעט עֶר. נוּ, אוּנ וַוייטֶער לֵייגְט מֶען נִיט אַבִּיי' גָאר נִיט?

— אַ בְּרָאנְכֶען — מַאכְט קַארְפֶּע — אַ בִּיסֶעם בְּרָאנְכֶען.

— בְּרָאנְפֶּען? — זָאג אִיךְ — וָואדְקִי הֵייסְט דָאס? זַאטְשֶׁעם וָואדְקִי? מֵילָא סַאחֶער סְקְרִיפּ — סְקְרִיפּ; אָבֶּער וָואדְקִי? נַאשְׁטְשָׁא טָאבִּי וָואדְקִי?

קַארְפֶּע מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוּנ גִיט מִיר צוּ פֶערְשְׁטֵעהן אוּנ דַוְקָא אוֹיף יוּדִישׁ דֶעם שֵׂכֶל אוֹיף וָואס מֶע בֶּעדַארְף הָאבֶּען בְּרָאנְפֶּען. אֵיידֶער מֶע לֵייגְט אַרַיין, זָאגְט עֶר, אִין דִי שְׁטִיוֶועלִיךְ דֶעם צוּקֶער מוּז מֶען פְרִיהֶער דִי פָּאדֶעשְׁוֶוע גוּט בֶּעשְׁפְּרִיצֶען מִיט בְּרָאנְפֶּען, אַ נִיט נֶעמְט זִיךְ נִיט צוּ גוּט דֶער צוּקֶער.

— אַ הַא — זָאג אִיךְ — יַא אוּזְשֶׁע דָאבְּרֶע צֶעקַיים. יַאק נֶע בַּאוּדֶע וָואדְקִי טַאק נֶע בְּאוּדֶע סַאחֶער; יַאק נֶע בְּאוּדֶע סַאחֶער טַאק

*) אִיךְ רֶעד דָאךְ מִיט דִיר גוֹיעֶשְׁע קָאפּ, אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ! זָאג־זְשֶׁע מִיר דֶעם שֵׂכֶל, ווִי קוּמְט דָאס וָואס אַ שְׁטִיוֶועלִי סְקְרִיפֶּעט?

גע באַדע סקריפּען. *) אַס אין קמח אין תּוֹרה — בין איך איהם מסביר די זאַך מיט אַ פּסוק און איך עפּען אויף דאָס ביטעלע און גיב אָב קאָרפּען מיין גאַנץ פערמעגען: דאָס גאַנצע חנוכּה־געלד, מיט׳ן שלח מנות געלד, און געזעגען זיך אָב מיט איהם גאָר פריינד־ליך, און קאָרפּע רוקט מיר אַריין אַ גרויסע, שוואַרצע האַנד אויסגע־שמירט מיט סמאָלע און זאָגט מיר אָב אויף גיך: „מודה אני, פריידי מאַני, טאַטעלע מאַמעלע, אַ געב איהם אַ געזעגעלע...“ איך לויף אַהיים איבערבייסען, און פון דאָרט צוריק אין חדר אַריין זיך בערימען פאַר אַלע יונגליך, וואָס פאַר אַ מין מלבושים׳ליך מע נייט מיר אויף פּסח, אַ קאַפּאָטקעלע פון אונטען מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע! און שטיוועליך מיט סקריפּקעס! מיט סקריפּקעס! מיט סקריפּקעס!...

ד.

— מאַמע, איך בין פריי! — קום איך צולויפען אַהיים אַ פּאָר טאָג פאַר פּסח און זאָג איהר אָן אַ בשׂורה, אַז מע האָט אונז צולאָזט פון׳ם חדר.

— אַ גדולה אויף דער באָבע! זאָלסט דערלעבען אָנזאָגען בע־סערע בשׂורות! — ענטפערט די מאַמע, וואָס איז פערטאַרעראַמט מיט׳ן פּסח. זי האָט אונטערגעבונדען ביידע דיענסטען מיט ווייסע פע־טשיילעס און געגעבען זיי בערשטליך, בעזעמס מיט פלעדער־וויש׳ען אין די הענד אַריין, און אַליין האָט זי זיך אויך אונטערגעבונדען מיט אַ ווייסע פעטשיילע, און אַלע דריי רייניגען און שמירען, וואַשען און רייבען, שייערען און כשר׳ען אויף פּסח. איך קאָן מיר קיין אָרט ניש׳ט געפינען. וואו איך זיץ און וואו איך שטעה און וואו איך געה — איז שלעכט.

*) אַהאַ איך האָב שוין רעכט צוקיימט: אַז ס׳וועט ניט זיין קיין בראָנ־פען איז אומזיסט דער צוקער, און אַז ס׳וועט ניט זיין קיין צוקער וועט ניט סקריפּען.

— אַװעק מִיט דִי חָמֵץ׳דִיגֶע מַלְבּוּשִׁים פוּן דֶער פֶּסַח׳דִיגֶע שַׁאַפֶע! — מְהוּט דִי מַאמֶע אוֹיף מִיר אַ גֶעשְׁרֵיי מִיט אַזָא אִימְפֶּעט, גְלַייך װִי אִיך װָאלְט גֶענַאנְגֶען מִיט פַייֶער אַרוּם פוּלְװֶער.

— פַּאװָאלִי, אָט מְרִיטְסְט דוּ אָן אוֹיף אַ פֶּסַח׳דִיגֶען זַאק!

— אַהִינְצוּצוּ זָאלְסְט דוּ גָאר אֶפִּילוּ נִיט קוּקֶען, דָארְטֶען שְׁטֵעהט דֶער פֶּסַח׳דִיגֶער בָּארְשְׁט!...

אִיך דְרֵעה מִיך אַרוּם פוּן אֵיין אָרְט אִינ׳ם אַנְדֶערֶען, פְּלָאנְטֶע מִיך אוּנְטֶער דִי פִּיס, אִיך חַאפּ אַ שְׁטוּרְך, אַ זֶעץ, אַ שְׁלַיידֶער.

— אַיינְגֶעזוּנְקֶען זָאל װֶערֶען דֶער רֶבִּי דַיינֶער! קְרַאנְק גֶעװֶען אַייך הַאלְטֶען אִין חֵדֶר נָאך אַ טָאג! נִיט זָאלְסְט זִיך דַארְפֶען אַרוּמְדְרֵעהֶען װִי אַ סַאװָאלֶע, טָאמֶער אִיז װִינְצִיג אַרְבֵּייט טָאמֶער! בַּיי לַייטֶען קִינְדֶער זִיצֶען אוֹיף אֵיין אָרְט זִיצֶען זֵיי... קְרַאנְק אַזָא בָּחוּר׳ל פוּן כִּמְעַט דָאס נַיינְטֶע יָאהר גֶעטֶען עֶפֶּעס מְהוּן, אִיבֶּערְחַזֶר׳ן נָאך אַמָאל דִי פִיעֶר קַשְׁיוֹת.

— מַאמֶי — זָאג אִיך — אִיך קֶען זֵיי שׁוֹין אוֹיף אוֹיסְװֵיינִיג!

— אַ גְדוּלָה! — זָאגְט דִי מַאמֶע — קָאסְט ־קָארְג גֶעלְד קָאסְט דוּ?...

קוּים מִיט צָרוֹת דֶערְלֶעבְּט דֶעם אוֹיפְדֶערְנַאכְט, װָאס דֶער טַאטֶע גֵעהט אַרוּם מִיט אַ לֶעכְטִיל, מִיט אַ הִילְצֶערְנֶעם לֶעפִיל אוּנ מִיט אַ פְלֶעדֶערְוִויש אוּנ אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ, אוּנ אִיך הֶעלְף אִיהם זוּכֶען דִי שְׁטִיקְלִיך בְּרוֹיט װָאס עֶר אַלֵיין מַאקִי הָאט זֵיי צוּגֶעגְרֵייט אוֹיף אַלֶע פֶענְסְטֶער... „סַך הַכֹּל אֵיין מֵעת־לְעֵת — מְרַאכְט אִיך מִיר — נָאך אֵיין נַאכְט אוּנ אֵיין טָאג אוּנ אִיך װֶעל מִיך אָנְטְהוּן יוֹם־טוֹב׳דִיג, װִי אַ פְּרִינְץ, אַ נַיי ־קַאפָּאטְקֶעלֶע מִיט אַ שְׁפַּאלְט אוּנ מִיט אַ קֶעשֶׁענֶע פוּן אוּנְטֶען, אוּנ דִי שְׁטִיװֶעלִיך װֶעלֶען סְקְרִיפֶּען!... װֶעט מִיך דִי מַאמֶע מִסְתָּמָא פְרֶעגֶען: „װָאס אִיז דָאס פַאר אַ סְקְרִיפֶּערֵיי?” װֶעל אִיך זִיך מַאכֶען כְּלוֹמֶר׳שְׁט װִי אִיך װֵייס נִיט פוּן װָאס צוּ זָאגֶען... הַיינְט דֶער סֵדֶר, דִי פִיעֶר ־קַשְׁיוֹת, אַרְבַּע כּוֹסוֹת, אוּנ דִי פֶּסַח׳דִיגֶע מַאֲכָלִים: לַאטְקֶעס, אוּנ קְנַיידְלִיך, אוּנ קוּגֶעלִיך, אוּנ חְרֶעמְזְלִיך”... אִיך דֶערְמָאן מִיך

אין די מַאֲכָלִים אוּנ עֶס הוֹיבּט מִיר אָן צוּ צִיהֶען דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאבּ א גַאנְצֶען טָאג כִּמְעַט גָאר נִישְׁט גֶעגֶעסֶען.

— לֵייעֶן אָבּ קְרִיאַת־שְׁמַע — זָאגְט צוּ מִיר דִי מַאמֶע אוּנ גֵעה לֵייג זִיךְ שְׁלָאפֶען. הַיינְט עֶסְט מֶען נִישְׁט קֵיין וֶועטְשֶׁערֶע; ס'אִיז עֶרֶב פֶּסַח...

אִיךְ לֵייג זִיךְ שְׁלָאפֶען אוּנ עֶס חָלוֹם'ט זִיךְ מִיר אַז ס'אִיז שׁוֹין פֶּסַח... אִיךְ גֵעה מִיט'ן טַאטֶען אִין שׁוּל אַרַיין דַאוֶוענֶען... מַיינֶע נַייעֶ מַלְבּוּשִׁים'לִיךְ קְנַאקֶען... מַיינֶע שְׁטִיוֶועלִיךְ סְקְרִיפֶּען: סְקְרִיפּ סְקְרִיפּ! סְקְרִיפּ!... „וֶוער גֵעהט דָאס?" — פְרֶעגֶען פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען... „דָאס אִיז מָאטִיל מֹשֶׁה חַיִים אַבְרָהָם הֶערְשׁ רְאוּבֵן'ס יוּנְגִיל..." פְּלוּצִים אִיךְ וַוייס נִיט פוּן וַואנֶען עֶס נֶעמְט זִיךְ אַ שְׁוַוארְצֶער, אַ קָאךְ־לָאטֶער הוּנְט אוּנ פַאלְט אָן אוֹיף מִיר הַאוו־הַאוו אוּנ חַאפְּט מִיךְ פַאר'ן קַאפָּאטְקֶעלֶע... שְׁטֵעהט דֶער טַאטֶע אוּנ הָאט מוֹרָא צוּגֶעהְן אוּנ מַאכְט מִיט דִי הֶענְד אוּנ שְׁרַייט: „פָּאוּשָׁאל! פָּאוּשָׁאל!..." הֶערְט אִיהם נִיט דֶער הִינְט אוּנ רַייסְט מִיךְ פוּן אוּנְטֶען, סַאמֶע בַּיי'ם שְׁפַּאלְט, סַאמֶע בַּיי דֶער קֶעשֶׁענֶע, אוּנ רַייסְט מִיר אָבּ אַ הַאלְבּ קַאפָּאטְקֶעלֶע אוּנ וִויל אַנְטְלוֹיפֶען... לוֹיף אִיךְ אִיהם נָאךְ מִיט כּחוֹת אוּנ פֶערְלִיעֶר אַ שְׁטִיוֶועלֶע, אוּנ בְּלֵייבּ שְׁטֵעהן אִין דֶער בְּלָאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיוֶועלֶע אוּנ מִיט אֵיין בָּארְוֶועס... הוֹיבּ אִיךְ אָן וֵויינֶען אוּנ שְׁרַייעֶן: גְוַואלְד! גְוַואלְד גְוַואלְד!... אוּנ אִיךְ חַאפּ מִיךְ אוֹיף אוּנ דֶערְזֶעה אוּנְזֶער דִיענְסְט־מֵיידִיל בֵּילָה שְׁטֵעהט נֶעבֶּען מִיר, רַייסְט פוּן מִיר דִי קָאלְדֶערֶע אוּנ שְׁלֶעפְּט מִיךְ פַאר אַ פוּס:

— זֶעה נוּר וִוי מֶע קָאן אִיהם נִיט דֶערְוֶועקֶען! שְׁטֵעה שׁוֹין אוֹיף, דִי מַאמֶע הָאט גֶעהֵייסֶען מֶע זָאל דִיךְ אוֹיפְוֶועקֶען, מֶע בֶּעדַארְף אַרוֹיסְטְרָאגֶען דֶעם לֶעצְטֶען חָמֵץ!...

ה.

דֶער טַאטֶע וַוארְפְט אַרַיין דֶעם הִילְצֶערְנֶעם לֶעפִיל מִיט'ן פְלֶע־דֶערְווִיש אִין אוֹיוֶוען אַרַיין אוּנ פֶערְבְּרֶענְט דֶעם חָמֵץ... אִין שְׁטוּבּ

װערט פֶּסַח'דיג... אוּמֶעטוּם איז רֵיין, אוּמֶעטוּם איז כָּשֵׁר... דער טיש איז גְרֵייט... די אַרְבַּע כּוֹסוֹת שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר פוּן דער וַוייטְן... אָט אָט, נָאך אַ שָׁעָה, נָאך אַ שָׁעָה וֶועט וֶוערֶען פֶּסַח... אָט אָט, נָאך אַ שָׁעָה, נָאך אַ שָׁעָה וֶועל אִיך מִיר אָנְטָהוּן יוֹם-טוֹב'דיג... נָאר בַּיי דער שְׁנַיידֶער מִיטְ'ן שׁוּסְטֶער וֶועלֶען מִיר בְּרֵיינְגֶען מַיין יוֹם-טוֹב'דיגֶען אָנְטָהוּן מַאכְט מִיך דֶערְוַוייל די מַאמֶע פֶּסַח'דיג: זִי צְוָואגְט מִיר אוֹיס דָאס קֶעפּיל מִיט הֵיים זִידיג וַואסֶער אוּנ מִיט אַ גֶעלֶעכִיל פוּן אַיין אֵיי. זִי קֶעמְט מִיך אוּנ רַייסְט מִיר די הָאר; קְנֵייטְשׁ אִיך זִיך, שֶׁענְקְט זִי מִיר אַלֶע מָאל אַ שְׁטוּרְך מִיטְ'ן עֶלֶענְבּוֹיגֶען, אָדֶער אַ פַּאטְשׁ:

— דוּ וֶועסְט נִיט אוֹיפְהֶערֶען דְרֵעהֶען זִיך וִוי אַ וָוארְם... אַ קִינְד זָאל נִיט קָאנֶען אַיינְשְׁטֵעהְן! מֶע טְהוּט אִיהם גוּטְס, אִיז עֶר נָאך נִיט צוּפְרִיעדֶען!...

אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס צְוָואגֶען אוֹיך, זִיץ אִיך מִיר אַיין אַיין הֶעמְדִיל בַּיים טִישׁ אוּנ וַוארְט אוֹיף מַיינֶע נַייֶע מַלְבּוּשִׁים'לִיך אוּנ בֶּעטְרַאכְט דֶעם טַאטֶען, וָואס אִיז נוּר וָואס גֶעקוּמֶען פוּנ'ם מֶרְחָץ מִיט נַאסֶע פֵּאוֹת נָאך. עֶר זִיצְט אִיבֶּער אַ גְרָאבֶּען סֵפֶר אוּנ לֶערְנְט שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט אַ נִגוּן פוּן דער גְמָרָא אוּנ שָׁאקֶעלְט זִיך:

„לְצוֹרֶךְ מָרוֹר נוֹהֲגִין — צוּלִיעבּ מָרוֹר אִיז מֶען זִיך נוֹהֵג, — לָקַחַת תַּמְכָא — נֶעמֶען חְרֵיין, וְכֵיוָן שֶׁהוּא חַרִיף, אוּנ מַחֲמַת עֶר אִיז הַארְבְּלִיך, יְכוֹלִין לְפָרְרוֹ בְּרִיבְּאַייזֶען, קָאן מֶען אִיהם אָנְרַייבֶּען אוֹיף אַ רִיבְּאַייזֶען..."

אִיך קוּק אוֹיפְ'ן טַאטֶען אוּנ עֶס מָאלְט זִיך מִיר אוֹיס, אַז נָאך אַזַא אַיין עֶהְרְלִיכֶער יוּד וִוי דער טַאטֶע אִיז נִיטָא אוֹיף דער וֶועלְט, אַז נָאך אַזַא כָּשֶׁר'עֶר פֶּסַח וִוי בַּיי אוּנְז אִיז נִיטָא אִין עֶרְגִיץ, אַז נָאך אַזֶעלְכֶע מַלְבּוּשִׁים'לִיך וִוי בַּיי מִיר וֶועט נִיט זַיין בַּיי קֵיינֶעם! נָאר לָמַאי בְּרֵיינְגְט מֶען זֵיי נָאך נִיט? וָואס אִיז די מַעֲשֶׂה? טָאמֶער זֶענֶען זֵיי חָלִילָה נִיט פַארְטִיג אוֹיף פֶּסַח — דָאס וִויל אִיך גָאר נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן קָאפּ! וִוי אַזוֹי וֶועל אִיך גֵעהְן אִין שׁוּל אַרַיין? וָואס וֶועלֶען זָאגֶען מַיינֶע חֲבֵרִים? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיך מִיך זֶעצֶען צוּם סֵדֶר? די שָׁעָה זָאל גָאר נִיט זַיין, אִיך וֶועל דָאס גָאר נִיט אִיבֶּערְטְרָאגֶען!...

אַזוי ווי איך זיץ פֿערטיפֿט אין די טרויעריגע מחשבֿות עפֿענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין ישׂראל דער שניידער מיט דער אַרבייט. פֿאַר גרויס שׂמחה האָפּ איך מיך אויף, טהו אַ שפּרונג און אַ פֿאַל מיט'ן בענקיל אינאיינעם, שיער ניט געבראָכען האַלז-און-נאַקען. לויפֿט אַריין די מאַמע פֿון קיך מיט אַ פּסח'דיגען שמאַלץ-לעפֿיל אין האַנד.

— וואָס האָט דאָס אַזאַ קלאַפּ געגעבען וואָס? ווער איז דאָס געפֿאַלען ווער? ס'איז דו, ברענען זאָלסט דו ניט אויפֿ'ן פֿייער? אַ רוח, אַ שד, ניט קיין קינד! האָסט דו זיך חלילה ניט אַ זעץ געטהון ערגיץ, חלילה? אַ מצוה אויף דיר! לויף ניט, שפּרינג ניט, גיה ווי אַ מענש...

און צו ישׂראל'ן זאָגט זי:

— איהר האַלט וואָרט, רב ישׂראל! און איך האָבּ שוין געוואָלט שיקען צו אייך! ישׂראל טהוט אַ האַלבּען שמייכעל און אַ מאַך מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: „אַ שיינע מעשׂה, כ'לעבּען! איך זאָל נאָך ניט האַלטען קיין וואָרט?..."

די מאַמע לייגט אַוועק דעם שמאַלץ-לעפֿיל און העלפֿט מיר אַריינקריכען אין די נייע הייזעליך אַריין, טהוט מיר אָן דאָס ציצענע אַרבּע-כּנפֿות'ל, וואָס זי אַליין האָט מיר אויסגענייט אויף פּסח, און פֿון אויבּען טהוט זי מיר אָן דאָס קאַפּאָטקעלע, און איז צופֿריעדען, וואָס ס'איז גענוג גראָם און „פּראָסטאָרנע..."

איך טהו מיך אַ טאַפּ פֿון אונטען — אַ צרה, אַ שלאַק! — ניטאָ קיין סימן פֿון קיין שפּאַלט און פֿון קיין קעשענע! פֿערנייט, גלאַט, און גאַנץ, אַרום און אַרום!...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קישקע? — רופֿט זיך אָן פּלוצים די מאַמע צו ישׂראל דעם טויבּען און דרעהט מיך אויף אַלע זייטען.

ישׂראל דער טויבּער נעמט אַרויס דאָס ראַזשיקעל, בּייגט אויס דעם פֿינגער, שיט אָן אַ בּערגעלע טאַבּאַקע און ציהט אַריין אין נאָז אַריין.

— וָואס אִיז דָאס פַאר אַ קִישֶׁקְעֶ? — זָאגְט דִי מַאמֶע נָאך אַמָאל אוּן טְהוּט מִיךְ אַ דְרֵעה.

— וואו הָאט אִיהר אַ קִישֶׁקֶע? — זָאגְט יִשְׂרָאֵל אוּן טְהוּט מִיךְ אַ דְרֵעה צוּרִיק — דָאס אִיז דֶער „פַאלִיבָּאם". אִיהר הָאט דָאךְ גֶעבֶּעטֶען אַ „פַאלִיבָּאם" זָאל זַיין. אִיהר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסֶען?

— אַ שֵׁענֶעם פַאלִיבָּאם! — זָאגְט דִי מַאמֶע אוּן טְהוּט מִיךְ אַ דְרֵעה — אַ בֵּייזֶע ווִיסְטֶע חֲלָשׁוֹת: פֶע! אַ בִּזָיוֹן, דִ'לֶעבֶּען, אַ בִּזָיוֹן!

יִשְׂרָאֵל פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם בַּיי זִיךְ נִיט אַרָאבּ. עֶר בֶּעטְרַאכְט מִיךְ פוּן אוֹיבֶּען בִּיז אַרָאבּ, ווִי אַ פְּרָאפֶעסָאר, אוּן זָאגְט. אַז עֶס לִיגְט אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט גוּט, מֶע בֶּעדַארְף גָאר נִיט בֶּעסֶער! אַזַא אַיין אַרְבֵּייט מַאכְט מֶען נִיט אֶפִּילוּ אִין פַארִיזְשׁ! דָאס קַאפָּאטְקֶעלֶע זִינְגְט. ווִי אִיךְ בִּין אַ יוּד, סֶע זִינְגְט!...

— גֶעפֶעלְט דִיר דָאס זִינְגֶען, וָואס סֶע זִינְגְט? — זָאגְט דִי מַאמֶע אוּן פִירְט מִיךְ צוּ צוּם טַאטֶען. — וָואס זָאגְסְט דוּ אוֹיף דֶעם גֶעזַאנְג?

דֶער טַאטֶע דְרֵעהט מִיךְ אוֹיף אַלֶע זַייטֶען, בֶּעטְרַאכְט דָאס קַאפָּאטְקֶעלֶע אוּן גֶעפִינְט, אַז דִי הֵייזְלֶעךְ זֶענֶען יָא אַבִּיסִיל צוּ לַאנְגְלִיךְ...

— יִשְׂרָאֵל נֶעמְט אַרוֹיס דָאס רָאזְשִׁיקֶעל אוּן אִיז מְכַבֵּד דֶעם טַאטֶען מִיט אַ שְׁמֶעק טַאבֶּעקֶע.

— צוּ לַאנְגְלִיךְ דִי הוֹיזֶען, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל!

הַא?... וָואס?... לַאנְגְלִיךְ זָאגְט אִיהר? ווֵייסְט אִיהר נִיט וָואס מֶע טְהוּט? פֶערְקַאטְשֶׁעט מֶען זֵיי.

— זֶענְט אִיהר אֶפְשַׁר אוֹיךְ גֶערֶעכְט, — זָאגְט דֶער טַאטֶע וָואס טְהוּט מֶען אָבֶּער אַז זֵיי זֶענֶען אַבִּיסִיל צוּ בְּרֵייט, ווַייזֶען אוֹיס ווִי צְווֵיי זֶעק?

אַ הִסָרוֹן דִי כַּלָה אִיז צוּ שֵׁיין! — מַאכְט יִשְׂרָאֵל אוּן צִיהט אַיין אַ בֶּערְגֶעלֶע טַאבֶּעקֶע אִין נָאז אַרַיין — בְּרֵייט זָאגְט אִיהר? שְׁמָאל אִיז עֶרְגֶער, טוֹיזֶענְד מָאל עֶרְגֶער!...

איך הָער נִישְׁט אוֹיף צוּ טַאפֶּען זִיך פוּן אוּנְטֶען זוּך דֶעם שְׁפַּאלְט מִיט דֶער קֶעשֶׁענִי.

— וָואס זוּכְסְט דוּ דָארְטֶען? — זָאגְט צוּ מִיר דִי מַאמֶע — דֶעם גֶעכְטִיגֶען טָאג?

„אַלְטֶער לִיגְנֶער! — טְרַאכְט אִיך מִיר אוּנ קוּק אוֹיף יִשְׂרָאֵל'ן וִוי אַ גַזְלָן — טוֹיבֶּער לָאך, אַ רוּחַ אִין דַיין ט... אַרַיין!"

— פֶּערְגִיץ גֶעזוּנְד! זָאגְט צוּ מִיר יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיבֶּער אוּנ צוּ־רֶעכֶענְט זִיך פַאר דֶער אַרְבֵּייט, אוּנ דֶער מַאטֶע נֶעמְט זִיך צוּרִיק צוּם שֻׁלְחָן עָרוּך אוּנ לֶערֶענְט מִיט'ן זֶעלְבֶּען נִגוּן:

„מִי שֶׁשָׁכַח — וָוער עֶס הָאט פֶּערְגֶעסֶען, — לֶאֱכוֹל אֲפִיקוֹמָן — צוּ עֶסֶען דֶעם אֲפִיקוֹמָן...

— טְרָאג גֶעזוּנְד! — זָאגְט צוּ מִיר דִי מַאמֶע, אַז יִשְׂרָאֵל דֶער שְׁנַיידֶער גֶעהט אַוֶועק; אוּנ זִי הֶערְט זִיך נִיט אוֹיף צוּ שְׁפִּיגְלֶען אִין מַיין קַאפֶּאטְקִילֶע — דוּ זָאלְסְט זִיך נוּר נִיט אָנְהוֹיבֶּען מִיט קַיי קוּנְדֵיסִים, נִיט שְׁלָאגֶען זִיך מִיט קַיין שְׁקָצִים, וֶועסְט דוּ דָאס אִם יִרְצֶה הַשֵׁם טְרָאגֶען אוּנ טְרָאגֶען, אַבִּי גֶעזוּנְד!..

ו.

— אָט אִיז רֶב גְדַלְיָה אוֹיך! — זָאגְט דִי מַאמֶע — מֶ'ע זָאל דֶערְמָאנֶען מָשִׁיחַ'ן!... פַארְטִיג דֶעם קִינְדְס שְׁטִיוֶועלִיך?

— נָאך אַ מִין פַארְטִיג! — זָאגְט גְדַלְיָה דֶער שׁוּסְטֶער מִיט אַ טֶענְצִיל אוּנ טְרָאגְט דִי אוֹיסְגֶעפּוּצְטֶע שְׁטִיוֶועלִיך אוֹיף אַ פִינְגֶער, וִוי מֶע טְרָאגְט אוֹיף אַ שְׁטֶענְגִיל פְרִישֶׁע צַאפֶּעלְדִיגֶע פִישׁ, נָאר וָואס גֶעהַאפְּט פוּנ'ם טַייך. — סְ'אִיז דִיר נוּר אַיין אַקְצִיֶע מִיט זֵיי!... דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וִויל אוֹיף פֶּסַח זָאל זַיין פַארְטִיג! — אִיך הָאב גֶעאַרְבֵּייט מִיט דֶער גַאל, בְּוַדַאי נִישְׁט גֶעשְׁלָאפֶען אַ נַאכְט!... אִיך, אַז אִיך גֶעב אַ וָוארְט מֶעג דוּנֶערֶען אוּנ בְּלִיצֶען!...

דִי מַאמֶע מֶעסְט מִיר אָן דִי שְׁטִיוֶועלִיךְ, טַאפְּט מִיךְ או[ן]
קְוֶועטְשְׁט מִיךְ אוּן פְרֶעגְט מִיךְ צִי פִיהל אִיךְ נִיט חַס וְחָלִילָה אַז [זֵיי]
זָאל מִיךְ עֶרְגֶעץ קְוֶועטְשֶׁען ?

— קְוֶועטְשֶׁען ? — זָאגְט גְדַלְיָה — מִיר דַאכְט אַז [...]
שְׁטִיוֶועלִיךְ קֶענֶען אַרַיין נָאךְ אַפָּאר פִיסְלִיךְ, וִוי בַּיי אַייעֶר זוהן.

— אַנוּ, שְׁטֶעל זִיךְ אַקארְשְׁט אַנִידֶער אוֹיף דֶער עֶרְד — זָא[גְט]
דִי מַאמֶע.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אַנִידֶער אוּן קְוֶועטְשׁ דִי פָּאדֶעשְׁוֶועס, אִיךְ וִויל
הֶערֶען וִוי זֵיי סְקְרִיפֶּען — וֶוער ? וָואס ? וֶועמֶען ? קֵיין פִּיפְּס הֶע[רְט]
מֶען פוּן זֵיי נִיט !...

— וָואס קְוֶועטְשְׁסְט דוּ אַזוֹי ? — זָאגְט צוּ מִיר דִי מַאמֶע — הָאבּ
צַייט, דָאס יָאהר אִיז נָאךְ גֶענוּג גְרוֹיס ! אִיךְ בִּין דִיר עָרֵב, אַז וֶועסְט
זֵיי אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם צוּרַייסֶען בִּיז אִיבֶּער אַ יָאהר פֶּסַח !... אַצוּנְד גֶעה
זִיךְ דוּרְךְ מִיטְ'ן טַאטֶען צוּ יְחִיאֵל דֶעם קֶערְזְשְׁנֶער, וֶועט מֶען דִיר
אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַ קַאשְׁקֶעטִיל אוֹיף יוֹם־טוֹב ; נָאר פַּאוָואלִי דִי שְׁטִי־
וֶועלִיךְ ! קְלָאפּ נִיט אַזוֹי מִיט דִי פָּאדֶעשְׁוֶועס, זֵיי זֶענֶען נִיט פוּן
אַייזֶען !...

יְחִיאֵל דֶער קֶערְזְשְׁנֶער זִיצְט דִי אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ פוּן אוּנְז. מִי־
חַאפֶּען זִיךְ אַרַיין דוּרְכְ'ן הוֹיף צוּ אִיהם אִין קְלֵייט אַרַיין.

יְחִיאֵל אִיז אַ יוּד פוּן גֶעבָּאהרֶען דַוְקָא אַ וַוייסֶער, מִיט וַוייסֶע
הָאר ; נָאר אַזוֹי וִוי עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּ טְהוּן מִיט שְׁוַוארְצֶע גֶע־
פַארְבְּטֶע הִיטְלֶען אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג וִוי אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט אִין סַאזְשֶׁע ; דִי
נָאז אִיז בַּיי אִיהם תָּמִיד פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען פֶערְבְּלָאוְט, אוּן דִי פִינְגֶער
זֶענֶען וִוי אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין טִינְט.

— בָּרוּךְ הַבָּא, אַ שָׁכֵן, חֲקַאצֶעל קוּמְט ! — מַאכְט צוּ אוּנְז
יְחִיאֵל דֶער קֶערְזְשְׁנֶער גָאר פְרַיינְדְלִיךְ — פַאר וֶועמֶען ווִילְט אִיהר
דָאס אַ קַאשְׁקֶעט אוֹיף יוֹם־טוֹב ? פַאר זִיךְ אַלֵיין טַאקִי, צִי פַאר
אַייעֶר יוּנְגִיל ?

— פאר מיין זוהן — זאגט דער מאטע מיט גדלות — גאר איהר זאלט מיר ווייזען עפּיס רעכטס... עפּיס אזעלכס... איהר פערשטעהט?...

— דהיינו? — פרעגט יחיאל און קוקט אויף די פּאליצעס.

— דהיינו — זאגט דער מאטע און ווייזט איהם אויף די הענד — ס'זאל זיין אי פיין, אי שען, אי גוט, אי וואלוועל, אי אזוי... איהר פערשטעהט?

— האב איך פון אייערט וועגען פונקט דאס וואס איהר בעדארפט! — מאכט יחיאל און טהוט א חאפּ פון דער פּאליצע עטליכע היטעליך מיט אמאל; און איטליכס היטעלי, בשעת ער טהוט דאס א נעם אויף דער האנד, טהוט זיך דאס ביי איהם א דרעה אליין פון זיך, עפּיס טאקי נור ווי דורך א כישוף!... אלע מינוט מעסט ער מיר אן איין אנדער היטעלי, טריט אב אויף א האלב ארשין, טהוט מיר א קוק אין פּנים אריין מיט א שמייכעלע און א זאג צום מאטען:

— קאמיר האבען אזא יאהר ווו סע פּאסט איהם! הא? ווי געפעלט אייך א היטעלי? שוין איין מאל א היטעלי!

— ניין, רב יחיאל, נישט דאס מיין איך — זאגט דער מאטע און ווייזט איהם אויף די פינגער — איך וואלט וועלען א מין קאשקעטיל אזעלכס, ס'זאל זיין, איהר פערשטעהט א מין יודיש טאקי, גאר מיט דער מאדע, אהן צאצקעס, בעל־הבתיש, און און און... איהר פערשטעהט?

— זאגט זשע אזוי! — מאכט יחיאל און חאפּט אראב מיט א לאנגען שטעקען פון דער אויבערשטער פּאליצע א קאשקעטיל, א האלב־קיילעכיגס, א קאליערנדיגס מיט קעסטעליך, מיט א ווייך דאשעקיל, און טראגט דאס צו אויף איין פינגער און עס דרעהט זיך ביי איהם גיך—גיך ווי א מיהלכיל... פּאוואלינקע טהוט ער דאס מיר אן אויפ'ן שפּיץ קאפּ, קוים וואס ער ריהרט זיך צו, גלייך ווי מיין קאפּ וואלט געוועזען פון דין גלאז און ער האט מורא ער זאל זיך נים צוברעכען, און ער ווינשט זיך אזא יאהר, אזא מזל, ווי דאס קאשקעטיל

פַּאסְט מִיר! ס'אִיז מֶעהר נִישְׁטָא בַּיי אִיהם זָאגְט עֶר, וִוי דָאס אֵיינְס, עֶר זָאל אַזוֹי רֵיין זַיין פוּן שְׁלֶעכְטְס!... דֶער טַאטֶע דִינְגְט זִיךְ מִיט אִיהם לַאנְג—לַאנְג; יְחִיאֵל שְׁוֶועהְרְט זִיךְ, אַז נָאר צוּלִיעב אוּנְז גִיט עֶר דָאס אַוֶועק אַזוֹי וָואלְוֶועל, כִּמְעַט אוּנְטֶער'ן קֶרֶן, עֶר זָאל אַזוֹי הָאבֶּען אַ כָּשֶׁר'ן פֶּסַח אוּנ אַלְדֶעם גוּטְס!...

אִיךְ זֶעה אַז דֶעם טַאטֶען אִיז דָאס קַאשְׁקֶעטִיל שְׁטַארְק גֶעפֶע־לֶען, מַחֲמַת עֶר גֵעהט צוּ אַלֶע מָאל, שְׁפִּיגֶעלְט זִיךְ אִין דֶעם, טְהוּט מִיר אַ גְלֶעט דִי פֶּאֶה'לִיךְ...

— עֶר זָאל חָאטְשׁ אִיבֶּערְטְרָאגֶען דֶעם זוּמֶער — זָאגְט דֶער טַאטֶע.

— צְוֵויי זוּמֶערֶען! — זָאגְט יְחִיאֵל אוּנ שְׁפְּרִינְגְט אוּנְטֶער צוּם טַאטֶען — דְרַיי זוּמֶערֶען! אַזַא יָאהר אוֹיף מִיר וָואס פַאר אַ קַאשְׁקֶע־טִיל דָאס אִיז! פֶּערְנִיץ גֶעזוּנְד!...

בִּיז אִיךְ קוּם אַרַיין אִין שְׁטוּב אַרַיין אִיז שׁוֹין דָאס קַאשְׁקֶעטִיל בַּיי מִיר אוֹיף דִי אוֹיעֶרֶען. אִיךְ פִיהל, אַז ס'אִיז אוֹיף מִיר אַבִּיסִיל צוּ גְרוֹיס.

— אָהן אַיין אוּמְגְלִיק, אַבִּי ס'אִיז נִישְׁט אֵיינְג! — זָאגְט דִי מַאמֶע אוּנ רוּקְט דָאס מִיר אָן כִּמְעַט בִּיז דֶער נָאז — זָאלְסְט דָאס נָאר נִישְׁט אוֹיסְטְהוּן אַלֶע מִינוּט אוּנ אָנְטְהוּן צוּרִיק! זָאלְסְט נִיט טַאפֶּען מִיט דִי הֶענְד!... טְרָאג גֶעזוּנְד!...

ז.

גֶעקוּמֶען מִיטְ'ן טַאטֶען פַאר נַאכְט אִין שׁוּל אַרַיין דַאוְונֶען, טְרֶעף אִיךְ שׁוֹין דָארְטֶען אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים: אִיצִיק אוּנ בֶּערִיל, אוּנ לֵייבִּיל, אוּנ אַייזִיק, אוּנ צָדוֹק, אוּנ וֶועלְוֶועל, אוּנ שְׁמַעְיָה, אוּנ קָאפִּיל, אוּנ מֵאִיר'ל, אוּנ חַיִים־שָׁלוֹם, אוּנ שַׁכְנָא, אוּנ שֶׁעפְּסִיל, אוּנ נָאךְ אוּנ נָאךְ. אַלֶע גֵעהֶען אָנְגֶעטְהוּן יוֹם־טוֹב'דִיג. אַלֶע מִיט נַייעֶ קַאפָּאטְקֶעלִיךְ, אַלֶע מִיט נַייעֶ שְׁטִיוֶועלִיךְ, נַייעֶ קַאשְׁקֶעטְלִיךְ. נָאר קֵיינֶער טְרָאגְט נִיט אַזַא לַאנְגֶע קַאפָּאטֶע מִיט אַ „פַאלִיבָּאם“ וִוי אִיךְ; קֵיינֶער גֵעהט נִיט

אִין אַזֶעלְכֶע „שְׁטִיוַואלֶעס“ וִוי אִיךְ, אוּן בַּיי ־קֵיינֶעם זֶעה אִיךְ נִיט אַזַא מִין מְשׁוּנֶה מָאדְנֶעם ־קַאשְׁקֶעט וִוי בַּיי מִיר... פוּן שְׁפַּאלְטֶען, פוּן קֶע־ שֶׁענִים אוּן פוּן הָקְרִיפֶּקְעס רֶעד אִיךְ שׁוֹין נִיט; מֶע הָאט מִיךְ רֶעכְט אָבְּגֶעגַארְט, אָנְגֶעטְהוּן אַ סְפָּאדִיק!...

„חֶבְרָה“ הָאבֶּען מִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער:

— אָט דָאס זֶענֶען דַייגֶע נַייֶע בְּגָדִים'לִיךְ, וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי בֶּערִיהְמְט? וואוּ אִיז דַיין שְׁפַּאלְט פוּן הִינְטֶען? וואוּ אִיז דַיין קֶעשֶׁענִי וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט? פַאר וָואס הֶערְט מֶען עֶפִּיס נִיט דַייגֶע שְׁטִיוֶועלִיךְ זָאלֶען הָקְרִיפֶּען?...

גֶענוּג סְ'אִיז מִיר אַזוֹי אוֹיךְ שְׁוֶוער אוֹיפְ'ן הַארְצֶען, זַאלְצֶען זֵיי מִיר נָאךְ אוֹיף דִי וואוּנְדֶען! אִיטְלִיכֶער זָאגְט אוֹיף מִיר אַיין אַנְדֶער שְׁטֶעכְוֶוערְטִיל:

אִיצִיק זָאגְט: וָואס אִיז דָאס בַּיי דִיר פַאר אַ־קַאפָּאטוּכֶע?

בֶּערִיל: אַ חַאלַאט!

לֵייבִּיל: אַ חְלָאמִידֶע!

אַייזִיק: אַ חְלַאמִינְדְרִיק!

צָדוֹק: אַ זְשִׁיפֶּעצִי!

וֶועלְוִויל: אַ קְלֵיידִיל!

שְׁמַעְיָה: אַ קְרַאנָאלִינֶע!

קָאפִּיל: זֶעה נָאר אַ פָּאר תַּחְתּוֹנִים מִיט צְוֵויי „טְשָׁאבֶּעטֶעס“!

מֵאִיר'ל: אוּן אַ קַאשְׁקֶעאוּט!

חַיִים־שָׁלוֹם: אַ קַאטֶערוּכֶע!

שַׁכְנָא: אַ לָאקְשֶׁענְטָאפּ!

שֶׁעפְּסִיל: אַ פָּאטֶעגִיצֶע!...

אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּקָאכְט, אַז אִיךְ הֶער אַפִילוּ נִישְׁט הֶערְשׁ־בֶּער דֶעם חַזָן וִוי שֶׁען עֶר דַאוֶוענְט... אִיךְ קוּם צוּ זִיךְ נָאר דֶעמָאלְט וֶוען דֶער עוֹלָם זָאגְט שׁוֹין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען „אַ גוּט יוֹם־טוֹב! אַ גוּט יוֹם־טוֹב! אַ גוּט יוֹם־טוֹב!“... מִיט אַ שְׁוֶוערֶער גֶעמִיטְה אוּן מִיט אַ פֶּער־ קְלֶעמְט הַארְץ גֵעה אִיךְ מִיטְ'ן טַאטֶען אַהֵיים, קוּים וָואס אִיךְ שְׁלֶעפּ

דִי פִּים. עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר אִין מַיין הַארְצֶען! עֶס גֶעהט מִיר נִישְׁט אַיין דִי אַרְבַּע כּוֹסוֹת, וָואס מִיר וֶועלֶען בַּאלְד טְרִינְקֶען; דִי פִיעֶר קַשְׁיוֹת, וָואס אִיךְ וֶועל פְרֶעגֶען דֶעם טַאטֶען; דִי הַגָדָה, וָואס מִיר וֶועלֶען זָאגֶען; דִי גוּטֶע גֶעפֶּעפֶערְטֶע פִישׁ, וָואס מִיר וֶועלֶען עֶסֶען מִיט אוּנְטֶערְגֶעווַייקְטֶע מַצָה; דִי הֵייסֶע קְנֵיידְלִיךְ, דִי חְרֶעמְזְלִיךְ מִיט דִי פַאלִירְטְשִׁיקֶעס מִיט דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע גוּטֶע זַאכֶען — אַלֶץ, אַלֶץ אִיז מִיר נִישְׁט לִיעבּ, נִמְאָס, פֶערְשְׁטֶעהרְט, פֶערְשְׁטֶעהרְט!...

* * *

בַּיים סֵדֶר זִיצְט דֶער טַאטֶע דֶער „מֶלֶךְ” אִין אַ ווַייסֶען קִיטֶעל מִיט דֶעם סַאמֶעטֶענֶעם קַאשְׁקֶעט אוֹיפְ'ן קָאפּ, אוֹיבֶּען אָן, אוֹיף דֶער הֶסֶב־בֶּעט. נֶעבֶּען אִיהם זִיצְט דִי דַאמֶע דִי „מַלְכָּה” מִיט דֶעם אַנְטִיקְמַארֶענֶעם קְלֵייד, מִיט דֶער זַיידֶענֶע פֶּעטְשֵׁיילֶע אוּנ מִיט דִי שֵׁיינֶע פֶּערֶעלִיךְ, וָואס גִיט אִיהר צוּ זֶעהר פִיעל חֵן. אַקֶעגֶען זֵיי זִיצְט אִיךְ, דֶער בֶּן־מֶלֶךְ, דֶער „פְּרִינְץ”, אָנְגֶעטְהוּן אִין גָאלֶע נַייעֶם פוּן קָאפּ בִּיז פִּים. פוּן אֵיין זַייט זִיצְט בֵּיילֶה דָאס דִינְסְט־מֵיידִיל, אָנְגֶעטְהוּן מִיט אַ נַייעֶר סִיצֶענֶער „פְלַאטִי” אוּנ מִיט אַ ווַייסֶען אָנְגֶעקְרָאכְמַאלֶעטֶען פַארְטוּךְ, וָואס קְנַאקְט אוּנ טְרִישְׁטְשֶׁעט וִוי אַ מַצָה. פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט זִיצְט דִי יוֹדִינֶע דִי קֶעכִין, בְּרַיינֶע מִיט דִי וָואנְצִים, מִיט אַ נַייעֶר גֶעלֶער פֶּעטְשֵׁיילֶע אוֹיפְ'ן קָאפּ; זִי הַאלְט זִיךְ צוּ דָאס פָּנִים מִיט אֵיין הַאנְד אוּנ שָׁאקֶעלְט זִיךְ. זִי אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט צוּ „הָארְכֶען” דִי הַגָדָה...

— „כְּהָא לַחְמָא עַנְיָא” — זִינְגְט דֶער מֶלֶךְ מִיט זֶעהר אַ שֵׁיינֶער שְׁטִימֶע, אוּנ דִי מַלְכָּה הֶעלְפְט אִיהם הוֹיבֶּען דִי שִׁיסֶעל, אוּנ דָאס פָּנִים שַׁיינְט אִיהר אוּנ לַייכְט וִוי אַ שְׁטֶערֶען. בֵּיילֶה לָאזְט אַרָאבּ דִי רוֹיטֶע הֶענְד אוֹיפְ'ן ווַייסֶען פַארְטוּךְ, אוּנ דֶער פַארְטוּךְ שֶׁעלֶעשְׁטְשֶׁעט וִוי אַ בְּלַאט. בְּרַיינֶע דֶערְהֶערְט אַ יוֹדִישׁ וָוארְט, מַאכְט זִי אַ פְרוּם פָּנִים אוּנ פֶערְקְרִימְט זִיךְ אוֹיף צוּ ווַיינֶען. אַלֶע זֶענֶען אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אַלֶע זֶענֶען יוֹם־טוֹבְ'דִיג נָאר דֶער פְּרִינְץ אִיז עֶפִּים נִישְׁט מִיט אַלֶעמֶען. דָאס הַארְץ אִיז אִיהם פֶערְשְׁטֵיינֶערְט, דִי אוֹיגֶען פֶערְצוֹיגֶען מִיט אַ

יוכיל. ס'זאל ניט זיין פסח צום סדר וואלט ער זיך צווויינט. און אז ער וואלט זיך אויסגעוויינט וואלט איהם אפשר געווארען אביסיל גרינגער...

— השתא עבדי — לאזט אוים דער מלך מיט א נגון און מיט גרוים גדלות — היינט זענען מיר קנעכט, לשנה הבאה בני חורין, איבער א יאהר זענען מיר פרייע מענשען!...

דער מלך זעצט זיך אנידער און שפארט זיך אן אויף דער הסב־בעט! נאך איהם זעצען זיך אנידער אלע אויף זייערע ערטער און מע ווארט ביז דער פרינץ וועט אויפשטעהן און וועט פרעגען די פיער קשיות: „מה נשתנה"? וועט דער מלך נאכדעם ענטפערען א תירוץ: „עבדים היינו"... דער פרינץ זיצט אבער ווי צוגעקאוועט צום בייגקיל; ער קען זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט.

— נו?... טהוט א מאך דער מלך מיט דער האנד.

— שטעה אויף! זאגט די מלכה — פרעג דעם טאטען די פיער קשיות!

דער פרינץ ריהרט זיך ניט. ער פיהלט אז עמיצער האט איהם אנגענומען ווי מיט איין אפצווייגגע ביים גארגעל און ווארגט איהם. דער קאפ בייגט זיך איהם אויף א זייט. די אויגען הויבען אן צו שפרינגען — עס טהיילען זיך אב צוויי קיילעכיגע טרערען ווי פערליך, קויקלען זיך איבער די בעקליך און קאפען, פאלען גלייך אויף דער הגדה.

— וואס איז דיר? — פרעגט איהם די מלכה.

— וואס איז דאס פאר א געוויי פלוצים אין מיטען דעריגען ביים סדר? — צושרייט זיך די מלכה און ווערט אין כעס — דאס דאנקסט דו אזוי אב פאר די נייע מלבושים'ליך, וואס מע האט דיר געמאכט אויף יום־טוב?

דער פרינץ וויל אויפהערען וויינען, קען ער נישט; עס קוועטשט איהם, עס שטיקט איהם. עס האט זיך איהם מיט אמאל געעפענט א קוואל, א גאנצער ברונען.

— זָאג וָואס אִיז דִיר ? וָואס טְהוּט דִיר וַועה ? וָואס שְׁוַוייגְסְט דוּ ? עֶנְטְפֶער ! צִי דוּ ווִילְסְט דֶער טַאטֶע זָאל דִיך אַנִידֶערְלֵייגֶען אוּנ אַרַיינְפִּיצֶקֶען לְכָבוֹד פֶּסַח ?...

שְׁטַעהט אוֹיף דֶער פְּרִינְץ אוּנ פְּלָאנְטֶעט מִיט'ן צוּנְג :

— קַשְׁיָה, אִיך וֶועל דִיך פְּרֶעגֶען פִיעֶר טַאטֶעס, מַיין אִיך טַאטֶע, אִיך וֶועל דִיך פְּרֶעגֶען פִיעֶר קַשׁ... קַשׁ... קַשׁ...

דֶעם פְּרִינְץ וֶוערֶען אוּנְטֶערְגֶעהַאקְט דִי פִיס אוּנ עֶר פַאלְט מִיט'ן קָאפּ אוֹיפ'ן וַויסֶען טִישְׁטוּך אוּנ וַוייְנְט אוּנ חְלִיפֶּעט ווִי אַ פִּיצֶעלִי קִינְד — אַ פֶערְשְׁטֶעהְרְטֶער, אַ פֶערְשְׁטֶעהְרְטֶער פֶּסַח !...

ל"ג בָעוֹמֶר.

א.

— אנו, קומט נור אהער, קינדער, איך בעדארף אייך עפּיס זאגען א נייס! — אזוי רופט זיך אן צו אונז א טאג פאר ל"ג בעומר דער רבי רב יודיל מלאך־המות, און מיר שטעלען אויף מויל און אויערען, וואס וועט אונז עפּיס דער רבי זאגען פאר א „נייס"?

איך זעה, ווייסע חברה'ניקעס, אז איהר ווילט איך זאל אייך דא אבמאהלען מיין רבי'ן וואס פאר א פּנים ער האט — טהו איך אייך צוליעב; נאר בתנאי איהר זאלט מיך ניט קוועטשען, פאר וואס מען האט איהם גערופען מיט'ן נאמען „מלאך־המות". א קלוג יונגעלי וועט זיך אליין שטויסען פאר וואס: מחמת מיר האבען פאר איהם מורא געהאט ווי פאר א מלאך־המות. וועט איהר דאך פרעגען פאר וואס האבען מיר פאר איהם מורא געהאט ווי פאר א מלאך־המות? מחמת ער פלעגט אונז שמייסען מיט אייזערנע ריטער ביז בלוט זאל געהן. אי פאר וואס האט ער אונז געשמיסען מיט אייזערנע ריטער ביז בלוט זאל געהן? מסתמא האבען מיר פערדיענט, מיר האבען נישט געוואלט לערנען... למאי האבען מיר נישט געוואלט לערנען? מסתמא זענען מיר געוועזן גרויסע שקצים... הקצור ס'איז דאך א מעשה אהן א סוף — מע האט איהם גערופען „רב יודיל מלאך־המות", און זייט זיכער, אז ער האט דעם נאמען פערדיענט כשר, חאטש אויסזעהען האט ער אויסגעזעהען דווקא נישט ווי א מלאך המות: א קליינס, א נידעריגס א טרוקענס ווי גרוגרת דרבי צדוק, ווי א פייג, הייסט דאס; דאס פּנים טונקעל גרין געלבליך ווי א פאר א יאהריגער לולב, און געקנייטשט ווי א מצה שמורה; די באקען איינגעפאלען, א בערדיל קוים קוים וואס סע שפּראצט אי דאס נור ערטערוויז; א נאז, זעהט איהר, גראד א היבשע; הויבט זיך אן דין און לאזט זיך אויס גראב. און אויסגעבויגען ווי א שופר;

און אין גאָרנעל אַ גְנאַס, וָואס גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרָאבּ און אַרויף, גְלַייךְ זוי עֶס וָואלְט אַרוּנְטֶערלָאפֶען דָארְטֶען אִינְוֵוייבִּיג אַ מַייזִיל...

— וָואס פַאר אַ טָאג הָאבֶּען מִיר מָארְגֶען? — פְרֶעגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי מִיט אַ נִגוּן, בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ און מַאכְט צוּ אֵיין אֵייגִיל.

— לַ״ג בְּעוֹמֶ—ֶ—ר!—שְׁרַייעֶן מִיר אוֹיס אַלֶע אִין אֵיין קוֹל, ווִי דִי צִיגֶעלִיךְ, אַז זֵיי שְׁרַייעֶן „מֶעעֶ!”...

— וָואס אִיז לַ״ג בְּעוֹמֶר? — פְרֶעגְט עֶר אוּנְז וַוייטֶער מִיט׳ן אֵייגֶענֶעם נוּסַח.

— דְרַיי און דְרַייסִיג טָאג אִין דֶער סְפִירָה—עֶנְטְפֶערֶען מִיר אִידִם.

— וָואס טְהוּעֶן חֵדֶר יוּנְגְלֶעךְ לַ״ג בְּעוֹמֶר?

— חֵדֶר יוּנְגְלֶעךְ לַ״ג בְּעוֹמֶר לֵייגֶען זִיךְ צוּנוֹיף אַלֶע אִינְאֵיינֶעם און מַאכֶען אַ סְעוּדָה.

— וָואס נָאךְ טְהוּט מֶען לַ״ג בְּעוֹמֶר?

— מֶען נֶעמְט דִי „פַיילֶענְבּוֹיגֶענְס” מִיט דִי „רָאדְבִּיקְסְלִיךְ” און מֶען גֵעהט גֶעוואַפֶענְט מִיט כְּלֵי זַיִן און מִיט גֶעזַאנְג ווִיט וַוייט אוּנְטֶער׳ן שְׁטָאדְט אַרוֹיס.

— אָט אַזוֹי — רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֶבִּי און עֶפֶענְט אוֹיף דָאס אֵייגִיל — אָט אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַייךְ לִיעבּ; אָט אַזוֹי זֶענְט אִיהר וואהלֶע יוּנְגְלֶעךְ; און דֶערְפַאר לָאז אִיךְ אַייךְ אָבּ פְרַיי כִּמְעַט אוֹיף אַנְדֶער־הַאלְבֶּען מֵעת לֵעת.

דֶערְהֶערְט דָאס וָוארְט „פְרַיי” און נָאךְ „אוֹיף אַנְדֶערְהַאלְבֶּען מֵעת לֵעת”, טְהוּן מִיר אַ שְׁטֵעה אוֹיף אַלֶע פוּן דִי עֶרְטֶער, און ווִילֶען זִיךְ לָאזֶען לוֹיפֶען אַהֵיים; נָאר אֵיין קוּק פוּן רֶבִּינְ׳ס קְלֵיינֶע אֵייגֶעלִיךְ אִיז גֶענוּג, אַז מִיר זָאלֶען בְּלַייבֶּען צוּגֶעקְאוֶועט צוּ אוּנְזֶערֶע עֶרְטֶער.

— אַ הַא! — רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֶבִּי — שׁוֹין גָאר מִיט אַיין אַנְדֶער נוּסַח — זֶעה נָאר זֶעה! שׁוֹין פַארְטִיג אוֹיפ׳ן פִּידְפַאלִיק!? אִיהר הָאט נוּר דֶערְהֶערְט דָאס וָוארְט פְרַיי, הָאט אִיהר שׁוֹין פַארְגֶעסֶען דֶעם עוֹל פוּנְ׳ם חֵדֶר און זֶענְט שׁוֹין גְרֵייט צוּ שְׁפְּרִינְגֶען ווִי דִי ווִילְדֶע צַאפְּעקְלִיךְ הָאץ — הָאץ — הָאץ! — זָאג אִיךְ אַייךְ אָן, טָאמֶער חָלִילָה...

איהר ווייסט דאך שוין וואס איך מיין? לאם איך זעהען אויף עמיצען פון אייך א ריס אויף דער קאפאטע, אדער א דראפ אויס'ן פנים, אדער אזוי עפיס א סימן פון שקצ'עריי מאך איך פון אייך...

דער רבי רב יודיל נעמט ארויס דעם קאנטשיק פון דער גמרא „מסכת מכות" און מאכט צו אונז אזוי:

— ווייסט איהר וואס, קינדער? וואס טויג אונז ווערטער? מוסר? שטראפעריי? נארישקייטען! איהר וועט דאך מיך געוויס ניט פאלגען, וועל איך דאך אייך נאכדעם געוויס דארפען שמייסען; א טעת־ליינט זיך שוין איינציגווייז אנידער, לאם איך אייך געבען לעת־עתה צו עטליכע שמיצליך, איין אדערויף הייסט דאס... אי וואס? טאמער וועט דאס זיין קארגליך? האט קיין יסורים ניט: אם ירצה השם נאך ל"ג בעומר וועל איך אייך, גישקשה, פערבעסערען... נו, חברה, מאכט זשע ניט, איך בעט אייך, קיין לאנגע שיהות, הויבט אן שפיליען הייזליך, איין עבירה די צייט, דער טאג שטעהט ניט!..

און דער רבי בעטראכט די ריטליך פונ'ם קאנטשיק גאנץ רוהיג, ווי מען בעטראכט א שטייגער ערב שבת די פאדעם פון די ציצית אינ'ם טלית קטן; ער גלייכט זיי אויס, פרובט זיך פריהער מיט זיי א ביסעל אויף דער לופט; נאכדעם שטעהט ער אויף, געהט צו צו דער לאנגער באנק, נעמט א גוטען שמעק טאבעקע און איז אנגעברייט צו דער ארבייט... מיר לאזען זיך לאנג ניט בעטען, ווי יצחק בשעת אברהם אבינו האט איהם געפיהרט צו דער עקדה... מיר שטעהען אויף איינציגווייז און געהען צו דער באנק, ציהען אראב די הייזליך און לייגען זיך אנידער שטיל, אהן ווערטער, דאס העמדעלע ארויף, מיט'ן פנים אראב, ווי איינער רעדט: „נאט אייך, רבי לעבען, דאס וואס איהר האט געוואלט"...

— אט אזוי, יוסילע, האב איך דיך ליעב, — מאכט צו מיר דער רבי, און שענקט מיר עטליכע גרינגע שמיצליך דערפאר, וואס איך האב מיך געלייגט דער ערשטער — אט אזוי קעצעלע: איינס... צוויי... דריי... פיער... פינף... זעהסט דו? א יא אז דער רבי שמייסט אב ווערט

מען גאָר אײן אַנדער מענטש?.. אַצונד, מאַטעלע — מאַכט ער צו מײן ברודער מאָטיל — קום נור דו אַהער!... די „יוסעליך“ מיט די „מאַטעליך“ האָב איך ליעב דערפאַר וואָס זײ לאָזען זיך נישט לאַנג בעטען. זײ אַז מע זאָגט לײג זיך לײגען זײ זיך... שמואליקיל, גשמה מײנע, ליג ליג, נאַרעלע, עס וועט לאַנג נישט געדויערען, נישט מעהר זאָל דער יודישער גלות געדויערען!.. און דו לײבעניו, וואָס געדויערט בײ דיר אַזוי לאַנג דאָס צעשפּיליען זיך? מאַך עס בקיצור!.. אַברהמ׳לע, מײן טהײערס, דיר בין איך שולדיג אַ חוב נאָך פון נעכטען. עס וועט שוין זײן בײ אונז אינאײנעם אײן רעכנונג... שימעלע! וואָס מאַכט עפּיס די ציג, וואָס דו ביזט געפּאָהרען אויף איהר רײטענדיג? דו מײנסט אַז איך האָב שוין פערגעסען?.. הערשיל דער קלײנער! זאָג הערשיל דעם גרויסען, ער זאָל זיך מטריח זײן פאַרקאַטשען דאָס העמדיל, נישקשה, דאָ זענען גאַלע מאַנספּלין... קום נור אַהער, טאַ־טעלי טוטאַריטוטו! האָב קײן פּאַראיבעל ניט וואָס איך בין דיך מכבּד ניט „אחרון“, דער טאַטע דײנער דער שמש איז נישט געוואוהנט גע־וואָרען צו גרעסערע כּבודים.

אָבגעשמיסען קאַפּלין אויך, גלײכט זיך דער רבּי אויס די בײנער, גלעט זיך מיט׳ן גראָבען פינגער בײם גאָרגעל אויפ׳ן חזנ׳ישען שטײגער און זינגט אויס מיט׳ן נגון וואָס מען רופט אויף אַ חתן, און ציקעלט זיך, בשעת מעשה פונקט ווי רב הערש־בער דער חזן:

— יע—עמוד החה—תן רב—יום—טוב—ליפּמאַן—ב״ר—שלום—אײזיק מפ—טיר!... נישקשה, שעם זיך ניט, רב ליפּאַ, דו ביזט טאַקי אַ בר־מצוה יונגיל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זײגער און מיט אַ זילבערנע קאַפּערטע, נאָר פון דעסטוועגען, אײנס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן, לכבוד ל״ג בעומר מעגסט דו זיך מטריח זײן אַנידערלײגען אָט דאָ אויפ׳ן בײנקיל, איך וועל דיר חלילה קײן שלעכטס ניט טהון, איך וועל דיך נור אָבשמײסען, מעהר גאָר נישט!... איך בין דיר ערב, אַז ביז דער חתונה וועט זיך פערהײלען... ליפּא, ליג גלײך, ליפּא, מאַך ניט קײן אָנשטעלען, איך האָב קײן כּח ניט צו באָרען זיך מיט אַזאַ בחור׳ען

ווי דו!.. אט אזוי, לאז איך וואהל בעקומען!... אצונד פערשפיליעט זיך גאנץ פיין, קינדערליך, וואשט די הענט און דאווענט אייך אב מנחה און — מארש אהיים; נאר שטיל, פיין, שיין, אזוי ווי איך האב ליעב... און אם־ירצה־השם איבערמארגען גאנץ פריה זאלט איהר מיר זיין אט דא אלע אויפ'ן ארט, גאר ווי עס געהער צו זיין, פיינטשיק! איהר הארכט וואס מע רעדט צו אייך? לאם איך זעהען אויף עמיצען א שפרינגקעלע! א האר!... א גוטע נאכט, געהט געזונד, און האט אייך א פרייהליכען יום־טוב!

ב.

אויף מארגען האט גאט ארויסגעצויגען די זון פון איהר פיטער־פאס און האט אונז געשענקט א שיינעם, א ליכטיגען, א פרייליכען זומערטאג, איינעם פון יענע שיינע ליכטיגע זומערטעג, וואס אפילו אין דעם פינסטערען ווינסטען טאזעפעווקע, וואס ליגט ביים טייך „שטונקיילא”, איז די לופט שמעקענדיג פריש מחיה נפשות. דער הימעל איז לויטער בלוי; די פייגעליך זינגען; עס גליסט זיך אין דרויסען ארוים, אויף דער לופט, עס ציהט אהין ווייט ווייט פון דער בלאטיגער שטאדט ארוים, דארט וואו עס שפראצט א גרעזעלע, און די בוימער זענען בעדעקט מיט גרינע בלעטעליך, דארט וואו גאטס פייגעליך טאנצען און שפרינגען, פישטשען און זינגען... אין יענעם פריהמארגען האבען מיר זיך געחאפט, איך און מיין ברודער מאטיל, אויפשטעהן וואס פריהער, אבדאווענען וואס גיכער, געטען דעם אנ־בייסען מיט זיך — און מארש צו ליפא שלום־אייזיקס! וואס עפיס צו ליפא שלום־אייזיק? ווייל ערשטענס איז ליפא שלום־אייזיקס דער עלטערסטער פון תלמידים, א בר־מצוה יונגיל און א חתן דערצו מיט א זייגער און מיט א זילבערנע קאפערטע; און צווייטענס איז דארט פאראן א הויף א גרויסער, וואס דארט פלעגען מיר פערברענגען דעם אנדערען האלבען טאג פרייטאג, שפרינגען אויף איין פוס, שפיעלען

אין „קוציבאבע" אין „עקעך און מקח", אָדער אין „קאמער־קאמערהויז", אָדער אין „בעהעלטעריך", אָדער אין „טרעפּעניששען"...

אַז מיר זענען געקומען, איך און מיין ברודער מאָטיל, צו ליפּאַ שלום־אייזיקס, האָבען מיר שוין דאָרטען געטראָפען די גאַנצע חבֿרה — (אַרום און אַרום זענען מיר געווען פיער און פערציג פּאַרשוין תּלמידים פון צוויי חדרים: פון רב „יודיל מלאך־המות" און פון רב „אפרים תּליין").

— אָט זענען שוין די „יוסעליך" מיט די „מאָטעליך" אויך דאָ! ווייזט וואָס האָט איהר געבראַכט? — רופט זיך אָן ליפּאַ שלום־אייזיקס, און ער הויבט אָן צונויפענעמען די מתּנות וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער סעודה און אויסרופען אויף אַ קול איטליכען צום נאָמען.

— מענדיל, מע מעג עסען פון דיין פּענדיל! אַנו ווייז וואָס האָסט דו דאָרטען? צוויי אייערבייגעל, אַ שטיק לעקעך איין אײ מיט זעקס גראָשען.

— איציק שפּיציק נאָדעל מעשיל! גיי אין קלייט חאַפּ אַ פּעשיל! עפּיס זעה איך ביי דיר קיין עין־הרע ניט אַ גאַנצער אוצר: צוויי קיכליך, דריי אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטליכע צוקערלעקעכליך מיט מאַנדעלבייגעליך און האָזענע ניסליך עפּיס נאָר אַ גוזמא — אַהאַ און נאָך צעהען גראָשען דערצו — מאַלאַדיעץ!...

— יענקעלע — ביינקעלע — פּלעשעלע — בול־בול־בול! בעווייז דיך אַרויס מיט דיין גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פּערטיל עוף, אַ גלעזיל געגזעגנשמאַלץ, וואָס איז דאָס? אַ פּלעשיל מעד? — הערסט דו, ביזט דאָך עפּיס נאָר אַ מזיק, בילעבען!...

— משה'לע — שטייסעלע — קלאַפּ אין שול, אַלטע ווייבער שלאָפען! קום נאָר אַהער, האָסט געבראַכט בראָנפען? האָב איך דיך ליעב, וואָרום וואו האָט איהר געזעהען אַ „סעודה" אָן בראָנפען?...

— אבי — פּאַטער, קלמן — מאַטער, מאַטער — קלמן, — שניאור — זלמן! זלמן שניאור, שלאָף אין שלייער! בעוויז, בעווייז, שעם זיך ניט, אַ האַלב אײ סך־הכּל?... אַ שטיקיל ברויט מיט האָניג?... אויך אַ

מטבע! געב אהער, גישקשה, עס מאכט ניט אויס. דערויף איז דאס ל"ג בעומר, א שותפות-דיגע סעודה!...

— טאפעלי טוטאריטוטו*) ווייז וואס האלטסט דו דא שען? א קאפיטע מיט א שטיטיל בולטע מיט א טעפיל טנאביל, וואס האט דיר די מאמע אזוי ווינציט דערעבען?... ליפא שלום-אייזיקס מאכט איהם נאך ווי ער רעדט מיט דער „טוף" אונ חברה קאטשען זיך פאר געלעכטער, אונ קאפיל אליין לאכט אויך.

— יואליק-ביילים האט דעם גרעסטען חלק! דו ביזט דאך עפים א נגיד'ס א יונגיל, ביי דיר קעהר אוודאי זיין א גאנצער אוצר פון בצים אונ פון שמאלץ, פון וויין אונ פון בראנפען אונ פון כל-טוב! א יא איך האב געטראפען? צוויי בולקעס, א גאנצע האלבע געבראטענע קאטשקע, אהא! א צעהנדליג אייער אונ טיי אונ צוקער. היינט ניסליך, מיט באקסערען, מיט ראזינקעס מיט מאנדלען, אונ פאמעראנצען, אונ א לימענע אויך — ניט געדאכט זאלסט דו ווערען! קום אהער לאס איך דיר חאטש זאגען א דאנק!

יואליק דעם נגיד'ס געהט צו די הענד אין די קעשענים מיט גרוים גדלות אונ ליפא שלום-אייזיקס דערלאנגט איהם א שנאל אין נעזיל אריין. צווישען עולם ווערט א געלעכטער.

— אצונד, קינדער, זעצט זיך אויס אלע אט א דא, צווישען די קלעצער — זאגט ליפא שלום-אייזיקס, — לאמיר זיך אקארשט נעמען צו דער סעודה! בראקט אונ עסט אונ "לאז אייך וואל בעקומען" ווי דער רבי זאגט, אז ער שמייסט אונז אב... ווער האט א גלעזיל? געב אהער, לאמיר טרינקען לחיים! לחיים מלך, אז מע טרינקט איז מען פרייליך! לחיים נח, פון פלעשעל ציהט מען כח! קום אהער ניסיל, מיט בראנפען אביסיל! לחיים שעפסיל, מאך א שנעפסיל! לחיים אברהם משה, דו האסט דאך ליעב א כוסה א גרויסע! לחיים טאפעלי, דאס זאל דעבען דעזונד מיט דליט מיט אלדעם דוטס, טרינט אויס.

*) קאפיל קוקאריקו — קען ניט אויסרעדען קיין „קוף".

דָאס דאַנְצְטֶע דְלֶעזִיל, אַ נִיט דִים אִיךְ דִיר אַבְיין אִין דָארְדֶעל מִיט דָנְוַאלְד וְוֶעסְט דוּ עֶרְדֶער מַאכֶען!...

אַלֶע לַאכֶען אוּנ קָאפִּיל אַלֵיין לַאכְט אוֹיךְ.

— קִינְדֶער! זָאגְט וואוּהִין בֵּעהֶען מִיר הַיינְטִיגְס יָאהר? — טְהוּט אַ פְרֶעג לִיפָּא שָׁלוֹם־אַייזִיקְס נָאךְ דֶער סְעוּדָה.

עֶס וֶוערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, אַ גֶעפִּילְדֶער; אִיטְלִיכֶער זָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, וואוּהִין מֶע זָאל גֵעהן.

— אוֹיף יֶענֶער זַייט בֵּית עוֹלָם! — זָאגְט מֶלֶךְ דֶער אַלְמָנָה׳ס.

— אוֹיף דֶער לִיוואדֶע! — מַאכְט נֹחַ דֶעם שׁוֹחֵט׳ס.

— צוּ דֶער צִיגֶעלְנִי! — שְׁרֵייט אוֹיס אַבְרָהָם משֶׁה דֶעם ווֵיינֶערְס אוֹיף אַ הֵילְכִיג קוֹל.

— צוּ דֶער צִיגֶעלְנִי! צוּ דֶער צִיגֶעלְנִי! — הֶעלְפֶען אִיהם אוּנְטֶער עֶטְלִיכֶע קוֹלוֹת מִיט אַמָאל.

— דָארְט אִיז פַאראַן הִינְט, אִיהר הָאט שׁוֹין פֶערְגֶעסֶען? — רוּפְט זִיךְ אָן נִיסִיל, אַ יוּנְגִיל אַ בְּלֵייכְס מִיט אַיין אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶענֶעם קוּק.

— וֶוער הָארְכְט זַיי? וֶוער הָאט מוֹרָא פַאר הִינְט? — זָאגְט יוֹאֵלִיק דֶעם נְגִידִ׳ס מִיט שְׁטַארְקַייט.

— דוּ אַלֵיין הָאסְט מוֹרָא פַאר אַ הוּנְט אֵימַת מָוֶת! — הַאקְט אִיהם אִיבֶּער דָוִיד׳ל צוּהַאקְטֶע לִיפּ.

— נִישְׁט פַאר אַ הוּנְט, אֲפִילוּ פַאר אַ קַאץ!... — חַאפְּט אוּנְטֶער שֶׁעפְּסִיל, אַ יוּנְגִיל מִיט אַיין אָבְּגֶעבְּרִיהטֶער בַּאק, אוּנ צְווִישֶׁען חֶבְרָה וֶוערְט אַ גֶעלֶעכְטֶער.

יוֹאֵלִיק דֶעם נְגִידִ׳ס וֶוערְט אָנְגֶעצוּנְדֶען לְמַאי מֶע לַאכְט פוּן אִיהם, גֵעהט עֶר צוּ צוּ שֶׁעפְּסְלִין מִיט דֶער אָבְּגֶעבְּרִיהטֶער בַּאק אוּנ טְרָאגְט אִיהם אוּנְטֶער אַ פַייג גְלַייךְ אוּנְטֶער דֶער נָאז; חַאפְּט עֶר אַ זֶעץ פוּן דָוִיד׳ל צוּהַאקְטֶע לִיפּ אִין זַייט אַרַיין; עֶנְטְפֶערְט עֶר צוּרִיק; הוֹיבְּט עֶר אָן חַאפֶּען פֶּעטְשׁ פוּן אַלֶע זַייטֶען... אִין אַיין אַנְדֶער צַייט וָואלְט זִיךְ קֵיינֶער נִיט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַרוֹיסְטְרֶעטֶען פְרַאנְק אוּנ פְרֵיי קֶענֶען

אַ נְגִיד׳ס אַ יוּנְגִיל, נָאר לַ״ג בְּעוֹמֶר מַאכְט נִישְׁט אוֹיס, לַ״ג בְּעוֹמֶר אִיז מֶען פְרַיי...

— שַׁאט! — רוּפְט זִיךְ אָן לִיפָּא שָׁלוֹם-אַייזִיקְס — גֶענוּג אַייךְ קְרִיגֶען זִיךְ! וֵוייסְט אִיהר וואוּהִין מִיר זָאלֶען גֵעהן הַיינְטִיגֶען לַ״ג בְּעוֹמֶר?

— וואוּהִין? וואוּהִין?

— קַיין גַאלַאגַאנָאוְוקֶע!

— קַיין גַאלַאגַאנָאוְוקֶע! קַיין גַאלַאגַאנָאוְוקֶע — שְׁרַייעֶן אַלֶע אִין אֵיין קוֹל, אוּנ אֶפִּילוּ קָאפִּיל קוּקַארִיקוּ הֶעלְפְט קְוִויטְשֶׁען אוֹיף זַיין דִין קוֹל׳כִיל: „דַאלַאדַאנָאוְוטֶע! דַאלַאדַאנָאוְוטֶע!“...

אוּנ ס׳אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז מִיר גֵעהֶען קַיין גַאלַאגַאנָאוְוקֶע.

ג.

גַאלַאגַאנָאוְוקֶע אִיז אַ דֶערְפִיל נִיט וַוייט פוּן מַאזֶעפֶּעוְוקֶע. אַז אִיהר פָאהְרְט צוּ אוּנְז קַיין מַאזֶעפֶּעוְוקֶע מוּזְט אִיהר פְרִיהֶער דוּרְכְפָאהְרֶען דָאס דָאזִיגֶע דֶערְפִיל; אַז אִיהר פָאהְרְט דוּרְךְ דָאס דָאזִיגֶע דֶערְפִיל מוּזְט אִיהר בֶּעגֶעגֶענֶען אַ גַאנְצֶע טִימְשְׁקֶע מִיט קְלֵיינֶע שְׁקָצִים׳לֶעךְ מִיט גְרוֹיסֶע הִיטְלֶען, וָואס לוֹיפֶען אַייךְ נָאךְ נָאכְ׳ן וָואגֶען, וַוארְפֶען שְׁטֵיינְדְלִיךְ, רֵייצֶען אָן דִי הִינְט, מַאכֶען מְשׁוּגֶע׳נֶע הַוָיוֹת אוּנ זִינְגֶען בִּשַׁעַת מַעֲשֶׂה עֶפִּים אַ פַאסְקוּדְנֶע לִיעֶדְעל:

זְשִׁיד זְשִׁיד פַארְהָאוְויק!
זַאהוּבִיוו טְשֶׁערֶעוְויק;
אַ יַא שָׁאוו,
טַאי נַאשָׁאוו,
טַאי פִּידְנִיאַוו,
טַאי פִּישָׁאוו...! (*

אוּנ חָאטְשׁ דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער הָאבֶען נִישְׁט קַיין טַעַם אוּנ קַיין רֵיחַ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען פֶערְדְרִיסְט דָאס אַייךְ גַאנְץ גוּט; אוּנ נִישְׁט

---

*) יוּד, יוּד פַארְךְ, הָאסְט פַארְלָאהְרֶען אַ שׁוּךְ, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּנ הָאבּ אִיהם גֶעפוּנֶען, אוּנ הָאבּ אִיהם אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּנ בִּין מִיר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

אַזוי די װערטער, װי דאָס געלעכטערל זייערס; און נישט אַזוי דאָס געלעכטערל, װי די שטיינדעלעך װאָס זיי װאַרפֿן; און נישט אַזוי די שטיינדעלעך װי די הינט װאָס זיי רייצן אָן אויף איך...

— װאָס װעלן מיר אָבער טאָן — פֿרעגט איינער פֿון אונז — טאָמער חלילה פֿאַלן אָן אויף אונז די שקצים׳לעך?

— װאָס האָרכן מיר שקצים׳לעך — זאָגט ליפּאַ שלום־אײַזיקס — אַז מיר זענען קיין עין הרע פֿיר און פֿערציק פֿאַרשוין אָנגעװאָפֿנט מיט כּלי זיין, מיט „פֿײַלן־בויגנס“, מיט „ראָדבּיקסלעך“ און גלאַט מיט שטעקלעך? אַדרבּה, לאָזן זיי זיך פּרוּוון אָנפֿאַלן אויף אונז!

— מיר װעלן זיי באַװײַזן װער מיר זענען! — זאָגט יואליק דעם נגידס, װאָס האָט גאָר פֿאַרגעסן אַז מע האָט אים גאָר װאָס אויסגעלאַכט און „אָנגעבעכעט“.

— מיר װעלן זײַן די „בני ישׂראל“ און זיי װעלן זײַן די „פּלשתּים“ — פֿאַלט מײַן ברודער מאָטיל אויף אַ המצאה און דאָס געפֿעלט אַלעמען.

— איהר זאָלט מיך װעלן פֿאָלגן — לייגט פֿיר חיים אַ גמרא־יונגל פֿון ר׳ אפֿרים תּלײנס חדר — װאָלטן מיר זיך באַדאַרפֿט אײַנטהיילן אין צװיי מחנות: איין מחנה װעט הייסן „יהודה“ און די אַנדערע — „אפֿרים“. לאָז ליפּאַ שלום־אײַזיקס זײַן דער פֿיהרער פֿון דער מחנה יהודה, דאָס הייסט פֿון „יודיל מלאך המות“ חדר, און מענדיל לאַשעק װעט זײַן דער פֿיהרער פֿון דער מחנה אפֿרים, דאָס הייסט פֿון אפֿרים תּלײנס חדר.

— גערעכט װי איך בין אַ יוד! — העלפֿן אים אונטער עס־ליכע מיט אַמאָל — יעקב אבֿינו בשעת ער איז געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט עשׂו׳ן האָט אויך אַזוי געטהון; ער האָט זיך געטראַכט: טאָמער פֿאַלט אָן דער שׂונא און צושלאָגט איין מחנה, װעט די אַנ־דערע מחנה מאַכן אַ פּליטה...

— קיינער, קיינער װעט נישט מאַכן קיין פּליטה — זאָגט ליפּאַ

שָׁלום־אַייזִיקס — מִיר וֶועלֶען שְׁלָאגֶען דִי „פְּלִשְׁתִּים" ־עַד חָרְמָה — מַאכֶען פוּן זֵיי אַ תֵּל! קִינְדֶער, נֶעמְט דִי כְּלֵי־זַיִין אוּן קוּמְט אוֹיף דִי פְּלִשְׁתִּים!

— לָאמִיר זִינְגֶען עֶפִּיס אַ לִיעדִיל, קִינְדֶער!

— אַ לִיעדִיל! אַ לִיעדִיל!

— וָואסֶער אַ לִיעדִיל זָאלֶען מִיר זִינְגֶען?

רַאז דְוַוא טְרִי טְשֶׁעטִירֶע! פָּאיְדֶעם פָּאיְדֶעם נַא קְוַואטִירֶע!
אַכְטֶער בַּאכְטֶער קָאלִישְׁקַא! וָואסְיֶעם דֶענְגִירַאבָּאשְׁקַא!

— פֶּע, פֶּע! אַ יוּדִישׁ לִיעד! אַ יוּדִישׁ!...

אוּן נָאך דֶעם שׁוֹחֵט'ס צִיהְט אוֹיס מִיט אַ נִגּוּן אוֹיף זַיִין שֶׁעְן קוֹל'כִיל:

אָמַר ד' לְיַעֲקֹב —
סְקָאזַאל פַּאן־בָּאג דָא יַעֲקֹב:
אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב —
נֶעפָּאוּגַאיסְיַא בַּארִין יַעֲקֹב!

אוּן מִיר אַלֶע הַאפֶּען אוּנְטֶער פְרֵיילִיך אוֹיף רוּסִישׁ:

נְיֶעט נֶיעט נִיטְשַׁאוָוא,
נֶע בָּאיְמַסַא נִיקַאוָוא,
טָאלְקָא בָּאגַא אַדְנַאוָוא!...

ד.

— וואו נֶעמְט מֶען אִיצְטֶער עֶטְלִיכֶע פְּלִשְׁתִּים? — רוּפְט זִיךְ אָן יוֹאֶלִיק דֶעם גְבִידִ'ס אוּן צִיהְט אָן דֶעם פַּיילֶענְבוֹיגֶען.

— אִיךְ וָואלְט זִיךְ אָן זֵיי נוֹקֵם גֶעוֶוען! — מַאכְט יַעֲנְקִיל אוּן שְׁטֶעלְט אָן דָאס רָאדְבִיקְסִיל.

— גֶעמַאכְט פוּן זֵיי ! — רוּפְט זִיךְ אָן חַיִּים אוּן צוּלָאזְט זִיךְ מִיט אַ שְׁטֶעקִיל.

— צוּרִיסֶען אוֹיף צְוֵוייֶען! — זָאגְט אַבְרָהָם מֹשֶׁה אוּן בֶּעוַוייזְט מִיט דִי הֶענְד ווִי אַזוֹי עֶר וָואלְט צוּרִיסֶען אַ פְּלִשְׁתִּי אוֹיף צְוֵוייֶען.

— שאַט, קינדער! — רופט זיך אָן איינער — אָן פּאַהערט אונז אַקעגן אַ „פּלשתי" מיט אַ פּאָר אָקסן!

דאָס איז זיך געפֿאָהרן פֿון דאָרף אין שטאָדט אַריין אַ גוי מיט אַ גרויס שטויסן היטל, זיך געזעסן גאַנץ רוהיג אין וואָגן, געפּיפּקעט אַ לולקע, גערעדט מיט דער בייטש און אונטערגעטריבן די אָקסן: „היי היי, סאָב סאָלאַווי"!

— קינדער! ציהט אָן די פֿיילנבויגנס! — קאָמאַנדעוועט ליפּאַ־שלום־אייזיקס צו דער מחנה „יהודה".

— קינדער! צילט אייך מיט די ראָדביקסליך גלייך אויפֿ'ן „פּלשתי"! — קאָמאַנדעוועט — מענדיל לאָשעק צו דער מחנה „אפֿרים".

מיר ציהען אָן אונזערע פֿיילנבויגנס און צילען זיך מיט די ראָדביקסליך, און נאָך דעם שוחטס ציהט אויס מיט אַ ניגון:

בּחר ד' ביעקב —
איזבראל פאַן באַג ביעקב
אל תירא עבדי יעקב —
נעפּאוגאַיסיאַ באַרין יעקב!

און מיר חאַפּען אונטער אויף רוסיש:

ניעט ניעט ניטשאַווא,
נע באָימסאַ ניקאַוואָ,
מאַלקאַ באַגאַ אַדנאַוואַ!...

דער „פּלשתי" האָט זיך אַ פּנים שטאַרק איבערגעשראָקען פֿאַר אונזערע „צוויי מחנות"; ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך איבערגעצלמ'ט דריי מאָל, אויסגעשפּיגן און האָט זיך אָנגערופֿען צו אונז מיט אַ גראָב קול:

— ווי מעשאַהאַ זשידעניאַטאַ נעקרעסטי פּראָקליאַטיע?*) און האָט אונז געמאַכט אַ רעכטן „מי שברך" און האָט געוואָלט אַראָפּ פֿונ'ם וואָגן מיט דער בייטש און זיך שטעלן מיט אונז מלחמה האַלטן.

*) וואָס מהוט איהר דאָ, יודעליך, נישט קיין געטויפטע, פֿאַרשאָלטענע?

— ווייסט איהר וואס? לאמיר דעם דאזיגען פלשתי לאזען צוּרוה! — זאגט יואליק דעם נגידים — וואס האט ער אונז געטהון? מיר געהען דאך מלחמה האלטען מיט די קליינע "פלשתים׳ליך"...

— גערעכט, ווי איך בין א יוד, גערעכט! — שרייען מיר אויס אלע מיט א שמחה, און געהרען אן אונזערע לעגדען. און לאזען זיך לויפען ווי די גבורים, אלין מיט דעם אייגענעם נגון

גאל ד׳ את יעקב, —
ספאסאל פאן באג את יעקב,
אל תירא עבדי יעקב
נעפאוגאסיא בארין יעקב!...

און מיר אלע האפען אונטער אויף רוסיש:

ניעט ניעט ניטשאווא
נע באימסא ניקאווא,
טאלקא באגא אדנאווא!...

— אצונד, קינדער, לאמיר זיך צוזעצען אביסעלע אפרוהען: קאמאנדעוועו אונזערע ביידע קאמאנדירען, ליפא-שלום-אייזיקס און מענדיל-לאשעק, און מיר פערקאטשען די קאפאטקעליך און זעצען זיך אוים אלע אין פעלד, אויפ׳ן גרינעם גראז, און ציהען זיך אויס אויף דער ערד און קוקען ארויף אין ריינעם בלויהען הימעל אריין, וואו עס שווימען שטיקליך וואלקענס, ווייסע ווי זילבער און דינע ווי רויך, וואו א לאנגע שורה פייגעליך שוועבען שטילערהייד, טיקען זיך אין טיפען הימעל, און ווערען פערשווינדען...

— וואו זענען א שטייגער אהינגעקומען די פייגעליך? — טהוט א פרעג איין יונגיל ביים אנדערען און קוקט אין הימעל אריין.

— זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויפ׳ן שפיץ בארג פון די בערג "אררט" — ענטפערט איהם דאס אנדערע יונגיל, גלייך ווי ער וואלט דאס געוואוסט פאר געוויס.

— וואס עפים אררט? — טהוט איהם יענער א פרעג נייגעהריג.

— ווייל אררט איז דער העכסטער פון אלע בערג! — ענטפערט

איהם יָענֶער, ווי אַ מֶענְש וָואס ווייס אַלְסְדינְג אויף דֶער וֶועלְט
איך לִיג אונ הֶער זיך צו צו די דָאזיגֶע רֵייד פון די צְווֵיי יוּנְגְלִיך אונ איך פֶערְשְׁטֶעה נִיט, ווי קוּמְט אַ הֶער אֶרְדָט? אֶרְדָט איז דָאך אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אונ מִיר זֶענֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ! נָאר בַּאלְד צוּריק פֶערְעֶנְטְפֶער איך מִיר אַלֵיין דִי קַשְׁיָה מִיט אַ נַייעֶר קַשְׁיָה: לָמַאי דִי פְּלִשְׁתִּים? די פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען דָאך אויך דָארְטֶען, פון דֶעסְטְוֶועגֶען גֶעהָען מִיר דָאך אויף דִי פְּלִשְׁתִּים!...

יֶענֶע צְווֵיי בֶּערֵיידֶעוָודִיגֶע חֶבְרָה לַייט הֶערֶען נִיט אויף צו רֶעדֶען צְווִישֶׁען זיך. אֵיינֶער פְרֶעגְט, דֶער אַנְדֶערֶער עֶנְטְפֶערְט.

— וָואס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם אַ שְׁטֵיינֶער, אַז מִיר וֶועלֶען אִם יִרְצֶה־הַשֵּׁם אַיינְנֶעמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים?!...

— וָואס הָאסְט דו גֶעוָואלְט זָאל זַיין?

— איך מֵיין וָואס וֶועלֶען מִיר טְהוּן מִיט זֵייעֶר לַאנְד?

— וָואס הָאסְט דו גֶעוָואלְט זָאלֶען מִיר טְהוּן?

— איך מֵיין צִי מִיר זָאלֶען דָאס לַאנְד „פֶערְווִיסְטֶען”, דִי שְׁטֶעדְט „פֶערְבְּרֶענֶען” אונ זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער „שְׁלָאגֶען צוּם שַׁארְפֶען שְׁוֶוערְט”?

— לָמַאי זָאלֶען מִיר בְּרֶענֶען שְׁטֶעדְט? אונ וָואס הָאסְט דו צו דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֶעבַּאך?

— סְטַייטְשׁ, סֶע שְׁטֶעהְט דָאך אָבֶּער אַזוֹי גֶעשְׁרִיבֶּען אִין פָּסוּק!

— אַ מָשָׁל! יֶענְץ איז גֶעוֶוען אַמָאל אונ דָאס איז הַיינְט! עֶס וֶועט זַיין גֶענוּג פון זֵייעֶרְט וֶועגֶען אַז מִיר וֶועלֶען אויף זֵיי אַרוֹיפְלֵיי־גֶען מַס, זֵיי זָאלֶען אוּנְז צָאהלֶען צִינְז...

דֶער שְׁמוּעֶס פון דִי צְווֵיי ווַייסֶע־חֶבְרָה'נִיקֶעס, דִי ווַייכֶע ווַארֶעמֶע לוּפְט, דֶער בְּלוּיהֶער הִימֶעל, דָאס גְרִינֶע גְרָאז אונ דֶער רֵיחַ פון דֶער עֶרְד ווַארְפֶען אָן אויף אוּנְז עֶפִּיס אַ מִין זִיסְקֵייט, אַ דְרִימֶעל, וָואס צוּגֶעהְט זיך אִין אַלֶע אֵיבְרִים. מִיר וָואלְטֶען אַזוֹי גֶעלִיגֶען אַ גַאנְצֶען טָאג, עֶס זָאל זיך נִיט גֶעוֶוען אוֹיפְהַאפֶּען אֵיינֶער מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי:

פְּלִשְׁתִּים! פְּלִשְׁתִּים!...

ה.

אַז מִיר הָאבְּען זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי פִּיס, הָאבְּען מִיר דֶערזֶעהֶען פַאר זִיךְ אַ טְשֶׁערֶעדֶע פוּן שֶׁעפֶּעלִיךְ אוּנ עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע פַּאסְטוּכֶער מִיט גְרוֹיסֶע בוּלַאוֶועס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען, אוּנְז בֶּעטְרַאכְט אוּנ אִיבֶּערְגֶעשְׁמוּעֶסְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערֶען אוֹיף זֵייעֶר לָשׁוֹן:

— שָׁא צֶע טַאקֶע, הָרִיצִיו?

— מַאבוּט נֶע טְשִׁיסְטַא?

— נִי, צֶע זְשִׁידֶענִיאַטַא אִיז מַאזֶעפָּאוְצִי.

— נֶעבְרִיסְטִי סָאבַּאטְשִׁי!

— טַאי שְׁטְשֶׁע סְלָאמַאקַאמִי, דִיוִוים!

— דַאוַואי, חְלָאפְּצִי, טְרֶעשְׁטְשַׁאטִי!

— סָאבַּאק נַאצְקָאוַואטִי!

— דֶערְזְשִׁי, חְלָאפְּצִי!

— הֵיי, חְלָאפְּצִי, חְלָאפְּצִי!...*)

— וָואס שְׁוַוייגְט אִיהר, קִינְדֶער! — רוּפֶען זִיךְ אָן צוּ אוּנְז אוּנ־זֶערֶע צְוֵויי קָאמַאנְדִירֶען, אוּנ מִיר שְׁטֶעלֶען אָן דִי פֵּייְלֶענְבּוֹיגֶענְס מִיט דִי רָאדְבִּיקְסְלִיךְ, אוּנ נָח זִינְגְט:

דָרַךְ כּוֹכָב מִיַעֲקֹב, —
וְוזָאשְׁלַא זְוִויעָזְדַא אִיז יַעֲקֹב,

---

*) — וָואס אִיז דָאס, הָרִיצֶע?
— אַ פְּנִים רוּתְ'לִיךְ?
— נֵיין, סְ'אִיז מַאזֶעפֶּעוְוקֶער יוּדֶעלִיךְ.
· יוּדֶען — כְּלָבִים.
· אוּנ נָאךְ מִיט שְׁטֶעקְלִיךְ, וֶועה!
— נֶעמְט, חֶבְרָה, קְלַאפְּט זֵיי!
— דִי הִינְט אָנְרֵייצֶען;
— הַאלְט, חֶבְרָה!
— עֶי, חֶבְרָה! חֶבְרָה!...

אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב —
גָעפְּאוּגַאסְיַא בַּארִין יַעֲקֹב !
און מִיר חַאפֶּען אוּנְטֶער אוֹיף אַ קוֹ׳ !
נְיֶעט נְיֶעט נִיטְשַׁאוָוא !
נֶע בָּאיִמְסַא נִיקַאוָוא,
טָאלְקָא בָּאנַא אַדְנַאוָוא!
און דִי מִלְחָמָה פוּן דִי „בְּנֵי יִשְׂרָאֵל“ מִיט דִי „פְּלִשְׁתִּים“ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען ; . . . .

. . . .

קֶענְטְ׳שְׁט מִיךְ נִיט, יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל אַייךְ דֶערְצֶעהלֶען ווִי אַזוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי מִלְחָמָה צְווִישֶׁען דִי „בְּנֵי יִשְׂרָאֵל“ און צְווִישֶׁען דִי „פְּלִשְׁתִּים“ ! פְרֶעגְט מִיךְ נִיט, וֶוער פוּן זֵיי הָאט גוֹבֵר גֶעוֶוען ? לְמַאי זָאלְט אִיהר מִיר אָנְטְהוּן יְסוּרִים ?... אִיךְ קֶען אַייךְ נוּר עֵדוּת זָאגֶען, אַז דִי „קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל“ הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט ווִי דִי לֵייבֶּען, גֶעלָאפֶּען ווִי דִי הִירְשֶׁען, און גֶעשְׁלָאגֶען זִיךְ מִיט מְסִירַת־נֶפֶשׁ ווִי דִי אֱמֶת׳ע גִבּוֹרִים, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ „טָאפִּילֶע טוּטַארִיטוּטוּ“ אִיז גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין פַייעֶר אַרַיין ווִי אַ מַזִיק און הָאט גֶעקְווִיטְשֶׁעט אוֹיף זַיין דִין קוּלִ׳בִּילוּ :

— קִינְדֶער ! טְלָאפְּט זֵיי ! הַרְגְ׳ט זֵיי ! זֵיי זָאלֶען אוּנְז דֶערְיינְטֶען !...

נָאר, אוֹי וֵועה, וָואס הָאבֶּען נֶעבַאךְ גֶעקָאנְט טְהוּן דִי „בְּנֵי יִשְׂרָאֵל“ אַז עֶס הָאבֶּען זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט דִי כְּלָבִים, דִי הִינְט פוּן דִי „פְּלִשְׁתִּים“ און הָאבֶּען אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מְהוּמָה, אַ טוּמֶעל אִין אוּנְזֶערֶע צְוֵוייא מַחֲנוֹת, און דִי „בְּנֵי יִשְׂרָאֵל“ הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען צוּרִיק מִיט בִּזְיוֹנוֹת (פְרִיהֶער פוּן אַלֶע אִיז גֶעלָאפֶען יוֹאֵלִיק דֶעם נָגִיד׳ס פַייל אוֹיס בּוֹיגֶען !) נִישְׁט אַזוֹי פַאר דִי „פְּלִשְׁתִּים“, ווִי פַאר זֵייעֶרֶע הִינְט, וָואס הָאבֶּען אוּנְז נָאכְגֶעיָאגְט בִּיזְ׳ן שְׁטָאדְט אַרַיין... אוֹי וֶועה, פוּן אוּנְזֶערֶע צְוֵויי מַחֲנוֹת אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין מַחֲנֶה ! מִיר הָאבֶּען שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט גֶעזוּנְגֶען קֵיין „אַל תִּירָא עַבְדִּי־יַעֲקֹב, גֶע פָּאוּגַאסְיַא בַּארִין־יַעֲקֹב“... נֵיין ! מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶעזוּנְגֶען אֵיין אַנְדֶער לִיעדֶעל ; מִיר הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען :

— גְוַואלְד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! הוֹשִׁיעָנָא ! !... שְׁמַע יִשְׂרָאֵל !!!...

ו.

„געקומען אהיים זענען מיר שוין שפּעטליך, אַרום מנחה צייט, און האָבען זיך אַריינגענבט, איך און מיין ברודער מאָטיל, איינציג־ווייז, און האָבען זיך בעזעצט אין אַ ווינקעל, שטיל ווי די טייבעליך, מע זאָל חלילה ניט דערזעהן אויף אונז קיין סימנים, די צעפּליקטע קאַפּאָטקליך. בעדאַרף אָבער דער גוטער יאָהר אָנטראָגען אַ גאַסט, אונזערע אַ מומע ריזיל פון יאַמפּעלי. אַ גדולה, זי האָט זיך ניט געזעהען מיט אונז שוין באַלד אַנדערהאַלבען יאָהר.!

— יאָסיל! מאָטיל! — רופט אונז די מאַמע — די מומע ריזיל איז געקומען!

מיר רירען זיך ניט פון די ערטער.

— וואו זענט איהר ערגיץ? — שרייט די מאַמע — וואָס האָט איהר זיך בעגראָבען דאָרטען?

מיר שווייגען שטיל.!

געהט צו די מאַמע, דערזעהט אונז, און טהוט אַ פּלעסק מיט די הענד:

— אַ דונער איז מיר! אַ שלאַק איז מיר! ירחמיאל, וואו ביזט דו? קום נאָר אַהער, וועסט דו זעהען אַ שיינס!

געהט צו דער טאַטע, אַ יוד אַ קראַנקער, פון זינט איך געדענק איהם הוסט ער. בלייבט שטעהן בעטראַכט אונז ביידען פון קאָפּ ביז פיס און עס הויבט זיך אָן אַ חתונה — מיר זאָלען איהם זאָגען: וואו זענען מיר געוועזען? וואָס האָבען מיר געטהון? און מיט וועמען האָבען מיר זיך געשלאָגען? מיר שטעהען ביידע, איך און מיין ברודער מאָטיל, און קוקען אַראָב אויף דער ערד און טראַכטען זיך: „הלוואַי וואָלט זיך איצטער געעפענט אַ קבר, וואָלטען מיר פּטור געוואָרען פון אַלע צרות!"... און דער טאַטע הערט נישט אויף צו פרעגען:

— נו, זאָגט שוין: וואו זענט איהר געוועזען? וואָס האָט איהר געטהון? מיט וועמען האָט איהר זיך געשלאָגען?

און די מאַמע שטעהט ביי דער זייט און מאַטשעט איהם.

— אויך מיר א מאמע! ער זאל דאס זאגען א קרום ווארט! ביי־לייטען א מאמע לייגט אנידער און פיצקעט אן, א קינד זאל וויסען דאס אנדערע מאל! סע זאל פיהלען! סע זאל געדענקען!...

דער מאמע אבער שלאגט אונז ניט, ער שלאגט אונז קיין מאל ניט. ער נעמט אונז נור מיט ווערטער. ער הערט אונז ניט אויף צו פרעגען וואס וועט זיין פון אונז דער תכלית? ער עסט זיך אב דאס הארץ. ער פערהוסט זיך און זאגט, אז מיר זענען איהם מקצר ימים... ווייזען מיר שטילערהייט, און זאגען זאגען מיר ניט, א ווארט ניט.

— ווארט! ווארט! — זאגט צו אונז די מאמע — לאמיר יור דערלעבען מארגען אם ירצה השם, איך וועל אייך שוין צושטעלען א ביינקעלי ביים רבי'ן!...

* * *

אויף מארגען נאך ל״ג בעומר, אז מיר זענען געקומען אין חדר אריין האבען מיר שוין געטראפען די מאמע אין חדר מיט נאך עטליכ׳ע מאמעס, וואס זענען געקומען אונז צושטעלען ביינקעליך צום רבי'ן. און דער רבי, רב יודיל מלאך המות, האט זיך דווקא נישט געלאזט לאנג בעטען און האט אונז מקיים פסק געווען אלעמען פון זיין ברייטער האנד, אזוי ווי ער האט אונז צוגעזאגט, חלילה נישט דורכגעלאזט קיינעם. און אז ס'איז געקומען צו ליפא־שלום־אייזיק'ס, האט ער מיט איהם לאנג—לאנג געריינגעלט זיך, געבארעט. ליפא, א בר־מצוה יונגיל און א חתן מיט א זייגער און מיט א זילבערנע קאפערטע, האט נישט געוואלט בשום אופן זיך לייגען פאר די ווייבער — און ליפא האט אויסגעפיהרט זיינס: די ווייבער זענען זיך צוגאנגען און דער רבי האט איהם אריינגעצימבעלט אריבער פיפציג.

פון דעמאלט אן האבען מיר זיך געגעבען דאס ווארט, און אייך קינדער, זאג איך אויך אן דאס אייגענע, אז איהר זאלט קיין מאל קיין מאל נישט מלחמה האלטען מיט די „פלישתים״!...

די פּאהן.

א.

קינדער! איך וועל אײַך דערצעהלען אַ מעשׂה מיט אַ פּאָהן, ווי אַזוי איך, אײַן אָרימאַנס אַ יונגיל, האָב בעקומען אויף שׂמחת־תּורה אַ פּאָהן, ווי שוועהר זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פערלאָרען. גאָט האָט מיך געשטראָפט, איך האָב זי אויסגעקריינקט...

אַז איך בין געווען אַ קליין יונגעלע אַזוי ווי איהר, האָט מען מיך גערופען „טאַפּילי טוטאַריטוטו", דאָס הייסט „קאַפּעל קוקאַריקו". ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ערשטענס האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיג קול'כיל ווי אַ יונג האָהנעכיל, וואָס האָט נור וואָס אָנגעהויבען צו קרייהען, און צווייטענס האָב איך ניט געקאָנט אויסרעדען קיין „קוף" און קיין „כּף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו להכעיס האָט מײַן טאַטע בעדאַרפט הייסען קלמן, מײַן מאַמע גיטל־קלמנ'ס, איך קאַפּיל גיטיל־קלמנ'ס און דער רבּי גרשון־גאָרגעל דרדקי פון גאַלאַנאַיוקע.

— יונגיל! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאַפּיל דיטיל טלמנס...

העכער אַ ביסעל

— טאַפּיל דיטיל טלמנס...

— נאָך העכער:

איך שרײַ הויך, אויף אַ קול:

— טאַ־פּיל! די־טיל טל־מנ'ס!

— און בײַ וועמען לערנסט דו?

— בײַ וועמען לערען איך בײַ דרשון דאָרדעל דרדטי פון גאַ־לאַדאַניוועטע!...

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט און איך וויין.

איך ווייס נישט פון דעם וואס מע לאכט פון מיר, נאר דערפאר וואס מע שלאגט מיך. איטליכער, ווער עס האט נאט אין הארצן, דער שלאגט מיך: דער טאטע, די מאמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים. מע לערנט מיך איך זאל רעדן „ווי א מענטש"...

דער רבי האט מיר איינמאל ארייגעזעצט א „שפריינהעלציל" און האט געהייסן די תלמידים זיי זאלן מיר שפייען אין מויל אריין.

— טאמער וועט דאס זיין א רפואה... האט זיך ארייגעמישט רב זיאמע דער סטאליר, וואס איז געזעסן מיטן רבין אונטער איין דאך.

— וואס מוטשעט איהר א קינד געבאך אומזיסט אומגישט? אט לאזט מיך אויף איין מינוט, וועט איהר זעהן, אז ביי מיר וועט ער רעדן „ווי א מענטש"...

אזוי זאגט רב זיאמע דער סטאליר, רופט מיך צו, נעמט מיך פאר'ן בערדעלי און מאכט צו מיר אזוי:

קוק אויף מיר יונגעלי, און זאג מיר נאך ווארט ביי ווארט: „אין קוצין — בן קוצין — קצוצי — לקצין..."

איך קוק אויף איהם און זאג איהם נאך ווארט ביי ווארט: „את טוצין — בן טוצין — מצוצי — למצין..."

— נישט אזוי, — מאכט רב זיאמע — דו קוק מיר גלייך אין מויל אריין און זאג מיט מיר אינאיינעם „יומם השמש לא יכבה וירח בלילה..."

איך קוק איהם גלייך אין מויל אריין און זאג מיט איהם אינאיינעם: „יומם השמש לא יטמה וירח בלילה..."

— ניין, נארעלע — זאגט צו מיר דער רב זיאמע — דו זאג נים יטמה, זאג בעסער יכבה! יכבה! יכבה!

— יטמה! יטמה! יטמה!..

רב זיאמע טהוט א מאך מיט דער האנד:

— ווייסט איהר וואס איך בין דערגאנגען? ארויסגעווארפען! פרחה! איהם וועט שוין קיין טאטער אויך ניט העלפען. איין אייביגע־קאליקע!

ב.

האבען אויף שמחת־תורה א פאהן, טאקי וואס א פאהן הייסט, א פאהן מיט א שטעקיל, פון אויבען איין עפעל, אינים עפעל א ליכ־טיל — דאס האט ביי מיר דעמאלט אויסגעוויזען אזא גליק, אזא גליק, וואס איך האב גאר מורא געהאט אפילו טראכטען פון דעם. קארג גוטע זאכען איז פאראן אויף דער וועלט? למאי ס'איז פאראן א זעלכע יונגליך אין חדר וואס פערמאגען געלד אויף צו קויפען א מעסעריל, א ביימעלי, א שטעקעלי? למאי ס'איז פאראן יונגליך א זעלכע וואס עסען אלע טאג קאנפעקטען, קנאקען ניסליך; פון בייגעל און פון בלינעס שמועסט מען ניט! היינט איז פאראן א זעלכע וואס עסען ווייסע בולקע אין דער וואכען... אזא מזל!

אוי, קינדערליך, איך האב קיין ווייסע בולקע אין דער וואכען קיינמאל נישט געגעסען! איך בין געהערען געוועז אז איך האב געהאט שווארץ־ברויט צו זאט, מחמת מיר זענען געוועז נישט מאר אייך גע־דאכט ביטערע ארימע לייט. אביונים, חאטש אלע האבען ביי אונז גע־הארעוועט: דער טאטע עליו־השלום איז געוועז אונטער־שמש אינים אונטערשטען קלייזיל פון דער קצבי'שער קלויז, די מאמע עליה־שלום איז געוועז א בריה אויף באקען קארעגעס לעקיך און די שוועסטער האבען אונטער געארבייט זאקען.

איהר מעגט מיר גלויבען באמונות, איך האב נישט געוואוסט דעם טעם וואס הייסט זאט־עסען אזוי אז איך זאל טאקי באלד ניט קאנען עסען נאך אמאל.

היינט ווער שמועסט האבען ביי זיך אין קעשעני א קאפיקע, איין איינענע קאפיקע — דאס האט זיך מיר אפילו ניט געחלומט.

און שטעלט אייך פאר אז איך קאפיל קוקאריקו, ווער מיט א מאל א גביר און בעקום מיין איינענס צוויי און צוואנציג קאפיקעס!

אפשר מיינט איהר א נס — א פריץ האט פערלארען און איך האב געפונען? האט איהר דווקא נישט געטראפען. אדער טאמער רע־כענט איהר איך האב זיי גלאט אזוי ערגיץ דערטאפט, ארויסגעגנב'עט

חָלִילָה פון אַ פּושֶׁקע? נאָט זאָל אַייך היטען פון אַזאַ מַחֲשָׁבָה! איך האָב זיי, שׁװעהר איך אַייך, געדינט, כּשר פֿערדינט, פֿערהאָרעװעט מיט מיינע אייגענע... פיס.

דאָס איז געװען פּורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט איך זאָל צוטראָגען דעם שׁלח־מָנות צװישען די בַּעלי־בָּתּים פונ'ם אונטערשטען קלייזיל פון דער קַצָבִ'ישער קלויז. פריהער פלעגט צוטראָגען דעם שׁלח־מָנות איינע פון מיינע עלטערע שׁװעסטער, און איצט אַז איך בין שוין אַ ביסעל אונטערגעװאַקסען, האָט דער טאַטע געזאָגט אַז איך מעג שוין אויך זיין אַ שׁטיקעל הילף. האָב איך גענומען דאָס שׁעלעכיל מיט'ן פלעדיל, אַרומגעטראָגען דאָס פון שטוב צו שטוב צװישען אַלע בַּעלי־בָּתּים פונ'ם אונטערשטען קלייזיל פון דער קַצָבִ'ישער קלויז, געקניטען מיט די באָרװיסע פיס די קאַלטע גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשענס װאָס מע האָט מיר געשיינקט פאַר'ן װעג האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציגער מיט פיער גראָשענס.

ג.

בעקומען מיט אַמאָל אַזאַ אַיין אוצר, געה איך אַרום און טראַכט, װאָס טהוט מען מיט קיין עין־הרע אַזוי פיעל געלד?

קומען צו געהן צו מיר דער יצר־הרע מיט'ן יצר־טוב, און מוטשען מיך. דער יצר־הרע זאָגט:

— װאָס װעסט דו זיך האַלטען מיט די גראָשענס, נאַר אַיינער? קויף דיר עפּיס; קויף מאָהנדליך, פאַראַן זיסע ביי פּיראָגדימטשקין אויפ'ן שטעלעכיל; קויף פלעדליך גוטע מיט האָניגפּאַרפיל, אָדער חאַמיש איין עפּעל אַ געפּרוירענעם, װעסט דו זיך מְחַיֶה זיין.

— גאַכגעבען די קישקע? — זאָג איך — װעל איך אויפעסען אין איין טאָג דאָס גאַנצע געלד. איך װיל ניט!

— גער..ט — זאָגט דער יצר־טוב — אַ סך גלייכער שוין פֿער־לייהען דער מ..מען די עטליכע קאָפּיקעס! איהר װעט דאָס צוניטץ קומען.

אַ חָכָם! -- זָאג אִיךְ — סְ'זָאל זַיין פֶערְפַאלֶען? וואו וֶועט זִי נֶעמֶען אוֹיף אָבְּצוּגֶעבֶּען?

— זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ נֶעבַּאךְ — זָאגְט דֶער יֵצֶר־טוֹב — אוּן צָאהלְט פַאר דִיר שְׂכַר לִמוּד...

— וָואס גֶעהֶער זִיךְ אָן מִיט דִיר שְׂכַר לִמוּד? — זָאגְט דֶער יֵצֶר־הָרָע — קוֹיף דִיר בֶּעסֶער אַ פַּייפֶעלִי פוּן וַוייסֶע לֶעהם מִיט רוֹיטֶע פִּינְטֶע־לִיךְ, אַ מֶעסֶערִיל אַ שַׁארְפְס מִיט צְוֶויי קְלִינְגְלִיךְ אוּן מִיט אַ מֶעשֶׁענֶעם קַאסְטֶען, אָדֶער נָאר אַ בַּייטֶעלִי מִיט אַ גוּט שְׁלֶעסִיל.

— וָואס וֶועסְט דוּ הַאלְטֶען אִינְ'ם בַּייטֶעלִי? — זָאגְט דֶער יֵצֶר־טוֹב — דֶעם דַלוּת?

— קְנֶעפְּלִיךְ — זָאגְט דֶער יֵצֶר־הָרָע. — וֶועסְט אָנְשְׁטוּפֶּען אַ פוּל בַּייטֶעלִי מִיט קְנֶעפְּלִיךְ, וֶועט מֶען מֵיינֶען אַז סְ'אִיז גֶעלְד, וֶועלֶען דִיר אַלֶע יוּנְגְלִיךְ מְקַנֵא זַיין...

— וָואס וֶועט דִיר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם? — זָאגְט דֶער יֵצֶר־טוֹב — אֶט פָאלְג מִיךְ צֶעטְהֵייל גָאר דָאס גֶעלְד פַאר אָרִימֶע לַייט, מַהוּ צְדָקָה, וֶועסְט פֶערְדִינֶען אַ מִצְוָה, אָרִימֶע לַייט נֶעבַּאךְ גֵעהֶען אוּיס פוּן הוּנְגֶער.

— אָרִימֶע לַייט? — זָאגְט צוּ מִיר דֶער יֵצֶר־הָרָע — בִּיזְט אַלֵיין אַיין אָרִימַאנְס אַ יוּנְגִיל. בִּיזְט אַלֵיין תָּמִיד הוּנְגֶעריג. אִיטְלִיכֶער אִיז אַ וַתְּרָן אוֹיף יֶענֶעם. פַאר וָואס הָאט דִיר קֵיינֶער נִיט גֶעגֶעבֶּען אַז דוּ הָאסְט נִיט גֶעהַאט, נִישְׁט הַיינְט גֶעדַאכְט?..

ד.

שִׁיעֶר שִׁיעֶר הָאט מִיךְ דֶער יֵצֶר־הָרָע אֵיינְמָאל נִיט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט.

אִין חֶדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבֵר — יוֹאֶלִיק אַ נָגִידְס אַ יוּנְגִיל. עֶר פְלֶעגְט הָאבֶּען תָּמִיד פוּלֶע קֶעשֶׁענִים מִיט גוּטֶע זַאכֶען; נָאר יֶענֶעם גֶעבֶּען הָאט עֶר פַיינְט גֶעהַאט; מֶע זָאל זִיךְ אוֹיסְצִיהֶען פַאר אִיהם — נִישְׁט אַ שְׁמֶעק! פְּלוּצִים הָאט זִיךְ יוֹאֶלִיק עֶפִּים אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ מִיר שְׁטַארְק צוּשַׁארֶען, צוּשְׁמֵייכְלֶען, גֶעוָוארֶען מִיט מִיר חַבֵר, — דִי נְשָׁמָה!

דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר — ביזט אַ וואויל יונגיל, ווי איך בין אַ יוד. איך האָב דיך ליעב נור דערפאַר וואָס דו האָסט פיינט בעטלען אַזוי ווי אַנדערע: „גיב מיר אַ שטיקעלע! גיב מיר אַ פּיצעלע!“ אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... אַ שטיקיל קאָנפעקט ווילסט דו?

— אַ שטיקעל טאָנפּעט? — זאָג איך — פאַר וואָס ניט?

— נו — זאָגט ער — און ניסליך אַ צוויי וואָלסט דו געקנאַקט?

— ניסליך? — זאָג איך — פאַר וואָס ניט? איך זאָל האָבען וואָלט איך דערשנאַטט.

יואליק לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע. איך מיין אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבען מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקיל און ניס־ליך דריי... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בייטען. וועסט זיך בייטען?

— בייטען? — זאָג איך — מיט וואָס וועלען מיר זיך בייטען?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבען דאָס מעסעריל מיינס. דו ווייסט דאָך מיין וויים מעסעריל? איין אמת׳דיגס, אַ זאַוויאַלאָוום!

אַ חדוש אַ ביסעל אויב איך וויים יואליקס מעסעריל! ווער ווייסט ניט יואליק׳ס מעסעריל? וויפיעל מאָל האָב איך איהם דערויף מקנא געווען! וויפיעל מאָל האָב איך דאָס געזעהן אין חלום!...

— נו און איך? — זאָג איך — וואָס זאָל איך דיר געבען דערפאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבען דיין זילבערנעם פערציגער.

— נעם! — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע — נעם, ס׳איז איין אַנטיק פון אַ מעסעריל. אַלע יונגליך וועלען דיר מקנא זיין...

איך וויל אַרויסגעבען געלד; נאָר באַלד פערחאַפּ איך מיך.

— אַ חכם אַ יוד! זאָג איך — פאַר אַ פערציגער מען מען שוין קויפען אַ נייע מעסעריל.

— אָט אַזאַ מְעסֶערִיל? — זָאגְט יוֹאֶלִיק — פּוּרִים נאָכ'ן קאָלֶ־
מְען קוּגֶעל!... שַׁא, ווייסְט דוּ גאָר וואָס? איך גֶעבּ דִיר צוּ אַ הַאלְבּ
טַיץ קְנֶעפֶּלִיך בּײגֶערְנֶע.
— פַּאר דֶעלְט — זָאג אִיך — טֶען מֶען טוּיֶפען צֶעהְנְטוּיזֶענְד־
טַיץ טְנֶעפֶּלִיך.
— נוּ זָאגְט עֶר — אוּנ קָאנְפֶּעקְטֶען אוּנ נִיסְלִיך אִיז קֵיין גֶעלְד
נִיט? אִיך זָאג דִיר צוּ אַלֶעמָאל וֶוען דוּ וֶועסְט בֶּעטֶען גֶעבּ אִיך דִיר,
וִוי אִיך בִּין אַ יוּד. אָט הָאבּ אִיך אַ צְווִיָאק אַיין אַיזֶערְנֶעם זֶעהְסְט דוּ?
— שֶׁענְק אִיך דִיר אַוֶועק דֶעם צְווִיָאק אוּמְזִיסְט. דוּ זֶעהְסְט וָואסֶער אַ
צְווִיָאק?
— וָואס דַארְף אִיך — זָאג אִיך — צְווִיעְכֶּעס?
— עֶר וֶועט דִיר — זָאגְט עֶר — צוּנִיטְץ קוּמֶען, נַארֶעלִי. קֶענְסְט
אִיהם פֶּערְשְׁלָאגֶען וואו דוּ ווילְסְט. קֶענְסְט מִיט אִיהם אוּיסְגְרָאבֶּען
אַ גְרִיבֶּעל.
וָואס דַארְף אִיך — זָאג אִיך — דְרָאבֶּען דְרִיבְּלִיך?
— אִיך וֶועל דִיך — זָאגְט עֶר — לָאזֶען דַאוְונֶען אִין מַיין
סִדוּרִיל.
— וָואס דַארְף אִיך — זָאג אִיך דַאוְונֶען אִין פְּרֶעמְדֶע סִדוּרִים?
— אִיך וֶועל דִיר גֶעבֶּען — זָאגְט עֶר — אָנְמֶעסְטֶען מַיין שַׁבָּת־
דִיגֶע קַאשְׁקֶעטִיל.
— וָואס דַארְף אִיך — זָאג אִיך — מֶעסְטֶען פְּרֶעמְדֶע טַאשְׁטֶע־
טֶען?
— ווילְסְט דוּ נִיט? נַא־זְשֶׁע דִיר! — מַאכְט יוֹאֶלִיק אוּנ דֶערְ־
לַאנְגְט מִיר אַ בּוּכֶענְצִי אִין זַייט אַרַיין — גֶעפֶעלְט אַייך אַ בִּיסֶעל אַ
קַבְּצָנְיוּק, אִיך גֶעבּ אִיהם אַזוֹי פִיל זַאכֶען: אַ מֶעסֶערִיל אוּנ קְנֶעפֶּלִיך
אוּנ קָאנְפֶּעקְטֶען אוּנ נִיסְלִיך אוּנ אַ צְווִיָאק אוּנ אַ סִדוּרִ'ל אוּנ אַ הִיטֶעלִי
אָנְמֶעסְטֶען — וִויל עֶר נָאך נִיט! אַ קַבְּצָנִ'ישֶׁע קִישְׁקֶע — ווִיפִיעל מֶע
לֵייגְט אִין אִיהר אַרַיין אִיז ווינְצִיג! עֶר מַיינְט אַז עֶר הָאט אַ זִילְבֶּערְנֶעם
פֶּערְצִינֶער אִיז עֶר שׁוֹין אַ גַאנְצֶער יַא טוּבִּי דַאם! וַוארְט אוּיס, טָאפִּילִי

מיטאַריטוטו, ווערסט אַמאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויספּאַלען באַקאַם!... נחמיה, נאַ, איך שענק דיר אַוועק דעם צוויאַק!...

יואַליק שענקט אַוועק דעם צוויאַק נחמיה (אַיין אָרים יונגיל וואָס הינקט אויף אַ פיסיל), און מיט מיר ווערט ער אוים חבר.

ה.

ווייסט איהר דאָך פרעגען: אויף וואָס פּאַרט האָב איך געהאַלטען דאָס געלד?

ערשטענס אויף ל"ג בעומר צו דער סעודה. ל"ג בעומר צו דער סעודה פלעגען אַלע קינדער ברענגען עפּיס אין חדר אַריין: ווער מזומן געלד, ווער אַיין עסענוואַרג און ווער אַ נאַשערייַ. נאָר איך אַיינער פלעג קומען מיט מיין שטענדיגען אָנבייסען — אַ שטיקיל ברויט מיט קנאָבעל. עס פלעגט מיר פלאַמען דאָס פּנים; און חאָטש אין קאָהן האָט מען מיך אַריינגענומען גלייך מיט אַלע יונגליך, נאָר געפיהלט האָב איך אַז ס'איז מצד רחמנות — און ס'איז מיר ניט איינגעגאַנגען די שמחה... אַצונד, האָב איך מיר געטראַכט, הער איך אַיך אַלע מיט'ן קאָמער, איך בין ברוך־השם, אַזאַ פאַרשוין וואָס איך גיה מיט מזומנים. ווי באַלד אַזאַ נגיד'ס אַ יונגיל ווי יואַליק גיט צעשאַייער אַ פּערמעלי, מעג איך געבען אַ קאָפּיקע, וואָרום וואָס בין איך אַקעגען איהם? אַ גאָרנישט! ווי איז אָבער דער דין אַז איך געב אַ פּיטאַקיל בין איך יוצא? נו געב איך מאַקי אַ גריווינקע און ווייסט ווער איז קאַפּיל קוקאַריקו!...

און איך האָב אַריינגעבראַקט אין דער קאַראַבקע אויף ל"ג בעומר צעהן קאָפּיקעס דאָס איבריגע געלאַזט אויף שפּעטער.

שפּעטער, זומערלעבען, ס'איז אויפגעקומען גרינוואַרג, עס האָבען זיך בעוויזען פרישע אויבסטען בייַ פּיראָגדימשקין אין די מילכער־ליך איז געקומען ווידער אַמאָל דער יצר־הרע.

— זעהסט — זאָגט ער — גרינע אַגריסען? זעהסט וואַסערע רויטע ווייַמפּערליך?

— פון גרינע פירות — זאג איך — ווערען נור הייליג די ציהן.
מאך „שהחיינו" — זאגט צו מיר דער יצר־טוב — שהחיינו איז א מצוה...

— שהחיינו — זאג איך — וועל איך נאך צייט האבען צו מאכען; דער זומער איז נאך גרוים. עס וועט נאך געהן א סדרה פון ווייגשעל און פון פלאמען, פון עפעל און פון בארען, פון דיניעס און פון קאווענעס... איך וועל בעסער איבערלאזען דאס געלד אם־ירצה־השם אויף סכות — זיך קויפען א פאהן.

און ס'איז געבליבען איך זאל איבערלאזען דאס געלד אם־ירצה־השם אויף סכות — זיך קויפען א פאהן.

ו.

נאט האט געהאלפען, דער סכות איז געקומען און איך האב מיר געקויפט א פאהן, א גרויסע, א געלע, א "צווייזייטענדיגע".

פון איין זייט זענען געווען אויסגעמאלט צוויי חיות, וואס האבען געהאט א פנים פון קעץ, נאר באמת זענען זיי געווען לייבען מיט אפענע מיילער און מיט לאנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זענען געווען ארויפגעטהון פייפליך, א פנים שופרות, מחמת ס'איז געשטאנען אנגעצייכענט מיט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטען אונטער די לייבען איז געשטאנען אויפגעשריבען פון דער רעכטער האנד: דגל מחנה יהודה. פון דער לינקער האנד: דגל מחנה אפרים.

דאס האט איהר ערשט איין זייט פאהן. אויף דער אנדערער זייט איז געווען נאך שענער. דארט זענען געשטאנען אויסגעמאלט די פארטרעטען פון משה מיט אהרנ'ן, פינקטליך, ווי לעבעדיגע. משה מיט א גרויסען דאשעק אויפ'ן שטערען, און אהרן גאלדענער רייף אויף דער געלער פאטלע. אין מיטען, צווישען משה מיט אהרנ'ן, א גאנצע חאליאסטרע יודליך, געפאקט איינס אויף דאס אידערע, מיט תורה'ליך אין די הענד. אלע האבען זיי איין פנים; גליך

װי אײן מאַמע האָט זײ געהאַט; אַלע מיט לאַנגע אַלץ אײנע קאַפּאָטקעליך, אַלע מיט שיך און זעקליך און אַלע מיט גאַרטעליך אַבּיסל נידעריגער פון דער דיך... די יודיליך הױבּען פיס און זינגען: שישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה.

בעקומען אַ פאָהן בעדאַרף מען קריגען אַ שטעקיל צו דער פאָהן.

דאָ מוז מען שױן אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָליר, טאַקי דער אײגענער רב זיאַמע, װאָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אױסלערנען רעדען „װי אַ מענש".

— װאָס װעסט דו עפּיס זאָגען „טאַפּילי טוטאַריטוטו"?

— אַ שטעטיל צו דער פאָהן...

— װאָס הײסט — זאָגט ער אַ שטעטיל?

— אַ שטעטיל — זאָג איך — פון אַ שטיטיל האָלץ, מע זאָל טאָגען טראָגען די פאָהן.

רב זיאַמע טרײבּט מיט מיר אַזױ לאַנג קאַטאָװעס ביז איך צעװײן מיך. דעמאָלט װערט ער װײך, װאַרפט אַװעק אַלע אַרבּײט, נעמט אַ שטיקיל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיג.

אַצונד פעהלט מיר נור אײן עפּעל מיט אַ לעכטיל, געװײנטליך פון װאַקס ניט פון חלב, װאָרום חלב אַז װעט אַרױסקאַפּען אױפ'ן עפּעל איז פערפאַלען דער עפּעל, מע װעט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען... אָבער װאַקס מאַכט ניט אױס, װאַקס איז כּשר...

נו, און װאַקס איז דאָך בּײ מיר פאַראַן מעהר װי בּײ אַלע יונגליך. אַדרבּה, אַ יונגיל אַז ער בעדאַרף אַ שטיקיל װאַקס צו װעמען קומט ער אָן? צו מיר! װאָרום מײן מאַמע איז דאָך אונטער־שמש אין אונטערשטען קלײזיל פון דער קצב'ישער קלױז, איז װאָס עס בּלײבּט נאָך יום־כּפּור פון די לעכט געהער צו איהם — דאָס איז זײן הכנסה. ער שמעלצט דערפון „שמשים" צו די חנוכּה־לעכטליך, הבדלות און סטאַמשיקעס, און װאָס עס פאַלט אַראָב פון די הבדלות מיט די סטאַמשיקעס געהער צו מיר — דאָס איז מײן הכנסה.

הקיצור איך האָב אַלעדינג װאָס מע בעדאַרף!

ז.

אַרײַנגעזעצט די פָאהן אינ׳ם שטעקיל, אויפגעפּאַסט אויפ׳ן שפּיץ אַ רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פון אויבען דאָס וואַקסען לעכטיל, לאָז איך מיך שמיני עצרת אויף דער נאַכט אין שול אַרײַן צו די הקפות לעבעדיג פרעהליך, ווי אַ גליקליכער פּרינץ, ווי אַ בן מלך, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלײַך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבען אויף דער מזרח-באַנק מיט אַלע בעלי-בתי׳שע קינדער. די לעכט ברענען. מײַן פאָהן איז שענער פון אַלע פאָהנען. מײַן עפּעל איז רויטער פון אַלע עפּעל. מײַן לעכטיל איז גרעסער פון אַלע לעכטליך. אין שול איז אײַן אײַנגעשאַפּט, אַ היטץ מיט סכנות נפשות, ווײַבליך און מײדליך אַ סך זענען געקומען קושען די תורה. אָט געהט רב מלך דער חזן מיט׳ן צולאָזטען טלית אויף צופריהער, ווי אַ געגעראַלפעלדמאַר־שאַל. נאָך איהם — די בעלי-בתים. רב מלך ציקעלט זיך און זינגט אויף זײַן בלעכענער שטימע: „עוֹ—זר ד — — — לים הושיעה נא!“ די ווײַבליך מיט די מײדליך שפּרינגען אין פּנים אַרײַן, קושען די תורות און שרײַען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָהר! דער־לעבט איבער אַ יאָהר!“ — גם אתם! גם אתם!

נאָר אײדער מע קומט צו צום אונטערשטען קלײַזיל פון דער קצבישער קלויז, דאָרט וואו איך דאַווען, מוז מען דורכגעהן פאַרבײַ עטליכע שולען און בתי מדרשים: די קאַלטע שול, די ליטווישע שול, דאָס שנײַדערשע שולכען, דאָס גרויסע בית מדרש, דאָס קלײנע בית מדרש, דאָס אַלטע בית מדרש, די ערשטע קלויז, די חסיד׳ישע קלויז, די מתנגד׳ישע קלויז, די נײַע קלויז, דאָס געלע קלײַזיל — ביז מע קומט צו דער קצבי׳שע קלויז און פון דאָרטען שוין לאָזט מען זיך אַראָב אין אונטערשטען קלײַזיל.

אָט, אָ די אַלע שולען און בתי מדרשים, וואָס איך האָב אײַך דאָ אויסגערעכענט, זענען חלילה נישט צעוואָרפען דער אין ליסי יע־נער אין סטריטי ווי בײַ אײַך אין יעהופּיץ. בײַ אונז אין מאַזעפּעווקא

אִיז אַ חִיוּת. בַּיי אוּנְז גֶעפִינֶען זַיי זִיךְ אַלֶע אוֹיף אֵיין גַאס, אוֹיף אֵיין שְׁטִיקִיל עֶרְד, כִּמְעַט אִין אֵיין הוֹיף, — אוּנ דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען דֶער „שׁוּלְהוֹיף".

אוּנְזֶער שׁוּלְהוֹיף אִיז אִינְגַאנְצֶען כִּמְעַט אֵיין שׁוּל. זוּמֶער אַ. דִי פֶענְסְטֶער זֶענֶען אָפֶען אוּנ אִיהר גֶעהט פַארְבַּיי בְּשַׁעַת מֶע דַאוֶוענְט וֵוייסְט אִיהר גִיט וָואס אִיהר זָאלְט טְהוּן: צִי אִיהר זָאלְט בְּלַייבֶּען שְׁטֵעהְן אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען קְדוּשָׁה, צִי אִיהר זָאלְט זִיךְ אָנְבּוֹיגֶען הַאפֶען אַ בָּרְכוּ, צִי אִיהר זָאלְט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא. בְּשַׁעַת פוּן אֵיין זַייט הֶערְט זִיךְ אַ גֶעזַאנְג „אָז יָשִׁיר משֶׁה" שְׁרַייט עֶמִיצֶער פוּן דֶער זַייט אֶ—הָ—דָ—דָ—דָ—ד! פַאלְט אֵיינֶער אַרַיין פְּלוּצִים מִיט אַ נִגוּן פוּן דֶער גְמָרָא: מִכְּלָל שֶׁהוּא צָרִיךְ לִפְרָט וּמִפְּרָט שֶׁהוּא צָרִיךְ לִכְלָל, שְׁלָאגְט אִיהם אִי־בֶּער נָאךְ אֵיינֶער מִיט אַ נַייעֶם נִגוּן: יִתְגַדַל וְיִתְקַדֵשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא. קוּמְט צוּ גֵעהְן אַ דְרִיטֶער אוּנ לָאזְט אוֹיס גָאר מִיט אֵיין אַנְדֶער טָאן: הַלְלוּיָהּ! הַלְלוּיָה!...

אוּנְזֶער שׁוּלְהוֹיף הָאט צְוֵויי גֶעשְׁטַאלְטֶען: אִין דֶער וָואכֶען אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ, שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב — ווִידֶער אַנְדֶערְשׁ. אִין דֶער וָואכֶען אִיז עֶר אַ מַארְק פוּן יוּדִישֶׁע סְפָרִים, טַלִיתִים, צִיצִית אוּנ מְזוּזוֹת, פוֹילֶע עֶפֶעל, קְבָרוֹת בַּארְלִיךְ, סֶעמֶעטְשְׁקֶעס אוּנ בֶּעבְּלִיךְ, מָאהִינְדְלִיךְ, בֵּייגֶע־לִיךְ אוּנ צוּקֶערְלֶעקִיךְ. צִיגֶען צֶעלֵייגֶען זִיךְ וִוי בַּיים טַאטֶען אִין וַויינְ־גָארְטֶען אוּנ זֶענֶען מַעְלָה גֵרָה, שָׁאקְלֶען בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה מִיט דִי בֶּערְדְלִיךְ. קוּמְט אָבֶער שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב — אוֹיס מַארְק, אוֹיס מִסְחָר, אוֹיס צִיגֶען. יִדֶען זָאלֶען גֶעזוּנְד זַיין קְלוֹיבֶּען זִיךְ צֶענוֹיף רֶעדְלִיךְ־וַוייז, מֶע רֶעדְט אוּנ מֶע גְרַייגֶערְט. מֶע דֶערְצֵעהלְט נַייעֶס פוּן דֶער גַאנְצֶער וָואךְ, פוּנִים גַאנְצֶען יָאהר אוּנ פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. אוֹיךְ קִינְדֶער, חֶדֶר־יוּנְגְלִיךְ, זֶענֶען דָא; חֶדֶר יוּנְגְלִיךְ פוּן אַלֶע חֲדָרִים לוֹיפֶען, שְׁפְּרִינְגֶען, שְׁוֶועבֶּען אַהִין אוּנ אַהֶער וִוי דִי פִישׁ אִין וַואסֶער; גָאט הָאט זַיי גֶעשֶׁענְקְט אַ מַתָּנָה — זַיי זֶענֶען פְרַיי! מֶע בֶּעטְרַאכְט זִיךְ אֵיינֶס אוֹיף דָאס אַנְדֶערֶע דִי נַייעֶ קַאפָּאטְקִילִיךְ וֶועמֶענְס אִיז לֵיינְגֶער, דִי יוֹם־טוֹב'דִיגֶע קַאשְׁ־קֶעטְלִיךְ וֶועמֶענְס קָאפּ אִיז גְרֶעסֶער אוּנ מֶע מֶעסְט אוֹיף דִי פִינְגֶער

וועמענס פאה איז קירצער. דערביי האפט מען געוויינליך ווער א פליק און ווער א שטורך און ווער א קלאפ — ס׳איז פרעהליך.

נאר פרעהליכער ווי אלע מאל איז סכות, שמיני עצרת אויף דער נאכט פאר די הקפות, בשעת אלע יונגלעך פון אלע חדרים קומען זיך צענויף אהער מיט די פאהנען. דא מאשטירעוועט מען זיי אויס אויף כתות,ג רויסע יונגלעך באזונדער און קליינע יונגליך באזונדער. דא בעטראכט מען איינס ביים אנדערען די פאהנען, וועמענס שטעקיל איז גרעסער, וועמענס עפיל איז רויטער, וועמענס לעכטיל איז פון חלב און וועמענס פון וואכס. דערביי פאלען געווג ווערטליך, חכמות און געלעכטערען. איינער טהוט אב דעם אנדערען א שפיצעל: ער פערלעשט איהם דאס לעכטיל, אדער ער פערגנב׳ט זיך און בייסט איהם אב דאס עפעל, בעקומט ער אין טאטענס טאטען מיט א פאטש אויף פערבייסען — ביז מע צעגעהט זיך איטליכער אין זיין שול אריין.

ח.

— מזל טוב! מאפילי טוטאריטוטו האט א פאהן! שלום עליכם א גוט ע׳ יוד, א האלבען פנים אבגעבריהט...

מיט אזא ברייטען ברוך הבא האבען מיך חברה קונדייסים בעגעגנט, אז איך בין געקומען אויס׳ן שולהויף מיט מיין פאהן.

— איך בעטראכט אלע פאהנען און וואדף א קוק אויף מיין פאהן — ווער? וואס? וועמען? ווי קומען זייערע פאהנען צו מיין פאהן?

ערשטענס די פאהן אליין. ביי קיינעם שטעהט זי ניט אזוי גלייך אריינגעזעצט אין שטעקיל אז מע זאל ארויסזעהן ביידע זייטען. ביי קיינעם איז ניטא אזא גלייך, קיילעכיג, געטאקט שטעקיל. ביי קיינעם איז ניטא אזא רויטער גלאטער עפעל. ביי קיינעם איז ניטא אזא שיין געראטען לעכטיל, ווארום ווער פערטאגט אזוי פיעל וואכס ווי איך? ווער האט געחאפט אזוי פיעל פעטש מיט סטוסאקעס ווי איך בשעת דער טאטע האט מיך געדאפט אין פאלעש אונטער דער באנק קלויבען

די שטיקליך וואַכס פון די צעשמאַלצענע יום-כפור'דיגע שטיקליך לעכט?... איך מאַך אַ פערגלייך צווישען מיין פאָהן און צווישען די אַלע איבריגע פאָהנען — און מיין האַרץ ווערט פול מיט גדלות. עס מאָלט זיך מיר אויס אַז איך וואַכס און וואַכס העכער און העכער, לייַנגער און ברייטער. די פיס טראָגען מיך. עס גליסט זיך מיר לאַכען, שרייען, קוויטשען, חאַפּען אַ טענציל...

— אַנו ווייז נור! — רופט זיך אָן צו מיר יאָעל'יק דעם נגיד'ס און בלייבט שטעהן פערגאַפט.

ער בעקוקט מיין פאָהן, איך בעקוק זיין פאָהן, „אויך מיר אַ פאָהן! טראַכט איך מיר — אויך מיר אַ שטעקיל! אויסגעבויגען, גלייך ווי אַ קאַטשערע!" איך זעה אַז ער איז אַ געקאַכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט ווּיסענדיג און קוק כלומר'שט אָן אַ זייט.

— קאַפּיל! — מאַכט ער צו מיר — וואו האָסט דו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלי?

— האַ? — זאָג איך און דרעה מיך אויס צו איהם מיט'ן פנים.

— וואו האָסט דו דערטאַפּט — זאָגט ער נאָך אַמאָל — אַזאַ משאָקענדיג שטעקעלי?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו איהם — ווילסט זיך אפשר בייטען אויף דיין צוויאַק?...

יאָעל'יק פערשטעהט דעם שטאָך. ער טהוט אַ גלאַנץ מיט די אייגליך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט אַריין די האַנד אין קעשעני און טריט אָב. איך קוק איהם נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונד. איך זעה ווי ער רופט אָב נחמיה'ן מיט'ן קרומען פּיסיל אויף אַ זייט און סוד'עט זיך מיט איהם און ווינקט אויף מיר מיט די אויגען. איך זעה גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט ווּיסענדיג. אין אַ מינוט אַרום געהט צו צו מיר נחמיה מיט'ן קרומען פּיסיל, האַלט יאָעל'יקס פאָהן מיט'ן קרומען שטעקיל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדען דאָס לעכטיל, מיינס האָט זיך פערלאָשען.

— ס'איז דען דיין פאָהן? — זאָג איך צו איהם און בייג איהם

אָן מַיין פָּאהן מִיטְ'ן לֶעכְטִיל — אִיךְ וַויים דָאךְ וָועמֶעס פָּאהן דָאס אִיז...

אוּנ אֵיידֶער אִיךְ קוּק מִיךְ אַרוּם טְרָאגְט צוּ נְחֶמְיָה זַיין אָנְגֶעצוּנְדֶעֶן לֶעכְטִיל צוּ מַיין פָּאהן אוּנ מַאכְט בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ. מַיין פָּאהן צִינְדְט זִיךְ אָן, מְהוּט אַ פְּלַאקֶער, פְּ—פְּ—פוּ, — אוּיס פָּאהן!

. . . .

וָוען עֶס פַאלְט אַרָאבּ פוּנ'ם הִימֶעל אַ שְׁטֵיין גְלַייךְ מִיר אִין קָאפּ אַרַיין; וָוען אַ וִוילְדֶע חַיָה פַאלְט אָן אוֹיף מִיר אוּנ ווִיל מִיךְ פֶערְ־צִיקֶען, אָדֶער וָוען עֶס קוּמְט מִיר אַקֶעגֶען אַ מֵת אוּם הַאלְבֶּע נַאכְט אִין וַוייסֶע תַּכְרִיכִים אוּנ ווִיל מִיךְ וַוארְגֶען, וָואלְט מַיין שְׁרֶעק נִישְׁט בֶּע־דַארְפְט זַיין אַזוֹי גְרוֹיס, וִוי בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהן מַיין נַאקֶעטֶען שְׁטֶעקֶען מִיט דֶער אָפְּגֶעבְּרֶענְטֶער פָּאהן. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעֶרִיסֶען בַּיי מִיר פוּנ'ם הַארְצֶען אַ גֶעשְׁרֵיי:

— אוֹי וֵועה, מַיין פָּאהן! מַיין פָּאהן! מַיין פָּאהן!..

עֶס הָאבֶּען זִיךְ אַ גָאס גֶעטְהוּן טְרֶעהְרֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען. דִי גַאנְצֶע וָועלְט אִיז פַאר מִיר גֶעוָוארֶען פִינְסְטֶער. דָאס שְׁטֶעקִיל מִיטְ'ן עֶפֶּעל מִיטְ'ן לֶעכְטִיל זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפַאלֶען פוּן מַיינֶע הֶענְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעלָאזְט גֵעהן אִיךְ וַויים אַלֵיין נִיט וואוּהִין. אִיךְ גֵעה אוּנ גִים אוּנ גִים מִיט הַייסֶע בִּיטֶערֶע טְרֶעהְרֶען. אִיךְ בְּרֶעךְ דִי הֶענְט אוּנ בֶּעוֵויין מַיין פָּאהן וִוי שׁוֹין בֶּעוֵויינְט אַ טוֹיטֶען, אוּנ אִיךְ קוּם צוּגֵעהן אַהֵיים אֵיינֶער אַלֵיין, אָהן אַ פָּאהן, אוּנ אִיךְ פֶערְקְלוֹיבּ מִיךְ אִין אַ ווִינְקֶעלִי אוּנ דָאס אִין דֶער פִינְסְטֶער זִיץ אִיךְ דֶעם קָאפּ אַרָאבּ צְוִוישֶׁען דִי קְנִיהֶען אוּנ ווַיין שְׁטִילֶערְהֵייט, קֵיינֶער זָאל נִיט זֶעהן, קֵיינֶער זָאל נִיט הֶערֶען, אוּנ אִיךְ פְרֶעג בַּיי גָאט אַ קַשְׁיָה:

— גָיוַואלְד, גְוַואלְד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר? פַאר וָואס אוּנ פַאר וָוען?!...

. . . .

דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

איהר ווייסט, קינדער, אַלע מעשׂיות האָבען אַ סוף און לאָזען זיך אויס אָדער פֿרעהליך אָדער טרויעריג.

יודישע מעשׂיות לאָזען זיך אויס צום מיינסטען טרויעריג. פֿאַראַן בּיי אונז אַ ווערטיל, אַז אַ יוד, וּבִפְרַט אַיין אָרימאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבּען. ס'איז אַ סך וועגען דעם צו רעדען; אַז איהר וועט אונטער־וואַקסען וועט איהר געוואהר ווערען... דערווייל בּעדאַרף איך אייך זאָגען, אַז די מעשׂה מיט מיין פּאָהן האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט דערמיט וואָס איך האָבּ אייך דאָ דערצעהלט. איך האָבּ נאָך גוט, גוט צוגעקריינקט, געליגען אין אַ העליש פֿייער, געזעהן פֿאַר זיך משונה מאָדנע זאַכען, שלאַנגען און עקדישען מיט פֿייערינע צונגען און ווילדע חיות אינים געשטאַלט פֿון מענשען... איך האָבּ געהערט משונה מאָדנע קולות פֿון קעץ און פֿון פּיפּערנאָטערס; איך האָבּ זיך געוואָרפֿען, געערעדט פֿון היץ, געווען פֿאַרבּיי. מע האָט נישט געהאַלטען פֿון מיין לעבּען; אין אונטערשטען קליינזיל פֿון דער קצבישער קלויז האָט מען שוין אפֿילו אָבּגעזאָגט תהלים אויך; איך בּין געווען העכער האַלבּ אויף יענער וועלט...

נאָר אַזוי ווי ס'איז היינט ערב יום־טוב, און יום־טוב, בּפֿרט שׂמחת תּורה בּעדאַרף מען זיין פֿרעהליך, וויל איך אויסלאָזען די מעשׂה מיט מיין פּאָהן אויך פֿרעהליך.

ערשטענס זעהט איהר אַז איך בּין מיט גאָטס הילף ניט געשטאָרבּען.

צווייטענס זייט וויסען, אַז אויפֿ'ן אַנדערען יאָהר האָבּ איך געהאַט אַ פּאָהן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענער שטעקיל, מיט אַ שעגערען עפּעל, און בּין דווקא געווען אין שול גאַנץ אויבּען אָן אויף דער מזרח בּאַנק מיט אַלע בּעלי־בּתּישע קינדער. די לעכט האָבּען געבּרענט. מיין פּאָהן האָט געשײַנט. יודען זענען געגאַנגען מיט די הקפות. רבּ מלך דער חזן מיט'ן צולאָזטען טלית איז געגאַנגען אויף צו פֿריהער ווי אַ גענעראַלפֿעלדמאַרשאַל. ער האָט זיך געציקעלט און

געזונגען אויף זיין בלעכנע שטימע: „עו—זר ד—ד—ד—לים הושיעה נא! ווייבליך און מיידליך אהן א שיעור האבען געקושט די תורות, גע־שפרונגען אין פנים אריין און געשריגען מיט א קוויטש: „דערלעבט איבער א יאהר! דערלעבט איבער א יאהר!" גם אתם! גם אתם! קינדער, גם אתם!...

א.

ראבטשיק איז געווען א הונט א ווייסער מיט פלעקען, נישט קיין גרויסער, א מיטעלמעסיגער, א שטילער, נישט קיין אנחאפער; ער האט פיינט געהאט, ווי אנדערע, אנפאלען אויף יענעם פון הינטען, אבבייסען א פאלע אדער א ביס טהון אין דער ליטקע. ער איז געווען צופריעדען אבי יענער זאל איהם ניט טשעפען. אדרבה איהם האט דערקוטשעט יעדער ווער עס האט געהאט גאט אין הארצען. געבען ראבטשיקען א זעץ מיט א שטעקען פון אונטען, אדער דערלאנגען איהם מיט'ן אבצאס אין זייט אריין, אדער ווארפען איהם א שטיינדיל אין קאפ אריין אדער אויסגיסען אויף איהם א פאמעניצע — דאס איז געווען ביי יעדען א שפילכיל, כמעט א מצוה.

און ראבטשיק, אז ער האט בעקומען א קלאפ, האט ער זיך ניט אנידערגעשטעלט, ווי אנדערע הינט, אויסטענה'ען זיך אויסהאווקען זיך, בעווייזען די ציינער; ניין, ראבטשיס פלעגט זיך ביי איטליכען קלאפ איינבויגען כמעט ביז דער ערד מיט א קוויטש: אי — אי! און אנטלויפען מיט איין אראבגעלאזטען וויידיל, זיך בעהאלטען אין א ווינקעלי, פערטיפען זיך אין געדאנקען און חאפען פליגען.

ב.

ווער איז געווען ראבטשיק? פון וואנען האט ער זיך גענומען? דאס איז שווער צו וויסען. עס קען זיין אז ער איז פערבליבען אין הויף נאך פונ'ם אלטען פריץ. מעגליך אז ער איז פערבלאנדזעט געווארען, פערלארען זיין בעל הבית און צוגעשטאנען צום נייעם בעל הבית און פערבליבען אויף תמיד.

עס מאכט זיך אמאל, איהר שפאצירט אויף דער גאס, לויפט אייך נאך א פריבלאודנע הינטיל פיס טריט. וואס איז דאס פאר א

פריטשעפע? טראכט איהר זיך און הויבט אויף די האנד אויפ'ן הינטיל: „פשאל וואן!“ דאס הינטיל בלייבט שטעהן, בייגט זיך אויס ווי א מענש בשעת מען וויל איהם געבען א פאטש, און לויפט אייך נאך ווייטער. איהר בייגט זיך אן צו דער ערד, איהר טהוט א מאך מיט דער האנד, כלומר'שט ווארפט איהר דעם א שטיינדיל. עס העלפט נישט. איהר בלייבט שטעהן און קוקט אויפ'ן הינטיל; דאס הינטיל בלייבט שטעהן און קוקט אויף אייך; איהר קוקט זיך איינס דם אנדערע אין די אויגען אריין אהן ווערטער. איהר טהוט א שפיי און לאזט זיך געהן — דאס הינטיל לויפט אייך נאך. איהר געהט ארויס פון די כלים, איהר חאפט א שטעקעי און צולאזט זיך אויף דעם מיט כעס, פאלט דאס הינטיל אויף איין עצה: ציהט זיך אויס אויף דער ערד מיט די פיסליך ארויף, ציטערט און קוקט אייך גלייך אין די אויגעי אריין. ווי איינער רעדט: „נא! ווילסט מיך שלאגען? — שלאג!“...

אט פון דעם מין הינט איז געוועזען אונזער ראבטשיק.

ג.

ראבטשיק איז געוועזען א הונט ניט קיין נאשער. אין שטוב האט געמעגט ליגען געלד, האט ער זיך ניט צוגעריהרט. ראבטשיק האט געוואוסט אז דאס וואס אונטערען טיש געהער צו איהם, און ווייטער איז ניט זיין עסק.

אין דער יוגענד, זאגט מען איז ער אפילו יא געוועזען א שטיקיל חברה־מאן. ער האט איין מאל געפרובט אומגעהרען א פנים אוועק־שלעפען פונ'ם זאלץ־ברעטיל א פיסעל פון א גאנז, האט דערזעהען בריינע די קעכין, א יודינע מיט שווארצע וואנצים, און האט געמאכט א געשריי: אייזיק! אייזיק! איז געקומען צולויפען אייזיק, סאמע אין דער מינוט וואס ראבטשיק האט געוואלט דורכלויפען מיט'ן געגנזענעם פיסעל, האט איהם אייזיק צוגעקוועטשט מיט דער טהיר אזוי אז האלב ראבטשיק איז געבליבען פון איין זייט טהיר, און די האלב פון יענער זייט, און מע האט זיך מיט איהם גוט אבגערעכענט: פון איין זייט

האט איהם געשלאגען אייזיק איבער'ן קאפ מיט א שטעקען, און פון דער אנדערער זייט בריינגע מיט א שייט האלץ און האט ניט אויפגעהערט צו שרייען בשעת מעשה: „אייזיק! אייזיק!"

פון דעמאלט אן איז איהם פערבליבען א זכר: אז מע איז צוגעגאנגען צו איהם און א זאג געטהון גלייך אין פנים אריין „אייזיק!"— פלעגט ער אנטלויפען וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.

ד.

מעהר פון אלע איז איהם דערגאנגען די יאהרען פאראסקע; די פאראסקע, וואס האט אונז געוואשען גרעט, געשמירט די שטוב און געמאלקען די בהמה.

וואס האט זי געהאט צו ראבטשיקען — איז שווער צו פערשטעהן; ער פלעגט איהר תמיד זיין גרוים אין די אויגען, און ווען זי פלעגט איהם דערזעהען, פלעגט זי ווערען אנגעצונדען: „שאב טוביי חוואראבא, סאבאקא געווירנא!"... און ווי אויף צו להכעיס פלעגט ראבטשיק ליעב האבען דווקא פלאנטען זיך איהר פאר די פיס.

ביי דער ארבייט פלעגט זיך פאראסקע אין איהם נוקם זיין ווי מיר אין המן'ען: האט זי געוואשען גרעט, פלעגט זי איהם אבגיסען מיט א קאלט שעפיל וואסער. ראבטשיק האט פיינט געהאט אזא באד, פלעגט ער זיך נאכדעם דארפען לאנג אבטרייסלען. האט זי געשמירט די שטוב, פלעגט זי איהם פערפליאסקען דאס פנים מיט ווייסע ליים, ער זאל זיך נאכדעם בעלעקען א שעה כסדר. האט זי געמאלקען די בהמה פלעגט זי איהם מכבד זיין מיט א שייט האלץ איבער די פיס. ראבטשיק האט זיך אויסגעלערנט שפרינגען; אז ס'איז געפלויגען א שייט האלץ פלעגט ער קונציג איבערשפרינגען איבער דעם ווי א מזיק.

איין מאל האט ער פון אזא כבוד געחאפט א מאוסען פסק; פאראסקע האט איהם געווארפען א שייט האלץ און געטראפען אין דער פעדערשטער פוס, האט ראבטשיק זיך צושריגען ניט מיט זיין קול,

גאר מיט א מאדנעם קוויטש: "אי־אי־אי־אי־אי!" מע איז זיך צונויפגעלאפען פונ'ם גאנצען הויף. ראבטשיק האט דערזעהען מענשען, האט ער זיך אנגעהויבען פעסטען, בעוויזען איטליכען דאס איבערגעבראכענע פיסעל, ווי איינער רעדט: "נאט, זעהט וואס זי האט מיר געטהון פאראסקע!"... ראבטשיק האט געמיינט, אז מע וועט זיך מסתמא אננעמען זיין קריוודע און פאראסקען וועט מען געוויס קעפען פאר אזא מעשה.

צום סוף איז גאר צווישען עולם געווארען א געלעכטער: בריינע מיט די וואנצים איז ארויסגעפלויגען פון קיך מיט א פאלאניק און האט זיך א שמיר געטהון איבער דער נאז פון אונטען ארויף מיט'ן נאקעטען עלענבויגען: "איבער געבראכען דעם שלים־מזל א פוס? זעהר רעכט!"... אויך די קונדסים, די ווייסע־חברה'ניקעס זענען זיך צונויפגעלאפען און האבען גענומען שרייען אויף ראבטשיקען און פייפען. איז אנגעקומען פאראסקע און האט איהם צורעכט געמאכט דאס מזל: זי האט איהם אבגעגאסען מיט א קריגיל זידיג וואסער, האט ראבטשיק אויפגעהויבען א געוואלד מיט א קוויטשעריי: אי אי אי! אי־אי־אי!... בשעת מעשה געשפרונגען און געדרעהט זיך, געביסען זיך אליין דעם וויידיל און ניט אויפגעהערט צו געוואלדעווען מיט אזעלכע קולות אז צווישען די ווייסע־חברה'ניקעס איז דאס געלעכטער געווארען נאך גרעסער, מע האט דערזעהען ראבטשיקען טאנצען אויף דריי פיס, האט מען אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות אויף זיין קאפ און געשענקט איהם אפאר גוטע שטעקענס. ראבטשיק האט זיך געלאזט לויפען מיט א קוויטש, געקאוליעט זיך און געקאטשעט איבער דער ערד, און ווייסע־חברה'ניקעס זענען איהם נאכגעלאפען מיט שטעקליך און מיט שטיינדליך, געהוקעט, געפייפט און געטיוקעט און פערטיוקעט איהם ווייט פון דער שטאדט ארויס, אז'ש אויף יענער זייט מיהלען.

ה.

רַאבְּטְשִׁיק אִיז גֶעלָאפֶען מִיט דֶער דֵעָה, אַז צוּרִיק אִין שְׁטָאדְט אַרַיין זָאל עֶר שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען קֵיין מָאל ווַייל עֶר וֶועט לֶעבֶּען! אוּנ גֶעלָאפֶען אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין, וואוּ דִי אוֹיגֶען וֶועלֶען טְרָאגֶען. גֶעלָאפֶען – גֶעלָאפֶען אוּנ גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפֶען אִינְ'ם עֶרְשְׁטֶען דָארְף אַרַיין, הָאט עֶר זִיךְ בֶּעגֶעגֶענְט מִיט דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט. דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט הָאבֶּען אִיהם אַרוּמְגֶעשְׁמֶעקְט פוּן אַלֶע זַייטֶען.

— בָּרוּךְ הַבָּא — אַ הוּנְט! פוּן וַואנֶען קוּמְט מֶען אוּנ וָואס אִיז דָאס בַּיי דִיר אַ צַאצְקֶע אוֹיפְ'ן רוּקֶען? עֶפִּים וִוי אוֹיסְגֶעקְמַאלֶעט אַ שְׁטִיק פֶעל סַאטֶע אִין מִיטֶען?

— עֶךְ! פְרֶעגְט שׁוֹין נִישְׁט! — מַאכְט צוּ זֵיי רַאבְּטְשִׁיק מִיט אַטְרוֹיֶערִיגֶער מִינֶע — אַסַךְ צוּ דֶערְצֶעהלֶען, נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶערֶען. אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ בַּיי אַייךְ אִיבֶּערְצוּגֶענְעכְטִיגֶען אַ נַאכְט?

— אָךְ, מִיטְ'ן גְרֶעסְטֶען כָּבוֹד! — זָאגֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט — דֶער אִין „דְרוֹיסֶען" אִיז גֶענוּג גְרוֹים אוּנ דֶער „אוּנְטֶערֶען הִימֶעל" אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער.

— וִוי אַזוֹי אִיז דָא בַּיי אַייךְ מִיט דֶער אֲכִילָה? — פְרֶעגְט רַאבְּטְשִׁיק — מִיט וָואס שְׁטִילְט אִיהר דֶעם הוּנְגֶער, אַז דֶער מָאגֶען מָאנְט מְזוֹנוֹת?

— עֶט! נִישְׁט צוּ פֶערְזִינְדִיגֶען! — מַאכֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט — פָּאמֶעגִיצֶעס אִיז פַארַאן אוּמֶעדוּם, אוּנ צוּם פְלֵייש הָאט גָאט בֶּעשַׁאפֶען בֵּיינֶער, אַ דַאנְקָה, לָאזֶען זֵיי עֶסֶען פְלֵייש, דִי בַּעֲלֵי־הַבָּתִּים, וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען בֵּיינֶער. אַבִּי, וִוי זָאגְט אִיהר, פֶערְשְׁטוּפֶּען דִי קִישְׁקֶע.

— נוּ אוּנ דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים וִוי אַזוֹי זֶענֶען עֶפִּים בַּיי אַייךְ? פְרֶעגְט וַוייטֶער רַאבְּטְשִׁיק אוּנ טְהוּט אַ דְרֵעה מִיטְ'ן ווֵיידִיל, וִוי אֵיינֶער וָואס ווִיל אוֹיסְפְרֶעגֶען, אוֹיסְפָארְשְׁטֶען.

— דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים זֶענֶען בַּעֲלֵי־בָּתִּים — מַאכֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט אוּנ פֶערְשְׁלָאגֶען דִי רֵייד.

— נוּ אוּנ בַּארַאסְקֶע? — מַאכְט רַאבְּטְשִׁיק.

— וואסער פאראסקע? — פרעגען די דארפישע הינט.

— אט די פאראסקע — זאגט ראבטשיק — וואס וואשט גרעט, שמירט די שטוב און מעלקט די בהמה. איהר קענט ניט פאראסקען?

די דארפישע הינט שטעהען, קוקען אן ראבטשיקען ווי א חסר־דעה׳ניק: „וואס פאראסקעט ער אונז?" זיי שמעקען איהם נאך א מאל ארום פון אלע זייטען און צוגעהען זיך איינציגווייז איטליכער אויף זיין מיסט.

ו.

„אט גליקליכע הינט!" טראכט זיך ראבטשיק און ציהט זיך אויס אויף גאטס ערד, אונטער גאט׳ס הימעל און וויל חאפען א דרימעל; נאר עס שלאפט זיך ניט. ערשטענס די אבגעבריהטע פעל; עס שמארצט איהם און עס בייסט איהם סכנות נפשות! און די פליגען דעקוטשען איהם זעהר שטארק, ס׳איז פון זיי נישט אבצוטרייבען זיך! צווייטענס בורטשעט איהם אין בויך; ער וואלט א בעלן געוועזן עפיס קייען, איז נישט דא וואס; מע מוז צו ווארטען ביז אין דערפריה, און דריטענס לאזען איהם ניט שלאפען די מחשבות פון דעם וואס ער האט זיך אנגעהערט צווישען די דארפישע הינט; נישטא ביי זיי קיין אייזיקס וואס קוועטשען צו מיט א טיהר און שלאגען נאבערעס מיט א שייט האלץ; ניטא ביי זיי קיין פאראסקעס וואס גיסען אב מיט זידיג וואסער, ניטא ביי זיי קיין ווייסע חברה׳ניקעס, וואס ווארפען שטעקענס, פייפען און טיוקען און פערטיוקען. גליקליכע הינט אויף דער וועלט! און איך האב געמיינט אז נור דארט איז א וועלט. א ווארם ליגט אין חריין און מיינט ס׳איז קיין זיסערס נישטא.

ראבטשיק ווערט אנשלאפען און עס חלומט זיך איהם א פאמעניצע, א גרויסע, א פולע מיט שטיקליך ברויט, קישקעליך, אדער־רען פון פלייש, רעטשענע קאשע אויסגעמישט מיט הירזש און מיט פאסאלים, און ביינער ביינער — א גאנצער אוצר! ביינער פון קנעכ־ליך, ביינער פון ריפ, ביינער מיט מארך און ביינדליך פון פיש אינ

קֶעפֿלֶיך פֿון הֶערִינג גַאנְצֶע. נָאך נִיט קֵיין אויסגֶעסְמָאצְקֶעטֶע. רַאבְּטְשִיק וֵוייסְט נִיט פֿון וָואס זָאל עֶר אָנְהוֹיבֶּען פְרִיהֶער.

— בְּרוּכִים הַיּוֹשְׁבִים! — מַאכֶען צוּ אִיהם דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט אוּנ קוּקֶען פֿון דֶערְוַוייטֶען, וִוי עֶר גְרֵייט זִיך צוּ דֶער סְעוּדָה.

— קוּמְט עֶסֶען! — זָאגְט רַאבְּטְשִיק גְלַאט אַזוֹי פֿון יוֹצֵא וֶועגֶען.

— עֶס גֶעזוּנְד! זָאגֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט גַאנְץ פְרַיינְדְלִיך.

פְּלוּצִים דֶערְהֶערְט עֶר אַ קוֹל גְלַייך אִין אוֹיעֶר אַרַיין: „אַייזִיק!“

רַאבְּטְשִיק חַאפְּט זִיך אוֹיף — ס'אִיז נָאר אַ חָלוֹם!..

אִין דֶער פְרִיה הָאט זִיך רַאבְּטְשִיק גֶעלָאזְט אִיבֶּער דִי הוֹיפֶען, גֶעזוּכְט אַ פָּאמֶענִיצֶע, אַ שְׁטִיקִיל סֶעבֶּער, אַ בֵּיינְדִיל. נָאר וואוּ עֶר קוּמְט אִיז פֶערְנוּמֶען אַלֶע עֶרְטֶער.

— קָאן מֶען בַּיי אַייך נִישְׁט אִיבֶּערְבַּייסֶען? — פְרֶעגְט רַאבְּטְשִיק.

— דָא? נַיין! אֶפְשַׁר אִינ'ם אַנְדֶערֶען הוֹיף...

רַאבְּטְשִיק לוֹיפְט פֿון אֵיין הוֹיף אִינ'ם אַנְדֶערֶען. אוּמֶעדוּם דָאס אֵייגֶענֶע לִיעדִיל. אִיז עֶר זִיך מְיַישֵׁב וָואס וֶועט עֶר וַוארְטֶען אוֹיף דֶרֶך-אֶרֶץ? אַמֶעהר וֶועט עֶר צוּגֶעהְן אוּנ וֶועט אַ חַאפּ טְהוּן וָואס עֶס וֶועט זִיך לָאזֶען. נָאר בַּיים עֶרְשְׁטֶען „חַאפּ“ הָאט עֶר גֶעחַאפְּט פֿון דִי דָארְפִישֶׁע הִינְד אַמְאוּס'ן פְּסַק: פְרִיהֶער הָאט מֶען אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען בֵּייז, הוּרְשְׁטֶען אוּנ בֶּעוַוייזֶען צֵייהְן, אוּנ נָאכְדֶעם זֶענֶען עֶטְלִיכֶע מִיט אַ מָאל אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף אִיהם, גֶערִיסֶען אוּנ גֶעבִּיסֶען, אִיהם גֶע-מַאכְט אַ תֵּל פוּנ'ם וַוייְדִיל, אַרוֹיסְגֶעמְשַׁלֵחַ'ט מִיט כָּבוֹד בִּיז אוֹיף יֶענֶער זַייט רָאגַאטְקֶע.

ז.

אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם וַוייְדִיל הָאט זִיך רַאבְּטְשִיק אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִינ'ם אַנְדֶערֶען דָארְף. גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפֶען אִינ'ם אַנְדֶערֶען דָארְף — ווידֶער דִי אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה: תְּחִלַּת גוּטֶע רֵייד, אַ שֵׁיינֶער גַאסְט, מְהֵיכָא תֵּיתֵי. אוּנ נָאכְדֶעם אַז עֶס קוּמְט צוּ דֶער פָּאמֶענִיצֶע, הוֹיבְּט מֶען אָן אוֹיף

אִיהם קוּקְעֶן בַּייז, הוּרְשְׁטֶען בֶּעוַוייזֶען צֵייהְן, רַייסֶען אוּנ בַּייסֶען — אוּנ וָואן אוֹיף אַלֶע פִּיעֶר זַייטֶען!

רַאבְּטְשִׁיקֶען אִיז נִמְאָס גֶעוָוארֶען דָאס נָע וְנָד זַיין, דָאס אַרוּמְוַואנְדֶערֶען פוּן אֵיין אָרְט אִינְ'ם אַנְדֶערֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַזוֹי: מֶענְשֶׁען זֶענֶען שְׁלֶעכְט; הִינְט זֶענֶען אוֹיךְ נִיט בֶּעסֶער; עֶר וֶועט זִיךְ בֶּעסֶער אַוֶועקְלָאזֶען אִין וַואלְד אַרַיין צְווִישֶׁען חַיוֹת.

אוּנ רַאבְּטְשִׁיק הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִין וַואלְד אַרַיין.

אַרוּמְגֶעדְרֵעהט זִיךְ אֵיין הוּנְט אַלֵיין אִין וַואלְד אַ טָאג אוּנ צְוֵויי אוּנ דְרַיי, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִּיהלֶען, אַז דֶער בּוֹיךְ וֶוערְט אִיהם וָואס וַוייטֶער אַלְץ מֶעהר צוּנוֹיפְגֶעצוֹיגֶען אוּנ דִי קִישְׁקֶעס אַיינְגֶעשְׁרִימְפֶּען, מַמָּשׁ עֶס גֶעהט אִיהם אוֹיס דָאס חַיוֹת פוּן הוּנְגֶער אוּנ פוּן דָארְשְׁט, הָאטְשׁ נֶעם אוּנ צִיה זִיךְ אוֹיס אִין מִיטֶען וַואלְד אוּנ פֵּגֶר אַוֶועק! אוּנ וִוי אוֹיף צוּ לְהַכְעִיס גְלוּסְט זִיךְ אִיהם נָאךְ לֶעבֶּען אוּנ לֶעבֶּען.

אוּנ רַאבְּטְשִׁיק נֶעמְט דֶעם וַוייִדִיל אוּנְטֶער זִיךְ, צִיהט אוֹיס דִי פֶּעדֶערְשְׁטֶע לַאפֶּעס, שְׁטֶעלְט אַרוֹיס דֶעם צוּנְג אוּנ לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק אוּנְטֶער אַ בּוֹים אוּנ קְלֶערְט אַ הִינְטִישֶׁע מַחֲשָׁבָה: „וואו נֶעמְט מֶען אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט? וואו קְרִיגְט מֶען אַ פִּיצִיל פְלֵייש? אַ בֵּיינְדִיל חָאטְשׁ? וַואסֶער אַ קְאפּ?“ אוּנ פוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת וֶוערְד עֶר אַ חַקְרָן, אַ פִילָאזָאף! עֶר הוֹיבְּט אָן חֲקִירָה'ן: „פַאר וָואס אִיז עֶר, הוּנְט, מֶעהר גֶעשְׁטְרָאפְט פוּן אַלֶע חַיוֹת וְעוֹפוֹת אוּנ פוּן אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט? לְמַאי אָט פְלִיהט אַ פֵייגֶעלֶע גְלַייךְ אִין נֶעסְט אַרַיין?... אָט לוֹיפְט אַ יַאשְׁטְשֶׁערְקִי אַהֵיים אִין אִיהר נָארֶע אַרַיין... אָט פוֹיזְשֶׁעט אַ וֶוערֶעמִיל, אַ זְשׁוּקֶעל, אַ מֶערֶעשְׁקֶע. — אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ זֵייעֶר הֵיים, אַלֶע גֶעפִינֶען זִיךְ זֵייעֶר בֶּעדֶערְפֶענִישׁ; נָאר אִיךְ, הוּנְט, הַאוּ-הַאוּ-הַאוּ!...

— וֶוער הַאוּקֶעט דָאס דָא אִין וַואלְד? — רוּפְט זִיךְ אָן אַ וָואלְף לוֹיפֶענְדִיג פַארְבַּיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צוּנְג פַאר הוּנְגֶער.

רַאבְּטְשִׁיק הָאט קֵיין מָאל נִיט גֶעזֶעהֶען קֵיין וָואלְף. עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ הוּנְט, שְׁטֶעהט עֶר אוֹיף פַּאוָואלִי, נִישְׁט גֶעהַאפְּט, צִיהט זִיךְ אוֹיס, גֶעהט צוּ צוּם וָואלְף.

— וֶוער בִּיזְט דוּ? — מַאכְט צוּ אִיהם דֶער וָואלְף מִיט גַדְלוּת — ווִי אַזוֹי רוּפְט מֶען דִיךְ? פוּן וַואנֶען קוּמְסְט דוּ אָן? אוּנ וָואס טְהוּסְט דוּ דָא?

רַאבְּטְשִׁיק אִיז זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶה וָואס עֶר הָאט דֶערְטַאפְּט אַ נוּטְצֶען בְּרוּדֶער; חָאטְשׁ פַאר'ן פַאר וֶועמֶען דִי צָרוֹת אוֹיסְצוּגִיסֶען. אוּנ עֶר דֶערְצֵיילְט אִיהם אוֹיס זַיין גַאנְץ בִּיטֶער הַארְץ.

— אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, — לָאזְט אוֹיס רַאבְּטְשִׁיק דָאס טְרוֹיעֶרִיגֶע צֶעטִיל זַיינְס — אִיךְ וָואלְט מִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶעזֶען וֶוען אִיךְ בֶּעגֶעגְנֶען מִיךְ דָא מִיט אַ לֵייבּ, מִיט אַ בֶּער, אָדֶער הָאטְשֶׁע מִיט אַ וָואלְף.

— וָואס-זְשֶׁע וָואלְט גֶעוֶוען? — מַאכְט דֶער וָואלְף מִיט אַ פַּאסְקוּדְנֶע שְׁמֵייכֶעל.

— גָאר נִיט — זָאגְט רַאבְּטְשִׁיק — מַה־נַפְשָׁךְ, אִיז מִיר בֶּעשֶׁערְט דֶער טוֹידְט, לָאם אִיךְ בֶּעסֶער פֶּערְצִיקְט וֶוערֶען פוּן אַ וָואלְף, אֵיידֶער פַּגְר'ן פוּן הוּנְגֶער צְווִישֶׁען אֵייגֶענֶע, צְווִישֶׁען הִינְט.

— נוּ! — מַאכְט צוּ אִיהם דֶער וָואלְף בְּלָאזְט זִיךְ אָן אוּנ טְהוּט אַ קְנַאק מִיט דִי צֵייהְן — זָאלְסְט דוּ ווִיסֶען אַז אִיךְ בִּין וָואלְף! אוּנ אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק דִיךְ צוּרַייסֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלִיךְ אוּנ מַאכֶען פוּן דִיר אַיין אָנְבַּייסֶען, מַחֲמַת אִיךְ בִּין זֵעהר הוּנְגֶערִיג, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַכְט טָאג אִין מַיין מוֹיל נִיט גֶעהַאט!

דֶערְהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִבּוּרִים הָאט זִיךְ אוּנְזֶער רַאבְּטְשִׁיק אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶען, אַז עֶס הָאט אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶען צִיטֶערֶען דִי אָבְּגֶעקְרָאכֶענֶע פֵּיגֶל.

— אֲדוֹנִי קֶענִיג! טַייעֶרֶער רֶבּ וֶועלְוְויל! — מַאכְט צוּ אִיהם רַאבְּטְשִׁיק מִיט אַ רַחֲמָנוֹת פָּנִים אוּנ מִיט אַ וַויינֶענְדִיג קוֹל — לָאז דִיר גָאט צוּשִׁיקֶען בֶּעסֶערֶע אָנְבַּייסֶענְס. וָואס וֶועסְט דוּ פוּן מִיר הָאבֶּען מִישְׁטֵיינְגֶעזָאגְט? פֶּעל אוּנ בֵּיינֶער? פָאלְג מִיךְ, לָאז מִיךְ אָבּ, הָאבּ רַחֲמָנוֹת אוֹיף מַיין הִינְטִישׁ לֶעבֶּען?...

אוּנ דֶערְבַּיי הָאט רַאבְּטְשִׁיק אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם וַויידִיל, אוֹיס־

געצויגען דעם רוקען, געפּויזעט אויפ'ן בויך און געמאכט אזעלכע מאוס'ע תנועות, אז דעם וואלף איז ניט גוט געוואָרען אויף צו חלש'ען.

— נעם צענויף דעם פּאסקודנעם ווײדיל דײנעם! — רופט זיך אָן צו איהם דער וואלף — און אנטלויף צו אלדע שוואַרצע יאָהר, דו כלב שבכלבים, איך זאל דײן טרפה'נעם פּרצוף ניט אָנקוקען.......

ניִשט טוידט ניִשט לעבעדיג האָט זיך ראבטשיק געלאָזט לויפען, ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, מורא געהאט זיך ארומקוקען אפילו, ער האָט געמאכט פּיס, אַוועק—אַוועק פון וואלד, צוריק— אין שטאָדט אַרײן!

ח.

געקומען צוריק אין שטאָדט אַרײן, האָט ראבטשיק אויסגעמעהלט דעם הויף, וואו ער איז אויפגעוואַקסען, חאָטש דאָס הארץ האָט איהם געצויגען דווקא אהין אין יענעם הויף וואו מע האָט איהם גע'הרג'עט — געשלאָגען, אין יענעם הויף וואו מע האָט איהם איבערגעבראָכען א פוס און אָבגעבריהט דעם רוקען... האָט ער זיך געלאָזט לויפען אין מארק אַרײן, אהין צו די יאַטקעס, צווישען די קצבי'שע הינט, צווישען איי גענע הײסט דאָס.

— ס'קאצעל קומט! פון וואַנען איז א הונט? מאכען צו איהם די קצבי'שע הינט מיט א געגעץ און גרײטען זיך שוין אויף נאכטלעגער.

— מאקי א הינער — מאכט ראבטשיק — איהר האָט מיך ניט דערקאַנט? איך בין דאָך ראבטשיק!

— ראבטשיק? ראבטשיק?... א קענטליכער נאָמען! — מאכען די קצבי'שע הינט און קאָנען זיך כלומר'שט ניט דערמאָנען ווער דאָס איז.

— וואָס איז דאָס בײ דיר פאר א צייכען אויפ'ן רוקען? — פרעגט איהם צאיצעק, א קלײן הינטיל און שפּרינגט איהם גלײך אין פּנים אַרײן מיט גרוים עזות.

— מסתמא א סימן מע זאל איהם ניט פערבײטען, אָדער אזוי

פון שענקיים װעגן, װאָס פערשטעהט איהר ניט? — רופט זיך אָן מיט אַ לצנות ראָודעק, אַ רויטער הונט מיט אַ מאַכנאַטער פעל.

— סאַ משל! — ענטפערט איהם סירקאַ, אַ גרויהער הונט, אַ אַלטער בחור מיט אַיין אייגיל און מיט אַיין אָבגעשניטענעם אויער — אויף צייכענס פרעגט מיך, איך װעל אייך זאָגען, װאָס דאָס איז. דאָס איז אַ צייכען פון מלחמות מיט אַנדערע הינט, מיט גאַנצע מיטיש־קעס...

— אַלע רעדען! — רופט זיך אָן זשוק, אַ שוואַרצער הונט אָהן אַ װיידיל — אַ מעהר לאָזט ראַבטשיק ריידען, װעט ער אַליין דערצעהלען.

און ראַבטשיק ציהט זיך אויס אויף דער ערד און הויבט אָן צו דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע זײַנע, לאָזט נישט דורך קיין ברעקיל. אַלע ליגען און הערען זיך צו. נאָר ראָודעק, דער רויטער װאָס האָט ליב לצנות, שלאָגט איהם איבער אַלע מינוט מיט אַ װערטיל.

— ראָודעק, דו װעסט ניט אַנשטימט װערען? — מאַכט זשוק דער שוואַרצער, װאָס אָהן דעם װיידיל, און ציהט אויס אַ לאַנגען געהעין — דערצעהל, דערצעהל, ראַבטשיק! מיר האָבען ליעב אַז מע דערצעהלט אונז מעשיות נאָכ׳ן עסען...

און ראַבטשיק הערט נישט אויף צו דערצעהלען זיין טרויעריגע געשיכטע מיט אַיין אומעטיגע שטימע, נאָר קיינער הערט איהם נישט.

צאָוציק רעדט שטילערהייד מיט סירקאַ׳ן; ראָודעק זאָגט װערטליך. און זשוק חראַפּעט ווי צעהען סאָלדאַטען, האַפּט זיך אויף אַלע מאָל און געהנעצט און זאָגט:

— דערצעהל, דערצעהל, ראַבטשיק! מיר האָבען ליעב אַז מע דערצעהלט אונז מעשיות נאָכ׳ן עסען...

ט.

גאַנץ פריה איז שוין ראַבטשיק געװען אויף די פיס. ער איז גע־שטאַנען פון דערווייטען, בעטראַכט די קצבים מיט די העקערס, ווי זיי האַקען פלייש. אָט הייבט אַ גאַנצער פריידיס (פאָדער חלק) מיט׳ן

האַלז אַרָאב אונ דָאס בְּלוּט רִינְט... דָארְט לִיגְט אַ זָאדֶעס (אוּנְטֶער־
חֵלֶק), אַ מָנָה יָפָה, פֶעט, מִיט שְׁמַאלְץ בֶּעוַואכְּסֶען... רַאבְּמְשִׁיק קוּקְט
אוּנ שְׁלִינְגְט דִי שְׁלַיים. דִי הֶעקֶערְס הַאקֶען דָאס פְלֵייש אוֹיף שְׁטִיקְ־
לִיךְ, טְהוּן אַ וָוארְף אַלֶע מָאל אַ שְׁטִיקֶעל הוֹיט, אַ שְׁטִיקֶעל חֵלֶק, אָדֶער
אַ בֵּיינְדִיל פַאר דִי הִינְט. אוּנ דִי הִינְט שְׁפְּרִינְגֶען צוּ אוּנ חַאפֶּען אוּנְטֶער.
רַאבְּמְשִׁיק בֶּעטְרַאכְט וִוי דִי הִינְט קְלִינְגֶען זִיךְ, שְׁפְּרִינְגֶען אוּנְטֶער אַקִי־
רַאט דָארְט וואוּ מֶען בֶּעדַארְף, לָאזֶען נִישְׁט דוּרְךְ קֵיין בֵּיינְדִיל, אוּנ
אִיטְלִיכֶער הוּנְט, בְּשַׁעַת עֶר בֶּעקוּמְט זַיין חֵלֶק, טְרִיט עֶר אָב אוֹיף אַ
זַייט, צוּלֵייגְט זִיךְ מִיט גְרוֹיסְקֵייט אוּנ פְּרַאוֶועט דִי סְעוּדָה, קוּקְט זִיךְ
אַרוּם אַלֶע וַוייְלֶע אוֹיף דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט, וִוי אֵיינֶער רֶעדְט:

— אִיהר זֶעהט אַ בֵּיין? דָאס אִיז מַיינֶער אַ בֵּיין, אוּנ אִיךְ עֶס אִיהם.

דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט מַאכֶען זִיךְ וִוי זַיי זֶעהֶען נִיט, אוּנ אִינְוֶוייניג
בַּיי זִיךְ טְרַאכְטֶען זַיי זִיךְ:

— וַוארְגֶען זָאלְסְט דוּ זִיךְ! אוֹיסְקְרֵיינְקֶען זָאלְסְט דוּ דָאס! אַ
גַאנְץ פְרִיהמָארְגֶען פְרֶעסְט עֶר אוּנ פְרֶעסְט, אוּנ מִיר בֶּעדַארְפֶען קוּקֶען
וִוי עֶר עֶסְט, עֶסֶען זָאלֶען אִיהם וֶוערֶעם!...

אוּנ נָאךְ אֵיין הוּנְט טְרָאגְט אַ שְׁטִיק פֶעל אוּנ זוּכְט אֵיין אָרְט
אוֹיף צוּ אִיבֶּערְבַּייסֶען אַז קֵיינֶער זָאל אִיהם נִיט זֶעהֶען: עֶר הָאט מוֹרָא
פַאר אַ גוּט אוֹיג...

אוּנ נָאךְ אַ הוּנְט שְׁטֵעהט אַ קֶעגֶען אַ בֵּייזֶען קַצָב וָואס שְׁמִיצְט
זִיךְ אוּנ שְׁרַייט אוּנ שֶׁעלְט זִיךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע קַצָבִים. דֶער הוּנְט
דְרֵעהט מִיטְ'ן וֵוידִיל אוּנ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט מִיט אַ
חֲנִיפָה'לֶע:

— אִיהר זֶעהט אָט דֶעם קַצָב? אַזָא זַיי וַוייזֶען אוֹיס דַאכְט זִיךְ
גָאר אַ בֵּייזֶער? לָאס אִיךְ הָאבֶּען אַזָא יָאהר וָואס פַאר אַ טְהַייעֶרֶער
מֶענְשׁ זַיי זֶענֶען! אֵיין דִימֶענְט אִין דֶער וֶועלְט! אַ גִילְדֶענֶער כַּארַאקְ־
טֶער! זַיי הָאבֶּען בֶּאֱמֶת רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ הוּנְט; זַיי זֶענֶען אַ "הִינְטֶען־
פְרַיינְד"... אָט בַּאלְד וֶועט אִיהר זֶעהֶען וִוי עֶס פְלִיהט אַ בֵּיין מִיט אַ
שְׁטִיק פְלֵייש — הָאפּ!

און ער טהוט א שפרונג אין דער לופטען און א קלאפ מיט די צייהן, כדי יענע זאלען מיינען אז ער האט דא געחאפט א גראבס...

— ביידע זאכען: — רופט זיך אן א הונט מן הצד — אי א חנופה'ניק א שקרן, א בעריהמטער, דער רוח זאל איהם נעמען!...

און נאך א הונט שטעהט ביים קלעציל וואס מע האקט דערויף פלייש און בשעת דער העקער קעהרט זיך אב אויף א ווייל, שפרינגט דער הונט ארויף אויפ'ן קלעציל און לעקט מיט'ן צונג. ווערט א האוו־קעריי צווישען עטליכע הינט: זיי מסר'ן איהם פאר'ן העקער און חאפען די ערד, אז דער הונט דער גנב האט גענאשט א שטיק פלייש, אזא שטיק גאלד זאלען זיי האבען! זיי זאלען אזוי זעהען פאר זיך אלדעס גוטס ווי זיי האבען אליין געזעהען מיט זייערע אויגען! אויב ניט זאלען זיי איינגעמען א מיתה משונה אויפ'ן ארט, זיי זאלען זיך דערוואַרגען מיט'ן ערשטען ביינדיל, זיי זאלען ניט פערמאגען די הערנער מיט די קאפיטעס פון די געקוילעטע שאף!...

— פע, חלשות! סע שלאגט צו דער גאל! — רופט זיך אן איין אלטער הונט פון דער זייט, וואס וואלט אליין א בעלן געווען עפיס א רעק טהון, און ראבטשיק באטראכט זיך: וואס וועט זיין דער תכלית וואס ער וועט דא שטעהן און קוקען? אלע הינט שפרינגען און חאפען וועט ער אויך טהון דאס וואס אלע הינט טהוען... און איידער ער קוקט זיך ארום האלט מען איהם שוין ביים גארגעל און מע רייסט איהם, עטליכע הינט מיט א מאל, און מע בייסט איהם סאמע אין יענעם ארט וואו עס טהוט וועה....

ראבטשיק לאזט אראב דעם וויידיל, פערקלויבט זיך אין א ווינקעל, ציהט אויס די מארדע און הויבט אן וואיען

— וואס וויינסט דו? — מאכט צו איהם זשוק און בעלעקט ייד נאר'ן אנבייסען.

— ווי אזוי זאל איך ניט וויינען? — זאגט ראבטשיק — איך בין דער אומגליקליכסטער פון אלע הינט אויף דער וועלט! איך האב גע־מיינט, אז דא, צווישען אייגענע, וועל איך חאטש עפיס חאפען. גלויב

מיר, איך וואָלט נישט געקראָכען; נאָר איך בין טויט הונגעריג, עס געהט מיר אויס דאָס חיות!

— איך גלויב דיר, — מאַכט צו איהם זשוק מיט אַ זיפץ — איך פערשטעה וואָס הייסט הונגער. איך געה אַריין אין דיין טרויעריגער לאַגע. נאָר איך קאָן דיר גאָר נישט העלפען. דאָ איז שוין אַזוי איינגעפיהרט, אַז יעדער קבר האָט זיך זיין הונט, און יעדער הונט האָט זיך זיין קבר...

— איז מאַקי רעכט אַזוי? — זאָגט ראַבטשיק — וואו איז יושר? וואו איז הינטליכקייט? סטייטש אַ הונט זאָל צווישען הינט פערפאַלען ווערען? אַז אַ הונגעריגער צווישען זאַטע זאָל אויסגעהען פון הונגער?

— איך קאָן דיר העלפען נור מיט אַ זיפץ — זאָגט זשוק, געעצט גאַנץ געשמאַק און האַפט אַ דרעמיל נאָכ'ן אָנבייסען.

— אַז ס'איז יאָ אַזוי — מאַכט ראַבטשיק און געמט זיך אָן מיט האַרץ — וועל איך געהן גלייך צו די קברים; אפשר וועל איך מיר אויך אויסהאַווקען אַ קבר...

— געזונדעררהייט! — זאָגט זשוק — אַבי דו זאָלסט ניט געהן צו מיין קבר, וואָרום אַז דו וועסט געהן צו מיין קבר, וועל איך דיך מאַכען אָהן אַ ווידיל אַזוי ווי איך, דו זעהסט, צי ניין?

י.

און ראַבטשיק איז אַוועק גלייך צו די קברים, דורכגעלאָזט אויסגעפעהלט אַלע הינט, און האָט זיך אָנגעהויבען צו שמייכלען צו די העקערס, שפּרינגען אין פּנים אַריין און דרעהען מיט'ן ווידיל; — נאָר צום שלים-מזל שלעפּט זיך איינער אַ העקער, אַ געזונטער יונג מיט ברייטע פּלייצעס, האָט אויף קאַטאָוועס אַ פּנים איהם אַ וואָרף געטהון אַ האַק — אַ גליק וואָס ראַבטשיק קאָן שפּרינגען; אַ ניט וואָלט ער צוהאַקט געוואָרען אויף צווייען. —

— דו טאַנצעסט דאָך גאָר נישט-קשה'דיג! — מאַכט צו איהם

רַאוּדֶעק מִיט אַ לֵיצָנוּת — אַ סַך שֶׁענֶער פוּן אוּנְזֶער צְאוּצֶקֶען. צְאוּצֶעק! קוּם אַהֶער וֶועסְט דוּ זֶעהֶען וִוי מֶען טַאנְצְט!...

צְאוּצֶעק קוּמְט צוּלוֹיפֶען אוּנ שְׁפְּרִינְגְט רַאבְּטְשִׁיקֶען גְלַייךְ אִין פָּנִים אַרַיין. רַאבְּטְשִׁיק קָאן דָאס שׁוֹין מֶעהר נִיט אִיבֶּערְטְרָאגֶען. עֶר הַאפְּט אָן צְאוּצֶעקֶען מִיט דִי צֵייהְן, לֵייגְט אִיהם אַנִידֶער אוּנ בַּייסְט אִיהם אִין בֵּייכִיל אַרַיין. עֶר לָאזְט אוּיס צוּ אִיהם זַיין גַאנְץ בִּיטֶער הַארְץ אוּנ חַאפְּט דִי פִּיס אוּיף דִי פְּלֵייצֶעס אוּנ מַאכְט אַ וַיִבְרַח. עֶר פַארְקְלַייבְּט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין אִין פֶעלְד, צִיהט זִיךְ אוּיס אִין מִיטֶען טְרַאקְט, בֶּעהַאלְט פַאר דָאסַאדֶע אוּנ פַאר בִּזָיוֹן דִי מָארְדֶע צְווִישֶׁען דִי לַאפֶּעס אוּנ וִויל נִישְׁט אָנְקוּקֶען דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין, עֶס אַרְט אִיהם אַפִילוּ נִיט, וָואס דִי פְלִיגֶען הָאבֶּען אִיהם בֶּעפַאלֶען אוּנ בַּייסֶען אִיהם; לָאזֶען זֵיי בַּייסֶען, לָאזֶען זֵיי רַייסֶען, סַאי וְסַאי אִין דֶער עֶרְד מִיטְ'ן קָאפּ!...

— עֶק וֶועלְט! — טְרַאכְט זִיךְ רַאבְּטְשִׁיק — אַ הוּנְט זָאל נִישְׁט קָאנֶען זִיצֶען הִינְט, צְווִישֶׁען אֵיינֶענֶע, אִיבֶּערְלֶעבֶּען אַ טָאג אַפִּילוּ, — מֶעג זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְקֶעהְרֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! . . . .

מתושלח.

(אָ יודיש פַערדיל).

מתושלח — אזוי האט מען איהם א נאמען געגעבען אין דער־פאר, וואס ער איז געווען אנגעשטאפט מיט יאהרען, נישט געהאט שוין איין צאהן אין מויל א חוץ צוויי דריי פענקים, וואס מיט זיי פלעגט ער קוים מיט צרות קייען — אבי ס'איז נור געווען וואס. א הויכער, א מאגערער מיט איין אבגעבארעטער פעל, מיט א צעהרג'עטען רוקען, קאלי אויגען, אויף איינעם א בולמע, דאס אנדערע רויטליך, אויסגעקנעבעלטע פיס, שפיציגע קליבעס, איינגעפאלענע זייטען, די אונטערשטע ליפ אביסיל אראבגעלאזט, ווי פערוויינט. דער ווידיל איין אויסגעפליקטער — אט האט איהר זיין פאטרעט; און געדיענט האט ער אויף די עלטערע יאהרען אין כתריליווקע ביי כתריאל דעם וואסערפיהרער ביים פעסיל פאר א פערדיל.

בטבע איז מתושלח געווען א רוהיגער, א הארעפאשנער נאר איין אויסגעהארעוועטער נעבאך. אנגעטיאפקעט זיך דעם גאנצען טאג אין דער כתריליווקער לייטיגער בלאטע און פערזארגט די שטאדט אויף א גאנץ מעת־לעת מיט וואסער, איז ער געווען צופריעדען אז מע האט איהם אויסגעשפאנט פונ'ם פעסיל, אונטערגעווארפען אביסעל שטרוי און פערביסען מיט א פאמעניצע וואס כתריליכע האט איהם אונטערגעטראגען מיט אזא פנים, ווי מע טראגט א שטייגער אונטער יעדער איין אנגעלייגטען גאסט א פאלומעטיק מיט פיש, אדער א שיסעל מיט וואראניקעס. אויף דער דאזיגער פאמעניצע פלעגט מתושלח ארויסקוקען ווי אויף עפיס רעכטס, מחמת דארטען האט זיך געפונען אלע מאל איין אויסגעווייקט שטיקעל ברויט, קאשע אביסעל, וכדומה אזעלכע ווייכע זאכען, וואס מע פערשפארט צו זיי ציהן. דעם גאנצען טאג האט כתריליכע געזאמעלט פון מתושלחים וועגען, געווארפען אין

פאמעניצע אריין וואס ס'איז איהר געקומען אין די הענט אריין,— לאז דאס פערדיל געבאך האבען וואס צו עסען, — און מתושלח, אז ער דאט איבערגעביסען, האט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום פעסיל און מיט'ן הינטען מחילה צו כתריליכען ווי איינער רעדט: „א דאנק אייך פאר אייער זאלץ און ברויט"... בשעת מעשה אראבגעלאזט די אונטערשטע ליפ נאך נידעריגער, דאס זעהענדיגע אייגיל צוגעמאכט און אריינגעלאזט זיך אין טיפע פערדישע געדאנקען.

ב.

מיינט נישט פון דעסטוועגען, אז אלע מאל זיינט מתושלח איז א פערד איז ער געווען אזוי ווי ער ווערט דא אויסגעמאלט. אמאל אין די יונגע יאהרען, בשעת ער איז נאך געווען א לאשעקיל און נאכגעלאפען דער מאמען נאכ'ן וואגען, האט ער זיך געשניטען גאר אויף א גוט פערדיל. מבינים האבען אויף איהם געזאגט נביאות, אז עס וועט פון איהם אויסוואכסען א פערדיל גאר אויף חדושים. „איר וועט איהר זעהען — האבען זיי געזאגט — ער וועט נאך געהן אמאל געשפאנט אין א קארעטע מיט די שענסטע מיט די בעסטע פערד"...!

אז דאס לאשעקיל איז אויסגעוואכסען און געווארען א פערדיל, האט מען דעם מחילה אנגעטהון א ציימיל און ארומגעפיהרט אויפ'ן יריד, אוועקגעשטעלט צווישען א גוזמא פערד, דורכגעטריבען איהם אמאל פוסציג הין און צוריק, געקוקט איהם אלע מינוט אין די ציינער אריין, אויפגעהויבען די פיס און בעטראכט די קאפיטעס, — און איבערגעגעבען איהם פון איינעם צום אנדערען.

פון דעמאלט אן הויבט זיך אן פאר איהם א לאנגער גלות, א נע־ונד זיין פון איין ארט אויפ'ן אנדערען, א בייטעניש פון איין בעל־הבית צום אנדערען, א שלעפען פון גרויסע שווערע וואגענס מיט דרייסיג פוד משא, א מאטערן ביז'ן בויך אין דער בלאטע, און א סדרה פון בייטשען, שטעקענס מיט קלעפ אן זייט אריין, אן קאפ און אן די פיס און אן אנדערע ערטער.

ג.

א שטיק צייט איז ער געגאנגען אין דישעל ביי א פאטשטאווע
וואגען אונטער'ן גלאק, וואס האט איהם ניט אויפגעהערט צו קלינגען
אין די אויערען אריין: גלין—גלין—גלאן! גלין—גלין—גלאן! און
געלאפען משוגענער ווייז הין און צוריק אלץ אויף איין טראקט. נאכ־
דעם איז ער אריבער צו א פראסטען בעל הגוף, וואס האט געארבעט
מיט איהם כל עבודת פרך: געאקערט און געזייעט, געפיהרט א מורא־
דיגען וואגען מיט תבואה, א פאס וואסער, א וואגען מיט מיסט,
פערדישקייט און קוהעניקייט, וכדומה אזעלכע גראבע ארבייט, צו
וועלכע ער איז כלל נישט געוואהנט געווארען. פון דארטען איז ער
אריינגעפאלען צו א ציגיינער אין די הענט אריין, האט מיט איהם
דער ציגיינער געמאכט אזעלכע זאכען, מאוס'ע סגולות צום לויפען,
וואס ער וועט זיי ניט פערגעסען ווייל ער וועט לעבען!... פונ'ם
ציגיינער איז ער אריבער אין א טאבון אריין מיט נאך א סך פערד
און פון דארטען איז ער אין א קורצער צייט מגולגל געווארען קיין
מאזעפעווקע צו א בעל־עגלה מיט א שווערען וואגען, געקאוועט אין
אייזען, מיט א סך גלעקליך און מיט א משונה מאדנע צעשמידערטע
סוכה, וואס מע רופט דאס „בויד". דא, ביים בעל־עגלה מיט דער בויד,
האט ער געחאפט בייטשען מיט שטעקענס אהן א שעור, גלייך ווי
א פערדישע פעל איז פון לעדער — נישט פון בלוט און פלייש,
גלייך ווי פערדישע זייטען זענען פון אייזען — ניט פון ביינער. וועה,
וועה וויפיעל מאל פלעגט זיך מאכען, אז קוים־קוים וואס ער פלאנ־
טערט מיט די פיס, פיהלט ווי אבצווייגעס ציהען איהם פאר די
לוטקעס, און אין בויך א שווערע משא, עפיס ווי א קנויל — און ער
דער אכזרי'שער בעל־עגלה „נא" און „וויא" און א שמיץ מיט דער
בייטש, און א זעץ מיט דער פוזשעלי, — טאמער ווייסט איהר וואס?

א שטיקיל גליק האטש, וואס ביי דעם בעל־עגלה איז איינ־
געפיהרט איין טאג אין דער וואך אזעלכער, וואס מע שטעהט אויף
איין ארט, מע שטעהט און מע קייעט און טהון טהוט מען גאר ניט.

מְתוּשֶׁלַח פְּלֶעגְט נִיט אֵיין מָאל פֶערְקְלֶערֶען זִיךְ; זַיין פֶערְדִישֶׁער מֹחַ הָאט גִישְׁט גֶעקָאנְט מַשִׂיג זַיין, וָואס אִיז דֶער שֵׂכֶל פוּנ'ם דָאזִיגֶען טָאג, וָואס מֶע רִיהְרְט נִיט פוּנ'ם אָרְט? אוּנ פַאר וָואס זָאל נִיט זַיין אַזוֹי כְּסֵדֶר? פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ טְרַאכְטֶען, אוֹיפְשְׁטֶעלֶען דִי אוֹיעֶרֶען, צוּמַאכֶען אַיין אֵייגִיל אוּנ קוּקֶען אוֹיף זַיינֶע צְווֵיי חֲבֵרִים, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אִיהם צוּגֶעבוּנְדֶען צוּ אֵיין בּוֹיד

ד.

פוּנ'ם בַּעל־עֲגָלָה מִיט'ן בֵּיידִיל אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אַ דְרֶעשׁ־מַאשִׁין, גֶעאַרְבֵּייט עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ, זִיךְ גֶעדְרֵעהט גַאנְצֶע טֶעג אַרוּם אַ רָאד, זִיךְ אָנְגֶעגֶעסֶען גוּט מִיט פָּארָאךְ אוּנ מִיט פַּאלָאוֶוע, וָואס אִיז אִיהם גֶעקְרָאכֶען אִין נָאז אַרַיין, אִין מוֹיל אוּנ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין אוּנ פֶערְדוּלְט גֶעווָארֶען פוּנ'ם טְרַאךְ טַארֶערַאךְ. „וָואס וֶועט זַיין פוּנ'ם דְרֵעהֶען זִיךְ? — פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ נִיט אֵיין מָאל טְרַאכְטֶען אוּנ וֶועלֶען אָבְּשְׁטֶעלֶען זִיךְ אוֹיף אַ מִינוּט — וֶוער הָאט דָאס אוֹיסְגֶעקְלֶעהרְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן דְרֵעהֶען זִיךְ אוֹיף אֵיין אָרְט?...״ מֶע הָאט אִיהם אָבֶּער לַאנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרַאכְטֶען; פוּן אוּנְטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינֶער מִיט אַ בַּייטְשׁ אוּנ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ הַאקֶען אוֹיף אִיהם: הוּ—הִי! הוּ—הִי!.. „פֶּרֶא־אָדָם אֵיינֶער! — טְרַאכְט עֶר זִיךְ אוּנ חַאפְּט אַ קוּק מִן הַצַד אוֹיף יֶענֶעם וָואס מִיט דֶער בַּייטְשׁ — אִיךְ וָואלְט אַ בֶּעלְן גֶעוֶועזֶן זֶעהֶען, מֶע זָאל דִיךְ אַיינְשְׁפַּאנֶען אָט אַ דָא אִין דֶער רָאד אוּנ אוּנְטֶערְשְׁמַייסֶען דִיךְ, דוּ זָאלְסְט דִיךְ דְרֵעהֶען אָהְן אַ שׁוּם טָאלְס״!...

סֶע פֶערְשְׁטֵעהט זִיךְ אַז פוּן אַזַא מִין דְרֵעהֶען זִיךְ אִין שְׁטֶענְדִיגֶען פָּארָאךְ אִיז עֶר אַרוּס גֶעבַּאךְ אַ־קַאלִיֶקֶע, אוֹיף אֵיין אוֹיג אַ בּוּלְמֶע, דָאס אַנְדֶערֶע אַבִּיסִיל רוֹיטְלִיךְ, אוּנ אוֹיף דִי פִּיס אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעווָארֶען אַבִּיסִיל גֶעחַאפְּט. מִיט אַזַא שַׁארְפֶען חִסָרוֹן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטוֹיגְט אוֹיף זִיבֶּען אוּנ צְווַאנְצִיג כַּפָּרוֹת, הָאט מֶען אִיהם אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט ווִידֶער אַמָאל אוֹיפ'ן יְרִיד, טָאמֶער וֶועט מֶען אִיהם קָאנֶען עֶמִיצֶען פַּטְרְ'וּן. מֶע הָאט אִיהם גַאנְץ פַיין אוֹיסְגֶעקֶעמְט, אוֹיסְגֶעפוּצְט דֶעם

הײדיל פלומר שט אונטערגעבונדען אונ די קאפּיטעס צוגעפּורבט מיט פּעטען; — עס האָט אָבער נישט געהאָלפען, א וועלט נאַרט מען נישט. וויפיעל מע האָט איהם נישט געטוטשעט, ער זאָל זיך בּחור'ען. האַלטען דעם קאָפּ מיט גדלות, ער האָט זיך געטהון זײַנס: אַראָפּ־ געלאָזט דעם קאָפּ מיט גרויס ענוות, די פּיסליך אויסגעקוקעלט, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט אַביסעלע אויף א זייט, אונ פון איין אויג געלאָזט אַ טרעהר!.. נײן, עס האָבען זיך שוין נישט געפונען אויף איהם קיין בּעלנים! א פּאָר מענשען זענען צוגעגאַנגען צו איהם, שוין אַפילו אין מויל אַרײַן נישט געקוקט, נאָר אַזוי אַ מאַך געטהון מיט דער האַנט אויף איהם איבער דער מאָרדע, אויסגעשפּיגען, אונ אַוועק געגאַנגען. איינער האָט זיך יאָ אָבגעריסען אַ בּעלן, נאָר נישט אויף איהם, אויף זיין פעל. מע האָט אָבער נישט געקאָנט דורכקומען פאַר'ן מקח; יענער, דער פעל־הענדלער, האָט בּעוויזען אַ חשבּון, אַז עס לוינט נישט: דאָס אָבפיהרען איהם, דאָס אומוואַלגערען מיט'ן אָבשינדען וועט קאָסטען מעהר וויפיעל די פעל איז ווערט.

ס'איז איהם אָבער בּעשערט געווען אַ פּנים אַ גוט עלטער, איז אונטערגעשפּרונגען כּתריאל דער וואַסערפיהרער אונ האָט איהם גע־ בּראַכט צו פיהרען קיין מאַזעפּעווקע.

ה.

בּיז אַהער איז כּתריאל דער וואַסערפיהרער אַ ייד אַ בּרייט־ בּייניגער מיט אַ צעפּלעצטער נאָז אונ מיט אַ בּעוואַקסען פּנים פון אויבען בּיז אַראָב, געווען אַליין דער וואַסערפיהרער אונ אַליין דאָס פערדיל, דאָס הייסט ער האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט מתּחילה אין פעסיל אונ צעפיהרט איבער דער שטאָדט דאָס וואַסער. ווי פיעל כּתריאל איז פערשוואַרצט געוואָרען דאָס גאַנצע לעבען זיינס, האָט ער קיינעם נישט מקנא געווען אויף דער וועלט; נאָר אַז ער האָט געזעהען עטיצען פאָהרען מיט אַ פערד, פלעגט ער זיך אָבשטעלען אונ לאַנג — לאַנג נאָכקוקען יענעם די טריט. זיין איינציגער וואונש

אויף דער וועלט איז געווען: נאט זאל איהם העלפען, ער זאל קאנען זיך צושלאגען צו א פערדיל, נאר וויפיעל ער האט נישט געקליבען, האט ער נישט געקאנט דערשלאגען זיך צו אזא קאפיטאל וואס ער זאל דערויף קאנען קויפען א פערדיל. פון דעסטוועגען האט ער נישט דורכגעלאזט קיין יריד ער זאל זיך נים דורכגעהן צווישען די פערד־ליך, גלאט אזוי א קוק טהון, ווי זאגט מען: א טאם אין וואגען. דער זעהען איין אומגליקליך, פערוואגעלט דערשלאגען פערדיל שטעהען אין מיטען יריד אהן א צייטיל, נישט צוגעבונדען אין ערגיץ, האט זיך כתריאל אבגעשטעלט. דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז דאס פערדיל בעדארף זיין אנגעמאסטען פאר זיין געלד.

כך הוה. ער האט זיך לאנג נישט בעדארפט דינגען; כתריאל האט גענומען דאס פערדיל און איז מיט א פרייליך הארץ געלאפען אהיים. געקומען אהיים האט ער אנגעקלאפט אין דער טיר פון דרויסען, איז ארויסגעגאנגען כתריליכע א דערשראקענע.

— וואס איז דאס? נאט איז מיט דיר!

— געקויפט, ווי איך בין א יוד, געקויפט.

כתריאל און כתריליכע האבען נישט געוואוסט, וואו מע זאל אהינטהון דאס פערדיל. זיי זאלען זיך נים שעמען פאר די שכנים, וואלטען זיי דאס אריינגעפיהרט אין שטוב אריין. ניך איז בעשאסען געווארען אביסיל שטרוי און היי, און כתריאל מיט כתריליכען האבען זיך אוועקגעשטעלט, זיך געשפיגעלט אינ'ם פערדיל, זיך גאר נישט געקאנט אנקוקען.

אויך די שכנים זענען זיך צונויפגעקומען אנקוקען די כשר'ע מציאה וואס כתריאל האט געבראכט צו פיהרען פונ'ם יריד; מע האט געלאכט פונ'ם פערדיל, געמאכט חוזק; עס זענען געפלויגען ווערטליך אלערליי, ווי געוויינטליך. דער האט געזאגט א חכמה, אז דאס פערדיל איז גאר נישט קיין פערדיל, נאר א „מויל־אייזיל“; און דער אנדערער האט געזאגט: וואסער מויל־… ס'איז גאר א קאץ! דער דריטער

הָאט גֶעזָאגְט: ס'אִיז אַ רוּחָנִית, מֶע בֶּעדַארְף דָאס הִיטֶען פוּן אַ וִוינְט, וָואריוּם אַ רֶעכְטֶער וִוינְט קָאן דָאס חָלִילָה אַוֶועקְטְרָאגֶען.

— וִויפִיעל קָאן דָאס אַלְט זַיין? הָאט אֵיינֶער אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן.

— מֶעהר וִויפִיעל כַּתְרִיאֵל מִיט כַּתְרִילִיכֶען אִינְאֵיינֶעם.

— מְתוּשֶׁלַח'ס יָאהרֶען.

— מְתוּשֶׁלַח!

אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז אִיהם פֶערְבְּלִיבֶּען דער נָאמֶען מְתוּשֶׁלַח עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

ו.

דֶערְפַאר אִיז אִיהם אָבֶּער גֶעוֶוען בַּיי כַּתְרִיאֵל דֶעם וַואסֶער־פִיהרֶער אַזוֹי וִוי גָאךְ קֵיין מָאל נִישְׁט, אַפִילוּ גָאר אִין דִי גוּטֶע יָאהרֶען. עֶרְשְׁטֶענְס אִיז דִי אַרְבֵּייט עֶפִּיס גָאר אַ גֶעלֶעכְטֶער אוּנ גֶענוּג. שְׁלֶעפֶּען אַ פֶעסִיל וַואסֶער אוּנ בַּיי יֶעדֶער שְׁטוּב אָבְּשְׁטֶעלֶען זִיךְ — אוֹיךְ מִיר אַיין אַרְבֵּייט! אוּנ דֶער בַּעַל־הַבָּיִת אִיז עֶפִּיס גָאר אַ דִימֶענְט. אַ מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נִיט צוּרִיהרֶען, קֵיין הוֹיכֶען גֶעשְׁרַיי נִישְׁט טְהוּן, הַאלְטֶען אַ בַּייטְשׁ פוּן יוֹצֵא וֶועגֶען! הַיינְט דָאס עֶסֶען. אֱמֶת, קֵיין הָאבֶּער קוּקְט עֶר נִישְׁט אָן; נָאר צוּ וָואס טוֹיג אִיהם דֶער הָאבֶּער, אַז עֶר הָאט מִמֵּילָא נִישְׁט מִיט וָואס צוּ קַייעֶן? נִישְׁט גְלַייכֶער שׁוֹין דִי פָּאמִינִיצֶע מִיט דִי וַוייכֶע שְׁטִיקְלִיךְ בְּרוֹיט וָואס כַּתְרִילִיכֶע טְרָאגְט אִיהם אַלֶע טָאג אָקֶעגֶען? אוּנ נִישְׁט אַזוֹי דִי פָּאמִינִיצֶע וִוי דָאס דֶערְלַאנְגֶען דִי פָּאמִינִיצֶע. מֶע בֶּעדַארְף זֶעהֶען וִוי כַּתְרִילִיכֶע שְׁטֶעהט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה צוּנוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן הַארְצֶען אוּנ קְלוֹיבְּט נַחַת פוּן מְתוּשֶׁלַח'ן, וִוי עֶר עֶסְט דָאס קֵיין עַיִן־הָרָע נִיט. קוּמְט בַּיינַאכְט, בֶּעט מֶען אִיהם אוּיס אִין הוֹיז אַבִּיסִיל שְׁטְרוֹי אוּנ מֶע גֵעהט אַרוֹיס אַלֶע מָאל אָדֶער כַּתְרִיאֵל אָדֶער כַּתְרִילִיכֶע גֶעוָואהר וֶוערֶען, צִי מֶע הָאט אִיהם חָלִילָה נִיט אַוֶועקְגֶעלַקְחָ'ענְט. גַאנְץ פְּרִיה, אַז גָאט אַלֵיין שְׁלָאפְט נָאךְ, אִיז שׁוֹין כַּתְרִיאֵל בַּיים פֶערְדִיל, עֶר שְׁפַּאנְט דָאס אַיין פַאוָואלִיגְקֶע אִין פֶעסִיל, זֶעצְט זִיךְ אוֹיף אוּנ פָאהרְט צוּם טַייךְ נָאךְ וַואסֶער אוּנ זִינְגְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה מִיט אַ מְשׁוּנֶה כָּאדָנֶעם נִגּוּן:

אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ —

— „אַז וואהל איז דֶעם מֶענְשֶׁען, הֵייסְט דָאס, וָואס גֵעהט נִישְׁט צוּ פִּיס...“ אוּנ אַז עֶר גִיסְט אָן דָאס פֶּעסִיל מִיט וַואסֶער גֵעהט עֶר שׁוֹין צוּרִיקְוֶועגְס צוּ פִּיס אָהן אַ נִגוּן, טִיאָפֶּקֶעט גְלַייךְ מִיט מְתוּשֶׁלַח׳ן אִין דֶער בְּלָאטֶע, דְרֵעהט מִיט דֶער בַּייטְשׁ — נוּ זְשֶׁע, מְתוּשֶׁלַח, רִיהר זִיךְ, רִיהר זִיךְ!

מְתוּשֶׁלַח שְׁלֶעפְּט דִי פִּיס פוּן דֶער בְּלָאטֶע, שָׁאקֶעלְט מִיט׳ן קָאפּ אוּנ חַאפְּט אַ קוּק מִיט׳ן אֵיינְצִיגֶען אֵייגִיל אוֹיפְ׳ן בַּעַל־הַבַּיִת אוּנ טְרַאכְט זִיךְ בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה: „זִינְט אִיךְ בִּין אַ פֶערְד, הָאט זִיךְ מִיר נָאךְ נִיט גֶעטְרָאפֶען דִינֶען בַּיי אַזַא מְשׁוּנֶה מָאדְנֶע בְּרִיאָה“! אוּנ דָאס פֶערְדִיל אִיז זִיךְ מְיַשֵּׁב, מְהוּט זִיךְ אַ רוּק אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּיס אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אָב אוֹיף אַ צִיקַאוָועסְט אִין מִיטֶען דֶער בְּלָאטֶע, ווִי אֵיינֶער רֶעדְט: „אַנוּ, לָאמִיר אִינְמִיסְטֶען זֶעהֶען, וָואס וֶועט זַיין דֶערְפוּן?“..

דֶערְזֶעהֶען אַז דָאס פֶערְדִיל הָאט זִיךְ פְּלוּצִים אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, הוֹיבְּט אָן כַּתְרִיאֵל אַרוּמְדְרֵעהֶען זִיךְ אַרוּם פֶּעסִיל, בֶּעטְרַאכְטֶען דִי רֶעדֶער, דִי אַקְסֶען, דִי שְׁטְרִיקְלִיךְ; אוּנ מְתוּשֶׁלַח, אוֹיסְגֶעדְרֵעהט דֶעם קָאפּ צוּ כַּתְרִיאֵל׳ען אוּנ אַ מַאךְ מִיט דִי לִיפֶּען ווִי אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעטְהוּן, טְרַאכְט עֶר זִיךְ: „אַ טִפֵּשׁ אֶט דֶער וַואסֶערְפִירֶער! אַ חוּשִׁים, אַ פְּרָאסְטֶע בְּהֵמָה“!...

ז׳

ס׳זָאל כְּסֵדֶר זַיין גוּט אוֹיף דֶער וֶועלְט — דָאס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן. אוֹיף ווִיפִיעל מְתוּשֶׁלַח הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט גְלִיקְלִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער בַּיי כַּתְרִיאֵל׳ען אוּנ כַּתְרִילִיכֶען, אַזוֹי פִיעל אִיז עֶר אוֹיךְ גֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען, אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען צָרוֹת, יְסוּרִים אוּנ בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן זַייעֶרֶע שְׁכֵנִים׳ס קִינְדֶער אוּנ פוּן גְלַאט קִינְדֶער.

פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט אָן, וָואס מֶע הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּ פִיהרֶען, אוּנ קְלֵיינְוַוארְג הָאט אִיהם דֶערְזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵיי בֶּעקוּמֶען צוּ אִיהם עֶפִּיס אַ מִין... נִישְׁט קֵיין שִׂנְאָה חַס וְשָׁלוֹם, אַדְרַבָּה פֶּע־

קָעהרְט, זַיי הָאבֶּען אִיהם דַוְקָא לִיעבּ גֶעהַאט; נָאר דָאס דָאזִיגֶע לִיעבּ־שַׁאפְט אִיז גֶעוֶועזֶען פַאר מְתוּשֶׁלַח׳ן אַ שְׁחִיטָה; הַלְוַאי וָואלְטֶע זַיי אִיהם בֶּעסֶער ווִינְצִיגֶער לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ אַבִּיסֶעלֶע מֶעהר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט...

דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען אִיהם כַּתְרִיאֵלִ׳ס קִינְדֶער, בָּארְוִויסֶע תַּלְמוּד־תּוֹרָה יוּנְגְלִיךְ, אוֹיסְגֶעפְּרוּבְּט, אַז קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעזֶעהֶען, צִי פִיהלְט עֶר אַזוֹי וִוי אַ מֶענְשׁ, צִי נֵיין? הָאבֶּען זַיי אִיהם גֶעפְּרוּבְּט פוּן דֶער גְרִינְג מִיט אַ שְׁטֶעקִיל אִיבֶּער דֶער פֶעל — נֵיין; אַ קִיצֶעל אִיבֶּער דִי פִּים — נֵיין, אַ שְׁנָאל אִיבֶּער׳ן אוֹיעֶר — קוּים—קוּים. עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם אַז זַיי הָאבֶּען אִיהם גֶעפְּרוּבְּט מִיט אַ שְׁטְרוֹיעֶלֶע אִיבֶּער׳ן ווַייסֶען אֵייגִיל מִיט דֶער בּוּלְמֶע, הָאבֶּען זַיי עֶרְשְׁט דֶערְמָאלְט דֶערְזֶעהֶען, אַז עֶר פִיהלְט וִוי אַ מֶענְשׁ, מַחְמַת עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ פִּינְטִיל מִיט דִי אוֹיגֶען אוּנ אַ מַאךְ מִיט׳ן קָאפּ, הִין אוּנ צוּרִיק, וִוי אֵיינֶער רֶעדְט: „נֵיין, דָאס נִיט, דָאס גֶעפֶעלְט מִיר נִיט“... וִוי בַּאלְד אַזוֹי הָאבֶּען זַיי שׁוֹין דֶערְטַאפְּט אַ רִיטִיל פוּן אַ בֶּעזֶעם אוּנ הָאבֶּען אִיהם אַרַיינְגֶערוּקְט טִיעף אִין נָאז אַרַיין, הָאט מְתוּשֶׁלַח גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁפְּרוּנְג אוּנ אַ טַאנְץ אוּנ אַ פָּארְשְׁקֶע מִיט דֶער נָאז, אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען כַּתְרִיאֵל מִיט אַ גְוַואלְד:

— שְׁקָצִים, עַכְבְּרוֹשִׁים, וָואס פָארֶעט אִיהר זִיךְ מִיט׳ן פֶערְד? אִין חֵדֶר אַרַיין הוּלְטַייעֶס!

אוּנ חֶבְרָה הָאבֶּען גֶענוּמֶען דִי פִּים אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס אוּנ זֶענֶען אַוֶועק אִין חֵדֶר, דָאס הֵייסְט אִין דֶער תַּלְמוּד־תּוֹרָה אַרַיין.

ח.

דָארְט אִין דֶער תַּלְמוּד־תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער אַ רְאוּבֶ׳עלֶע אַ סְפִּירְטָאוֶוע יוּנְגִיל, אַ מַזִּיק, זָאל גָאט שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין! אוֹיף אִיהם הָאט זַיין אֵייגֶענֶע מַאמֶע אַלֵיין גֶעזָאגְט, אַז „אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער זָאל מֶען גֶעדִיכְט זֵייעֶן אוּנ שִׁיטֶער אוֹיפְגֵעהן“. זַיין עוּבְדָא אִיז גֶעוֶועזֶען אַייגֶעסֶען זִיךְ אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער אִין דִי בֵּיינֶער אַרַיין, וואו אַ בּוֹידֶעם וואו אַ קֶעלֶער — אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען אוֹיסֶען. טְרַייבֶּען הִיהנֶער, גֶענְז אָדֶער קַאטְשְׁקֶע־

קעס, שרעקען ציגען, מוטשען קעץ, שלאגען הינט, פון חזרים שמועסט מען ניט — דאס איז ביי איהם געווען דאס חיות! די קלעפ פון דער מאמע, די שמיץ פונ'ם תלמוד־תורה מלמד און די פעטש פון ווילדע פרעמדע זענען געווען ארויסגעווארפען, און די קללות, וואס מע האט אין איהם אריינגעלייגט — ווי איין ארבעס אין וואנט אריין. אט, דאכט זיך, האט מען איהם געפאטשט, אט, דאכט זיך, האט ער גע־וויינט מיט טרערען, זיך נור אבגעקערעוועט אן א זייט — א הא! ראובע'לע האט שוין ארויס געשטעלט א צונג, געמאכט א ווייניעלי פון דער אונטערשטער ליפ, אדער א פאחיר פון די באקען. [illegible] צוויי באקען האט ער געהאט ווי די פאמפעשקעס, געווען תמיד [illegible]ר און שטענדיג פריילאך, דאס וואס די מאמע איז א וויסטע אלמנה און מוטשעט זיך ווי אויפ'ן טוידט און צאהלט פאר איהם א קערבל א [illegible] שכר למוד — דאס איז ניט זיין עסק.

אז ראובע'לע איז געוואהר געווארען פון בתריאל'ס קינדער, אז זייער טאטע האט געבראכט צופיהרען פונ'ם יריד א פערדיל און סע הייסט מתושלח, איז ער אויפגעשפרונגען אויף א בייינקיל, א וויש געטהון דאס נעזיל מיט ביידע הענט הין און צוריק און אויסגערופען בקול רם:

— קינדער, מיר האבען שוין א „שמיטשיק!"

צו בעמערקען, אז ראובע'לע האט פון קינדווייז אן ליעב געהאט כלי־זמר. אויסגענאנגען נאך א פידעל, טאקי ממש עס האט זיך איהם געעקט דאס חיות, אז ער האט דערהערט שפילען; און דערצו האט ער געהאט א שעהן קולכיל, געקענט אלע נגונים אויף אויסווייניג. ער האט גאר אנדערש ניט גערעכענט, אם ירצה השם אז ער וועט אויס־וואכסען א גרויסער, וועט ער זיך קויפען א פידעל און וועט שפילען טאג ווי נאכט אויפ'ן פידעל. דערווייל האט ער זיך געמאכט פון א שטיק האלץ א קליין פידעלי, מיט פאדעם אויפ'ן ארט פון סטרונעס, דערביי געהאפט גוטע קלעפ פון דער מאמען.

— אַ כלי־זמר וועט פון דיר אויסוואקסן? ניט דערלעבן זאל איך דאס!

פארנאכט, אז חיים חנה דער תלמוד־תורה מלמד האט צולאזט די תלמידים, זענען זיי אלע געגאנגען מקבל פנים זיין כתריאל דעם וואסערפירער'ס פערדיל. דער ערשטער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג ראוב'עלע, אז דאס פערדיל איז איין אויסגעצייכנט פערדיל, עס וועט נעבן סטרונעס פונ'ם ווידיל וויפיל מע וועט בעדארפן. א סימן אט וועלן מיר באלד א פרוב טהון!

און ראוב'עלע האט זיך פארגנב'עט צו מתושלח'ן פון אונטען און האט אנגעהויבן שלעפן ביי איהם האר פונ'ם ווידיל. כל זמן ראוב'עלע האט געשלעפט די האר איינציגווייז, איז מתושלח געשטאנען רוהיג, ווי איינער רעדט: „א האר פונ'ם ווידיל? וואס קען דאס מיר שאדען? טא, אויך די אייגענע מעשה, וועט זיין ווינציגער מיט א האר!"... נאר אז ראוב'עלע האט זיך צוגעחאפט צום ווידיל, אנגעהויבן רייסן מיט א מאל א גאנצען זשמוט, האט דאס שוין מתושלח'ן גוט פערדראסען, ווי איינער רעדט: „לאז אריין א חזיר אין שטוב, קריכט ער אויפ'ן טיש"... און נישט לאנג געטראכט האט ער דערלאנגט ראוב'עלען מיט דער אונטערשטע פוס גלייך אין די צייהן אריין און האט איהם צעהאקט די ליפ אויף צווייען.

— א מצוה, א דוגער איז מיר! זעהר רעכט, א שלאק איז מיר! קריך נישט, וויסט איז מיר!

אזוי האט געזאגט די מאמע זיינע, יענטע די לעפטשיכע, געלייגט איהם קאלט וואסער צו דער צעהאקטער ליפ, געוויינט, געבראכען די הענט, געלאפען צו חיענע די רופא'טע, איינגעלייגט די וועלט.

ט.

ראוב'עלע איז געווען ברוך השם אזא קינד, וואס אלסדינג האט זיך אויף איהם פערהיילט גיך „ווי אויף א הונט". איידער מע האט זיך ארומגעקוקט איז שוין די ליפ ביי איהם ווידער צענויפגעוואקסן גע־

וואָרען, גלייך ווי נאָר נייטש געוועןן, און ער האָט צוגעטראַכט נאָר אַ נייע זאַך: מע בעדאַרף זיך אַ מאָל דורכפּאָהרען רייטענדיג אויף מתושלח'ן און דווקא אַלע תלמוד תורה יונגליך מיט אַ מאָל, נאָר ווען און ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אָב, אַז קיינער זאָל ניט וויסען? איז ראובע'לע געפאַלען אויף אַ שכל, אַז דאָס איז גוט נור שבת בײַ טאָג בשעת דער עולם עסט אָב און לייגט זיך שלאָפען, דעמאָלט חאַטשע נעם און טראָג אַרויס גאַנץ כתריליוועקע מיט האַק און פּאַק. האָט זיך אפילו איינער, אַ תלמוד תורה יונגיל, געשטעלט אַקעגען: „ווי אַזוי פאָהרט דאָס אַ יוד אים שבת?" האָט איהם ראובע'לע דערויף געענטפערט — בהמה! דאָס הייסט דען געפאָהרען? דאָס ווערד אָנגערופען געשפּיעלט זיך...

ס'איז געקומען שבת בײַ טאָג, דער עולם האָט אָבגעגעסען, געלייגט זיך שלאָפען, און כתריאל מיט כתריליכען בתוכם האָבען זיך חברה פאַוואָלי אַרײַנגעגנבע'ט צום וואַסערפיהרער אין הויז אַרײַן, און ראובע'לע האָט גענומען אויספּוצען מתושלח'ן ווי ווייט מעגליך. קודם כל האָט ער איהם „פערפלאָכטען די גריווע, געמאַכט צעפּליכע צעפּליך, בעפּוצט מיט שטרויעליך; נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ אַ ווייסען פּאַפּירענעם ספּאָדיק, צוגעבונדען אויפ'ן האַלז מיט בענדליך, און אַחרי כבלות הכל האָט ער איהם אָנגעהאָנגען פון אונטען אַיין אַלטען בעזעם, כדי דער וויידיל זאָל אויסקוקען שענער און לענגער, און חברה האָבען אָנגעהויבען זעצען זיך, קריכען אויף מתושלח'ן איינס איבער'ן אַנדערען; ווער עס האָט פערחאַפּט אַיין אָרט פריהער, דער איז געזעסען אויפ'ן פערד, און די איבריגע וועלען זיך שוין זעצען נאָכדעם, נאָר דערווייל זענען זיי נאָכגעגאַנגען פון אונטען, געהאָלפען אונטערשרײַען מתושלח'ן, ער זאָל גיהן אַ ביסיל גיכער און געזונגען:

„ככה יעשה לסוס אשר ראובע'לע חפץ ביקרו!"

מתושלח האָט אָבער קיין חשק ניט געהאַט לויפען און איז זיך געגאַנגען טריט בײַ טריט, וואָרום ערשטענס וואָס האָט ער קיין צייט

נִיט? וְהַשֵּׁנִית, אִיז דָאךְ עֶפִּיס הַיְינְט אַ טָאג פוּן רוּהֶען! רָאוּבֶ'עלֶע הָאט אָבֶּער נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַייבֶּען דָאס פֶערְדִיל, נָאקֶעז, וְוַאקֶען אוּן סִיוּקֶען אוּן שְׁרַייעֶן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אוֹיף דֶער אִיבֶּערִיגֶער חֶבְרָה:

— אַ רוּחַ אִין אַייעֶר ט... ט... אַרַיין, וָואס שְׁוַויינְט אִיהר?!

אוּן מְתוּשֶׁלַח אִיז זִיךְ אַלֶין גֶעגַאנְגֶען טְרִיט בַּיי טְרִיט, זִיךְ גֶע־טְרַאכְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה: „קוֹנְדֵיסִים שְׁפִּיעלֶען זִיךְ, טַא, לָאזֶען זַיי זִיךְ שְׁפִּיעלֶען“..

נָאר אַז חֶבְרָה הָאבֶּען אִיהם שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְקוּטְשֶׁען, אוּנְטֶערְטְרַייבֶּען אוּן מַאכֶען מִיט דִי הֶענְט, הָאט מְתוּשֶׁלַח אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהְן גִיכֶער, אוּן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ גֶעהְן גִיכֶער, הָאט אִיהם אוֹנְטֶען דֶער בֶּעזֶעם אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁלָאגֶען אִין דִי פִיס אַרַיין, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען לוֹיפֶען נָאךְ גִיכֶער, הָאט אִיהם דֶער בֶּעזֶעם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁלָאגֶען נָאךְ שְׁטַארְקֶער, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפְּרִינְגֶען, הָאבֶּען חֶבְרָה גֶעקְוֶועלְט אוּן רָאוּבֶ'עלֶע הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶעצְקֶעט אוּן גֶע־שְׁרִיגֶען: הָאפּ — הָא.. — הָאפּ! אַזוֹי לַאנְג גֶעהָאפֶּקֶעט בִּיז זַיי הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַּאלֶען אֵיינְצִיגְוַוייז וִוי דִי הַאלֶעשְׁקֶעס, אוּן אַז מְתוּשֶׁלַח הָאט זַיי אַלֶעמֶען אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען אוּן דֶערְפִיהלְט אַז עֶר אִיז פְרַיי, הָאט עֶר עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען לוֹיפֶען טְשׁוּגֶעגֶערְוַוייז אוּן אִיז גֶעשְׁמַיידִיג גֶעלָאפֶען, אוּן גֶעלָאפֶען. בִּיז אוֹיף יֶענֶער זַייט מִיהלֶען, הֶעט — הַעט אוּנְטֶער'ן שְׁטָאדְט אַרוּם.

דֶערְזֶעהְן לוֹיפֶען אַ מְשׁוּנָה מָאדְנֶע פֶערְדִיל מִיט אַ פַּאפִּירֶענֶעם סְפָּאדִיק, הָאבֶּען דִי שְׁקָצִים דִי פַּאסְטִיכֶער גֶעמַאכְט אַ הֶעץ אוֹיף אִיהם, אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהם נָאכְלוֹיפֶען, וַוארְפֶען מִיט שְׁטֶעקֶענְס, אוּן הָאבֶּען אָנְגֶערַייצְט אוֹיף אִיהם דִי הִינְט. יֶענֶע, דִי כְּלָבִים הַייסְט דָאס, הָאבֶּען זִיךְ דַוְקָא נִיט גֶעלָאזְט לַאנְג בֶּעטֶען אוּן הָאבֶּען גֶענוּמֶען יָאגֶען זִיךְ נָאךְ אִיהם, בַּייסֶען אוּן רַייסֶען; עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען אִיהם אָנְגֶענוּמֶען אוּנְ־טֶען בַּיי דִי לִיטְקֶעס; עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען אִיהם אָנְגֶעכַאפְּט פוּן פָארְנְט בַּיים נָארְגֶעל. מְתוּשֶׁלַח הָאט אַזְשׁ אָנְגֶעהוֹיבֶּען חָרְאפֶּען, אַזוֹי לַאנְג אַזוֹי בְּרֵייט בִּיז זַיי זֶענֶען אִיהם דֶערְגַאנְגֶען דֶעם עֶק.

ו.

אויף מארגען האבען שוין חברה געהאט זייער געהעריג אויסקי־בעניש. א חוץ דעם וואס זיי האבען זיך צעשלאגען די נאז און צע־ביילט די שטערענס פונ'ם פאלען, האבען זיי געהאט פעטש אין דערהיים און שמיץ פון חיים חנה דעם מלמד. און מעהר פון אלעמען האט געליטען געוויינליך ראובעלע, מחמת אלע איבריגע יונגליך, אז מע האט זיי געשמיסען האבען זיי חאטש געוויינט, און ראובעלע האט, פערקערט, נאר געלאכט; האט מען דאך איהם נאך מעהר גע־קאטעוועט; נאר וואס מעהר מע האט איהם געשלאגען, האט ער מעהר געלאכט, און וואס מעהר ער האט געלאכט, האט מען מעהר געשלא־גען, — אזוי לאנג ביז חיים חנה דער מלמד האט זיך אליין אויך צע־לאכט, און אויף איהם קוקענדיג אלע תלמידים. ס'איז געווארען אזא געלעכטער, אז אלע שכנים זענען זיך צונויפגעקומען און גלאט קיב־שען, יודען און ווייבער, יונגליך און מיידליך פון דער גאס: „וואס איז? וואס איז דער געלעכטער? וואס לאכט מען וואס?" האט זיי קיינער נישט געקאנט ענטפערען קיין ווארט, מחמת מע האט זייער שטארק געלאכט האבען יענע, די פרישע מענשען, זיך אויך אנגענו־מען פונ'ם געלעכטער און האבען אויך אנגעהויבען צו לאכען; האבען יענע, די ערשטע, אנגעהויבען לאכען נאך שטארקער, און יענע, די פרישע, אויף זיי קוקענדיג, נאך שטארקער, — הכלל מע האט זיך פשוט געקאטשעט אויף די בייכער, געהאלטען זיך ביי די זייטען לאכענדיג.

נאר צוויי מענשען האבען נישט געלאכט. דאס זענען געווען: עזריאל דער וואסערפיהרער און זיין ווייב בתרילכע. א קינד חלילה אז עס געהט אוועק פון א שטוב, ווייס איך ניט, אויב מע בעדארף אזוי פיעל וויינען, וויפיעל עזריאל מיט בתרילכען האבען געוויינט אויף זייער גרויסען שאדען אויף זייער ארעם פערדל נעביך, אויף מתושלחן.

דער זייגער.

א מעשה.

דער זייגער האט אויסגעשלאגען דרייצעהן (13)...

מיינט נישט אז איך שפאס, איך דערצעהל אייך גאנץ ערענסט א מעשה, וואס האט זיך פארלאפען אין מאזעפעווקע, ביי אונז אין שטוב מאקי, אונ וואס איך אליין בין דערביי געוועזען.

מיר האבען געהאט א זייגער, א וואנדזייגער, איין אלטען-אלטען ירושה זייגער פון דעם זיידען נאך, וואס דער זיידע האט איהם גע־האט פונ'ם עלטער־זיידען, עטליכע דורות כסדר, נאך פון פאר חמעל־ניצקעס צייטען. איין עבירה כ'לעבען וואס א זייגער איז נישט קיין לע־בעדיגע זאך, א שטומע צונג אונ קאן נישט רעדען: ער וואלט דאס געהאט צו דערצעהלען אונ צו דערציהלען!... איין שטאדט האט אונ־זער זייגער געהאט א שם פאר'ן ערשטען זייגער, „רב נחום'ס זייגער". מענשען פלעגען קומען אנשטעלען אויף איהם זייערע זייגערס, ווארום זיין גאנג איז געווען דער אמת'ער, ריכטיגער גאנג. איהר קענט פאר־שטעהן, אז אפילו רב לייביש חקרן, א יוד א פילוסוף, וואס איז געווען קלאהר אין „שקיעת החמה" פון דער זון אליין אונ איז געווען קלאהר דעם לוח אויף אויסווייניג, — האט ער אליין געזאגט (איך האב דאס געהערט פון זיין מויל), אז אונזער זייגער איז... אפילו קענען זיין זייגעריל א גרויסע שמאטע, נישט ווערט קיין שמעקטאבעקע, נאר ווערדליג ס'איז פאראן זייגערס, איז אונזער זייגער א זייגער... אונ אז רב לייביש חקרן אליין האט געזאגט, האט מען געמעגט שטעלען אויף זיינע רייד, ווארום רב לייביש האט זיך נישט געפוילט אלע מיטוואך פארנאכט בין מנחה למעריב, ארויסקלעטערען פון אויבען אויף דער ווייבערשע שול, אדער אויפ'ן שפיץ-בארג וואס נעבען אלטען בית-המדרש אונ גוט נאכקוקען, חאפען די מינוט ווען די זון זעצט זיך. אין איין האנד האט ער געהאלטען זיין זייגעריל, אין דער

אנדערע האנד—דעם לוח, און בשעת די זון האט זיך אראבגעלאזט אויף יענער זייט מאזעפּעווקע, האט רב לייביש געמאכט צו זיך אליין: „געכאפּט!“ אפּטליך פּלעגט ער קומען צו אונז אויסגלייכען זיך מיט די זייגערס. אריינגעקומען צו אונז, אהן א גוטען אבענד, האט ער נור א קוק געטהון אויף אונזער וואנדזייגער, אויף זיין זייגעריל און אויפ'ן לוח, נאכדעם ווידער אמאל אויף אונזער וואנדזייגער, אויף זיין זייגעריל און אויפ'ן לוח, עטליכע מאל—און נישטא מיך.

גאר איין מאל האט זיך געטראפען אז רב לייביש איז אריינגעקומען צו אונז אויסגלייכען די זייגערס מיט'ן לוח, האט ער געמאכט א געוואלד:

— נ-חום! גיכער! וואו ביזט דו?

דער טאטע, נישט טוידט נישט לעבעדיג, קומט צו לויפען.

— הא, וואס איז געשעהן, רב לייביש?

— רוצח, דו פרעגסט נאך? — מאכט צו איהם רב לייביש און טראגט איהם אונטער זיין זייגעריל גלייך אונטער דער נאז און טהוט איהם א ווייז אויף אונזער וואנדזייגער און שרייט אויס מיט א קול, ווי א מענש וואס מע האט איהם אנגעטראטען סאמע אויפ'ן קראנקען פינגער:

— נ-חום! וואס שווייגסט דו? סטייטש, ער לויפט דאך אויף אנדערהאלבען מינוט, אויף אנ-דערהאל-בען מינוט! ווארף איהם ארויס!!! (דאס לעצטע ווארט קוועטשט ער שטארק, ווי פונים שמע ישראל דעם „אחד“!)

דעם טאטען פארדריסט די מעשה. וואס הייסט מע הייסט איהם ארויסווארפען דעם זייגער?!

— פון וואנען — זאגט ער — איז געדרונגען. רב לייביש, אז מיין זייגער לויפט אויף אנדערהאלבען מינוט? טאמער וואלטען מיר געלערענט דעם אייגענעם פשט פארקעהרט, אז אייער זייגעריל געהט איינגעהאלטען אויף אנדערהאלבען מינוט? א קשיה אויף א מעשה?

רב לייביש טהוט א קוק אויפ'ן טאטען מיט אזעלכע אויגען, זוי אויף א מענשען, וואס האט נור וואס געזאגט, אז עס קען געמאלט זיין דריי טאג ראש חודש, אדער אז ס'איז מעגליך אז שבעה-עשר-בתמוז זאל פאלען אום ערב פסח, אדער כדומה אזעלכע משונה ווילדע געדאנקען, וואס אז מע זאל נאר וועלען זיך צולאזען צום הארצען, קאן מען דעם שלאג באקומען!... רב לייביש ענטפערט נישט דאס אנדערע ווארט! ער טהוט א טיפען זיפץ. דרעהט זיך אום אהן א זייגעזונד, טהוט א זעץ מיט דער טיהר און—נישטא מיך! נאר עס מאכט נישט אוים; רב לייביש'ן קען די גאנצע שטאדט, אז ער איז זיך אזא יוד וואס איהם געפעלט נישט קיין זאך אויף דער וועלט. אויפ'ן בעסטען הון וועט ער אייך זאגען, אז ער איז א קאטשאן, א שייטהאלץ; אויפ'ן קליגסטען מענשען — אז ער איז א בהמה בצורת פערד אויפ'ן שענסטען שדוך, אז ס'איז קרום ווי א קאטשערע, און אויפ'ן גלייכסטען משל, אז עס קלעפט זיך ווי אַיין ארבעס צום וואנד. אט אזא יוד איז זיך געווען רב לייביש חקרן. נאר איך קעהר מיך אום צוריק צו אונזער זייגער. דאס איז שוין געווען, זאג איך אייך, איין מאל א זייגער! זיין קלינגען האט מען געהערט אין דער דריטער שטוב: באם!... באם!... אויף זיין קלינגען האט כמעט א האלבע שטאדט געלעבט: אבגערעכט חצות, אויפגעשטאנען צו סליחות, פריינטאג צו דער חלה, ערב שבת געבענשט ליכט, שבת צו נאכטס אנגעצונדען פייער, געזאלצען פלייש וכדומה נאך אזעלכע זאכען, וואס זענען שייך צו יודישקייט, — הכלל אונזער זייגער איז געווען א שטאדט זייגער. ער האט געביך געדיענט זעהר, זעהר געטריי, ער האט זיך קיין מאל נישט געפרובט שטעלען אפילו אויף א מעת לעת. ער האט אויף זיין לעבען נישט פערזוכט דעם טעם, וואס הייסט א זייגערמאכער. דער טאטע איז אליין געווען איבער איהם דער מייסטער. (ער האט געהאט א ידיעה אינים שכל הזייגערמאכעריי"). אלע ערב פסח האט ער איהם פאוואלינקע אראבגענומען פון דער וואנד, דורכגערייניגט די געדערעם מיט א פלעדערוויש, ארויסגענומען פון אינ־

ווייניג אַ פּאַק שפּינוועבס (פּאַוטינע) מיט געמיטמעטע פֿליגען, וואָס שפּינען האָבען אַהינצו פערנאַרט, פערפּלאָנטעט און אָנגעריסען די קעפּליך, מיט טויטע טאַראַקאַנעס און נעסטליך, וואָס האָבען אַליין פערבלאָנזעט אַהין און געהאַט דאָרטען אַ מיתה משונה.... אויסגע־ריינגט און אויסגעפּוצט, האָט ער איהם אויפגעהאַנגען צוריק אויף דער וואַנד און ער האָט געשיינט, דאָס הייסט זיי האָבען ביידע גע־שיינט: דער זייגער האָט געשיינט דורך דעם וואָס מע האָט איהם אויסגעצוואָגען און אויסגעפּוצט, און דער טאַטע האָט געשיינט, וואָס דער זייגער שיינט.

ויהי היום האָט זיך געטראָפען אַ מעשה. דאָס איז געווען איין מאָל אין אַ שיינעם נישט קיין חמאַרנעם טאָג, מיר זענען אַלע געזעסען ביים טיש און געגעסען אָנבייסען. איטליכעס מאָל ווען דער זייגער האָט געשלאָגען האָב איך ליעב געהאַט צו צעהלען און דווקא אויף אַ קול:

— איינס... צוויי... דריי... זיבען... עלף... צוועלף... דרייצעהן... אוי, דרייצעהן!!

— דרייצעהן? — רופט זיך אָן דער טאַטע און צעלאַכט זיך — ביזט אַ שיינער בעל חשבון, קיין עין הרע ניט! האָסט אַמאָל געהערט זייגער דרייצעהן?

— דרייצעהן — זאָג איך — ווי איך בין אַ יוד אַז דרייצעהן!

— דרייצעהן פּעטש וועסט דו פֿון מיר חאַפּען! — מאַכט דער טאַטע צו מיר מיט כעס — זאָלסט דאָס אַנדערע מאָל נישט איבער׳חזר׳ן אַזאַ נאַרישקייט, גוי, אַ זייגער קען נישט שלאָגען קיין דרייצעהן!

— ווייסט וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, נחום? מישט זיך אַריין די מאַמע אין מיטען — איך האָב מורא, אַז דאָס קינד איז גע־רעכט. מיר דאַכט, אַז איך האָב אויך איבערגעצעהלט דרייצעהן.

— שוין! אַט האָסט דו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! — מאַכט דער טאַטע און עס ווייזט אויס, אַז ער אַליין פאַלט אויך אַריין אין אַ שטיקיל ספק. נאָכ׳ן עסען גערט ער צו צום זייגער, שטעלט זיך

אויף אַ בײנקיל, מהוט אַ פּאָרקע אינווייניג עפּיס אַ רעדיל און דער זייגער הויבּט אָן צו קלינגען. מיר אַלע זאַלבּאַדריט צעהלען, שאָקלען צו בּשעת מעשׂה מיט׳ן קאָפּ נאָך יעדען קלונג: איינס... צוויי... דריי... זיבּען... ניַיען... צוועלף... „דרייצעהן...“

— דרייצעהן?! — זאָגט דער טאַטע און קוקט אויף אונז בּײדען מיט אַזעלכע אויגען, ווי בּײ אַ מענשען, וואָס זאָל דערהערען פּלוצים, אַז די וואַנד האָט בּעקומען לשון און רעדט ווערטער. ער מהוט נאָך אַמאָל אַ פּאָרקע דאָס רעדיל און דער זייגער קלינגט ווידער אַמאָל דרייצעהן! דער טאַטע קריכט אַראָבּ פונ׳ם בּײנקיל מיט אַ זיפץ, בּלאַס ווי די וואַנד און בּלײבּט שטעהן אין מיטען שטוב, קוקט אויף דער סטעלי, קייט די בּאָרד און רעדט צו זיך אַליין:

— געשלאָגען דרייצעהן... וואָס הייסט דאָס?... וואָס זאָל דאָס בּעדייטען?... ער זאָל זיין קאַלי וואָלט ער זיך געשטעלט... אלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּשט און זאָגען אַ שפּרינגקעלע?...

— דאַרפסט דו חקירה׳ן אַ שפּרינגקעלע? — זאָגט איהם די מאַמע — אַמעהר נעמט מען אַראָבּ דעם זייגער און מע מאַכט איהם צו רעכט, בּיזט דאָך עפּיס אַ מייסטער.

— שא, אפשר בּיזט דו אויך גערעכט? — ענטפערט איהר דער טאַטע און נעמט אַראָבּ דעם זייגער און פּאָרעט זיך מיט איהם, ער שוויצט, האָרעוועט אָבּ אַ גאַנצען טאָג און הענגט איהם אויף צוריק אויף זיין אָרט — דאַנקען גאָט דער זייגער געהט ווי עס געהער צו זיין, און אַז עס קומט אַרום האַלבּע נאַכט שטעהען מיר שוין אַלע אַרום איהם און צעהלען אָבּ צוועלף. דער טאַטע קוועלט.

— הא? קלינגט שוין ניט קיין דרייצעהן? אַז איך זאָג אַ „שפּרינגקעלע“ ווייס איך וואָס איך זאָג.

— איך זאָג שוין לאַנג אַז דו בּיזט אַ בּריה — מאַכט צו איהם די מאַמע — איך פערשטעה נור ניט איין זאַך: למאי חריפּעט ער?

עֶר פְּלֶעגְט דַאכְט מִיר קֵיין מָאל נִישְׁט חְרִיפֶּען, וִוי עֶר הָרִיפֶּעט.

— עֶס וַוייזְט זִיךְ דִיר אוֹיס! — זָאגְט דֶער טַאטֶע אוּנ הֶערְט זִיךְ צוּ, וִוי דֶער זֵייגֶער הְרִיפֶּעט בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט צוּם קְלִינְגֶען. וִוי אַיין אַלְטֶער מַאן, אֵיידֶער עֶר בֶּעדַארְף זִיךְ אוֹיסְהוּסְטֶען, מַאכְט עֶר חִיל־חִיל־חִיל־מְרְרְרְר... אוּנ עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם: בָּאם!... בָּאם!... בָּאם! אוּנ אֲפִילוּ דֶער „בָּאם" אַלֵיין אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גָאר נִישְׁט דֶער „בַּאם" וָואס פְּרִיהֶער; דֶער פְּרִיהֶרִיגֶער „בָּאם" אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵעהלִיכֶער „בָּאם", אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, אוּנ אִיצְט הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶענַנְבֶ'עט אִין אִיהם עֶפִּיס אַ מִין אוּמֶעטִיגְקֵייט, אַ מְרוּירִיגְקֵייט, וִוי אִין דֶער שְׁטִימֶע פוּן אַיין אַלְטֶען, אוֹיסְגֶעדִינְטֶען חַזָן יוֹם כִּפּוּר צוּ נְעִילָה... וָואס וַוייטֶער וֶוערְט דָאס חְרִיפֶּען גְרֶעסֶער אוּנ דָאס קְלִינְגֶען שְׁטִילֶער אוּנ אוּמֶעטִיגֶער, אוּנ דֶער טַאטֶע וֶוערְט מָרָה־שְׁחוֹרָה'דִיגֶער; מֶע זֶעהט אַז עֶס קְרֶענְקְט אִיהם, עֶר הָאט דֶערְפוּן שְׁטִילֶע יְסוּרִים, עֶס עֶקְט זִיךְ אִיהם דָאס חַיוּת אוּנ עֶר קֶען דֶערְצוּ גָאר נִיט הֶעלְפֶען. עֶס דַאכְט זִיךְ, אַז אָט אָט וֶועט זִיךְ דֶער זֵייגֶער גָאר אִין גַאנְצֶען אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען; דֶער אוּמְרוּהֶ הוֹיבְּט אָן צוּ מַאכֶען עֶפִּיס מְאוּסֶ'ע תְּנוּעוֹת, שִׁיטֶערֶע גֶענְג. עֶר הוֹידֶעט זִיךְ אִין אַ זַייט, פֶּערְטְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אַלֶע מָאל, וִוי אַיין אַלְטֶער מַאן, וָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אִיהם נָאךְ אַ פוּס. מֶע זֶעהט אַז דֶער זֵייגֶער פַארְקַאטְשֶׁעט זִיךְ אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען אוֹיף תָּמִיד, אוֹיף אֵייבִּיג! אַ גְלִיק וָואס דֶער טַאטֶע קוּקְט זִיךְ אַרוּם בַּאצַייטֶענְס אוּנ פַארְשְׁטֵעהט, אַז דֶער זֵייגֶער אִיז דָא נֶעבִּיךְ גָאט דִי נְשָׁמָה שׁוּלְדִיג; שׁוּלְדִיג אִיז דִי וָואג, — וִוינְצִיג וָואג! אוּנ עֶר מְשֶׁעפֶּעט צוּ צוּ דֶער וָואג דָאס אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פוּנְ'ם שְׁטֵייסִיל (אַ מַשָׂא פוּן אַ פָּאר פוּנְט) דֶער זֵייגֶער גֵעהט אַוֶועק וִוי אַ מִזְמוֹר אוּנ דֶער טַאטֶע וֶוערְט פְרֵעהלִיךְ, אַ נַייֶער מֶענְשׁ!

נִישְׁט לַאנְג גֶעדוֹיֶערְט דָאס אָבֶער: דֶער זֵייגֶער הוֹיבְּט וִוידֶער אָן אוּנְטֶערְפוֹילֶען זִיךְ, דֶער אוּמְרוּהֶ הוֹיבְּט וִוידֶער אָן צוּ מַאכֶען מְשׁוּגָעִ'נֶע הַוָיוֹת: אַ הוֹידֶע אִין אַיין זַייט פַּאוָואלִי, אִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט גִיךְ, מִיט אַ קְרֶעל — „קְחִי". עֶס קְרֶעלְט בַּיי דֶער נְשָׁמָה, עֶס שְׁלָאגְט צוּם הַארְצֶען! אַ נָאטְס רַחֲמָנוּת צוּ זֶעהן וִוי דֶער זֵייגֶער גוֹסֶט אוּנ דֶער

מאַטע אויף איהם קוקענדיג צאַנקט, געהט אויס פאַר יסורים, ווערט אויס מענש.

ווי אַ גוטער דאָקטאָר אַ מומחה, וואָס איז זיך מפקיר פונ'ם חולה'ס וועגען, ווענד איין אַלע כּוחות, טראַכט צו וואו ס'איז פאַראַן אַ מיטעל אויף דער וועלט כּדי צו ראַטעווען דעם קראַנקען, נישט לאָזען איהם שטאַרבען, אַזוי האָט זיך דער טאַטע גענומען ראַטעווען דעם אַלטען זייגער מיט אַלע מעגליכקייטען.

— ווינציג וואָג, ווינציג חיות! — זאָגט דער טאַטע און הענגט אָן אויף דער וואָג אַלע מאָל נאָך און נאָך משא: פריהער איין אייזערנע סקאָווראָדע, נאָכדעם אַ קופּערנע קוואָרט, שפּעטער אַ פּרעסיל אַיין אייזערנס, אַ זעקעלע זאַמד, אַ פּאָר ציגעל, — דער זייגער ציהט דערפון אַלע מאָל פריש חיות און געהט, מיט צרות טאַקי, מיט אָנגעמ־טען, נאָר ער געהט, ביז עס האָט זיך געטראָפען איין מאָל ביינאַכט אַ גרויסער אומגליק.

דאָס איז געווען אים ווינטער פרייטאָג צו נאַכטס. מיר האָבען אָבגעגעסען די שבּת'דיגע וועטשערע, די געשמאַקע געפעפערטע פיש מיט חריין, די הייסע יוך מיט לאָקשען, דעם פלוימענציטמעס, און אָב־געבענטשט, ווי עס געהער צו זיין. די שבּת'דיגע בענשליכט האָבען נאָך געצאַנקט. די דינסט האָט דערלאַנגט פונ'ם אויבען פרישע, וואַר־מע, גוט אויסגעטריקענטע סעמעטשקעס, און עס קומט אַריין די מומע יענטע, אַ שוואַרצהעוודיג ווייבּיל אָהן צייהן, וואָס דער מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפען און אַוועקגעלאָזט זיך קיין אַמעריקע שוין עטליכע יאָהר.

— גוט שבּת — זאָגט די מומע יענטע — איך האָב געוואוסט אַז ס'איז ביי אייך דאָ פרישע סעמעטשקעס; דער חסרון וואָס ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו קנאַקען, נישט מעהר זאָל מיין שלים־מזל לעבען וויפיעל איך האָב צייהן אין מויל... ווי געפעלט דיר, מלכּה, די הייג־טיגע פיש וואָס האָט זיך אָפּגעטהון ביי זיי? איך פרעג איהם, מנשה דעם פיליער, וואָס אַזא יקרות אויף אייך? שפּרינגט אונטער שׂרה־

פֿעריל די נגידית: „גיט מיר גיבער, גיט מיר, וועט מיר אָב אָט דאָס העכטיל!" „וואָס אַזאַ היטץ" אויף אײַך, זאָג איך, גאַט איז מיט אײַך דער טײַך ברענט ניט און מנשה וועט צוריק די פֿיש ניט פֿירען; בײַ די נגידים, זאָג איך, איז אַ פּנים געלד וואָלוועל און שׂכל טהײַער?... געהט זי דאָך מסתּמא און עפּענט אויף מיר אַ מויל: „קבצנים, זאָגט זי, האָבען דאָ נישט וואָס צו טהון... אײַן אָרים מאַן, זאָגט זי, טאָר זיך נישט גליסטען..." וואָס זאָגסט דו אויף אַזאַ הולטײַקיץ? (לאַנג איז זי געשטאַנען מײדילווײַז מיט איהר מאַמע אין מאַרק בײַם טישיל און פֿאַרקויפֿט סטײַנגעליך?... פֿונקט אַזוי ווי פֿעסיל־פֿײַסי־אַברהם'ס נעמט זיך איבער מיט איהר טאָכטער, וואָס זי האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ גביר פֿון סטרי־שטש, זי גענומען ווי זי שטעהט און געהט... יודישע גליקען, מע זאָגט זי ווערט פֿאַרשוואַרצט קײן עין הרע אויף איהרע יאָהר און טעג, קען נישט הויזען מיט די קינדער... וואָסזשע, ס'איז גוט צו זײַן אַ שטיפֿמאַמע? מע זאָל גאָר בעהיט ווערען! אָט נעמט חווה'לען דאַכט זיך וואָס האָט מען צו איהר? זאָלט איהר זעהן וואָס זי האָט פֿון שטיפֿקינדער! טאָג ווי נאַכט הערט מען קולות, מען שטעלט זיך פֿײַגען, פּיטש־פּאַטש, דרײַ שלײַערס אַ גראָשען...)

די ליכט הויבען אָן אויסגעהן. דער שאָטען אויף די ווענד קלעטערט, דראַפּעט זיך העכער און העכער. די סעמעטשקעס טרײַש־מישען דער עולם שמועסט, דערצעהלט מעשׂיות, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אײנע צו דער אַנדערע געהער זיך ניט אָן. נאָר מעהר פֿון אַלע רעדט די מומע יענטע.

— שאַ! — רופֿט זיך אָן די מומע יענטע — למאי אָט האָט זיך ניט לאַנג געטראָפֿען נאָך אַ שענערע מעשׂה. ניט ווײַט פֿון יאַמ־פּעלע, אַ ווערסט דרײַ, זענען גזלנים בעפֿאַלען אַ יודישע קרעטשמע, אויסגעקוילעט אַ גאַנצע שטוב מיט מענשען, אַ פּיצעלע קינד אין ווי־געלע אויך געקוילעט, איבערגעלאָזט נור אײן דינסטמײדיל וואָס איז געשלאָפֿען אין קעך אויפֿ'ן אויבען, זי האָט דערהערט מע שרײַט, איז זי אַראָב געשפּרונגען, דאָס דינסטמײדיל, פֿונ'ם אויבען, זי טהוט אַ

קיך דורך דער שפּאַרונע פֿון דער טהיר, זעהט זי, דאָס דינסטמיידיל, עס ליגט אויף דער ערד דער בעל הבית מיט דער בעל הבית'טע גע־קוילעטע און בלוט אַ גאַנצער טייך. איז זי זיך מישב, דאָס דינסטמיידיל, און שפּרינגט אַרויס דורך אַ פענסטער, און לויפט אַוועק גלייך אין שטאָדט אַריין מיט אַ גוואַלד: „יודישע קינדער, ראַטעוועט, גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!!!...

פּלוצים, אַזוי ווי די מומע יענטע גוואַלדעוועט דאָ, הערען מיר: טרראַך — טאַ־ראַראַך — באָם — דזין — באָם!... פֿאַר־מיפּט אין דער מעשה האָבען מיר נור געמיינט, אַז גזלנים זענען אַנ־געפֿאַלען אויף אונזער שטוב און האָבען אויסגעשאָסען פֿון צעהן האַרמאַטען, אָדער ס'איז איינגעפֿאַלען דער דאַך, אָדער ס'איז ערד־ציטערניש, אָדער אַזוי עפּיס אַיין אומגליק געשעהן. מיר האָבען זיך נישט געקאַנט ריהרען פֿון די ערטער, אַ מינוט האָבען מיר געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע אָהן ווערטער און אַלע מיט אַמאָל האָבען מיר אָנגעהויבען צו שרייען: גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! — פֿון גרויס איממפּעט כאַפּט מיך די מאַמע אַרום, קוועטשט מיך צו צום האַרצען און שרייט:

— מיין קינד, מיר זאָל זיין פֿאַר דיר, וועה איז מיר!

— האַ? וואָס? וואָס איז איהם? וואָס איז געשעהן? שרייט דער טאַטע.

— גאָר ניט, גאָר נישט! שאַ שאַ! — שרייט די מומע יענטע און מאַכט מיט די הענד און דאָס דינסטמיידיל לויפט אַריין פֿון קיך אַ טוידטע.

— ווער שרייט דאָ? וואָס איז? עס ברענט? וואו ברענט? וואו?

— ווער ברענט! וואָס ברענט? ברענען זאָלסט דו אויפ'ן פֿייער דו מויד איינע, פֿאַרברענט און פֿאַרשאַרפּ'עט זאָלסט דו ווערען! — שרייט די מומע יענטע אויפ'ן דינסטמיידיל — אַט איז זי אויך דאָ, טאַטער איז קאַרג! נאַ דיר נאַר סע ברענט! אין דער ערד אַריין צו

אַלְטֶע שְׁוואַרְצֶע יאָהר! האָסְט דו געהערט איין אַנְטִיק! וואָס שְׁרַייט איהר וועלְכֶע גוטֶע יאָהר? וואס גְוואַלְדֶעוועט איהר? טְפוּ אויף מַיינֶע שׂוֹנְאִים'ס קעפּ! מע האָט זיך דאָס אַ בִּיסִיל אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען טאָמֶער ווייסְט איהר וואָס? פאַר אַ קְלאַפּ! נִישְׁטאָ וועמֶען צו לאַכֶען! גאָט אִיז מִיט אַייך, דאָס אִיז דער זֵייגֶער, דער זֵייגֶער אַראָבְּגֶעפַאלֶען, הַיינְט ווייסְט איהר שוין? מע האָט אָנְגֶעהאַנְגֶען אויפ'ן זֵייגֶער פון כָּל מַאְטִי'ס שֶׁהוּא, דְרַיי פּוּד מַשָׂא איז ער אַראָבְּגֶעפַאלֶען. וואָס אִיז דאָס חִדוּשׁ? לְהַבְדִיל אַ מֶענְשׁ וואָלְט אויך נִיט בֶּעסֶער גֶעוועזֶען! האָסְט דו געהערט אַ בִּיסִיל!

ערְשְׁט דֶערְמאָלְט קוּמֶען מִיר צו זיך. אויסְגֶעשְׁטאַנֶען אַיינְצִיגְווַייז כוּנִ'ם טִישׁ, גֶעהֶען מִיר צו צוּם זֵייגֶער אוּן בֶּעטְרַאכְטֶען איהם, ווי ער לִיגְט גֶעבִּיךְ מִיט'ן פָּנִים אַראָב, אַ דֶערְהַרְגְ'טֶער, אַ צֶערְבְּרָאכֶענֶער אַ גֶעשְׁאָטֶענֶער, אַ סְקַאלִימְשְׁעשְׁטֶער אויף אֵייבִּיג!

— אוֹיס זֵייגֶער! — מַאכְט דֶער טַאטֶע, טוּט ווי דִי וואַנְד, אַראָבְּגֶעלאָזְט דעם קאָפּ, ווי בְּשַׁעַת מע גֶעהט צו צו אַ מֵת, צו אַ בַּר־מִינָן, ער בְּרֶעכְט דִי הֶענְד אוּן טְרֶעהְרֶען שְׁטֶעהֶען איהם אִין דִי אויגֶען. איך קוּק אויפ'ן טַאטֶען, עס גְלִיסְט זיך מִיר ווייְנֶען.

— שַׁא, זֶעה נוּר, וואָס דַארְף מֶען זיך אַזוֹי אָבְּעָהֶען דאָס הַארְץ? — זאָגְט דִי מַאמֶע — מִסְתָּמָא אַזוֹי בַּאשֶׁערְט, אָנְגֶעצֵייכֶענְט מִן הַשָּׁמַיִם, אַז הַיינְט אִין דֶער דאָזִיגֶער מִינוּט בֶּעדאַרְף זַיין דֶער סוֹף זֵייגֶער, ווי לְהַבְדִיל אַ מֶענְשׁ, גאָט זאָל נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד, אַ כַּפָּרָה נִיט אִים שַׁבָּת דֶערְמאָנֶענְדִיג, פַאר מִיר, פַאר דִיר, פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, פַאר אַלֶע אֵייגֶענֶע לִיבֶּע אוּן גֶעטְרַייע אוּן פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן סֶלָה...

* * *

אַ גַאנְצֶע נַאכְט נאָכְדֶעם האָבֶּען זיך מִיר גֶעפְלָאנְטֶעט זֵייגֶערְס, עס האָט זיך מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנְזֶער אַלְטֶער זֵייגֶער לִיגְט אויף דֶער עֶרְד אָנְגֶעטְהוּן אִין ווַייסֶע תַּכְרִיכִים. עס האָט זיך מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט

ו דער זייגער לעבט, נאר אויפ'ן ארט פונ'ם אומרוה וואַרפט זיך הין
און צוריק א לאנגע צונג, א צונג פון א מענשען, און דער זייגער
קלינגט ניט, נאר ער קרעכצט. און איטליכער קרעכץ נעמט ביי מיר
ט א שטיק געזונד... און אויפ'ן ציפערבלאט, דארט וואו איך בין גע־
וואוינט צו זעהן תמיד דעם XII, דערזעה איך מיט אמאל א ציפער
XIII, טאקי דרייצעהן — איהר מעגט מיר גלויבען אויף נאמנות!...

סענדער בלאנק

און זיין געזינדעל.

א ראמאן אהן א „ראמאן“.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף – און די קאָמעדיע הויבט זיך אָן.

צו אַ גרויסען, צווייגאָרענדיגען מויער אויף דער שענסטער גאַס פון דער שטאָדט N (אַזוי הויבען אָן אַלע ראָמאַניסטען, אַזוי הויב איך אויך אָן) פאָהרען צו און פאָהרען אָב אַ גאַנצען פריה-מאָרגען, פאַריעטאָגען מיט דראָזשקעס מיט פערשיעדענע פערשוינען; די פערשוינען שפּרינגען אַראָב און בעצאָהלען דעם קוטשער מיט דער ברייטער האַנט, נישט געדונגען זיך.

חוץ וואָס עס פאָהרען אַהער אַ גאַנצען טאָג מענשען, איז שוין דאָ געוועזען צוויי מאָל דער דאָקטאָר קלוגער און נאָך יעדען מאָל, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען, האָבען איהם בעגלייט יונגע לייט מיט ווייבער, און האָבען מיט איהם אַ היבשע ווילע פערבראַכט אויף דעם טראָטואַר און איינע פון די ווייבער די יונגערע האָט אַלע רגע צוגעטראָגען אַ קלאָר ווייס טיכעלע צו די אויגען און האָט הוץ דעם געשנייצט די נאָז מיט אַזאַ כח, גלייך ווי זי האָט געוואָלט אויסשנייצען אין גאַנצען איהרע צרות דורך דער נאָז. דער דאָקטאָר קלוגער האָט זי בערוהיגט מיט אַלע מעגליכקייט; ער האָט אויסגעשאָטען פאַר דער אומגליקליכער פרוי אַ סך מיט שענע ווערטער וואָס איך מיין, אַז קיינער האָט ווינציג פאַרשטאַנען, מחמת דער דאָקטאָר קלוגער האָט ליעב איבערצושיטען זיין שפּראַך מיט זעהר פיעל הויכע ווערטער, אָדער גאָר ווערטער פון דער מעדיצין.

— בערוהיגט זיך, מאַדאַם זעטעל, קומט צו זיך! בעטראַכט זיך, אַז איהר זענט אַ מוטער פון קינדער, אַ יונגע מוטער, — וואָס מהוט איהר דאָס? זייט רוהיג: אייער פאָטער וועט אי"ה זיין געזונד; אמת, ער דאַרף איבערטראָגען זייער אַ שווערע קריזיס, נאָר די נאַטור פונ'ם

מֶענְשֶׁען אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן אַייזֶען; אִיהר הָאט גֶעווִים גֶעהֶערְט דָאס וָוארְט: „אַ מֶענְשׁ אִיז שְׁוַואכֶער פוּן אַ שְׁטְרוֹי אוּנ שְׁטַארְקֶער פוּן אַ שְׁטֵיין"; אַ וואהל וָוארְט כְּלֶעבֶּען, אַ קְלוּג וָוארְט! מִיר דַארְפֶען זַיין צוּ גֶעגְרֵייט צוּ אַלֶעס, ווִי אַ גְרוֹיסֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט: „סִי וִויזֶע פַּאצֶעם פַּארָאבֶּעלַאם," אוֹיף אוּנזֶער לָשׁוֹן הֵייסְט דָאס: ווִילְסְט דוּ שָׁלוֹם, טְּא גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ מִלְחָמָה... פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר, מַיינֶע לִיבֶּע דַאמֶען? אַדְיֶעוּ! אִין צְוֵויי שָׁעָה אַרוּם בִּין אִיךְ ווִיעדֶער דָא...

— אוֹי, שְׁווִיגֶער! אִיהר פַארְשְׁטֵעהט וָואס דֶער דָאקְטָאר זָאגְט? עֶר זָאגְט, מֶע דַארְף זַיין גְרֵייט, מֶע דַארְף זִיךְ רִיכְטֶען, אִיהר פַארְשְׁטֵעהט, שְׁווִיגֶער?

— אוֹי, אִיךְ וֵויים נִיט, אִיךְ וֵויים נָאר, אַז אִיךְ בִּין אוּמְגְלִיקְלִיךְ, עֶלֶענְד אוּנ אוּמְגְלִיקְלִיךְ! וֵועה אִיז צוּ מִיר אוּנ צוּ מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהר!..

פוּן דֶעם טִיעפֶען הַארְצֶען אִיז דֶער מְחַבֵּר זִיךְ מוֹדֶה וּמִתְוַדֶה, אַז דֶער טוֹידְט פוּנ'ם נָגִיד מַאכְט אוֹיף אִיהם אַ סַךְ אַ גְרֶעסֶערֶען אַיינְדְרוּק ווִי, לְמָשָׁל, פוּן דֶעם קַבְּצָן; עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ בִּיז אַהֶער נִיט אָפְּגֶעגֶעבֶּען קֵיין דִין וְחֶשְׁבּוֹן, פַאר וָואס דָאס אִיז אַזוֹי; דֶער קַבְּצָן אִיז דֶען נִיט אַזָא מֶענְשׁ ווִי דֶער נָגִיד? פַאר וָואס זָשֶׁע הֶערֶען מִיר אוֹים גַאנְץ קַאלְט, וֶוען דֶער שַׁמָשׁ קְלַאפְּט מִיט דֶער פּוּשְׁקֶע: „צְדָקָה תַּצִיל מִמָוֶת!", אַז יוֹסִיל דֶער שְׁנַיידֶער, אָדֶער הֶערְשֶׁעל דֶער שׁוּסְטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען? אוּנ אַז מֶע זָאגְט אוּנְז: „אִיהר ווֵייסְט? ר' יוֹסֶעלֶע אִיז דָאךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען!" אָדֶער „ר' הֶערְשֶׁעלֶע אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען!" טְהוּט עֶס אוּנְז אַ הַאפּ אוּנ אַ טְרַאג אִין דֶער לוּפְטֶען אוּנ מִיר וֶוערֶען פֶערְצַאפֶּעלְט: „הַא? וָואס? ר' יוֹסֶעלֶע? ווִיפִיעל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען גֶעלְד? ווִיפִיעל קִינְדֶער? עֶר הָאט מִסְתָּמָא גֶעלָאזְט אַ צַוָואָה? אַזָא גוּטְס! אַ רַחֲמָנוּת, בְּלֶעבֶּען אוֹיפ'ן וַוייבֶּעל!" וֶועט אוּנְז דֶען קוּמֶען אוֹיפ'ן זִינֶען אֲפִילוּ צוּ בֶּעדוֹיעֶרען דִי לַאגֶע פוּן יוֹסִיל דֶעם שְׁנַיידֶערְס, אָדֶער הֶערְשֶׁעל דֶעם שׁוּכְטֶערְס אַלְמָנָה? וֶוער וֶועט זִיךְ דָאס פְּלוּצְלִים אַנִידֶער זֶעצֶען מַאכֶען אַ רֶעכְנוּנְג ווִיפִיעל קִינְדֶער זֵיי הָאבֶּען גֶעלָאזְט? וואוּ וֶועלֶען זֵיי זִיךְ פְּרִיטוּלֶען מִיט דִי ווִיסְטֶע אַלְמָנוֹת, זֵייעֶרֶע מוּטֶערְס, אוּנ וָואס וֶועט זַיין

פוּן זֵיי דֶער תַּכְלִית? מֶע קָאן אָבֶּער פוּן דֶעם אֱמֶת נִיט אַוֶועקְגֵעהְ(ן)
אֲפִילוּ אוֹיף קֵיין טְרִיט, אוּנ מִ'טְ'ן גַאנְצֶען ווִילֶען בַּאגֶעהְרֶען מִיר צוּ
ווִיסֶען, וָואס טְהוּט זִיךְ דָא אִין דֶעם דָאזִיגֶען הוֹיז? וֶוער אִיז דָא אַזוֹי
מְסוּכָּן קְרַאנְק? מִיר ווֵייסֶען, אַז דָא וואוֹינְט סֶענְדֶער בְּלַאנְק, כְּמְעַט
דֶער גְרֶעסְטֶער גְבִיר פוּן דֶער דָאזִיגֶער שְׁטָאדְט! קָאן עֶס דֶען גֶעמָאלְט
זַיין, אַז סֶענְדֶער אַלֵיין זָאל זַיין שְׁלַאף אוּנ אַזוֹי מְסוּכָּן שְׁלַאף? מִיר
קָאנֶען דָאס שׁוֹין מֶעהר אוֹיף זִיךְ נִיט טְרָאגֶען אוּנ בֶּעטֶען אוּנְזֶערֶע גֵיי־
גֶעהוֹרִיגֶע לֶעזֶער מַמוֹחֵל זַיין זִיךְ מִיט אוּנְז צוּזַאמֶען צוּ סֶענְדֶער בְּלַאנְק(ן)
אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אִיהם מְבַקֵר חוֹלֶה צוּ זַיין. נָאר לְעֵת עַתָּה וֶועלֶען מִיר
אוֹיף אַ ווַיילֶע אָפְּשְׁטֶעלֶען זִיךְ דָא פוּן הִינְטֶען, אוּנ צוּהֶערֶען
דִי שֵׁענֶע רֵיד, וָואס פְּרוֹיקֶע דֶער מְשָׁרֵת הַאלְט פַאר דֶעם גַאנְצֶען
קָאמִיטֶעט דִינְסְטֶען, מְשָׁרְתִים אוּנ פְּרִיקַאשְׁטְשִׁיקֶעס; אוּנ הֶנֶם עֶס אִיז
זֶעהר נִיט שֵׁען אִיבֶּערְהוֹיפְּט אוּנְטֶערְהֶערֶען זִיךְ, וּבִפְרַט נָאךְ אִין קֶעךְ,
וָואס דִינְסְטֶען רֵעדֶען צְווִישֶׁען זִיךְ. נָאר וָואס זָאל גֶעבַּאךְ טְהוּן, זָאגְט
אַלֵיין, אַיין אָרֶעמֶער פַאנָארַאמְטְשִׁיק, וָואס ווִיל צוּפְרִידֶען שְׁטֶעלֶען אַלֶע
זַיינֶע לִיבֶּע גֶעסְט? וָואס זָאל גֶעבַּאךְ טְהוּן אַ מְחַבֵּר אַ רָאמַאנִיסְט, וָואס
ווִיל אַז אַלֶע קְלַאסֶען לֶעזֶער זָאלֶען זַיין צוּפְרִידֶען? לָאז אַיךְ צוּ קֵיין
חֶרְפָּה נִיט זַיין, עֶדֶעלְסְטֶע דַאמֶען! צְווִישֶׁען אַיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אַ סַךְ
בַּעֲלֵי־בָּתִ'טֶעס אַזֶעלְכֶע, וָואס שְׁטֶעהֶען נִיט אַיין מָאל מִיטְ'ן אוֹיעֶר
אוּנְטֶער דֶער טִיר צוּ הַאפֶּען עֶפִּיס אַ וָוארְט פוּן דִי דִינְסְטֶען אִין קֶעךְ;
פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען שׁוֹין נִיט, אַז אַ שְׁווִיגֶער אִיז מְחוּיָב זִיךְ אוּנְטֶער־
הֶערֶען, וָואס רֶעדְט עֶפִּיס דָאס אֵיידֶעמֶעל מִיט דֶער טָאכְטֶער אוֹיף
אִיהר אוֹיף דֶער שְׁווִיגֶער? אוּנ דִי שְׁנוּר פוּן אִיהר זַייט, מוּז דָאךְ אַ
וַדַאי ווִיסֶען, וָואס שׁוּשְׁקֶעט זִיךְ עֶפִּיס דֶער שְׁוֶוער מִיט דֶער שְׁווִיגֶער
דָארְט, אוּנ וָואס ווִינְקְט עֶפִּיס דֶער שְׁוָואגֶער אוֹיף דֶער שְׁוֶועגֶערֶען?
אוֹיעֶרֶען, מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד, אוֹיעֶרֶען הָאט אוּנְז גָאט גֶעשֶׁענְקְט בְּמַתָּנָה,
אַז מִיר זָאלֶען דוּרְךְ זֵיי הֶערֶען, וָואס מֶע רֶעדְט!...

— אִיךְ ווֵייס נִיט — זָאגְט פְּרוֹיקֶע ווִישֶׁענְדִיג דִי גְלֶעזֶער אוּנ קֵיי־
עֶנְדִיג קָארֶענֶעס לֶעקֶעךְ — אִיךְ ווֵייס נִיט, וָואס פַאר אַ רוּחַ הָאט זִיךְ

אַריין געהאַפּט צו אונזער „אַלטען" אין בויך אַריין, אַליין ליגט ער ווי אַ קלאָץ אויסגעצויגען מיט אָבגעבלאָזענע באַקען, מיט אַ רויטען פּיסק, מיט אַ קאַרק, אויף מיר געזאָגט געוואָרען, און שרייט ווי אַ משוגע'ן קעלבעל: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק!" ניט מיט אַזאַ פּנים לעגט מען אין דער ערד אַריין, ניין! און דער דאָקטאָר גיסט אין איהם רעצעפּ־טען, מיט פלעשליך, מיט דער רוח ווייסט, וואָס! מען זאָל ביי מיר פרעגען. וואָלט עס איהם באַלד געעפענט די אויגען! ניט אַזאַ בויך נעמט מען מיט פלעשלעך! יאָ, יאָ?

— די בעל־הבית'טע ווייגט דאָך און זאָגט, אַז ער שטאַרבט שוין אַוועק? — האָט זיך אָן גערופען זעלדע די קעכין און האָט אַריין גע־קוקט אין אויווען אַריין.

— זי זאָגט? שפּייט איהר אָן אַ פולען פּנים! — האָט פּרויקע מיט היין געענטפערט און אַרויסגעשלעפּט פון קעשעני נאָך אַ שטיק לע־קאָך — זי ווייסט דאָך יאָ מיין פון אַ טוידטען! דאָס האָבען איהר די קינדער איינגערעדט; דאָס וואַכסט פון רעוועקען!

— וואָס האָסטו דו צו מיין מאַדאַם, פּרויקע? האָט זיך איינגע־שטעלט פאַר איהר בעל־הבית'טע אַ יונג מיידיל פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט דעם נאָמען מלכּה סאָסיל.

— דיין מאַדאַם? — איז אויף איהר פּרויקע אָן געפאַלען — דיין מאַדאַם וואָלט שוין לאַנג געהערען, אַז דער „אַלטער" זאָל אויס־ציהען די פיסלעך; פאַר וואָס — דאָס איז שוין „אונזער" עסק און ניט פאַר דיין קאָפּ צו פערשטעהען אַזעלבע זאַכען! דיין רעוועקא קאָן נאָר שפּילען אין קאָרטען מיט פרעמדע יונגע לייט און אָסיפּ'ן אַרויס שטעלען דריי פייגען און אַמאָל שמילערהייד, אַז קיינער זעהט ניט, מאַכט אַ פינסטערען פאַטש אויך; פון וואַנען איך ווייס — דאָס איז שוין „אונזער" עסק! זי האָט אַזוי ליעב דעם טאַטען ווי אויגען־ווערן־טיס; זי קאָן נאָר אָפּנאַרען איהם גוט, און איצט, אַז ער איז עפּיס ניט געזונד, האָט זי זיך עס אַביסעל צופּעסטעט—נו! גראָד איז זי איצטער געוואָרען אַ גוטע שוועסטער מיט דער שוועגערין; זי שושקעט זיך

מיט איהר און סוד'ט זיך א גאנצען טאג און נאך דעם שיקט זי מיך איך זאל שטעהן אונטערהערען זיך, וואס רעדט דארטען סאני מיט דער שוויגער; א גוטע סחורה דיין רעוועקא, קיין מעשה ניט! „מיר" קענען זיי: „מיר" זענען דא אויך ניט קיין געכטיגע, פערשטעהסט דו מיך...

— מיין מאדאם סאני הערט זי ווי דעם פאראיאהריגען שנעע! — האט זיך אן געריפען זלאטקע די שווארצע, סאני'ס דינסט מיידיל, — ביי אונז אין דער היים...

— דיין „מאדאם" — האט איהר פרויקע איבערגעשלאגען — איז אויך געקומען אהער מאנצען אויף דער חתונה און אפלעקען א ביינדיל; נאר האט צייט אביסעלע — פפיו!!! (דא האט פרויקע אויסגע־צויגען א לאנגען סווישטש) דיין „מאדאם" האט אויך נישט פיינד קיין פליאטקעס פיהרען און אן רעדען אויף איהר אייגענער שוועסטער כל הצרות אויף איהר קאפ! אומזיסט האט זי מיך געטוטשעט דריי טעג מיט דריי נעכט כסדר איך זאל איהר דערצעהלען וואס טהוט מארקוס? וואוהין געהט ער דאס אלע טאג? צו וועמען שרייבט ער דאס קוויטעלעך, און וואס לויף איך אלע טאג אויף דער פאסט נאך בריוועלעך? א! דיין סאני איז דאך גאר איין אנטיק! דערפאר אבער האלט זי דער מאן שטארק אין די הענד! נאר איין אסיפ איז איין בראווער מאן, און ער וואלט יא געוועזן אפשר א שטיקעל לייט, ווען ער זאל ניט זיין אזא שקרן, אזא לאך, אז ער זאל ניט האבען אין זיך קיין וואהר ווארט און זאל... פרויקע האט געהאלטען אפען דאס מויל און וואלט נאך אפשר גאנץ לאנג געקאמענדירט פאר אונז זייגע פרינציפאלען נאר א שטארקער קלונג פונ'ם גלעקעל האט איהם איבערגעשלאגען אין מיטען די רעד; ער האט א ווארף געטהון דעם האנטעך מלכה'ן אין פנים אריין און האט זיך געשווינד געלאזט לויפען צו די טרעפ ארויף אויף דעם אייבערשטען עטאזש; אבער ווי פערוואונדערט און פער־שטוינט איז ער געווארען, אז ער האט אליין מיט זיינע אויגען דער־זעהען ווי צוויי הויכגעשעצטע און געעהרטע דאמען שטעהען אונטער דער

קיך מיר! און אַז די דאַמען האָבען איהם דערזעהען, האָבען זיי זיך גלייך מיט איהם געלאָזט לויפֿען אויף די טרעפּ! אונזער אָרימע פּע־דער איז ניט אומשטאַנד אַרויס צו לאָזען די דאָזיגע ווערטער, נאָר דער אמת פּאָדערט פֿון אונז אויפֿדעקען פֿאַר אונזערע ליבע פֿריינד אַז.... גוואַלד! די דאָזיגע צוויי דאַמען זענען געווען נישט קיינער נאָר די הויכגעשעצטע מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל און די געעהרטעסטע מאַדאַם סאָני בלאַנק, וועלכע האָבען מיט אונז קיין וואָרט ניט דורכגעלאָזט פֿון דעם, וואָס פּרויקע דער משרת האָט געערט.

אונזערע פֿיעלגעשעצטע דאַמען, רעוועקאַ און סאָני, לויפֿענדיג אַרויף אויף די טרעפּ, האָבען זיך פּלוצלים ביידע אין איין אויגענבליק אַ חאַפּ געטהון צוריק אַראָפּ, און טוז דעם דאָזיגען מאַנעווער האָבען זיי געוואָלט אָפּנאַרען פּרויקע'ן בכדי ער זאָל מיינען, אַז זיי קומען ערשט אָן און לויפֿען גאָר אַראָפּ ניט אַרויף. צו דער מאַנעווער איז זיי געראָטען צו ניין, — דאָס קאָנען מיר בשום אופן נישט וויסען, וואָרום פּרויקע האָט נאָר אַ קוק געטהון אויף זיי מיט אויסגעגלאָטצטע אויגען, האָט געטהון אַ שמייכעלע, אַ וואָרף מיט דער גריווע (ניט צו בעמערקען, אַז ביי סענדער בלאַנק זענען אַלע געגאַנגען אָהן היט־לען, חוץ סענדער'ן אַליין, וואָס האָט געטראָגען אַ יאַרמעלקע) און גע־שווינד אַרויף געלאָפען אויף די אייבערשטע טרעפּ.

אונזערע געעהרטע דאַמען זענען תחילת געבליבען שטעהן און געקוקט איינס אויף דעם אַנדערען מיט גרויס חרפּה ובזיון און גאָט ווייסט מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך געקאָנט ענדיגען מיט וואָס וואָלט פּרויקע אָפּגעשפּיעלט פֿאַר זיין שאַרפֿע צונג, און ווי אַזוי וואָלטען די דאָזיגע צוויי דאַמען געקאָנט זיך קוקען גלייך אין פּנים אַריין ווען צווישען זיי וואָלט זיך ניט פֿאַרבונדען, טאַקי דאָ אויף די טרעפּ, אַזאַ מין שמועס:

— נו, וואָס זאָגט איהר עפּיס, רעוועקאַ, אויף אייער טאַטענס משרתים? דעם גרעסטען בזיון קאָן מען דורך זיי האָבען! אַ מערכה בע־לעדיגט צו ווערען דורך אַזעלכע הינט? עס איז מיר אַ חידוש, כ'לעבען

אַז איהר, רעוועקאַ, זאָלט דערלאָזען האַלטען אַזאַ הונט אין שטוב? מיר דאַכט זיך, אַז אייערע איין וואָרט וואָלט בייַם שווער...

— זאָגט דאָס ניט, סאָני! דער פּאַפּאַשאַ איז ניט שולדיג; דאָס איז „איהר“ פליגעל-אַדיוטאַנט, און דאָס בן-יחידל „איהרס“ הענגט זיך פּשוט אויף זיין האַלז. דער פּאַפּאַשאַ זאָל וויסען אַ צעהנט חלק, אַ הונדערט חלק פון אַט די אַלע זאַכען, אָ, סאָני! ניט אומזיסט קרענקט ער פון „איהר“; „זי“ איז זיין מלאך-המות; „זי“ דערעסט איהם דעם עק!...

— און פון דעסטוועגען בערימט „זי“ זיך, אַז „איהר“ מאַרקיסל וועט זיין אַ האַלבער יורש... אייער טאַטענס גוטס וועט אַריינפאַלען אין אַ מקום קדוש...

— וואָס מיינט איהר דאַמיט? — איהר האָט תמיד ליעב, סאָני, יענעם באַליידיגען אומזיסט און אומגישט מיט שטעכווערטלעך און אויפ'ן ווינק...

— שטעכווערטלעך, רעוועקאַ? איך ווייס ניט, ווער האָט ליעב יענעם צו שטעכען, אַזוי ווי איהר, רעוועקאַ?

— סאָני! איהר זענט ערשט נעכטען געקומען אַהער, הויבט איהר זיך שוין אָן צו קריגען; איהר מיינט, עס איז אַמאָליגע יאָהרען, ווען איהר זענט געזעסען „ביי אונז“ אויף קעסט?

— „ביי אייך“ אויף קעסט, רעוועקאַ?...

ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען אין דער מינוט זאָל נישט געווען דורכלויפען דער יונגער הער בלאַנק, מאַרקוס בלאַנק, מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען בעקענען, און ווען מאַרקוס זאָל ניט געווען מיט אַ שמייכעלע אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע צוויי דאַמען, וואָס האָבען געפונען, אַז דאָס דאָזיגע שמייכעלע איז פאַר זיי דאָס גרעסטע באַליידיגונג.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס, סאָני, אויף „איהם“?

— אויף „אייער ברודער, רעוועקאַ? וואָס זאָל איך זאָגען? אַ וואוילער יונגער-מאַן, אַ גאַנץ פיינער יונגער-מאַן; איין עבירה וואָס ער

איז בּיז אַהער נישט אַנטלאָפן, נישט באַנעמען דעם שווער און נישט אַנטלאָפן שאַרלאַטאַנעווען...

— אַנטלאָפן?

— ווייסט איהר וואָס? נאַט אייך אָט דאָס בּריוועל, לייענט — וועט איהר אויך וויסען.

און איינע האָט איבּערגעגעבּען דער אַנדערער אַ בּריעף וואָס מיר ערלויבּען זיך איבּערגעבּען אונזערע לעזער וואָרט אום וואָרט, ווי אַ דאָקומענט, וואָס איז נייטיג צו דעם דאָזיגען ראָמאַן.

„מיין טהייערער אַריה־לייב! מיין ערהרליכער לעהרער! מיין גוטער
„חבר! מיין ליעבּסטער פריינד! — וואָס וועט זיין פון דעם דער תכלית?
„איך קאָן דאָס שוין מעהר נישט איבּערטראָגען! וואָס ווייטער ווערד
„אַלץ ערגער און ערגער; וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? מען
„מוטשעט מיך; מע האַלט מיך אויף איין אייזערנע קייט; מע בּאַליי־
„דיגט מיך אויף יעדען טריט! מע רעדט מיר שידוכים; מע וויל מיך
„חתונה מאַכען; איהר פאַרשטעהט, אַריה־לייב? חתונה מאַכען מיט
„גוואַלד! מע וויל מיר אָנהייננען אַ ווייב, אַ ווייב צו נײַנצעהן יאָהר!
„איהר פאַרשטעהט? מע וויל מיך פאַרקויפען, ווי מע פאַרקויפט אַ
„זאַך, אַ חפץ, פונקט אַזוי ווי עס ווערט בּעשריבּען אין אַ ראָמאַן! און
„ווען? דעמאָלט, ווען איך בּין דערפון אַזוי ווייט, נאָך ווייטער, ווי
„איהר, אַריה־לייב, זענט פון מיר! אָ, גוטער, ליבּער, טהייערער אַריה־
„לייב! גיט מיר איין עצה: איך בּין גרייט אויף אַלעם! איך פיהל, אַז
„אין דער דאָזיגער מינוט איז בּיי מיר אויסגעוואַקסען פליגעל — און
„איך וואָלט זיך געלאָזט פליהען, לויפען אין דער וועלט אַריין, וואוהין
„די אויגען וועלען מיך טראָגען! — אַבּי אַנטלויפען, אַנטלויפען ווייט
„פון דאַנען, ווייט פון די דאָזיגע ווילדע חיות, מערדער, דעספּאָטען,
„טיראַנען, וואָס האָבּען קיין שום געפיהל פון קיין מענשען, וואָס האָ־
„בּען קיין שום בּעגריף פון דער השכלה, וואָס האָבּען נישט געהערט
„פון קיין ציוויליזאַציע, וואָס זענען איבּערגעגעבּען מיט זייער גאַנץ
„חיות צו דעם געלד און צו די אַלע נאַרעשע, בּלינדע, און מענש־

„ליבע געפּיהלען, אָ! קיינער, קיינער פאַרשטעהט מיך נישט. נאָר איהר,
„אַריה־לייב! נאָר איין מענש אויף דער וועלט!.. ווי אַזוי רייסט מען זיך
„אַרויס פון דאַנען? קיין לעדערע ווילען „זיי" מיר נישט האַלטען; קיין
„ביכער ווילען „זיי" מיר נישט קויפען — און איך בין עלענד, עלענד
„ווי אַ שטיין, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין דער וויסטעניש, ווי אין גע־
„פיינגעניש איך האָב אפילו נישט פאַרוועמען אויסגיסען מיין ביטער
„האַרץ, אַ חוץ אייך, מיין עהרליכער אַריה־לייב, אי, דאָס מיט גרויס מיה,
„ווייל איך האָב מורא פיעל צו שרייבען, „זיי" זאָלען מיך נישט בע־
„מערקען — און איהר ווייסט דאָך, ווי עס איז שווער אויסצוהאַלטען
מיין פּאַטערס אַפּטעקע, דרום קאָן איך אייך אָפט נישט שרייבען און די בריעף
„אָפּטראָגען אויף דער פּאָסט אַליין קאָן איך נישט, מע זאָל מיך נישט
„בעמערקען — איהר ווייסט דאָך ווי אַזוי „דאָ" האָט מען ליעב צו
„קוקען מיט זיעבען אויגען, דרום מוז איך שיקען דעם בריעף דורך
„אונזער פּרויקען, פון וועלכען איך האָב גענוג צרות מיט יסורים ביז
„איך רייד איהם צו און ביז איך באַצאָהל איהם גוט — איהר געדענקט
„דאָך וואָס פאַר אַ פאַרך און אַ גנב ער איז... ווי גאָט איז אייך ליעב,
„אַריה־לייב, ענטפערט מיר, וואָס גיכער אויף דעם דאָזיגען בריעף מיט
„איין עצה פון איין אמת'ן גוטען ברודער, וואָס זאָל איך טהון? —
„אַצינד וועל איך אייך פאָלגען אַלעס, וואָס איהר וועט מיר שאַפען —
„אפילו אין פייער אַריין! אייערע בריעף שיקט ווייטער אויף דעם
„זעלבען אַדרעס, וואָס פריהער, און פאַרגעסט נישט צו שרייבען „Для
передачи Фройкѣ Кроману" — ווען נישט בין איך אַ פאַרפאַלענער!

„אייער איבערגעבענער תלמיד, געטרייהער חבר
און בעסטער, בעסטער פריינד מאַרקוס בלאַנק.

„P. S. אַריה־לייב! איהר געדענקט דאָך מיין שוואָגער אָסיפּ־
„זעמעל? האָט דער דאָזיגער פּראַלער נישט לאַנג אַריין געשריבען אַ
„בריעף, אַז ער האָט אַ נייגעשעפט אין אַמעריקאַנישע וואַש־פאַבריק
„און האָפט צו געווינען אַ גרויסען פּראָצענט פון 1½ מיליאָן, אָט
„פאַרשטעהט זיך, אַז מע האָט איהם דערויף אפילו נישט געגלויבט.

„אייער מאַרקוס.

— וואו האט איהר געקריגען אזא בריעף, סאני?

— ?אייער אסיפ האט דאס מיר געגעבען. מאקע אסיפ אליין!

— מיין אסיפ? ווי ארום? וואס הייסט דאס?...

דאס דאזיגע שיינע בריוועל האט אין איין אויגענבליק אויף געמינטערט די פערזארגטע, פערקלאגטע רעוועקע; שען, הויך, געזונד און פריש איז רעוועקע געוועזען, חאטש זי האט געהאט געלע האר מיט גרויע אויגען, א קליינינקע, א שווארצינקע, א לעבעדיגע, מיט גאנץ שווארצע האר, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט א קליין גענעזעל א צוגויף געציפעט מיילכיל ווי אויף שנירלאך, מיט גריבעלעך אין די בעקלאך אפילו ווען זי האט ניט געלאכט — אט האט איהר סאנ'ן אין גאנצען!

— סאניטשקע! ליובעניו, הארצעניו, נשמה'ניו! — אזוי האט זיך רעוועקע גאנץ פרעליך געווענדעט צו איהר שוועגערין — איך בית אייך, געהט, נעמט, רעדט מיט אסיפ'ן; לאז ער אייך אקוראט דערצעהלען, וואו האט ער דערטאפט דאס דאזיגע בריוועלע? אלם, אלם, אלם, אלם ווערט געוואהר, איך בית אייך, סאניטשקע, הארצעניו! מאקע באלד לויפט ארויף! איך וועל אריין געהן צו פאפאשא און וועל אייך ארויסשיקען אסיפ'ן; גיכער!

— די רגע! האט סאני געענטפערט; און ווי די פייגעלעך זענען אונזערע געשעצטע דאמען ארויף געפלויגען אויף דעם איבערשטען עטאזש, וואהין מיר בעטען אויך אונזערע לעזער זיי זאלען זיך מיט אונז מטריח זיין.

דאס צווייטע קאפיטעל.

די אקטיארען שפּילען געצייכענט גוט.

ווי איין ארענטליכער ראמאניסט, זענען מיר מחויב פארצושטע־לען א בילד פון סענדער בלאנק'ס הויז און ניט דורך־לאזען קיין קליי־ניקייט; נאר מחמת מיר זענען זעהר נייגעהריג שוין אן צו קוקען דעם

חער בלאנק, עטליכע שעה פאר זיין טויט, מוזען מיר דאס בעשרייבונג פונ'ם שענעם הויז אפ לייגען אויף איין אנדער צייט, און יעצט נאך געהן טריט ביי טריט אונזער געשעצטע העלדין, רעוועקע זעטעלגלייך צו סענדער אין ציטער אריין.

דער שארפער ריח פון די אפטהייק-פלעשלעך שטעלט אונז פאר אין דער פאנטאזיע איין אויסגעצויגענעם חולה מיט א בלאס געזיכט מיט א פאר גלעזערנע אויגען און מיט פארשמאכטע ליפען, און מיר פילען אז דא האט זיך דער טויט געמאכט א נעסט און דער מלאך המות ליגט ערגעץ אין א ווינקעלע און מיט א לאנגען שעכטמעסער אין דער האנד היט איהם די נשמה, אזוי אז א פראסט לויפט דורך איבערען לייב; און יעדער פון אונז, אפילו דער גרעסטער אפיקורוס דערמאנט זיך אויך אין דעם לעצטען טאג פונ'ם קורצען לעבען, און יעדער נאך זיין פערשטאנד הויבט אן צו פילאזאפירען אויף זיין שטייגער: דער מאטהעמאטיק זאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען צו א ראד און דער טויט איז דער צענטר, און מיר מענשען זענען ניש'ט מעהר ווי אומגלייכע ראדיוסען, וואס שפארען זיך אן אלע אויף איין פונקטום... דער זייגערמאכער זאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען צו א ציפערבלאט, די ה"ייזערס — דאס איז אונזער לעבען, דער "אומרוה" — דאס זענען מיר און אז די וואג פאלט אראפ — איז אונזער לעצטע היסטאריע... דער שוסטער זאגט, אז די וועלט איז געגליכען, להבדיל, צו א חאליעווע און דער מענטש — דאס איז דער האמער... דער בעל-עגלה זאגט, אז די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען נאר צו ליב דעם בעל עגלה; אי וואס דרעהען זיך דא ארום אזוי פיעל מענטשין? דאס — זאגט ער — זענען אונזערע פארשויגען פון וועלכע מיר האבען פרנסה... פון א באנדער האב איך אליין געהערט, ווי ער האט געזאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען, להבדיל, צו א פעסעל, וואס אז סע ווערט נאר צו לעכצט, מוז דאס דער באנדער אנשלאגען...

אריין געקומען צו סענדער בלאנק אין חדר אריין צום חולה,

האָט זיך פאַר אונזערע אויגען פאַרגעשטעלט אַזאַ מין בילד: אויף אַ גרויסער אייזערנע בעט ליגט מיט'ן בויך אַרויף אַ ייד פון אַ יאָהר פופציג, מיט געלע האָר, מיט אַ גרויסער געלע באָרד, דאָס גאַנצע פּנים כּמעט מיט די הענט באַוואַקסען מיט גילדענע האָר, מיט לאַנגע געלע ברעמען אויף די אויגען (אַסך אייגענליכקייט מיט זיין טאָכטער רעוועקאַ); סענדער איז געשלאָפען, ווי עס האָט אויס געוויזען, מיט אַ זיסען געזונדען שלאָף, אונ אויף זיינע באַקען האָט געפלאַמט אַ פייערעל.

רעוועקע איז שטיל צו געגאַנגען צו זיין בעט, האָט צו געלייגט אַ פינגער צום מויל „ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש!!!" אונ דער אומגליקליכער חולה האָט זיך געביך אויף געחאַפּט, האָט אויף געעפענט זיינע גרויסע גרויע אויגען אונ האָט אַרויסגעלאָזט עפּעס ווי פון אַ ליידיגער פאַס: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק!" אַז די פענסטער האָבען געציטערט. אין איין אויגענבליק האָט זיך רעוועקעס פרעליך שיין געזיכט ווידער פערענדערט אונ אויף איהר שיינעם ווייסען שטערען האָבען זיך פּלוצלים אויסגעלייגט מיט אַ מאָל עטליכע טיעפע, טיעפע קנייטשען, אונ איהרע אויגען האָבען זיך באַנעצט מיט אמתע, ביטערע טרעהרען.

— פּאַפּאַשאַ! — האָט איהם אונזער העלדין געזאָגט, אַרויסשיקענדיג אָסיפּ'ן מיט אַ ווינק, אונ האָט זיך געזעצט ביים פאָטער צוקאָפּענס אונ האָט אַנידער געלעגט איהר ווייכע, ווייסע האַנט אויף זיין שטערען. — פּאַפּאַשאַ! ווער שוין געזונד; עס איז שוין צייט, זעה, וואָסער אַ פּנים דו האָסט באַקומען, פּאַפּאַשאַ! שטאַרק זיך! פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך! לאָז זיך ניט אָפּ איינגאַנצען.

— אוי, שלעכט, שלעכט, טאָכטער! האָט איהר דער פאָטער געענטפערט — איין עק! איין עק! גאָט ווייסט, צו איך וועל דערלעבען מאָרגען, גאָט ווייסט! רבקה! קינדער! חיים! מאַרקוס! וואו זענט איהר? וואו זענען מענשען? רופט מיר מענשען! איך וויל שרייבעי אַ... אַ... אַ... צוואָה!

אַ צַוָאָה ? ווייס איך, וָואס דו רֶעדְסְט, פַּאפַּאשַׁא! נַא דִיר גָאר אַ צַוָאָה! מֵילָא, אַז מֶע איז נִיט גֶעזוּנְד, איז וָואס? סֶע מַאכְט זִיך! אַ מֶענְשׁ איז נִיט קֵיין אַייזֶען...

— אֶ... אוֹי, טָאכְטֶער, איך ווִיל שְׁרַייבֶּען אַ צַוָאָה; איך הָאבּ עֶטְלִיכֶע גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה צוּ לֶעבֶּען, צוּ מוּטְשֶׁען זִיך, גְוַואלְד! גְוַואלְד!

דֶער דָאזִיגֶער „גְוַואלְד" הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דָאס גַאנְצֶע הוֹיז אוֹיף דִי פִיס. צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁטֶען הָאט מִרְיָם־חַיָה גֶעחַלִּישְׁט, אוּנ דָאס ווַייסֶען מִיר דָאךְ אַלֶע, ווִי גְרִינְג דֶער שְׁוַואכֶער פְרוֹי איז צוּ חַלִּישֶׁען: צוּ אִיהר איז צוּ גֶעלָאפֶען דִי מַאדַאם סָאנִי מִיט אַזַא שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁרֵיי „שְׁ ו ו י גֶ ע ר !!", אַז וֶוען מִרְיָם־חַיָה זָאל טַאקֶע אוֹיף אַיין אֶמֶת גֶעוֶוען חַלִּישֶׁ'ן, וָואלְט זִי זִיךְ אוֹיךְ בַּאדַארְפְט אוֹיפְחַאפֶּען — אוּנ זִי הָאט זִיךְ טַאקֶע אוֹיפְגֶעחַאפְּט, אוֹיפְגֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען, אַנִידֶער גֶעלֵייגְט דִי קָאפּ בַּיי דֶער שְׁנוּר אוֹיף דֶעם הַארְצֶען, אוּנ גֶענוּמֶען צוּ לַייעֶנֶען אַ צֶעטִיל ווִי אַזוֹי אוּמְגְלִיקְלִיךְ אוּנ עֶלֶענְד זִי איז, ווִי אַזוֹי זִי בְּלַייבְּט ווִי אוֹיפֶ'ן וַואסֶער, ווִי אַ פַארְווִיסְטֶע אַלְמָנָה — אַ יוּנְגֶע נָאר אַ פַארְווִיסְטֶע אַלְמָנָה! וֶוער וֶועט זִיךְ אוֹיף אִיהר אַרוּמְקוּקֶען?

אוֹיף אִיהר קוּקֶענְדִיג איז סָאנִי צֶעגַאנְגֶען גֶעוָוארֶען פַאר גֶעווֵיין אוּנ פַאר גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט זִי כִּמְעַט פַארְגֶעסֶען אִין אִיהר אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּנ הָאט גֶענוּמֶען טְרֵייסְטֶען דִי „ווִיסְטֶע אַלְמָנָה" מִיט דִי דָאזִיגֶע רִיהרֶענְדֶע אוּנ הַארְצְרֵייסֶענְדֶע ווֶערְטֶער:

— גֶענוּג אַייךְ אוֹיךְ צוּ טְרָאהרֶען, שְׁווִיגֶער, כְּ'לֶעבֶּען, גֶענוּג! פַארְגֶעסְט נִיט אָן גָאט אוּנ זִינְדִיגְט נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע רֵייד, שְׁווִיגֶער! גָאט וֶועט אַייךְ נִיט פַארְלָאזֶען, אִיהר זֶענְט נָאךְ אַ יוּגֶענְד, אוּנ אַייעֶר מַזָל קָאן קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסֶען, אִיהר זֶענְט נִיט דִי עֶרְשְׁטֶע, אוּנ נִיט דִי לֶעצְטֶע, גָאט קָאן אַייךְ נָאךְ בַּאשֶׁערֶען, אוּנ אִיהר קָאנְט נָאךְ ווִיסֶען פוּן אַ ווֶעלְט, אוּנ מִסְתָמָא וֶועט אַייךְ דֶער שְׁוֶוער נִיט פַארְגֶעסֶען אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט אוּנ וֶועט אַייךְ בַּאוָוארֶענֶען, אָבֶּער איך, שְׁווִיגֶער, איך קָאן זִיךְ צוּ אַייךְ נִישְׁט גְלַייכֶען, איך בִּין בֶּעפַאלֶען מִיט קִינְדֶער, אוּנ דַארְף הָאבֶּען פִיעל זְכוּת־אָבוֹת, בִּיז איך זָאל פּוֹעֵל'ען בַּיי גָאט, אַז דֶער

שְׁוָוער זָאל מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסֶען, מִיט מַיין מַאן. אִיהר וֵוייסְט, אִיךְ הָאבּ נָאךְ כִּמְעַט קֵיין חַיָה־שָׁעָה נִישְׁט גֶעהַאט, חוּץ דַחְקוּת, יְסוּרִים אוּנ הַארְצְוֵוייטָאג, חָאטְשׁ מַיין חַיִים, אִיז אַיין עֶרְלִיכֶער, אַ שְׁטִילֶער, אַ לַייטֶעשֶׁער יוּנְגֶערְמַאן, נִיט אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער אָסִיפ דֶער שַׁארְלַאטַאן; וָואס פַארְשְׁפִּיעלְט זָאגְט מֶען אִין קָארְטֶען אַ יָאהר וִויפִיעל אִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּנ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפֶען פַארְלֶעבֶּען, אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֵוייסְט אִיהר, וִויפִיעל מַתָּנוֹת רֶעוֶועקֶע הָאט תָּמִיד פוּנ׳ם שְׁוָוער, אוּנ אִיךְ, אַחוּץ דֶעם נְדַן, נִישְׁט דָא וָואס צוּ רֵעדֶען!....

אוּנ מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער הָאט גֶעבִּיךְ סָאנִי בֶּעהַאלְטֶען אִיהר וֵויינֶענְדִיג פָּנִים בַּיי מִרְיָם־חַיָה׳ן אוֹיף דֶעם הַארְצֶען, אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען גֶעבִּיךְ דִי דָאזִיגֶע צְוֵויי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּער אוֹיסְגֶעגָאסֶען אֵיינְ׳ם פַאר׳ן אַנְדֶערֶען זַייעֶרֶע הֶערְצֶער, זַייעֶרֶע בִּיטֶערֶע הֶערְצֶער, וָואס אִיז אָנְגֶעזָאדֶען פוּן אַ צַייט מִיט יָאהרֶען קִנְאָה, שִׂנְאָה, פַארְדְרָאס, הַארְצְוֵוייטָאג מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע גֶעפִיהלֶען... מִיר זֶענֶען אַלֶע אַזוֹי, לֶעזֶער, וֶוער וִוינְצִיגֶער, וֶוער מֶעהר, וֶוער קְלִיגֶער, וֶוער נַארֶעשֶׁער, וֶוער אָפֶּען, וֶוער פַארְבָּארְגֶען; אָבֶּער עֶגָאִיסְטֶען זֶענֶען מִיר אַלֶע, הָאט אוֹיף מִיר קֵיין פַארְאִיבֶּעל נִיט! אֶמֶת, מִיר הָאבֶּען אַ בַּאקַאנְטֶען אֵיינֶעם ר׳ הֶערְץ, אָדֶער ר׳ זֶרַח — דָאס אִיז אַלֶעם אֵיינְ׳ם — גֶעדֶענְק אִיךְ גַאנְץ גוּט, וִוי אַזוֹי צוּרִיק מִיט אַ יָאהר צְוֵויי, אָדֶער דְרַיי, אַז דֶער דָאזִיגֶער ר׳ הֶערְץ, אָדֶער ר׳ זֶרַח הָאט בֶּע־דַארְפְט שְׁטַארְבֶּען אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע פְרַיינְד זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעפָארֶען... צוּ אִיהם, אִיז כְּדַאי גֶעוֶוען צוּ זֶעהֶען, מִיט וָואס פַאר אַרִיהֶרֶענְדֶעם פְרַיינְדְלִיכְקֵייט, מִיט וָואס פַאר אַיין וִוירְקְלִיךְ אִיבֶּערְגֶע־בֶּענְהֵייט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט דָאס דָאזִיגֶע גֶעזִינְדִיל אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּנ גֶעהָאנְגֶען אַרוּם דֶעם חוֹלֶה; עֶס אִיז כְּדַאי גֶעוֶוען צוּ זֶעהֶען, וִוי אַזוֹי דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דֶעם דָאקְטָאר אוּנ וִוי אַזוֹי אֵיינֶער אִיבֶּער׳ן אַנְדֶערֶען זֶענֶען גֶעלָאפֶען צוּ בֶּעדִינֶען דֶעם חוֹלֶה, אוּנ שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַז אַלֶע הָאבֶּען פַארְגֶעסֶען אָן זִיךְ אוּנ מֶע הָאט נָאר גֶעהַאט, צוּ טוּהן מִיטְ׳ן חוֹלֶה, אוּנ בִּיז דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט הָאבֶּען זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ זַיין וַוייבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעצְט זִיךְ צוּ בֶּעדוֹיעֶר׳ן זַייעֶר אֵייגֶענֶע

לַאנְגֶע ווִי אוּנְזֶערֶע גֶעשֶׁעצְטֶע פְרוֹיֶען מִרְיָם־חַיָה בְּלַאנְק מִיט אִיהר לִיבְּסְטֶער שְׁנוּר סָאנִי בְּלַאנְק, וָואס הָאבֶּען, ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, בַּייצַייטֶענְס בַּאווייגְט נִיט דֶעם הֶער בְּלַאנְק, וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְלִיבֶּען שְׁטַארְבֶּען, זֵיי הָאבֶּען בַּאקְלָאגְט זִיךְ אַלֵיין; שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַז בְּשַׁעַת ר' הֶערְץ, אָדֶער ר' זֶרַח הָאט זִיךְ גֶערֶעזְגֶעלְט מִיטְ'ן מַלְאַךְ־הַמָוֶת, הָאט קֵיינֶער נִישְׁט אִינְזִינֶען גֶעהַאט מִיט קֵיין צַוָואָה מִיט קֵיין בֶּעווָארֶענֶעשֶׁען, אוּן וֶוען עֶמִיצֶער זָאל זִיךְ גֶעוֶוען דֶערְפוּן אוֹיסְרֶעדֶען, וָואלְט דָאס גֶעוֶוען דָאס גְרֶעסְטֶע בֶּעלֵיידִיגוּנְג פַאר דֶעם גַאנְצֶען הוֹיז גֶעזִינְד, נִיט אַזוֹי ווִי דָא, בַּיי אוּנְזֶער גֶערִיהמְטֶען הֶער בְּלַאנְק, וואו דִי מַאדַאם רֶעוֶועקַא זֶעמֶעל הָאט אַ ווִינְק גֶעטוּהן צוּ אִיהר פִילְגֶעלִיבְּטֶען מַאן אָסִיפ זֶעמֶעל עֶר זָאל לוֹיפֶען אוּן בְּרֶענְגֶען וָואס גִיכֶער מֶענְשֶׁען, דֶעם רַב, דֶעם נַאטַארְיוּס, אוּן אַז דֶער דָאזִיגֶער ווֶעלְטְלִיכֶער דִיפְּלָאמַאט, מִיט וֶועלְכֶע מַיינֶע לֶעזֶער וֶועלֶען זִיךְ בַּאלְד בַּאלְד בַּאקֶענֶען גַאנְץ נָאהֶענְט, אַז דֶער דָאזִיגֶער הֶער זֶעמֶעל, זָאג אִיךְ, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם נַאטַארְיוּס, הָאט עֶר מִיט אִיהם גֶעמַאכְט אַ גַאנְץ לַאנְגֶען שְׁמוּעֶס ווֶעגֶען זַאקְאנֶעס בִּכְלַל אוּן ווֶעגֶען יְרוּשָׁה בֶּעזוּנְדֶער; עֶר הָאט בַּאווִיזֶען ווִי וַוייט עֶר אִיז קְלָאר אִין זַאקָאנֶעס, אוּן חָאטְשׁ עֶר אִיז, דַאנְקֶען גָאט, נִיט אַזוֹי נוֹיטְבֶּעדֶערְפִיג, דָאךְ פֶערְהָאפְט עֶר אַז זֵיין גֶעלִיבְּטֶער שְׁוֶוער, דֶער הֶער בְּלַאנְק, וֶועט אִיהם אָפּ שְׁרַייבֶּען דֶעם גְרֶעסְטֶען חֵלֶק יְרוּשָׁה, מַחֲמַת אִיהם, אָסִיפֶען, הָאט עֶר לִיעבּ ווִי אַיין אֵייגֶענֶעם זוּהן אוּן שְׁפֶּעטֶער, אַז דֶער נַאטַארְיוּס מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם חוֹלֶה, הָאט אָסִיפּ אַרוּם זֵיי שְׁטַארְק אַרוּמְגֶעטַאנְצְט אוּן אַזוֹי אֵיינְגֶענוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אַז אַ מֶענְשׁ פוּן דֶער זַייט הָאט גֶעקָאנְט מֵיינֶען, אַז דָא וֶועט מֶען שְׁרַייבֶּען תְּנָאִים, נִיט קֵיין „צַוָואָה", אַז דָא אִיז אַ „חֲתוּנָה", נִיט קֵיין גֶעפֶעהְרְלִיכֶער קְרַאנְקֶער, וָואס גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ מִיטְ'ן לֶעבֶּען... נָאר אַיין רֶעוֶועקַא הָאט זִיךְ נִיט פֶערְלָארֶען: דִי דָאזִיגֶע גֶעטְרַייֶע אִיז נִיט אָפְּגֶעטְרָאטֶען אוֹיף קֵיין מִינוּט אוֹיף קֵיין רֶגַע פוּנְ'ם קְרַאנְקֶען פָּאטֶער; אוֹיף אִיהר פָּנִים אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעצֵייכֶענְט אַזֶעלְכֶע יְסוּרִים, אַזֶעלְכֶע טִיעפֶע שְׁמֶערְצֶען, אַז דֶער גֶעפֶעהְרְלִיכֶער סֶענְדֶער, הָאט זִי גֶעטְרַייסְט:

— וואס וויינסטו, נארעלע?

די דאזיגע עטליכע ווערטער האבען געעפענט בײ דער זעלטענער טאכטער א נײעם קוואל פון טרערען און קוים מיט צרות האט זי געקאנט אויסרעדען אדער אויסקוויטשען:

— טאטע! מע דארף ניט! מע דארף ניט!

— וואס, נארעלע? וואס דארף מען ניט, נארעלע?

— קיין צוואה דארף מען ניט! מען דארף ניט! איך וויל ניט! איך קאן דאס ניט איבערטראגען! דו וועסט נאך לאנג, לאנג לעבען!

— געה שוין געה — נארעלע! זעהסט דאך, אז איך עק זיך!

— מע דארף ניט! מע דארף ניט!

וואס האט געקלערט אונזער שײנע רעוועקא, שרײענדיג: „מע דארף ניט" בײ זיך אין הארצען? עס איז ניט גרינג צו וויסען ליבער פריינד, וואס איהר אדער איך קלערען אין הארצען; דאס איז בכלל זעהר א שווערע זאך צו טרעפען, און היינטיגע יאהרען איז גאר ניטא דער נאר, וואס זאל ארוים געהן און דערקלערען, וואס דער אדער יענער טראכט בײ זיך אין הארצען; יעדער אויף זײנע געדאנקען איז בעל־הבית און קאן זיך מיט זײ בענוצען, ווי ער פארשטעהט... על כל פנים דאס קאן איך אײך זאגען, אז נאך דעם געוויין מיט'ן געשרײ פון אונזער פײנער העלדין רעוועקא „מע דארף ניט! מע דארף ניט!" האב איך אלײן מיט מײנע אויגען געזעהן, ווי זי רעוועקא, האט אוועק גערופען איהר געשעצטען מאן. אסיפ זעמעל, און האט זיך מיט איהם עפיס געסוד'עט און געשושקעט עטליכע מינוט און איהרע אויגען זענען געווען טרוקען ווי פעפער; וואס האבען זײ גערעדט, קאן איך עד היום ניט וויסען; איך האב נאר געחאפט עטליכע ווערטער: „ירושה... צוואה... א חלק... זאקאן... איין אכטיל... א זוהן... א טאכטער..." און דאס איז שוין גענוג פאר אונז, און מיר שטויסען זיך שוין אהן, פון וואס דאס דאזיגע פארפאלג האבען דא געשמועסט. די מאדאם רעוועקא איז געווען עפיס זעהר צוטראגען, ווי א סוחר בשעת ער שמועסט פון א גרויס געשעפט, און דער הער

האט אריינגעשטעקט ביידע הענט אין די הויזנקעשע-[illegible]סען די נאז מיט די אשקאלירעגע ברילען און האט אביסעל [illegible] אונטערגעשפרונגען, ווי אונטערגעטאנצט, סקריפענדיג שטארק מיט די שטיוועל, און אויך זיין פרעהליך פנים איז געווען קלאהר אז עס איז איהם היינטיגען טאג בכלל זעהר אויפגעלייגט אויפ'ן הארצען...

דאס אייזערנע בעטעל, וואס דער אומגליקליכע קראנקער ליגט אויף דעם אצונד און האמפערט זיך מיט'ן מלאך המות, איז אייגענטליך ניט קיין שלאף-בעטעל, נאר אזא מין קושעטקע, א גאנץ גרויסע וואו סענדער האט ליעב געהאט צו לעגען זיך אפ רוהען נאך יעדען מאהל-צייט מיט א גאנץ גרויסער גראבער ציגאר אין די צעהן; ווי עס ווייזט אויס, האט סענדער ליעב פון תמיד אן שטארק און מאסיווע מעבעל; דאס קאן מען בעמערקען נאך דעם גאנץ גרויסען דעמבענעם שרייב-טיש, און נאך דער הויכער דעמבענער קרעסלע (פאטעל), וואס האט גיכער א פנים פון א גארדעראבנע שאפע, איידער פון א קרעסלע, חאטש אין מיטען איז אויסגעהאקט איין ארט אויף ר' סענדערס געזים בעצויגען מיט א גאנצער יוכטענער פעל. מערקווירדיגער, שטארקער און מאסיווער פון אלס איז דאס שרייב געצייג, מיט די אלע שטאכ-טעליאקעס, וואס געפינען זיך ביי יעדען לייטעשען מענשען פון היינ-טיגער וועלט אויפ'ן שרייב-טיש. אלעס איז אפ געארבעט און אפ געטעסעט אזוי ערנסט, אזוי ארענטליך, אזוי געטריי, — ניט אנדערש, ווי „פא-זאקאזו" געמאכט געווארען, און אז מע קוקט ביי די היינטיגע טאנדעטניקעס איז דאס נאר קיי און שפיי, מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך; אבי נאר געלט אויס צו נארען און גענוג! ניין, סענדער איז ניט פון די דאזיגע שפרינגערס, וואס היינט לעבען זיי און מארגען פו-פא! סענדער האט ליעב שטארקס, פעסטיגס, מאסיווגעס — און איז אליין אויך שטארק, פעסטיג און מאסיווע, פארפראוועט פון געזונדע מאכלים מיט די בעסטע ווייגען, און פארזארגט אויף היבשע, היבשע עטליכע יאהר; נאר — אך! ניטא קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט, איין איין איבעריגער טראפען וואסער אין טייך מאכט א גרויס בעוועגונג

אין די וואַרפענדע חוואַליעס; איין איבעריג שטיקעל געפּילטע פיש פון אַ 3, 4 פונט מאַכט אַן אַ גאַנצע סומאַטאַכע, אַ רעוואָלוציע אין בויך — און מיר זענען אַלע ביי גאָט אין די הענט!... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אַז איבער אַ האָרן מיט אַ הוהן זאָל חרוב ווערען אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי ביתר? ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אַז איבער אַזאַ גאָר גישט מיט אַ נישט, ווי אַ שטיקעל העכט, זאָל עס נעמען אומוואַלגערען אַזאַ מויער, ווי סענדער בלאַנק, וואָס האָט זיך נאָך אויף זיין לעבען־לעבען קיין מאָל נישט געקלאָגט, אַז סע זאָל איהם עפּיס וועה טהון? און פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך אַז אויף דערוועלט קאָן זיך אַלעס מאַכען.

דאָס דריטע קאַפּיטעל

איז אַביסעל צו גרויס, דען עס ווערט דאָ בעשריבען אַ סך פאַרשוינען און געשמועסט פון פערשידענע זאַכען.

אַלסדינג קאָן זיך מאַכען אויף דער גרויסע וועלט, און יעדער צופאַל קומט אָן אַזוי אומגעריכט, פּלוצים, אַז אונזער מענשליכער פערשטאַנד שטעלט זיך אַנידער און ווערט פאַרגליווערט, אַז ער בעגעגענט אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען אין דער נאַטור.

דער פּערפאַסער פונ'ם דאָזיגען בוך איז אַליין געווען אַיין עדות ביי אַ סך אַזעלכע אומגעריכטע צופאַלען. ווי הייגט שטעהט אונז פאַר די אויגען אונזער ר' „יוסיל דוד פאַני" מיט דער גרויסער באָרד, מיט דער צופּלעצטער נאָז, מיט'ן גראָבען בויך, מיט דער בּרייטער ליסענע אויפ'ן קאָפּ; אָט איז ער געקומען פונ'ם דאַווענען; אָט האָט ער געמאַכט „שהכל" אויף אַ גלעזעל ספּירט און האָט פאַרביסען מיט עטליכע הייסע קאַרטאָפלים; אָט האָט ער זיך צוגעלייגט אַ מינוטקעלע אויפ'ן טאַפּטשאַן און אָט האָט ער ניט געסטיעט!... און אַלי? אַלי דער טלית'ניק ווי אַזוי איז געשטאָרבען? אין באַר פרייטאָג, אויף דער אויבערשטער באַנק! נאָר ווען מיר זאָלען נאָר

װֶעלֶען זִיךְ אַרײַנְלָאזֶען אִין לַאנְגֶע שְׁמוּעֶסֶען, װָאלְטֶען מִיר גֶעקָאנְט אָפְּצֵיילֶען נָאךְ צְוַואנְצִיג אַזֶעלְכֶע צוּפַאלֶען וואו דֶער טוֹיְט קוּמְט פְּלוּצִים, נִישְׁט גֶערֶעכְט; נָאר נִיט דָא אִיז דָאס אָרְט צוּ פֶערְגֶעמֶען זִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע „סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת", אוּן אַז אַ רָאמַאנִיסְט זָאל װֶעלֶען אִין אֵיין בּוּךְ אַרוֹיסְשְׁרַייבֶּען אַלֶעס, װָאס עֶר װֵייסְט, װָאלְט זַיין רָאמַאן קֵיינְמָאל קֵיין עֶק נִיט גֶעהַאט, בִּיזְ'ן טוֹיְט אַרַיין...

מִיט אוּנְזֶער גֶעהֶרְטֶעסְטֶען סֶענְדֶער בְּלַאנְק אִיז אוֹיךְ גֶעװֶען אַיין אוּמְגֶערֶעכְטֶע זַאךְ. דָאס אִיז גֶעװֶען אִין אַ שֵׁיינֶעם פְרִיהמָארְגֶען, נִישְׁט אִין קֵיין חָמָארְנֶעם טָאג, אִיז זִיךְ סֶענְדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, װִי אַ מֶענְשׁ דַארְף אוֹיפְשְׁטֵעהְן, אוּן טְרִינְקֶענְדִיג טְהֵיי הָאט עֶר, פּוּנְקְט װִי אַלֶע טָאג, אַ צִיה גֶעטְהוּן בַּיים גְלֶעזְל אוּן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּנְזֶער בֶּעקַאנְטֶער פְּרוֹיְקֶע, אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פַאר דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת, װִי אַ סְטְרוּנֶקֶע.

— מֶע הָאט שׁוֹין גֶעבְּרַאכְט דִי פִישׁ? הָאט סֶענְדֶער אַ פְרֶעג גֶעגֶעבֶּען אוּן הָאט אָפְּגֶעזוּפְּט אַ הַאלְבֶּע גְלָאז טְהֵיי.

— גֶעבְּרַאכְט! הָאט פְּרוֹיְקֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, װִי אַ חְוַואט.

— הֶעכְט?

— הֶעכְט.

— גְרוֹיסֶע הֶעכְט?

— גְרוֹיסֶע הֶעכְט.

— פְרִישֶׁע?

— פְרִישֶׁע.

— זָאג זֶעלְדֶען, דִי פִישׁ זָאלֶען זַיין מִיט מֶעהְרֶען גֶעקָאכְט — הָאט סֶענְדֶער אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אוּן הָאט אַ זוּפּ גֶעטְהוּן דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבּ גְלָאז טְהֵיי.

— מִיט מֶעהְרֶען גֶעקָאכְט — זָאגְט אִיהם פְּרוֹיְקֶע נָאךְ װִי נָאךְ אַ סִדּוּר.

— עֶטְלִיכֶע קַארְטָאפְלֶעס אִין דִי פִישׁ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קְשָׁה — הָאט סֶענְדֶער בֶּעפֶעהְלֶען וַוייטֶער.

— אוֹיךְ נִישְׁט־קְשָׁה — זָאגְט פְּרוֹיְקֶע.

— אונ בֶּע׳טַעס׳ט, מָאסְטֶקֶע, ווי מִיט קְלֵיי, רויטלֶעךְ, גֶעדֶעכְט, מִיט פֶּעפֶּער, הֵיים, אויסְגֶעזָאדֶען. דו הֶערְסְט צי גֵיין?

— אִיךְ הֶער, אִיךְ הֶער.

— קֵיין זְרַאזֶע דַארְף מֶען הַיינְט נִיט — הָאט סֶענְדֶער ווייטֶער ארויסְגֶעגֶעבֶּען אַ אִינְסְטְרוּקְצִיֶע.

— דַארְף מֶען הַיינְט נִיט — זָאגְט פְּרויֶקֶע.

— אויפ׳ן אֶרְט פונ׳ם זְרַאז אַיין עֶסִיג פְלֵייש.

— עֶסִיג פְלֵייש — זָאגְט פְּרויֶקֶע.

— גֶעגְזֶען פְלֵייש אִין סוֹף.

— גֶעגְזֶען פְלֵייש אִין סוֹף — זָאגְט פְּרויֶקֶע.

— דִי דְרויבֶּעלֶעךְ פוּן דִי גֶענְז אויךְ אִין סוֹף אַרַיין.

— אויךְ אִין סוֹף אַרַיין.

— בֶּעשִׁיטֶען מִיט גְרַייפְּלֶעךְ.

— מִיט גְרַייפְּלֶעךְ.

— אַ צִימֶעס פוּן פָּאסְטֶערְנַאק.

— פוּן פָּאסְטֶערְנַאק.

— סֶע אִיז נָאךְ דָא בַּיי אונְז פונ׳ם ווייסֶען ווַיין? הָאט פְּלוּצִים סֶענְדֶער אַ פְּרֶעג גֶעטְהוּן אונ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אויף פְּרויֶקֶען אַזֶעלְכֶע אויגֶען, גְלַייךְ ווי אֵייגֶער רֶעדְט: „זָאג שׁוֹין, זָאג, מַמְזֶר, נַא, שְׁטֶעךְ מִיךְ, קויְלֶע מִיךְ!...” פְּרויֶקֶע אִיז גָאר צוּמִישְׁט גֶעוָוארֶען; עֶר הָאט זִיךְ אַ הַאפּ גֶעטְהוּן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט בַּיים שְׁטֶערֶען, בַּיי דִי קְנֶעפְּלִיךְ פונ׳ם פִּידְזְשַׁאק, בַּיי דִי עֶלֶענְבּוֹיגֶענְס, בַּיי דִי קֶעשֶׁענֶעס אונ הָאט אַ ווָארְף גֶעטְהוּן מִיט דִי אויגֶען אויף דֶער סְטֶעלִיֶע, גְלַייךְ ווי דָארְט אִיז גֶעווֶען אָנְגֶעצֵייכֶענְט, ווִיפִיעל בּוּטֶעלְקֶעס ווַיין עֶס גֶעפִינְט זִיךְ נָאךְ בַּיי סֶענְדֶער׳ן אִין קֶעלֶער, אונ קוים מִיט צָרוֹת גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— הַא? וָואס? ווייסֶער ווַיין? גֵיין! יָא! סֶע אִיז נָאךְ דָא.

— בֶּערְגֶעס נִיט שִׁיקֶען נָאךְ בִּיעֶר.

— נָאךְ בִּיעֶר — זָאגְט פְּרויֶקֶע.

— מֶע מֶעג שׁוֹין עֶפֶענֶען אַ נַייעֶ פַאס אוּגֶערְקֶעס.

— אונגערעקעס.

— געדענק זשע, וואס איך האב דיר אנגעזאגט מכח די פיש.

— מכח די פיש — זאגט פרויקע.

— איצט גיי!

פרויקע איז ארויסגעגאנגען און סענדער האט גיך, גיך געענדיגט מיט'ן אנבייסען, האט זיך ארומגעטרייסעלט, אפגעווישט מיט דעם טישטיכל די ליפען, די הענט, אויפגעשטאנען, אויסגעגלעט דעם בויך, פערוויקעלט א גראבען ציגאר און האט זיך ארויפגעלאזט אין דער בעקאנטער קרעסלע אריין. די ציגאר האט ארויסגעלאזט און צוטראגען איבער'ן גאנצען קאבינעט זייער א שיינעם אראמאט און סענדערס געדאנקען זענען אוועק ווייט ווייט אין קיך אריין און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט א ריח פון געקאכטע פיש; סענדער האט צושפרייט די נעזליכער און האט מיט'ן גאנצען כח גענומען ארייגשלעפען צו זיך אין נאז אריין דעם שיינעם, געשמאקען אראמאט פון די אויסגעצייכענטע געפילטע פיש, און אזוי האט ער געכאפט א דרימיל זיצענדיג אין קרעסלע אויף א האלבע שעה. אויפגעשטאנען האט ער זיך גענומען אביסיל צו די געשעפטען, אפגערעדט מיט א צוויי דריי מעקלערס, איבערגעזעהען די בריעף פון דער פאסט, אפגעענטפערט וועמען מע דארף און האט א קלונג געטהון צו פרויקען און האט געהייסען גרייטען צום טיש.

אז אונזער סענדער האט אריין געטראטען מיט א פארחלשט'ן הארץ אין עס-צימער אריין, איז שוין דער לאנגער דעמבענער טיש געווען אין גאנצען גרייט מיט די טעלער, מעסערס, לעפעל פלעשער און קליינע פלעשעלעך, גלעזער און קליינע גלעזעלעך, מיט אלערליי געזאלצענס, הערינג געשניטענער, הערינג געהאקטער, שמאלץ הערינג, געווירצטער הערינג, געמאראנירטער הערינג, קליינע הערינגלאך, סערדעלען, איקרע און וואורשטעווער קאלבאסען. דאס עס-צימער אליין האט מיט'ן שטארקייט פונ'ם מאסיווע מעבעל געכאפט דעם אמבליק פון ר' סענדערס קאבינעט; נאר די דאזיגע צוויי חדרים האט

סענדער ליעב געהאט מעהר פון'ם גאנצען זיין גרוים הויז, מחמת די איבעריגע חדרים זענען געווען אויפגעפוצט אויף היינטיגען מאניער, און זייער גרינג, רויכיג מעבעל האט נישט געקאנט אויסהאלטען אויף זיך דעם שווערען קערפער פון'ם געשעצטען ה' בלאנק. דריי פריבארען זענען אויפ'ן טיש געלעגען: פאר סענדער'ן מיט זיין ווייב, און פאר מארקוס'ן.

אונזערע לעזער זענען נאך ניט באקאנט מיט די איבעריגע צוויי פארשוינען. ביז וואנען סענדער וועט זיך אפּ פארטיגען מיט די געצאלצענע זאכען וואס שטעהען דא אויפ'ן טיש, וועלען מיר איין קוק פאר־באכטען סענדערם ווייב מיט איהר זוהן מארקוס'ן.

מרים־חיה, די מאדאם בלאנק איז נאך גאר א יונגע פרוי, פון א יאהר 36 נישט מעהר; זעהר א שענע, א קלאר ווייסע, ווי געפאלע־נער שנעה; מיט זעהר שענע בלויע אויגען און שווארצע ברעמען, מיט זעהר איין איינגענעמען סימפאטיש געזיכט; דאס גוטקייט איהרם ליגט איהר, ווי מע זאגט, אויפ'ן פנים. מרים־חיה איז א פשוטע, ערה־ליבע, און א פרומע יודישע פרוי: זי טראגט נישט קיין אייגענע האר; פרעמדע טונקעל רוסאווע צעפּ באשיינען איהר קאפּ; און געקליידעט איז זי ניט נאך דעם לעצטען זשורנאל, נאר ריין, ציכטיג, „טשעפּקע״, איינגענומען; איהר וואוקס איז ניט זעהר קליין, דאך ווייזט זי אויס ווי א קינד, ווי א ליאלקע אקעגען איהר מאן, וואס זי שעצט איהם העכער און גרעסער פון אלעם אויף דער וועלט, און סענדערם ווארט איז בייא איהר להבדיל א דין. זי איז ביי איהם די צווייטע פרוי און האט מיט איהם איין און איינציגען זוהן מארקוס, וואס די נאטור האט איהם געשענקט מרים־חיה'ס שענקייט מיט סענדער'ס גבורה און אין איינעם איז פון איהם ארויס אקוראט אזא זעלטענער העלד, ווי מיר דארפען אין אונזער ראמאן. ארויסלאזען איהם אויף דער גאס, ווען עם שפּאצירען אונזערע מאמזעלען מיט די דאמען, איז געווען מיין איך א געפעהרליכע זאך, ווארום אין דער שטאדט, וואו עס קומט פאר אונזער אמת'ע געשיכטע, איז דער צווייטער מארקוס ניט געווען;

אמת, סע איז געווען נאך צוויי, דריי מארקוס'ן, נאר ניט אזעלכע מארקוס'ן, ווי אונזער מארקוס, מיט אזעלכע גרויסע בלויע אויגען, מיט אזא ברייטען ווייסען שטערן, מיט אזעלכע שיינע, בלאנדע געקריי־זעלטע האר, מיט אזעלכע שיינע ווייסע הענט מיט אזא הויכען גרויס־ארטיגען שטאלט, מיט אזא שיין, ליכטיג, ריין פנים, מיט אזעלכע איידעלע מאניערען, מיט אזא איינגענומענעם רעדען — לאכט, לאכט, איהר געבילדעטע מאמזעלען, „קורסיסטקעס"! אויב אייערע איידעלע הערצער זענען נאך ניט פערדארבען געווארען פון פערשיעדענע פריע, מאדנע געדאנקען, וועלען זיי זיך נאך קענען קלאפען בעגעגענדיג אזא מאנספערזאן, אזא שענעם קאוואליער ווי אונזער יונגער העלד מארקוס בלאנק, מיט וועלכען מיר טריטען ארויס מיט גרויס נדלות אויף די בלעטלעך פון אונזער אמת'ער ערצעהלונג. איך וויים, איהר וועט מיר ענטפערן: וואס קומט אונז ארויס פון א שען פנים מיט א גרויסען שטאלט? דער עיקר איז, צו האט ער עפיס אין קאפ, אין הארצען? וואס אמת איז אמת; מיין העלד האט די נאטור ניט גע־שיינקט קיין בעזונדערע פעהיגקייטען, אדער טאלאנטען; ווער פער־מאגט אבער אזא גוט, ווייך, ווארעם הארץ, ווי מארקוס האט? ווער פערמאגט אזא גליקליכע לאגע צו זיין א זוהן, א בן זקנים ביי סענדער בלאנק, וואס קאן איהם געבען נדן, וויפיעל מיינט איהר? צוואנציג טויזענד, דרייסיג טויזענד און פאר וואס ניט קיין פופציג טויזענד רובל? סענדער וועט איהם געוויס געבען פופציג טויזענד רובל, אויב ער וועט גרויבען דעם שידוך וואס ער וויל. און דעם שידוך, וואס ער וויל, פאר וואס זאל ער איהם ניט ערדייכען? מיט וואס איז סענדער בלאנק ערגער פון גרשון מירמעלשטיין.

— וואס זאגסט דו, מרים-חיה, אויף דעם דאזיגען פארך? — זאגט סענדער צום ווייב און קוקט אריין אין די פיש אריין.

— אויף וואסער פארך, סענדער? וואס פאר א פיש ווילסט דו? א מיטעלשטיק? אין עקשטיק? צו א קאפ?

— לאז זיין א מיטעלשטיק מיט איין עקשטיק מיט א קאפ — זאגט סענדער — איך רעד פון דעם שייגעץ רעד איך.

— וואסער שייגעץ, חזנדער? נעם אט דאס גוי: א גוט שטיקל, סענדער.

— טויזענד מאל דארף מען דיר זאגען, צו וואס? איך רעד פון גדליה דעם שדכן, רעד איך. ער שרייבט שוין ווידער אמאל וועגען דעם דאזיגען גראבייאן!

— וועגען וואסער גראבייאן?

— איך האב דיר שוין דאכט מיר צעהן מאל געזאגט, אז גדליה דער שדכן דולט מיר א ספאדעק, איך זאל א שידוך טהון מיט מאיר קוואשע, אט דעם בעל-עגלה יונג, וואס פערמאגט ניט מיין מיסט, דו פערשטעהסט? א חיה פון א שייגעץ!

— וואס הייסט, סענדער? מע זאגט דאך אבער, אז ער איז איין עושר, א גביר! נעם, סענדער, דו האסט דאך ליעב א געפיהלטע קאפ?

— איין עושר? א גביר זאגסט דו? א קבצן, איין עני ואביון! זעהסט דו דער שתוף זיינער, מאטיל פרידמאן, האט אביסיל געלד, נאר וואסער א געלד? געראבעוועט, געגזל'ט, אויסגעריסען מיט גוואלד, אזוי ווי ראובן ביטשעלע, אדער שמחה פייג איז אויך א גלייכער שידוך? הא? ווי מיינסט דו א שטייגער? א יא א פיינע זאך? סענדער בלאנק מיט שמחה פייג צוויי גלייכע מחותנים, א יא?

— איך ווייס? מיר דאכט, אז רב שמחה איז א... פיינער מענש...

— א פיינער מענש זאגסט דו? נו, און רב יואליק שלעפער און רב אייזיק פאטשיילע? און זלמן קרום-פנים? אויך פיינע מענ-שען? הא? זאל איך זיך מיט זיי אויך משדך זיין? ווי מיינסט דו?

איך זאג דען, סענדער, אז?..

— אז וואס ? חס ושלום ! דו ווילסט נאר, איך זאל נעמען אויף מיינע עלטערע יאהרען אונ אוועקגעבען אזא קאפיטאל מיט געלד דער רוח ווייסט וועמען, עפיס פייפער׳ס, גנבים, שלעפערס ! שלעפערס ?

— פערשטעהט זיך שלעפערס ! זאלסט דו מאקע וויסען, אז סע איז שלעפערס, קבצנים, כלבים, שארלאטאנעס, פליהערס, אנזעצער, ניטא איינער ארעכטער, אלע אויף פרעמד געלד, אבי קארעטעס, פערדלעך ! סע איז גאלע הולטאיעס, בלוטזייגערס, יקולעספאט . . . קולעספאטארניקעס . . . ווי אזוי הייסט דאס, דארטען ביי דיר, מארקוס אין די היינטיגע ביבלעך ?

עקספלאטאטערעס, — פארענדט איהם מארקוס.

— עקספלאטאזשניקעס, מערזאווצעס, סוואלאטשעס ! — אונ גענוג ! אונ מע וויל, איך זאל מיך מיט זיי משדך זיין, א, ווי ליינג קרענקען זיי, ניט דערלעבען זאלען זיי דאס !

— עס, סענדער, דערווייל עסט דו ניט.

— איך עס, איך עס ; וואס דען טהו איך ? זעהסט דו, אט דער דאזיגער גרשון, גרשון מירטעלשטיין אט דאס הייסט א לייטישער מענש, א מענש, א פיינער מענש, א געשטעלטער מענש, א בעריהמטער מענש, א מענש, וואס סע הייסט מענש, וואס מע קאן אויף איהם זאגען מענש, מיט איינעם ווארט א מענש !... ווי מיינסט דו, מרים חיה, א שטייגער, אז איך זאל וועלען מיט איהם א שידוך טהון, וואס וואלט ער געזאגט, הא ?

— איך וויים ? וואס קאן ער זאגען, סענדער ? איך וויים וואס ?

— אדרבה, ווי מיינסט דו, מרים חיה ? איך וויל הערען דיין מיינונג.

— מיין מיינונג ? איך מיין, אז... איך מיין גאר ניט.

פארהאן ביי אונז א סך אזעלכע ווייבער. וואס מיינען „גאר ניט״, וואס מיינען נאר דאס וואס דער מאן וויל אונ וואס דער מאן הייסט. מרים חיה איז געווען איינע פון די ווייבער, וואס האבען דרך־

ערץ פאר'ן מאן, נישט מחמת „אהבה" נאר מחמת „יראה", דאס הייסט נישט אזוי פאר ליעבשאפט ווי פאר אפשיי. סענדער איז געווען א יוד, וואס ביי זיך אין שטוב האבען אלע פאר איהם געהאט דרך־ארץ, פונ'ם ווייב ביז'ן געבאלעוועטען מיזיניק מארקוס. אויפ'ן לשון פון די „העכסטאינטערעסאנטע ראמאניסטען" קאן מען זאגען, אז סענדער איז געווען א דעספאט, א טיראן... איך וואלט נאך צוגעזעצט דאס ווארט „מערדער", איז ער אבער געווען ווייט פון א מערדער, ער איז געווען א יוד גלייך מיט אלע יודען, וואס ביי זיך אין שטוב האט ער געהאט די דעה און ווייטער קיינער ניט, און אז מיר האלטען שוין דערביי געבען מיר דא איבער אביסל זיין ביאגראפיע אין קורצען: סענדער איז געווען אמאל א קליין מענשעלי, גאר א קליין מענשעלי. דאס איז געווען שוין לאנג, אבער גאנץ לאנג, נאך איידער ער האט געהאט די קליינגערס, אז ער האט נאך געהייסען סענדער חלפן (למאי זאלען מיר לייקענען? ער איז געווען א חלפן) האט ער זיך דעמאלט אנגעליטען פון די שיינע יודען, זיידענע יונגע־לייט, נגידי'שע קינדער. אוי האט ער זיך פון זיי אנגעליטען! אוי פלעגט ער שטעהן פאר זיי כעבדא קמיה מאריה, האבען דאס ביינעהריגע קדחת! אוי פלעגט ער זיי מקנא זיין און אוי פלעגט איהם אויף זיי ברענען!... און נאכדעם, אז ער איז פון א חלפן ארויף אויף דער מדרגה פון א בעל־הלואה, און פון א בעל־הלואה אויף א פעלהענדלער, פון א פעלהענדלער א גראבאר־שטיק, פון א גראבארשטיק א צעלניקער, פון א צעלניקער א קאמיסיאנער, פון א קאמיסיאנער אליין א סוחר, א צוקערהענדלער, א גרויסער סוחר, א רייכער סוחר, ביז א באנקיר, — איז ער אלס געוואקסען העכער און העכער אין די אויגען פון זיינע בעקאנטע און האט אנגעהויבען ארויפווארפען איינציגווייס די פריהריגע נעמען, ווי א פויגעל וואס ווארפט פון זיך איינציגווייס די אלטע פעדערען, און האט אנגעהויבען צו בעקומען נייע נעמען: סענדער גראבארניק, סענדער צעלניקער, סענדער הארטאווניק. (איינער פון זיינע ארעטע

קְרוֹבִים הָאט אִיהם גֶעשֶׁענְקְט פוּן זִיךְ אַ ל' — אִיז גֶעוָוארֶען „סֶענְדֶערְ'ל") אוּנ צוּם סוֹף (אַ צַייט מִיט יָאהרֶען הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט זַיין פַאמִילִיֶע) סֶענְדֶער בְּלַאנְק!... ר' חַיִימְקֶע, ר' זַיאמְקֶע, ר' מֵאִיר'ל, הָאבֶּען בִּיסְלֶעכְוַויים אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פַארְרַייסֶען פַאר סֶענְדֶערְ'ן דִי נָאז אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוּמְדְרֵעהֶען זִיךְ אַרוּם דֶעם אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶעם נָגִיד, פְּרִיהֶער גֶעבֶּענְדִיג אִיהם צוּ וִויסֶען, אַז עֶר אִיז פוּן דִי „אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶע", מִיט אַזֶעלְכֶע אוֹיסְרֵיידְלִיךְ לְמָשָׁל:

„אַ! שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אַ בֶּעקַאנְטֶער יוּד! דַאכְט זִיךְ סֶענְדֶער? וָואס זְשֶׁע מַאכְט אִיהר עֶפִּיס גוּטְס? עֶפִּיס זָאגְט מֶען אוֹיף אַייךְ, אַז סֶע גֵעהט אַייךְ אָהן עַיִן הָרָע זֵעהר גוּט?..." אוּנ נָאכְדֶעם שׁוֹין: ר' סֶענְדֶער סֶערְדְצֶע! מִיר שְׁטֵעהֶען דַאכְט זִיךְ אוֹיף אֵיין סְטַאנְצִיֶע? קוּמְט אַרַיין אוֹיף דֶער נַאכְט צוּ אוּנְז אַבִּיסְל!..." „אַ, ר' סֶענְדֶער! אִיהר דֶערְוַוייטֶערְט שׁוֹין זִיךְ פוּן אוּנְז?" „אִיךְ הָאבּ צוּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע בַּקָשָׁה, ר' סֶענְדֶער: עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ אוֹיף צְוַויי חֲדָשִׁים..." „אַךְ! וֶועמֶען זֶעה אִיךְ? וֶוען אִיךְ וֵויים, אַז אִיהר זֶענְט הִיע!..." אוּנ נָאכְדֶעם: „מִיר ווִילֶען, דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט וִויל, זִי חַלִישְׁט, אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַייךְ פַאר אַ גַבַּאי, פַאר גְלַאסְנֶע, דֶעפּוּטַאט, פַאר דִירֶעקְטָאר אִין בַּאנְק", „הֶער בְּלַאנְק! מִיר הָאבֶּען דִי עָהרֶע, מִיר בֶּעטֶען אִיהר זָאלְט אוּנְז נִיט אָבְּזָאגֶען, זַייט אַזוֹי גוּט אוּנ גֵעהט אַרַיין אִין אוּנְזֶער לַאגֶע, אִיהר זֶענְט זִיךְ בַּיי אוּנְז ווִי זָאגְט מֶען עֶפִּיס, אִיהר פַארְשְׁטֵעהט צִי נֵיין?..."

אוּנְזֶער סֶענְדֶער אִיז נִיט גֶעוֶוען, פוּן דִי דָאזִיגֶע, וָואס פַארְחָלִיגֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר מַזָל אוּנ בְּלָאזֶען, ווִי מֶע זָאגְט, פוּן זִיךְ; נֵיין! עֶר קָאן אוֹיסְהֶערֶען דִי דָאזִיגֶע אַלֶע קָאמְפְּלִימֶענְטֶען גַאנְץ גְלַייכְגִילְטִיג מִיט עֲנִיוּות, גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט גָאר אַזַא כָּבוֹד נִיט פַערְדִיענְט, אוּנ עֶנְטְפֶערֶען, אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְסוּגָל, נִישְׁט מִיט אַלֶעמֶען, נִישְׁט אוֹיפְגֶעלֵייגְט, סֶע אִיז דָא גְרֶעסֶערֶע פוּן אִיהם; אָבֶּער דָארְט, טִיעף — טִיעף אִין הַארְצֶען הָאט עֶר גֶעמֶענְט שְׁטַארְק אָנְקְוֶועלֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען: אִי וָואס עֶר הָאט דֶערְלֶעבְּט אַזַא כָּבוֹד, אִי וָואס אָט דִי אַלֶע כְּלָבִים הָאבֶּען אַרָאבְּגֶעלָאזְט דִי וַוייִדְלֶען אוּנ פַארְשְׁטֵעהֶען דֶרֶךְ־אֶרֶץ;

און נִישְׁט פַאר קִינֶעם, נָאר פַאר'ן וַוייבּ הָאט עֶר לִיעבּ זִיךְ פַארְגִינֶען אַמָאל מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער.

— וָואס זָאגְסְט דוּ עֶפִּיס. מְרָים חַיָה, אוֹיף ר' זיאַמְקֶע, דֶעם מְיוּחָס — חַא־חַא־חַא? גֶעדֶענְקְסְט אִיהם חָאטְשׁ, אַ רוּחַ אִין זַיין ט...?

קֵיין פֶּעטֶער אָנְבַּייסֶען, קֵיין גוּט גְלָאז וַויין הָאט נִיט גֶעקָאנְט אִיהם צוּשְׁטֶעלֶען אַזַא פֶּערְגֶענִיגֶען, ווִי ר' זיאַמְקֶע וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע לַייט, וֶוען זֵיי הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ אִיהם. אוֹיפ'ן שֶׁענְסְטֶען אוֹפֶן און מִיט'ן גְרֶעסְטֶען כָּבוֹד הָאט אוּנְזֶער סֶענְדֶער צוּגֶענוּמֶען דֶעם גֶעעֶהְרְטֶעסְטֶען גַאסְט בַּיי זִיךְ אִין קַאבִּינֶעט. גֶעבֶּעטֶען זִיצֶען, גֶעגֶעבֶּען אַ פַּאפִּירָאס, אָנְגֶעצוּנְדֶען און אוּנְטֶערְגֶעטְרָאגֶען דֶעם גַאסְט אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע, גֶעפְרֶעגְט „וָואס הָאט אִיהר עֶפִּיס אַזַא שְׁלֶעכְט פָּנִים? און גֶעגֶעבֶּען אַיין אוֹיסְרֵייד, „פַאר וָואס זֶעהְט מֶען אַייךְ עֶפֶּ־ס נִיט?"

ווִי אוֹיף נָאדְלֶען אִיז דֶער גַאסְט גֶעזֶעסֶען; עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶערוֹיכֶערְט דֶעם גֶעשֶׁענְקְטֶען פַּאפִּירָאס; עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג זִיךְ אוֹיסְגֶעהוּסְט דְרֵיי מָאל און אַכְצֶעהן מָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהוֹיבֶּען אוֹפ'ן בֶּענְקִיל, אָבְּגֶעווִישְׁט דֶעם שְׁוֵויס, גוּט אוֹיסְגֶעשְׁנַייצְט דִי נָאז אַרוֹיס־גֶענוּמֶען און גֶעמַאכְט זִיךְ אַיין אַייגֶענֶעם פַּאפִּירָאס, אַייגֶעם, דֶעם אַנְדֶערֶען, דֶעם דְרִיטֶען, עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעפְּרִיוְוט אָנְהוֹיבֶּען צוּ רֶעדְ־ן, וָואס עֶר בֶּעדַארְף און אִיבֶּערְגֶעהַאקְט גֶעוָוארֶען אוֹפ'ן עֶרְשְׁטֶען וָוארְט — און סֶענְדֶער הָאט אַלֶץ דֶערְצֶעהְלְט פוּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, פוּן זַיינֶע פֶּערְפַאלֶענֶע חוֹבוֹת, פוּן זַיינֶע מִשְׁפָּטִים, וּכְדוֹמֶה, מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, גְלַייךְ ווִי דֶער גַאסְט בֶּעט אִיהם, וויינְט און חַלִישְׁט פַאר אִיהם עֶר זָאל אִיהם „אִין גַאנְצֶען" דֶערְצֶעהְלֶען און חַס וְשָׁלוֹם נִיט דוּרְכְלָאזֶען קֵיין בְּרֶעקֶעלֶע... נָאר יֶעדֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אָבֶּער הָאבֶּען אַיין עֶק און אַ מֶענְשׁ הָאט זִיךְ אַ גַאל! דֶער גַאסְט, ר' זיאַמְקֶע, אָדֶער ר' חַיימְקֶע, חַאפְּט דִי מִינוּט און הוֹיבְּט אָן גְלַייךְ, גִיךְ אִין אַיין אָטְהֶעם:

— אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט בֶּעטֶען, ר' סֶענְדֶער, אִיהר דַאְרְט

דָאךְ גֶעהֶערְט מִסְתָּמָא, אַז אִיךְ הָאבּ אַוֶועק-גֶעקוֹיפְט בַּיי דֶעם פְּרִיץ שִׁישִׁינְסְקִין אִין גַאנְצֶען דִי וַויין אוּנ מַחֲמַת...

— אִיךְ וֵויים. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט — שְׁלָאגְט אִיהם סֶענְדֶער אִיבֶּער אִינְמִיטֶען — אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייעֶר גִילְדֶענֶעם גֶעשֶׁעפְט · אִיךְ בִּין אַייךְ וֵועניג וָואס מְקַנֵא, ר' זִיאַמְקֶע, אָבֶּער גָאר וֵועניג! וֵוייסְט אִיהר־זְשֶׁע פַאר וָואס? אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵעהְלֶען! אָט דֶער שִׁישִׁינְסְקִי הָאט בַּיי מִיר פַאר פִיעֶר יָאהְרֶען גֶעוָואלְט לַייהֶען פִינְפְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ אוּנ דַוְקָא אוֹיף גוּטֶע קָאנְדִיצִיֶעס. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער דֶעמָאלְט גֶעהַאט אַיין עֵסֶק מִיט'ן קָאשְׁקִיוְוקֶער פְּרִיץ, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען...

אוּנ סֶענְדֶער הָאט אַוֶועק גֶעצוֹיגֶען אַ שְׁפָּאגֶעל נַייעֶ מַעֲשֶׂה אוֹיף נַייעֶ זֶעכְּס שָׁעָה, ר' זַיאַמְקֶע אִיז שׁוֹין בִּיטְשׁ נַאס: עֶס רִינְט פוּן אִיהם רִיקֶעס שְׁוֵויים; עֶר וִוישְׁט זִיךְ גֶעבִיךְ מִיט דֶער פָּאלֶע אוּנ זִיפְצְט ווִי אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער פְלֶענֶער אִין גֶעפֶענְגֶענִיס; ר' זִיאַמְקֶע שְׁלָאגְט אִיהם אִיבֶּער דִי רֵייד:

— הָאט מִיר קֵיין פַּערְאִיבֶּעל נִיט, ר' סֶענְדֶער, וָואס אִיךְ שְׁלָאג אַייךְ אִיבֶּער דִי רֵייד... אִיהר וֵוייסְט, וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ?

— נֵיין; פוּן וַואנֶען זָאל אִיךְ וִויסֶען?

סֶענְדֶער בְּלַאנְק הָאט גַאנְץ גוּט גֶעוואוּסְט, וָואס רֶב זִיאַמְקֶעס וִויזִיט בֶּעדַייט, נָאר עֶר מַאכְט אַ נַאִיוְונֶע פָּנִים אוּנ קוּקְט אִיהם אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין.

רֶב זִיאַמְקֶע אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט גֶעוָוארֶען אוּנ זָאגְט זִיךְ גַאנְץ פְרֵייהְלִיךְ:

— פַארְשְׁטֵעהְט אִיהר מִיךְ, רֶב סֶענְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה דֶערְפוּן אִיז אַזוֹי: אִיךְ הָאבּ דִי וַויין אַוֶועקְגֶעקוֹיפְט מִיט אַ שׁוּתָּף, מִיט אַבְרָהָם זַאלְצְוַואסֶער...

— מִיט אַבְרָהָם זַאלְצְוַואסֶער? גָאט זָאל אַייךְ אָבְּהִיטֶען, ר' זִיאַמְקֶע! דָאס אִיז דָאךְ אַ שְׁווינְדְלֶער, אַ דְרֵעהֶער, אַ רוֹצֵחַ, אַ קוֹילֶער.

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַז פַאר צְווֵיי יָאהרֶען ווינְטֶער, אַרוּם חֲנוּכָּה צוּ אַרוּם פּוּרִים — אִיךְ גֶעדֶענְק נִיט אַקוּרַאט — קוּמְט צוּ מִיר אַרַיין אַ יוּד, גוּט מָארְגֶען! — גוּט יָאהר! זֶעהר פַיין! אוּנ מִישְׁט מִיר אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה...

רֶב זַיאמְקֶע בַּייסְט זִיךְ דִי נֶעגֶעל, קְרַאצְט זִיךְ אוּנְטֶער דֶער יַארְמַאלְקֶע, עֶר הוּסְט, עֶר קְלַאפְּט מִיט דִי פִּיס, עֶר פַארְשְׁפִּילְיֶעט זִיךְ דִי קַאפּאטֶע, עֶר רִיקְט אָן דָאס הִיטֶעל שְׁטַארְק, שְׁטַארְק, אוּנ סֶענְדֶער דֶערְצֶעהלְט גָאר אַ נַייֶע מַעֲשֶׂה גַאנְץ אַנְגֶענֶעהם, בְּהַדְרָגָה, מִיט זֶעהר שֵׁיינֶע ווִיצֶען פַארְפְרַאוֶועט, אָהן אַיין אוֹיסְלָאז, אָהן אַיין עֶק! רֶב זַיאמְקֶע שְׁפְּרִינְגְט שׁוֹין אוּנְטֶער אוּנ פַאלְט אַרַיין אִין דִי רַייד, שׁוֹין גָאר אָהן דֶרֶךְ אֶרֶץ:

—פַארְשְׁטֵעהט אִיהר, רֶב סֶענְדֶער? הָאבּ אִיךְ בַּיי אַייךְ גֶעוָואלְט בֶּעטֶען אַ גְמִילַת חֶסֶד אוֹיף אַ קְלֵיינֶער צַייט.

— אַ גְמִילַת חֶסֶד?! פְּרֶעגְט סֶענְדֶער שְׁטַארְק, שְׁטַארְק פֶערְווָאוּנְדֶערְט, גְלַייךְ ווִי מֶע הָאט אִיהם דֶערְצֶעהלְט, אַז דֶער אוּנ דֶער הָאט גֶענוּמֶען דָאס גְרוֹיסֶע גֶעווִינְס, אָדֶער ס'אִיז גֶעוֶוען גָאר וָואס אִין דְרוֹיסֶען אַיין הֲרִיגָה, אַ שְׂרֵפָה, אַ מַגֵּפָה...

— יָא, אַ גְמִילַת חֶסֶד — עֶנְטְפֶערְט זִיךְ רֶב זַיאמְקֶע נִישְׁט הוֹיךְ, נִישְׁט שְׁטִיל, נָאר אַזוֹי מִיטֶעלְמֶעסִיג, נִיט צוּ פַארְשְׁטֵעהן, וָואס ווָאוּנְדֶערְט זִיךְ דָאס עֶפִּיס אַזוֹי רֶב סֶענְדֶער? — יָא, אַ גְמִילַת חֶסֶד, בִּיז וֶועסְנֶע; נִישְׁט קֵיין סַךְ: אַ רוּבֶּל צֶעהנְטוֹיזֶענְד.

— אִיצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, בֶּנֶאֱמָנוּת, אִיךְ הָאבּ נִיט אִיצְט בַּיי זִיךְ, קֵיין שְׁלֶעכְץ; אִיךְ זָאל אַזוֹי רֵיין זַיין פוּן שְׁלֶעק מִיט אַייךְ אִין אֵיינֶעם. פַאר וָואס הָאט אִיהר מִיר גֶעכְטֶען נִיט גֶעזָאגְט? גֶעכְטֶען הָאבּ אִיךְ גְרָאד יָא גֶעהַאט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מֶענְשׁ פוּן גַבְרִיאֵל פֶעלְקֶענְשְׁטֵיין אוּנ לֵיגְט מִיר פָאר אַיין עֵסֶק, אַזוֹי ווִי אִין מִיטִיקִיוְוקֶע סְטְרָאיֶעט זִיךְ הַיינְט אַ נַייֶע פַאבְּרִיק, אוּנ גַבְרִיאֵל פֶעלְקֶענְשְׁטֵיין הָאט גֶעמַאכְט אַ קָאנְטְרַאקְט מִיט דִי שׁוּתָּפִים נָאךְ פַאר אַ יָאהרֶען, אַז דֶער ווַאלְד דֶער מִיטִיקִיוֶוער א. ז. וו. — אָהן אַיין אוֹיסְלָאז, מִיט מַעֲשִׂיּוֹת

און מיט קליינע מעשה'לעך געבונדען און געפלאכטען, אזוי אז סע ברעכט דעם מוח!...

און אזוי געהט זיך ר' זיאמקע אוועק געביך אהן געלד, אהן כח, איין אויסגעמוטשעטער א נאסער פון שווייס, און פאר זיין אוועקגעהן מוז ער נאך אויסהערען א לאנגע נאטאציע פון ר' סענדער'ן, אז ניט אזוי האנדעלט מען, אז מען זאל דארפען אנקומען צו יענעם, און מע טאר זיך ניט פיהרען אזוי גרויס, און מע דארף זיך היטען פון שלעכטע שותפים, און מע דארף וויסען ווי אזוי צו האנדלען און מיט וועמען צו האנדלען, און מע זאל פרעגען ביי איהם, ביי סענדער'ן וואלט ער קלאהר געמאכט און געוויזען א דרך אין אלע געשעפטען, און ביים געזעגענען זיך בעט איהם סענדער אמאל אריין קומען, מהיכא תיתא, אביסעל שמועסען... ר' זיאמקע לויפט אהן איין אטהעם און האט מורא זיך ארומקוקען! עס געהט איבער א קליינע צייט; מע דארף אבער פארט די קלינגערס; וואס טהוט מען? ער געהט נאך אמאל צו ר' סענדער'ן טאמער, א קשיא אויף א מעשה?... ווייטער די זעלבע געשיכטע; ווייטער אמאל דאס אייגענע; און אזוי איז מיט רב זיאמקע, מיט ר' חיים'ן, מיט ר' איציק'לין, און אזוי איז מיט אלע זיינע אלטע בעקאנטע. אט אזא מין נפש איז ער.

אונזער סענדער — איז ניט בעסער און ניט ערגער פון אלע אנדערע אויפגעקומענע גבירים, פשוט'ע מענשליך, וואס קענען קיין אנדערע פארגעניגען נישט האבען פון קיין זאך א חוץ געלד און כבוד.

אייגענטליך וואלט איך דא בעדארפט אביסעל בעשרייבען די ביאגראפיע זיינע, ווער איז ער? פון וואנען שטאמט ער ארויס? ווער זענען זיינע עלטערן. מיט'ן גרעסטען און מיט'ן שענסטען כבוד וואלט איך דאס געטהון, ווען איך זאל דאס וויסען. איז דען מעגליך, אז ראמאניסטען זאלען קענען א גאנצע וועלט? און וואס איז אונז דער אונטערשיעד — לאמיר שמועסען עפענטליך — וואס געהט אונז אן, ווער איז געוועז סענדער'ס זיידע, צי סענדערס באבע? צי איז זיין פאטער געוועזן א מלמד, א שוסטער, א באנדאר צי א מעקלער? מיר

ווייסען נאר סענדער'ן; מיר געדענקען איהם, אז ער איז אמאל, ניט היינט געדאכט, געווען א געמיינער יוד, א חלפן, א פעלהענדלער, א מוכר־תבואה'ניק, און היינט... היינט איז ער סענדער בלאנק! קוקט אייך גוט צו צו איהם: אפשר איז ער אייך אויך קענטליך, אזוי ווי מיר?

דאס פיערטע קאפיטעל.

טראקטירט פון מארקוס'ן אליין.

שוין צייט, שוין צייט צו פארגעסען זיך אביסעל מיט דעם יונגסטען פון דער פאמיליע בלאנק; שוין צייט, אז אונזערע לעזער זאלען אביסעל נעהנטער זיך בעקאנען מיט אונזער יונגען העלד, מיט אונזער שיינעם מארקוס בלאנק, — דאס קלענסטע און דאס בעסטע קינד פון סענדער'ן.

„דאס קלענסטע און דאס בעסטע"; אזא מיינונג איז געווען ווע־גען מארקוס'ן דער פאטער אליין איבער צוויי זאכען. ערשטענס האט סענדער ליעב געהאט זיינע קינדער, ווען זיי זענען נאך געווען קליינע, ברעקעלעך, קאראפוזיקעס; און ווי באלד די דאזיגע קאראפוזיקעס האבען אנגעהויבען אונטער צו וואקסען, אזוי האט אונזער פיינער סענדער אנגעהויבען באקומען צו זיי א שנאה, וועלכע איז געוואקסען אלע מאל שטארקער און גרעסער; ער האט געקוקט אויף זיי ווי אויף שותפים, ווי אויף פרעטענדענטען אויף זיין גוטס, און אהן קריג, אהן סצענעס, אהן פעטש האט זיך נישט געמאכט קיין שמחה, קיין חתונה; דער פאטער האט געארבייט מעשים, געטופעט מיט די פיס! די מוטער האט געוויינט, די קינדער האבען געגאסען מיט טרעהרען, — און דער סוף האט זיך אויסגעלאזט אז סענדער האט געמוזט עפענען די האנט און מיט טויטע קללות אפצייליען געלד, וויפיעל מע האט בעדארפט.

ביי א סך גאנץ לייטישע מענשען פיהרט זיך אזוי; דער מחבר פון דער דאזיגער געשיכטע איז ניט איין מאל געווען איין עדות ביי אזעלכע פיינע סצענעס, ניט איין מאל געווען א פערמיטלער צווישען

פּאַטער מיט זײַנע אײגענע קינדער, וואו דער גאַנצער סכסוך איז געגאַנגען ניגען איבעריגע עטליכע הונדערטער, וואס מיט דעם האָט מען געקאָנט פּשוט מטיל זײַן פון הונגער און פון דחקות אַ גאַנצעס הויזגעזינד; געלד האָט טאַקי דער פּאַטער געגעבן, נאָר בלויז האָט ער אָפּגעצאָפּט בײַ די אומגליקליכע קינדער אַ סך מעהר, ווי אויף עטליכע הונדערטער... אַז איך האָב אויך אַ ניקאָוועסט, אַ פרעג געטהון דעם אײַנגעשפּאַרטען פּאַטער, צו וואס דאַרף איהם געטויגט דער גאַנצער טאַרעראַם מיט די בזיונות, מיט די טרעהרען אומזיסט און אומגיכט? האָט ער מיר גאַנץ ערנסט געענטפערט:

— אַ קינד טאָר מען ניט ווײַזען קיין וועג. אַ קינד איז אַ חזיר, אַ קינד דאַרף מען לערנען, סע זאָל וויסען, אַז אַ קערבעל איז ניט קיין הונט, וועט ער אויך וויסען אויף דער עלטער, ווי אַזוי זיך צו בעגעהן מיט אַ קינד און ווי אַזוי מע דאַרף היטען אַ קערבעל הײַנטיגע יאַהרען. —

סע פאַרשטעהט זיך אויף אַזאַ לאָגיקע האָב איך ניט געהאַט וואס צו ענטפערען...

די צווייטע סיבה, וואס מאַרקוס איז געוועזען טהײַערער בײַ סענדערען כמעט פון אַלע קינדער, איז ווײַל מרים חיה איז בײַ איהם געוועזען דאָס צווייטע ווײַב, און אין גאַנצען איהר לעבען איז געוועזען אָפּגעהאַנגען אָן איהר טהײַערען בן־יחיד.

„נו מילא? פרעגט מיך דער לעזער, וואו שטעהט דאָס אַז די קינדער פון'ם צווייטען ווײַב דאַרף מען בעסער ליעב האָבען?" נו מילא? ענטפער איך אויך דאָס אײגענע; מילא אַהין מילא אַהער — סע איז פאָרט אַזוי אײַנגעפיהרט בײַ געוויסען קלאַס יודען. נאָר למאי זאָלען מיר אַוועקגעהן פון'ם אמת? מאַרקוס איז טאַקי געוועזען אַ אַנטיקעל, וואס מען קריגט עס גאָר ניט. די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געהאַט צו טהון; אַז סענדער האָט געבראַכט דעם ערשטען שבת דעם פינף יעהריגען מאַרקעל אין בית־המדרש מיט אַ זײַדען העמדעל, באַמעטענע הויזלעך און מיט אַ גילדען היטעלע, האָבען איהם אַרומגערינגעלט אַ מאַסע יונגלעך נײַסע חברה'ניקעס, און יעדער האָט

אִיהם אַ מאָס געטהון. פוּנ'ם יענעם שַׁבָּת אָן אִיז אַוועק געגאַנגען אַ שֵׁם אוֹיף דער גאַנצער שְׁטאָדְט, אַז בַּיי סענדער בְּלַאנק אִיז דאָ אַ מעזיניקעל, אַ מאַרקעל, עקְט זִיךְ מִיט אִיהם דִי וועלְט; עס אִיז אִיהם נִיט אִין פָּנִים אַרייַנצוּקוּקען אוּנ קְלוּג אִיז ער, אַז עס זאָל אִיהם נאָר קיין גוּט אוֹיג נִיט שַׁאדְטען... אִיךְ וואָלְט אַ בַּעלָן געווען אָנְטְהוּן לֵייזער דעם בַּעל־עֲגָלָה'ס יוּנְגעלֶע אִין אַ זֵיידען העמְדעל, פַאמְטענע הֵייזְלעךְ מִיט אַ גִילדען יַארְמֶעלְקעלֶע אוּנ הערען, וואָס ווֶעלען זאָגען אָט דִי אַלֶע צְבוּעַקְעס, וואָס דאַרפען אָנְקוּמען צוּ סענדערְ'ם קֶעשְׁענִי, אוֹיף לֵייזערְ'ם אַנְטִיקעל וואָס אִיז שֵׁיין אוּנ קְלוּג, אַז „עס עקְט זִיךְ מִיט אִיהם דִי וועלְט“? אָבּער דערווַייל זעהען מִיר פַאר אוּנזערע אוֹיגען סענדערְ'ס מעזיניקעל אוּנ מִיר לֵייענען גְרוֹיסע גִילדענע אוֹתִיוֹת אָנגעצֵייכענְט אוֹיף זַיין ווַייסען שְׁטערען:

„געלְד ווֶעסְט דוּ האָבען,

אַ פֶערְד ווֶעסְט דוּ זַיין...“

אוּנ דאָרְט, בַּיי דער זַייט, שְׁטעהט לֵייזער דעם בַּעל־עֲגָלָה'ס אַ זוּנדעל, אַ שְׁוואַרְץ „יוּנְגְבֶּערעל“ מִיט אַ שְׁטִיק בּוּלקע אִין דער האַנְד (קוּים דערלעבְּט דעם גְלִיקְלִיכען שַׁבָּת!), אָפְּגעריסעני אוּנ בָּארְוועס, מִיט אַ פָּאר גְלעזערנע אוֹיגען, אוּנ אוֹיף זַיין בּעוואַקְסענעם שְׁוואַרְצען שְׁטער־ען אִיז אָנגעצֵייכענְט פַארְקעהרְט:

„אַ פֶערְד ווֶעסְט דוּ האָבען,

אַ קַבְּצָן ווֶעסְט דוּ זַיין...“

אַךְ! פַארוואָס בִּין אִיךְ נִיט קיין פָּאעט? אִיךְ זִיץ אַצִינְד בּעגַייסְ־טערְט פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת; אִיךְ וואָלְט אָנגעשְׁרִיבּען דערוֹיף אַ גאַנצען שִׁיר אִין שֵׁיינע קְלִינְגענדע פֶערזען, מִיט מעלַאנְכָאלִישע, פִילאָזאָפִישע, הוֹיכע געדאַנקען מִיט טַעֲנוֹת צוּם בּוֹרֵא שָׁמַיִם, פַאר וואָס קוּמְט דאָס, אַז סענדערְ'ס קִינְד וואָס אִיז פוּנקְט אַזוֹי קְלוּג אוּנ מִיט דִי זעלְבּע טאַ־לענְטען, ווִי לֵייזערְ'ס אִידִיאָט, אוּנ פוּן דעסְטְווֶעגען גֵעהט יעדער צוּ צוּ מאַרְקלען מִיט אַ פאַרְטִיג שְׁמֵייכעלע, מִיט אַ חֲנוּפָּה'לֶע, מִיט אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקעל, אוּנ צוּ לֵייזערְ'ס פֶּעמְפֶּעס וויל קיינער אֲפִילוּ קיין קוּק נִיט

מְהוּן, אוּנ — אַז עֶר קוּמְט זִיךְ יָא עֶמִיצֶען אוּנְטֶער דִי הֶענְד, מְהוּט מֶען אִיהם אַ שְׁטוּרְךְ, אַ שְׁנֶעל אִין נֶעזֶעל, אַ צְוִיפּ בַּיים אוֹיהֶער, אָדֶער מֶע רוּקְט אִיהם אָן דָאס הִיטֶעלֶע אִיבֶּער דִי אוֹיגֶען, אוּנ מֶע מַאכְט פוּן צוּ אִיהם הוּזֶק...

אוּנ שְׁפֶּעטֶער אַז מִיר הַאבֶּען דֶערְלֶעבְּט צוּ זֶעהן אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם הֶעלְד צוּ דֶער בַּר־מִצְוָה, הָאבֶּען מִיר זִיךְ זַאט נִיט גֶעקָאנְט אָנְקוּקֶען זַיין שֵׁיינֶער צוּרָה, אוּנ הֲגַם מִיר הָאבֶּען פוּן אִיהם אַלֵיין קֵיין בֶּעזוּנְדֶערֶע שַׁארְפֶע חָכְמוֹת נִיט גֶעהֶערְט; דָאךְ הָאט מֶען אוּנְז דֶערְצֶעהלְט פוּן דֶעם דָאזִיגֶען פֵּייעֶר, פוּנ׳ם דָאזִיגֶען מַארֶקְעל אַזֶעלְכֶע אַנְטִיקְלֶעךְ, אַז מִיר זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען עֶנְצִיקְט פוּן דֶעם דָאזִיגֶען יוּנְגַאטְשׁ. „שְׁטֶעלְט אֵייךְ פָאר — אַזוֹי הָאט דֶערְצֶעהלְט חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵּד — אַז מִיט זַיינֶע פִּלְפּוּלִיכֶע קֻשְׁיוֹת, וָואס עֶר פְרֶעגְט בַּיי אִיהם, בַּיי זַיין רֶבִּין, שְׁטֶעלְט עֶר אִיהם אַזוֹי אַנִידֶער, אַז עֶר, ר׳ חַיִים חָנָה מַאלְט אַייךְ, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חָרִיף, בְּלַייבְּט אָפְּהֶענְטִיג אוּנ קָאן קֵיין מוֹיל נִיט עֶפֶענֶען אַקֶעגֶען דֶעם דָאזִיגֶען תַּלְמִיד, וָואס דַארְף אוֹיסְוַואקְסֶען עֶפִּיס אַ מִין גָאוֹן אָדֶער אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִיט וָואס!...“ אִיז נָאךְ דָא וָואס צוּ רֶעדֶען פוּן סֶעגְדֶער׳ס פֶערְגְנִיגֶען אוּנ פוּן מְרָיָם הַיָה׳ס גְלִיק, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסֶען אִין טְרֶערֶען? מִיט וָואס הָאט זִי פַארְדִיעֶנְט בַּיי גָאט אַזָא בְּרָכָה? מִיט וָואס הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבֶּען אַזָא תַּכְשִׁיט, וָואס גָאט אוּנ לֵייט מְהוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִיהם? נִיט אַנְדֶערְשׁ, אַז דֶער וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהר, וִוי זִי קוּמְט גֶעבִּיךְ אָפּ בַּיי סֶעגְדֶער׳ן, כִּמְעַט וִוי אַ דִינְסְט — גָאט זָאל נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד — נִיט אַנְדֶערְשׁ, אַז דָאס אִיז אִיהר אַ רְפוּאָה צוּ דֶער מַכָּה...

נָאר מְרָיָם חַיָה הָאט אַ פָּנִים נִיט פַארְדִיעֶנְט בַּיי גָאט, אַז אִיהר זוּהן זָאל בֶּאֱמֶת זַיין אַ גָאוֹן־עוֹלָם; כָּל זְמַן ר׳ חַיִים־חָנָה דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז מַארְקֶעל גֶעוֶוען אַזָא תַּכְשִׁיט, אַזָא גִילְדֶען קֶעפֶּעל, אַז קֵיינֶער הָאט אִיהם נִיט גֶעקָאנְט גֶעמֶען פַארְהֶערֶען, מַחֲמַת חַיִים־חָנָה אִיז דֶערְצוּ גֶעוֶוען אַ מַזִּיק; עֶר הָאט קֵיינֶעם נִיט גֶעלָאזְט אוֹיסְרֶעדֶען אַ וָוארְט: נִיט דֶעם פַארְהֶערֶער, נִיט דֶעם תַּלְמִיד; עֶר הָאט גֶערֶעדְט פַאר

אַלעמען; ער האָט אַליין געפרעגט און אַליין געענטפערט; און אַז יענער האָט געפרעגט דעם תלמיד, למשל: „וואָס לאָזט מיך דאָ, פאַרקעל, דער תנא הערן“? האָט חיים־חנה פאַרקאַמשעט די אַרבל און געמאַכט מיט די הענט אין דער גיך געענטפערט: „נו זאָגט ער דאָך איך, אַז עבודה זרה איז ניט גלייך, זאָגט ער, צו דער פרה אדומה, פאַרוואָס? זאָגט ער, מחמת עבודה זרה, זאָגט ער איז איין אַנדער זאַך, און די פרה אדומה, זאָגט ער איז ווידער איין אַנדער זאַך; איז געדרונגען, זאָגט ער, אַז דער תנא, האָט זיך געשטעלט, זאָגט ער אויף דעם פסוק, צופרעגען, זאָגט ער, אַ ווידער אַנאַנד; מה דאָך, זאָגט ער עבודה זרה, איז אַזוי, איז דאָך פרה אדומה, זאָגט ער, על אחת כמה וכמה!...“ און מיט דעם דאָזיגען „זאָגט ער“ האָט ח״ס־חנה אַזוי פאַר רעדט און פאַרקלאַפּט די ציינער, אַז דער פאַרהערער איז געבליבען זיצען, ווי אַ מענש, וואָס מע כאַפּט איהם אויף פונ׳ם שלאָף און מע זאָגט איהם: „קוק“! ער קוקט און קוקט און ווייסט ניט וואו ער איז אין דער וועלט...

אַז חיים־חנה איז געשטאָרבען און מאַרקעל איז אַריינגעפאַלען צו אַנדערע מלמדים אין די הענט אַריין; האָבען די דאָזיגע אָנגעהויבען באַמערקען, אַז רב סענדער׳ס זוהן האָט אַ ביסעל „אַ האַרט קעפּעל“, אַ „שוועהרע תפיסה“ מיט אַ „קורצען זכרון“; דערצו האָט סענדער אָנגעהויבען ווערען רייכער, און באַלייטען האָט ער געזעהען, ווי אַזוי מע לערנט קינדער אויף דעם נייעם שניט, האָט ער געקריגען מאַרקוס׳ן אַ צוויי־דריי לעהרער׳ס פון „היינטיגער וועלט“, וואָס אונזער יונגער העלד האָט ביי זיי גענאַשט פון יעדער זאַך צו ביסעליך, עטוואָס פון אויבען, אַזוי אַז צו 17—18 יאָהר האָט ער געהייסען זעהר אַ פיין בחור׳ל, ניט ערגער פון אַ סך אַזעלכע בחורימ׳לעך, וואָס איך מיט אייך קאָנען זיי זעהר גוט: זיי געהען זעהר שיין אויסגעפוצט; זיי האָבען ביי זיך אַ סך ביכליך; צווישען זיך שמועסען זיי אויף דער נאָס וועגען טורגעניעווען און שרייען אַזוי שטאַרק, אַז איהר מוזט זיי באַמערקען; צי־ונגען לייענען זיי אַלערליי און מיט פרעמדע הענט שרייבען זיי אַליין אויך אַ מאָל אַריין אַ קאָרעספּאָנדענציע אין אַ יודיש

בלאט, אונ שפעטער, אז ער ווערדט עלטער, דערמאנט ער זיך, אז ער האט א מאל אין די יונגע יאהרען „געשריבען אין די צייטונגען" — מיט איינעם ווארט אונזער אויסגעצייכענטער מארקוס וואלט געווען א יונגעל א משכיל, ווי אלע משכילים אין דער פראווינץ, א „אינטעליגענט", א געוועהנליכער טיפ פון א יודיש בחור'ל א נאהאל וואס נעמט א שיינע כלה מיט רויטע בעקלעך אונ מיט א סך נדן, — אונ האט חתונה, אונ ווערדט א פיין אידעמעל, א בעל הלואה, א שטיקעל סוחר, א גרויסער סוחר א יונגער מאן א גביר מיט עטליכע קינדער, וואס באקומען ביי איהם פונקט אזא ערציהונג, ווי זיינע עלטערן האבען איהם געגעבען, אונ אזוי איז „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת", איין דור געהט נאך דעם אנדערען, ווי א זייגער... נאר ניין! אונזער שיינער העלד האט געהאט איין אנדער השגה אין דער וועלט, אונ זיין צוועק איז געווען ניט אזוי, ווי מיר האבען פון זייטענוועגען אויסגעגעבט; יעדער מענש האט זיך זיין קאפריז, זיינע השגות; פאר וואס זאל מארקוס בלאנק זיין ערגער פון אלע אנדערע מענשען? איך זעה, אז מיינע לעזער, ווילען טרעפען אז מסתמא מוז דא זיין א שיין מיידעל אינמיטען, אונ מארקוס איז שטארק פארליעבט... ניין! איהר דארפט געדיינקען, אז מיין ראמאן איז א „ראמאן אהן א ראמאן!". איך וועל אייך ניט גע־שווערען, אז ווען מיין שיינער העלד זאל געווען באגעגענען ערגיץ א מין ראזא, אדער א יעליזאבעטא, וואלט ער פון איהר אנטלאפען ווי דער שווארצער פינסטער וואכסט; איך ווייס ניט; די עפאכע צווישען אכטצען אונ צווישען צוואנציג יאהר איז די געפעהרליכסטע צייט פאר די יונגע קינדער; אונ אזוי ווי דאס קלענעלע קינד מוז נעביך איבער קומען פאקען, מאזלען אונ ציהנדלעך, אזוי מוז דאס גרעסערע קינד איבערקומען די צייט פון ליעבע. — אונ לאמיר זאלען מיר זיך נארען? מיר האבען דאך אלע געפאקט, געמאזלט, ליעב געהאט אונ דאנקען גאט! איבערגעקומען אט די אלע ווייטיגען געזונדערהייד... וואס קאן איך אבער טהון מיט מיין יונגען העלד, אז עס האט זיך איהם פארט ניט געטראפען דער צופאל? קאן איך איהם דען מיט גוואלד זאגען,

„נעה, מארקוס, ליעב זיך איין, שרייב פלאם־פייערדיגע בריוולעך, וועג צונאנגען ווי א וואקס, היינג זיך, טרינק זיך, אבי איך זאל האבען שטאף אויף א העכסט „אינטערעסאנטען ראמאן״? ובפרט, אז מיין יונגער העלד האט געהאט גאר איין אנדער אידעע, איין אנדער ציעל, וואס ער האט זיך געשלאגען דורך מיר און טוהער מיט אלע כחות פון זיין געזונדען יונגען קערפער, — מיט איינעם ווארט, מיין מארקוס האט געוואלט שטודירען; איין מאל פאר אלע מאל שטודירען: אויף דאקטאר, אויף אדוואקאט אויף אינזשינער — שטודירען און גענוג!

ווען און ווי אזוי איז דער דאזיגער געדאנק איינגעפאלען מארקוס'ן אין קאפ אריין, קאן איך אייך אקוראט ניט זאגען; נאר די בריוולעך, וואס ער האט געשריבען צו איינעם פון מיינע חברים, צו אריה־לייב'ן זענען געווען מיט אזא פייער געשריבען, אזוי היים, אזוי ענערגיש, אזוי אמת, אז איך האב זיך אויף קיין מינוט ניט פארטראכט, אז דער דאזיגער יונגער מענש וועט זיין צוועק ערגרייכען. (איינע פון די דאזיגע שענע בריעף האט דער לעזער באגעגענט אין דעם ערשטען קאפיטעל פון אונזער אמתע מעשה).

נאטירליך האט דער פאטער ניט געטארט וויסען פון דער דאזיגער פייער אידעע, און איך רעכען אז עס איז גלייכער, וואס סענדער האט ניט געוויסט, וואס מארקוס טראגט בּיי זיך אין קאפ און אין הארצען: גאט ווייסט, וואס עס וואלט געקאנט דערפון ארויס — סענדער האט געהאט צו טהון מיט די שידוכים און מארקוס האט געשריבען הייסע בריוולעך צו אריה־לייבען, אזוי ווי אויבען איז געשטאנען.

מעהר ווי א מאל האט זיך אויפגעהויבען דאס פייער בּיי אונזער יונגען העלד זומערצייט פונקט אין דער „עפאכע״, ווען עס קומט פאר אונזער נאטירליכע געשיכטע; אין דער דאזיגער צייט זענען זיך צונויפגעפאהרען אלע תלמידים פון די גימנאזיעס מיט אלע סטודענטען פונ'ם אוניווערסיטעט. אך! ווי שטארק אונזער מארקוס האט זיי געבאך מקנא געווען אויף זייערע גילדענע קנעפלעך די אפיצערסקע היטעלעך, די העמדלעך פון די סטודענטען; ווי פרעהליך, ווי פרייה, ווי גליקליך

זענען די דאזיגע מענשען — און ווי טראריג, געבונדען און אומ־גליקליך איז ער נעביך! דעמאלט, ווען זיי שיקען זיך אויף דער לאדקע אין דער אויסגעצייכענטער זומערנאכט און זינגען לידלעך אקעגען דער זילבערנער לבנה, מוז ער נעביך זיצען אין דער היים און אויס־הערען אט די אלע מעשיות מיט די רייד פונ'ם פאטער, וואס האבען זיך איהם שיין אזוי צוגעגעסען! ער איז פשוט געפענטעט אין קייטען; ער איז אין געפענקעניש; מע האט איהם פארשפארט, מע האלט איהם אין אכטראג; מע לאזט איהם ניט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין; וואס האט מען נעביך צו איהם און צו זיינע יונגע יאהר און טעג? פאר וואס קאן ער ניט געניסען פונ'ם זיסען יוגענד, גלייך מיט אט די אלע יונגע מענשען? פאר וואס איז פאר איהם אלעס פארשלאסען, אלעס בעהאלטען, אלעס פארבאטען; אלע מעגען, נאר ער, מארקוס, טאר ניט; ער דארף דא זיצען און פארשווארצט ווערען — ביז וואנען? ביז ווי לאנג נאך?

מיט אזעלכע שווארצע געדאנקען זיצט נעביך אונזער יונגער העלד אנגעשפארט דעם שיינעם קאפ אויף די ווייסע הענט און סענדער דערצעהלט זעהר א שיינע געשיכטע, ווי אזוי א שותף האט איהם אריינגעפיהרט אין א געשעפט אריין, ווי אזוי ער האט איהם געוואלט „אפקאכען", ווי אזוי זיי זענען ביידע געקומען צום פריץ, ווי אזוי דער פריץ האט איהם געבעטען זיצען, ווי אזוי דער שותף האט זיך אריינגעכאפט צו איהם אין די הענד אריין, ווי אזוי דער פריץ האט זיך מיט איהם אפגערעכענט און האט איהם געזאגט: „עיי, מאשקא! יאק סיעמאש, פאן מאשקא?" חא—חא—חא! סענדער לאכט און זיין פעט לייב טרייסעלט זיך פאר געלעכטער. מרים־חיה לאזט ניט אראפ קיין אויג פון איהר טהייערען זוהן, וואס איז נעביך שוין פון א צייט אזוי בלאס, אזוי אומעטיג; ער עסט ניט, ער טרינקט ניט — וואס איז „דעם קינד"?

— וואס איז דיר, מארקעל? וואס טהוט דיר וועה, מיין קינד? אזוי זאגט איהם די געטרייע מוטער פאר'ן שלאף, קוקט איהם אין די

אויגען אריין און גענומט איהם. און בײ דער האנט און טרעהרען קלײבען זיך איהר אויף די אויגען.

— אי, טשעפּע זיך אפּ פון מיר, — גאר ניט, גאר ניט! מארקוס שלעפּט ארויס זיין האנט פון איהרע הייסע הענט, און מרים חיה געהט אוועק מיט א טיפען זיפץ פונ׳ם הארצען...

איך פרעג אייך בײ אט אזעלכע פערשידענע אומשטענדען וואס איז דער חדוש, אז יעדען צופאל, וועלכער זאל קענען אונזער פיינעם העלד אויסלייזען פון זיין טרויריגע לאגע, וואלט ער באגעגנט מיט פרייד? וואס איז דא צו וואונדערען זיך, וואס מארקוס האט גלייך מיט אלע אונזערע בעקאנטע בײ סענדער׳ן אין הויז ארויסגעקוקט אויף דעם דאזיגען צופאל, וואס קיינער פון זיי האט אויך ניט ארויסגערעדט און וואס יעדער בעזונדער האט געטראכט בײ זיך טיעף־טיעף אין הארצען?...

ליעבער לעזער, טהייערער פריינד! ווער דו ביסט דארטען און וואס דו ביסט דארטען — גיב מיר אהער דיין האנט און לאמיר זיך ביידע ווינשען, אז עס וועט קומען אמאל די צייט ווען מיר וועלען זיך דארפען אפּגעזעגענען מיט׳ן דאזיגען נארישען וועלטעל, זאל אונז גאט שומר ומציל זיין פון אזא טרויריגער לאגע, וואו אונזער געהערטער סענדער בלאנק האט זיך געפונען אין דער צייט, ווען זיין פיינע משפחה האט זיך צונויפגעפאהרען צו איהם „מבקר חולה זיין”...

דאס פינפטע קאפּיטעל.

סענדער׳ס משפחה פאהרט זיך צונויף ביסלעכווייז.

מיר האבען איבערגעלאזט סענדער בלאנק אין קאבינעט נאך דעם גרויסארטיגען אנבייסען. סענדער האט זיך געפיהלט עפּיס ניט אין בעסטען; א שרעקליך שניידענעש איז אויף איהם אנגעפאלען און א גאנצער מלחמה האט זיך אויפגעהויבען אין זיין בויך.

— שלעכט! שלעכט! האט ער געזאגט צו מרים חיה׳ן; סע מיר שלעכט, זעהר שלעכט!

— וואס זשע איז דיר, אזעלכעס? גאט איז מיט דיר, סענדער!

— איך ווייס ניט; אט דא איז ביי מיר איין אומגליק! און סענדער האט אנגעוויזען מיט ביידע הענט אויפ'ן בויך. ראשית חכמה האט מרים חיה געשיקט רופען דעם דאקטאר, הגם סענדער גלויבט ניט אין קיין דאקטאר און זאגט, אז די גאנצע „שפּיל" (די מעדעצין) איז גאר א שאנטאזש, א „פּאקוס" אויף צונארען געלט, פון דעסט־וועגען לאז איהם וועה טהון א פינגער — שיקט ער באלד צום דאק־טאר. פארואן א סך אזעלכע צווישען אונזערע יודען וואס האבען עפּיס קיין „אמונה" ניט אין דער מעדעצין, חאטש די מעדעצין קאסט א יודען אפּ מעהר פון אלע אנדערע מענשען אויף דער וועלט, און ער מעג יא גלויבען און ניט גלויבען — אלעס איינס!

אונזער געעהרטער סענדער האט זיך געהאט זיין דאקטאר, דעם דאקטאר קלוגער, און מיט איהם האט ער ליעב געהאט אין א פרייער צייט אריין צו שמועסען מכח „דאקטאריע". דער דאקטער האט לאנג געקנעלט ביז ער האט איהם איינגעבילדעט, אז פונקט אזוי ווי ער קאן שטארבען פון א שלאפקייט, אזוי קאן מען זיך געזעגענען מיט'ן לעבען געזונטערהייד. דער דאזיגער כלל, איז סוף כל סוף איהם אריין אין קאפּ און פון יענערצייט אן האט ער געפיהלט, אז זיין לעבען הענגט אויף א האר, חאטש אפילו ער איז געזונד און שטארק אויף אלע אברים; דעראיבער האט ער זיך געריכט טאג אויף טאג און האט זיך שוין לאנג צו געגרייט א צוואה אויסגערעכענט ביז דער לעצטער פּרוטה (דאס איז ביי איהם געווען בסוד) און יעדער טאג איז ביי איהם געוועזן א געשענקטער, און דעריבער טאקי פּלעגט ער זיך אן טהון כל התענוגים אויף דער וועלט: גוט עסען, רעכט טרינקען, אויס־רוהען די ביינער, גענוג אויסלאפען זיך אויף „די היינטיגע" „די קבצנים", אפּ געבען גאט זיינס, ד. ה. דאווענען אלע טאג; אמאל, אז עס איז געווען צייט, אפּ זאגען א צוויי דריי קאפּיטלעך תהלים און אמאל שענקען א נדבה (זעלטען, זעהר זעלטען). אך! ווען יעדער פון אונז זאל האבען בכח, אזוי ווי מיין העלד, מקיים זיין אלע חובות, וואס

ליגען אויף אונז, און דערצו נאך אזוי בערוהט אפ לעבען זיך דאס וועלטעל — אך! ווי גרינג וואלט אונז געווען צו געהן פון דער וועלט! ווי איינגענעהם וואלט ביי אונז געווען דער טוידט! בערעכענט זיך אליין, איך עס מיר אפ אנבייסען, פאררייכער מיר א געשמאקען ציגאר, טרינק מיר אויס א גוט גלאז ביער, זאג מיר אפ א פאר קאפיטלעך תהילים, שענק מיר איין ארימאן א צוויי גראשען, איך נעם מיר דעם טינט און פען און מאך מיר א חשבון: דעם זוהן אזוי פיעל, דער טאכטער אזוי פיעל, עטליכע קערבלעך אויף דער שוהל, א פאר רובל אויפ'ן מרחץ להבדיל, עטליכע גריווענעס אויף צו טהיילען די תלמוד־תורה־יונגלעך פאר דער מיטה, אז זיי זאלען פון מיין כבוד וועגען שרייען: „צדק לפניו יהלך!", נאך דעם זאג איך מיר אפ גאנץ בערוהיגט ווידוי מיט א גלאטען לונג און לעבער און מיט א ריינעם סאוועסט, איך לעג מיך צו, פארמאך מיר איין אויג, דאס אנדערע אויג — און ווער אנשלאפען... און אויף מארגען ווידער אמאל דאס איינענע... אז דער דאקטאר איז געקומען צו סענדער'ן, האט ער איהם געפונען זעהר אין א טרויעריגע לאגע.

די ערשטע פראגע, וואס סענדער האט פארגעלייגט דעם דאקטאר, איז געווען:

— איז מיין שלאפקייט ניט געפעהרליך, און צי וועל איך נאך קאנען געזעגנען זיך מיט מיינע קינדער?

— ווען איהר זאלט זיין אזוי געפעהרליך — האט איהם דער דאקטאר קלוגער גאנץ ערנסט געענטפערט — וואלט איך איצט ניט געהאט דאס גליק מיט אייך צו רעדען; נאר נאך די קינדער שיקט וואס צום גיכסטען טהוט אפ אייערס וועט איהר זיין רוהיג, אראפ א משא!

טוידט ווי די וואנט איז סענדער געווארען, אז ער האט דערהערט דעם דאקטארס רעזאלוציע. און ער האט אנגעהויבען צו ציטערן, צאפלען, מיט אלע אברים: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק... אט דאס איז שוין מיין עק! אט דאס איז מיין עק!"

— זאגט מיר, דאקטאר, דעם אמת, דעם ריינעם, לויטערען אמת: צי קאן איך האבען א שטיקעל האפנונג? איך בין ערשט אלט דריי און פופציג יאהר! מיין פאטער האט געלעבט פיער און אכציג יאהר; מיין מוטער זעכס און ניינציג יאהר, און מיין זיידע, זאגט מען, האט אפּ געלעבט מעהר אלס הונדערט יאהר, פאר וואס זשע קומט עס מיר איך זאל אזוי גיך?...

ביי די דאזיגע ווערטער האט זיך סענדער צעוויינט ווי א קליין קינד; מרים חיה האט געהאלשט און מארקיס, וואס האט געהאט זעהר א גוט ווייך הארץ, האט זיך געווישט די נאסע אויגען...

און דער דאקטאר קלוגער האט צונוכען די הענד, אויסגעצויגען די קאפּ און געמאכט אזא מינע, פונקט ווי דער רייזענדער מאכט, בשעת עס ברעכט זיך איבער איין אקס און דער וואגען טהוט א טראסק אין דער ערד אריין.

די דאזיגע מימיקע האט אויף אונזער סענדער'ן געווירקט שרעקליך: עס האט זיך איהם דייטליך פארגעשטעלט, ווי זיין איינוויינגסטע „באשינגעריע", די „געדערים", האבען פלוצים געלאפּעט, און צוהערענדיג זיך צום בויך, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער מאגען האט זיך אין איהם ווירקליך אנידערגעשטעלט אויף אייביג; דאך האט ער זיך געשעמט א פרעג טהון דעם דאקטאר און האט איהם נאר געבעטען, ער זאל איהם נאך אמאל גוט בעטראכטען. דער דאקטאר קלוגער איז מרוצה געווארען צו בעטראכטען דעם חולה נאך אמאל און האט זיך צוגעלייגט מיט'ן אויער צום קראנקענס בויך. בעטראכטענדיג איהם, האט דער דאקטאר ניט ארויסגעלאזט קיין פּיפּס פונ'ם מויל, נאר גלאט אזוי געקנייטשט מיט די פלייצעס, געדרעהט מיט'ן קאפּ, געשמארעט מיט דער נאז, לאנג—לאנג געטראכט, געקוקט דעם חולה אין די אויגען אריין, געזיפצט, ווייטער געשאקעלט מיט'ן קאפּ, געקנייטשט מיט די פלייצעס און אזוי ווייטער. סענדער בלאנק האט דאס אלעס גוט בעמערקט און טראפּען שוויים, קאלטע שוויים האבען

אַרױסגעטרעטען אױף זײן פּנים! נאָך דעם האָט זיך דער דאָקטאָר אױף געכאַפּט, אױסגעשנײַצט די נאָז שטאַרק–שטאַרק און האָט אַזױ געזאָגט:

— מײן ליבער הערר בלאַנק! איהר װײסט אַז איך בין אײך אַ גוטער פרײנד; איך װעל טהון אַלע מיטלען; נאָר איהר װעט מיך פאָלגען צי נײן? רופט נאָך אַ דאָקטאָר, װעלען מיר מאַכען אַ קאָנ־סיליום; בײ אונז אין דער מעדיצין איז דאָ אַ גלײך װאָרט: אײן קאָפּ איז גוט, צװײ איז נאָך בעסער.. מיט די דאָזיגע װערטער האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט'ן חולה און מיט אַלע אַנדערע און איז געשװינד אַרױסגעגאַנגען פון קאַבינעט, אַראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ און געקו־מען אַראָפּ האָט ער געטראָפען פּרױקען מיט זײן פאַלטאָ אין די הענד. אַרױפגעװאָרפען אױפ'ן דאָקטאָר דעם ראָק האָט זיך פּרױקע ניט גע־קאָנט אײנהאַלטען און האָט אַ פרעג געטהון דעם דאָקטאָר: „װאָס הערט זיך מיט'ן בעל־הבית?“ האָט איהם דער דאָקטאָר קלוגער גע־ענטפערט מיט אַ זיס שמײכעלע אױף לאַטײן (דער דאָקטאָר קלוגער איז זעהר אַ פּשוטע'ר בײ זיך, זעהר אַ ליבענסװירדיגער מענש און איז מיט יעדען אַ גוטער ברודער):

— נישט קשה, אַביסעלע נאַרגולעס, אַביסעלע פּלעריז קסו־האַטיװאַ, נאָר סע װעט זײן רעכט: דער דאָקטאָר קלוגער שלאָפט ניט!..

— דער רוח װײסט איהם, װאָס ער געמט אַזעלכע טערקישע װערטער! האָט פּרױקע געזאָגט צו זיך אַלײן און פערשלאָסען די טיר.

מיר װײסען װאָל פאַר קלאָהר, אַז פּרױקע האָט זיך גאָר ניט אָנגעקעהרט מיט די בלאַנקעס; נאָר מחמת ער דיענט שױן דאָ אַ יאָהר זיבען, אַכט, דערפאַר האַלט ער זיך מיט זײ שטאַרק הײמיש, נאָהענט, כמעט װי אַ װײטער קרוב. און דעריבער האָט זיך פּרױקע גערעכענט בײ זיך, אַז על פּי יושר קומט איהם אױך אַ שטיקיל חלק פון סענדערס בלאַנק'ס ירושה; ער איז געװען, נאָך זײן השגה נאָך, זעהר גערעכט: האָרעװען האָט ער געהאָרעװעט, װי אײן אײזיל, און אין דער גאַנצער צײט פון זײן געטרײער דיענסט האָט ער נאָך ניט געזעהען פון זײן בעל־הבית קײן מתּנה אַפילו פאַר אַ צװײער, און חוץ לזה האָט נאָך

סענדער געהאט א טבע אפּנעמען חשבון ביי פּרויקען פונ'ם מארק ביז דער לעצטער קאָפּיקע! מיט זיין גאַנצען לעבען איז פּרויקע געווען איבערגעגעבען דעם בעל-הבית און פון זייגעטוועגען וואלט ער געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער, און דעריבער האט פּרויקע געשאַרפט די צעהן אויף א דריי טויז זילבערנע לעפעל, א גרויסען זילבערנעם הדס, א גוטען בורשטינענעם אין גאלד געפּאַסטע ציגאַרען-שפּיץ, וואס נאך זיין רעכענונג נאך האט ער בעדאַרפט ווערט זיין צום ווייניגסטען פינף און דרייסיג רובל, א טויז געפּרעסטע העמדער מיט נאך אַזעלכע קליי-ניקייטען, וואס די יורשים וואלטען זיך ביים טראַסקעט ניט ארומגעקוקט און איבערהויפּט איז פּרויקע געווען ענטציקט פון סענדערס גילדערנעם זייגער מיט דער מאַסיווער גילדערנער קעט; דאס דאזיגע קעטיל האט סענדער בלאַנק אליין געלאַזט מאַכען אין דער פאַבריק און דעריבער איז דאס געווען אַזוי מאַסיווע. פּרויקע פלעגט ניט איין מאל האַלטען דאס קעטיל מיט'ן זייגער, אנמעסטען זיי אויף זיך, קוקען אין שפּיגעל אַריין און אנקוועלען פון זיך; גאר פּרויקע איז ניט געווען קיין גנב; חלילה! גאלד האט געמעגט ליגען פאר זיינע אויגען, וואלט ער ניט געטשעפּעט; נאר „נאך דעם בעל-הבית'ס טויט — האט ביי זיך פּרויקע געפּועל'ט — ווען אלע וועלען נעמען, וועל איך אויך נעמען: ווער וועט זיך ארומקוקען אויף דעם עלענדען פּרויקען?" און איצט, אז פּרויקע האט דערזעהען, ווי זיין בעל-הבית פּאַכט מיט דער נשמה, האט אין איהם אנגעהויבען קלאַפּען דאס האַרץ פאר שרעק און זי-צענדיג אונטען אויפ'ן בייַנקיל און וואַרטענדיג, אז אט—אט וועט מען איהם שיקען נאך דער „חברה קדישה", האט זיך פּרויקע דערווייל גע-מאַכט א צעטיל, וואס ער דאַרף, און אז עס איז געקומען צום זייגער מיט דער קעט, האט ער זיך געטראַכט, וואס זאל ער טהון מיט זיי: צי זאל ער זיי פערקויפען, צי זאל ער נעמען זיך דעם זייגער און דאס קעטיל אַוועקשיינקען בליומקען (זיין כלה), צי אפשר זאל ער גאר איבערמאַכען דאס קעטיל אויף אויערינגליך מיט א בראש פון בליומקעס וועגען?...

— דזין! דזין! דזין! האט דאס גלעקיל זיך געלאזט הערען פון אויבען. פייל אויס דעם בויגען האט זיך פרויקע געלאזט לויפען ארויף אונ אין עטליכע מינוט ארום איז ער אראפגעלאפען מיט צוויי דעפעשען. וואס מע האט איהם געגעבען אוועק צו שיקען עקסטרע צו די קינדער אונ מע האט איהם צעהן מאל אנגעזאגט: „ער זאל לויפען גיך, אויף איין פוס!“ פונדעסטוועגען האט זיך פרויקע ערלויבט צו צוזעצען זיך אויף א רגע'לע זעהען, וואס שטעהט דא אין די דעפעשען.

צום כבוד פונ'ם דאזיגען געטרייען דיענער מוזען מיר בעמערקען, אז אין די פינף יאהר, וואס פערשיעדענע לעהרער'ס האבען פערבראכט ביי די בלאנקעס אין הויז, האט זיך פרויקע צוגעלערנט אביסיל רוסיש לייענען אונ שרייבען; מע קאן ניט זאגען, אז פרויקע האט זעהר טהייערע פעהיגקייטען צום לערנען; דערפאר האט אבער מארקוס אליין גענוג געקנעלט מיט איהם ביז ער האט דערלעבט, אז פרויקע קען שוין האלב טראף (סקלאדעס) אונ חתמ'נען זיך אויף רוסיש: „פרויקע קראקמאן“ אזוי אז עס איז אויסגעקומען גאר: „מאנפרויקער קאקער“. נאר צום רעכענען האט פרויקע געהאט א זעלטענעם קאפ, אונ ווער ווייסט וואס פאר א מאטהעמאטיק פון איהם וואלט ארויס, ווען זיין פאטער, קאפיל קראקמאן, זאל ניט געווען זיין קיין קוימען-קעהרער אונ זאל ניט געווען פון בראנפען שטארבען אונ פאר דעם טוידט אפגעבען פרויקען צו א קאוואל, אונ דער קאוואל זאל איהם ניט געווען שלאגען אלע טאג ווי א הונט, אונ פרויקע זאל ניט געווען אנקומען פריהער צו זיין א הויפס-משרת אונ נאכדעם א לאקיי ביי סענדער בלאנק. די גרעסטע „זאדאטשע“ האט פרויקע געקאנט אויס-עכענען אויפ'ן קאפ, אזוי אז דער בעל הבית פלעגט ניט איין מאל נבהל ונשתומם ווערען!

בכן האט אונזער געבילדעטער משרת צו געטראגען די דעפע-שען צום פענסטער אונ איז אפגעשטאנען איבער זיי קרוב צו א האל-בער שעה ביז ער האט יאקאש צונויף געלייגט.

— בּוּקִי... אָן... עָל... יָע... נַאשׁ — בָּאלִיעָן — שְׁלַאף! אָן... פָּאקָאי... אַז... סָע, עָס... נַאשׁ... אָן — אָפַּאסְנָא — זָעהר, ד. ה. גֶע־פֶערְלִיךְ, אָפַּאסְנֶע, ד. ה. אָט שְׁטַארְבְּט עֶר, אַהָא?...

און פְּרוֹיקֶעס גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען זִיךְ וַוייטֶער אַיינְגֶעפְּלָאנְטֶעט אִין דֶעם גִילְדֶענֶעם זֵייגֶער מִיט דֶער שְׁוָועֶרֶער קֵעט... אוֹיף דֶעם טֶע־לֶעגְרַאף הָאט פְּרוֹיקֶע פְּרִיהֶער גֶעוֹויזֶען דִי דֶעפֶּעשֶׁען עֶפִּים אַ רוֹיטֶען יוֹדֶען, עֶר זָאל זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין אִיבֶּער לֵייעֶנֶען אוּנ גֶעבֶּען אִיהם צוּ פַארְשְׁטֵעהן, וָואס שְׁטֵעהט דָארְטֶען.

— אַךְ, וֶוען מֶע זָאל מִיךְ גֶעוֶוען לֶערְנֶען אִין דִי יוּנְגֶע יָאהְרֶען! הָאט זִיךְ פְּרוֹיקֶע גֶעטְרַאכְט אַרָאפְּגֶעלָאזְט טִיף אִין דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער קֶעשֶׁענִי דִי צְוֵויי רוּבְּל מִיט דִי פֶערְצִיג קָאפִּיקֶעס אוֹיסְגָאב, אַזוֹי אַז זֵיי זָאלֶען טַאקִי בַּיי אִיהם בְּלַייבֶּען, מַחֲמַת וֶוער וֶועט זִיךְ הַיינְט אַרוּם קוּקֶען צוּ עֶס אִיז דָא אוֹיסְגָאב, צִי נֵיין? נָאר וִוי אִיבֶּערְרַאשְׁט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ ר׳ סֶענְדֶער׳ן אִין קַאבִּינֶעט, הָאט אִיהם זַיין גֶע־פֶערְלִיכֶער פְּרִינְצִיפַּאל בַּאלְד אַ הַאפּ גֶעטְהוּן:

— אוֹיסְגָאב, פְּרוֹיקֶע! — צְוֵויי מִיט פֶערְצִיג!...

„עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט. דֶער אַלְטֶער גַאנַאמְנֶיעק!“ הָאט פְּרוֹיקֶע גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט בִּמְחִילַת כְּבוֹדוֹ אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפ׳ן טִישׁ דִי צְוֵויי רוּבְּל מִיט דִי פֶערְצִיג קָאפִּיקֶעס אוּנ אִיז מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ אַוֶועק אִין זַיין רוּה אַרַיין...

בַּאלְד אוֹיפ׳ן אַנְדֶערֶען טָאג אִיז גֶעקוּמֶען סֶענְדֶער׳ס עֶלְטֶערֶער זוּהן חַיִים בְּלַאנְק מִיט זַיין וַוייבּ סָאנִי אוּנ מִיט צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער: פַאנְיֶע — אַ מֵיידִיל פוּן אַ יָאהר אַכְט, אוּנ מַאנִי — אַ קְלֵיינִינְקֶע פוּ־זֶעכְּס יָאהר.

וִוי אַזוֹי סֶענְדֶער׳ן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען גוּט, אַזוֹי אִיז זַיינֶע קִינְדֶער גֶעגַאנְגֶען שְׁלֶעכְט. — אַז חַיִים אִיז אַרָאפּ פוּן קֶעסְט הָאט עֶר גֶעהַאט זַיינֶע עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד רוּבְּל.

— גֶעדֵיינְק חַיִים, — הָאט אִיהם דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט — אַז אִיךְ הָאבּ פוּן מֵיין צַד גֶענוּג יוֹצֵא גֶעוֶוען: דִיךְ אוֹיסְגֶעהָאדֶעוֶועט.

חתונה געמאַכט, געגעבּען נדן, געהאַלטען פינף יאָהר אויף קעסט אויך — און וואָס נאָך? האָסט צו מיר כלל וכלל ניט: מיט מיר קעהרסט דו זיך שוין היינט ווינציג וואָס אָן: איך האָבּ נאָך קינדער; איך האַלט אַ טאָכטער אויף קעסט און דאַרף חתונה מאַכען אַ זוהן. פאָהר דיר געזונדערהייד און זיי מצליח! אַז דו וועסט זיך שאַנעווען, וועסט דו האָבּען געלד און סע וועט דיר זיין גוט, אי״ה; זעה היט אָפּ אַ קערבּעל — וועסט דו זיין אַ מענש!...

אַז חיים איז געבּליבּען אָהן געלט, האָט ער צום פאָטער ניט געוואָלט שרייבּען: ער האָט גאַנץ גוט געוויסט, אַז עס וועט זיין אומזיסט; נאָר אַז מע האָט שוין אַלסדינג אויסֿפאַרקויפט פון שטוב און די קינדער האָבּען געבּעטען בּרויט און עס איז ניט געווען, האָט זיך חיים געזעצט און האָט אָן געשריבּען אַזאַ מין בּריעף.

„לכבוד אהובי אבי היקר הגביר המפורסים החכם ומופלג בש״ת מוהר״ר קענדער נ״י.

„שוין מעהר אַז צוויי יאָהר זינט איך בּין געבּליבּען אָהן אַ קאָפּיקע האָבּ איך דיר דען אפילו מזכיר געווען זעהסט דו דאָך אַליין „אַז מסתמא האָבּ איך שוין קיין געלט ניט... וואָס רעד איך? די קינדער און מיין ווייבּ און איך שטאַרבּען פאַר הונגער... איך בּין דאָ אַ „פרעמדער... על כן אהובי אבי! פאַרשטעהסט דו שוין... ניטאָ וואָס „צו רעדען... אַזעלכע צוויי קינדער ווי איך האָבּ דאַכט מיר... און מיין „ווייבּ איז דווקא ניט קיין אויסבּרענגערין ווי אַנדערע... און איך וויים? „פאַרקעהרט, מיט אַלע מעגליכקייטען... ווען ניט אָט דער פייפערמאַן „אָט דער גזלן... ער האָט בּיי מיר אויסגענאַרט דריי טויזענד רובּל.. „מזומענע דריי טויזענד קאַרבּען!... קיין אַנדערע געשעפטען איז דאָ „ניטאָ... אפשר דאָרט, אין דיין שטאָדט, וואו מען קאָן מיך, מע ווייסט „ווער איך בּין... מע זאָגט אַז יעקב משה צוקערשטיין האָט געווינען „צעהן טויזענד רובּל... גרים לאמי ח׳ היקרה מרת מרים חיה, לאחותי „היקרה מרת רבקה עם בּעלה היקר מו״ה יוסף זעמעל מיט זייערע קינ־

„דֶער... ווִי גֶעהט עֶס זֵיי הַיינְט ? גְרִים לְאָחִי הַמַּשְׂכִּיל הֶחָכָם מוה"רר
„מַארְקוּס יְשֶׁיחְיֶה. זַייט גֶעזוּנְט אוּנ פִיל גְלִיקְלִיךְ, ווִי עֶס ווִינְשְׁט אַייךְ
"דַיין זוּהן חַיִים בְּלַאנְק".

"גַם אִיךְ הָאבּ דִיר פַארְגֶעסֶען מוֹדִיעַ זַיין אַז זוּגָתִי מָרַת סָאנִי
„שֶׁתִּחְיֶ' אִיז אִיצְטֶער נִיט בְּקַו הַבְּרִיאָה, אוּנ מַיין קְלֶעגֶערֶע טָאכְטֶער
„מַאנִיטְשְׁקֶע פָּאקְט. "חַיִים הנ"ל".

פוּן טָאג אוֹיף טָאג אִיז חַיִים גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶערְפָּאסְט אוּנ עֶרְשְׁט אִין צְווֵיי ווָאכֶען אַרוּם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִיעף.

— אַ בְּרִיעף, סָאנִי, אַ בְּרִיעף פוּן דֶערְהֵיים!

סָאנִי אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְד גֶעווָארֶען אוּנ הָאט זִיךְ קוֹים אַרוּם גֶע־שְׁלֶעפְּט אִיבֶּער'ן שְׁטוּבּ, נָאר דָאס קִינְד אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעוֶוען שְׁלַאף; מִיט גְרוֹיס צִיטֶערְנֶעשׁ הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעזֶעצְט לֵייעֶנֶען דֶעם לַאנְגֶער־ווַארְטֶעטֶען בְּרִיעף:

"לִבְנִי הַיָּקָר הָרַבָּנִי מוהר"ר חַיִים נ"י ע"ש זוּגָתוֹ הַיְּקָרָה מָרַת סָאנֶע תִּחְיֶ' עכב"ב".

"רֵאשִׁית מוֹדִיעֲכֶם אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע ב"ה אִין בֶּעסְטֶען גֶעזוּנְד;
„גֶעבּ גָאט דָאס נֶעמְלִיכֶע פוּן אַייךְ צוּ הֶערֶען נִיט עֶרְגֶער, אָמֵן! וְהַשֵּׁנִית
„פַארְשְׁטֵעה אִיךְ נִיט, ווָאס הָאסְט דוּ גֶעהַאט צוּ מִיר, בְּנִי הַיָּקָר, ווָאס
„זָאלְסְט מִיר אָנְטְהוּן אַזֶעלְכֶע יְסוּרִים אוּנ מִיר אַלֶע זָאלֶען הָאבֶּען אִיבֶּער
„אַייךְ אַ פַארְשְׁטֶערְטֶען יו"ט? לָאז מֶען פְרֶעגֶען בַּיי דֶער ווֶעלְט, צִי
„הָאבּ אִיךְ נִיט יוֹצֵא גֶעוֶוען אַ קֶעגֶען דִיר ווִי דֶער בֶּעסְטֶער פָּאטֶער?
„ע"כ בְּנִי הַיָּקָר, בֶּעט אִיךְ דִיךְ, זָאלְסְט מִיר נִיט מְקַצֵר יָמִים זַיין אוּנ נִיט
„שְׁרַייבֶּען מִיר אַזֶעלְכֶע בְּרִיעף, ווָאס זֵיי זֶענֶען מִיר נִיט לְרָצוֹן, אוּנ
„אַהֶער הָאסְט דוּ נִיט ווָאס צוּ פָאהרֶען, מֵחֲמַת אָהן גֶעלְט קְרִיגְט מֶען
„אִין עֶרְגֶעץ קַיין גֶעשֶׁעפְטֶען נִיט הַיינְטִיגֶע יָאהרֶען אוּנ אַזֶעלְכֶע פַיי־
„פֶערְמַאנֶעס, ווָאס נַארֶען אוֹיס גֶעלְט, זֶענֶען דָא אוּמֶעדוּם אוֹיף דֶער
„גַאנְצֶער ווֶעלְט; ווָאס זָאל מֶען טְהוּן? שְׁווֶעהרֶע יָאהרֶען הַיינְט! פוּן
„דֶעסְטְווֶעגֶען, אַז מֶע אִיז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט מֶען נִיט דֶער צוּ, אַז מֶע

„זאל בלייבען ווי אויפ'ן וואסער; דיין שוואגער מוה"רר יוסף זעמעל
„האט היינט דאס גרעסטע געשעפט און מע זאגט אז ער פארדיענט
„גרידעס מיט גאלד; איך זיץ שוין היער מעהר פון דרייסיג יאהר האט
„זיך מיר נאך איין מאל ניט געמאכט אזא גליקליך געשעפט, ווי
„חתני מוהר"ר יוסף נ"י האט בעקומען דארט אין זיין שטאדט; עס איז
„א סברה, אז ער קויפט זיך א דירה פאר צוואנציג טויזענד רובל, —
„לאז איהם גאט העלפען; איך פארגין איהם מיט'ן גאנצען הארצען...
„היינט געהט מיר א נייע סדרה: מע דארף א שידוך טהון מיט מארקוס'ן
„און געבען איהם א דרייסיג טויזענד רובל נדן און קוויטאנציע פאר
„א זעכס טויזענד רובל; היינט הלבשה און חתונה הוצאות! איך האב
„צורעכט געמאכט מיין הויז, קאסט מיך בלא גוזמא צעהן טויזענד
„רובל! היינט איז ביי מיר געוועזן בתי מרת רבקה תחי' צו גאסט מיט'ן
„קינד (א זעלטען קינד!) האט מען איהר געמוזט שענקען ת"ק קער־
„בלעך א מתנה—פון וואנען זאל זיך דאס נעמען אלעס? גרים לזוגתך
„מיט די קינדערלעך. פון מיר אביך

„סענדער בלאנק".

נאך א יאהר — א שווער יאהר! — האט זיך חיים אפגעמוטשעט ביז ער האט זיך געקריגען ענדליך א שטעלע מיט פופציג רובל א חודש געהאלט און אין א יאהר ארום האט מען זיך ארום געקוקט, אז חיים איז איין ארענטליכער מאן און איז א געטרייער מענש, האט מען איהם מוסיף געוועזן נאך פופציג רובל; דערפאר האט ער אבער גע־הארעוועט און איז געוועזן אין גאנצען פארקויפט דעם פרינציפאל און האט פארבראכט גאנצע טעג מיט נעכט אין וואלד (דאס איז געוועזן זיין שטעלע).

אין דער דאזיגער לאגע איז ער געוועזן, ווען ער האט פלוצלים ערהאלטען די עקסטרע טעלעגראמע פונ'ם פאטער, וואס רופט איהם ארויס ער זאל תומ"י קומען מיט די קינדער. חיים האט ניט געקענט וואַרפען דעם וואלד אפילו אויף צוויי טאג; נאר עס איז א תירוץ אז דער פאטער איז געפעהרליך שלאף און רופט מע זאל קומען?

אַז חַיִים אִיז אַרַיינגעקוּמען צוּם פָּאטער אִין קַאבִּינעט אַרַיין, אִיז ער אִיהם געפַאלען אוֹיפ'ן הַאלז, אוּן אוֹיף פֶּענדער'ס אוֹיגען הָאבען זִיךְ בּעוויזען טרערען. ער הָאט צוּ גערוּפען צוּ זִיךְ דִי שנוּר, געפרעגט „וָואס מַאכסט דוּ?" אוּן הָאט אוֹיסגעצוֹיגען דִי לִינקע הַאנט דִי צְווַיי אֵיינִיקלעךְ, אַז זֵיי זָאלען אַ קוּש געבּען דעם קְרַאנקען זֵיידען; דערפַאר הָאט ער זֵיי אַ קְנִיפּ געטהוּן אִין בּעקעל אוּן געהֵייסען זִיךְ געהן שפִּיעלען. — דִי קִינדער זענען מִיט גְרוֹיס פּערגְנִיגען אַרוֹיסגעלָאפען זִיךְ שפִּיעלען אוּן דערוַויל בּעטְרַאכטען דעם זֵיידענס גְרוֹיסען הוֹיף מִיט'ן שֵׁיינעם גָארטען. אוּנטען הָאט זֵיי פְּרוֹיקע אִיבּערגענוּמען געשֵׁענקְט צוּ מַארמעלַאדען אוּן הָאט זִיךְ גענוּמען אוֹיספְּרעגען בַּיי זֵיי: ווִי רוּפט מען זֵיי? ווִיפִיעל זענען זֵיי אַלט? וָואס טְהוּט זֵייער פָּאטער אִין דער הֵיים? וָואס טְהוּט דִי מוּטער? צִי הָאבּען זֵיי אוֹיךְ אַזאַ גְרוֹיסע שְׁטוּבּ, ווִי דער זֵיידע? צִי קָאנען זֵיי שוֹין לֵייענען, שְׁרַייבּען? דִי עלטערע — פַאנִיע — הָאט אִיהם געזָאגט, אַז זִי קָאן שוֹין גִיךְ לֵייענען נִיט נָאר געדְרוּקטע, אַפִילוּ געשְׁרִיבּענע אוֹיךְ; פְּרוֹיקע הָאט זִיךְ נִיט געפוֹילט זִי בַּאלְד אוֹיפ'ן אָרט אָפּ עקזַאמענִירען; ער הָאט אַרוֹיס געחַאפּט אַ פּעטש שְׁטִיקעל פַּאפִּיער פוּן דער קעשענִי אוּן הָאט מִיט אַ שְׁטִיפְטעל אָן געצַארַאפּעט: „מַאנפְּרוֹיקערקָאקער"; דִי קִינדער הָאבען אוֹיסגעשָׁאסען אַ געלעכטער אוּן זענען מִיט אַ קְווִיטשׁ אַוועק אִין גָארטען אַרַיין, שְׁרַייענדִיג „מַאנפְּרוֹיקערקָאקער!!" אוּנזער געריהמטער פְּרוֹיקע הָאט דָאס געהערט אוּן פוּן יענער מִינוּט אָן הָאט ער געטְרָאגען אַ שִׂנְאָה אִין הַארצען אוֹיף דִי דָאזִיגע צְווַיי קִינדער מִיט זֵייערע עלטערען צוּזַאמען...

חַיִים אִיז שְׁפּעטער מִיט צְווַיי שָׁעָה אַרַיין געגַאנגען צוּ מַארקוּס'ן אִין קַאבִּינעט, וואוּ יענער הָאט אִיהם בַּאוויזען אַלע זַיינע אַנטִיקלעךְ פוּן דער בִּיבְּלִיאָטהעק בִּיז דִי מִינדִיסטע קְלֵיינִיקֵייטען. אוּנזער יוּנגער העלד אִיז געווען אַזוֹי צוּפְרִיעדען, אַזוֹי גְלִיקלעךְ מִיט'ן גַאסט, וָואס ער הָאט זִיךְ שוֹין אַזוֹי לַאנג מִיט אִיהם נִישְׁט געזעהן, אַז ער הָאט גָאר פַארגעסען צוּפְרעגען חַיִים'ן, ווִי געהט עס אִיהם, אוּן חַיִים הָאט

פון זײַן זײַט אויך נִיט גֶעמַאכְט פון זיך קיין רֶעדֶע און הָאט די גַאנְצֶע צײַט, וָואס זײַן יונְגֶערֶער בְּרודֶער הָאט גֶעפְּלַאפֶּעלְט, קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט נִיט גֶעזָאגְט. און סָאנִי? סָאנִי אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט מִרְיָם חַיֶה׳ן אִין אַ ווינְקֶעלֶע און הָאבֶּען זיך שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁמוּעֶסְט פון הֵיימִישֶׁע זַאכֶען: פון די דִינְסְטֶען די הוּלְטַייקֶעס, פון די קִינְדֶערְשֶׁע מַלְבּוּשִׁים־לֶעך, ווי עֶס קָאסְט יֶעדֶע זַאך גָאלְד, פון דֶעם יְקָרוּת בִּכְלַל און פון הִיהנֶער, גֶענְז, קַאטְשְׁקֶעס, אַז צו וָואס מֶע רִירְט זיך צו הֵייסְט מֶען זיך אָפְּגִילְטֶען!

— אַ נִימֶעלְט הָאבּ איך מִיר גֶעהֵייסֶען בְּרֶענְגֶען אֵייעֶר — הָאט מִרְיָם חַיָה דֶערְצֵיילְט דֶער שְׁנוּר און זֵיי הָאבֶּען בֵּיידֶע גֶעפְּלַאמְט — בַּיי מִיר אִיז שׁוֹין אַ מֶקח 70 קָאפֵּיקֶעס; סַיידֶען עֶרֶב פֶּסַח צָאהל איך אַ קֶערְבֶּעל, אַ קֶערְבֶּעל מִיט 5, — אָבֶּער נִישְׁט מֶעהר. איך צֵייל אָפּ די אֵייעֶר... 5 שָׁאק הָאבּ איך זיך גֶעהֵייסֶען בְּרֶענְגֶען, מַחֲמַת איך הָאבּ גֶעוָואלְט אָפּ בַּאקֶען אַ טָארְט פון אַ־10 פוּנְט, חָאטְשׁ אֲפִילוּ יֶענֶע וָואך הָאבּ איך אָן גֶעבַּאקֶען אַ פוּלֶע שַׁאפֶּע מִיט צוּקֶערְלֶעקאך, און עֶס אִיז אִין דְרַיי טֶעג פַארְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען; איך זָאל זָאגֶען אויף דֶער יוּדִינֶע — קָאן איך נִיט: בַּיי מִיר אִיז הַיינְט אֵיין עֶהרְלִיכֶע יוּדִינֶע, איך זָאל הָאבֶּען אַזַא יָאהר; שַׁא! דוּ דַארְפְסְט זִי קֶענֶען, זִי אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען פַאר זֶעכְּס יָאהרֶען, זִי הֵייסְט זְלַאטֶע...

— אוי! זְלַאטֶע? שְׁוִויגֶער, זְלַאטֶע אִיז בַּיי אַייך?

— יָא, זְלַאטֶע. זִי הָאט זיך שׁוֹין גֶעגֶט מִיט׳ן מַאן און ווִידֶער אַ מָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט.

— וֶועמֶען הָאט זִי גֶענוּמֶען, שְׁוִויגֶער?

— ווֵייס איך וֶועמֶען זְלַאטֶע הָאט גֶענוּמֶען? אַזַא יָאהר זָאל עֶר הָאבֶּען! עֶפִּיס אַ שַׁארְלַאטַאן, אַיין אויסְווּרְף; עֶר אִיז כְּלוֹמֶרְ׳שְׁט אַ שְׁנַיידֶער, אַ קָארְנָאסֶער שְׁלִים־מַזָל!...

— אֶפְשַׁר מָרְדְכַי צִיפֶּרֶעס? אַ יָא איך טְרֶעף, שְׁוִויגֶער?

— יָא, פון וַואנֶען ווֵייסְט דוּ, סָאנִי?

— און וואו אִיז הַיינְט צִיפּוֹרָה? זִי דִינְט, נֶעבִּיך?

— יָא ? אַ וַדַאי ? שׁוֹין לַייְנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען !

— אוֹי ! צִיפּוֹרָה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען ? ! וָואס רֶעדְט אִיהר שְׁוִויגֶער ? ! ! !
אַי—אַי—אַי ! . . .

אוּנ גָאט וֵוייסְט וָואהִין דִי גֶעהֶערְטֶע דַאמֶען וָואלְטֶען פַארְקְרָא־
כֶען אִין זֵייעֶר לַאנְגֶען שְׁמוּעֶס אוּנ צוּ זֵיי וָואלְטֶען זִיךְ אַ מָאל אוּם
גֶעקֶעהְרְט צוּ דִי פִינְף שָׁאק אֵייעֶר, צוּ זֵיי וָואלְטֶען אַזוֹי, שְׁפְּרִינְגֶענְדִיג,
פַארְפָאהרֶען הֶעט־הֶעט אִין דִי וַוייטֶע לֶענְדֶער אַרַיין, וֶוען פְרוֹיקֶע זָאל
נִיט גֶעוֶוען פְלִיצְלוּם אַרַיין גֵעהן אוּנ אָן זָאגֶען אַ נַייעֶ בְּשׂוֹרָה, אַז דֶער
הֶער אָסִיפ זֶעמֶעל מִיט דֶער מַאדַאם אוּנ מִיטְ'ן קִינְד מִיט נָאךְ עֶפִּיס
אַיין אַלְטֶע יוּדִינֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּפָאהרֶען.

מַיינֶע לֶעזֶער וואוּנְדֶערֶען זִיךְ, וָואס אוּנְזֶערֶע הָאכְגֶעשֶׁעצְטֶע
דַאמֶען הָאבֶּען אִין אַזַא צַייט, וֶוען דֶער אַלְטֶער לִיגְט כִּמְעַט אוֹיפְ'ן
טוֹידְטֶען בֶּעט, נִישְׁט גֶעפוּנֶען קֵיין אַנְדֶער זַאךְ אוֹיף צוּ שְׁמוּעֶסֶען, נָאר
אֵייעֶר מִיט הִיהנֶער וּכְדוֹמֶה... שַׁאט ! אִיהר הָאט נִיט וָואס צוּ וואוּנְ־
דֶערֶען זִיךְ: זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעהֶערֶען אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין אַזַא אִינְטֶע־
רֶעסַנְטֶע שְׁמוּעֶס מִכֹּחַ בַּעַל־הַבַּתִּישְׁקַייט, וָואס עֶס קוּמֶען אַרַיין אִי הִיהנֶער,
אִי אֵייעֶר, אִי פֶּעטְרֶעשְׁקֶע, אִי קֶעבֶּעבֶּע, מִיט לַאקְרֶעץ. דֶער מְחַבֵּר פוּנְ'ם
דָאזִיגֶען בּוּךְ הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען, וִוי אַ פְּרָאוִוינְ־
צִיאַלְנֶע דַאמֶע הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט אִין טְהֶעאַטֶער, שֵׁעֹן, פַיין, וִוי עֶס
קֶעהר צוּ זַיין ; אֲפִילוּ אַ בִּילְיֶעט גֶענוּמֶען אִין עֶרְשְׁטֶע רֵייה קְרֶעסְלֶעס
פַאר דְרַיי רוּבֶּל מִיט פוּפְצִיג קָאפִּיקֶעס. פְּלוּצְלִים, אִין מִיטֶען וֶועג,
גֶעהֶענְדִיג, דֶערְזֶעהט זִי, וִוי אַ סָאלְדַאט טְרָאגְט אַ וַוייסֶען הָאהן אוּנְ־
טֶערֶען שִׁינֶעל אוּנ קוּקְט זִיךְ עֶפִּיס אַלֶע מִינוּט אַרוּם אוֹיף אַלֶע זַייטֶען.
דֶער מַאדַאם אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען אִין קָאפּ אַרַיין אַ פְרֶעג טוּהן דֶעם
סָאלְדַאט, עֶס קָאן זַיין אוֹיף קַאטָאוֶועס :

— טְשְׁטָא טֶעבֶּיֶע זַאפֶּיֶעטוּחַא ?

— דְוַואדְצַאט פִּיַאט קָאפֶּעיֶעק סִיֶערִיֶעבְרָאמְ'ס !

— וָואזְמִי דְוַואדְצַאט ! הָאט אִיהם דִי דַאמֶע אוֹיף גֶעלֶעכְטֶער

גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט זִיךְ אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ רֶגֶע׳לֶע אוּן הָאט דֶערְוַוייל גֶעחַאפְּט אַ קוּק אוֹיפְ׳ן הָאהן.

— פַּאזְשַאלִיטֶע דִיֶענְגֶעחְ׳ם! הָאט אִיהר דֶער יָנָן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַיין אֱמֶת. דִי דַאמֶע הָאט לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט אוּן הָאט זִיךְ פַּארֶקְעֶרעֶוועט צוּרִיק אַ הֵיים מִיטְ׳ן סָאלְדַאט אוּן מִיטְ׳ן הָאהן.

עֶרְשְׁט צוּם דְרִיטֶען אַקְט, אַז אִיךְ הָאבּ אַ קוּק גֶעטוּהן דוּרְךְ מַיין בִּינָאקְל אַרוֹיף, הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהֶען, וִוי מַיין דַאמֶע פוּנְ׳ם הָאהן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין טְהֶעאַטֶער אַרַיין אוּן דָאס פָּנִים הָאט אִיהר צְוַויי מָאהל אַזוֹי פִיעל גֶעשַׁיינְט, וִוי פְרִיהֶער.

גֶעקוּמֶען אַ הֵיים פוּן טְהֶעאַטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמָאנְט, אַז מָארְגֶען אִיז „עֶרֶב יוֹם־כִּפּוּר" אוּן מֶע דַארְף אַ וַוייסֶען הָאהן „אוֹיף כַּפָּרוֹת"...

— גְלִיקְלִיכֶער מַאן! הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרַאכְט — דוּ הָאסְט דָאס גֶעטְרַייהַסְטֶע וַוייבּ אוֹיף דֶער וֶועלְט!...

דָאס זֶעכְסְטֶע קַאפִּיטֶעל.

רֶעוֶועקַא; אִיהר גֶעשִׁיכְטֶע אִין קוּרְצֶען, אוּן אָסִיפּ זֶעמֶעל מִיט זַיינֶע יְרוּשׁוֹת.

אַז דִי פַאמִילִיֶע זֶעמֶעל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אִיז דִי מַאדַאם רֶעוֶועקַא זֶעמֶעל אַרוֹיף גֶעפַאלֶען דֶער שְׁוִויגֶער אוּן דֶער שְׁוֶועגֶערִין אוֹיפְ׳ן הַאלְז אָן וֶוערְטֶער אוּן פוּן זַיי אִיז זִי מִיט דֶעם אָנְ־טָאן מִיט אַלֶעמֶענֶעם אַוֶועק גֶעפְלוֹיגֶען צוּם קְרַאנְקֶען פָאטֶער אִין קַאבִּינֶעט אַרַיין אוּן דֶער מַאן אִיהרֶער מִיט דִי קִינְדֶער מִיט דֶער שְׁוִויגֶער אוּן מִיט דֶער שְׁוֶועגֶערִין זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען דָא. פַאר וָואס דֶער הֶער אָסִיפּ זֶעמֶעל אִיז אוֹיךְ נִיט אַרַיין גֶעגַאנְגֶען בַּאלְד מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין דֶעם שְׁוֶוער, וֶועלֶען מִיר גִיךְ גֶעוָואהר וֶוערֶען; אוּן דֶערְוַוייל וֶועלֶען מִיר זִיךְ בֶּענוּצֶען מִיט דֶעם דָאזִיגֶען גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ בֶּעקָאנֶען זִיךְ מִיט דֶעם הֶער זֶעמֶעל.

עֶר אִיז אַלְט אַכְט אוּן צְוַואנְצִיג יָאהר אוּן מֶע קָאן בְּשׁוּם אוֹפֶן

ניט וויסען צי איז ער אַ שענער, צי אַ מיאוסער יונגערמאַן, ווייל די אויגען זענען פאַרשטעלט מיט אַשקאַליריגע ברילען, די האָר מיט דער געראַזירטער באָרד זענען אָפּ געפאַרבט, אָן געפּאָמאַדעט און לאָזען פון זיך אַ שרעקליכען אַראָמאַט; דער קאָלנער פון העמדיל איז אַזוי אָן געקראָכמאַלעט, אַז דער הער זעמעל קאָן זיך קיין ריהר ניט טהון מיט'ן קאָפּ און מוז זיך דרעהען מיט'ן גאַנצען קאָרפּוס פון זיין דינגעם, לאַנגען שטאַלט; אויף זיין קלאָהר ווייסען קאַמזויל הענגען עטליכע קייטעליך מיט מעדאַליאָנען און אויף דריי פינגער פיער פּער־שידענע פינגערלעך מיט אַ גרויסען סיגניט, און די שטיוועל סקריפּען ביי איהם אויף אַזאַ קול, אַז מע דאַרף אָפּ טרעטען די שטוב. אונזער זעלטענער פּאַרשוין אָסיפּ זיצט ניט איין אויף איין אָרט, און אפילו ווען ער רעדט מיט עמיצען האָט ער אויך ליעב אַרום שפּאַנען אַהין און צוריק און קוועטשען די סקריפּקעס פון די שרייענדיגע שטיוועל, האַלטענדיג די הענד אין די קעשענים. מיר האָבען שיעור ניט פאַר־געסען בעמערקען אַז אין דעם טהייערען האַלזטוך ביי איהם שטעקט אַ גילדענע שפּילקע מיט אַ קעפּעל פון אַ חזיר מיט זעהר שיינע אָפּ געאַרבעטע חזיר'שע אויערלעך און אויפ'ן קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט — אַ לאַנגען, גאַנץ לאַנגען נאָגעל.

— וואָס זשע מאַכט איהר עפּיס, סאָפיע אַבראַמאָוונאַ? האָט זיך אָסיפּ געווענדעט צו זיין געעהרטע שוועגערין און האָט זיך צו־געזעצט צו איהר — מרים חיה איז אַוועק געגאַנגען מיט די קינדער אין זאַל אַריין — שוין אַ לאַנגע צייט האָבען מיר זיך ניט געזעהען!

— יאָ, אָסיפּ מאָיסעיעוויטש, האָט איהם סאָניע געענטפערט בע־טראַכטענדיג דעם געשעצטען שוואָגער. — שוין גאַנץ לאַנג! אַ סך וואַסערען זענען אַפּגעלאָפען פון יענער צייט; גענוג צרות האָבען מיר איבערגעטראָגען! ווי געהט דאָס עפּיס אייך אין אייערע געשעפטען? דער שווער האָט אונז אַמאָל געשריבען, אַז דאָס גליק זאָגט אייך פּשוט נאָך; איך ווייס ניט, ווי אַזוי הייסט? מע זאָגט עפּיס, אַז אייע־

רֶע שׁוּתָּפִים הָאבֶּען אַייךְ נִיט שׁעֶן בֶּעהַאנְדֶעלְט, אַזוֹי וִוי אוּנְז... דֶער גֶעוִויסֶער מֶערְדֶער פַּייפֶּערְמַאן...

— אָ, סָאפִיֶע אַבְּרַאמָאוְונַא! הָאט אִיהר אָסִיפּ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט פוּנ'ם בֵּיינְקִיל, וִוי אַיין אָפְּגֶעבְּרִיטֶער, אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוּם שְׁפַּאנֶען אִיבֶּערְן שְׁטוּבּ, סְקְרִיפֶּענְדִיג מִיט דִי טְהַייעֶרֶע שְׁטִיוֶועל — אָ, אִיהר וַייסְט גָאר נִיט, וָואס פַאר שְׁוִוינְדְלֶער עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט! זֵיי הָאבֶּען מִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְגְלִירְלִיךְ מַאכֶען אוֹיף טוֹיזֶענְדֶער, אוֹיף הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְדֶער, אוֹיף מִילְיָאנֶען! טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוְוא נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ יַאקָאם אוֹיסְגֶעדְרֵיעהט פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט אוּנ הָאבּ מַצִּיל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶען קַאפִּיטַאל, אוּנ הֵנֵּה דָאס גֶעשֶׁעפְט הָאט זִיךְ צוּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ קְלֵיינֶער צַייט, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען שְׁלָאף אִיךְ נִיט אוּנ וֶועל מִיט גָאטְס הִילְף אוֹיסְפִיהְרֶען מַיינְס; אִיךְ רֶעכֶען אַז הַיינְטִיגְס יָאהר זָאל מִיר אוּמְקֶערֶען דָאס, וָואס מַיינֶע שׁוּתָּפִים הָאבֶּען בַּיי מִיר צוּ גֶענוּמֶען... אַ חוּץ הָאט בַּיי מִיר דָאס הוֹיז וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט צוּ גֶענוּמֶען גוּטֶע פוּפְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבְּל... דֶער גָארְטֶען אַלֵיין קָאסְט מִיךְ אַ קַאסֶע גֶעלְט... דֶער גֶערְטְנֶער נֶעמְט בַּיי מִיר ת"ק קֶערְבְּלֶעךְ אַ יָאהר; הַיינְט וואוּ אִיז דֶער עֶקִיפַּאזְשׁ מִיט דִי פֶערְד? וואוּ אִיז זַיינֶע הוֹצָאוֹת? וָואס מִיךְ קָאסְט אָפּ אַ יָאהר אוּנְטֶערְהַאלְטֶען קְרוֹבִים אוּנ פְרֶעמְדֶע, וָואלְט מֶען זִיךְ אִיךְ וַויים... טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוְוא.

— נוּ, אִין קָארְטֶען שְׁפִּיעלְט אִיהר הַיינְט אוֹיךְ? הָאט אִיהם סָאנִי גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ זִים שְׁמֵייכֶעלֶע אוֹיף דִי לִיפֶּען.

— חַס וְשָׁלוֹם! הָאט אִיהר אָסִיפּ גֶעעֶנְפֶערְט מִיט אַ גֶעפִיהל פוּן אַ מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶען מֶע בֶּעלֵיידִיגְט אוּמְזִיסְט. — לָאז מִיךְ גָאט הִיטֶען! סַיידֶען אַמָאל אִין אַ פְרַייהֶער צַייט, אִין אַ לַאנְגֶער ווִינְטֶער נַאכְט, אַז סֶע אִיז נִיטָא וָואס צוּ טְהוּן, זֶעצְט מֶען זִיךְ אַמָאל צוּם „גְרִינֶעם טִישֶׁעל"; אִי דָאס דַארְפְט אִיהר גֶעדֶענְקֶען, אַז אִיךְ פַארְשְׁפִּיל קַיין מָאל נִיט; פַארְקֶעהְרְט, אִיךְ גֶעוִוין שְׁטֶענְדִיג טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוְוא! (דָא הָאט זִיךְ אָסִיפּ צוּ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט זִיךְ צֶעלַאכְט, בֶּעוִויזֶען זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע צֵיהן). אָט דָא נִיט לַאנְג גֶעפָאהְרֶען פוּן אַדֶעס הָאבּ

איך זיך בעקאנט מיט א יונגען מאן אין וואגאן 1־טען קלאס. ער פרעגט מיך, ווער איך בין; זאג איך איהם: דער און דער; ענטפערט ער מיר: אזוי? קאן איך דאך אייך! פרעג איך איהם: וואו ארום? ענטפערט ער מיר: מיין פאטער האט ביי אייך פאראיאהרען געהאנדעלט ווייץ אויף הונדערט טויזענד רובל. ווער זשע איז אייער פאטער? פרעג איך איהם; האט ער אנגערופען זיין נאמען בקיצור אהין א הער — מיר האבען זיך געזעצט שפיעלען און ביז קיעוו האט ער מיר אנידער געלייגט פופצען טויזענד רובל און איז געווען טויט ווי די וואנד און איך האב איהם נאך געמוזט לייהען אויף הוצאות, א פופ־ציגער, חא—חא—חא! מטשעסטנאיע סלאווא!...

ביי די לעצטע ווערטער איז רעוועקא אריין געקומען צוריק פונ'ם פאטערס קאבינעט און האט זיך ווייטער ארום געהאפט קושען מיט סאניון לייבג—לייבג, ווי צוויי געטרייע שוועסטער, וואס האבען זיך שוין פון צעהן יאהר ניט געזעהן און דער גוטער גאט האט זיי געבענשט אז זיי קאנען זיך ווידער זעהן און קושענדיג און האלזענדיג, קאנען זיי אויסגיסען זייערע הערצער... אך! אין דעם דאזיגען מאמענט האבען אונזערע צוויי געעהרטע דאמען גאר פארגעסען, אז בשעת זיי זענען געווען אויף קעסט האבען זיי זיך געריסען ווי די קעץ און זענען געווען א גאנץ יאהר ברוגז דער פאר, וואס רעוועקא האט געזאגט אויף סאני'ן, אז זי האט ביי איהר אוועק געגנב'עט א נאזטיכעל, און סאני האט איהר אויסגעווארפען דעם מאן דעם „קארטיאזשניק“. עס קאן זעהר זיין, אז אין דער דאזיגער מינוט, האבען זיי זיך מיט'ן גאנצען הארצען מוחל געווען, וואס זיי האבען זיך אמאל געקריגט, געזידעלט געיאגט, און אזעלכע צוויי גוטע פריינד, ווי אונזערע געשעצטע דאמען — רעוועקא און סאני — אין דער מינוט, זענען אויף דער גאנצער וועלט גאר ניט געווען, עס איז שווער געווען צו חאפען אלעס וואס זיי האבען גערעדט; ווי די פייגעלעך האבען זיי געשטשעבעטשעט, און האבען „אנפלעקט“ און פארגלויבט אייגער פאר דער אנדערער אזעלכע זאכען, וואס פאר זייערע געטרייע מאנען וואלטען זיי דאס געוויס ניט

געטרויעט! סע איז נאר א תענוג צו זיצען פון דער ווייטענס און קוקען אויף אזא שיינער קארטינע, וואו שענהייט, גראציע, אויפריכטי־ קייט און אומשולדיקייט ווערען צונויף־געגאסען אין איינעם און איהר קוקט דערויף מיט פערגניגען און מיט קנאה אינאיינעם...

ערשט אין א האלבע שעה ארום איז רעוועקא אויפגעשטאנען, האט א וועקגערופען אסיפ'ן אויף א זייט און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— גיי נאר אריין צום טאטען, אסיפ; נאר זעה האלט צונג, ווארעם ער קאן דיך שוין, — גלויב מיר! טאטער וועט ער דיך זידלען, שווייג איהם אפ היינטיגס מאל, בכדי זאלסט קיין חרטה ניט האבען — געדענק זשע!

אסיפ האט זיך כלומר'שט צעלאכט און רעוועקא האט איהם געזאגט אויף א קול:

— גיי, אסיפ, דער פאפאשא וויל זיך מיט דיר זעהן! און אסיפ האט מיט א פאריסענעם קאפ און סקריפענדיג מיט די שטיוועל אוועק געשפאנט ווייטער.

ווי אזוי סענדער בלאנק האט איהם צוגענומען און וואס זיי האבען גערעדט — ווייסט נאר איין פרויקע, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען אונטער דער טיר און האט זיך צו געהערט צום שמועס פון דעם געשעצטען שווער מיט זיין געערטען איידעם אסיפ זעמעל...

אונזערע לעזער זעהען אומזיסט אין כעס אויף דעם פאלשען משרת, וואס האט א העזה צו אונטער הערען זיך, וואס די פרינציפא־ לען רעדען צווישען זיך. איהר דארפט פערצייהען דעם עלענדען משרת, וואס איז ניט מעהר ווי א פארקויפטער מענש, איין „אומגליקליכער קנעכט" וואס מוז יעדען פאלגען: — איהם האט געשיקט אונזער גע־ עהרטעסטע דאמע סאפיע אבראמאוונא, ער זאל זיך אונטערהערען, וואס זיי רעדען דארט, און דערפאר וועט ער באקומען אין יד אריין, וויפיעל ער האט זיך קיין מאל ניט גערעכט...

שפעטער מיט עטליכע שעה האט שוין בליומקע (פרויקעס כלה)

אויך געוואוסט, אז ר' סענדער האט קראנקערהייד געזידעלט דעם איידעם, ווי א הונט, און אסיפ האט איהם דאס אנדערע וואָרט ניט געענטפערט און איז די גאנצע צייט געשטאנען, ווי א גולם מיט גלע־זערנע אויגען; און נאך א סך אינטערעסאנטע זאכען האט פרויקע דער־צעהלט זיין געליבסטער כלה, פארבייסענדיג מיט שטיקער טאָרט פון דער קעשעני, מיט ניס און מיט נאך גוטע זאכען...

לאזען מיינע לעזער ניט מיינען, אז אונזער אסיפ האט קיין שכל ניט געהאט צו ענטפערען דעם שווער צוריק, אדער ער האט אויף איהם געלייגט כבוד; אבער גאר לא! אסיפ האט געקאנט פאררעדען צעהן מענשען מיט אמאל, און וועגען אפ געבען כבוד, איז אויך א ספק, ווארעם סע איז געוועזען א צייט, ווען אסיפ איז געזעסען ביים שווער אויף קעסט און האט געהאט א סך געלט, האט, פארקערט, דער שווער איהם אפגעגעבען כבוד און ווער שמועסט, אז אסיפ מיט רעוועקען זענען אראפ פון קעסט און סענדער האט דערהערט, אז זיין איידעם מאכט אזעלכע גרויסע, גליקליכע געשעפטען, איז ער געווען צופרידען גאר אויף זיין אנדערען אופן; ער פלעגט זיי שיקען גאנץ אפטע בריעף און שענקען רעוועקא'ן אמאל די שענסטע מתנה, און אויף אסיפ'ן האט ער געזאגט, אז איהם פאסט צו זיין א גרויסער גביר אז ער האט א פנים פון א „מיליאנשטשיק".

די ערשטע שפעקולאציע, וואס אסיפ האט זיך גענומען, איז געווען דער האנדעל פון ברויט, ווען עס האט גראד געגאלטען, האט ער, געוויינליך, פארדינט א סך געלט; נאר זאגען האט ער זיך ערלויבט צוויי מאל אזוי פיעל, און אזוי איז ער אויסגעוואקסען געוואָרען ביי יעדען אין די אויגען. דער מסחר פון ברויט האט געפלאצט און אסיפ האט נאך מעהר געפלאצט; און האט צייגעקויפט א היבשען טראנס־פאָרט ווייץ אויף א יאהר און אויף צוויי יאהר; ווייץ איז געפאלען; נאר אסיפ איז ביי זיך ניט געפאלען: ער האט אפגעשאטען דאס ברויט אין די שפייכלער און האט דאס געהאלטען אזוי לאנג ביז האלב איז כפרה געוואָרען און די אנדערע האלב האט ער געביך גע־

מוּזְט פַארְקוֹיפֶען פַאר הַאלְבּ גֶעלְד. אַז ר׳ סֶענְדֶער אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוא־
רֶען פוּן אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִיהם אַרַיין גֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיוֶועל פוּל
מִיט שְׁטֶעכְווֶערְטְלֶעךְ, אַז נִיט אַזוֹי הַאנְדֶעלְט מֶען: מֶען דַארְף קָאנֶען
טְרֶעפֶען דִי צַייט, מֶען דַארְף זַיין גֶעהִיט, מֶען דַארְף נִיט לָאזֶען קְרִיכֶען
וַוייט, אָסִיפ הָאט אִיהם אָפְּגֶעעֶנְפֶערְט, אַז אַזוֹי הַאנְדְלֶען וִוי עֶר, אָסִיפ,
הַאנְדֶעלְט, קָאן קֵיינֶער נִיט, אוּנ סֶע וואוּנְדֶערְט אִיהם, אַז אַזַא מֶענְשׁ,
וִוי זַיין שְׁוֶוער, וָואס הָאט קֵיין מָאל נִיט אָן גֶעקוּקְט קֵיין פוּד וַוייץ,
לֶערֶענְט אִיהם, אָסִיפ׳ן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען... דֶעם דָאזִיגֶען עֶנְטְפֶער
הָאט ר׳ סֶענְדֶער צֶערִיסֶען אוּנ אִיז גֶעוֶועזֶען בְּרוֹגֶז אַ קְלֵיינֶע צַייט, בִּיז
עֶר הָאט פְּלוּצְלִים מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶען אַ דִיפֶּעשׁ פוּן רֶעוֶועקָא׳ן אַז אָסִיפ׳ס
בָּאבֶּע, אַ רַייכֶע אַלְמָנָה, אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ הָאט אִיהם אָפּ גֶעשְׁרִי־
בֶּען הוּנְדֶערְט זֶעכְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבֶּל. ר׳ סֶענְדֶער אִיז אוֹיפְגֶעמוּנְטֶערְט
גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אַזַא מִין בְּרִיעף צוּ דִי קִינְדֶער:
„לִכְבוֹד חֲתָנִי הַנְּגִיד הַמְפוּרְסָם הֶחָכָם הַמַשְׂכִּיל הַיָּקָר וּמְהוּלָל
מוֹהר״ר יוֹסֵף נ״י הֶער זֶעמֶעל.

„וְלִכְבוֹד בִּתִּי הַגְּבִירָה הַמְפוּרְסֶמֶת הַחֲכָמָה הַמַשְׂכֶּלֶת הַיְקָרָה הַמְהוּלָלָה
„מָרַת רִבְקָה שֶׁתִּחְיֶ׳ עכב״ב. מִיט פִיעל עַגְמַת־נֶפֶשׁ הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער
„גֶעלֵייעֶנְט אַייעֶר טֶעלֶעגְרַאמֶע אוּנ סֶע טוּהט מִיר הֶערְצְלִיךְ לֵייד, וָואס
„דַיין גֶעעְהְרְטֶע בָּאבֶּע מֵיין הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע מְחוּתֶּנְתְ׳טֶע, אִיז נָאךְ גָאהר
„יוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט גֶעגַאנְגֶען. תנצב״ה! נָאר וָואס קָאן אַ מֶענְשׁ
„הֶעלְפֶען מִיט זַיין וַויינֶען אוּנ טְרוֹיעֶרְן, מִסְתָּמָא הֵייסְט גָאט אַזוֹי, אוּנ
„דַיין גֶעטְרַייעֶע בָּאבֶּע, וֶועסְט דוּ שׁוֹין נִיט לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען; לָאז זִי
„הָאבֶּען אַ לִיכְטִיגֶען גַן־עֵדֶן, אוּנ אִיהר זֶענְט נָאךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער אוּנ
„דַארְפְט נָאךְ לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָכֵן חֲתָנִי הַיָּקָר וּבִתִּי הַיְקָרָה,
„נֶעמְט זִיךְ נִיט צוּם הַארְצֶען אוּנ פַארְגֶעסְט אוּנ לָאז גָאט גֶעבֶּען מִיר
„זָאלֶען שׁוֹין מֶעהר פוּן קֵיין צַעַר נִיט וִויסֶען מִיט דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל
„אוּנ קֵיין יוּנְגֶערֶע זָאלֶען נִיט שְׁטַארְבֶּען — אָמֵן! מֵיין דֵעָה אִיז, קִינְדֶער,
„אַז דָאס גֶעלְד זָאל לע״ע לִיגֶען אִין בַּאנְק, בִּיז גָאט וֶועט הֶעלְפֶען
„אִיהר וֶועט זִיךְ אַרוּם־קוּקֶען אוּנ סֶע וֶועט זִיךְ אַייךְ מַאכֶען עֶפּ׳ס אַ

„רֶעכְט גֶעשֶׁעפְט; אִיךְ רֶעכֶן, אַז דָאס פְּרִיצֶענְט פוּן אַזאַ קַאפִּיטַאל
„דַארְף אַייךְ טְרָאגֶען צוּם לֶעבֶּען, וּבִפְרַט אִיהר ווייסְט, אַז אִיךְ הָארֶעוֶוע
„אוֹיךְ פוּן אַייֶערְטְוֶועגֶען אוּנ וֶועל מַיין גֶעלְד אִין קֶבֶר אַרַיין נִיט מִיט
„גֶעמֶען, אוּנ אַ מֶענְשׁ לֶעבְּט נִיט אֵייבִּיג... בְּלַייבְּט אַייךְ גֶעזוּנְד אוּנ פִיעל
„גְלִיקְלֶעךְ אוּנ אִיךְ זָאל הָאבֶּען פוּן אַייךְ אַ גְרֶעסֶערֶען נַחַת, ווִי פוּן
„מַיין זוהן חַיִים גֶעבִּיךְ, וָואס הָאט מִיךְ נִיט גֶעוָואלְט פָּאלְגֶען... גְרִיסְט
„אַייֶער טְהַייֶער לִיבּ קִינְד גָאר פְרַיינְדְלִיךְ פוּן מִיר אַייֶער גֶעטְרַייהֶער
„פָּאטֶער „סֶענְדֶער בְּלַאנְק".

„גַם זוּגָתִי מָרַת מִרְיָם חַיָה גְרִיסְט אַייךְ אַלֶע הֶערְצְלִיךְ.

„סֶענְדֶער הנ"ל".

דָאס דָאזִיגֶע בְּרִיוֶועל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אָסִיפּ'ן שְׁטַארְק אָן גֶעלֵייגְט: עֶר הָאט גָאךְ קַיין מָאל נִיט גֶעזֶעהֶען, אַז זַיין שְׁוֶועהר זָאל אִיהם שְׁרַייבֶּען: „הַגְבִיר הַמְפוּרְסָם הֶחָכָם הַמַשְׂכִּיל", הָאט עֶר אִיהם צוּרִיק אָפּ גֶעעֶנְטְפֶערט דַוְקָא אוֹיף הֶעבְּרֵייאִישׁ אַ מְלִיצָה בְּרִיעף מִיט זֶעהר אַסַךְ גְרַייזֶען, אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארֶען שָׁלוֹם אוֹיף אַ הִיבְּשֶׁער צַייט, בִּיז וַואנֶען אוּנְזֶער פַיינֶער אָסִיפּ זֶעטֶעל הָאט אָנְגֶעוואהרֶען דָאס גֶעלְד, אוּנ בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט דָאס נִיט גֶעפְּטֶערְט אִין גַאנְצֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט בֶּערוּהִיגְט, אוּנ אַז עֶר הָאט דָאס גֶעפְּטֶערְט אִיז אִיהם גֶעוָואהרֶען גְרִינְגֶער אוֹיף דֶער נְשָׁמָה אוּנ אִיז פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען בַּיי זִיךְ נִיט אַרָאפְּגֶעפַאלֶען דַאמִיט; אוּנְזֶער דָאזִיגֶער פַיינֶער הֶעלְד אִיז גֶעבּאהרֶען גֶעוָוארֶען אוּנְטֶער אַזאַ גְלִיקְלִיכֶען שְׁטֶערֶען, אַז כִּמְעַט זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען הָאט עֶר גֶענוּטְצֶען אֵיין יְרוּשָׁה נָאךְ דֶער אַנְדֶערֶער, אוּנ בִּיז עֶר הָאט צוּטְרַאזְשִׁירְט „דִי" יְרוּשָׁה, אִיז אִיהם שׁוֹין אוּנְטֶערגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ נַייֶע יְרוּשָׁה: דָאס פוּן אַ בָּאבֶּע, דָאס פוּן אַ פֶעטֶער, דָאס פוּן אַ מוּמֶע! אוּנ אִיךְ מִיט אַייךְ, לִיבֶּער לֶעזֶער, הָאבֶּען גָאר קַיין זְכִיָה נִיט בַּיי גָאט צוּ הָאבֶּען אַזֶעלְכֶע בָּאבֶּעס פֶעטֶערְס מִיט מוּהמֶעס, וָואס זָאלֶען אוּנְז אוֹיךְ דֶערְמַאנֶען פַאר'ן טוֹיט צוּ גוּטֶען... נַיין! אִיךְ מִיט אַייךְ הָאבֶּען אַנְדֶערֶע גְלִיקֶען: אֵיין אָרֶעמֶע פְלֶעמֶענִיצֶע חֲתוּנָה מַאכֶען... אוּנְטֶערְהַאלְטֶען אַ גֶעפַאלֶענֶעם „שֵׁנִי שֶׁבִּשְׁלִישִׁי"...

צונויפקלייגען זיך אויף א „נשרף״ נעבעך פונ׳ם ווייבס צד, אדער פיהרען צום פריזיוו א גליד־גליד שוועסטער־קינד, עפיס א שלים־מזל, א דער רוח ווייסט וואס! — ניטא וואס צו רעדען, לעזער; מע דארף צו מאכען די אויגען און מע מוז שווייגען.

. . . .

מע קאן ניט זאגען, אז רעוועקא האט תמיד געלעבט גוט און פיין מיט איהר מאן; אמת, אז רעוועקא איז א כלה געווארען פאר אסיפ׳ן, איז זי געווען כמעט איינגעליעבט אין איהר שענעם, רייכען חתן; רעוועקא איז נאך געווען א קינד פון פופצען יאהר, דאך האט זי פארשטאנען, אז איהר ערווארטעט א גרויס גליק; דאס האט געזאגט די גאנצע שטאדט און ס׳איז ניט געווען קיין ליגען: משה זעמעל איז געווען א גרויסער גביר און די מתנות, וואס ער האט איבער געשיקט דער כלה, זענען טאקע געווען גרויסארטיג. און די בריעף וואס דער חתן האט איהר געשיקט א יאהר כסדר, זענען געווען אזוי שען, מיט אזא פייער געשריבען, אז די יונגע, שענע, געזונטע רעוועקא, וואס האט געהאט א גרויסען בעגריף אין די שענסטע ראמאנען אויף דער וועלט, האט זיך ניט ווילענדיג איינגעליעבט אין איהר חתן, וואס איז שוין דענסמאל אלט געווען צוואנציג יאהר. ניט איין נאכט פלעגט די פערליעבטע רעוועקא אויסליגען אויפ׳ן בעטעל מיט טרעהרען אויף די אויגען און איהר פאנטאזיע האט איהר פאר־געשטעלט איהר חתן, אסיפ זעמעל, פאר אזא שענעם העלד, פאר אזא גרויסארטיגען, הויכען, קלוגען מאנספערזאהן, אז יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע מינוט האט זיך געצויגען בײ איהר אין די אויגען אזוי לאנג, אזוי לאנג!... אמת, זי האט זיך א מאל דריי געזעהען מיט איהר חתן, האט ער בײ איהר אויסגעוויזען ניט אזוי ווי די פאנטאזיע האט איהר געמאלט! רעוועקא האט פון איהם קיין גרויס קלוגשאפט, שענקייט און בילדונג ניט ארויס געזעהען; פארקעהרט, זי האט בא־מערקט אין איהם איניגע קליינינקייטען און נידעריגע תנועה׳לעך און אפט מאל חאפען אין א ליגען; דאך האט זי גערעכענט, אז דאס אין

דערפאר, ווייל ער איז א געפאלעוועטער, א ציטעריגער און אויף ראש־קאש אויפגעצויגען, און אז אסיפ פלעגט אוועק פארען און ווייטער שיקען זיינע הייסע, פייעריגע בריוועלעך, פלעגט זי ווידער אנהויבען פאנטאזירען, אזוי אז דער אמת׳ער אסיפ איז ארוים געפלויגען פון איהרע געדאנקען, און אויף זיין ארט איז אויסגעוואקסען ווייטער א גרויסער, א שענער, א גוטער, א טהייערער אסיפ, א ווירקליכער העלד!

מיט גרוים ציטערניש האט רעוועקא געצעהלט די טעג צו דער חתונה, און דא האט מען גענייט אויף איהר די טהייערסטע און שענסטע מלבושים אויף דער וועלט: אונזער הויכגעשעצטער סענדער בלאנק האט זיך צעבייטעלט, בכדי ער זאל חלילה ניט פארשעמט ווערען פאר אזא מחותן, ווי משה זעמעל. אט נאך א חדש, נאך א וואך, נאך צוויי טאג, נאך א טאג, נאך א נאכט, נאך א שעה, נאך א מינוט — דער חתן איז שוין דא!... די חתונה... די כלי־זמר... דער באל... די טענץ... דאס ווייסע קלייד... די חברת׳ס... די חופה־וועטשערע... דאס געזעגע־נען זיך... אוים חתונה...

דער ערשטער חודש, דער „האניג־חודש“ ווי מע רופט דאס, דאס איז דאס פריהלינג ביי דעם יונגען פארפאלק. די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען פון זייער כבוד וועגען, זיי צו פרייהליך מא־כען; און אפילו אט דער וואסער־פיהרער, וואס האט געלאזט אין דערהיים א קראנק ווייב מיט הונגעריגע קינדער, בעקוממט ביי זיי אין די אויגען עפים אויך א מין חן, און דער בעטלער, וואס שטעהט מיט א הוילען קאפ אנגעלעהנט אויפ׳ן שטעקען מיט איין אויסגעשטרעקטער האנט — אך, ווי שען דאס איז!... אך, עס זאל זיך ציהען אייביג אזוי!!...

ניטא, ניטא קיין אייביגע זאך אונטערן הימעל! דער פריהלינג געהט אוועק, דער „האניג־חודש“ געהט אוועק, — אלעס געהט אוועק! רעוועקא האט פינף וואכען נאך דער חתונה בעמערקט איהר געליעבטען אסיפ׳ן, אז ער געהט קוועטשט ער אויף די סקריפקעס, בכדי זיי זאלען שרייען, און סע זשומעט איהר פשוט אין די אויערען און סע דרעהט

זיך איהר די קאָפּ... אָסיפּ האָט איהר געענטפערט, אַז סע ווייזט זיך איהר אויס, אַז סע איז ניט מעהר ווי אַ נאַרעשער קאַפּריז; טשעסנאָיע סלאָווא!... רעוועקא האָט איהם געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט, ווער איז צווישען זיי דער נאַר און ווער איז דער קלוגער... אָסיפּ איז אָנגעצונדען געוואָרען און האָט איהר מיט כּעס געענטפערט, אַז אַזעלכע קלוגע ווי זי האָט ער געזעהען, אַז שטעך-ווערטליך האָט ער פּיינט, אַז דאָס, וואָס זי ווייסט, האָט ער שוין לאַנג פערגעסען, טשעסנאָיע סלאָווא!... רעוועקא איז שוין אויך בּייז געוואָרען און האָט איהם געזאָגט, אַז זי פערשטעהט ניט, אין וואָס ליגט זיין חכמה מיט זיינע קענטניסען, אַז זי האָט זיך מעהר אָנגעלייענט פון איהם, אַז עס איז קיין מלאָכה ניט זיין אַ פּוסטער גדלן מיט אַ שענער, גלאַטער העמד און מיט אַ ליידיגער קאָפּ... אָסיפּ איז שוין אונטערגעשפּרונגען פאַר הארצווייטאָג און האָט איהר אויסגעוואָרפען איהר פאָטער דעם גראָבּען יונגאַטש, וואָס פערמאָגט ניט דאָס מיסט, וואָס וואַלגערט זיך בּיי זיין פאָטער אויפ'ן הויף, טשעסטנאָיע סלאָווא!... רעוועקא'ן האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, האָט זי איהם געזאָגט, אויב עס שטעהט איהם ניט אָן צו זיין בּיי איין אָרעמען שווער, קאָן ער זיך פּאָהרען געזונטערהייד צו זיינע רייכע עלטערען אָפּילו היינטיגען טאָג, און זי, רעוועקא, וועט איהם כּלל ניט נאָכלויפען... אָסיפּ האָט מיט גרויס קוראַזש אָנגעהויבען אַרומשפּאַנען איבּער'ן שטוב מיט די הענט אין די קעשענים און מיט גרויס גדלות; ער וועט טאַקי אַוועקפאָהרען צו זיינע פיינע עלטערען, סע אַרט איהם ניט, אַז רעוועקא וועט איהם ניט נאָכלויפען, אַזעלכע פיינע בּריות ווי זי האָט ער שוין געזעהען אַ סך און דווקא שענערע, קליגערע און מעהר געבּילדעט פון איהר, טשעסנאָיע סלאָווא! דאָס האָט שוין רעוועקא ניט געקאָנט איבּערטראָגען און האָט זיך בּעגאָסען מיט טרעהרען און האָט ווי אַ פערמישטע געשריגען אויף אַ קול:

— וואָן, וואָן, שאַרלאַטאַן! וואָן, פון מיינע אויגען! איך קאָן דיך ניט אָנקוקען! וואָן!!!

גישט מעהר ווי אין א האלבער שעה ארום איז שוין אונזער העלד אסיפ געשטאנען פאר זיין טהייערער רעוועקא'ן אויף די קניהעס, זי געבעטען מחילה, אז ער איז שולדיג, אז ער האט געזינדיגט פאר זיין טהייערער, טהייערער רעוועקא, אז ער איז ניט ווערט איהר טריט, איהר מינדסט פינגערל, איהר נאז-טיכיל, אז ער מעג זיין די כפרה פאר איהרע שיינע ליכטיגע אויגען, אז ער בעג א מיתה משונה איינ־געמען פאר איהר איין שמייכעלע, אז וואס ער האט גערעדט האט ער געבילט טשעסנאיע סלאווא!

אזעלכע און אנדערע סצענעס זענען געווען עפטער און עפטער, ביז אסיפ האט געמוזט מאכען א פליטה צום פאטער אויף א דריי חדשים, און חאטש ער האט זיך אמאל געשווארען, אז צוויי שעה אפילו קען ער אהן רעוועקא'ן ניט לעבען, פונדעסטוועגען האט דאס איהם חלילה ניט געשאדט און ער האט דאס דאנקען גאט אויסגע־האלטען און איז ניט געשטארבען; פערקעהרט, מע זאגט, אז ער האט זיך נאך אביסיל פארעכט דארט אין זיין שטאדט צווישען זיינע אלטע בעקאנטע, און שלעכטע מענשען, שונאים, האבען אונטערגערעדט, אז ער שדכנ'ט זיך יאק בי צו זיינע א קוזינע, זעהר א שען פריילין וואר נאר, אז אסיפ וועט זיך גט'ן מיט רעוועקא'ן (א, בייזע מיילער)!... די דאזיגע רכילות'ן האבען געגרויכט צו דער וויסטער עגונה—רעוועקא בלאנק, אדער ריעוועקא זעמעל, — וואס עס האט זי גענוג געקרענקט און פערשאפט גענוג שמערצען — צי פאר גרוים ליבשאפט צי פאר שנאה — ווער קען דאס וויסען?... גאט ווייסט, וואס וואלט דערפון ארויס, און עס וואלט ניט אנגעקומען אזא מין דעפעשע צו דער מא־דאם רעוועקא זעמעל:

»Передать Ревеккѣ, скончался папенька, оставилъ 300 тысячъ, сердечно сокрушенъ. пріѣзжай, Осипъ Земелъ«.

אויף יודיש הייסט דאס:

„איבערגעבען רעוועקא'ן, געשטארבען מיין פאטער, געלאזט

דריי הונדערט טויזענד. הערצליך דערשלאגען. קומצופאהרען. אסיפ זעמעל".

אונזער געריהמטער סענדער בלאנק האט געהאלטען סאמע אין מיטען מיטאג, ווען עס איז אנגעקומען די דאזיגע טעלעגראמע; פונ־דעסטוועגען איז דער פאטער אוועקגעגאנגען מיט דער טאכטער אין קאבינעט אריין אונ האבען זיך דארט פערזאמט אקעגען א האלבער שעה אונ אז זיי זענען ארויסגעגאנגען איז רעוועקא געוועזען פערוויינט... פאר קיין געלד וואלט רעוועקא ניט געפאהרען צום מאן! נאר ווער ווייסט ניט אז די פרויען זענען ווייכהערציג אונ האבען רחמנות אויף אונז, מאנספערזאנען, אפילו ווען מיר טהוען זיי שלעכטס?... אסיפ איז נעביך געבליבען א יתום אונ איז נעביך דארט איינער אליין ביי אזא צופאל, ביי אזא שווערען נסיון!... רעוועקא האט זיך זעהר שיין אנגעטהון אונ פונ'ם ווייגען האבען איהר געפלאמט די בעקליך; פער־בייגעהענדיג אין זאל האט זי דערזעהען איהר שטאלט אין שפיגעל, אונ זי האט בשום אופן ניט געקענט אפשטעלען זיך אקעגען שפיגעל אונ בעטראכטען זיך אביסעלע... אויף איהר שיין מיילכיל האט זיך בעוויזען א שמייכעל, ווי איינער רעדט: „קיין מעשה ניט?..." שפעטער, אז רעוועקא איז געזעסען אין וואגאן, אונ דער קוריער־צוג האט זי געטראגען אהין, אהין, צו איהר געליבטען מאן, צו איהר עלענ־דען אסיפ'ן, האט זיך איהר געטראפען א צופאל, וואס מיר קאנען ניט פערדעקען פון אונזערע לעזער אונ מוזען איהם אין קורצען דער־צעהלען.

אריינגעקומען אין וואגאן אריין האט רעוועקא אנגעהויבען זיך זוכען א רעכט ארט אונ איז אפאר מאל דורכגעגאנגען אהין אונ צוריק איבער'ן וואגאן; ענדליך האט זי זיך געפונען איין ארט ביים פענס־טער — אקעגען א יונגען מאן, וואס איז געוועזען פערטיפט אין א בוך. דער צוג איז שוין לאנג אפגעפאהרען אונ דער יונגער מאן האט ניט אויפגעהויבען די אויגען פונ'ם בוך. רעוועקא איז בטבע געוועזען א פרעהליכע אונ האט פיינט געהאט זיצען אונ שווייגען; דאך האט זי

ניט געוואלט די ערשטע פערבינדען א שמועס מיט איהר שכן, איהר Vis-á-vis ; זי האט זיך אנגעשפארט מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן פענס־טער און האט זיך פערטראכט. רעוועקא איז געווען געטליך שען אין דער דאזיגער מינוט. דער יונגערמאן האט פערמאכט דאס בוך און האט זיך געקליבען חאפען א דרעמעל ; נאר זיינע אויגען האבען זיך ניט ווילענדיג אפגעשטעלט אויף רעוועקא'ן, אויף איהר קלאהר ווייס העמטיל, וואס איז געווען אין נאנצען נאקעט—הויל ; דער יונגער מאן איז וואכענדיג געווארען און האט פשוט אויפגעגעסען מיט די אויגען די יונגע שענע פרוי.

— איהר פאהרט ווייט, מאדמואזעל ?

רעוועקא האט דערהערט דאס ווארט „מאדמואזעל“, איז זי דויט געווארען און האט נאך שענער אויסגעזעהען ווי פריהער. זי האט איהם געזאגט, וואוהין זי פאהרט, און צווישען זיי האט זיך גיך פער־בונדען א לאנגער שמועס, פון וואס רעוועקא איז געוואהר געווארען, אז דער יונגער מאן איז א יוד, א סטודענט, זעהר א פיינער, א קלוגער און א פרייהליכער יונגער מאן. דער סטודענט האט דערצעהלט טוי־זענדער אנעקדאטען און רעוועקא האט ערנסט, ערנסט געלאכט, צום גרויסען פערגניגען פונ'ם יונגען מאן, וואס האט ליעב געהאט זיין פריילין און אויך יענעם פריילין מאכען. רעוועקא האט אויך ניט געשוויגען און האט, פון איהר זייט, אויך דערצעהלט עטליכע שענע מעשיות — און די יונגע מענשען האבען שטארק גע־לאכט צוזאמען. אויף די וואגזאלען זיינען זיי ביידע ארויסגעגאנגען, געגעסען, געטרונקען, גענאשט — אויך צוזאמען. אויף איין וואגזאל האט מען בעדארפט ווארטען אויפ'ן צוג דריי שעה. אונזער יונגע ריי־זענדער זיינען ארומגעגאנגען — געארמעט — אויף דער פלאטפארם און דער סטודענט האט געהאלטען עפיס זעהר א לאנגע און א שענע רעדע. רעוועקא האט דאס ערשטע מאל דערהערט אזעלכע זאכען, וואס זי האט אין איהרע בעסטע ראמאנען ניט געלייענט; א נייע וועלט האט זיך פאר איהרע אויגען געעפענט, א שענע, א גרויסע, א ליכטיגע

װעלט!... און די זון האָט געשײַנט, געקוקט פֿון אויבען; עס האָט אַלעס געבליהט, געזונגען, געלעבט — עס איז געװען תּחלת מאַי, איהר פֿערשטעהט?... רעװעקאַ האָט אױפֿגעהױבען איהרע אױגען אױף דעם יונגען סטודענט און האָט זיך באַגעגענט מיט זײַנע גרױסע, שװאַרצע, פֿײַערדיגע אױגען... זי האָט דערפֿיהלט, אַז זי איז רױט געװאָרען און אױפֿ'ן האַרצען איז איהר געװען אַזױ גוט, אַזױ ליכטיג, אַזױ װאַרעם, װי אין דער נאַטור... די קאָפּ האָט אױף איהר װי גע־ברענט... רעװעקאַ האָט נאָך קײן מאָל אַזעלכעס ניט געפֿיהלט, װי אין דער דאָזיגער מינוט... זי געדענקט ניט, װי אַרום איהר האַנד איז געלעגען אין די גרױסע װאַרעמע הענד פֿונ'ם יונגען סטודענט... זי געדענקט ניט, װאָס ער האָט איהר אַזעלכעס געזאָגט... זי האָט נאָך אַמאָל זיך בעגעגענט מיט זײַנע שײנע אױגען און האָט פּלוצים אױסגעריסען איהר האַנד פֿון זײַנע הענט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אױף איהר קוקט אַרום איהר מאַן אָסיפּ, איהר עלענדער אָסיפּ!... נאָך אײן מינוט איז זי געשטאַנען און האָט געקוקט אױף דעם יונגען מאַן, גלײַכענדיג איהם מיט איהר אָסיפּ'ן, זײַנע שײנע אױגען מיט אָסיפּ'ס קלײנע רױטליכע אײגעלעך אונטער די אַשקאָלירענע ברילען, זײַן ליכטיגע, קלוגע, פֿרײַהליכע קאָפּ מיט אָסיפּ'ס שאָפּען־קאָפּעל, װעלכעס איז לײדיג װי אַ מיאַטשיק, דעם יונגען מאַן'ס גרױסאַרטיגע רעדע מיט אָסיפּ'ס ליגינים... „אַװעקט אַװעקט שלעכטע מחשבות!... אַװעקט, אַװעקט, פֿאַלשע געדײַנקען!... אַהין, אַהין דאַרף איך פֿאָהרען!... איך דאַרף, איך מוז, איך קאָן ניט אַנדערש!... װער אַנדערש? װאָס אַנדערש?... אַהין! אַהין!!!...” האָט רעװעקאַ גע־טראַכט און האָט זיך מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ אָפּגעזעגענט מיט'ן סטודענט...

אַז רעװעקאַ איז געקומען, װאוהין זי איז געפֿאָהרען, האָט זי נאָך דורך דעם פֿענסטער דער־זעהען אָסיפּ'ן שטעהען אױף דער פּלאַטפֿאָרם שטאַרק אױסגעפּוצט; און אין איה' קאָפּ איז װי אַ װיכער דורכגעפֿלױגען דער יונגער סטודענט, װאָס זי האָט זיך אָבגעזעגענט

פריהער מיט צוויי שעה, און האט נאך ניט אוספּעיעט אפילו א קלערער טהון ווי עס געהער צו זיין, איז שוין אסיפ געוועזן מיט איהר אין וואגאן און האט זי געהאלזט און געקושט און גערעדט מיט היץ, מיט פייער... רעוועקע האט ניט געהערט גאר ניט... נאר אין פאעטאן (אסיפ איז ארויסגעפאהרען מיט'ן פאטערס גרויסארטיגען עקיפאזש אקעגען רעוועקא'ן) האט זי זיך אנגעשפארט מיט איהר הייסען קאפ אויף אסיפ'ס פלייצעס און האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד... אסיפ האט זי געטרייסט און איינגענומען, ווי ווייט ער האט געקאנט, און אזוי זענען זיי געקומען אהיים... די נייע שטאדט, דאס נייע הויז, נייע קאנטשאפט, נייע קאמפּלימענטען, מיט נייע געדאנקען האבען מיט געוואלד ארויסגעטריבען פון רעוועקא'ס קאפ דאס בילד פון'ם יונגען סטודענט...

אין דער דאזיגער צייט איז צווישען מאן און ווייב פארגעקומען עטליכע מיאוסע סצענעס, וואו אסיפ האט געשפּיעלט די ראלע פון א פערזינדיגטען, וואס האט אויף די קניעס געבעטען מחילה, און רעוועקא פלעגט איהם, פאר רחמנות מוחל זיין... איין מאל אין א פריה־מארגען האט זיי דאס שטוב־מיידיל געטראפען אין א טרויריגער לאגע: די מאדאם רעוועקא איז געשטאנען אין איין העמד און האט אויף זיך געריסען די האר, און דער הער אסיפ איז געשטאנען מיט א שטיוועל אין איין האנט און מיט אפאר אשקאלירענע ברילען אין דער אנדערער האנט... ווי אזוי אבער זענען זיי אלע טאג ארויס־געפאהרען מיט'ן קנאק און מיט'ן פייף? ווי גרויסארטיג איז רעוועקא געווען געקליידעט? וויפיעל דאמען און מאמזעלען האבען איהר מקנא געווען אויף איהר רייכטהום, אויף איהר גרויסקייט? א כפרה, לעזער, א גוטער עדלער, געבילדעטער מאן פאר אפאר גרויע פערדליך! א כפרה, לעזערין, א גליקליך לעבען מיט דעם ארעמען ליעבענדען מאן פאר א לאזשע אין טהעאטער! א כפרה, קינדער, אלע אידעאלען פאר א גרויסארטיגען אבענד, פאר א גלענצענדען באל, פאר א טאנץ מיט איין אפיציר!...

אז דער ערשטער קלאג איז איבערגעגאנגען און אסיפ האט אויפגעהערט צו קלאגען נאך זיין טהייערען פאטער, האט ער אין א יאהר ארום אויפגעבראכען זעהר א גרויס געשעפט פון ערד־קאהלען מיט עטליכע שותפים, און אויף אסיפ'ס הויז איז פלוצלום, אין א שענעם פריה־מארגען אויסגעוואכסען א גאנץ גרויסע טאבליצע, מיט גילדענע אותיות, מיט די דאזיגע ווערטער:

Главная контора каменоугольнаго Товарищества Земеля, Файфермана и Ко.

אין דער דאזיגער קאנטאר זענען תמיד געזעסען דריי בוכהאלטערס, צוויי קארעספאנדענטען, א סעקרעטער מיט א קאסיר און האבען פון זייגער ניין אין דער פריה ביז פינף ביימאג געשפיעלט אין פרעפעראנס; און זעמעל, פייפערמאן מיט דער קאמפאניע זענען געזעסען אין פעטערסבורג — גאט ווייסט צו וואס, צו ווען! רעוועקא איז זיך געזעסען אין דער היים, זעהר אין א שען הויז, און די פיינסטע יונגע לייט פון דער שטאדט פלעגען זיך דארט כמעט אלע נאכט צונויפקלויבען „חאפען א קערטעל". אזוי איז אוועקגעגאנגען דריי יאהר; דריי גוטע, בארימטע יאהר פאר זעמעלס בוכהאלטערס מיט די קארעספאנדענטען, דריי פרעהליכע יאהר פאר רעוועקא'ן מיט איהרע בעקאנטע, — און דריי ביטערע יאהרען פאר דעם אומגליקליכען הער אסיפ זעמעל, וואס האט נעביך געפטר'ט אין גאנצען זיין קאפיטאל און האט נאך געהאט א פראצעס מיט זיין שותף פייפערמאן, וואס האט איהם אנגעפייפט מחילה אין דער ערד־קאהלען... שטיל, אהן צערעמאניעס, איז די גילדענע טאבליצע ארויף, און שטיל, אהן צערעמאניעס, איז זי אראפ פון זעמעל'ס הויז און ארויפגעטראגען געווארען אויפ'ן בוידעם; דארט צווישען אלע אלטע חאליעוועס, ליגט זי נאך עד היום הזה; שפינען בויען אויף איהר זייערע קינציגע שטיבעליך און מייז טאנצען אויף איהר ארום מיט גרויס עזות!... אויף איהר ארט הענגט היינט איין אנדער טאבליצע שוין נישט מיט קיין גילדענע אותיות:

Механическое Прачешное Заведеніе

דער נאָמען „זעמעל״ שטעהט שוין ניט אַרויסגעשטעלט; נאָר מיר ווייסען, אַז די וועש־פאַבריק איז זיינע, און ס'איז גאָר קיין עוולה ניט, אַפילו פאַרדיענען געלד. דער חסרון איז אָבער וואס סע פאַרדיענט זיך ניט. אונזער אָסיפ זעמעל האָט געעפענט די פאַבריק ווי אַ גרויסער פּריץ און מיט אַזאַ שיק, אַז גאָט ווייסט אויב זי וועט זיך האַלטען נאָך אַ חודש אָדער העכסטענס צוויי חדשים.

ביי די דאָזיגע אומשטענדען און ביי דער דאָזיגער לאַגע פון זייערע געשעפטען האָבען זיי, אָסיפ מיט ריצוועקאַ'ן פליצלום ערהאַלטען די טרויריגע דעפּעשע און אָט אַזוי זענען זיי געקומען צו סענדער'ן אין שטוב אַריין, וואו מיר האָבען געהאַט די עהרע זיי שוין צו זעהען.

דאס זיבענטע קאַפּיטעל.

וואו דער לעזער באַקענט זיך מיט צוויי זייטיגע פּאַרשוינען אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן.

די אַלטע לייט האָבען שוין אַזאַ מזל, משטיינס געזאָגט, אַז ווי באַלד זיי חאַפּען זיך נאָר אַריין צווישען יונגוואַרג, אַזוי פאַרגעסט מען גאָר אָן זיי, גלייך ווי זיי זענען גאָר ניטאָ אויף דער וועלט.

צווישען אַלע אונזערע פּאַרשוינען, וואס דרעהען זיך דאָ אַרום ביי אונזער פייגעם סענדער'ן אין הויז, האָבען מיר גאָר דורכגעלאָזט די מומע דאַבריש, סענדערס איין אייגענע שוועסטער, איין אַלטע יודינע פון אַ יאָהר זיבענציג, מיט אונטערגעבונדענע ציינער, אַ הויבע און אַ גראָבע אויף סענדערס מאַניער.

— ווי קומט איהר אַהער, מומעניו? האָבען זיי די יונגע דאַמען געפרעגט; ווען קומט איהר אָן? ווי אַרום און פון וואַנען?

— אַך! האָט זיי די מומע דאַבריש געענטפערט קרעכצענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. אַך! איך האָב דערהערט די גוטע בשורה פון אַ היגען בעל־עגלה, וואס פאָהרט צו אונז אַלע וואָך; פון איהם

בִּין אִיךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּנ'ם שְׁלַאק! אָךְ! אֵיין בְּרוּדֶער! אֵיין און אֵיינְצִיגֶער בְּרוּדֶער! און וָואסֶער אַ בְּרוּדֶער! אַזַא בְּרוּדֶער! אָךְ! אָךְ!

— וָואס אָכְקִיט אִיהר, דָאבְרִישׁ? — הָאט זִיךְ מִרְיָם חַיָה אָנְגֶערוּפֶען, גָאט וָועט גֶעבֶּען, וָועט עֶר אי"ה זַיין גֶעזוּנְד.

— יָא, מַיין קִינְד, יָא בַּיי גָאט אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, יָא! עֶר אִיז אַ וַדַאי אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיָה! עֶר אִיז אַ דָאקְטָאר אִיבֶּער אַלֶע דָאקְטוֹירִים!

דֶער גֶערִיהמְטֶער אָסִיפּ זֶעמֶעל, וָואס הָאט נָאר וָואס גֶעהַאט דֶעם שֵׁעְנֶעם פְּסַק פוּן זַיין שְׁוָוער, הָאט פַארְבּוּנְדֶען אַ שְׁמוּעֶס מִיט דֶער מוּמֶע דָאבְרִישׁ און הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאטֶען אִין גַאנְצֶען זַיין סַאטִירֶע, אַלֶע זַיינֶע וִויטְצֶען מִיט דִי וֶוערְטְלֶעךְ אִיבֶּער אִיהר און דֶערְמִיט צֶעלַאכְט דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם. עֶרְשְׁט אִין אַ פָּאר שָׁעָה אַרוּם נָאךְ אִיהר קוּמֶען, הָאט מֶען זִי אַרַיינְגֶערוּפֶען צוּם קְרַאנְקֶען בְּרוּדֶער, וואו זִי אִיז אָבְּגֶעזֶעסֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט און אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, שְׁנַייצֶענְדִיג דִי נָאז און ווִישֶׁענְדִיג דִי אוֹיגֶען. דֶער נִיט־גֶעפַאלֶענֶער אָסִיפּ הָאט זִי בַּאגֶעגֶענְט מִיט אַ הֶילְכִיגֶען גֶעלֶעכְטֶער און הָאט אִיהר אִין דִי אוֹיגֶען אִיבֶּערְגֶעקְרִימְט, ווִי זִי וַויינְט און שְׁנַייצְט דִי נָאז; דֶער עוֹלָם הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאסֶען אַ גֶעלֶעכְטֶער און אָסִיפּ הָאט גֶעשַׁיינְט פַאר שִׂמְחָה.

— לַאכְט, לַאכְט, קִינְדֶערְלֶעךְ! — הָאט זִיי דִי גוּטֶע מוּמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה. אִיהר וֶועט אַמָאל אוֹיךְ אַלְט וֶוערֶען, וֶועט מֶען אַייךְ אוֹיךְ אוֹיסְלַאכֶען!

דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער אָסִיפּ הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן דֶער אַלְטֶער מוּמֶע, צוּם גְרוֹיסֶען פֶערְגְנִיגֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער פַאמִילְיֶע, און דִי גוּטֶע מוּמֶע דָאבְרִישׁ הָאט נִיט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט דָאס צְוֵויטֶע וָוארְט און הָאט גֶעלַאכְט גְלַייךְ מִיט זִיי אַלֶע.

שְׁוָוער צוּ פַארְשְׁטֵעהן דָאס פְּרַאקְטִיקַייט און דָאס וַוייכְקַייט פוּן דֶער דָאזִיגֶער אַלְטֶער: צוּ וַוייל זִי אִיז שׁאקִי בְּטֶבַע אַזַא גוּטֶע פְרוֹי, צִי אִיבֶּער אַיין אַנְדֶער זַאךְ? מִיר קָאנֶען דִי מוּמֶע דָאבְרִישׁ פַאר אַ יוּדִינֶע, וָואס הָאט בִּיז פִיפְצִיג יָאהר עֶקְסְפֶּעדִירְט דְרַיי גֶעזוּנְדֶע מַאנֶען

אויף „יענער וועלט" און איז געבליבן אַ „קטלנית", וואָס ווערט בײַ אונדז אָנגערופֿן, און קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט.

די מומע דאָבריש האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געוואוסט, אַז אויף דער עלטער וועט זי בלײַבן עלנד, ווי אַ שטיין, האָט זי פֿון פֿרי־ הער צוגעגרייט אַ שטיקל פּאַרמעגן, עטליכע הונדערט רובל מיט אַ קליין שטיבעלע און מיט איין אייגן קלייטעלע פֿון „באַקאַליע". פֿון וואַנען זי ציהט זיך איהר בעדערפֿעניש. אין שטאָדט הייסט זי בײַ איטליכען „די מומע דאָבריש", און קריסטען רופֿען זי „דאָברוכאַ". אַ חוץ וואָס זי האָט אַ קלייטיל, איז די מומע דאָבריש אַ שטיקל רופֿאַ׳טע אויך; בײַ איהר קריגט מען אַלערליי רפֿואות, פֿערשידענע גראָזען, סם, מישיאַק, דאָזמאַרין, שאַלווי, ראָמאַשקעס, און איז אַ ווילדע מומחה׳טע אויף אָפּשפּרעכען איין עין־הרע, צעהנווייטאָג, אַ „בעשיכע", אָבקוועטשען „זובישטשעס", אויסגיסען אויף וואַקס, וואַר־ פֿען אויף קאָרטען, ברענגען איין אַנטלאָפֿענעם מאַן אויף אַ קאָטשערע, פֿערטרײַבען מכשפֿות, שדים, לצים, „דאָמאָוויקעס" און אַ סך אַנדערע תחבולות און סגולות. פֿאַר דער מומע דאָבריש האָט יעדערער אָבשײַ, און די קריסטען געבען איהר אָב גרויס כּבֿוד, נאָך איהר ווערטה גאָך. זומער קאָן מען זי אָפּט בעגעגענען גאַנץ פֿריה, איידער די זון געהט אויף, אין פֿעלד, קלײַבען איהרע גראָזען, און ווינטער — שפּעט אין דער נאַכט אַקעגען דער לבֿנה מאַכען מיט די הענט און שעפּטשען מיט די ליפּען. אין דער שטאָדט, וואו די מומע דאָבריש וואוינט, דערצעהלט מען וועגען איהר עטליכע זעהר ניט קיין שיינע מעשׂות, און „נאַטשאַלסטווע" האָט אויף איהר שוין לאַנג איין אויג, נאָר אין די קליינע שטעדטלעך ווערד אַלעס אָבגעטהון פֿאַרנייט און פֿאַרדעקט.

— איהר זענט דאָך עפּיס יאַ אַ מומחה׳טע, האָט זיך צו איהר אַמאָל ניט אויפֿגעהערט צו טשעפּען, וואו זשע קומט דאָס, אַז איהר זאָלט ניט געבען קיין רעכטע רפֿואה דעם שוועער?

— גאָט, גאָט וועט איהם צושיקען אַ רפֿואה שלמה, מײַן קינד!

ער איז א רופא כל בשר, מיין קינד! ער איז א מפליא לאיינסעם (לעשות), מיין קינד!...

די מומע דאבריש קאן א גוזמא לשון־קודש־ווערטער, און דערפאר גילט זי פאר א למדנ׳טע, א וואהלקענדיגע, א מאנס־בילשער קאפ.

— נו, און אבשפרעכען העלפט דען ניט? — האט איהר אסיפ ווייטער דעקוטשעט מיט זיין סאטירע.

— ניין, מיין קינד! אין א פרעמדער שטאדט קאן מיין שפרע־כען ניט עולה־יפה זיין, מיין קינד.

אונזער העלד אסיפ האט לאנג געטריבען קאטאוועס מיט דער מומע דאבריש, וואס האט איהם גערופען „מיין קינד" און איז ניט ברוגז געווען, וואס מע שפעט איבער איהר אזוי אפענטליך; נאר אסיפ׳ס סאטירע האט זיך סוף כל סוף צוגעגעסען איטליכען, האט איהם רעוועקא געזאגט:

— גענוג שוין אסיפ! — און האט אויף איהם אזא קוק גע־טהון, אז אסיפ איז אנשטומט געווארען אויף א היבשער ווייլע, ביז דער דאקטאר קלוגער איז געקומען בעזוכען דעם חולה, און ביים געזעגענען זיך האט זיך מיט איהם אסיפ צורעדט מכח זיינע געשעפ־טען. ער האט איהם דערצעהלט וועגען דעם גרויסען פראצעס וואס ער פיהרט מיט זיין געוועזענעם שותף פייפערמאן, וואס האט איהם בעראבעוועט אויף 1½ מיליאן און וועגען דער אמעריקאנישע וועש־פאבריק וואס געהט ביי איהם זעהר גוט — טשעסנאיע סלאווא!

דער דאקטאר קלוגער האט זיך תחלת שטארק פעראינטערע־סירט מיט אסיפ׳ס מעשות און איז זעהר נייגעריג געווען צו בעקומען א בעגריף וועגען דעם אינטערעסנעם פראצעס אויף 1½ מיליאן און וועגען דער אמעריקאנישע וועש־פאבריק — אונזער העלד האט זיך פשוט מחיה געווען, וואס נאט האט איהם צוגעשיקט אזא מענשען, וואס אינטערעסירט זיך מיט איהם, האט ער ארויסגענומען א גאנצען פאק פאפירען: פראשעניעס, קאפיעס, חשבונות, פלאנען, וועקסלען,

קוויטלעך און גלאט אזוי פאפירען... דער דאקטאר קלוגער האט נעביך געמוזט איבערקוקען דעם גאנצען פאק מיט פאפירען און א קאלטער שווייס האט איהם בעשלאגען. וואס האט ער געקאנט טהון, אז ער האט זיך אליין אנגעפרעגט איין אומגליק? עטליכע מאל האט ער זיך געריסען פון זיינע הענט, געקוקט אויפ'ן זייגער, נאר אומזיסט, אסיפ איז איהם אריינגעפאהרען מיט זיינע געשעפטען גלייך אין הארצען אריין און האט איהם אבגעמוטשעט א גוטע שעה צייט, ביז רעוועקא האט איהם מיט איהר אריינקומען איבער געשלאגען (פאר איהר האט זיך אונזער העלד געהאט דרך ארץ).

אז דער דאקטאר קלוגער איז ארויסגעפאהרען פון ר' סענדערס הויף, האט ער ארויסגעלאזט א פרייען זיפץ פונ'ם הארצען, ארומגעקוקט זיך צי עס לויפט איהם ניט נאך דער הער זעמעל מיט זיינע דאקומענטען.

— א זעלטענער קאפ! — האט דער דאקטאר קלוגער דערצעהלט ביי זיינע אנדערע פאציענטען — $1\frac{1}{2}$ מיליאן! איך בין געוועזען ביי א פאציענט, ביי דעם הער בלאנק; איהר קאנט דאך דעם הער בלאנק? האט ער איין איידעם, א זעלטענער קאפ. שטעלט אייך פאר, ער פיהרט א פראצעס אויף $1\frac{1}{2}$ מיליאן!

— אזוי? וואס זשע מאכט עפיס אייער חולה? ווי געהט עס דעם הער בלאנק'ען אין געזונד?

— עט; דערווייל אהן א שום פערענדערונג, סטאטוס נערוואזום... איך רעכען, אז מארגען אדער איבער מארגען — ניט שפעטער — דארף זיין דער קריזיס, אדער אהער, אדער אהין... און דער דאקטאר קלוגער האט בעוויזען מיט'ן גאנצען גוף אהער און אהין.

— או — ווא! איין עבירה אזא מענש, ווי ר' סענדער, כ'לעבען ווי זאגט איהר הער דאקטאר?

— א, אהן א שום ספק! א פיינער מענש, א לייטעשער מענש, א פאטשטיוועגע מענש, א זעלטענער מענש!

— נו, און דאס ווייב מיט די קינדער, הער דאקטאר?

— אָ, פרעגט גאר גישט! אַ וַדאי אַ גרויסער בראָך, אַ גרויסער בראָך, אַ גרויסער אומגליק פאַרן ווייב מיט די קינדער, געביך. גוטע מענשען, ערליכע לייט, אַלע, די גאַנצע פאַמיליע! וואָסער אַ פאַך־טאָך אַזעלכע שאָף, דאָס עפעלע פאַלט גישט ווייט פונם בוימעלע... לייטישע מענשען! נאָר וואָס זאָל מען טהון?

— אַ דימענדיגער מענש, אַ גילדענער מענש איז דער דאָקטאָר קלונער!

אַזוי זאָגען איהם נאָך זיינע פּאַציענטען און אַזוי זאָגען מיר איהם אויך נאָך דעם זעלבען שבח: אַ דימענדיגער, אַ גילדענער מענש! אַלע קאָנען איהם; אומעטום איז ער דאָ; וועהין מען זאָל איהם גישט רופען פאָהרט ער; וועקט איהם אויף האַלבע נאַכט, וועט ער מיט אייך פאָהרען אין עק וועלט אַריין, אַבי דאָס האַלבע קערבעל... אוי, האָט ער ליעב דאָס האַלבע קערבעל!

זייט זשע מוחל, וואָס האָט איהר געוואָלט: אומזיסט זאָל ער צו אייך פאָהרען? פון די דאָזיגע אידעאַליסטען איז גיט אויסצושטעהן!

דער דאָקטאָר קלונער האָט ליעב דאָס האַלבע — קערבעל; ער האָט דאָס אַזוי שטאַרק ליעב, אַז ער לויפט נאָך דעם נאָך, און דינגט זיך מיט'ן אָרעמאַן; וואָס קאָן עס איהם גישט געבען, אַזוי לאַנג, ביז ער מוז עס איהם געבען, און איך זעה דאָ בפירוש גיט אַרויס קיין שום עוולה פון זיין זייט, ובפרט, אַז מען טרייבט איהם:

— גיה, נשמה מיינע, איך האָב געהערט אין מאַרק, אַז ער ליגט אויף אַ טיפוס און ביי דעם מאָזעלט אַ קינד! גיה, מיין לעבען, גיכער. דאַרפט קאָנסט דו נעמען אַ קערבעל און אפשר טאַקי צוויי, מחמת איך ווייס, וויפיעל פלייש מען נעמט אַהין יעדען טאָג; און דו זאָלסט זעהן, וואָסער אַ טואַליעט זיין ווייב מיט זיינע טעכטער טראָגען, וואָלסט די אַליין געזאָגט, האַרץ מיינס, אַז דער רוח וועט זיי גיט נעמען, גישט קשה, מאַמע מיינע, האָסט גענוג געהאָרעוועט, ביז דו האָסט בעקומען דעם דיפלאָם צו מזל! שעם זיך גיט, מיין קרוין, דאָס איז דיין פרנסה; דאָס איז מיין קלייט, מיין קראָם, און דאָקטוירים איז היינט דאָ גענוג.

איך רעכען, אז מיין לעזער שמויסט זיך שוין אן, אז אזעלכע זיסע רייד קאן נאר זאגען א ווייב — א ווייב, וואס איז איבערגעבען צום מאן מיט'ן גאנצען לעבען — אז וואהל איז דיר, הער דאקטאר, אויף דיער וועלט, אונ אז וואהל איז דיין ליבען נאמען, געבענשטער, דער גליקליכסטער פון אלע, פון אלע מאנען! — מיר פארגינען דיר מיט'ן גאנצען — גאנצען הארצען!...

איך מוז ווידער אמאל בעטען מחילה פון מיינע לעזער אונ לעזערין, וואס איך האב אוועק געווארפען אונזער ליבסטע פאמיליע בלאנק אונ האב זיך אביסיל פארנומען מיט זייטיגע פארשוינען: ערשטענס איז די גוטע מומע דאברעש אונזער סענדער'ס איין אייגענע שוועסטער, בלוט אונ פלייש; אונ אזוי ווי די דאזיגע בארמהערציגע שוועסטער האט געקאנט קומען „מבקר חולה" זיין דעם ברודער, האט זי געווים פארדיענט א שטיקעל ארט אין אונזער כראניקע; אונ צווייטענס, דעם דאקטאר קלוגער האבען מיר אהער ניט געבראכט; איהם האט געבראכט צו פיהרען פרויקע דער משרת.

ווי באלד דער דאזיגער גוטער דאקטאר איז געקומען צו פאהרען דאס ערשטע מאל, האט ער אנגעהויבען צו פאהרען אהער פינף מאל אין טאג אונ האט געמאכט פון סענדער'ס בויבריקאג א גאנצען יאריד, אונ זיין געטרייע פרוי, די דאקטערשע, האט צו קלונגען איבער דער גאנצער שטאדט, אז דער אלטער בלאנק איז פערבייי, איין אומגליק א מין חלירע! סע געהט ארום א חלירע אין שטאדט! מען דארף זיין געהיט זעהר — זעהר! מען דארף זיך זעהן בעצייטענס מיט'ן דאקטאר, ניש'ט אפלייגען אין דער לאנגער באנק אריין!..

דאס אכטע קאפיטעל.

דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען; די געזונדע פארגעסען איהם הולה, אונ עפים נאך.

דער זייגער האט געקלונגען צעהן, אז סענדער בלאנק'ס משפחה האט זיך געזעצט עסען „וועטשערע".

אויבען-אן, אויף מרים חיה'ס ארט, (מרים חיה איז געזעסען אין קאבינעט געבען איהר מאן דעם חולה) איז געזעסען רעוועקא; געבען איהר פון דער רעכטער האנט — סאני, ביי דער לינקער האנט — חיים; נעבען חיים'ן איז געזעסען אסיפ, געבען סאני'ן איז געזעסען מארקוס, געבען אסיפ'ן די אלטע מומע דאברוש. דער באהלצייט איז צו געגאנגען גאנץ געוויינליך; אלע זענען געזעסען סטאטעטשנע, ווייל סענדערס שטוהל איז געשטאנען לעדיג און עס איז עפיס געווען ניט פרעליך. אונזער ניטפארלארענער העלד אסיפ האט יא א פאר מאל א לאך געטהון איבער דער מומע דאברוש, נאר זיין סאטירע האט אבער דא ניט געווירקט. די מומע דאברוש האט געגעסען מיט גרויס דרך ארץ, דהיינו: זי האט נאך יעדער זופ אוועק געלייגט די לעפעל און אפגעווישט די ליפען און אזוי ווייטער. פרויקע האט דערלאנגט צום טיש מיט גרויס קוראזש: ער האט זיך געוואלט אויספיינען פאר די געסט, און פאר גרויס אימפעט האט ער אויסגעגאסען אויף דעם הער זעמעל א טעלער יוך; אונזער פראנט האט זיך אויפגעהאפט פונ'ם ארט און האט אפגעשטעקט דעם געטרייהען משרת עטליכע פייערדיגע פעטש און האט מיט טרעהרען אויף די אויגען זיך גענומען ווישען, בערשטלען, רייניגען און שעלטען פרויקע'ן מיט טויטע קללות, און פון יענעם אבענד אן איז צווישען אונזער אריסטאקראט זעמעל מיט פרויקע' דעם משרת געווארען א ברענענדיגע שנאה אויפ'ן טוידט.

נאך דער וועטשערע זענען אלע געגאנגען זאגען דעם קראנקען פאטער „א גוטע נאכט"; מרים חיה איז געבליבען ביי סענדער'ן אין קאבינעט; די מומע דאברוש האט זיך געלייגט שלאפען ערגעץ אין א ווינקעלע מיט גרויס הכנעה און עניוות; די קליינע קינדער זענען שוין לאנג געשלאפען מיט'ן זיסען, טהייערען שלאף, און חיים, מארקוס, רעוועקא, אסיפ און סאני האבען זיך אלע באזעצט אין דער שיענער, גרויסארטיגער זאל — און איך וויים עד היום ניט, ווי ארום, פון וואס און פון וואנען זענען אלע פלוצלים מוסכם געווארען צו שפיעלען אין קארטען? — נאך איידער מען האט זיך ארום געקוקט

וואו מֶען אִיז אִין דֶער װעלְט, הָאט שוין אָסִיפ גֶעהַאלְטֶען אַ פֶּעשֶׁעל קָארְטֶען אִין דִי הֶענְט אוּנ דָאס פָּנִים הָאט אִיהם גֶעפְלַאמְט פַאר שִׂמְחָה; נָאר אָסִיפְ'ן אִיז הַיינְטִיגֶען אָבֶענְד נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶוען צוּ טְהֵיילֶען קָארְטֶען, וַוייל רֶעװֶעקַא הָאט זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט אוּנ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף אַ קוֹל צוּ אִיהר גֶעלִיבְּטֶען מַאן:

— זַייט זְשֶׁע מוֹחֵל, אָסִיפ מָאיסֶעיִיוִויטְשׁ, גִיט אַהֶער דִי קָארְטֶען, מַחֲמַת אִיהר זֶענְט צוּ אַ גְרוֹיסֶער מַזִיק אוֹיף פִינְף טַייז...

דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ צֶעלַאכְט אוּנ אָסִיפ הָאט זִיךְ גֶעבִּיךְ גֶעבִּיסֶען דִי נֶעגֶעל פַאר דָאסַאדֶע; עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען פְּרוֹיקֶע'ן, וָואס הָאט אִין דֶער מִינוּט אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען לִיכְט מִיט אַ שְׁטִיקֶעל קְרַייד; פְּרוֹיקֶע הָאט דֶערְלֶעבְּט אַ נְקָמָה אִין זַיין שׂוֹנֵא אוּנ הָאט שוין כִּמְעַט פַארְגֶעסֶען, אַז פוּן אָסִיפְ'ס פֶּעטְשׁ אִיז אִיהם אוֹיפְגֶעלָאפֶען אַ בַּאק.

רֶעװֶעקַא הָאט גֶעטְהֵיילְט קָארְטֶען אוּנ דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט כְּלוֹמֶר'שְׁט גֶעשְׁפִּיעלְט אָהן חֵשֶׁק אָהן װערְטֶער; נָאר בִּיסְלֶעכְוַויים, וָואס וַוייטֶער, אִיז גֶעוָוארֶען אַלְץ מוּנְטֶערֶער, לֶעבֶּעדִיגֶער; יֶעדֶער הָאט גֶערֶעדְט, גֶעקוּקְט, גֶערֶעכֶענְט, גֶעצֵעהלְט אוּנ גֶעשְׁטֶעלְט גֶעלְט, גֶעחַאפְּט אַ קוּק יֶענֶעם אִין דִי קָארְטֶען אַרַיין, גֶעװוּנְקֶען גֶעשְׁמֵייכֶעלְט חוּץ אֵיין חַיִים, וָואס אִיז גֶעזֶעסֶען, וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אוּנ הָאט כְּסֵדֶר צֶעבִּיסֶען אֵיין קֶערְבֶּעל נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען; נָאר מֶעהר פוּן אַלֶע הָאט גֶעלֶעבְּט דֶער הֶער אָסִיפ זֶעמֶעל: זַיינֶע הָאר זֶענֶען גֶעוֶוען צִיקָאשְׁטֶעט, דָאס פָּנִים פַארְפְלַאמְט, דֶער שְׁטֶערֶען פַארְשְׁווִיצְט אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר אַלֶע מָאל אוּנְטֶערְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען:

— וַואלַיי! — אִיךְ קוֹיף!.. שְׁנַייד!.. גֶעבּ אִיהם אַהֶער דֶעם חֶבְרָה מַאן!.. אִיךְ בְּרָאק וַוייטֶער!.. דֶער מַלְכָּה אַ קְנִיפ אִין בֶּעקֶעל אוּנ דֶעם מֶלֶךְ אַ פַייג אוּנְטֶער דֶער נָאז!.. צְוֵוויי טַייז וִוי דִי מַייז! אַ פְּלִיאַסְק אִין פִּיסְק! אַהַא, רֶעװֶעקַא!.. גֶעבּ נָאר גֶעבּ! גוּט — גוּט!.. נָאךְ! נָאךְ! נָאךְ!. אָט אַזוֹי לֶערְנְט מֶען בַּיי אוּנְז!.. הַאק אַ צַדִיק!.. דוּ פַּייסְט בְּרוּדֶער?. קְרִיךְ, קְרִיךְ, חַיִים סִיעַרְצֶע!.. סָאפִּיע אַבְרַאמָאוְונַא! לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפֶען!..

אָט־אָט אָט־אָט־אָט־אָט!.. הַאק! טְפְּררררוּ! לויף נִיט!.. מַארְקוּס שְׁטָעל גֶעלְט!.. זוּךְ, זוּךְ, חַיִים! רֶעוֶועקַא מָאלָאדְיֶעץ!..

אוּנְזֶער גֶעעֶהרְטֶער אָסִיפּ הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעסְמָאלֶעט אַ וֶועלְט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבַּייטֶעלְט בִּיז גָאר, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט עֶפִּים אַיין גֶעבְרַאכְט רֶעוֶועקַא'ן אַ סוֹד אוֹיפְ'ן אוֹיעֶר.

— אִיךְ וִויל נִיט, אִיךְ וִויל נִיט! הָאט אִיהם זַיין לִיבְּסְטֶע פְּרוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַ קוֹל. בֶּעסֶער הֶער אוֹיף צוּ שְׁפִּיעלֶען, אַז דוּ הָאסְט קֵיין גֶעלְט נִיט!

אָסִיפּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פַאר כַּעַס; פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיף אַ קוֹל:

— דוּ מֵיינְסְט, אַז אִיךְ הָאבּ קֵיין גֶעלְט נִיט? — אִיךְ הָאבּ טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוָוא. אָט וֶועל אִיךְ בַּאלְד וַויזֶען.

אוּנ אוּנְזֶער הֶעלְד אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפֶען גְלַייךְ צוּ פְּרוֹיֶקע'ן אוּנְטֶען בַּיי דִי טְרֶעפּ אוּנ בַּיי אִיהם גֶעבֶּעטֶען אַ הַלְוָאָה בִּיז מָארְגֶען זֵייגֶער אַכְט אִין דֶערְפְרִיה טְשֶׁעסְנָאיֶע סְלָאוָוא... פְּרוֹיֶקע הָאט אִיהם דֶערְמָאנְט דִי פַּייעֶרְדִיגֶע פֶּעטְשׁ אוּנ הָאט לַאנְג נִיט גֶעוָואלְט גֶעבֶּען; נָאר עֶר הָאט אוֹיף אִיהם רַחֲמָנוּת גֶעהַאט (פְּרוֹיֶקע הָאט זֵעהר אַ גוּט הַארְץ!) אוּנ הָאט אִיהם גֶעלִיגֶען צֶעהן רוּבְּל, בִּתְנַאי, אַז נִיט שְׁפֶּעטֶער, וִוי מָארְגֶען זֵייגֶער אַכְט זָאל עֶר אִיהם דֶערְפַאר גֶעבֶּען פִינְפְצֶעהן רוּבְּל...

אָסִיפּ אִיז אַרַיין מִיט גְרוֹיס קוּרַאזְשׁ אִין זַאל אַרַיין: — אַ פֵיינֶע שְׁטָאדְט! זֵייגֶער צְוֶועלְף בַּיינַאכְט קָאן מֶען שׁוֹין נִיט צֶעבַּייטֶען קֵיין הוּנְדֶערְטֶער! — טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוָוא!

עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּנ בַּיי אָסִיפּ'ן הָאבֶּען דִי צֶעהן רוּבְּל גֶעטָאגְט אוּנ דִי חֶבְרָה וָואלְט זִיךְ אֶפְשַׁר צוּנַאנְגֶען פוּן דִי קָארְטֶען בְּשָׁלוֹם יֶעדֶער אִין זַיין רוּה אַרַיין, וֶוען דֶער צֵיְיהִיצְטֶער הֶער זֶעמֶעל וָואלְט פְּלוּצְלִים זִיךְ נִיט אוֹיפְגֶעחַאפְּט פוּנ'ם אָרְט, וִוי אַיין אָפְּגֶעבְּרִיטֶער, מִיט אַ גְוַואלְד:

— סָאפִּיַא אַבְּרַאמָאוְונַא! אִיהר דַארְפְט גֶעדֵיינְקֶען, אַז אִיהר

שפיעלט ניט מיט קיין זשוליקעס! איך האב היינט אזעלכע אפפערעס! טשעסנאיע סלאווא!

סאני איז געווארען אלערליי פארבען און דער עולם איז אן געפאלען אויף אסיפ'ן:

— הא? וואס איז דארטען? וואס? ווי אזוי? וואו? ווען?

— סטייטש! האט אסיפ געשריגען ניט מיט זיין קול: ווי אזוי דערלאזט איהר גאר אזעלכעס? מיר זענען ניט קיין קארמאנשטשיקעס! דא שפיעלען ארענטליכע מענשען, ניט קיין קארטיאזשניקעס! סאפיע אבראמאוונא! איך פראטעסטיר פאר אלעמען, אז איהר האט געשטעלט א גילדען (פינפצעהן קאפ') און האט ארויסגענומען א פערציגער (צוואנציג קאפ') אויסגאב! זייט זיך מודה! טשעסטנאיע סלאווא!

— אך, איהר קארזיאזשניק! איז אויף איהם סאפיע אבראמאוונא אנגעפאלען, איהר זענט אליין דער גרעסטער אפפעריסט! איהר מיינט, אז איך זעה ניט, ווי איהר טרעט אן רעוועקא'ן אלע מאל אויף די פים אונטערען טיש?

— א דו, מערזאווקע איינע! איז רעוועקא אויף איהר אנגעפאלען — דו האסט שוין אנגעהויבען דיינע אלטע שטיק?.. און רעוועקא האט איהר א ווארף געטהון די קארטען אין פנים אריין און איז ארויס פונ'ם טיש.

— דו ביזט אליין א מערזאווקע! האט איהר סאני געענטפערט מיט כעס און דיין פראנט האט פארשארלאטאניעט אין גאנצען זיין ירושה אין פעטערסבורג אויף גוטע זאכען...

—הא?! וואס ??! איך ????!! איך ???!!! איך ????!! טשעסנאיע סלאווא !!!!

— לאז זיין שטיל!

— וואס זאגסט דו אויף דער קאטאסטראפע, אויף אזא טראגעדיע? האט מארקוס געזאגט צו זיך אליין.

— ששששששא! דער בעל הבית האט בעפוילען עס זאל זיין שוין שטיל! האט פרויקע געזאגט אריינגעלאפען א דערשראקענער.

ווי דער כֹּחַ פון עלעקטעדי האָבּן דאָ פּרויעקטן פֿערטער גע־ווירקט, און חֶבְרָה האָט זיך ערשט דערמאָנט אַז ניט איצט איז די צייט אין קאָרטן שפּילען — און יעדער איז זיך צענאַנגען אַנגעבלאָזן, מיט אַיין אַראָפּגעלאָזטער נאָז, צו זיך אין זיין רוה אַריין, אָהן ווערטער, אַפילו אָהן אַ „גוטע נאַכט", שטיל אויף די שפּיץ־פינגער...

* * *

ליגענדיג אין בעט האָט חַיִּים אַ פרעג געטהון זיין סאָני'ן „וואָס הייסט דאָס?" — און סאָני האָט זיך געשוואָרען ביי איהרע קינדער, אַז זי ווייסט ניט „פון קיין פּוֹתֵר און פון קיין חָלוֹם", און וועט געהן שווערען ביי סֵפֶר־תּוֹרָה, אַז זי האָט אַליין געזעהען: ווי אָסיפ האָט אונטער גערוקט עטליכע מאָל זיינע קאָרטן רעוועקא'ן, און ווי רע־וועקא האָט געווינקען אויף מאַרקוס'ן... מעגסט זיך טאַקי איבערנעמען, חַיִּים, מיט דיין מִשְׁפָּחָה! ביי מיין טאַטען וואָלט אויך אַזוי געווען, אַיאָ, חַיִּים? חאָטש דיין שוועסטער איז אַ טאָכטער, ניט קיין זוהן, וועט זי נעמען מעהר ווי דו! איך האָב פאַרשפּיעלט צוויי און צוואַנציג קערבּ־לעך און רעוועקא האָט זיי אָפּגעוואונען און יְרוּשָׁה וועט זי אויך נעמען מעהר פון אונז, חאָטש זי איז אַ טאָכטער און דו ביסט אַ זוהן!.. רעוועקא האָט תָּמִיד געקאָנט מאַכען דעם שוועהר חֲנִיפָה'לעך מיט חֵנ'דלעך, דערפאַר וועט זי זיין אַ גרעסערע יוֹרֵשׁ פון דיר, דאָס זאָג איך דיר פריהער, חַיִּים; דו מעגסט זיין אויף מיר ברוגז וויפיעל דו ווילסט!..

* * *

— וויפיעל האָסט דו געווינען, רעוועקא? האָט אָסיפ אַ פרעג געטהון אַרום געהענדיג איבער'ן צימער האַלב אויסגעטהון און נאָך אַלץ שטאַרקער פאַרפּלאָנטט.

— דו דאַרפסט דאָס טאַקי נייטיג וויסען, אָסיפ? האָט איהם רעוועקא געענטפערט און האָט זיך גענומען איבערציילען איהר קאַ־פּיטאַל פערציג, פופציג, זעכציג, זיבעציג פינף, אַכציג, דריי און אַכציג, זעקס און אַכציג, זיבען און אַכציג, נייַנציג, צוויי און נייַנציג מיט פערציג קאָפּיקעס... צוויי און נייַנציג רוּבּל מיט פערציג קאָפּיקעס..

אָסִיפּ! גִיבּ נָאר אַהֶער מַיין שְׁקַאטוּלְקֶע! — אָסִיפּ הָאט אִיהר צוּ גֶע־טְרָאגֶען דִי שְׁקַאטוּלְקֶע אוּנ רֶעוֶועקָא הָאט אַהִין אַריינְגֶעלֵייגְט אִיהר בִּיסֶעל אָרֶעמְקֵייט, הָאט פַארְשְׁלָאסֶען אוּנ גֶעגֶעבֶּען אָסִיפֶּען צוּרִיק דָאס קֶעסְטֶעלֶע, עֶר זָאל דָאס אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען. מִיט גְרוֹיס קִנְאָה הָאט גֶעבִּיךְ אָסִיפּ גֶעקוּקְט אוֹיף רֶעוֶועקָא'ס קֶעסְטֶעלֶע!

— עֶס וָואלְט שׁוֹין, כְּ'לֶעבֶּען, אַ יוֹשֶׁר גֶעוֶוען, רֶעוֶועקֶע, אַז דַיין „אַלְטֶער" זָאל...

— וָואס מַאכְט עֶר דִיר ־קַאלְיֶע, אַז עֶר לֶעבְּט, אָסִיפּ?

— אִיךְ מֵיין פוּן דַיין טוֹבָה וֶועגֶען, רֶעוֶועקָא! טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוָוא...

— אִיךְ בֶּעט דִיךְ, זָאלְסְט נִיט זָארְגֶען פַאר מִיר, אָסִיפּ!

— הֶמ...

— וִוי אַזוֹי וַוייזְט „עֶר" דִיר אוֹיס, אָסִיפּ?

— שְׁלֶעכְט, זֶעהר שְׁלֶעכְט, רֶעוֶועקָא, הַיינְט, מָארְגֶען... טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוָוא!

— נוּ, נוּ! בַּיים זִיךְ אָפּ דִי צוּנְג!

— הֶמ...

— וָואס זָאגְט דֶער דָאקְטָאר, אָסִיפּ?

— עֶר זָאגְט, אַז „עֶר" דַארְף שְׁרַייבֶּען אַ צַוָאָה, מַחֲמַת...

— דֶער דָאקְטָאר אִיז אַזַא שׁוֹטֶה וִוי דוּ!

— הֶמ...

— אִיךְ מֵיין, אַז בַּיי אִיהם לִיגְט עֶרְגֶעץ אַ גְרֵייטֶע צַוָאָה; וִוי מֵיינְסְט דוּ אָסִיפּ?

— לָאז אִיךְ דִיר דֶערְצֶעהלֶען, רֶעוֶועקָא; נָאר דוּ וֶועסְט דָאךְ מִיר אוֹיף קֵיין שְׁבוּעָה נִיט גְלוֹיבֶּען, — שְׁוֶועהר אִיךְ דִיר, אַז וֶוען נִיט, זָאל אִיךְ אַ מִיתָה מְשׁוּנָה אַיינְנֶעמֶען דָא אוֹיפְ'ן אָרְט, אִיךְ זָאל נִיט דֶערְלֶעבֶּען אוֹיף שְׁטֵיהְן, טְשֶׁעסְטְנָאיֶע סְלָאוָוא!...

— אַ? דוּ שְׁוֶוערְסְט זִיךְ שׁוֹין? אִיז דָאס גֶעוִויס אַ לִיגֶען! גֶענוּג, גֶענוּג אָסִיפּ! . . . .

* * *

א גוטע נאכט! מיר האבען באלייגט אלע אונזערע העלדען, וואס דארפען אצונד רוהען אונ געניסען דעם זיסען שלאף נאך אלע נארישקייטען מיט די שמות'עריי פונ'ם גאנצען טאג. איך מיין, אז עס דארף זיין א גרעניץ פאר דעם ראמאניסט אויך, ביז וואנען איהם איז ערלויבט נאכצוגעהן מיט'ן לעזער פיס־טריט נאך זיינע העלדען. פון אונזער זייט איז דאס אליין שוין אויך ניט אזוי שען אונ אידעל, וואס מיר האבען זיך ערלויבט אונטערהערען, וואס אונזערע פיינע העלדען שמועסען צווישען זיך פאר'ן שלאף. ארויסגעהענדיג פון ר' סענדער'ס הויז האבען מיר דאס רעכט ביי זיך אונ צווישען זיך רעדען, שמועסען, בעדויערען אונ חוזק מאכען פון אלע, מיט וועלכע מיר האבען זיך דא בעקאנט — קיינער קאן אונז נישט שטערען: דערויף בין איך א שרייבער, אונ איהר מיין ליעבער פריינד, א לעזער, אז מיר זאלען רעדען פון "יענעם" — אונ "יענער" לאז רעדען פון אונז, וואס ער וויל אונ וויפיעל ער וויל... א גוטע נאכט!

דאס ניינטע קאפיטעל.

אט דא הויבט זיך אן די רעכטע שפיעל, וואו די אקטיארען קענען באווייזען אין גאנצען זייער קונסט.

עס מאכט מיר פערגניגען, וואס איך האב דאס געלעגענהייט אנצוהויבען דאס דאזיגע קאפיטעל, ווי איין עכטער ראמאניסט, אונ פארשטעלען מיין ליעבען לעזער אויך הארצרייסענדער סצענעס מיט ריהרענדע בילדער, גלייך מיט אלע מיינע חברים די ראמאניסטען, וואס האבען שוין לאנג קונה־שם געווען אונ וואס איך קאן זיך צו זיי בשום אופן נישט גלייכען, דען זייער קליין פינגעריל איז גרעבער פון מיינע לענדען, אונ אז איך זאל אפילו לעבען נאך הונדערט יאהר, וואלט איך אויך נישט געקאנט אנשרייבען אזוי פיל שענע ראמאנען, מיט וועלכע אונזער ניי־זשארגאנישע ליטעראטור האט זיך נישט וואס צו שעמען אקעגען אנדערע ליטעראטורען, אונ איך פערהאף אויף דעם וואס לעבט אייביג, אז עס וועט אי"ה קומען א

צייט, וואס מע וועט די דאזיגע שיינע זשארגאנישע ראמאנען, אנגריזען גאנצע וואגאנעס און מע וועט זיי עקספעדירען וייט ווייט, און איך האב מורא, אז דער וואס וועט זיי אוועקהאנדלען, וועט געווים פארדינען א גוזמא געלד אינ'ם דאזיגען „פאפיער־מסחר"...

איך שטעל מיר פאר די טרויריגע לאגע פון די דאזיגע ראמאניסטען (אויב זיי וועלען דאס דערלעבען), מיט זייערע אויסגעצויגענע פנימער אז זיי וועלען דערזעהען, ווי אזוי זייערע אינטערעסאנטע ווערק ווערען געפאקעוועט אין זעק און אין טיוקעס, ווי אזוי א באסיאק חאפט א גאנצען טיוק מיט „העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען פון 4 טהייל מיט איין עפילאג און מיט א שיר" און טהוט איהם א שלייער אין וואגאן אריין! אוועק אוועק אט די אלע בלאנדע העלדען, די שרעקליכע מערדערס, די יודישע גראפען מיט די באראנען, די ווילדע מיליאנערען, די אומגעלומפערטע יודישע פראצענטניקעס, וואס זענען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען און אנגעצויגען אויף הויכע דרוקעס אין דער ווילדער פאנטאזיע פון די דאזיגע בעהעלפער וואס האבען זיך א נאמען געגעבען שרייבער, פערפאסערס, ראמאניסטען!...

גאר אזוי ווי ביז דעמאלט דארף נאך אוועקגעהן א היבשע צייט, ביז וואנען דאס יודישע פובליקום וועט זיך ארומקוקען, אז מע האט זיי געהאדעוועט א לאנגע צייט מיט שמאטעס, געגעבען קייען שטרוי, פשוט ווי בהמות, און די בעהעלפערס וועלען זיך נעמען צו זייער אלטער מלאכה און וועלען אויפהערען צו פאטשקען דיין פאפיער, ביז אט די דאזיגע גליקליכע צייט וועט קומען, וועלען מיר זיך אויך פרייען חאטש אויף א מינוט נעמען זיך אויף דעם דאזיגען שנית און געבען די לעזער א ראמאנטישע סצענע, ווי א סורפריז ווי א פרעמיע צו דעם דאזיגען ווערק.

בכן, איז געווען איין אויסגעצייכענטע, א זעלטענע זומער־נאכט: אויפ'ן הימעל איז ארום געשוואומען די שיינע לבנה (וואס אלע פארליבטע זענען זעהר גערען), און האט מיט איהר בלאס געזיכט אראבגעקוקט אויף דער ערד צו זיין איין עדות אויף די אלע

נידעריגקייטען וואס ווערען אפגעטהון צווישען די זינדיגע מענשען. די שטערען זענען געווען ווי בריליאנטען אויסגעשאטען אויף דעם ריינעם בלויען הימעל און א שרעקליך שטילשווייגעניש האט געטהון הערשען אויף דער ערד, גלייך ווי די גאנצע נאטור מיט אלע איהרע בעשעפעניסען זענען איינגעשלאפען געווארען מיט א זיסען, א שרעקליכען שלאף, גלייך ווי אלעס איז אויסגעשטארבען אויף דער ערד. מען האט נישט געהערט קיין קול פון קיין מענשען, קיין געזאנג פון קיין פייגעל, קיין בילען פון קיין הונט, קיין שאראך פון קיין גרעזעלע, קיין בעוועגונג פון קיין צווייגעלע, אלעס איז געשלאפען מיט'ן טהייערען, מיט'ן זיסען שלאף אין דער שיענער שטאדט N. וואו עס קומט פאר אונזער פיינע געשיכטע.

און איך, דער פערפאסער פון'ם דאזיגען בוך, גאר איך אליין בין געווען דער איינציגער מענש אין דער גאנצער שטאדט, וואס האט געוואכט די דאזיגע שיענע זומער־נאכט; איך האב מיר גע־שפאצירט איינער אליין איבער אלע גאסען פארטיעפט אין געדאנקען און געזוכט מאטעריאל צום שרייבען, און וויפיעל איך האב ניט גע־טראכט און געקלעהרט, האב איך גאר נישט געקאנט אויסקלעהרען אזעלכעס, וואס זאל טויגען אין א ראמאן אריין, ביז גאט האט רחמנות געהאט אויף א יונגען שרייבער און מיינע אויגען האבען דערזעהען עפיס א רעדעל פון שווארצע פיגורען... די פיגורען זענען צוגעגאנגען אלע מאל נאהענטער צו מיר, און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך זעה מתים, איינגעטהון אין שווארצע קליידער; די מתים האבען עפיס ווי געריעדט צווישען זיך, געטענה'ט און געקריגט; זיי זענען גע־שטאנען ארום א מטה, און איך וואלט געקאנט שווערען, אז זיי האבען געהאלטען א מין זאך, ווי א פלעשעל, א בוטעלקע, וואס יעדער בעזונדער האט זי אנגעבויגען צו זיך אין מויל אריין און איבערגעגעבען דעם צווייטען, דער צווייטער דעם דריטען א. ז. וו... א פראסט איז איבערגעגאנגען איבער מיין לייב און די האר האבען מיר זיך געשטעלט קאפויר... איך האב געוואלט זיך לאזען לויפען,

האָבּען מיך די פּיס ניט געפּאָלגט... עד היום הזה קאָן איך עס ניט פערשטעהן, ווי אַזוי איך בּין ניט געשטאָרבּען פאַר שרעק, פאַר פּחד! נאָר שטעלט אייך פאָר מיין איבּערראַשונג, אַז די דאָזיגע מתים מיט דער מטה זענען צוגעגאַנגען נאָהענט צו מיר און איך האָבּ זיי דערקענט!

— אַ גוטען אָבענד! דאָס זענט איהר, חברה שמשים? חברה מקברים?

גוט יאָהר! יאָ, דאָס זענען מיר, מיר

— פון וואַנען? וואוהין?

— פונ'ם בית הקברות צו ר' סענדער דעם גביר... זלמן! וואו זענען די „כלים"? בּיי לוי מרדכ'ן? שטעלט אַנידער די מטה און גיט אַהער דאָס פלעשעל, וועלען מיר געמען צו־קאַפּעטשקעליך.

— ר' רפאל! וואָס רעדט איהר? ר' סענדער איז געשטאָרבּען?

— יאָ געשטאָרבּען ניט געשטאָרבּען; ס'איז נישט אונזער עסק: מען האָט געשיקט רופען, געהען מיר; מסתּמא ניט פאַר וואָלטאָג, פערשטעהט זיך? ווען קומט מען אָן צו רפאל דעם אויבּער־שמש? אַז מען געהט אויף יענער וועלט... מיכאל, האָסט דאָבט זיך אַ שמעק טאַבּעק?

— אַזוי? הייסט דאָס איז ר' סענדער אויך אָבּגעשטאָרבּען, ר' רפאל? איין עבירה חלעבּען.

— איין עבירה? וואָס איז? געהאַט אַ גראָבּען בּויך? לאָזען זיך די ווערעם פרייען... אויסבעהאַלטען פונ'ם טויט איז אַבּיסעל שווערליך, און אויפ'ן „בית עולם" איז דאָ אָרט גענוג, טאַטע מיינער!... חברה, נו, גענוג אייך שוין צו חלעפּטשען, לאָזט איין אָרט אויף שפּעטער; סענדעריכע איז אַ גאַנץ וואוילע יודינע און איין עמער „שפּירעט" וועט מסתּמא זיין, האַ? מיר זאָלען איהם חאָטש קאָנען בּיז טאָג מאַכען זיין רעכט... ווי מיינט איהר שוין שפּעט?

— זייגער צוועלף, ר' רפאל.

— האַ? צוועלף? קינדער! קינדער! די נאַכט שטעהט ניט הײַדאַ!

די פּלוצלינגע בשורה פון סענדער'ס טויט האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז איך האָב זיך געלאָזט געהן מיט דער חברה שמשים, נישט געפרעגט זיך, וואוהין און צוליעב וואָס. אַז סענדער האָט געלעבט איז ער מיר ווייניג וואָס אָבגעגאַנגען, און אַז איך האָב דערהערט, אַז ער איז געשטאָרבען, האָט דאָס מיך עפּיס ווי אַ ציט געטהון, אַ ריס אין האַרצען: וואָס פרעגט איהר? אַ מענש לעבט, עסט, געהט אַרום און פּלוצלים — נאַ דיר! ווי אַזוי זאָל דאָס נישט אָננעמען ביים האַרצען? ובפרט נאָך אַזאַ סענדער, וואָס... וואָס...

נאָר לאָמיר בעסער הערען, וואָס זאָגט די שטאָדט, וואָס רעדט דער עולם, אָט די אַלע רעדליך, וואָס שטעהען דאָ אַרום דעם הער בלאַנק'ס הויז, ביי דעם הער בלאַנק אין הויף, ביים הער בלאַנק אין שטוב?...

דער ערשטער אַקט.

— וואָס פאַר אַ גרויסער עולם, קיין עין הרע ניט!

— ניט אומזיסט זענען מיר יודען, רחמנים בני רחמנים.

— וואָס זשע מיינט איהר? ער האָט אַ ודאַי פאַרדיענט, אַז מע זאָל איהם אָנטהון אַ כבוד.

— וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? מיט וואָס?

— יאָ; די גרויסע טובות, וואָס די שטאָדט האָט פון איהם דאָ געהאַט? די גליקען?

— טובות ווילט איהר? וואָס פאַר טובות?

— צו אפשר אַ בעל־צדקה אַ גרויסער?

— וואָס הייסט ביי אייך, רב מאיר, אַ בעל־צדקה?

— צו גלאַט אַזוי אַ גרויסער נדבן?

— איך וויים ניט, וואָס איהר ווילט האָבען?

— און דערצו אַ גרויסער למדן מסתמא?

— יָא, אַ גָאוֹן עוֹלָם, חוּץ זַיין שָׁאדֶען...

— דֶערְפַאר אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא־שָׁמַיִם!

— יָא, אַ גְוַואלְדָאוְוֶגֶע זַאךְ!

— אַ לַמְדָ־וָויוְנִיק, חַא־חַא־חַא!

— אִיהר זֶענְט אַלֶע זֶעהר פְרוּם!

— פְרוּם זָאגְט אִיהר? אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעהֶען אוֹיךְ אָהְן הִיטְלֶען, וְוִי ר׳ סֶענְדֶערְ׳ס קִינְדֶער, הַא? וָואס זָאגְט אִיהר, ר׳ חַיִים? מַיין אֵיידֶעם רוֹיכֶערְט אוֹיךְ אַ פַּאפִּירָאס אוּם שַׁבָּת. אַיָא?

— אוּנ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער טְרָאגֶען מִסְתָּמָא אוֹיךְ דִי אֵייגֶענֶע הָאר, הַא?

— קוּמְט אַייךְ אַ דַאנְק!

— וָואס טוֹיגֶען אוּנְז אָט דִי אַלֶע שְׁטוּתֶ׳עְרַיי, אִיךְ בֶּעט אַייךְ? וָואס זָאגְט עֶפִּים אוּנְזֶער גַבָּאִי?

— אוּנְזֶער גַבָּאִי פוּן חֶבְרָה קַדִישָׁה?...

— יָא, יָא, אוּנְזֶער רֶב קַלְמָן פְּלָאקֶען?...

— אִיךְ וֵויים? אִיךְ מִישׁ מִיךְ שׁוֹין נִיט אִין קָהָלִ׳ישֶׁע זַאכֶען... לָאזֶען זַיי זִיךְ דָארְט שְׁלָאגֶען קָאפּ אִין וַואנְט!

— וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף אִיהם? עֶר מִישְׁט זִיךְ שׁוֹין נִיט אִין קָהָלִ׳ישֶׁע זַאכֶען?... גוּטֶע יָאהְרֶען? הַא?

— אִיךְ מֵיין, וָואס טוֹיג אוּנְז אָט דִי דָאזִיגֶע פּוּסְטֶע מַחֲלוֹקוֹתְ׳ן זָאגְט בֶּעסֶער, מֶע וֶועט עֶפִּים גֶעבֶּען גֶעלְד?

— וָואס הֵייסְט גֶעלְד?...

— וִויפִיעל גֶעלְד? גֶעלְד צוּ גֶעלְד אִיז נִיט גְלַייךְ!

— אִיךְ מֵיין אַ צֶעהן זֶעקְלֶעךְ...

— פַאר וָואס נִיט קֵיין צְוַואנְצִיג, אִיךְ בֶּעט אַייךְ?

— צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ? וֵועה אִיז מִיר! וָואס וֶועלֶען מִיר מְהוּן מִיט אַזַא סוּמֶע גֶעלְד?

— טְפוּ זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, אַז אָךְ אוּנ וֵועה אִיז דַיין שֵׂכֶל!.. וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף אַזַא שְׁאֵלָה פוּן אַ תָּם?...

— אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ אִיז גָאר נִיט אַזַא אַי־אַי־אַי! וָואס אִיז דָארְטְעֶן? וֶועט אָנְקוּמֶען ווִינְצִיגֶער אַבִּיסֶעל דִי יוֹרְשִׁים! אַ גְרוֹיסֶער אוּמְגְלִיק!..

— עֶר הָאט אָנְגֶעזַאמֶעלְט גֶענוּג, נִישְׁט קָשָׁה!...

— כָּשֵׁר גֶעלְד!

— מִיט פְּרֶעמְדֶע הֶענְט!

— יוּדִישׁ בְּלוּט!

— שַׁא!... וָואס אִיז דָארְט אַזַא גְוַואלְד?

— וואוּ? אִין שְׁטוּב? מֶע קֶערְהר אִיהם שוֹין „אוֹיפְהוֹיבֶּען"? נֵיין! מִיר דַאכְט אַז עֶס אִיז גֶעצֶעלְ'ס קוֹל?

— וָואסֶער גֶעצֶעלְ'ס?

— גֶעצֶעל דֶעם שְׁנַיידֶערְ'ס?

— וָואס ווִיל עֶר? דָאס אִיז אַ שַׁייגֶעץ! אוּמֶעטוּם מִישְׁט עֶר זִיךְ אַרַיין!

— אַ שְׁנַיידֶערִיל, אַ פַּאלְגֶע! אִיהר ווַייסְט דֶען נִיט?...

— אַזוֹי טַאקִי? אוּן אִיהר קָאנְט דָאס נִיט סוֹבֵל זַיין? ווִי בַּאלְד אַז נַאשְׁבְּרַאט זָאגְט אַ וָוארְט, אַזוֹי חַאפְּט אַייךְ אַוֶועק דֶער רוּחַ!... אַז גֶעצֶעל אִיז אַ שְׁנַיידֶער אִיז אַייךְ ווִינְד אוּן וֶועה? אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ שְׁנַיידֶער אוּן שֶׁעם מִיךְ כְּלַל נִישְׁט מִיט מַיין מְלָאכָה! אַבִּי נִיט קֵיין פּוֹסְטֶעפַּאסְנִיק, קֵיין בְּלוּטְזוֹיגֶער, קֵיין שַׁבְּתַי־צְבִי'נִיק! אַ רוּחַ אִין זַייעֶר טַאטֶענְס בֵּיינֶער אַרַיין, פַאר וָואס זָאל מֶען טַאקִי דָא נִישְׁט אָפְּלֶעקֶען קֵיין בֵּיינְדִיל?... אִיהר הָאט אַ סַךְ אַזֶעלְכֶע ר' סֶענְדֶערְ'ס? פַאר וָואס זָאל מֶען טַאקִי נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן שְׁנַיידֶערְ'שֶׁען שוּלְ'כִיל אוֹיךְ אַ מַטְבֵּעַ? פְּרֶעסֶערְ'ס! זוֹיפֶערְ'ס! שְׁקָצִים! הוּלְטַאיֶעס!...

— אִיהר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעזוּכְט כָּבוֹד, וָואס טוֹיג מִיר מַעֲשִׂיוֹת...

— וָואס שְׁרַייט מֶען דָארְט אַזוֹי?

— דָאס טַעֲנֶה'ט אַ טְרֶעגֶער; עֶר שְׁרַייט דְרַייסִיג טוֹיזֶענְד! דְרַייסִיג טוֹיזֶענְד אוּן גֶענוּג!

— דְרַייסִיג! פֶערְצִיג! דְרַייסִיג!

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!

— וָואס פֶּערְצִיג?

— פֶּערְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ!

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!..

— שְׁרַייט, קִינְדֶער, פֶּערְצִיג!

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!!!...

דֶער צְווייטֶער אַקְט.

— אִיךְ פְרֶעג אַייךְ אַלֵיין, ר' קַלְמָן, אִיהר זֶענְט אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד; וִוי קוּמְט דָאס, אִיהר זָאלְט אַזֶעלְכֶעס זָאגֶען?...

— וָואס זָאג אִיךְ, וָואס? אִיךְ זָאג דֶען חָלִילָה עֶפִּים? וָואס זֶענְט אִיהר מִיךְ דָא חוֹשֵׁד, ר' חַיִים? אַייֶער פָאטֶער — לָאז אִיהם גָאט גֶעבֶּען יָאהרֶען — גָאט אִיז אַ גְרוֹיסֶער קִינְצְלֶער — נָאר וֶוען חָלִילָה וְחַס, דִי שָׁעָה זָאל נִיט זַיין, עֶר מַאכְט צוּ אַיין אוֹיג, וֶועט מֶען אַייךְ צֶעטְרָאגֶען דִי שְׁטוּב אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ! אִיהר זֶעהט? מְהוּט אַ קוּק, זַייט מוֹחֵל דוּרךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער, וָואס פַאר אַיין עוֹלָם עֶס קְלוֹיבְּט זִיךְ!

— וָואס זְשֶׁע ווילְט אִיהר, ר' קַלְמָן?

— וָואס וויל אִיךְ? וָואס זָאל אִיךְ וֶועלֶען? אִיךְ וויל גָאר נִיט; פְּרָאסְטֶענֶע לָאז זַיין ווי אִיהר ווילְט; — אִיךְ בִּין אַייךְ, גְלוֹיבְּט מִיר, דֶער בֶּעסְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד, אוּנ מִיט אַייֶער פָאטֶער, אִיז אִיךְ ווייס? מִיט'ן שֶׁענְסְטֶען אוֹפֶן! מִיט אַ הַלְוָאָה, מִיט אַ גְמִילַת חֶסֶד, מִיט, מִיט אַלֶעס... אִיךְ מֵיין אַייֶער טוֹבָה דָא; אִיהר מוּזְט דָא יוֹצֵא זַיין; פָאהרְט, ווי זָאגְט מֶען, אַ קַאפִּיטַאל... דֶער עֶרְשְׁטֶער גְבִיר אִין שְׁטָאדְט... דֶער רֹאשׁ וְרִאשׁוֹן!... אוּנ לְמַאי זָאלֶען מִיר זִיךְ דָא טַאקִי נַארֶען? אַייֶער פָאטֶער אִיז אַוַדַאי גֶעוֶועןְ אַ פַיינֶער מֶענְשׁ, אַיין עֶהְרְלִיכֶער מֶענְשׁ... אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט נָאךְ, לָאז אִיהם גָאט גֶעבֶּען יָאהרֶען... אוּנ אוֹיבּ נִיט, לָאז עֶר מִיר מוֹחֵל זַיין... עֶר הָאט פָארְט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶועןְ פַאר דֶער שְׁטָאדְט!.. אִיז אַ יוֹשֵׁר, אַז אִיהר, אַ יוֹרֵשׁ, אַיין עֶלְטֶערֶער זוּהן... אַ... אַ... ווי זָאגְט מֶען...

— וָואס הָאט אִיהר צוּ אוּנְז, ר׳ קַלְמָן, גָאט אִיז מִיט אַייך? דֶער טַאטֶע אִיז טַאקִי פַארְבַּיי... עֶר אִיז דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבֶּען עֶר לֶעבְּט דָאךְ נָאךְ! עֶס אִיז דֶען נִישְׁט קֵיין שְׁפִיכַת דָמִים? אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ, ר׳ קַלְמָן? אִיהר הָאט גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר גָאט?...

— עֶ, ר׳ חַיִים, אִיהר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ מִיט מִיר אוּם גָאר אוֹיף אַיין אַנְדֶער אוֹפָן! וָוער אִיז שוּלְדִיג? אִיהר זֶענְט אַלֵיין שוּלְדִיג!... אִיהר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְוַואלְד: „יוּדֶען, רַאטֶעוֶועט!!" אִיז זִיךְ דֶער עוֹלָם בִּיסְלֶעכְוַויִים צוּנוֹיפְגֶעלָאפֶען... מֶע הֶערְט אַזַא גֶעוֵויין!... מֶע זֶעהט אַלֶע לוֹיפֶן, אַלֶע שְׁרַייֶען: „גֶעשְׁטָארְבֶּען! גֶעשְׁטָארְבֶּען!"... מֶע הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם דָאקְטָאר, זָאגְט עֶר: „שְׁלֶעכְט! שְׁלֶעכְט!"... אַייֶער מְשָׁרֵת זָאגְט: „אַיין עֶק! אַ סוֹף!" אוּנ דָא וֵויינְט מֶען, — נוּ, אִיז מֶען דָאךְ יוּדֶען, לוֹיפְט מֶען; אַייֶער פָאטֶער אִיז דָאךְ פָארְט, וִוי זָאגְט מֶען... אוּנ פְּרִיוְוט זָאגְט דֶעם עוֹלָם, אַז עֶר אִיז נָאךְ גִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, וֶועט מֶען אַייךְ דֶען גְלוֹיבֶּען? שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט!... אָן גֵיעהן דִי „חֶבְרָה נוֹשְׂאֵי הַמִטָּה", — נוּ גֵיעה, טַעֲנָה מִיט זֵיי!... שְׁקָצִים! וֶוער הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַייךְ?... שְׁכּוֹרִים? אַרוֹיס אִין אַייֶער טַאטֶענְס — מַאמֶעס — טַאטֶען אַרַיין!...

דֶער דְרִיטֶער אַקְט.

— אוֹי, אַ דוּנְנֶער הָאט מִיךְ דֶער שְׁלָאגֶען! זֶעלְדֶע! אִיהר הֶערְט אַ גֶעוֵויין? אִיהר הֶערְט וִוי דִי בַּעַל הַבָּיִת׳טֶע רֶעוֶועט?

— וִויסְט אִיז מִיר! זְלַאטְקֶע, אָט דָאס אִיז עֶר אוֹיסְגֶענַאנְגֶען אַ פָּנִים! ווִינְד אִיז מִיר! נִיטָא שׁוֹין מַיין בַּעַל הַבַּיִת!... מַלְכָּה! זְלַאטְקֶע! לוֹיפְט אַרוֹיף אוּנ טְהוּט אַ פְרֶעג בַּיי פְּרוֹיְקֶען אַ מַכָּה אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע!

— אָן לוֹיפְט פְּרוֹיְקֶע.

— וואוּ? וָואס טְרָאגְט עֶר דָאס? עֶפִּיס אַ פֶּעקֶעל?

— פְּרוֹיְקֶע סֶערְדְצֶע, וָואס הֶערְט זִיךְ דָארְט? שׁוֹין, צִי נָאכְנִיט? פְּרוֹיְקֶע! וָואס שְׁטוּמְסְט דוּ? רֶעד! שׁוֹין צִי נָאכְנִיט?...

שׁוֹין... נָאכְנִיט... גֶעפֶעהלְט דִיר אַבִּיסֶעל, וִוי זִי הָאט גֶעעֶפֶענְט אַ מוֹיל! לִיגְט אִין דֶער עֶרְד אַלֶע! וֶוערְדְט דִי כַּפָּרָה פַאר מִיר אוּנ פַאר מַיין

בלומקע'ן! א שיינע פאדיאקע! געדינט און געדינט, — זאלסט זאגען אפילו אין האנט אריין אנגעשפיגען... ווער? וואס? וועמען? איין אויבערשטע העמד, איין אלטען זשיליעט — מכת בכורות אייך אלע מיט אייער בעל הבית'טע צוזאמען! זי האט דערזעהן ביי מיר די שליסלעך, האט זי זיי ביי מיר צו גענומען... געוועזען זיבען יאהר האב איך קיין פארעם נישט גענומען וועל איך געהן היינט צו דער שאפע, געהן זאלט איהר אויף קוליעס!... הארעווע פון אייערטוועגען טאג מיט נאכט, ווי א פארקויפטער, קיין חיי שעה, — און וואס?... ברענגען זאלט איהר אויפ'ן פייער! איין אומגליק וואלט געוועזען, ווען פרויקע זאל האבען נאך א גארניטער מיט נאך א פאר שטיוועלעטען!... און א זייגער? ווער האט היינט ניט קיין זייגער? א ליאדע פארך טראגט זיך היינט ארום מיט א זייגער: נא, זעה, קוק מיך אן! און פרויקע דארף ניט; פרויקע דארף גאר ניט! פרויקע דארף גאר דיענען יעדען בעזונדער, ווי א הונט!... די שטיוועל פוץ, צום טיש דער לאנג, געגג לויף, א בריעף טראג — אפ, אהין געה, דארט שטעה — טפו זאלט איהר ווערען אלע מיט א אנאנדער!... זעלדע! די לעפעל! ניט אהער די לעפעל!

— וואסערע לעפעל? וואס טשעפעסט זיך?

— א נא, די זילבערנע לעפעל; א טוץ לעפעל! גיט נאר אהער, זייט מוחל, די זילבערנע לעפעל, זעלדע! נו, גיכער, גיכער!...

דער פיערטער אקט.

— אוי, מיין קרוין, מיין סענדער! אויף וועמען לאזט דו מיך איבער? ביי ניין און דרייסיג יאהר איין אלמנה וואו איז דאס געהערט געווארען אזעלכעס?...

— וויינט ניט, שוויגער, גאט איז א פאטער, און דער שוועהר קאן נאך לעבען בלייבען, שוויגער!

אוי, זאג עס ניט, סאנישטקע, זאג עס ניט, דו האסט איהם נישט געזעהן היינטיגע נאכט, סאניטשקע, סע איז גאר ניט דער סענדער, וואס פריהער!

— אָט װעלען מיר הערען, װאָס װעט דער דאָקטאָר זאָגען, שװיגער. דער דאָקטאָר איז דאָרט?

— אױ, װאָס קאָן איהם דער דאָקטאָר העלפען, סאָניטשקע, אַז איך בין אַזױ זינדיג בײַ גאָט און אַזױ אומגליקליך, עלענד און אומגליקליך!...

— אױ, אַזאַ ברודער, אײן און אײנציגער ברודער, װי אײן אױג אין קאָפּ! קינדערלעך. בעט גאָט, ער איז אַ גרױסער גאָט — אַ שטאַרקער גאָט, אַ גוטער גאָט, ער קאָן אַלעס, ער קאָן פון טױט אױך לעבעדיג מאַכען!... אױ, מײַן טהײַערער סענדער! געדענקסט דו, װי טײַער דײַן אײנציגע שװעסטער, דײַן דאָבּרוּש איז בײַ דיר געװען? געדענקסט דו, סענדער מײַנער, װי געטרײַה, װי גוט איך בין געװען צו דיר, אַז דיר איז, ניט הײַנט געדאַכט, די צײַט געװען ניט אין בעסטען, און איך האָב דיך, סענדער, אונטערגעהאַלטען מיט אַלעס, װי װײַט איך האָב געקאָנט, און האָסט מיר צו געזאָגט, אַז גאָט װעט דיר צו שיקען אַ שטיקעלע הצלחה, װעסט דו מיר אָפּ דאַנקען מיט׳ן גרעסטען כּבוד, און צום סוף, סענדער׳ל, האָסט דו פאַרגעסען אין דײַן אײנציגע שװעסטער דאָבּרעש, װעלכע איז דיר אפשר געטרײַהער פון אַ אַנדערען, סענדער׳ל, לאָז דיר גאָט מוחל זײַן, װי איך בין דיר מוחל, מײַן קרױװע, סענדער׳ל! מסתּמא װעלען מיך דײַנע טהײַערע קינדערלעך ניט פערלאָזען אױף דער עלטער. און עמיצער װעט זיך אפשר אַרום קוקען אױף מיר אױך, דײַן אײנציגע שװעסטער, אַ פערװיסטע אַלמנה און אַ קראַנקע, סענדער׳ל! נאָר איך האָב נאָך אַ בּטחון אױף דעם װאָס איך בין ניט װערט זײַן הײליגען נאָמען צו דערמאָנען אָט דאָ, אַז אױב איך האָב בײַ זײַן שטוהל אַ שטיקעלע זכות, װעט ער איהם נאָך צו שיקען אַ רפואה־שלמה אם ירצה השם, חאָטש אַנדערע קוקען אַרום, סענדער׳ל, אױף דײַן טױט, און איך װעל נאָך האָבען די זכיה צו רעדען מיט דיר אם ירצה השם און דאָס אַלעס דערצעהלען אין פרײדען!...

דער לעצטער אקט.

דער דאזיגער לעצטער אקט קומט פאהר אין א צוגעשלאסענעם חדר, וואוהין מיר קאנען בשום אופן נישט אריין, איך האב נאר געקאנט זעהען דורך דעם פענסטער אונזער געהערטעסטע מאדאם רעוועקא זעמעל, וועלכע איז געזעסען מיט זעהר א פערפלאמט פנים ביי א קיילעכדיגען טיש, אנגעשפארט די קאפ אויף איהר שענער ווייסער האנט אונ איהרע גראהע אויגען בלאנזען ארום פארטראכט.

נאר איין גאט ווייסט, וואס טראכט אצינד די דאזיגע פיינע פרוי... ארום איהר דרעהט זיך ארום איהר ליבליכער מאן, דער גע־ריהמטער אסיפ זעמעל מיט די הענט אין די קעשענים, קוועטשענדיג די סקריפענדיגע שטיוועל, ער וויל צו געהן צו רעוועקען אונ וויל איהר עפיס זאגען, נאר, ווי עס ווייזט אויס, קאן ער ניט...

וואו איז אונזער מארקוס, דער יונגסטער פון אלע יורשים?... סע קאן זיין, אז ער איז דער איינציגער, וואס זיצט אצינד איבער'ן פאטער'ס קאפ; סע קאן זעהר געמאהלט זיין, אז מארקוס איז דער איינציגער, וואס האט אין דער מינוט לחלוטין פארגעסען אן זיך אונ טרעט נישט אפ פונ'ם קראנקען פאטער, וואס איז פארביי, אלעס קאן זיין אויף דער וועלט, אונ מיר זענען נישט מחויב אריין־קריכען יעדען בע־זונדער אין הארצען אריין; גיט אהער אייער האנט, לעזער, אונ לאמיר אוועק־געהן פון דעם דאזיגען הויז אין דער דאזיגער נאכט, מחמת קיין פארגעניגען, ווי איהר זעהט ארויס, קאנען מיר דא היינטיגע נאכט נישט געניסען... לאז גאט געבען פרעהליכערע, אונ מעהר איינגענע־מענע סצענעס אין אונזער לעבען...

דאס צעהענטע קאפיטעל.

וואו אונזער געשיכטע באקומט נאר איין אנדער פנים.

שווארצע וואלקענס האבען זיך אנגערוקט אויף סענדער בלאנק'ס הויז אונ א פינסטערע א שרעקליך פינסטערע נאכט האט זיך דא אויסגעצויגען: א גאט'ס שטראף האט זיך אויסגעגאסען אויף

סְעֶנְדֶערְ'ס קָאפּ מִיט זַיין גַאנְץ הוֹיזְגֶעזִינְד; נָאר... לְמַאי זָאלֶען מִיר זִיךְ נַארֶען? אִיהר הָאט שׁוֹין גֶעוִוים גֶעלֵייֶענְט גֶענוּג רָאמַאנֶען אוּנ זֶענְט שׁוֹין מִסְתָמָא גוּט בֶּאַקַאנְט מִיט דִי זוּלְגֶע אָנְשְׁטֶעלֶען, מִיט דִי קוּנְצֶען פוּן דֶעם רָאמַאנִיסְט, וָואס פִיהרְט אַייךְ אוּנ פִיהרְט אַייךְ אוּנ אִיהר מֵיינְט, אַז אִיהר זֶענְט שׁוֹין מִיט אִיהם אִין גַאנְצֶען פַארְטִיג; צוּם סוֹף — סְטָאפּ! — אַייֶערֶע נֶערְוֶוען זֶענֶען שְׁטַארְק אָנְגֶעצוֹיגֶען אוּנ בִּיזְ'ן סוֹף גֶעפִינְט אִיהר זִיךְ אִין אֵיין צִיטֶערְנֶעשׁ, אִין אֵיינֶע פְּחָדִים. נֵיין, רַבּוֹתַי! אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶער רָאמַאנִיסְט, אִיךְ קָאן נִיט אָט דִי מְלָאכָה אוּנ סוֹדוֹת הָאבּ אִיךְ פַיינְט: אוּנְזֶער פִיל־גֶעלִיבְּטֶער הֶעלְד סֶענְדֶער אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, הֲגַם אִיךְ וָואלְט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען גַאנְץ לַייכְט, אַז עֶר זָאל יָא שְׁטַארְבֶּען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטַארְבֶּען פִיל הֶעלְדֶען בַּיים פֶּערְפַאסֶער אוּנְטֶער דֶער הַאנְט אוּנ וֶוערֶען בַּיי אִיהם דֶערְטְרוּנְקֶען אִין אֵיין מְרָאפֶּען טִינְט; נָאר, אִיךְ פְרֶעג אַייךְ, אִיז דָאס אַ קוּנְץ אַ גְרוֹיסֶער — אַזוֹי זִיךְ בַּאגֶעהְן מִיט אַ פְרֶעמְד לֶעבֶּען? מֶען דַארְף הָאבֶּען יוֹשֶׁר, מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד, אוּנ מֶען דַארְף בַּארֶעכֶענֶען יֶענֶעם אוֹיךְ. סֶענְדֶער בְּלַאנְק הָאט טַאקֶע גֶעשְׁרִיבֶּען אַ צַוָואָה, גֶעזָאגְט וִוידוּי, זִיךְ פַּיין גֶעזֶעגֶענְט מִיט דֶער פַאמִילְיֶע, נָאר שְׁטַארְבֶּען הָאט עֶר פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעוָואלְט, וִוי אִיךְ נִיט אַייךְ ווִילֶען שְׁטַארְבֶּען.

— נוּ? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט? וֶוער אִיז גֶערֶעכְט? הָאבּ אִיךְ אַייךְ דֶען נִיט גֶעזָאגְט, אַז עֶס מוּז קוּמֶען אַ קְרִיזִיס: אָט קָאעֶנַאר אָט נִיהִיל — אַהִין אָדֶער אַהֶער, דַאנְקֶען אוּנ־לוֹיבֶּען גָאט, וָואס אַהֶער!

אַזוֹי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְזֶער גֶעטְרַייהֶער, דָאקְטָאר קְלוּגֶער מִיט אַזַא רוּהֶענְדֶער שְׁטִימֶע, אַז דִי מוּמֶע דָאבְּרֶעשׁ הָאט זִיךְ צֶעוֵויינְט, וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, אוּנ הַאלְטֶענְדִיג דִי הֶענְט אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, הָאט זִי צֶעשְׁטוּפְּט דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט צוּם חוֹלֶה אִין קַאבִּינֶעט אַרַיין.

— אוֹי, לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ; צוּ אִיהם! אִיךְ וִויל אִיהם זֶעהֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען! אִיךְ וִויל זִיךְ אִיהם אָנְקוּקֶען! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ!

ביי די דאזיגע ווערטער האבען זיך אלע אונזערע בעקאנטע פרויען איבערגעקוקט צווישען זיך; אונזער געליבטער סאטיריק אסיפ זעמעל האט אזוי אנגעטראטען מארקוסען אויף דער פוס, אז יענער האט אזש אויסגעשריגען פאר ווייטיג...

דאס גאנצע געזינדעל האט זיך צעגויפגעקליבעי ארום דעם קראנקען סענדערען, וואס איז פון טוידט לעבעדיג געווארען — מזל טוב!

— וואס זאגט איהר אויף מיין מאן? האט די גוטע דאקטערשע געקלונגען אין אלע גאסען; וואס זאגט איהר עפיס? איא מע מעג בעטען גאט פאר אזא דאקטאר? פון טוידט לעבעדיג געמאכט—וואס זיין אפשר? וואס, איך בעט אייך? א מענש האט עפיס א ווערטה? אט לעבט ער און אט—טפו!

און די גוטע דאקטערשע שנייצט די נאז און ווישט די אויגען, און אלע גוטע ווייבער שנייצען די נעז און ווישען די אויגען . . .

. . . .

אך, ווי שען, ווי איינגענומען, ווי זיס דאס איז אנצוקוקען פון דערווייטען אזא אידיליע, ווען די גאנצע פאמיליע טאנצט ארום ארום דעם קראנקען, וואס האט איבערגעלעבט דאס שווערע קריינקהייט, איבערגעקומען, אפגעשוויצט, איבערגעטראגען דעם קריזיס, און אצינד הויבט ער אן קומען צו זיך, ביסלעכווייס ווערען א מענש, איבעראניים לעבען, לעבען צוזאמען מיט אט די אלע איבערגעבענע ליעבע, גע־טרייהע, וואס קוקען איהם אין די אויגען אריין און קאנען זיך גאר זאט ניט אנקוקען, גלייך ווי מע האט איהם ניט געזעהען שוין פון צוואנציג יאהר, גלייך ווי ער האט זיך אומגעקעהרט פון א ווייט לאנד, און יעדער לויפט איהם „מקבל פנים" זיין, און ביי יעדען אין די אויגען בעקומט ער גאר איין אנדער חן און וואס ער זאל ניט זאגען איז דאס א חכמה. אלע דרעהען זיך ארום איהם, נאר מעהר פון אלע איז דאס ווייב. מיר דאכט זיך, אז די ווייבער זענען דערויף באשאפען געווא־

רֶען. אַז זֵיי זָאלֶען וֵויינֶען, וֶוען מִיר לִיגֶען שְׁלַאף אוּנ פְרֵייהֶען זִיךְ אוּנ אַרוּם טַאנְצֶען אַרוּם אוּנְז, וֶוען מִיר הוֹיבֶּען אָן גֶעזוּנְד צוּ וֶוערֶען.

דֶער מְחַבֵּר פוּנ'ם דָאזִיגֶען כּוּךְ הָאט עֶרְגֶעץ אַ חַבֵר אוּנ זֶעהר אַ נָאהֶענְטֶען גוּטֶען פְרַיינְד, וָואס אִיז אָפְּגֶעלֶעגֶען דְרַיי וָואכֶען אוֹיף אַ הִיצִיג שְׁלַאפְקַייט, אוּנ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּמֶען צוּ זִיךְ אוּנ אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִיהם צוּ בֶּעזוּכֶען, הָאט מִיךְ בַּאגֶעגֶענְט אִין פָּארְצִימֶער זַיין וַוייבּ, זֶעהר אַ צֶערְטְלִיךְ בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ, וֶועלְכֶע אִיז אִיהם גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, טַאקֶע גָאר וִוי אַ גוּטֶע אַ גֶעטְרַייֶה וַוייבּ קָאן זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִיהר מַאן, אַ יָאהר דְרַיי נָאךְ דֶעו' חֲתוּנָה.

— נוּ, וָואס מַאכְט עֶר, דֶער פַיינֶער מֶענְשׁ?

— אֶ, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען אָט עֶרְשְׁט דְרַיי לֶעפֶעל זוּפּ, דְרַיי גַאנְצֶע לֶעפֶעל זוּפּ!... אוּנ דָאס יוּנְגֶע וַוייבֶּעלֶע הָאט זִיךְ בַּאגָאסֶען מִיט טְרֶעהרֶען.

— אִיךְ פַארְשְׁטֶעה נִיט, וָואס אִיז דָא פַארַאן צוּ וֵויינֶען, אַז אַ מֶענְשׁ טְרוּנְקְט אוֹיס דְרַיי לֶעפֶעל זוּפּ? אִיךְ בִּין אַייךְ מַבְטִיחַ, אַז שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע טֶעג, וֶועט עֶר קָאנֶען אוֹיסְטְרִינְקֶען אַ סַךְ מֶעהר פוּן דְרַיי לֶעפֶעל נִיט נָאר זוּפּ, אַפִּילוּ בָּאשְׁטְשׁ אוּנ נָאךְ בֶּעסֶערְס פוּן בָּארְשְׁטְשׁ!

— אָ, וָואס וֵוייסְט אִיהר? וָואס וֵוייסְט אִיהר? פְרִיהֶער מִיט דְרַיי טָאג הָאט עֶר מִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט בִּמְעַט גָאר נִישְׁט דֶערְקֶענְט!... אוּנ רֶעדֶען? וָואס וֵוייסְט אִיהר? וָואס וֵוייסְט אִיהר?...

— פֶע, חָלֶעבֶּען, אַ חֶרְפָּה אַ בּוּשָׁה אַייךְ צוּ וֵויינֶען אַ צוּנְד! פְרֵייהֶען דַארְפְט אִיהר זִיךְ; פְרֵייהֶען, לַאכֶען, זִינְגֶען. טַאנְצֶען, נִיט וֵויינֶען!

— וָואס אִיז, אִיךְ וֵויין דֶען? הָאט מִיךְ דָאס דָאזִיגֶע נַארִישֶׁע וַוייבֶּעל גֶעפְרֶעגְט — אוּנ טְרֶעהרֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעגָאסֶען פוּן אִיהרֶע שֵׁיינֶע אוֹיגֶען, וָואס אִיז אַיין עֲבֵירָה גֶעוֶוען זֵיי זָאלֶען זַיין רוֹיט אוּנ נַאס פוּן גֶעוֵויין.

— אֶי, פַּאוָואלִיעֶ! פַּאמֶעלַאךְ! הָאט זִי אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף מִיר.

אַז איך האָב מײַן חבר אַ גרינגען קוועטש געטהון בײַ דער האַנד... זעצט זיך אַט דאָ, בײַ דער זייט, אַט שטעהט אַ בײנקעל, איהר קאָנט איהם חלילה אומגעהרען אַ זעץ טהון מיט דער האַנט, אָדער מיט דער פוס...
און אַליין האָט זי זיך געשטעלט אויף די קניעס בײַ איהם צוקאָפּענ'ס און האָט אָנגעהויבען צו איהם רעדען, ווי מע רעדט צו אַ בּרעקעלע קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויגעלע און עס שפּיעלט זיך מיט די פּיטעליך:

— נו, מוציקעל? וואָס ווילסט דו? ווי אַזוי איז דיר, מוציקעל?

און „מוציקעל" איז געליגען פאַרוואָרפען די קאָפּ אַרויף און האָט זיך געפּעסטעט, געמאַכט חנ'דלעך, ווי אַ קליין קינד, און אַז איך האָב געוואָלט מיט מײַן חבר, וואָס איז אַצונד געווען אין בעסטען גע-זונד, אַביסעל שמועסען וועגען אונזערע געשעפטען, האָט דאָס דאָזיגע ווילדע ווײַבעל אַנידער געלייגט איין הענטעל אויף איהר מאַנ'ס מויל און דאָס אַנדערע הענטעל אויף מײַן מויל און האָט אונז מעהר קיין וואָרט נישט געלאָזט אויסרעדען.

דאָס אַנדערע מאָל, אַז איך בין געקומען צו מײַן חבר און האָב נאָך ניט אויסגעפייעט אַראָפּוואַרפען די קאַלאָשען פון די פיס, איז שוין זײַן ווײַבעל געלאָפען אַקעגען מיר מיט פאַרטיגע קולעקעס; איך האָב געמיינט, אַז זי וויל מיך דאָ טויטען אויפ'ן אָרט.

— וואָס איז בײַ...?

— שששששששאַ! ששאַ! שאַ! ער שלאָפט; נאָר וואָס אַנגשלאָפען געוואָרען; ששאַ!

— ער שלאָפט? לאָז ער שלאָפען געזונדערהייד! לאָז...

— שששששאַ!!! אוי, איך בעט אײַך שששאַ!...

און אויף איהר פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַזוי פיעל רחמנות מיט געבעט, אַז איך האָב געמוזט אַנטרינען ווערען פון דאַנען און ניט שטעהרען דעם זיסען שלאָף פון מײַן גליקליכען חבר, וואָס איך בין זיך מודה, איך האָב שטאַרק — שטאַרק מקנא געווען אין דער דאָזיגער מינוט!...

איינער פון די דאָזיגע געבענטשטע לײַט, וואָס אויף זייער דאַלי

אִיז אָנְגֶעצֵייכֶענְט גֶעוָוארֶען צוּ פֶערְזוּכֶען דֶעם טַעַם פוּנ'ם דָאזִיגֶען גְלִיק, אִיז גֶעוֶוען, בִּלְתִּי סָפֵק, אוּנְזֶער גֶעשֶׁעצְטֶער סֶענְדֶער בְּלַאנְק בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַיינְגַעאַנְצְטֶען גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּנ'ם בֶּעט. דֶער עֶרְשְׁטֶער, וָואס אִיז בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען אָנְצוּקוּקֶען אִיהם פְרִיהֶער פַאר אַלֶע, אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער בְּרַאוֶוער מְשָׁרֵת; מִיט צִיטֶערֶענְדֶע הֶענְט הָאט פְּרוֹיֶקע גֶענוּמֶען אַרוּיף צִיהֶען אוֹיף זַיין בַּעַל־הַבַּיִת דִי מַלְבּוּשִׁים, אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גִילְדֶענֶעם זַייגֶער מִיט דֶער שְׁוֶועהרֶער קֶעט, הָאט זִיךְ פוּן פְּרוֹיֶקע'ס הַארְץ אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט אַ שְׁוֶועהְרֶער, שְׁוֶועהרֶער זִיפְץ...

מִיט גְרוֹיס פַאַרַאד אִיז אוּנְזֶער הֶעלְד אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ מִיטָאג עֶסֶען, אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט זַיין גַאנְצֶער פַאמִילְיֶע. סֶענְדֶערְ'ס הַארְץ אִיז אַזוֹי צֶעוֵויקְט גֶעוָוארֶען, קוּקֶענְדִיג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, אַז עֶר הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ לַאכֶען, זָאגֶען וֶוערְטְלַאךְ, אוֹיסְפְּרֶעגֶען אוּנ אוֹיסְהֶערֶען יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער, אוּנ דֶערְמִיט הָאט עֶר פְרֵייהְלִיךְ גֶעמַאכְט דָאס גַאנְצֶע הוֹיז. אוּנ יֶעדֶערֶער הָאט דֶערְצֶעהלְט, וִוי אִיבֶּערַאשְׁט, דֶערְשְׁרָאקֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט עֶרְהַאלְטֶען דִי טְרָאהְרִיגֶע טֶעלֶעגְרַאמֶע, אוּנ רֶעוֶועקַא הָאט, דֶערְצֶעהלֶענְדִיג, זִיךְ אַזוֹשׁ צֶעוֵויינְט, הַאט זִי דֶער פָּאטֶער בֶּערוּהִיגְט:

— וָואס וֵויינְסְט דוּ, טָאכְטֶער? אָט אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעזוּנְד, נַארִילֶע!...

— יָא, פַּאפַּאשַׁא! הָאט אִיהם דִי גֶעטְרֵייהֶע טָאכְטֶער גֶעעֶנְטְוֶוערְט — אִיךְ דֶערְמָאהן זִיךְ אָבֶּער, אִין וָואס פַאר אַ טְרָאהְרִיגֶע לַאגֶע אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעטְרָאפֶען, וֵויינְט אִין מִיר מַיין הַארְץ... אַךְ, פַּאפַּאשַׁא!...

— וֵויין נִיט, נַארִילֶע! אַבִּי גָאט הָאט גֶעהָאלְפֶען, אִיךְ קָאן זִיצֶען גְלַייךְ מִיט אַייךְ אַלֶע בַּיים טִישׁ, עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען, וִוי אַ מֶענְשׁ, דַאנְקֶען גָאט דֶערְפַאר, נַארִילֶע!

— קֵיין עַיִן הָרָע נִיט! הָאט דִי מוּמֶע דָאבְּרוּשׁ אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט אִיהר וָוארְט.

— וֶוען קָאן אִיךְ אַייךְ זֶעהֶען נָאךְ אַ מָאל, קִינְדֶערְלֶעךְ? —

האט זיך ר' סענדער געווענדט, צו דער גאנצער פאמיליע מיט זעדר א ריהרענדער שטימע, — איהר וועט זיך אלע צופארען, יעדער אין זיין שטאדט אריין, און איך וועל ווייטער בלייבען אליין! אך, ווען איך זאל אייך אלעמען קאנען האלטען דא ארום זיך! (סענדער האט בעוויזען מיט זיינע גרויסע הענט ארום זיך, ווי א קוואטשקע מיט די פליגעל, וואס שיצען אונטער זיך א סך היהנדעלעך).

— איהר קאנט דאס דען ניט אויספיהרען? האט זיך די מאדאם סאני בלאנק איינגעשטעלט פרעגען דעם גוטען, בארמהערציגען שוועהר.

— ניין, קינדער, איך קאן דאס ניט אויספיהרען: יעדער האט זיך זיינע געננ און איטליכער לעבט זיך מיט זיין שכל, און עס איז זעהר שוועהר, אז מיר זאלען זיך אלע קאנען אויסגלייכען; גאט זאל מיר העלפען, איך זאל שוין פטיר'ן, חתונה מאכען מיין בן־זקונים, וואלט איך שוין מעהר ניט בעדארפט הארעווען און וואלט מיר גע־לעבט מיט מיין אלטעטשקער, ווי זאגט מען, דיד דא באבא; הא? וואס זאגסט דו, מרים היה'ניו?

— נו, און מיט'ן געלד וואס וועט איהר טוהן? האט זיך אסיפ ניט ווילענדיג ארויסגעחאפט און איז פארטיג געווען די רגע נעמען דאסווארט צוריק, נאר עס איז שוין געווען שפעט: סענדער איז אן געצונדען געווארען פאר כעס און האט איהם מיט א שטאך געענטפערט:

— וואס איך וועל טוהן מיט'ן געלד? איך וועל דאס געבען געווינליך, דיר, און דו וועסט שוין מסתמא מאכען דאמיט גרויסע געשעפטען פון ערד־קאהלען מיט גרויסע אמעריקאנישע פאבריקעס...

דער גאנצער עולם איז געבליבען זיצען ווי אויף גאדלען און אונזער פיינער אסיפ האט אראפ־געלאזט די נאז און האט אנגעהויבען רייבען איין פוס אין דער אנדערער; אלע האבען דערפיהלט, אז דער פון קאן ארויס זעהר א מיאוסע סצענע, און האבען, ווי מע זאגט געכאפט אויף די נעגעל; נאר איין מארקוס, וואס איז עפיס היינט געווען זעהר אויסגעלייגט און פרעהליך, האט פלוצלים אויסגעשאסען

אַזאַ שְׁטאַרְקֶען גֶעלֶעכְטֶער, אַז אַלֶע זַיינֶען פַארְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען. דֶער גֶעלֶעכְטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶעצוֹיגֶען הִיבְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מַארְקוּס הָאט זִיךְ פַארְגַאנְגֶען אוּן אִיז גֶעוָוארֶען בְּרָאן אוּן בְּלוֹי, אַזוֹי אַז אַלֶע הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אֶפְשַׁר אִיז עֶר גֶערִיהְרְט...

— עֶרְד־קאהֶלֶען!... הַא — הַא — חַא! הַא — הַא — חַא — חַא!...

הָאט מַארְקוּס קוּים אוֹיסְגֶערֶעדְט אוּן הָאט זִיךְ וַוייטֶער פַארְגַאנְגֶען אוֹיף אַ לַאנְגֶע צַייט.

— אוּן דָאס גֶעלְד פַארְטֶעכֶערֶען—זָאגְט זִיךְ סֶענְדֶער וַוייטֶער— אוּן פִירֶען נָאךְ דֶעם אַ פְּרָאצֶעס מִיט פַייפֶערְמַאנֶען?...

— פַיי... הַא—חַא—חַא! פַייפ... הִי—חִי—חִי—חוּ! פַייפֶער... חָא—חָא—חָא! פַייפֶערְמַאנֶען?... הָאט מַארְקוּס קוּים אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוּן הָאט זִיךְ פֶערְגַאנְגֶען פָּשׁוּט אוֹיף צוּ שְׁטַארְבֶּען!...

מִיר וֵוייסֶען נִיט, וָואס אִיז דָא פַארַאן וָואס צוּ לַאכֶען אוֹיף עֶרְד־קאהֶלֶען, אָדֶער אוֹיף אַ פַאמִילְיֶע פַייפֶערְמַאן? נִיט אַנְדֶערְשׁ, אַז מַארְקוּסְ'ן הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף צוּ לַאכֶען דֶער הֶער זֶעמֶעל אַלֵיין מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען אוּן פְּרָאצֶעסֶען, אוּן וַוייל דֶעם פָאטֶערְס וֶוערְטֶער הָאבֶּען דָא גֶעהַאט דֶעם גְרֶעסְטֶען עֶפֶעקְט, דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ מַארְקוּס נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּן הָאט גֶעמוּזְט אֵיין מָאל פַאר אַלֶע מָאל אַרוֹיסְלָאזֶען דָאס, וָואס הָאט אִיהם עֶטְלִיכֶע טָאג כְּסֵדֶר אַזוֹי גֶעשְׁטִיקְט. אַקֶעגֶען זֶשֶׁע אָבֶּער, פַאר דֶעם הֶער זֶעמֶעל, אִיז דָאס גֶעוֶוען דָאס גְרֶעסְטֶע בֶּעלֵיידִיגוּנְג אוּן מִיר קָאנֶען אִיהם, עַל פִּי יוֹשֶׁר, בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט שׁוּלְדִיג מַאכֶען, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאפְּט פוּנְ'ם אָרְט אוּן הָאט אָבְּגֶעשְׁטֶעקְט זַיין גֶעלִיעבְּסְטֶען שְׁוָואגֶער אַ פְּלַאם־פַייעֶרְדִיגֶע פַּאטְשׁ, אַזוֹי אַז דִי פֶענְסְטֶער הָאבֶּען אַזשׁ גֶעקְלוּנְגֶען.

דֶער דָאזִיגֶער אוּמְגֶערִיכְטֶער פַּאטְשׁ הָאט וִוי אַ דוּנֶער דֶער־שְׁלָאגֶען יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער אוּן קֵיינֶער הָאט קֵיין וָוארְט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְרֵעדֶען. סֶענְדֶער אִיז גֶעוָוארֶען מָלֵא כַּעַס וְחֵמָה אוּן דִי אוֹיגֶען זֶענֶען בַּיי אִיהם אָנְגֶעגָאסֶען גֶעוָוארֶען מִיט בְּלוּט — אוּן עֶר אִיז טַאקֶי גֶערֶעכְט גֶעוֶוען: וואו אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען אַזַא עַזּוּת,

אַז מע זאָל זיך פּאַטשען פאַר איהם אין די אויגען, ביי זיין טיש, אין זיין הויז, זיין קינד, זיין פלייש און בלוט ?!... ווי אַ צערייצטער בער, ווי אַ לייב, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון׳ם שלאָף, ווי אַ בייזער לעמפּערט איז אונזער סענדער אויפגעשטאַנען פון׳ם אָרט, האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנט אויף דער טיר און האָט אויסגעברומט אויף דער גראָבער שטימע.

— וואָן!... וואָן פון מיין טיש!... וואָן פון מיין שטוב!... אַלע וואָן!... אַלע!... איהר האָט געמיינט איך שטאַרב שוין, זענט איהר געקומען מיך ירש׳ענען ?!... וואָן!!!...

. . . .

גוואַלד. וואו נעמט מען אַזאַ פּעדער צו בעשרייבען די דאָזיגע סצענע? וואו נעמט מען אַזאַ פאַרב אויסצומאָלען דאָס דאָזיגע שענע בילד, וואו עס זיצען פערשטיינערטע מענשען מיט גלעזערנע אויגען און מיט אָפּענע מיילער און אויף זייערע פּנימ׳ער שטעהט אָנגעקריצט שרעק, ציטערניש און פערשטומונג? וואו נעמט מען אַזאַ כח אַראָב צו לאָזען זיך צום גרונד פון יעדענס האַרץ, וואָס יעדער האָט געפיהלט, וואָס יעדער האָט געטראַכט אין די דאָזיגע עטליכע שווערע מינוטען?... לאָזען זיך אונזערע לעזער אַליין פאָרשטעלען, איטליכער ווי ער קאָן, נאָך זיין השגה נאָך.

דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָב און די שפּיעל נעמט אַיין ענדע.

— אַ מאַרעראַם, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער! מרים חיה האָט זיך געקושט מיט די געסט, געזעגענט מיט די קינדער; סאָני האָט גע־וויינט; דער הערר אַסיפּ זעמעל איז אַרום געגאַנגען שטאַרק צערידערט און האָט געסקריפּעט מיט גרויס רעש; מאַרקוס האָט זיך באַהאַל־טען ביי זיך אין צימער און האָט עפּיס אַלע מאָהל אַרויס גענומען אַ קאָנווערט און האָט איהם צו געטראָגען צום מויל, צום האַרצען און

ווייטער צום מויל; די קליינע קינדער האבען צענויף געליינט זייערע קוקלעס, וואס די באבע האט זיי געקויפט; נאר איין רעוועקע איז ארום געגאנגען זעהר צערודערט און איין באק האט איר אזוי געפלאמט, אז זי האט זיך געמוזט פארשטעלען מיט'ן נאז-טיכעל; נאר מעהר פון אלעמען איז געוועזען פערגומען אונזער פילגעליבטער, געטרייהער משרת, פרויקע: ער האט דאס געבאך געהארעוועט מיט אלע זיינע כחות, לויפענדיג אויף די טרעפ — טא אראפ, טא ארויף, און האט געשלעפט פון די קעשענים לעקאך, ניס און קאנפעקטען, און האט געקנייפט זלאטקע די שווארצע און מלכה דאס מיידעל און האט זיי געזאגט:

— נו, קינדער? מארש! מארש! וואס האב איך אייך געזאגט? חא-חא-חא! מארש אין אייער רוה אריין, פון וואנען איהר זענט געקומען! און מיר, זעלדע, וועלען בלייבען פאסמאראטו אויף אונזער מיסט — טרא-לא-לא. טרא-לא-לא; טרא-לא-לא!

* * *

סענדער בלאנק האט זיך געזעגענט מיט די קינדער זעהר ליבלעך. ער האט זיך צעקישט מיט רעוועקא'ן, מיט חיים'ן מיט חיים'ס קינדער, און האט עטליכע מאהל איבערגערעדט וואס ער האט פארגעסען שענקען זיי עפים א מתנה.

— או-ווא! או-ווא! פאר וואס האט איהר מיך נעכטען, אייער נעכטען ניט דערמאהנט? או-ווא!...

נאר אז עס איז געקומען צום געשעצטען הער זעמעל, האט איהם סענדער זעהר קאלט געזאגט „פאהר געזונד" און האט איהם אויסגעצויגען דעם גראבען פינגער וואס אסיפ האט שטארק — שטארק געדריקט און האט מיט זעהר א ריהרענדער שטימע געזאגט צום שוועהר:

— איך פערהאף, אז איהר וועט אונז געוויס פערצייהען; איהר ווייסט, אז אונזער גאנצער ווילען איז... אז מיר... אז איהר... אז אייער

געזונג . . . אַז דאָס וואָס איהר זעט דאַנקען נאָט אין בעסטען געזונג...
אַז מיר אַלע... אַז... אַז... אַז...

מיט דעם לעצטען „אַז" האָט זיך דער שענער העלד זעמעל דערוואָרגען און איז געוואָרען רויט ווי פייער פאַר חרפּה, וואָס ער איז פאַרקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין!...

אָנגעצויגען, שטאַרק אָנגעצויגען איז געווען דאָס געזעגנען און דאָס אָפּרייזען פון דעם העָר פּלאַנקס קינדער. און יעדער האָט דאָס געפיהלט, און סע איז עפּיס יעדען געווען אַזוי ביטער, אַזוי שלעכט אויפ'ן האַרצען, אַזוי ליידיג אינוויינינג!... נאָר אַרוים-רעדען, אויפ-דעקען דאָס איינער פאַר דעם אַנדערען האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט... יעדער האָט זיך געהאַט „זיינע" געדאַנקען: יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך זעלבסט... נאָר די קליינע קינדער האָבען פערטרויט, איינע דער אַנדערער זייערע געפיהלען ניט זייערע גע-דאַנקען.

— זעה נאָר זעה, מאַני, וואָס פאַר אַ הויכער מויער! אַי-אַי-אַי; ביי אונז איז ניטאָ אַזאַ שטוב! אַי-אַי-אַי! וויפיל פענסטער! וויפיל קוימענס! וואָס איז דאָס? פּאַפּאַשאַ! מאַמאַשאַ! וואָס איז דאָס? ווער זיצט דאָ? וואָס פאַר אַ גראָז! וואָס פאַר בוימער!

גליקליכע קינדער! קוועלט אָן; קוועלט אָן פונ'ם גרינעם גראָז, פון די שענע בוימער, פון דער גרויסאַרטיגער רייכער נאַטור! גיך-גיך וועט איהר אפשר געוואָהר ווערען פון אַנדערע זאַכען, וואָס וועלען אייך פערשלאָגען דעם קאָפּ און איהר וועט פאַר געסען די נאַטור מיט איהרע שענע בילדער, גלייך מיט אייערע על-טערען אַצונד, וואָס זענען אויך אַמאָל געווען קינדער און האָבען אויך געקוקט אויף דעם דאָזיגען גראָז, מיט די דאָזיגע בוימער, מיט דער דאָזיגער זון מיט די זעלבע אויגען, וואָס איהר קוקט אַצונד!... גליקליכע קינדער! נעבּ גאָט אויף לאַנג, אויף לאַנג אייער גליק!...

נאָר ווי ווּיסט און פינסטער עס איז אונזערע רייזענדער געווען אויפ'ן האַרצען, אַזוי פערקעהרט ליכטיג, פריש, וואַרעם, גרין און

פֿרייליך איז געוועזען אין דרויסען!... אין די לעצטע טעג פֿונ׳ם חודש מאי איז דאס געווען, און די זון האט נאך ניט אזוי געבראטען, ווי געוואַרעמט, געלייכט, געמאַכט לעבעדיג אַלעס, אי דאס גראז, וואס אויפ׳ן פֿעלד, אי די שעפּעלעך וואס אין פֿעלד, אי די מענשען מיט די קליינע מענשעלעך, די קינדער, וואס קריכען אַרויס גאַנץ פֿריה פֿון די פֿינסטערע האַלב צוואַלגערטע שטיבעלעך, פּונקט ווי די טאַראַקאַנעס פֿון די שפּאַלטען — אַלע און אַלעס בענשען, לויבען און דאַנקען דער שיינער, וואַרעמער, ליכטיגע זון, וואס שטעהט אַצונד אין האַלבען הימעל און גיסט פֿון זיך איהר צערטליכע וואַרעמקייט אויף דעם גרויסען, ברייטען פֿעלד, וואס האט דא ניט לאַנג אַרויפֿגעצויגען אויף זיך דאס גלאַטע גרינע קלייד. ווי אַ לויטערער שפּיגעל איז ריין דער הימעל; עס שווימען אַרום ערטערווייס שיטערע שטיקער וואָלקענס, נישט אויף אַ רעגען, נאר אַזוי שווימען זיי אַזוי לאַנג ביז זיי ווערען צעקראָכען, צעגאַנגען און מען ווייסט ניט וואוהין זיי זענען אַוועק. ווייט ווייט אויפ׳ן האָריזאָנט זעהט זיך אַרוים אַ שפּיץ קלויסטער אָדער אַ גרינער דאַך פֿון אַ פּריצ׳ישען הויף, עס באַווייזט זיך אויף אַ מינוט און עס ווערט ווייטער פֿערשוואונדען, דער וועג איז אַ פּאָסט־וועג און איז גלייך ווי אויף אַ ברעט, דער שטויב איז נאך ניט אַזוי גרויס ווי אין חודש תמוז; די סטאַיפּעס פֿונ׳ם טעלעגראַף פֿליהען פֿערביי! פֿערביי! און עס שווינדעלט אין די אויגען, און מע הערט אַ געזאַנג פֿון פֿייגעלעך און מען זעהט דעם גערודער וואס עס טהוט זיך צווישען די קליינע בעשעפֿעניששען אין דער נאַטור. גוים מיט זייערע אָכסען און מיט זייערע אַקער־צייג בעגעגענט מען גאַנץ אָפֿט, איינינע פֿון זיי נעמען אַראָפּ דאס היטיל און געבען אָפּ דעם גוט מאָרגען פֿון דערווייטען.

פּלוצים, מען קוקט זיך גאר נישט אַרום, אָט איז שוין דער וואַלד! פּלוצים איז ווי פֿינסטערער געוואָרען און עס האט מיט אַמאָל אַ זעץ געטהון אַ גרינער, אַ פֿרישער אַראָמאַט אין נאָז אַריין און עס איז עפּעס ווי קיהלער געוואָרען אויפ׳ן לייב; מען הערט כמעט יעדען

קלאַפּ פון די פיס פון די פערד און פון די רעדער; ווי אַ לאַנג, שמאָל שניירעל ציהט זיך דער וואַלד; פון ביידע זייטען יונגע בעריאָזעס, ווי מיט קרייד אָבגעווייסט; קיין ווינט איז ניטאָ, און זייערע גרינע בלעטלעך געפינען זיך בערוהיגט, שטיל; צווישען דעם ים מיט בוימער לייכט זיך דורך דאָס ליכטיגקייט לויטער פונקט ווי אַ שפּיגעל; פון ווייט הערט מען אַ קול: „אַאו"! און דער ווידער־קול (עכאָ) ענטפערט אויך „אַאו"!... גאָר אַט האָט זיך שוין דער וואַלד אויך געענדיגט און מען איז אַריינגעפאָהרען אין אַ זאַמד, אַ געדעכטע טרוקען זאַמד, וואו די פערד געהען געמאָסטעגע טריט און דער וואָגען קאַטשעט זיך פּאַמעלעך, און אַמאָל האַפּט זיך אַרויס פון איין אַקס אַט ווי אַ זיפץ, אָדער אַ קרעכץ; די פערדלעך איז ניש גרינג צו שלעפּען די פיס פון'ם זאַמד, דער רייזענדער איז דערמאָלט אויפגעלייגט אָנצושפּאַרען זיך אויף אַ זייט און חאַפּען אַ דרימעל, אָדער אַזוי ליגען אויסגעצויגען און קוקען אַהין אין דער ווייטקייט און קלעהרען, טראַכטען, אָדער גאָר ניט קלעהרען. אַזוי לאַנג ביז דער בעל־עגלה טהוט אַ געשריי אויף די פערד מיט אַ פייף, און די פערד טהון פּלוצים אַ שלעפּ דעם וואָגען און הויבען אָן ווייטער לויפען ווי פריהער, ביז עס קומט צום טייך, וואָס די פערד שרעקען זיך פריהער און נאָכדעם געהען זיי טריט ביי טריט, און דאָס וואַסער זשומעט, רוישט אונטער די רעדער. און אַז מען קוקט אַראָב זעהט מען דעם אָבשיין פון דער זון, וואָס ציטערט אין וואַסער און ווינגט זיך אַהין און אַהער, גלייך ווי מען וואַרפט זי אונטער אין אַ ליילעך... נאָך דעם טייך איז נאָך אַביסעל זאַמד — און ווייטער דערזעלבער ברייטער פּאָטשטאָווע שליאַך מיט די גרינע פעלדער פון ביידע זייטען און מיט די סטויפּעס פון דעם טעלעגראַף גלייך צום וואָגזאַל, וואָס מען זעהט אַרויס פון דערווייטען.

אויפ'ן וואָגזאַל, אין הויף, האָבען אונזערע פּאַרשויגען שוין געטראָפען עטליכע דראָזשקעס מיט פאַעטאָנעס און די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַראָבלאָזען נידריגער און נידריגער. אַראָב נע־

שפרונגען פונ'ם וואגען, האט אסיפ געכאפט די דאמען אונטער די הענט, ווי איין עכטער „קאוואליער", און האט זיי אראבגעטראגען אויף דער פלאטפארמע, אויסגעשריגען אויף א קול: „נאסילשטשיק!!!", חאטש דער נאסילשטשיק (טרעגער) האט שוין גאר ניט געהאט וואס צו נעמען, מחמת חיים בלאנק האט אין זיינע ברייטע אָרעם אריינגעכאפט אלע חפצים מיט די קינדער אפילו די בולקעס מיט די בייגעל וואס האבען בעדארפט פארנעמען איין ארט כמעט ווי א פאסאזשיר; נאר אונזער געעהרטעסטער אסיפ זעמעל האט געהאט א „בריטען כאראקטער" און האט ליעב געהאט אין וועג אויסשטעלען זיך לייטיש, ווי א פיינער מ ג ז, אזוי אז אלע זאלען ארום איהם סערוויען...

אריינגעלאפען אין זאל 1-טע קלאס, האט דער הער זעמעל א געשריי געטהון זעהר בריט: „עי, טשעלאוויעק! טשאיו!" חאטש עס איז געווען צעהען מינוט צום צוג און קיין טעה האט זיך לחלוטין קיינעם ניט געגלוסט; דער הער זעמעל האט נישט געקאנט ליידען, וואס דער בופעטשיק שטעהט צונויפגעלייגט די הענט; קיין טעה האט ער אליין נישט געטרונקען, ווייל ער האט בעדארפט אוועק לויפען נאך בילעטען, און בדרך הליכה איז ער צוגעלאפען צום בופעט; האט ניך בעטראכט דורך די אשקאלירענע ברילען און אויסגעשמעקט מיט דער נאז אלע גוטע זאכען וואס אויפ'ן בופעט, האט אויסגעטרונקען (ווייטער אהן חשק) און פערביסען, זיך צעצאהלט ארענטליך; גענומען בילעטען; מיט א צווייי, דריי בעקאנטע זיך געווינטעט; שטארק געסקריפעט מיט די שטיוועל; געקוקט דורך די אשקאלירענע ברילען אויף א יונגע דאמע אזוי שטארק, אז די דאמע האט געמוזט אבטרעטען אין איין אנדער זייט, און האט זיך גענומען אריינצוועצען די דאמען, רעוועקא'ן מיט סאניען, אין וואגאן אריין אזוי געטריי, גלייך ווי ער וואלט דערפאר גענומען גאט ווייסט וואס פאר א געהאלט!..

אין צוויי מינוט ארום איז שוין קיין צוג נישט געווען; נאר א ווייסער, צעגאנגענער רויך האט זיך געקויקעלט—געקויקעלט און איז אויף פערשוואונדען ווייט ווייט אין דעם אונטערגעפארבטען הימעל,

און א שטארקער פייף מיט א טויבען גערויש האט נאך אביסעל גע־קלונגען אין די אויערען פון דעם פערשווינדענעם צוג, נאר גיך איז אלעם שטיל געווארען. דער בוסעטשיק פערמאכט שוין זיין קרעטעל; דער סטאראזש פערקלאפט שוין די טיר; די נאסילשטשיקעס מיט די זשאנדארמען צעגעהען זיך, דער אהער דער אהין; און עס ווערד אומעטיג, — פונקט ווי שבת אין א יודישער שול פרייטאג צונאכטס, נאך מעריב, אז אלע צעגעהען זיך אהיים, נאר „אהרן משה" דער שמש דרעהט זיך נאך ארום צונויפקלויבען די איבערגעלאזענע סידורים אויף די סטענדערס, און „יארעמע" דער שול־סטאראזש קריכט פארלעשען די לאמפען מיט'ן מויל און די ליכט מיט צוויי באשפיגענע פינגער און קוקט ארום אז עס זאל שוין זיין נאך וועטשערע, בכדי ער זאל שוין קאנען געהן פארלעשען די ליכט ביי עטליכע בעלי־בתים און חאפען דערפאר א טרונק בראנפען מיט א שטיקעל שבת'קאווע קולעטש...

ניטא קיין צוג, ניטא קיין פארשוינען, ניטא קיין העלדען.

אפשר וועלען מיר זיך נאך אמאל מיט זיי באגעגענען?

עס קאן זיין.

דערווייל לאמיר זיך געזעגענען.

אויף ווידערזעהן!